STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03324

VU DI OYGN TROGN

Stanislaw Wygodzki

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ס. וויגאָדזקי

ווו די אויגן טראָגן

ס. חיגאָרוקי

ווי די אויגן טראָגן

פאַרלאַג: יידיש בוך וואַרשע

1963

S. WYGODZKI

DOKĄD OCZY PONIOSĄ

Tłumaczył z polskiego: D. SFARD
איבערגעזעצט פון פויליש — ד. ס פאַרד

okładka: R. Chow
הילע — ר. כאָוו

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 4436. Nakład 2.500 egz. Druk ukończono w listopadzie 1963 r.
Ark. druk. 26.75. Ark. wyd. 22. Pap. druk. sat. III kl. 61 × 86 80 g
Druk. RSW „Prasa", Warszawa, Tarczyńska 8. L-49

ווו די אויגן טראָגן

ער איז געלעגן אויפן דנאָ פון זאמד־גרוב מיטן פנים געווענדט צום הימל. ס'האָט זיך געשטעלט א מילדער באַגינען. אין דער שטילקייט האָבן זיך דורך דער שאָטן־נעץ צווישן די סאָסנע־צווייגן געשאַרט ווייסע וואָלקנס, שפּעדיקע ווי ווילד־גראָז.

די סאָסנעס זענען געשטאַנען אויפן סאמע ראַנד פון גרוב; פון דעם שאַרף אויסגעדריוולטן ברעג, האָבן צו דער טיף ארויסגע־שטאַרטשעט מאָגערע וואָרצלען, ערטערווייז נאַקעטע, אָפּשטאַרבנ־דיקע. ער האָט זיך געוואָלט אוועקזעצן אין זייער שיטערן שאָטן. ס'האָט זיך אים געדוכט, אז ער וועט דאָ געפינען א באהעלטעניש, אָבער די זייטן פון גרוב זענען געווען באַוועגלעך. דער זיך שיטנ־דיקער זאמד האָט נישט געגעבן קיין אָנשפּאַר. ער האָט זיך יעדעס גאָר אַראָפּגעגליטשט, שאַפנדיק אויף דעם זאַמדיקן שפּוּר דורך דעם כסדרדיקן אַראָפּרוקן זיך פון קערפּער א פלאַכע פאַרטיפונג. ער איז ווידער צוגעקראָכן צום ראַנד. פּאַרטשעפּנדיק זיך אויף א ווייל אין א בויגעוודיקן וואָרצל פון זשאַווער־קאָליר, האָט ער אומזיסט געזוכט מיט די פּיאַטעס אן אָנשפּאַר אין זאמד, וועל־כער האָט זיך געהאַלטן אין איין אראָפּשיטן אין דער טיף. ער האָט זיך אָנגעהאַלטן מיט איין האַנט, אין דער צווייטער האָט ער געהאַלטן א פּעקל און מיטן אָרעם האָט ער צוגעדריקט צום קער־פּער א פוטער. דער לעצטער האָט אים צום מערסטן געשטערט.

„דאָס איז א משוגעת — האָט ער א טראַכט געטאָן — צו וואָס טויג מיר דער פוטער?“ דאָך האָט ער דעם דאָזיקן שלעכט פּאַרוויקלטן קנויל, וועלכער איז זיך אומאויפהערלעך צעפאַלן, נישט אוועקגעוואָרפן. יעדע רגע זענען פון אים ארויסגעקראָכן די אַרבל, אָדער די פּאָלעס, וועלכע האָבן געהאַמעוועט די באַוועגונג פון זיינע פיס. ער איז אַלעמאָל ארויפגעטראָטן אויפן געוואַנט,

געמוזט צוריקציען דעם טראָט און דאַן אָנגעטראָפן אויף דעם זיך שיטנדיקן און צעפאַלנדיקן זאַמד. ליגנדיק אויפן רוקן, האָט ער זיך פאַמעלעך צוריק אַראָפּגעשארט. ער האָט זיך ווידער גע־פונען פון אונטן, אויפן סאַמע דנאָ פון א צעגליטער מולטער, און שווער געאָטעמט.

„ס'איז אויגוסט — האָט ער געטראַכט — צו וואָס דאַרף איך דעם פוטער?“ ער איז געלעגן לעבן אים — א שוואַרצער, פאַר־שטויבטער, משונהדיקער און נישט נויטיקער. דער טאָג איז אויפ־געגאַנגען א לויטערער, א הייסער. די סאָסנעס זענען געשטאַנען אומבאַוועגלעך אויפן ראַנד פון ברעג, די שפּיצן פאַרשטאָכן אין רויקן הימל.

ער האָט זיך איינגעהאָרכט. קיין שום קולות זענען צו אים דאָ נישט דערגאַנגען. עס איז געווען אזוי שטיל, אז ער האָט גע־הערט דעם שאָרך פון שיטנדיקן זיך זאַמד, וועלכער האָט זיך אַראָפּ־געשארט מיט א דין שטראָמעלע. דאָס שטראָמעלע איז געווען א טרוקנס, א הייס, ס'איז געגאַנגען דערפון א דושנער, ברענענדי־קער שטויב. דערנאָך איז אויך דער שאָרך אַנטשוויגן. ער איז גע־ליגן אין א צושטאַנד פון דערוואַרטונג. ער האָט ווידער אָנגעהויבן פאָרזיכטיק זיך ארויפצודראַפּען, מיט א געהאַמעוועטער שנעל־קייט, ווי ער זאָל וועלן מיט דעם בלאָנדזשענדיקן בליק פון איין אָרט אויפן צווייטן אָפּנאַרן די באַוועגלעכקייט פון דער שפּועדיקער וואַנט.

אין א ווײַלע ארום האָט ער זיך ווידער א וואָרף געטאָן אויף דער וואַנט מיט א ראַשן שפּרונג, נאָר זי האָט אים אָפּגעשטויסן: ער האָט זיך צוריקגעגליטשט שטייענדיק אומבאַוועגלעך, א באַלאָ־דענער מיטן פעקל און מיטן פוטער. ער האָט קוים ארויסגעצויגן די זינקנדיקע פיס פון ווייסן שטויב, וועלכער איז פּלוצעם געוואָרן אזוי געפּאַקט, אז ער איז אימשטאַנד געווען אים אומצושליידערן.

לינקס, אויף א מרחק פון עטלעכע מעטער, האָט זיך געשלענגלט אַן אויסגעבויגן וועגעלע — עס האָט געפירט צום אויסגע־דרייוולטן ראַנד אין דער הייך. ער האָט פון גרוב נישט געוואָלט אַרויסגיין, ער האָט געמוזט דאָ בלײַבן. אַ פּאַרמאַטערטער פון אָנ־שטרענגונג איז ער געלעגן צופוסנס פון שפּוע, אַ באַמעריקבאַרער,

נישט פאַרשטעלטער און איינגענורעטער אין זאמד, וועלכער האָט זיך געהאַט אויסגעקילט ביינאַכט, ווען ער איז דאָ געקומען, און איצט ווידער פאַמעלעך זיך אָנגעהיצט. „אפשר וועט דאָ קיינער נישט אַריינקוקן — האָט ער געטראַכט. — אין וועל דאָ צוואַרטן ביז אין אָוונט, דאַן וועל איך ווייטער גיין“.

ער איז פאַרזונקען אין אַ קורצן דרימל, אויפגעוועקט זיך און ווידער פעסטגעשטעלט, אַז ס'האָט זיך גאַרנישט געענדערט: דער אָפענער און ווייטער הימל איז פול געווען מיט אומרואיקער דער־וואַרטונג. ער האָט באַטראַכט די קופּקעלעך גראָז האַרט נעבן די סאָסנעס: זיי זענען געווען פון זעלבן זשאַווערדיקן קאָליר ווי די וואָרצלען. ער האָט שוין געוווסט, אַז ער וועט מער נישט מאַכן קיין שום פּרווו אויסצובאַהאַלטן זיך אין פּלאָנטער פון די וואָרצלען.

„צו וואָס דאַרף איך דעם פוטער?“ ער האָט אים אַרויסגענו־מען פון דער שאַפּע אין דער לעצטער מינוט, ווען זיי האָבן זיך שוין דערנענטערט צום הייזל, אין וועלכן ער האָט געוווינט, און כאַפּנדיק דאָס פּעקל איז ער אַרויפגעשפּרונגען אויפן בוידעם. ער האָט קוים באַוויזן אַרויפצוציען דעם לייטער און פאַרמאַכן דאָס טירל, וואָס האָט פאַרשטעלט די עפענונג, ווען אין פּיר־הויז האָבן זיך דערהערט די קולות פון די עס־עס־לייט. זיי האָבן גערעדט דייטש און אוקראַיניש. ער איז געלעגן איינגעקנוילט איבער זיי. עס איז שוין געווען נאָענט צו האַלבער נאַכט. דאָס האַרץ האָט אים אומרואיק געקלאַפּט. די פינצטערניש איז אין זיינע אויגן גע־וואָרן אַלץ גרעסער און געדיכטער, ווען די פון אונטן, אויפגערעגטע און צעווילדעוועטע, האָבן דורכגעאַקערט זיין צימער. אַרומגענו־מען פון דער השכות, האָט ער מיט ביידע הענט זיך אָנגעשפּאַרט אין טירל, ווי ער וואָלט זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון די פּאָר ברעטלעך, וועלכע האָבן אים אָפּגעטיילט פון טויט. ער איז ווי צו־געוואַקסן צו זיי: זיי האָבן אים געדינט פאַר אַ טיר, פאַר אַ רעט־טונגס־שיפל, פאַר אַ טראַטווע, מיט וועלכער ער איז אָפּגעשוווּמען אין דער ווייט. די פון אונטן האָבן געהאַקט מיט די קאָלבעס אין דער שאַפּע, אין דיל, אין די ווענט, און שילטנדיק — אַרויס. זיי זענען געווען דריי אָדער פיר, אָבער זייער ציל איז געווען איינער. ווען ס'האָט זיך איינגעשטילט, האָט ער זיך אוועקגעזעצט. דורך דעם בוידעם־פענצטערל, וואָס האָט זיך געפונען אין אַן אָפּגעלעגן

ווינקל, האָט ער געזען דעם באַלויכטענעם פּעראָן און די צוגויפגעטריבענע אויף אים מענטשן־מאַסע, וועלכע איז געווען צוגעשפּאַרט צו דער דראָטן־צוים דורך די רעפלעקטאָרן־ליכטער, וואָס האָבן צעריסן די נאַכט. ער האָט פונהאַנען קיין פּנימער נישט געזען, ער האָט בלויז געהערט דאָס שטילשווייגן, וואָס איז יעדע ווייל געוואָרן איבערגעריסן דורך די ווילדע געשרייען פון דעם עסקאָרט. עס האָט אים שטאַרק געוואונדערט, וואָס ער האָט נישט געהערט דעם רויש פון אָנפאָרנדיקן צוג: זעט אויס, אַז ער איז געשטאַנען אין דער נאָענט, אונטערן צודעק פון דער נאַכט, א צוגעגרייטער פון פריער. דערנאָך איז ער מיט א ווילדן גערויש און וואַנזיניקער פייפערײַ, באַגלייט פון שיסערייען, אָפּגעפאָרן — א פינצטערער און גרויזאַמער. ער איז געפאָרן אויף מזרח, אין דער ריכטונג פון לובלין, אהין, וווּ עס זענען געגאַנגען אַלע פּראַכט־צוגן אָנגעלאָדענע מיט מענטשן. די וואַגאָנען האָבן נישט געהאַט קיין אויפשריפטן, אָבער אַלע האָבן געוווּסט, אַז זיי גייען קיין בעלזשעץ, אָדער מײַדאַנעק.

ער איז אַרויס אין דער נאַכט. ער האָט געוווּסט, אַז ס'איז נישט שכלדיק מיטצונעמען מיט זיך דעם פוטער, אָבער ער האָט שוין נישט געוואָלט זיך אומקערן צוריק אין צימער נאָך דעם מאַנטל. „זאָל שוין זײַן דער פוטער, סײַ ווי מוז איך זיך אויסבאַהאַלטן". דורכשלײַכנדיק זיך דורכן פירהויז צו דער האַלב־אויפגעעפנטער טיר, אין וועלכער ס'איז געשטאַנען אַ וואַנט פון פינצטערניש און איבער איר אַ שטיק גראַנאַטענער הימל, האָט ער אַ בליק געטאָן אין דער טיף פון צימער. די זאַכן און די ווענט האָבן געזונקען אין השכּבֿות, בלויז דאָס פענצטער האָט זיך אויסגעשיילט פון דער וואַנט, אַ באַזילבערטס מיט אַ בלאַסער אָפּשײַן. ער האָט זיך געלאָזט גיין פאָרויס. געשיצט דורך דער פינצטערניש, איז ער צוגעקומען צו אַ געסל, וואָס האָט געפירט צו דער גרענעץ פון אָפּגעשטאָרבענעם און פאַרלאָזטן געטאָ. „מען האָט געטראָטן איבער זייערע פּנימער" — האָט ער זיך דערמאָנט אין די געשרייען אויפן פּעראָן. ער איז געגאַנגען אײַנגעבויגן און מיט דערלײַכטערונג אַ טראַכט געטאָן, אַז ער האָט דאָך גוט געטאָן, וואָס ער האָט מיטגענומען אַ וועלכן ס'איז צודעק. דאָס פּעקעלע אײַנגעוויקלט אין אַ ווײַסן האַנטוך האָט געקענט אויסגעבן, ער האָט עס דעריבער

צוגעדעקט מיטן פוטער און זיך געשלעפּט ווייטער דורך דער לאָנקע. זי איז געווען פייכט, דאָס גראָז האָט געשאָרכט. אַרום האָט געהערשט אַ שטאַרקע, געדיכטע שטילקייט „דאָרט איז שוין קיינער נישטאָ — אַ פלוצעמדיקער ווייטיק האָט פאַרקלעמט זיין האַרץ — דאָרט איז שוין קיינער נישטאָ“.

ער האָט נישט געוווסט וווהין ער גייט. ער האָט געוואָלט אוועק וואָס ווייטער פון די שווארצע הייזער, פון דער באַן=ליניע, פון הינטער וועלכער דער טויט פלעגט באפאלן פלוצעם, אומדערווארט, אָדער זיך באַווייזן אין יעדן טאָג, אין יעדער שעה דורך אַ מעלדונג, צי באַפעל. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט אָפּגעהילכט אַ שאָס. ער איז געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך און זיך איינגעהאָרכט. „דאָס מוז זיין ווייט“. ער איז אלץ געגאנגען מיט דער לאָנקע, דערנאָך איז ער אַרויף אויף אַ קלאַדקע איבער אַ שמאָל טייכל. ער האָט דערזען זיין שאָטן זיך באַוועגן איבערן וואַסער=פלאַך און איז צוזאַמען מיט אים ארויף אויף א קארטאָפל=פעלד.

„ווו בין איך?“ שוין פערציק יאָר, אז ער וווינט דאָ און ער האָט קיינמאָל נישט באַמערקט נישט די קלאַדקע, נישט דאָס טייכל. ער האָט שווער און אומגעשיקט זיך געשלעפּט דורך די קארטאָפּלקוסטעס, פארטשעפּעט זיך אלעמאָל אין די הארטע גרודעס, נישט געקוקט אויף זיין פאָרזיכטיקייט. עס האָט אים געשטערט דאָס פּעקל, וואָס איז געווען איינגעוויקלט אין פוטער. ער האָט זיך באַנייט פריי צו מאכן די האנט, וועלכע איינגעבויגענערהייט האָט אים פארשאפט ווייטיק. פלוצעם האָט ער דערפילט, אז דאָס פעלד הייבט זיך שיף בארג=ארויף. ער האָט זיך אראָפּגעשארט אין א גרוב, וועלכע איז געווען גענוג פלאך, ער זאָל קאָנען דערזען די גראָע לענטע פון שאָסיי, וועלכער האָט זיך אויסגעשיילט פון דער פינצטערניש: „איך בלאָנדזשע — האָט ער אַ טראַכט געטאָן מיט שרעק — איך בלאָנדזשע“. דאָס האַרץ איז אים אָפּגעשטאָרבן פון פחד. ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, אַז ער איז נאָך נישט אַרויס פון די גרענעצן פון שטאָט, און דאָס איז דאָך דאָס וויכטיקסטע. „ווען וועט דאָס געשען? איך וועל נישט באַווייזן“. ער האָט זיך ארויסבאַקומען פון גרוב און געלאָפן צום שאָסיי. ער האָט אים איבערגעשניטן מיט איין שפּרונג און זיך ווידער געפונען אויף אַ שפּיז, וואָס פירט צו די פעלדער. ערגעץ=ווו האָבן זיך צעהאווקעט הינט,

אַריבערשטייגנדיק זיך קעגנזייטיק אין זייער בילעריי, וואָס איז געווען אָט צעצויגן און אָט אָפּגעהאַקט און שאַרף. „זיי זענען אויף מיין שפּור“. ווען ער האָט באַמערקט אויפן האָריזאָנט אַ ווייך וואָלקנדל, וואָס האָט זיך געשאַרט איבערן קאַלטן הימל, האָט ער פאַרשטאַנען אַז ס׳הייבט אָן טאָגן. „אַלע וועלן מיך דערזען“.

ער האָט זיך ווידער געוואָלט באַהאַלטן אין ראָוו, נאָר ווען ער האָט זיך אויסגעדרייט, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז פאַר אים קיין באַהעלטעניש נישטאָ: דער ראָוו האָט זיך געצויגן פּאַראַלעל צום שאָסיי, וועלכער האָט זיך אויסגעשיילט פון דער שיטער ווערנדיקער פינצטערניש א גלייכער ווי א ליניע. ער איז שנעל אַדורכגעגאַנגען די לאָנקע אין דער ריכטונג צו די סאָסנעס. דאָרט האָט די זון צעצונדן אויף די שטאַמען קופּערנע פלעקן, באַלויכטן די זשאַווערדיקע קאָרע־שיכטן, וועלכע זענען געווען איינגעהילט אין שאָטן. עס האָבן מאַט אויפגעשיינט די טונקל־גרינע נאָדלען, צונויפגענומענע אין פעסטע אומבאַוועגלעכע פעכערס. פון דאָרט איז צו אים דערגאַנגען אַ שטילער פייף. ער איז געגאַנגען אַלץ שנעלער און שנעלער, גישטערנדיק מיטן בליק צווישן די ביימער. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז עמעצער האָט אַ געשריי געטאָן, ער האָט זיך שנעל אויסגעדרייט, קיינער איז נישט געווען. אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער זון, האָט ער באַמערקט אויפן גראָז א לאַנגן, טונקעלן שפּור, וועלכער איז פאַרבליבן אויף דער ראָסע. אין שאָטן פון די ביימער האָט אים באַגריסט דאָס טרוקענע שורשען פון די נאָדלען. ער האָט געטראָטן איבער זיי פאָרזיכטיק, דורכגענומען פון פּחד צוליב דעם פאַרעטערישן, צו דייטלעכן גערויש. ער האָט זיך אַלץ געדרייט אויפן ראַנד פון וואַלד, אָפּגעבנדיק זיך אַ קלאָרן דין וחשבון, אַז ער מוז דאָ פאַרברענגען דעם גאַנצן טאָג, כּדי ווען די נאַכט וועט צופאַלן זאָל ער קענען זיך לאָזן ווייטער אין וועג. די זון האָט באַלויכטן א פוסט און נאַקעט פעלד, וואָס איז געווען ארומגערינגלט פון ביימער, מיט א טיפן גרוב אין דער מיט פון אַרויסגענומענעם זאַמד. דער גרוב איז מיט זיין שפּוע געווען געווענדט צום אָפּטרעטנדיקן נאַכט־שאָטן. איבער אים זענען געוואַקסן סאָסנעס און אינדזעלעך פון פאַרגעלט טרוקן גראָז. א געשלענגלט וועגעלע האָט געפירט פון דעם שפּיץ אין דער טיף פון גרוב.

ער האָט זיך אוועקגעלייגט אויפֿן דנאָ און געוואַרט. די זון האָט זיך פּאַמעלעך באַוועגט פֿאָרויס. צייטנווייז האָט די טונקלקייט, וועלכע איז געווען פֿאַרבאָרגן אין דער טיף, זיך איבערגעדרייט ווי אַ דלאָניע און זיך אויסגעשפּרייט איבער אַ געוועלבטן ליים=שיכט ווי כאַלווע, וואָס איז געווען באַפֿאַרבט דאָ אָדער דאָרט מיט אַ מער ליכטיקן זאַמד=אָדער. די שטילקייט איז געגאַנגען פֿון דנאָ פֿון גרוב און פֿון הימל. ווען עס האָט זיך דערהערט אַ דין זשומען פֿון אַ פֿליגעלע, וואָס האָט זיך דורכגעטראָגן הוידנדיק און אומזיכער, האָט ער זיך לאַנג איינגעהאָרכט אין דעם מאָנאָטאָנעם קלאַנג, וועלכער האָט זיך איבערגעריסן מיטאַמאָל. ער איז געלעגן אונטער דער ברענענדיקער היץ אָנגעשפּאַרט אויף זיין פּעקל און שוואַרצן פּוטער, וועלכער איז געווען צונויפֿגעוויקלט אין אַ קנויל.

ער האָט זיך איבערגעוועקט אין שרעק, פֿילנדיק אַז עמעצער קוקט אויף אים, און ווען ער האָט אויפֿגעעפֿנט די אויגן, האָט ער זיי באַלד דערזען. אויפֿן בערגל, ביים סאַמע ראַנד פֿון גרוב, זענען געשטאַנען דריי יינגלעך. זייערע סילועטקעס האָבן זיך שאַרף אויסגעטיילט אויפֿן פֿאָן פֿון הימל. ער האָט נישט געקענט אונטערשיידן די פּנימער, זיי זענען געווען באָרוועס, אין קורצע הייזלעך און העמדלעך, פֿון וועלכע עס האָבן זיך ארויסגעזען זייערע נאַקעטע אָרעמס. זיי זענען געשטאַנען אָנגעבויגן און שווייגנדיק זיך אויפֿמערקזאַם צוגעקוקט צו אים, און ער האָט זיך דערפֿילט, ווי אַ מענטש, וואָס איז אויסגעטאָן און זוכט אומזיסט אַ באַהעלטעניש. ער איז געווען באַדעקט מיט שווייס, די זון האָט שוין באַוויזן אויסצושיילן אים מיט איר ליכט פֿון דעם שאָטן, אין וועלכן ער האָט זיך צוגעלייגט, איידער ער איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן. יענע האָבן אַלץ געשוויגן. מיט צוגעמרוזשעטע בליקן האָט ער אָבסערווירט די יינגלעך, וועלכע האָבן וואַכזאַם נאָכגעפֿאָרשט, וואָס עס טוט זיך פֿין אונטן.

— דאָס איז עפּעס אַ דערהרגעטער — האָט איינער פֿון די יינגלעך געזאָגט און זיך אויסגעגלייכט. זיין שטים האָט אָפּגעקלונגען אַזוי, ווי ער זאָל פּעסטשטעלן עפּעס זייער טריוויאַלס.

— פֿונוואַנען ווייסטו?

— זעסט דען נישט, אַז ער איז אומבאַוועגלעך?

— ווייל ער שלאָפט?
— טאָ ווען מיר אים אויפוועקן.
— צו וואָס?
— און אויב ער איז א דערהרגעטער? — איז נישט אָפּגע־שטאַנען איינער פון די ייִנגלעך.
— דעמלט דאַרף מען עמעצן רופן.
— צו וואָס?
— מען זאָל אים באַגראָבן. ער זאָל אין די נעכט נישט שרעקן.
— שטותים. ער שלאָפט אויף זיכער.
דער העכסטער האָט אָפּגערוקט מיטן אָרעם די אַנדערע צוויי ייִנגלעך און דערנאָך א געשריי געטאָן:
— העי!
א לייכטער און דעליקאַטער עכאָ איז ארונטערגעשוואומען צום דנאָ פון גרוב. דער מענטש האָט זיך נישט קיין ריר געטאָן. דעמלט זענען אַלע דריי אַריבערגעגאַנגען צום ברעג פון גרוב. עס איז אים באַפאַלן א שרעק. „אויב איך וועל זיך נישט אָנרופן, וועלן זיי אַהער ברענגען מענטשן".
— העי! העי! — האָבן זיי הויך אויסגעשריגן אַלע צוזאַמען.
ער האָט א ריר געטאָן מיט דער האַנט, פאַמעלעך זיך א באַ־וועג געטאָן, ווי זייערע רופן וואָלטן אים נאָר־וואָס פון שלאָף אױ־פגעוועקט.
— כ'האָב געזאָגט! — האָט פריידיק אויסגערופן איין ייִנגל און ער האָט נאָכאַמאָל א געשריי געטאָן: — העי!
— ווער איז דאָרט? — האָט ער אָפּגעענטפערט, נישט רירנ־דיק זיך פון אָרט.
— וואָס טוט איר דאָרט? — האָט דאָס ייִנגל געפרעגט.
— איך שלאָף.
עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז די משופּעדיקע זאַמדיקע וואַנט פאַרהאַלט דאָס קול און אין דער הייך הערט מען נישט זיין ענטפער.
— פאַרוואָס שלאָפט איר דאָרט?
— איך רו אָפּ. איך בין פאַרמאַטערט.
— לאָמיר זיך אַראָפּלאָזן צו אים פון אונטן — האָט איין ייִנגל פאָרגעלייגט.

— געמאכט — האָט א צווייטער אונטערגעכאפּט.

— איך האָב מורא — האָט זיך אָנגערופן דער קלענסטער צווישן זיי — איך וויל נישט!

— באמיט אייך נישט, יינגלעך, איך וועל באלד גיין ווייטער.

— מיר האָבן פאר אייך נישט מורא.

— מען דארף פאר מיר נישט מורא האָבן. איך בין מיד. — און פּלוצעם האָט ער א טראכט געטאָן מיט שרעק, אז די יינגלעך קענען אים נאָך דערקענען.

— און אפשר זענט איר הונגעריק?

— א שיינעם דאנק אייך, קינדער — האָט ער צו זיי צוריקגעשריגן און גלייך צוגעגעבן רואיקער: — גיין, גיין. איך וואָלט בלויז געוואָלט נאָך א ביסל שלאָפן.

— מיר מאַכן שוין פיס! — האָט דער גרעסטער אויסגערופן מיט א לעבעדיקער און פרייליכער שטים.

זיי האָבן זיך פאמעלעך דערווייטערט. איבערן ראנד האָט זיך ווידער אנטפּלעקט דער טיפער הימל־בלוי. „מען דארף פונדאנען אָפּציען — האָט ער א טראכט געטאָן — עס האָט קיין זין נישט“. ער האָט באדויערט, וואָס ער האָט די יינגלעך נישט געפרעגט ווו ער געפינט זיך, אין וועלכער געגנט ער האָט פארבלאָנדזשעט. „כ׳וואָלט בלויז געוועקט פארדאכט. צו וואָס פרעגן“.

פּלוצעם איז אויפן ראנד אויסגעוואקסן די פיגור פון א מאנצביל. דער געקומענער איז געשטאנען רואיק און אים אָנגעקוקט. ער האָט דערפילט, ווי ער איז אינגאנצן אויסגעגעבן דער רויבערישער מאכט פון דעם דאָזיקן אויפמערקזאמען בליק, וואָס איז פול מיט וואַכזאַמער אויסוואַרטונג. עס האָט זיך אים אויסגעדאכט, אז אין שטעל פון דעם דאָזיקן מענטשן איז געקומען צום אויסדרוק די גאַנצע גרויזאַמע איבערמאַכט, וועלכע עס באַזיצט תמיד דער, וואָס שטייט איבער דעם אנידערגעוואָרפענעם.

ער האָט זיך דער ערשטער אָנגערופן:

— דאָס האָבן די יינגלעך אייך צוגעשיקט?

— וועלכע יינגלעך? — האָט אין א ווילע אָפּגעענטפערט דער מענטש, וואָס איז געשטאנען אויפן ראַנד פון גרוב.

— דאָ זענען געווען דריי יינגלעך, האָב איך געמיינט, אז זיי האָבן אייך עפּעס געזאָגט.

— איך האָב נישט געזען קיין שום יינגלעך.

דער פון ראַנד האָט זיך א ריר געטאָן פון אָרט. ער האָט זיך געלאָזט צום געשלענגלטן וועגל, וואָס פירט פון אונטן. דער ליגנ־דיקער האָט דערפילט, אז ער ווערט אַרומגענומען פון אָנמאַכט. ער האָט באגלייט דעם גייענדיקן מיט א בליק פול מיט אָפּוואר־פונג און אומרו.

— צו וואָס גייט איר אהער? — האָט ער געפרעגט. עס האָט זיך אים אויסגעדאכט, אז ער הערט נישט די אייגענע ווער־טער.

— איך? אזוי זיך. וואָס איז, ס'איז מיר נישט דערלויבט? — האָט יענער אָפּגעענטפערט מיט גרינגשעצונג.

ער איז געווען יונג און אָפּגעברענט. ער האָט געהאט א מאַ־גער געזיכט און העלע גלייכע האָר.

— אַך, אַזוי — האָט ער געזאָגט און שטיין געבליבן. — אַך, אזוי — האָט ער איבערגעחזרט און זיך צוגעקוקט צום מענטשן, וועלכער האָט זיך ארויסבאקומען פון זאמד און זיך אויפגעזעצט.

— איך האָב זיך משער געווען — האָט פאַרגעזעצט דער געקומענער — אז דאָס איז איינער פון אייך. — ער איז גע־שטאַנען אומבאוועגלעך, א שמייכל האָט געשפילט אויף זיין גע־זיכט — דו ביסט זיכער פון אָטוואָצק — האָט ער צוגעגעבן.

— יאָ.

— ס'האָט זיך דיר איינגעגעבן — האָט דער געקומענער געזאָגט.

— איך ווייס נאָך נישט.

— ס'האָט זיך דיר איינגעגעבן אָפּצוציען!

— דערווייל יאָ.

— און וואָס? ווו גייסטו?

— איך ווייס נאָך נישט?

— אָבער איך ווייס.

— פונוואַנען קאָנט איר וויסן?

— דו גייסט אין די הענט פון די דייטשן.

דער מענטש פון אונטן האָט דערפילט, ווי ער איזדיעקוועט זיך איבער אים, צילנדיק מיט זיינע ווערטער גלייך אין הארץ אריין.

— איר וועט מיך נישט אויסגעבן!
— פונוואנען ווייסטו?
— איר וועט מיך נישט אויסגעבן.
— וואָס האָסטו דאָרט?

אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, האָט ער אָנגעוויזן אויפן פּעקל.

— א פּוטער.
— איך זע. אָבער וואָס האָסטו דאָרט אין דעם קלימעקל?
— א ביסל וועש.
— און דאַלאַרן?
— דאָס איז וועש.
— ווייז.
— נעמט דעם פּוטער.
— ס'א שוטה. כ'וועל דאָך אין מיטן העלן טאָג נישט גיין דורך שווידער מיט א פּוטער.
— דאָס וועש איז מיר נייטיק.
— צו וואָס?
— אפשר וועט זיך מיר איינגעבן — האָט אָפּגעענטפערט דער מענטש מיטן פּעקל.
— מיינסט אזוי?
— אפשר.
— עך, ברודער, אויב עס וועט זיך דיר איינגעבן, וועסטו אויך אָן דער וועש לעבן.
— נעמט דעם פּוטער.
— שטותים! איך וועל דאָך אים נישט פארשטעקן אונטער דער פּאָלע. גיב אהער! — און אין א ווײַלע: — און פונוואנען איינגנטלעך האָסטו דעם פּוטער? עס איז דאָך שוין פון לאנג גע־ווען א באפעל דאָס אָפּצוגעבן.
— כ'האָב עס נישט אָפּגעגעבן.
— האָסט זיי נישט געפאָלגט.
— ווי ווייט איך האָב געקענט, האָב איך זיי נישט געפאָלגט.
— א דרייסט יידל!
— מעגלעך.
— נו, גיב דאָס פּעקל!

—לאָזט עס מיר איבער, כ'בעט אייך. דער פוטער איז מער ווערט.

— ביסט דער אמתער סוחר.

— כ'זאָג, ווי ס'איז.

— און אז מען וועט הייסן אָפּגעבן?

— וועט איר עס נישט אָפּגעבן.

— א קלוגעטשקער.

— איר זענט דרייסטער פון מיר.

— דו פאררעד מיר נישט די ציין. איך נעם, וואָס איך וויל.

-- זיין געזיכט האָט אַלץ אָנגעהאַלטן זיין שטייפן אויסדרוק.

דער מענטש, וואָס איז געזעסן אויפן זאמד, האָט אויפגע־הויבן דאָס פּעקל אויף דער הייך פון די אויגן, א רגע זיך צוגע־קוקט צום האַנטוך און עס איבערגעגעבן. יענער האָט עס צוגע־נומען און געוויגן אין דער האַנט.

— כ'בין נאָך אזוי אויך גוט — האָט ער געזאָגט.

— זייער.

— מאכסט חוזק?

— אין דער מינדסטער מאָס נישט.

— איך וועל דיך נישט אויסגעבן.

— איך בין גרייט אויף אַלץ.

— איר אַלע זאָגט דאָס זעלבע.

— מיר?

— נו, יאָ. אָבער קיינער פון אייך וועט נישט ארויסגיין און זאָגן דעם דייטש: אָט האָסטו, שיס!

— און איר וואָלט דאָס געטאָן?

— צו וואָס? איך מוז עס?

— אמת, איר האָט רעכט.

א ווײַלע האָט געהערשט א שטילשווייגן. דערנאָך האָט יענער געזאָגט:

— אויב דו וועסט דאָ זיצן ביז אין אָוונט, וועל איך דאָך אפשר קומען נאָכן פוטער.

— פארוואָס?

— און צו וואָס איז עס דיר נייטיק?

— איר קענט עס גלייך נעמען.

— ס'א שוטה דו ביסט, פארשטייסט גאָרנישט. דער ערשטער בעסטער, וואָס וועט מיך באגעגנען, וועט פרעגן: פונוואַנען? פון וועמען? אין אַזאַ היץ מיט א פוטער!

— איר האָט רעכט.

עפּעס צו אָפט גיסטו מיר אָפּ רעכט. ווארט צו ביז אין אָוונט.

— איך וועל ווארטן.

— וועסט ווארטן.... איך קען אייך. אייער וואָרט האָט די זעלבע ווערט, וואָס א הונט פּישט זיך אוים.

— איך צווייפל נישט, אז איר אייער וואָרט וועט האַלטן.

— וואָס? נישט? אזוי איז פארלוירן און אזוי איז פארלוירן.

— ריכטיק. — האָט שעפּטשענדיק אָפּגעענטפערט דער מענטש, וואָס איז געזעסן אויפן זאמד.

אין א ווײַלע ארום האָט דער מענטש אויפגעהויבן זיך מיטן וועגל אין דער הייך, טראָגנדיק מיט זיך דאָס פּעקל, דערנאָך איז ער פארבייגעגאנגען דעם ראנד פון גרוב און נישט אומקוקנדיק זיך פארשוווּנדן.

* *
*

ווען ס'האָט אָנגעהויבן טונקל ווערן, איז ער ארויסגעגאנגען פון גרוב. דער הימל האָט אויסגעזען בלאס. אין די פארפלאָנטערטע וואָרצלען פון די סאָסנעס האָבן זיך ווידער באוויזן שאָטנס. בלייבנדיק שטיין אויפן שפּיץ, האָט ער זיך גלייכגילטיק ארומגעקוקט ארום, פארריכט דעם פוטער, וועלכן ער האָט אויף זיך ארויפגעוואָרפן, און איבערגעשניטן דאָס שיטערע וועלדל. „דאָס ווארטן דאָ האָט קיין זין נישט. אויב ער וועט צוריקקומען איז ער גרייט צוצונעמען ביי מיר נישט בלויז דאָס פוטער, נאָר אויך דעם אנצוג“. ער האָט נישט מורא געהאַט פאַרן טויט. ער האָט מורא געהאַט פאר דער פּיין, פאר דער אכזריות, פאר דער פאמעלעכדיקער גסיסה, פאר דעם פאַרזיכטיקן דערנעענטערן זיך צו אים פון מענטשן מיט גלייכגילטיקע פּנימער, פאר וועלכע זיין העמד, אָדער זיינע שיך, האָבן פאַרגעשטעלט אן אויסערגעוויינלעכע ווערט. „איך וועל

פאַרהאַלטן דעם ערשטן אָנגעטראָפענעם דייטש און וועל אים זאָגן ווער איך בין". ער האָט זיך דערנענטערט צו א הילצערנער שטוב. די שטוב האָט אים אינגאַנצן פאַרשטעלט. זי איז געווען א נידעריקע, אַן איינשטאָקיקע און אירע פאַרמאַכטע פענצטער האָבן איינגעהיט אינעווייניק א פינצטערניש, א מער טיפערע ווי די, וואָס האָט זיך געשפּרייט אויף די פעלדער און הייזער. ער האָט זיך אוועקגעשטעלט ביים פענצטער און פאַרקוקט אינעווייניק. ס'איז געווען פוסט. דורך דער עטוואָס אויפגעעפנטער טיר פון ערשטן צימער האָט ער דערזען א צווייט צימער, א פראַגמענט פון א קיך-אויוון און א פענצטער-ראַם נעבן דער פּליטע, אויף וועלכער עס איז געשטאַנען א טעפּל. ער האָט לייכט אָנגעקלאַפּט. עס האָט אים אָפּגעענטפערט א שטילשווייגן. ער האָט נאָכאַמאָל אָנגעקלאַפּט. דאָרט איז קיינער נישט געווען.

ס'האָט פאַרשמעקט מיט פרישן אָוונט, דער טוי האָט זיך באַוויזן, א שטילע רו האָט אַראָפּגעניִדערט אויף דער ערד. די אומבאַוועגלעכע לופט, אַן אָנגעוואַרעמטע אין משך פון טאָג, האָט נאָך פּולסירט אין די שוואַרץ-געוואָרענע שאַרסטקע ווענט פון הייזל, וואָס האָט פאַרבאָרגן אין זיך די שטילקייט פון דער אָוונטיקער שעה. „באַלד וועט ווערן טונקל". ער האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון הינטערן ווינקל. אויך אין דער וואַנט איז איינגעפּאַסט געווען א קוואַדראַט פון אַן אַלץ מער פינצטער ווערנדיקן פענצטער. ער האָט נישט געמוזט זיך אויפהייבן אויף די שפּיץ-פינגער, כדי זיך איבערצוצייגן, אַז אין שטוב איז קיינער נישטאָ. אויף א נאָענטן שטח פון דעם הייזל זענען געשטאַנען נאָך אייניקע הייזער. דאָרט האָבן שיין אויפגעלויכטן ציטערנדיקע פייערלעך, עס האָבן זיך צו אים דערטראָגן שטימען, רופן צו קינדער. די מענטשן האָבן זיך געגרייט צו אָוונט-אָפּרו. „ער וווינט זיכער אין איינעם פון די הייזער" ער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין די טונקעלע ברעטער און זיך איינגעקוקט אין דער פינצטערניש. קיינער האָט זיך צו אים נישט דערנענטערט, ער האָט זיך דעריבער איבערגערוקט ווייטער. איצט האָט ער דערזען א וועראַנדע, טרעפּ אָן אַן אָנלען, וועלכע האָבן געפירט צו א באַגלאָזטער טיר. איינגעבויגענערהייט האָט ער זיך צו איר דערנענטערט און אָנגענומען פאַר דער קליאַמקע. די טיר האָט זיך נאָכגעגעבן. ער האָט זי פּאַמעלעך און פאָרזיכטיק געעפנט, ער

האָט געהערט דאָס אומרואיקע שלאָגן פון זיין האַרץ, געפילט עס אין די אויערן, אין מויל, אין דער פאַרקלעמטער קעל. געפינענדיק זיך אין אַ באַגלאָזטן צימער האָט ער אַלץ איינגעבויגענערהייט גע־פרוווט די קליאַמקע פון דער טיר, וועלכע האָט געפירט אין דער וווינונג. זי איז געווען פאַרמאַכט.

אין דעם מאָמענט האָט זיך צעבילט אַ הונט. דאָס בילן האָט זיך דערהערט דאָ דערנעבן, פאַר דער וועראַנדע. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער הערט די דראָבנע טריט פון די חיהשע לאַפּעס לויפנדיק איבער די טרעפּ. ער איז געזעסן אויף דעם דיל, מורא האָבנדיק אויפצושטיין. „איך בין אריינגעפאַלן" — האָט ער געטראַכט. ער האָט זיך אָפּגערוקט עטוואָס ווייטער, זיין קאָפּ האָט זיך אין עפּעס אָנגעשלאָגן, ער האָט דערפילט אַ ווייטיק. מיט אַ צי־טערדיקער האַנט האָט ער אָנגעטאַפּט די שאַרפקייט פון אַ ברעט. דער הונט האָט אַלץ געבילט. דערווייל האָט ער פאַרטשעפּעט אויף אַ באַנק עפּעס אַ כלי, וועלכע האָט זיך אַראָפּגעקוילערט אויפן דיל. פול מיט פּחד האָט ער זיך איינגעקוקט אין דער טיר. ער איז געווען זיכער, אַז אַ ליאַדע מאָמענט וועט זי זיך עפענען, אָבער דאָס איז נישט געקומען. ער האָט נאָך אַ ווײַלע געוואַרט, דערנאָך האָט ער זיך פאַררוקט אונטער דער באַנק און אין איינגעקורטשעטער אויס־געקוקט דאָס דערשיינען פון מענטשן. דער הונט איז נישט אָפּגע־טרעטן. ער האָט זיך איינגעהאָרכט אַ פאַרגליווערטער פון שרעק. אַ פייכטע זאַך האָט געטריפט אויף זיין געזיכט. „איך האָב געמוזט עפּעס אויסגיסן". אין דער נאָענט האָבן זיך דערהערט שטימען.

— וואָס בילט ער אַזוי? — קום נאָר אַהער, אמאָר — איז צו אים דערגאַנגען אַ מענטשלעך קול.

— איך האָב דיר שטענדיק געזאָגט, אַז עפּעס נישט־גוטע שרעקן דאָרט — האָט אָפּגעענטפערט אַ פרויען־שטים.

— רעדסט שטותים — האָט געזאָגט דער מאַן.

— אַלע זאָגן דאָס, אַז פון דער צייט וואָס די אַלטע קאַליטאַ־ווע האָט זיך אויפגעהאָנגען, שרעקן דאָרט נישט־גוטע.

— טאָ גיי אַוועק.

ער האָט דערהערט טריט אויפן הויף. דער הונט האָט אַלץ נאָך געבילט.

— אַמאָר! — האָט אַ רוף געטאָן אַ פרוי.

— זעסט, ווי דער הונט טרעט נישט אָפּ — האָט געזאָגט דער מאַן.

— די קאַלינאָווסקע איז דאָך אין דער היים נישטאָ — האָט די פרוי געזאָגט.

— ווען זי זאָל זיין, וואָלט דער הונט דאָך נישט געבילט — האָט אומגעדולדיק אָפּגעענטפערט דער מאַן. — דאָרט מוז זיין עפּעס א פרעמדער.

— וועלכער פרעמדער ווידער?

— גיי גיב א קוק.

— ער האָט דערהערט שנעלע טריט אויף די הילצערנע טרעפּ, עמעצער האָט געעפנט די טיר. דער הונט האָט אויסגעצויגן די פּאָדערשטע לאַפּעס און אָנגעהויבן בייז וואָרטשען.

— ווער איז דאָרט? — האָט אויסגערופן דער מאַן, נישט אָפּגייענדיק פון דער טיר.

קיינער האָט אים נישט געענטפערט.

— רעד, דו כאָליערע, ווייל איך וועל דיר שפּאַלטן דעם קאָפּ, דו גנב!

— איך בין נישט קיין גנב.

—ווער דען? קריך ארוים! — די שטים פון מאַן איז געוואָרן אַלץ צערייצטער.

— איך בין א ייד.

— א ייד?

— איך האָב געוואָלט זיך אויסבאהאלטן.

דעמלט האָט זיך אָפּגערופן די פרוי:

— ער האָט גוט געטראָפן — זי האָט א קורצן לאַך געטאָן און צוגעגעבן — אָבער געטראָפן! אַן אייגענער צו אייגענע.

— שווייג! — האָט דער מאַן איר בייז איבערגעריסן.

— ווער ביסטו?

— נישט קיין היגער.

— איז פונוואנען?

— פון אָטוואָצק.

— ער האָט געוווסט צו וועמען צו קומען — האָט זיך ווידער אריינגעמישט די פרוי. — פאָרט ציט יעדן איינעם צו די זייניקע.

— שטיל זיי! — האָט דער מאַן געזאָגט און, אָנכאַפּנדיק דעם הונט ביי דעם קאַרק, האָט ער אים אַ צי געטאָן צו דער טיר — גיי אַרויס!

— איך וועל נישט אַרויסגיין — האָט ער געענטפערט.

— גיי אַרויס!

— איר קענט מיך דערהרגענען, איך וועל נישט אַרויסגיין.

— די קאַלינאָווסקאַ איז דאָך נישטאָ.

— לאָזט מיך צורו, מענטשן, עס איז דאָך נישט אייער שטוב — האָט דער ייִד געזאָגט.

— איך האָב באַלד געזאָגט — האָט זיך אָפּגערופן די פרוי.

— די דאָזיקע ייִדישקע וועט אים זיכער אויסבאַהאַלטן, וועסט זען.

— שווייג! — האָט דער מאַן געזאָגט.

— איך האָב שטענדיק געהאַלטן, אַז זי איז אַ ייִדישקע.

— ס׳איז נישט דיין פאַרדריפּעטער עסק, אַרויס!

— זי וועט אים שוין נישט אויסבאַהאַלטן! איך וועל זיך שוין באַמיען, אַז זי זאָל אים נישט אויסבאַהאַלטן! — האָט די פרוי הויך געזאָגט.

ער האָט געהערט זיך דערווייטערנדיקע טריט. די פינצטערניש איז געווען נישט דורכדרינגלעך, עס האָט אים אַרומגענומען אַ שרעק. ער האָט מיט דער האַנט צוגעדריקט דאָס מויל קיינער זאָל זיין כליפּן נישט דערהערן. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער שוין געוואָלט אַרויסגיין פון אונטער דער באַנק און אַוועקגיין. די דראָונגען פון דער פרוי, איר פאַרביסנקייט, די אומגעוויינלעכע דערקלערונגען וועגן דער אָפּשטאַמונג פון קאַלינאָווסקען האָבן געוועקט און גלייכצייטיק צעשטערט יעדע מינדסטע האָפענונג.

— „ווער איז די קאַלינאָווסקע?“ — האָט ער געטראַכט. דער נאָמען האָט אים אויסגעזען באַקאַנט, ער האָט אים מסתמא שוין זען עס איז געהערט — ער איז כמעט געווען זיכער אין דעם, אָבער ווען און ווו? ער האָט מיט דעם נאָמען נישט געקענט פאַרבונדן קיין שום פּנים, קיין שום געשטאַלט. אומזיסט האָט ער געזוכט אין זכרון דאָס בילד פון דעם מענטשן. „ווער איז די קאַלינאָווסקאַ?“ ער האָט געקענט אַ גרויסע צאָל פּאָליאַקן, ער האָט געוווינט אין אַטוואָצק פערציק יאָר; וויפל זענען דורכגעגאַנגען פון

זיי דורך זיין בוכהאנדלונג און ביבליאָטעק, וועלכע ער האָט גע־פירט אין דער שטאָט אזוי לאַנג?

פלוצעם האָט ער זיך דערמאָנט אין די דראָונגען פון דער אומ־באַקאַנטער פרוי. „פארוואָס האָט זי געזאָגט וועגן דער קאלינאָוו־סקען, אז זי איז א יידישקע?" איצט האָט ער שוין גאָרנישט גישט פארשטאנען. „אויב עס איז אזוי, בין איך ארייַנגעפאלן. קיין שום פרוי, וועגן וועלכער די שכנים וויסן ווער זי איז, וועט מיר גישט דערלויבן איבערצובלייבן דאָ אפילו איין רגע. זי איז דאָך אַליין אייסגעשטעלט אויף טויט־געפאר". א שוויים איז אים געריגען אי־בערן פנים. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו דערמאָנען ביי וועלכער געלעגנהייט ער האָט געהערט דעם דאָזיקן נאָמען. דערנאָך זענען פאר אים אויפגעשווומען די ווערטער פון דער פרוי, פון וועלכע עס האָט אַרויסגעדרונגען, אַז דאָס הויז געהערט נישט צו דער קאַלי־נאָווסקען.... עמעצער האָט זיך דאָ אויפגעהאָנגען...

ער האָט דערהערט עמעצנס טריט, זיי זענען גלייך פארשוואונדן, נישט געקוקט דערויף האָט אים באהערשט א געפיל, ווי ער זאָל זיין ארומגערינגלט. ער איז געווען דעצידירט ארויסצוגיין פון דעם הויז, נאָר ער האָט מורא געהאט, אז ער וועט גלייך אריינפאלן אין די הענט פון דעם מענטשן, וואָס לויערט אויף אים אין דער פינצ־טערניש.

עמעצער האָט זיך דערנענטערט מיט א שנעלן, לעבעדיקן טראָט. פון הינטער דער וואנט האָט זיך דערהערט א פרויען־שטים, וועלכע האָט אים אויסגעזען באַקאַנט. „דאָס איז די, וועלכע איז דאָ געווען פריער" — האָט ער א טראכט געטאָן. די פרוי האָט גע־זאָגט:

— פאַני קאַלינאָווסקא, ביי אייך באהאלט זיך אויס א ייד.

— איר רעדט נארישקייטן. — אין איר שטים האָט זיך גע־פילט א ציטער און א פארלייקענונג.

— ווי גאָט איז מיר ליב! ער האָט אליין געזאָגט.

— ווער? — האָט זי איבערגעפרעגט א פארוואונדערטע.

— דער ייד.

— און צו וואָס האָט איר געפרעגט?

— ווייל דער הונט האָט געבילט.

— איר זענט שרעקלעך עמפינדלעך.

— יאָ עמפינדלעך, צי נישט עמפינדלעך — ביי אייך איז פאראן א ייד.

— איז וואָס איז אייער עסק? גייט אייך! — האָט זי אויס־געשריגן.

— און אויב ער וועט זיך אויף אייך ווארפן? — איר שטים איז געווען א רואיקע, א באהערשטע.

— גייט אייך!

— איך האָב מיינס געטאָן.

— גוט, גוט.

— פאַני קאלינאָווסקא, היט אייך.

— פאר וועמען?

— דאָס ווייס איך נישט.

אויף די טרעפ האָבן זיך דערהערט טריט. עמעצער האָט אויפ־געעפנט די טיר און אריינגעגאנגען אין דער וועראנדע. די פרוי האָט א פרעג געטאָן אין דער פינצטער:

— ווער איז דאָ?

ער איז ארויסגעקראָכן פון אונטער דער באנק און זיך אויס־געגלייכט. און פון פאָן פון שווארצן פענצטער האָט זיך אויסגע־טיילט א טונקעלע געשטאלט.

— אנטשולדיקט, פרוי...

— ווער זענט איר?

— איך בין אנטלאָפן פון אָטוואָצק.

— ווי אזוי האָט איר זיך דאָ אריינבאקומען?

— די טיר איז געווען אָפן, בין איך אריינגעגאנגען.

— אָבער ווער זענט איר?

— איך האָב מורא צו זאָגן.

— וואָס האָט איר מורא?

— איך בין א ייד.

— איר זענט געווען נישט פאַרזיכטיק.

— איך האָב געמוזט זאָגן, זיי האָבן געמיינט, אז איך בין א גנב.

— איר האָט שלעכט געטאָן.

נאָך א ווײַלע שווייגן האָט ער געפרעגט:

— איר זענט אויך א יידישקע?
— ווער האָט דאָס געזאָגט?
— די פרוי. — ער האָט אין דער פינצטערניש אָנגעוויזן אויפן פענצטער.
— איך בין נישט קיין יידישקע.
— פארוואָס זשע האָט זי אזוי געזאָגט? דאָס איז זייער געפערלעך אין אזעלכע צייטן.
— אזעלכע זענען זיי שוין. איך קען דאָ גאָרנישט העלפן. — און נאָך א ווײַלע האָט זי צוגעגעבן: — איר מוזט פונדאנען ארויסגיין.
די פרוי האָט דאָס געזאָגט מיט אן אנטשלאָסענער שטים. עס האָט זיך אים אויסגעדאכט, אז זי האָט אין דער פינצטער אפילו נישט א קוק געטאָן אויף אים.
— איך בעט אייך...
— איר מוזט פונדאנען ארויסגיין.
— איך בעט אייך...
— איר קענט דאָ נישט פארבלייבן. זיי ווייסן, אז איר זענט דאָ פאראַן.
עס האָט אין אים אויפגעבליצט א שאָטן פון האָפענונג.
— און ווען זיי וואָלטן נישט געוווּסט?
די פרוי האָט נישט געענטפערט. נאָר א פרעג געטאָן:
— ווער זענט איר?
— איך הײס קלעפפיש, יאָאַכים קלעפפיש.
— דער פון דער בוכהאנדלונג? — האָט איבערגעפרעגט די פרוי.
— יאָ.
—איר געדענקט מיך נישט?
— ניין. — און מיט א ציטער אין דער שטים: — איר קענט מיך?
— איר געדענקט מיך אויף זיכער.
— עס איז צו פינצטער. צי זענט איר א יידישקע?
— ניין.
עס איז אנטשטאנען א שטילשווייגן. דערנאָך האָט ער געפרעגט:

— צי ווייסט איר, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען?
— איך ווייס.
— איר קענט מיר נישט העלפן?
— ווי אזוי?
— איך מוז זיך אויסבאהאלטן.
— זיי האָבן אייך געזען?
— ניין.
— אָבער זיי ווייסן, אז איר זענט דאָ.
— יאָ.
— גו, זעט איר. אלע שכנים וועלן באלד דערפון זיך דער־וויסן, און דערנאָך וועט זיך שוין געפינען א וועלכער כ'איז צוטראָ־גער... — זי האָט איבערגעריסן און צוגעגעבן: — איר ווייסט וועגן וואָס איך רעד.
— יאָ.
— איר מוזט ארויסגיין.
— דאָרט שטייען זיי זיכער.
— זיכער. טאקע דערפאר מוזט איר ארויסגיין.
— דערפאר?
— זיי מוזן זען, אז איר זענט ארויסגעגאנגען.
— גוט.
— איר וועט אוועק אין וועלדל.
— איך קען אהין נישט צוריקגיין. היינט האָט מיך דאָרט עמעצער בארויבט, און מאָרגן וועט ער מיך, מעגלעך, אויסגעבן אין די הענט פון די דייטשן.
— איר וועט שפעטער צוריקקומען. זיי מוזן זען, ווי איר גייט אַוועק.
— און איר וועט מיך אויסבאהאלטן?
— קומט צוריק.
ער האָט נישט דייטלעך געזען אין דער פינצטער די קאָנטורן פון איר געשטאלט. אויפן הימל הינטער דעם פענצטער האָבן גע־פינקלט שטערן. ער האָט שוין געוואָלט אוועקגיין. דער שמועס, וועלכער איז געפירט געוואָרן שעפטשענדיק, האָט אים אָנגעפילט מיט אומרו: אַט האָבן זיך געוועקט, אַט צערונען די האָפענונגען. ער איז געוואָרן באהערשט פון ספקות און פארצווייפלונג.

— איר זענט זיכער נישט קיין יידישקע?
— צו וואָס פרעגט איר דאָס אזוי פיל מאָל?
— אין פארוואָס זאָגן זיי אזוי?
— איך גיי נישט אין קאָשציאָל, איך האָב נישט קיין הייליקע בילדער.
— אַך, אזוי. — און אין א ווײַלע ארום: — צי דארף איך אויף זיכער קומען צוריק?
— יאָ.
— אָבער איר שטעלט זיך אוים אויף געפאר.
— איך ווייס דערפון.
— צו וואָס דארפט איר דאָס טאָן צוליב דעם אַלטן קלעפּפּיש?
— מיר איז גלייכגילטיק, ווי איר הייסט.
נאָך א לענגערן וואקלען זיך, האָט ער געפרעגט:
— דאָ איז קיינער נישטאָ?
— קיינער.
— טאָ וועל איך שוין גיין.
— קומט צוריק.... אין א שעה ארום.
— עס וועט מעגלעך זיין?
— אז זיי וועלן זען אייך ארויסגיין, וועלן זיי רואיק צוריק־קערן אין זייער הויז.
אין א ווײַלע ארום האָט ער געזאָגט:
— פּאַני קאַלינאָווסקא....
— וואָס?
— צי דארף שטענדיק אזוי זיין, כדי עמעצער זאָל האָבן רו, מוז א צווייטער האָבן עגמת־נפש?
— שטענדיק.
— איר גלויבט אויך אין דעם?
— יאָ.
— דאָס איז שרעקלעך.
— אנדערש קען נישט זיין.
— איר רעדט וועגן זיך?
— יאָ.
— און איך דארף דערמיט שלום מאכן?
— איר ווייסט בעסער אין וואָס פאר א צייטן מיר לעבן.

— איר זענט זיכער נישט קיין יידישקע?

זי האָט אויפגעעפנט. ביי די טרעפ בידעריקער פון דער וועראַנדע, ווי אין אַ טאָל, איז געשטאַנען עפּעס אַ פרוי, וועלכע, דערזעענדיק אים, האָט געמאַכט אַ טראָט אויף צוריק.

— זוכט אייך ערגעץ אַנדערש אוים אַ באַהעלטעניש — האָט די קאַלינאָווסקע הויך געזאָגט — נישט ביי מיר!

— איך וועל זוכן — האָט אָפּגעענטפערט דער מאַן, נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ.

די פרוי, וועלכע איז געשטאַנען נישט ווייט, האָט זיך אומבאַוועגלעך איינגעקוקט אין דעם פאַרבייגייענדיקן מענטשן.

— ווי האָט ער געטראָפן צו אייך? — האָט זי געזאָגט צו קאַלינאָווסקען.

— איר האָט דאָך אים געקאָנט פרעגן, דאָס וואָלט קיין מי נישט געפאָדערט.

— גוט, וואָס ער איז אוועקגעגאַנגען.

— אויף אומקום.

— וואָס גייט עס מיך אָן?

— איך האָב אַזוי טאַקע זיך געטראַכט, ווען ער האָט מיר דערציילט, אַז איר האָט אים דאָ נאָכגעשפּירט.

— ווייל אַ ייד.

— איז וואָס דעריבער?

— זיי האָבן אונדזער האַר....

— צו וואָס רעדט איר דאָס?

— ווייל זיי....

— צו וואָס, פּאַני טשאַסקאָווע, רעדן וועגן דעם?

— ווירקלעך. מיט אייך איז בעסער וועגן דעם נישט צו רעדן.

— אַ גוטע נאַכט.

* *

*

— צי האָט אייך קיינער נישט געזען? — האָט די פרוי געפרעגט. זי איז געשטאַנען אין אַ טונקל ווינקל פון דער וועראַנדע, נאָענט צו דער טיר, וועלכע האָט געפירט אין דער וווינונג.

— ניין.
— זיכער?
— אַזוי דוכט זיך מיר.
זי האָט אים אריבערגעפירט פון גאַנעק אין דער וווינונג, פארמאכט די טיר און, נישט ארויסלאָזנדיק זיין האַנט פון אירער, געפירט אין די וויטערע צימערן. ער האָט שווער געאָטעמט. פאַרקוקט אין דער פינצטערניש, האָט ער דאָס פּנים פון דער פרוי נישט געזען. זי האָט געזאָגט:
— אין דעם צימער זענען פאראַן לאָדנס, אָבער איך וועל זיי היינט נישט פארמאכן.
— זיי וועלן דאָ אריינקוקן? — זיי זענען געשטאַנען מיט די פנימער צו זיך און גערעדט שעפּטשענדיק.
— ווען זיי זאָלן אפילו אריינקוקן, וועלן זיי אונדז דאָ נישט דערזען.
— און מאָרגן?
— וואָס מאָרגן?
— מאָרגן וועט איר פארמאַכן די לאָדנס?
— איך ווייס נאָך נישט. זאָלן זיי בארואיקן זייער נייגעריקייט. — און נאָך אַ רגע שטילשווייגן: — הערט, פאַניע קלעפּפיש — האָט געזאָגט די פרוי — דאָ איז קיין פענצטער נישטאָ, שטייט רואיק.
אין פירהייזל איז געווען ענג, דורך דער אויפגעעפנטער טיר האָט ער געזען אַ צימער און אין אים אַ קיד־אויוון, באַלויכטן פון לבנה־שיין. דאָס קאַלטע ליכט איז צוגעקראָכן ביז צו דער וואַנט. אַ טויטע שטילקייט האָט אויסגעפילט דאָס הויז.
— הערט — האָט זי איבערגעחזרט.
— איך הער אייך.
— איך קען אייך אויסבאַהאַלטן אונטער איין באַדינג. — די פרוי האָט גערעדט מיט אַ פאַרבלאָזער שטים.
— יאָ.
— אין דער קיך אונטער דער פּאָדלאָגע איז פאַראַן אַ קעלערל. נאָר דאָרט קען איך אייך אויסבאַהאַלטן, אָבער פון דאָרט וועט איך נישט זיין דערלויבט אַרויסצוגיין.
— גוט.

— נישט בייטאָג, נישט ביינאכט.
— גוט.

ער האָט געענטפערט נישט דעצידירט, פארקוקט אין דעם פּנים, וואָס איז געווען איינגעהילט אין פינצטערניש. ער האָט זיך געוואָלט פאָרשטעלן די שטריכן פון דעם געזיכט.

— עס וועט אייך זיין שווער — האָט געזאָגט די פרוי.

— איך ווייס. — און ער האָט צוגעגעבן — און אפשר איז נישט כדאי?

— וואָס איז נישט כדאי?
— צו ליידן און צו מאַטערן זיך.
— איך קען דערויף נישט ענטפערן.

ביידע זענען אנטשוויגן. דערנאָך האָט דער מאַן זיך אָפּגערופן נישט זיכער:

— כ'וואָלט אייך געוואָלט עפּעס זאָגן.
— איך הער.
— איך האָב נישט קיין געלט.
— איך האָב אייך וועגן דעם נישט געפרעגט.
— אָבער איך מוז אייך דאָס זאָגן.
— איך האָב אייך דאָך נישט געפרעגט.
— איך פארמאָג גאָרנישט. דאָס לעצטע העמד האָט ביי מיר צוגענומען היינט איינער אַ מענטש. בלויז דאָס איז מיר פאַרבליבן. — ער האָט אין דער פינצטער אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן פוטער.

— ער וואָלט געקאָנט אויך דאָס צונעמען.

— ער האָט מורא געהאַט. ער האָט דאָס נישט געוואָלט טאָן בייטאָג. געשראָקן זיך פאַר פראגן.

— דאָס פוטער וועט אייך צונוץ קומען.
— איר מיינט, אז מען וועט עס קענען פארקויפן?
— ניין, איר וועט האָבן אויף וואָס צו שלאָפן.
— א דאנק אייך.

זי איז ארייננעגאנגען אין קיך. ער האָט געהערט, ווי עס האָט א סקריפּע געטאָן די טיר. די טריט פון דער פרוי האָבן זיך דער

וויטערט. אינגיכן איז זי צוריקגעקומען און אין דער פינצטער אים דערלאַנגט א שטיקל ברויט.

— זעצט אייך.

— איך זע נישט.

— דאָ איז פול מיט בראָכוואַרג. באַלד, רירט אייך נישט.

זי האָט ארויסגעשלעפט פון ווינקל א טאַבורעט און צוגערוקט נעענטער צו אים. ער האָט זיך אוועקגעזעצט.

— דאָס איז אייער הויז?

— ניין. איך האָב די וווינונג געדונגען.

— דער באַלעבאָס וווינט דאָ?

— ניין.

— צי קומט ער אינגאַנצן נישט אהער? — ער האָט גערעדט מיט א שטילן ציטערדיקן שעפטש. פון יעדן וואָרט האָט געווייעט מיט אומעט.

— ער קומט.

— וואָס וועט דעמלט זיין?

— גאָרנישט. ער וועט אייך נישט זען.

— און אויב ער וועט יאָ דערזען.

— איך האָב אייך שוין געזאָגט, איר טאָרט פון קעלער נישט ארויסגיין.

— גוט.

ער האָט געגעסן איינקוקנדיק זיך אויפמערקזאַם אין געזיכט פון דער פרוי. זי איז געשטאַנען פאַר אים אומבאַוועגלעך, פאַרשטעלנדיק מיט זיך אויף א העלפט די טיר, וועלכע האָט געפירט אין קיך אריין.

— דאָ קומט קיינער נישט? — האָט ער געפרעגט.

— איך אַרבעט א גאַנצן טאָג, איך פאַרשליס די טיר, ווען איך גיי ארויס.

— צי קען איך פרעגן ווו איר אַרבעט?

— אין פאַרשידענע הייזער. איך לערן קינדער.

— עס איז אייך מסתּמא שווער?

— שווער.

— איר קענט מיך?

— איך פלעג קויפן ביי אייך ביכלעך.

— מיך קענען פיל מענטשן פון אָטוואָצק און פון דער אומ־געגנט. איך האָב די בוכהאַנדלונג געהאַט, מיין ליבע פרוי, נאָך פון 1909.

— איר געדענקט מיך נישט?

— טויזנטער מענטשן...

אין דער שטילקייט, וועלכע איז אנטשטאַנען, האָט די פרוי געזאָגט:

— איר האָט געהאַט א פאמיליע.

— איר האָט זי געקענט?

— אייער פרוי געדענק איך.

— זי לעבט נישט.

— און די קינדער?

— מסתמא לעבן זיי.

— וואָס הייסט „מסתמא"?

— איך וויים, אז צוויי זענען פון יאָר 1940 אין ראַטנפאַר־באַנד און איינס אין וואַרשע.

— אין געטאָ?

— ליידער.

— און איר האָט נישט קיין ידיעות?

— איך האָב געשיקט ביכלעך, בריוו.

— איך געדענק אייער טאָכטער.

ער איז פּלוצעם לעבעדיק געוואָרן. עס האָט זי איבערראַשט די פרייד, מיט וועלכער האָט ארויסגעזאָגט די ווערטער:

— וועגן וועלכער רעדט איר?

— וועגן חוהן.

— איר האָט זי געקענט? חוה... איר האָט געקענט חוהן... זי איז אין געטאָ.

— איך האָב זי געקענט.

— מיין חוה... — און אין א ווײַלע ארום האָט ער געפרעגט:

— און אייער פאמיליע?

— איך האָב נישט קיין פאַמיליע.
— כ'האָב אייך נישט געוואָלט ווי טאָן, אנטשולדיקט.
— איר האָט מיר נישט ווי געטאָן.

*   *
*

דאָס קעלערל איז געווען א פינצטערס, אָן פענצטער. מען איז אראָפּגעגאנגען אין דעם אויף דריי הילצערנע טרעפּלעך, נאָך דעם, ווי מען האָט אויפגעהויבן דאָס דעקל, וואָס האָט פארמאכט די עפענונג. עס איז געווען נישט קיין גרויס. ווען ער האָט עס אויפגעעפנט צום ערשטן מאָל, האָט א זעץ געטאָן פון אינעווייניק א פארדומפּענע לופט, א פוילער ריח פון צעלייגונג. אין דער קאַרגער לבנה־שיין האָט ער דערזען אויפן באָדן א ביסל קארטאָפל און א בערגעלע קוילן. עטוואָס נעענטער צו די טרעפּ איז געשטאַנען אזא מין גרויסער טאָפּ. ער איז שטיין געבליבן, מורא האָבנדיק זיך א ריר צו טאָן פון אָרט.

— האָט נישט מורא. — זי איז געשטאַנען ביים אריינגאנג אין דער הייך, אָנגעבויגן, ווי זי זאָל וועלן מיט דער באַוועגונג פון איר קערפּער אים צוגעגעבן מוט.

— איך האָב נישט קיין מורא.

— לייגט אוועק דאָס פוטער אָט דאָרט, אין ווינקל. דאָרט איז נאָך פאַראַן א שטיקל פּלאַץ.

פּלוצעם האָט אים ארומגענומען א שרעק פאר דער שווארצער וואנט, אין וועלכער ער האָט זיך אָנגעשלאָגן. זי איז געווען שאָרסטקע און פייכט.

— איך האָב נישט קיין מורא — האָט ער איבערגעחזרט און נישט דערקענט זיין אייגענע שטים.

ער האָט אויסגעטאָן דאָס פוטער און אין דער פינצטער אויסגעשפּרייט אויף דער ערד, דערנאָך האָט ער זיך אויסגעצויגן. ער האָט די פרוי נישט געזען, אָבער ער האָט געפילט איר אָנוועזנהייט. מיט אַ פאַרשטיקטער שטים האָט ער געזאָגט:

— פּאַני קאַליגאָווסקא... ער האָט איבערגעריסן דעם זאַץ, די פרוי האָט געוואַרט. — פּאַני קאַליגאָווסקא — האָט ער איבערגעחזרט.

— איך הער אייך.

— איך שעם זיך דאָס צו זאָגן, אָבער איר האָט מיך גע־וואָרנט, איך זאָל נישט ארויסגיין....

— ס'איז נישט דערלויבט.

— אָבער איך וועל מוזן.... איר פארשטייט.

— איך וועל ברענגען אַן עמער.

— אזוי, איך פארשטיי. אָבער איר האָט געזאָגט, אז מיר איז נישט דערלויבט ארויסצוגיין.

— איך האָב אזוי געזאָגט.

— דעם עמער וועט מען דארפן ארויסטראָגן. איר פאר־שטייט....

— מען וועט דארפן.

— זעט איר שוין.

— ס'איז נישט ווייט. איך וועל עס אַרויסטראָגן. דאָס שטע־לעכל געפינט זיך נישט ווייט פון הויז.

— איך קען דערויף נישט איינגיין.

— איך אויך נישט, אָבער אַזוי וועט זיין.

מיט א טיפן זיפץ האָט ער אראָפּגעצויגן פון זיך די מארינאר־קע און, אוועקזעצנדיק זיך אויפן פוטער, האָט ער אָנגעהויבן אויפ־שפיליען די שיך.

— איך ווייס נישט, ווי אזוי אייך אָפּצודאנקען.

זיצנדיק אויפן פוטער, האָט ער געזען, ווי זי שטייט אָנגע־בויגן איבער דער עפענונג. דערנאָך האָט זי געזאָגט „א גוטע נאכט", אַ צי געטאָן דאָס דעקל און פּאַמעלעך דאָס אַראָפּגעלאָזט איבערן אריינגאנג. א פינצטערניש האָט אים ארומגענומען. ערגעץ אין א ווינקל האָט זיך אראָפּגעשיט די ערד. פון דער הייך זענען צו אים דערגאנגען די טריט פון קאַלינאָווסקאַן. עס האָט זיך אים געדאכט, אַז ס'האָט א סקריפּע געטאָן א צעעפנט פענצטער, אַ קייטעלע האָט זיך צעהוידעט. ער האָט געהערט דעם קלאַנג פון א שיסל, פון זיך גיסנדיקן וואסער. קאַלינאָווסקע האָט עפּעס אוועקגעשטעלט אויף דער פּאָדלאָגע, זי איז ווידער געגאנגען איבער די צימערן. א געווי־

סע צייט האָט זי זיך געדרייט ארום דעם קעלער־טירל, דערנאָך איז אנטשטאנען א טויטע שטילקייט.

ער איז געלעגן אויפן פוטער, האלב אָנגעטאָן, אָן די שיך, אינ־גאנצן אַן אויסגעשעפּטער, אָבער פריי פון שרעק. ער האָט נישט מורא געהאט עס זאָל געשען עפּעס אומגעריכטס. ער האָט זיך געפילט דאָ זיכער, אין דער דאָזיקער פינצטערניש, וועלכע איז גע־ווען דורכגענומען מיט א ריח פון פוילעניש. ער האָט געטראכט וועגן דעם, וואָס ס'איז געשען, נאָר ער האָט נישט קיין סך פאר־שטאנען. ער האָט זיך דערמאָנט, ווער עס איז די קאליגאָווסקא, ער האָט זיך עס דערמאָנט אין דעם מאָמענט, ווען זי האָט געזאָגט, אז זי לערנט קינדער. עס איז געווען אזא לערערין אין די מיטעלע יאָרן מיט א כמורנע, עטוואָס געקנייטשטע געזיכט און שווארצע, גלאַט־פארקעמטע האָר, צעטיילטע אין סאמע מיט פון קאָפּ מיט א פינקטלעכן שרונט. ער האָט זי שוין לאנג נישט געזען. „ווען איך זאָל זיין אַ גלויביקער — האָט ער געטראכט — וואָלט איך אין דעם געזען א באַשערטע זאך. א לערערקע, וועלכע האָט אמאָל גע־קויפט ביי מיר ביכער, העלפט מיר זיך אויסצובאַהאַלטן". ער האָט זיך באמיט צו דערגיין, ווי האָס איז געשען, וואָס ער האָט גע־טראָפן אקוראט אהער. „איך ווייס פון איר גאָרנישט". ער האָט זיך איבערגעדרייט אויף א זייט. „וואָס ווייסן מיר וועגן מענטשן?"

הארט נעבן אים האָט ארויסגעשטארצט א שטיק מויער, א שאָרסטקע ציגל־מאסע, וועלכע האָט זיך געקרישלט ביי דעם מינדסטן באריר. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט איבערגעלעבט אזא שטילקייט. זי צעשווימט זיך נישט, נאָר בלייבט געדיכט און קאָנ־צענטרירט. זי שפּרייט זיך נישט פאנאנדער, פארשווינדט נישט, ווי אין דעם פאַל, ווען אין חושך פון דער נאכט טוט פּלוצעם א סקריפּע אן אלטע הילצערנע פּאָדלאָגע, אָדער עס טוט זיך א רוק אַראָפּ אַ ברעטל אין שאַפע, צי אַ פליגעלע טוט אין בלינדן פלי זיך א שלאָג אָן אין דער שויב און פאלט ווידער אראָפּ אויפן פא־ראפעט פון פענצטער.

א פליג האָט זיך וואגזיניק צעזשומעט, עמעצער איז אַדורך נעבן פענצטער, די ערד האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, אַ בלאַט האָט א רויש געטאָן, פון די סאָסנעס זענען געפאלן נאָדלען. עס

האָט זיך געהערט דאָס שאָרכן פון הייסן זאמד. אַ מאַטאָווער אייז־אָגוווקס האָט זיך געזען אויף די יאַנואַר־שויבן...

— גיב אָפּ דעם פוטער — האָט געזאָגט א מענטש, וועלכער האָט זיך צו אים באוויזן אין שלאָף. ער האָט אים האסטיק א צי געטאָן צו זיך און זיך פארטיידיקט: — ער איז מיר נייטיק. — צו וואָס? — איך שלאָף אויף אים. — אויפן פוטער? — יאָ. — דאָ, אין דעם גרוב? — ניין, ביי דער פרוי קאַלינאָווסקא.

ער האָט זיך צעוועקט אַן איבערגעשראָקענער, א פארשוויצ־טער. עס האָט זיך אים אויסגעדאכט, אז ער האָט פארבלאָנדזשעט אין אַן אומבאַקאַנטער געגנט. ער האָט זיך אָנגעהויבן איינהאָרכן. „איך האָב זיכער געשריגן“.

ער איז אָן אויפהער אַריינגעפאַלן אין שלאָף און זיך איבער־געוועקט. אַרום האָט אַלץ געהערשט אַ שטילקייט. ער האָט נישט געוויסט, וועלכע שעה עס איז. ער האָט זיך פארגעוואָרפן, הלמאי ער האָט זיך נישט צוגעהאָרכט צו די טריט פון קאַלינאָווסקאַן. „איך וויים גישט, צי ס'איז נאָך נאכט, צי שוין טאָג“. דערנאָך האָט זיך אים אויסגעדאכט, אז עפּעס באוועגט זיך, אָבער דאָס איז נישט געווען פון אויבן אין דער וווינונג. עמעצער איז געקראָכן לענגאויס דער וואַנט, געריבן זיך ביי איר. יאָ... דאָס איז געווען זייער דייט־לעך: עמעצער האָט לייכט און גערולדיק אַ קלאַפּ געטאָן אין וואַנט. דאָס קלאַפּן האָט זיך איבערגעדוקט, דערווייטערט און ווידער זיך דערנענטערט. „מען זוכט“. דערנאָך האָט זיך דערהערט דאָס מע־קען פון אַ ציג, דייטלעך, הויך, ווי אָפּשפּעטעריש. „עס איז שוין טאָג“. ער האָט דערהערט דעם סקריפּ פון דער פּאָמפּע, דעם ערשטן קלינגעוודיקן פליוסק פון וואסער אין דנאָ פון עמער, דערנאָך שוין דאָס דערשטיקטע בולבען, ווען דער שטראָם מיט געדעמפּטן שאָרך פילט אָן די כלי מיט אַ ברייטן גאָס. דער דאָזיקער קלאַנג איז גע־וואָרן איבערגעריסן צוזאמען מיטן טומלדיקן געוויש פון דער פּאָמ־פּע. זי איז ווארשיינלעך צעשרויפט און שאָקלט זיך אין באַנוץ. עס זענען צו אים דערגאַנגען שטימען, אויסגעשרייען, ווי ער זאָל ליגן אונטער אַ פלאַכן שיכט מיט אויגן פאַרשאָטענע פון זאַמד. „און אזוי, און אזוי בין איך באגראָבן“. א הונט האָט זיך צעבילט. „איך בין גאָרנישט זיכער, צי קיינער האָט מיך נישט באמערקט, קאַלינאָווסקא וועט באצאָלן מיטן לעבן“. ער האָט זיך אויפגעהויבן

און טאפנדיק אָפּגעפּונען אין דער פינצטער א טרעפּ; ער האָט זיך איינגעקוקט אין דעם טירל איבערן קאָפּ. עס איז געווען ארומגענו־מען מיט א דינעם קוואדראט פון ליכט.

דאָרט איז געווען שטיל.

עטוואָס שפּעטער האָבן זיך פון אויבן דערהערט טריט און צו־זאמען מיט זיי ווערטער פון א געשפּרעך. דאָס זענען געווען צווישן פון ווערטער: פאַרקריפּלטע און ווי פון אַן אַנדער וועלט, זענען זיי דערגאַנגען אָהער ווי אַ גישט דייטלעכער צופלוס פון קלאַנגען, דער־שטיקטע פון דער וואנט, פון דער ערד, פון דער פינצטערניש. איינ־האָרכנדיק זיך, האָט ער אומזיסט זיך אָנגעשטרענגט אויפצוכאַפּן זייער אינהאלט און זין. אינצווישן האָבן די טריט אויפגעהערט, קיי־נער איז דורכן צימער נישט דורכגעגאנגען, אָבער דאָס געשפּרעך האָט זיך ווייטער געפירט. ער האָט נישט געוווסט וואָס צו טראכטן וועגן דעם אַלץ. ער האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם, כדי צו קענען דערהערן כאָטש איין וואָרט, וואָס זאָל אים דערמאָנען קאַלינאָווו־סקאס שטים. עס איז געווען שטיל, און ער איז געווען זיכער, אז דאָס איז שוין אויף א לענגערער צייט. נאָר פּלוצעם האָט א קלאַפּ געטאָן א לאָדן, א קייטל האָט א קלינג געטאָן און ס'איז ווידער געוואָרן שטיל.

ווען קאַלינאָווסקא האָט אויפגעהויבן דאָס טירל איז ער געווען פארוואנדערט פון דער פינצטערניש, וועלכע האָט געהערשט פון אויבן. ער איז געווען זיכער, אז ס'איז א העלער טאָג, ער האָט דער־ווארט צו דערזען דאָס פּנים פון דער פרוי, אירע אויגן, און דאָ האָט איר געשטאַלט זיך באוויזן ביים ארייננאנג ווי א טונקעלע מאסע.

צושפּאַרנדיק זיך צום ווינקל, האָט ער געווארט.

— פּאַניע קלעפּפיש — האָט זי אים שעפּטשענדיק גערופן.

— וואָס איז?

— קומט צו נעענטער.

— וואָס איז דאָ פאָרגעקומען?

— וואָס?

— די שטימען — און ער האָט צוגעגעבן: — פאַרוואָס איז דאָ אַזוי פינצטער?

— ס'איז נאכט.

— נאָך אַלץ נאכט?

— ס'איז שוין נאכט. קומענדיק אהיים האָב איך געוואָלט א קוק טאָן צו אייך, נאָר מיין שכנטע...

— זי ווייסט עפּעס?

— זי וויל וויסן.

— זי האָט זיך געפרעגט?

— זי איז געשטאנען די גאנצע צייט ביים פענצטער און גע־שמועסט מיט מיר.

— וועגן מיר?

— ניין, אזוי זיך. זי שטויסט זיך עפּעס אָן — האָט קאלי־נאָווסקאַ צוגעגעבן אינדערשטיל.

— אויף וואָס פאר א סמך מיינט איר דאָס?

— היינט האָט זי פארקוקט דורך דעם פענצטער, מאָרגן וועט זי אריינקומען אין דער וווינונג.

— פּאַני קאלינאָווסקא... — אין זיין שטים האָט זיך געפילט אַן אומרואיקייט — פּאני קאלינאָווסקא....

— דערויף איז נישטאָ קיין עצה.

— זי וועט פארקוקן אויך אהער? — ער האָט ארומגעקוקט אין דער פינצטער דאָס קעלערל.

— איך וועל נישט דערלויבן. אָבער אין דער וווינונג מוז זי אריינקומען.

— צו וואָס?

— איך וועל דאָך איר נישט פארבאָטן זי זאָל אריינקומען צו מיר. — אין א ווייל'ע ארום האָט זי צוגעגעבן: — קומט ארויף:

— מען קען?

— איך האָב פארמאכט די לאָדנס.

ער איז ארויסגעגאנגען פון קעלער. א רגע איז ער געשטאַנען אָנגעשפּארט מיט די הענט אין דער פּאָדלאָגע. ער האָט זיך מיט מי אויסגעגלייכט.

— צי איז אייך עפּעס באַוווסט?

— וועגן וואָס?

— וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען? — ער האָט מיט דער האנט א פיר געטאָן אין דער פינצטערניש.

— איר ווייסט דאָך...

— און ס׳איז קיין שום נייעס נישטאָ?
— ניין.
— איר זענט דאָרט געווען?
— אזוי זאָגט מען.
ער האָט זיך ארומגעוואַשן, אין דער פינצטער אָפּגעגעסן. ער האָט שוין געוואָלט צוריקגיין אין קעלער, ווען קאַלינאָווסקא האָט צו אים געזאָגט:
— נעמט ארויף דאָס פוטער אין דער הייך.
— נאָכוואָס?
— ביינאכט קענט איר בלייבן דאָ.
— און אויב עמעצער וועט אָנקלאַפּן?
— וועט איר אראָפּגיין.
— און דורך די שפּארעס אין די לאָדנס קען מען נישט באַמערקן?
— ניין.
ער האָט א פרעג געטאָן נישט זיכער:
— צי דארף איך אזוי טאָן?
— איך ראָט אייך גוט. איר דארפט האָבן א ביסל לופט.
ווען קאַלינאָווסקא האָט שוין געוואָלט אוועקגיין, האָט ער געזאָגט:
— אין משך פון טאָג האָב איך געהערט, ווי עמעצער גייט ארום דער שטוב.
— ווו?
— דאָס ווייס איך נישט, נאָר איך האָב געהערט.
— דאָס איז זיכער די שכנטע — האָט קאַלינאָווסקא געזאָגט.
— פונוואנען ווייסט איר?
— איך בין זיך משער.
— מיר האָט זיך געדאכט, אז עמעצער קלאַפּט.
— דאָס איז איר ציג. איצט וועט די משאַסקאָווא אַלץ עפּעטער זיך דרייען ארום דער שטוב. איר מוזט זיין פאָרזיכטיק.
אין א ווײַלע ארום האָט ער געפרעגט:
— צו וואָס גייט עס איר אזוי אין לעבן?
— וואָס?
— מיך אויסצושפּירן.

— צו וואָס? — האָט די קאַלינאָווסקאַ איבערגעחזרט און אַנטשוויגן.

— יאָ, צו וואָס?

— דאָס ווייס איך נישט.

— אין נאָמען פון וואָס? פאַרוואָס? זאָגט מיר, פאַרוואָס?

— איך ווייס נישט.

— צי איז נאָך ווייניק, וואָס די דייטשן הרגענען אונדז?

— זעט אויס, אַז פאַר טשאַסקאָווען איז דאָס נישט גענוג.

— און ווי איז איר מאַן.

— ענלעך צו דעם ווייב.

— זיי זענען דאָך זיכער גלויביקע מענטשן?

קאַלינאָווסקע האָט אַ לאַך געטאָן.

— איז וואָס דערפון געדרונגען — האָט זי געזאָגט.

— איך פאַרשטיי — האָט ער אָפּגעענטפערט זייער שטיל.

— איר פאַרשטייט גאָרנישט.

— מיר דאַכט זיך, אַז איך פאַרשטיי.

— וואָס פאַרשטייט איר?

— אַז דאָס אַלץ איז נישט מער ווי אַ געוווינהייט, אַ ריטואַל, אַ פאָרם אָן אינהאַלט.

— מעגלעך.

— קיינער פאָדערט דאָך נישט פון זיי קיין דרייסטקייט, קיין מסירת־נפש.

— ניין.

— צי סטייעט זיי נישט קיין דרייסטקייט פון בלויז אָפּווענדן די אויגן, פון נישט זען?

— ווייזט אויס.

— איר רעדט נישט גערן וועגן דעם. איך פיל עס.

— יאָ.

— פאַרוואָס?

— דאָס וועט אונדז גאָרנישט געבן.

— מען קען מענטשן איבערצייגן.

— איך וועל דאָס נישט טאָן.

— ניין, פאני קאלינאָווסקא, איר וועט דאָס נישט טאָן. איך טראַכט מיר נאָר אַזוי, איך וויל מיר אַליין אויפקלערן זייער שכל דערביי.

— רעדט נישט וועגן דעם, וואָס איר קלערט.

— פאַרוואָס?

— איך וויל נישט ויסן וועגן וואָס איר קלערט.

* *
*

אין די נעכט, נאָכן פאַרמאַכן די לאָדנס, פלעגט ער ארויסגיין פון קעלער, שלעפנדיק נאָך זיך דעם פוטער. אין פולשטענדיקער שטילקייט האָט ער זיך געזעצט ביים קיך־טיש, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען צוגעגרייט פאַר אים עפּעס א מאכל, ער האָט שווייגנדיק אָפּגעגעסן און גלייך זיך געלייגט שלאָפן.

דער שלאָף איז געווען אַ שטאַרקער און טיפער, כאָטש דער מינדסטער שאָרך, וואָס איז אַנטשטאַנען אין דער נאַכט־שטילקייט, האָט אים ארויסגעריסן פון אָפּגרונט. ארום דעם הויז איז ארומגעלאָפן א הונט, ער האָט געהערט, ווי ער האָט מיט דער לאַפּע געדראפּעט די ווענט, ווי די חיה וואָלט וועלן אריינדרינגען אין צימער, וואָס איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט געדיכטער פינצטערניש. עפּעס א פויגל איז דורכגעפלויגן, רוישנדיק מיט די פליגל, און דאָס גערויש איז פאַרבליבן לעבן אים, נישט אין אים, נישט אין די אויערן, נאָר אויפן קאָפּ, דריקנדיק מיט א ווייטיקלעכער משא. מענטשן זענען דורכגעגאַנגען, אָפּגעשטעלט זיך, און ער האָט פאַרנומען געמורמלען און געהיימניספולע געדעמפּטע קלאַנגען פון שטימען. ער האָט מורא געהאַט, ער זאָל צומאָל נישט א געשריי טאָן אין שלאָף. דאָס פּנים איינגעטוליעט אין פוטער, די האַנט אויפן קאָפּ, ווי ער זאָל זיך פאַרשטעלן פון אַ קלאַפּ, איז ער געלעגן צוגעדריקט צו די שיטערע האָר, פון וועלכע עס האָט זיך געפילט דער שאַרפער ריח פון פעל און פוילנדיקן שמאָף. ער האָט געהאַט אויסטערלישע חלומות, ער איז ארומגעגאַנגען איבער דער שטאָט, באַזוכט באַקאַנטע ערטער. איינמאָל האָט ער דערזען זיך אַליין הינטער דער סטאַיקע פון דער נישט עקזיסטירנדיקער בוכהאַנדלונג, אין

דעם טייל פון לאָקאַל, ווי עס האָט זיך געפונען די אויסליי־ביבליאָטעק. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן די קאַטאַלאָגן, איינגעבונדן אין שוואַרצער צעראַטע, די העפטן מיט דעם אויסגעשניטענעם אויף די ברעגן פון די זייטלעך רויטן אלף־בית. ער איז געשטאַנען און געוואַרט. די טיר פון דער בוכהאַנדלונג, וועלכע האָט זיך געפונען אויפן ראָג פון דער גאַס פונקט אנטקעגנאיבער דעם וואָקזאַל, איז געשטאַנען אויפגעפּראַלט. ער האָט פאַר גאָרנישט נישט מורא געהאַט. ער האָט געוואַרט אויף די לייענער. דורך דער גאַס זענען געגאַנגען טויזנטער מענטשן, ער האָט זיי געזען דורך דער אָפענער טיר, אָבער קיינער פון זיי איז נישט אַריינגעגאַנגען אינעווייניק. עס האָט זיך דערהערט אַ פייף פון אַ באַן, ער האָט באַמערקט די זיך באַוועגנדיקע וואַגאָנען און פּלוצעם איז די גאַס געוואָרן פּוסט, ער איז געבליבן אַליין... ער האָט זיך איבערגעוועקט מיט פּחד אין האַרץ. ער האָט זיך אויפגעזעצט אין דער פינצטער און זיך איינגעקוקט אין דער טיר, וועלכע האָט געפירט אין צווייטן צימער, ווו כ׳איז געשלאָפן די פרוי קאַלינאָווסקאַ. ער האָט געהערט איר שווערן כראָפּענדיקן אָטעם.

די נאכט האָט זיך קיינמאָל נישט געענדיקט. באַגינען האָט ער צוריקגעקערט אין פינצטערן, דושנעם קעלערל, ער האָט געהערט ווי קאַלינאָווסקא האָט אויפגעעפנט די לאָדנס, דערנאָך האָט זי זיך אַרומגעדרייט איבער דער קיך, און צום סוף איז זי אַוועקגעגאַנגען. אירע טריט איבער דער וועראַנדע זענען געווען דער לעצטער סיגנאַל, וועלכע האָבן אָנגעזאָגט דאָס אַוועקגיין פון דער נאכט. אין דער פינצטערניש, אין דער פולער איינזאַמקייט, האָבן אָנגעהויבן אויפצוקומען זכרונות. זיי זענען געקומען ווי פון דרויסן, פון אַן אָפּגעזונדערטער וועלט, געפינענדיק אין אים אַ באַקוועם אָרט, און מיט אַ טונקעלן שטראָם אַריינגעדרונגען אין זיין פאַרמאַטערטן געדאַנק. אַ וואַנדערנדיקער רעפלעקטאָר, וועלכער האָט געשפּרייט אַ נאָך טיפערע טונקלקייט, האָט געוואָרפן אַ פאַרכמורעטע שיין אויף זיין לעבן, וואָס איז געווען גענוג לאַנג, ער זאָל קענען אויפדעקן אין דעם די יאַטערנדיקע ביטערניש. „זי וועט מיך אויפהאַלטן ביים לעבן — האָט ער געטראַכט — די דאָזיקע ביטערניש וועט מיך פאַראייניקן מיט די, וועלכע זענען שוין אַוועק“. פון דער טונקלקייט האָבן זיך פאַר אים אויסגעשיילט פּנימער פון נאָענטע

און טייערע געשטאַלטן, ער האָט געהערט באַקאַנטע שטימען, עס האָבן אויפגעלעבט פּאַסירונגען, געשעענישן, בילדער, וועלכע האָבן זיך קעגנזייטיק דורכגעדרונגען מיט דער הילף פון אומפאַרשטענדלעכע אַסאָציאַציעס, וועלכע האָבן ביז איצט נישט עקזיסטירט. אַרומגערינגלט פון זיי, האָט ער זיך געמאַטערט און געפּייניקט, אָבער ער האָט דאָך נישט געוואָלט איבעררייסן מיט די זעונגען, וועלכע האָבן געשימערט אונטער זיינע געשלאָסענע ברעמען. די דאָזיקע פּיין האָט אים געבראַכט אַ פאַרלייכטערונג און ער איז נעגאַנגען נאָך דער דאָזיקער וויזיע, וועלכע האָט זיך געטרונקען אין שטראָם פון דעם דאָזיקן שוואַרצן רעפלעקטאָר. צייטנווייז, אין מינוטן פון פאַרצווייפלונג, האָט ער געזאָגט צו זיך: „קער זיך אים", נאָר אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך אַליין געפרעגט: „וווהין"? אַ שפע פון געשטאַלטן האָבן אים באַלאַגערט, מענטשן פון לאַנגשוין פאַרגעסענע, אויסגעמעקטע פון זכרון, מענטשן פון די ווייטסטע צייטן, ווען נאָך זייענדיק אַ קליין ייִנגל האָט ער זיך אַרומגעשלעפט איבער דער סטאַוקע-גאַס, וווּ עס האָבן געוווינט זיינע עלטערן, דערשלאָגענע בעלי-מלאכות, דערדריקטע פון נויט.

ער האָט זיך באַמיט פאַנאַנדערקלייבן אין די אומדערוואַרטע דערשיינונגען, אַרויסגערופענע דורך נישט געאָרדנטע אַסאָציאַציעס. ער האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען דעם נאָמען פון זיין ערשטן לערער, אין דער צייט ווען ער האָט אויסגעצייכנט געדענקט די בין-השמשותן, אין וועלכע עס זענען פאָרגעקומען זיינע לעקציעס. ער האָט געדענקט דאָס בילד, וואָס ער האָט דעמאָלט געזען דורך דעם פענצטער, דעם אומדערטרעגלעכן ריח פון דער רער, וועלכע האָט דורכגעשניטן אין דער קרום די וואַנט פון קליינעם צימער. פון די אייזן-קראָמען, וווּ ער האָט פּראַקטיצירט אַלס לערן-ייִנגל, האָט ער פאַרגעדענקט זיינע באַלעבאַטים, וועלכע האָבן באַזיצט אַ נישט דורכשניטלעכע פיזישע גבורה און צוזאַמען מיט די פירמאַנעס, וועלכע האָבן געבראַכט פאַר זיי די סחורה, געשלעפּט די משאות. אין די דערמאָנונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט זענען אויך געווען חברים, געהיימע קורסן, אַן אָוונט-שול. זעט אויס, אַז צו יענער צייט איז ער „קראַנק געוואָרן" — אַזוי האָט מען עס אָנגערופן אין שטוב. ער האָט גאַנצע נעכט געלייענט, געלערנט זיך, אויפגעהערט צו דאַווענען, מ'האָט אים פאַרשאָלטן. אין עפּעס

אַ פינצטערער, פאַראומערטער ביבליאָטעק האָט אַ הויך מיידל מיט אַ ווייס=ראָזעווע פּנים אויסגעקליבן פאַר אים ביכער, וועלכע זענען לויט איר מיינונג געווען די סאַמע שענסטע... ווען האָט ער זי געזען צום לעצטן מאָל?

אויף דער שווינטאָקזשיסקע האָט ער געאַרבעט אין אַ בוכהאנדלונג. דאָס איז געווען אַ טונקעלע לאַנגע קראָם פאַרוואָרפן מיט דרוק=זאכן, אלטע ספרים, מיט אנטיקע ביכער געזוכטע דורך מענטשן, וואָס זייערע נעמען זענען אים געווען באַקאַנט — ער האָט געלייענט זייערע שאַפונגען...

פאַמעלעך איז ער אריינגעדרונגען אין דער דאָזיקער איינציקער, אויסנאמלעכער וועלט, וועלכע איז פול מיט שטילקייט און אָנגעזעטיקט מיט דעם נישטיקן ריח פון שטויב. צווישן די פאָליצעס פארשטאָפּטע מיט דרוק=זאכן, ביים טונקעלן ליכט אין שמאָלן דורכגאַנג צווישן דער סטאָיקע און די שטויסן ביכער, זענען אים פארביי אַ צענדליק יאָר, וועלכע ער האָט נישט געוואָלט און נישט געקאָנט פארגעסן. ער איז אליין געוואָרן דורכגענומען מיטן ריח פון ביכער, אויסער זייער שטילקייט, האָט ער די וועלט נישט געזען.

ער האָט געפינט אין אָטוואָצק די ערשטע בוכהאנדלונג און ביבליאָטעק, אָנגעשטעקט אנדערע מיט זיין קרענק, אָן אָנשטרענגונג דערקענט די נאָכגיביקע, די, וועלכע באַגערן צו שטייגן אויף יענער הייך, וועלכע ענדיקט זיך קיינמאָל נישט. איבער אָנפּאַנגער האָט ער געהאַט די השגחה אַזוי לאַנג, ביז זיי האָבן זיך אויסגעלערנט זעלבשטענדיק צו לייענען.

וויפל זענען אַזעלכע געווען? אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע האָט ער געטראָפן עפּעס אַן אויסגעמאָגערטן מענטש, וועלכער האָט אים אויסגעזען צו זיין פיל עלטער פון אים. דער אומבאַקאַנטער האָט אים פאַרהאַלטן אויף דער גאַס און געפרעגט, צי ער הייסט נישט קלעפּפּיש.

— יאָ, דאָס בין איך.

ער האָט געקוקט אויף דעם אומבאַקאַנטן, וואַרטנדיק אויף ווייטערדיקע פראַגן.

— איר דערקענט מיך נישט?

— ניין.

— איך האָב דאָך געגומען ביי אייך ביכלעך.

— איך געדענק נישט — האָט ער אָפּגעענטפערט, כאָטש אין יעדן דירכגייער וואָלט ער געקאָנט זען זיינעם אַ לייענער.

— און די פרוי?

— זי לעבט נישט.

— אנטשולדיקט, איך האָב אייך נישט געוואָלט וויי טאָן.

— עס שאדט נישט. זי איז גליקלעך. — דער אומבאקאנטער האָט אויסגעזען צו זיין זשעגירט פון זיין ענטפער, ער האָט הערי־בער צוגעגעבן: — זי איז געשטאָרבן נאָך פאר דער מלחמה.

— אך, אזוי.

אין זיין זכרון זענען אויפגעקומען די איינוווינער פון שטאָט און פון די נאָענטסטע געגנטן, די געסט, וועלכע זענען געקומען נאָר אויף פרילינג, זומער, אָדער הארבסט. די בוכהאנדלונג און ביבליאָטעק האָבן אָפט באזוכט אזעלכע מענטשן, וועמענעס גע־מען עס זענען אים געווען באַקאַנט פון לייענען, פון געזעלשאַפט־לעכער אַרבעט. אין ביבליאָטעק זענען געקומען שרייבער, וועמענס ביכער עס זענען געשטאַנען אויף די פּאָליצעס. אייניקע פון זיי, מענטשן מיט פּאַרמאַטערטע פּנימער, האָבן זיך איינגעקוקט אין די לייענער, נאָכגעפאָרשט די באוועגונג פון דער האנט, וועלכע האָט געזוכט אן אות פון אלף־בית, ווי זיי זאָלן וועלן מיטן בליק זיי דערמאָנען און באווירקן, אז די זוכנדיקע האנט זאָל זיך פאר־האלטן אויף דעם ערשטן אות פון זייער נאָמען.

ער האָט זיך דערמאָנט ריימאָנטן. זיין שוועד האָט געוווינט אין אָטוואָצק, דער שרייבער פלעגט אים באזוכן זומער־צייט און דעמלט איז ער געקומען אין בוכהאנדלונג נאָך צייטונגען און זשורנאַלן. ער האָט נאָך נישט געוווּסט ווער עס איז דער נייער מענטש, וועלכער האָט זיך שווייגנדיק צוגעקוקט, ווי זיין פרויי באַדינט די לייענער.

— איר האָט עפּעס פון ריימאָנטן? — האָט ער געפרעגט אַן אָנגעכמורעטער.

— יאָ מיר האָבן זיינע ביכער.

— מענטשן לייענען זיי? — האָט געפרעגט דער אומבאַ־קאנטער.

— ניין.

אין עטלעכע טעג אַרום איז דער אומבאַקאַנטער נאָכאַמאָל געקומען און געזאָגט:

— איך בין ריימאָנט.

ער האָט באַקענט בערענטן, קזשיווויצקין, נאָוואַטשינסקין, נאַלקאָווסקען, סעמפּאָלאָווסקען... ער האָט די מענטשן פאַרהיט אין זכרון, דערנאָך האָט ער זיי אָפּגעלאָזט, פאַרוואַנדלענדיק זיך ווידער אין פינצטערניש, אין פאַמעלעכדיקן לויף פון דער צייט, אַדורכגעשטרייפטע מיט געשיכטעס פון אַנדערע מענטשן, וועמענס נעמען זענען אַוועק אין ים פון פאַרגעסנקייט. ער האָט געקענט בלויז זייערע פּסעוודאָנימען און נישט קלאָר זיך אָנגעשטויסן ווער זיי זענען, וואָס זיי טוען. די קאַרטלעך מיט די טיטולן פון ביכער, וועלכע זיי האָבן אויסגעבאָרגט האָט ער געהאַלטן אין אַ באַזונדער קאַרטאָנענעם שאַכטל. „אַרטור“, „לעאָן“, „אָסקאַר“, „סאַול“. אין אַ געוויסן טאָג האָט דער עלטערער זון מיכאַל אַריינגעשעפּטשעט נאָכן אַרויסגיין פון „סאַולן“:

— דער איז געווען דער אָנפירער פון די לינקע פּועלי־ציון, ער איז מיט אַ גאַנצער גרופּע אַריבער צו די קאָמוניסטן.

— צו וואָס דערציילסטו מיר דאָס? — האָט ער געפרעגט מיכאַלן, דעם סטודענט פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט.

מיכאַל... דער עלטסטער זון... די וווּנד האָט שוין נישט וויי געטאָן, עס זענען געווען פרישערע. מיכאַלס ביינער רוען פון 1934 ערגעץ אין אַ גרוב ביי דער פּויליש־סאָוויעטישער גרענעץ.... מיכאַל האָט געמוזט אַנטלויפן, עס האָט אים געדראָט אַ געריכטס־אורטייל. דעמלט, נאָכן זיינס אַנטלויפן, האָט זיך באַוויזן וויעלעצקי, אַ פריינד און אַ חבר פון מיכאַלן. וויעלעצקי, אַ באַקאַנטער קאָמוניסט, איז געווען אַמאָל אַ שטאָט־ראַטמאַן פון דער „אַרבעטער־איינהייט“, אָבער פּערזענלעך האָט ער אים נישט געקענט. ערשט נאָכדעם, נאָך מיכאַלס אַנטלויפן, האָט ער אים באַקענט.

— פּאַניע קלעפּפיש, איך וואָלט געוואָלט מיט אייך רעדן — האָט געזאָגט וויעלעצקי און אַ קוק געטאָן אויף דער טיר, וועלכע האָט געפירט פון בוכהאַנדלונג און דער וווינונג.

— ווער זענט איר? — דאָס באַוויזן זיך פון אַן אומבאַקאַנטן האָט גלייך אַרויסגערופן אַ צעמישונג אין זיין געדאַנק.

— מיין נאָמען איז ווילעצקי.

— ווילעצקי?

— יאָ.

— דער פון שטאָט־ראַט?

— יאָ.

עפּעס האָט אים א שטאָך געטאָן, דאָס הארץ האָט זיך ווײַ־טיקלעך צוזאמענגעדריקט. אין צימער, וואָס האָט זיך געפונען ביי דער בוכהאנדלונג, האָט ווילעצקי געזאָגט:

— האַלט אייך, באַמיט זיך נישט איינצוברעכן זיך.

ער האָט וועגן גאָרנישט געפרעגט. לאנגזאמע טרערן זענען געפלאָסן איבער זיין פּנים. ער האָט א זיפץ געטאָן. ווילעצקי איז נישט אוועקגעגאנגען.

— דערציילט גאָרנישט מיין פרוי — האָט ער מיט א טויטער שטים געזאָגט צו ווילעצקין — זאָגט גאָרנישט.

— גוט, פאניע קלעפּפיש — און ער האָט זיין שווערע האנט ארויפגעלייגט אויף זיינע פארבראָכענע דלאָניעס.

דאָס איז געשען קורץ פארן טויט פון זיין פרוי.

עס זענען איבערגעבליבן דריי קינדער. „וואָס וויים איך איצט וועגן זיי?" דער יינגערער זון מיט א טאָכטער האָבן זיך אריבער־באקומען קיין ביאליסטאָק, פון דאָרט האָט ער דערהאַלטן צוויי פּאָסט־קאַרטלעך, דערנאָך זענען זיי אנטשווינדן געוואָרן. אין שטוב איז פארבליבן די יינגסטע, חוה, א צוהערערין פון דער זשורנאַ־ליסטן־הויכשול אין ווארשע, וועלכע ער האָט צום לעצטן מאָל געזען אין סוף פון יאָר 1941. וואָס איז מיט איר געשען? ווו געפינט זי זיך? דעם שרעקלעכסטן געדאנק האָט ער פון זיך אָפּ־געטריבן. זי פלעגט צושיקן פריינד נאָך ביכער. אין א געוויסן טאָג איז געקומען עפּעס א יונגער מענטש און געבעטן מען זאָל אים ארויסגעבן די בריוו.

— חוה האָט געזאָגט — האָט ער דערקלערט — אז איך וויים שוין וועגן וועלכע בריוו עס גייט.

— איך וויים נישט — האָט ער געזאָגט, כאָטש אין דער אמתן האָט ער יאָ געוווּסט.

— חוה בעט די קאָרעספּאָנדענץ מיטן הער טוויים.

— צו וואָס דאַרף חוה די בריוו? דער הער טווים איז נישטאָ.

— זי וויל זיי האָבן.

— צו וואָס? — האָט ער איבערגעחזרט. ער האָט געפילט, אז דאָס אוועקנעמען די בריוו איז גלייך מיט דעם איבעררייסן די לעצטע פעדים.

— איך ווייס נישט. חוה האָט געבעטן, בין איך געקומען צו פאָרן.

דער יונגער מענטש איז געשטאַנען אין מיט פון צימער; קלעפּפּיש האָט אויף אים געקוקט, ווי ער זאָל אים זען פון א גאַר ווייטן שטח.

— חוה האָט געבעטן — האָט ער איבערגעריסן דאָס שווייגן.

דעם פאָטער האָט זי נישט געוויזן אירע לידער, זי האָט זיי געשיקט טווימען. מיט פלעקן אויפן פנים פלעגט זי לייענען די בריוו פון פאָעט. דערנאָך האָט זיך די קאָרעספּאָנדענץ איבערגע־ריסן.

— דו שרייבסט שוין נישט קיין לידער? — האָט ער זי אין א געווויסן טאָג א פרעג געטאָן.

— ניין, טאַטע.

— פארוואָס?

— וועמען, טאַטע, זענען נייטיק לידער?

— וואָס הייסט — וועמען? סטאַף, טווים, סלאָנימסקי, לע־כאַן, וויעזשינסקי, איוואַשקעוויטש, זע, וויפל לידער־ביכער אין מיין אויסלייַ־ביבליאָטעק. זיי פרעגן נישט. זיי שרייבן.

— צום באַדויערן, טאַטע, וועלן זיי נאָך פרעגן, זיי וועלן מוזן פרעגן.

— דו ערגערסט מיך, חוה.

* *
*

— אַנטשולדיקט, צי ווייסט איר נישט וואָס אין וואַרשע הערט זיך? — האָט ער איינמאָל אין אָוונט, ארויסגייענדיק פון קעלער, א פרעג געטאָן ביי דער פרוי קאַלינאָווסקאַ.

— אייך גייט אין חוהן.
— כ׳וואָלט געוואָלט וויסן וואָס עס הערט זיך ביי איר?
— איך קען אייך אין דער היגזיכט גאָרנישט העלפן.
— פארוואָס?
— דאָס איז אוממעגלעך. איר ווייסט דאָך, אז איך דארף זיין פאָרזיכטיק.
— ריכטיק. פארגעסט אין מיין ביטע. — דערנאָך האָט ער צוגעגעבן: — זי איז ביי מיר דאָס יינגסטע און באַליבטסטע קינד.

* * *

ביינאַכט, נאָכן פארמאכן די לאָדנס, פלעגט ער פארלאָזן דעם קעלער, קאיאָר האָט ער, שלעפנדיק נאָך זיך דעם פוטער, צוריקגעקערט אין דער פינצטערער לאָך.

ער האָט געהערט, ווי די ציג גייט לענגאויס דער וואנט, ער האָט פארגומען דאָס קלאַפּן פון אירע טלאָען, איר מעקען. עס האָט זיך געהערט דאָס בילן פון הינט, די געשרייען פון די קינדער. קיין ווערטער האָט ער נישט אונטערשיידט, אָבער די קלאנגען זענען צו אים דערגאנגען פון היגטערן הויז קלאָרע, הויכע און ריינע. עמעצער איז צוגעגאנגען גאָר נאָענט, זיך פארהאלטן. „דאָס זענען האלוציינאציעס". ניין, דאָס איז נישט געווען קיין אויסדאכטעניש: מען האָט געקלאפּט אין טיר, אין פענצטער. עמעצער האָט מיט דעם קלאפּן געפּאָרשט די שטילקייט פון הויז. אין מינוטן פון אָנשטרענגונג האָט זיך אים געדאכט, אז ער זעט אין דער פינצטערניש, ווי דורך א שיטערער לייוונט, עמעצנס געזיכט. „טשאסקאָווע?"

אים האָט זיך אויסגעדאכט, אז ער פארשטייט די מאָטיוון פון איר האנדלונג, און דאָס האָט אים געמאטערט. ער האָט געזוכט א באַרעכטיקונג פאר אירע מעשים, ער האָט געוואָלט געפינען אַ וועלכע ס׳איז באַגרינדונג, וואָס זאָל ריין מאַכן די דאָזיקע פרוי אין זיינע אויגן, כאָטש ער האָט געוווסט, אז דאָס איז נישט מעגלעך. „צווישן מיר און טשאסקאָווע עקזיסטירט אן אונטערשיד אין דריי הונדערט יאָר, ווי וועט זי דורכגיין אזא אָפּגרונט?" פלוצעם האָט ער זיך געכאפּט, אז ער איז מיט זיינע געדאנקען פארקראָכן אין

א פארפלאָנטערטער געדיכטעניש נישט דורכצושלאָגן זיך. „פאַרוואָס בין איך בעסער? דערפאר וואָס איך האָב איבערגעלייענט טויזנטער ביכלעך און איך וויים ווער עס איז געווען דזשיאָרדאנאָ ברונאָ, דעקארט, וואָלטער? וואָס האָט דאָס מיר געגעבן?“

ער האָט זיך דערמאָנט אין אַ פאָרשטעלונג מיט יאָרן צוריק אין טעאַטער אויף אָבאָזשנע. מען האָט אויפגעפירט די פיעסע פון גושקאָוון „אוריאל אַקאָסטא“. די ראָמאַנטישע דראמע האָט אים באַצויערט און מיטגעריסן. „דאָס איז וועגן מיר“ — האָט ער געטראכט. די פאָרשטעלונג האָט אים אריינגעפירט אין א צושטאנד פון אומרו, ער האָט זיך געפילט דערנידעריקט, עס האָט זיך אים אויסגעדאכט, אז ארום זעט ער מענטשן, וועלכע האָבן זיך גאָרנישט נישט אויסגעלערנט. ער האָט אָנגעהויבן צווייפלען אין זייער נייגונג צו טראכטן, זיי האָבן אים אויסגעזען לעכערלעך. גלייכצייטיק האָט ער זיך געבונטעוועט קעגן די אלע מענטשן, וועמענס באגערן און פארלאנגען אַקאָסטא האָט געמוזט אויספירן. מיט באוווּנדערונג האָט ער נאָכגעפאָרשט די שפיל פון די אַקטיאָרן: די אָנהענגער פון אַקאָסטאַן און זיינע קעגנער האָבן זיך פעסט געהאלטן ביי זייערע אַנשוויונגען. די דראַמע פון געוויסן האָט זיך פאַרשאַרפט. ביידע צדדים האָבן אין דער טריישאפט צו זייערע איבערצייגונגען געפונען גליק, זיי האָבן נישט געוואָלט הערן פון קיין פשרה, האָבן זיך אין זייערע איינשטעלונגען פולשטענדיק אויסגעמיטן, נישט געקוקט דערויף האָט זיך אויסגעדאכט, אז ביידע האָבן רעכט צו האָבן אזעלכע איבערצייגונגען, ווי זיי האָבן.

עס איז געווען איבערראַשנדיקס אין דעם פאררופן זיך פון די אָנהענגער פון איינעם און צווייטן צד אויף הומאניזם, געפיל און פארשטענדעניש. ער האָט געפילט, אז אין דעם דאָזיקן שטרייט זיגט די אומווירדיקייט. „איך האָב דאָך נישט אויסגעקליבן צווישן איינעם און צווייטן גאָט — האָט ער געטראכט. — איך דארף קיין איינעם נישט פון זיי“. דער העלד פון דער דראמע האָט דאָס נישט אויסגעדריקט אויף אזא אופן, ער האָט מורא געהאט פאר א גרעסערער נאָך דערנידעריקונג. מען האָט שוין איין מאָל איבער אים געטראָטן, געשלאָגן מלקות, מיט די פיס געקאָפעט. מען האָט אים געוואָלט איינברעכן. מיט א ציטער האָט ער געווארט אויף דער מינוט, ווען אַקאָסטאַ וועט זיך אונטערגעבן, אַ צעבראָכענער פיזיש.

די טשאסקאָווע גייטיקט זיך נישט אין קיין שום סיבה, זי וויל מען זאָל מיך פּיזיש פּארטיליקן. עס גייט איר נישט נישט אין קריסטלעכן, נישט אין יידישן גאָט".

פון אַקאָסטאָס ביאָגראַפּיע האָט ער פּאָרגעדענקט האַלבע זאַצן, ווערטער, וואָס שטעמפּלען ליגן, וואָס לערנען דעם אמתן זין פון גאָטספּאָרכטיקייט, פון מורא פאַר ברענגען אומגליקן אין נאָמען פון ליבע. ער האָט זיי זיך איבערגעחזרט, ווי ער זאָל דאַרפן פירן אַ דיסקוסיע מיט דער דאָזיקער אומבאַקאַנטער פרוי, וועלכע האָט זיך אומאויפהערלעך געדרייט ארום דעם הויז, כדי אויסצושפּירן זיין אָנוועזנהייט דאָ. „איך וועל איר זאָגן, אַז דאָס איז אַ געמיינ־קייט אויסצוגעבן אַ מענטשן אין די הענט פון זיינע תלינים".

אינדערפרי, ווען ער האָט צוריקגעקערט אין קעלער, האָט די קאַלינאָווסקע אים געגעבן אַ שטיקל ברויט, פּארזיכערנדיק, אַז נאָך איר צוריקקומען וועט זי פאַר אים עפּעס אָפּקאָכן. זי האָטווירקלעך עפּעס אָפּגעקאָכט, אָבער די טשאסקאָווע שטייענדיק ביים פענצטער, האָט נישט דערמעגלעכט צו דערלאַנגען אים דאָס מאכל אין קעלער, אַפּט איז זי אריינגעקומען אין שטוב, כאָטש זי האָט דער קאַלינאָוו־סקען גאָרנישט געהאַט וואָס צו זאָגן. עס האָט קיינמאָל נישט גע־הערשט צווישן זיי קיין פריינדלעכקייט, אָפּט איז דערגאַנגען צו אַ קעגנזייטיקן פארביסענעם אריינזאָגן זיך. די סיבה דערצו איז גע־ווען קאַלינאָווסקעס שטרענגע גלייכגילטיקייט צו דעם גלויבן, צו דער רעליגיעזער פּראַקטיק, צום קאָשציאָל. טשאסקאָווע האָט זי נישט איין מאָל אָנגערופן מיטן צונאָמען „יידישקע" און זי פאַר־אַכטעט. אָבער די קאַלינאָווסקע האָט זיך דאָס נישט גענומען צום האַרצן.

די טשאסקאָווע האָט זי אָנגעהויבן באַזוכן טעגלעך. די קאַלי־נאָווסקע אַ פּאַרמאַטערטע, אויסבאַהאַלטנדיק איר פאַרלעגנהייט און מורא, האָט זיך געפילט פון די באַזוכן קרעמפּירט, אָבער נישט געקוקט דערויף האָט זי נישט געקענט אַ שכנטע, וועלכע איז פול מיט השדים, זאָגן, אַז זי זאָל זיך גיין און זי לאָזן צורו.

— וואָס קאָכט איר „אַזוי פיל?" — האָט זי געפרעגט אין אַ געוויסן טאָג. קאַלינאָווסקע, וועלכע איז געשטאַנען ביים אויוון, האָט זיך אויסגעדרייט און געפרעגט אַ פאַרוווּנדערטע:

— וואָס הייסט "אזוי פיל"?

— וויפל קארטאָפל איר האָט אָפּגעשיילט!

— עס איז אבסאָלוט נישט קיין סך.

— ווייזט! — די טשאַסקאָווע איז צוגעגאנגען צום אויוון און גענומען דאָס טעפּל — א סך! — א ווילע האָבן זי זיך געקוקט אין די אויגן.

— גיין — האָט אויסגעשטאמלט קאלינאָווסקע.

— צום ווינציקסטן אויף צוויי מענטשן.

— איך קאָך אויף צוויי טעג.

— קארטאָפלעס אויף צוויי טעג? פּאני קאלינאָווסקא! וואָס רעדט איר, וואָס? — און זי האָט איבערגעחזרט: — קארטאָפלעס אויף צוויי טעג?

— יאָ! מיר ווילט זיך אזוי! — איר שטים האָט אָפּגעקלונגען בייז, ווי זי זאָל נישט וועלן דערלאָזן צו קיין ווייטערדיקער דיסקוסיע.

אויף טשאסקאָוועס מויל האָט זיך באוויזן א דין שפּיציק שמייכעלע. זי האָט געקוקט מיט אן עקשנותדיקן בליק. קאלינאָווסקען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז עפּעס אַ קאַלטע זאַך האָט אָנגערירט איר האַרץ.

— וווּ באהאלט איר אים אויס?

— וועמען?

— פּאַני קאלינאָווסקא, מאכט זיך נישט תמעוואטע. דער ייד איז ביי אייך!

— לאָזט מיך געמאך, גוט?

— ער מוז דאָ זיין.

— איר האָט דאָך געזען, ווי איך האָב אים ארויסגעיאָגט.

— אָבער ער איז צוריקגעקומען.

— אפשר צו אייך, ווייל צו מיר נישט.

— צו מיר? — טשאסקאָווע האָט זיך צעלאכט.

— איך ווייס נישט, איך האָב נישט קאָנטראָלירט.

— איר קענט קאָנטראָלירן, ביטע זייער.

— איך האָב נישט ליב צו פּאַרקוקן אין פרעמדע טעפּ. מיך גייט אינגאַנצן נישט אָן, צי איר האָט עמעצן ביי זיך, צי נישט.
— גוט, מיר וועלן זיך נאָך איבערצייגן, ווער עס באַהאַלט אוים א יידן.

*

*   *

דער שמועס, וועלכער איז געפירט געוואָרן הינטער דער וואַנט איז געווען אַזאַ הויכער. אַז ער האָט געהערט יעדעס וואָרט. די טשאַסקאָווע האָט גערעדט מיט עפּעס א מאַנסביל, וועלכער — אורטיילנדיק לויטן טאָן — האָט געהאַט רעכט אויסצופרעגן זיך וועגן קאַלינאָווסקען. די טשאַסקאָווע האָט אויפגעקלערט, אז די קאַלינאָווסקע קומט שפּעט אהיים. די ווערטער זענען געווען אזוי דייטלעך, ווי די רעדנדיקע וואָלטן ספּעציעל אויסגעקליבן דאָס וואָרט.
— זי באַהאַלט אוים א יידן — האָט זי געזאָגט אין א געוויסן מאָמענט.
— א יידן?
— איך רעד דאָך קלאָר — האָט אָפּגעענטפערט טשאַסקאָווע — א יידן.
— וועלכן יידן? — האָט דער מאַספּערשוין זיך נאָכגעפרעגט.
— איך וויים נישט.
— וווּ קאָן מען דאָ אויסבאַהאַלטן א יידן? — האָט דער פרעמדער געפרעגט אָן חידוש, ווי ער זאָל רעדן וועגן זייער א געוויינלעכן ענין. — דאָ זעט מען דאָך דורך דעם פענצטער אַלץ, וואָס עס קומט פאַר אינעווייניק.
— אין וווינונג נישט, ווייל איך האָב קאָנטראָלירט, אָבער ערגעץ-ווו באַהאַלט זי אים אוים.
— וואָס דערציילט איר דאָרט! — ער איז געווען אזוי זיכער אין זיין מיינונג, אז מען האָט באַדאַרפט דערוואַרטן דעם סוף פון דעם שמועס. ער האָט נאָך צוגעגעבן: — איך קען נישט מיין הויז? איך האָב עס מיט די אייגענע הענט אויפגעבויט און איך וויים ווו מען קאָן דאָ עפּעס אויסבאַהאַלטן.
— אין קעלערל.

— פאַני טשאַסקאָווע, דער מענטש וואָלט אין אַ שעה אַרום דערשטיקט געוואָרן.
— ווייס איך שוין גאָרנישט.
— וואָס האָט איר זיך אויסגעטראַכט?
— איך בין זיכער, אַז זי באַהאַלט עמעצן.
— דאָס איז אוממעגלעך און לאָזט שוין צורו.
— זי קאָכט צו פיל.
— ווייל מסתמא עסט זי אַ סך.
— זי האָט קיינמאָל אַזוי פיל נישט געקאָכט.
— וואָס באַדייט דאָס? איר פאַרקוקט אין אירע טעפּ?
— ניין, נאָר איך ווייס. זי קויפט אַ סך קאַרטאָפליעס.
— איז וואָס דערפון געדרונגען?
— און אַ סך ברויט.
— פונוואַנען ווייסט איר דאָס?
— איך ווייס שוין גוט.
— אָבער פונוואַנען?
— איך האָב געזען.
— ווו?
— אין קראָם.
ס׳איז געוואָרן שטיל. דערנאָך האָט די טשאַסקאָווע געזאָגט:
—איך ווייס נאָר נישט, ווו ער שלאָפט.
— איך וועל נישט דערלויבן אויסבאַהאַלטן קיין שום ייד! —
די שטים פון מאַנספערשוין איז געוואָרן שטרענג.
— אַזוי האָב איך טאַקע געטראַכט.
— איר ווייסט, וואָס עס וועט געשען, אויב מען וועט אים דאָ געפינען?
— איך ווייס.
— איר ווייסט נאָך נישט.
— מען וועט אים דערהרגענען.
— נישט נאָר אים.
— אויך אייך?
— מיך נישט, איך ווין דאָ נישט.
— זי?

— יאָ. אָבער אויף דעם ענדיקט זיך נישט. מען וועט מיר דאָס הויז פאַרברענען.

— ריכטיק. איך האָב אזוי געטראַכט.

— איך וועל שוין קאָנטראָלירן. איר מעגט שוין זיין רואיק.

— קאָנטראָלירט מאַקע. צומבעסטן איז ביינאַכט.

— זאָגט איר, אַז איך וויל זיך מיט איר דורכשמועסן.

— איך וועל איר שוין זאָגן.

* *
*

ער האָט גענומען דעם פוטער, אים צונויפגעוויקלט און אַרונטערגערוקט אונטער דעם אָרעם. „איך מוז שנעל דעציִדירן, איך קען דאָ נישט בלייבן". טאַפּנדיק איז ער צוגעקראָכן צו די טרעפּ, מיט דער פרייער האַנט אַ דריק געטאָן דאָס דעקל, עס האָט נאָכגעגעבן. ער האָט עס עטוואָס אונטערגעהויבן. אין קיך איז געווען ליכטיק און דאָס ליכט האָט אים אָנגעפילט מיט שרעק. דורך דער שמאָלער שפּאַרע האָט ער געזען אַ שטיקל פּאָדלאָגע, ער איז געשטאַנען און געוואַרט אַ נישט זיכערער, אַ נישט דעציִדירטער. „איך קען דאָך איצט נישט אַרויסגיין — האָט ער געטראַכט — דאָס איז דאָך אַ משוגעת". אַ שטילקייט האָט אויסגעפילט די וווינונג. אַ פאַרקוקטער אין די ברעטער פון דער פּאָדלאָגע, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דאָס ליכט ווערט אַלץ העלער. „דער טאָג שטעלט זיך ערשט, קאַלינאָווסקע וועט קומען אין אָוונט". ער האָט אויפגעהויבן דאָס דעקל נאָך העכער און געבליבן שטיין פאַרגליווערט. פון הינטער דער וואַנט האָבן זיך געהערט טריט. ער איז אָפּגעשפּרונגען און צוריק זיך געפונען אין דער פינצטערניש. ער האָט אײַנגעהאַלטן דאָס אָטעם, דאָס האַרץ האָט אין אים אויפגעהערט צו קלאַפּן. אין די אויערן האָט גערוישט די שטילקייט. „וואָס האָב איך געטאָן?" אויף דער וועראַנדע האָבן זיך געהערט טריט. ער האָט דערקענט די שטים פון משאַסקאָווען, וועלכע האָט געזאָגט:

— ווי גאָט איז מיר ליב, איך האָב געזען..

— עס האָט זיך אייך אויסגעדאַכט — האָט אָפּגעענטפערט עפּעס אַ צווייטע פרוי. — איר שטים איז געווען אַ נידעריקע און בריפלע.

— ניין, דאָס דעקל האָט זיך אויפגעהויבן, זעט!

עס איז געוואָרן שטיל. דערנאָך האָט זיך אָפּגערופן די נידעריקע כריפּלע שטים:

— און אפשר איז דאָס די מוטער פון באַלעבאָס?

— איך בין זיכער, אז איך האָב געזען — האָט אָפּגעענטפערט די טשאַסקאָווע — איך בין גרייט צו שווערן.

— איר ווייסט, אז פון דער צייט, וואָס זיין מוטער האָט זיך אויפגעהאָנגען, קומען הא פאָר משוגעדיקע זאַכן.

— איך ווייס.

— וויפל מאָל האָב איך דאָ געהערט ביינאַכט פאַרדעכטיקע גערוישן.

— ווען האָט איר עס געהערט?

— דאָס איז געווען פרילינג־צייט.

— פרילינג־צייט?

— יאָ, פאר פסח.

— ער איז דעמלט נישט געווען.

— ווער?

— דער ייד.

— וועלכער ייד?

— דאָרט איז דאָ א ייד. נישט די מוטער פון באַלעבאָס, נאָר א ייד.

— כ׳ווייס דאָרט, וואָס איר רעדט!

— איר ווייסט, אז קאַלינאָווסקע איז יידישקע?

— וואָס זענען דאָס פאר א רייד ווידער!

— אין קאָשציאָל גייט זי?

— ניין.

— און הייליקע בילדער זענען ביי איר פאַראַן?

— ניין. אָאָזקגסחסר

— נו, זעט איר שוין.

נאָך א לאַנגן שווייגן האָט ער דערהערט:

— לאַנג וועט ער זיך דאָרט נישט באַהאַלטן.

— וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן?

— איך האָב עס היינט דערציילט קאַליטען. ער וועט שוין דאָ מאַכן אָרדענונג.

* *
*

ער איז געלעגן שטיל און זיך אויפגעהערט צוצוהערן. אין גע־דאַנק האָט ער צוגעקליבן ווערטער, וועלכע זאָלן אויפקלערן דעם באַלעבאָס די אומשטענדן פון זיין קומען אהער: אפשר וועט ער פאַרשטיין און אים לאָזן צורו. ער האָט צוגעטראַכט אַרגומענטן, וועלכע האָבן אים אויסגעזען צו זיין איבערצייגנדיקע און קלאָרע. אָבער זיין גאַנצער לאַגישער בנין איז אים איינגעפאַלן, ווען ער האָט זיך פאַרגעשטעלט דעם ענטפער פון אומבאַקאַנטן. „פאַרוואָס דאַרף איך צוליב אייך איינשטעלן מיין לעבן? פאַרוואָס? פאַר־וואָס?“

די דאָזיקע פראַגע האָט צוגענומען ביי אים יעדע האָפענונג און אים ווידער אַריינגעבראַכט אין פאַרצווייפלונג. אַלע געדאַנקען, אַר־גומענטן און אַפּעלן צום פאַרשטאַנד און געפיל פון אומבאַקאַנטן מענטשן האָבן אים איצט אויסגעזען נאַיוו און זינלאָז. „פאַרוואָס דאַרף דער מענטש איינשטעלן זיין לעבן?“ „און דו — האָט ער זיך געפרעגט. — דו וואָלסט איינגעשטעלט דאָס לעבן צוליב אַ פרעמדן מענטשן? אפשר האָט ער אַ ווייב, קינדער. אין נאָמען פון וואָס דאַרף ער דאָס טאָן? צי דו וואָלסט נישט פאַרמאַכט פאַר אים די טיר, ווען דו זאָלסט זיין אויף זיין אָרט און ער אויף דיי־נעם? צו וואָס אַפּעליר איך? — האָט ער געטראַכט. — איך בין קיינמאָל נישט געווען אין אַזאַ סיטואַציע. פונוואַנען ווייס איך ווי איך וואָלט געהאַנדלט?“ חוה האָט געהאַט רעכט... ער האָט זי איינמאָל געהערט רעדן מיט אַ חבר, אַ קאָמוניסטישן טוער.

— איך קען נישט אַריינטרעטן אין דער אָרגאַניזאַציע, כאָטש איך אָנערקען די ריכטיקייט פון דעם פּראָגראַם און פון דער טע־טיקייט.

— פאַרוואָס? — האָט געפרעגט דער יונגער מענטש.

— איך האָב מורא, אַז איך וואָלט נישט אויסגעהאַלטן דאָס שלאָגן בעת דער אויספאָרשונג, איך וואָלט געקענט אויסגעבן.

יענער האָט אָנגענומען אירע ווערטער אָן קאָמענטאַרן.

חוה האָט געפרעגט:

— דו ביסט שוין געווען אמאָל אין אזא סיטואציע?

— ניין.

— הייסט עס, אז דו ווייסט נישט, ווי דו וואָלסט זיך פאַר־האַלטן.

— איך וואָלט געטאָן אַלץ, כדי זיך נישט אונטערצוגעבן.

— איך האָב פאַנטאַזיע — האָט חוה געענטפערט.

נישט נאָך דעמלט האָט חוה געהאַט רעכט. פאַרקלעמט אין ווינקל פון קעלער האָט ער זיך דערמאָנט אַלע אירע ווערטער, וועל־כע ער האָט פאַרהיט אין זכרון. זי האָט אויך געהאַט רעכט אין דעם פאַל, ווען זי האָט גערעדט וועגן די לידער. איצט האָט ער פאַר־שטאַנען, אז דאָס איז געווען א גרויסע מעטאַפאָרע. „אַלץ, וואָס מען האָט אונדז געלערנט, אַלץ, וואָס איז געווען אונדזער וועגווייזער, דער אַלטער טעסטאַמענט און דער נייער, דאַנטע און „פאוסט", אַלץ איז געבוירן געוואָרן פון שרעק און אָנגעמאַכט אין אָנבליק פון דעם, וואָס איז שטאַרקער און אומברחמנותדיקער. אקאָסטא, דזשיאָרדאַנאָ ברונאָ... צי האָט ער דען דעם טויט נישט אויפגענו־מען פון שרעק, כדי מערער נישט צו זען די וועלט, אָן אָפּגעשונדע־נע פון יעדער הויט? מוט? וואָס איז אזוינס מוט?"

„צי הייסט דאָס מוט, אויב איך זאָל ארויסגיין אין דער צייט פון יאגד קעגן דעם שיסער, צו וועלכן טשאַסקאָווע יאָגט די פאַר־פאַרפאָלגטע חיה? אָבער פאַרוואָס זאָל איך צוליב מיר שטעלן אין געפאַר די קאַלינאָווסקע, וועלכע האָט מיר געגעבן א באַהעלטעניש, א שטיקל ברויט און טראָגט ארויס פון קעלער מיין אומריינקייט? צי דערפאַר וואָס זי איז א גוטע האַרץ זי באַצאָלן פאַר מיר מיט איר לעבן? איך וועל ארויסגיין — האָט ער באַשלאָסן. — איך וועל אַוועקגיין פונדאַנען ביינאַכט, זאָל מען מיך כאַפּן ווייט פון שטוב, ווייט פון דער פרוי, וועלכע וועט זיך דעמלט באַפרייען פון שרעק".

דער שמועס צווישן באַלעבאָס און קאַלינאָווסקען איז פאָרגע־קומען אין קיך. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אז ביידע שטייען אויפן דעקל, אזוי דייטלעך האָט ער געהערט זייער יעדעס וואָרט. זעט אויס, אז ס'איז נאָך נישט געווען שפעט, קאַלינאָווסקא האָט נאָך נישט געהאַט פאַרמאַכט די לאָדנס. פון צייט צו צייט האָט זיך גע־הערט דאָס בילן פון אמאָרן, וועלכער איז ארומגעלאָפן ארום דעם הויז. איינבייגנדיק זיך, האָט ער מיט ביידע דלאָניעס זיך אָנגע־

שפּאַרט אויף דעם העכסטן טרעפּל און מיט אַן אויסגעקרימטן קאָפּ זיך איינגעהאָרכט. דער באַלעבאָס האָט אָנגעהויבן דעם שמועס פון גאָרנישט זאָגנדיקע ווערטער. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט פאַרשטאַנען די דורכגעטריבענע כיטרע שפּיל פון באַלעבאָס, הגלכער וויל קאַלינאָווסקען איבערראַשן. אין אַ געוויסן מאָמענט איז ער ווי פאַרשטיינערט געוואָרן. „צי איז דאָס נישט די שטים פון דעם זעלבן מענטשן, וועלכער האָט צוגערויבט ביי מיר דאָס פּעקעלע דאָרט אין זאַמד־גרוב?“ ער האָט דערפילט, אַז די כוחות פאַרלאָזן אים, ער האָט מיט די קני אָנגערירט דעם קאַנט פון די טרעפּ, דער ווייטיק, וואָס איז געקומען פון דעם דרוק, האָט אים אימגעקערט דעם באַוווסטזיין. אין דער הייך האָט מען געריידט וועגן געלט.

— איך קען גלייך באַצאָלן דאָס דירה־געלט — האָט ער געהערט קאַלינאָווסקעס שטים.

— איר באַדאַרפט זיך נישט איילן.

— עס קומט אייך.

— פּאַני קאַלינאָווסקאַ, איך ווייס דאָך דערפון, אָבער איר קענט באַצאָלן ווען איר ווילט.

— איך וויל איצט באַצאָלן.

— עך, וואָס פאַר אַ נישט קלוגע פרוי איר זענט. צי האָט איר נישט קיין אַנדערע ספּעציעלע אויסגאַבן

— איך האָב.

— זעט איר שוין.

— איך פאַרדין.

אַ רגע האָט געהערשט אַ שטילקייט. דערנאָך האָט דער מאַן געזאָגט:

— איך ווייס, אַז איר האָט איצט גרעסערע אויסגאַבן.

— וואָס הייסט „גרעסערע“?

— איר קויפט איצט מער קאַרטאָפל.

— עס דערנעענטערט זיך דער ווינטער.

— און ברויט.

— ווער האָט עס אייך געזאָגט?

— וואָס פאַר אַן אונטערשיד? טוט עס נישט מער.

— וואָס?

— קויפּט נישט אין איין קראָם — האָט ער געזאָגט.
— וואָס הייסט?
— קויפּט אין צוויי אָדער אין דריי קראָמען.
— פּאַניע קאַליטאַ, צו וואָס זאָל איך דאָס טאָן? איך האָב דאָך קיין צייט נישט צו גיין איבער די קראָמען.
— פּאַני קאַלינאָווסקאַ, מען שפּירט אייך נאָך.
— איך ווייס גאָרנישט דערפון.
— איר ווייסט נישט, אָבער איך ווייס.
— ווער?
— צו וואָס דאַרפט איר וויסן דעם נאָמען. יעדער איז דערווייַ פּעיק.
— איך ווייס נישט וועגן וואָס איר רעדט.
— וועגן אַלץ און וועגן גאָרנישט.
קאַלינאָווסקען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז קאַליטאַ וויל ענדיקן דעם שמועס, וועלכן ער האָט אָנגעהויבן ווי נישט ווילנדיק. ער האָט נאָך צוגעגעבן:
— זייט פאָרזיכטיק, איך ראָט אייך גוט.
ביידע זענען אַנטשוויגן.
— איך וועל דאָ אָפטער קומען — האָט קאַליטאַ געזאָגט נאָך אַ ווײַלע.
— ביטע זייער.
— אַזוי וועט זיין בעסער.
— ווי איר פאַרשטייט, איר זענט דער באַלעבאָס פון הויז.
— איך וויל מען זאָל זען, אַז איך קום דאָ.
— גוט.
— איר וועט לייכט דערקענען, אַז איך קום אָן.
קאַלינאָווסקע האָט געשוויגן.
— איך וועל צוגיין צום ברונעם און אָנהייבן פּאָמפּען וואַסער... גיין, בעסער וועל איך רופן די ציג: באַסיע, באַסיע... איר וועט דערקענען מיין שטים.
— איך ווייס נישט, צו וואָס דאָס אַלץ. איך בין דאָך נישט צווישן פרעמדע.
— איך וועל דאָך אַזוי טאָן.
— גוט.

אויף א ווײַלע איז שטיל געוואָרן אין דער הייך. דערנאָך האָט ער ווידער דערהערט שטימען.

— פּאַני קאַלינאָווסקא — האָט געזאָגט קאַליטאַ — ביי אייך איז נישטאָ קיין איין הייליק בילד.

— ס'איז נישטאָ.

— הענגט אויף עטלעכע בילדער.

קאַליטאַ האָט גערעדט מיט אַזאַ טאָן, ווי ער זאָל וועלן איבער־ברעכן קאַלינאָווסקעס עקשנות.

— צו וואָס?

— קויפט עטלעכע בילדער און הענגט זיי אויף.

— אָבער צו וואָס? איך בין דאָך נישט קיין גלויביקע.

— צוליב באַקוועמלעכקייט. און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער צוגעגעבן: — און גייט אין קאָשציאָל אַריין.

— איך? — האָט זי געפרעגט אַ פאַרוווּנדערטע.

— יאָ.

— איך בין שוין פון יאָרן נישט געווען.

— און איצט דאַרפט איר גיין.

— איך ווייס נישט פאַרוואָס.

— פּאַני קאַלינאָווסקא, אַז מען געמט אויף זיך אַזאַ פאַראַנט־וואָרטלעכקייט, דאַרף מען פאַרקלענערן דעם סכום פון פאַרדאַכטן.

— איך ווייס נישט וועגן וועלכע פאַרדאַכטן איר רעדט.

— מען רעדט וועגן אייך, אַז איר זענט אַ „יידישקע“.

— איך?

— איך ווייס. אָבער זאָל מען אויפהערן רעדן.

— מען וועט אָנהייבן, אויב איך וועל אויפהענגען בילדער.

— אַ בילד איז אַ באַשײַנפּערלעכער באַוויז צו קאָנטראָלירן. פאַר אַ סך מענטשן איז אַזאַ קאָנטראָל גענוג.

— צום באַדויערן, איז בלויז האָס פּאַר זיי גענוג.

— פּאַני קאַלינאָווסקא, איר דאַרפט מיט מיר נישט דיסקו־טירן. איך רעד וועגן עפּעס אַנדערש.

— איך הער.

— הענגט אויף בילדער און גייט אין קאָשציאָל.

— עס וועט זיין שווער פאר מיר. — נאָך א לענגערן שווייגן האָט זי צוגעגעבן — פארוואָס זאָלט איר נישט א רעד טאָן מיט יענע?

— נאָכוואָס?

— זיי זאָלן אויפהערן. וואָס גייט עס זיי אָן?

— איך ווייס נישט.

— זיי זענען גרייט צו פארקויפן א מענטשן. אפילו אָן באַצאָלן, פאר דער ריינער אידעע.

— איך ווייס וועגן דעם און עס טוט מיר וויי. איך וועל אייך העלפן, ווי נאָר איך וועל קענען.

— א דאנק, פאני קאליטא.

— דאנקט נישט. דער טשאסקאָווע וועל איך זאָגן, אז איך האָב אויך פארקוקט אין קעלער.

* *
*

„ווער איז דער קאליטא? וואָס ווייסט ער וועגן מיר? ער ווייסט נישט ווי איך זע אויס, וואָס איך האָב געטאָן, ער האָט אפילו מיין נאָמען נישט געפרעגט. עס איז אים געווען גלייכגילטיק ווער עס געפינט זיך אין קעלער, אויף וועלכן ער איז געשטאנען, ווי ער זאָל וועלן מיט זיך אליין מיך פארשטעלן און באשיצן. אפשר קען איך אים? קאליטא... קאליטא...“

ער האָט זיך נישט דערמאָנט דעם דאָזיקן נאָמען. אין דער רשימה פון סטאַבילע קליענטן פון דער אויסליי־ביבליאָטעק האָט ער נישט פיגורירט, מעגלעך, אז ער איז געווען איינער פון צווישן די פיל טויזנטער מענטשן, וועלכע האָבן אין משך פון די טעלעבע צענדליק יאָר געקויפט ביי אים ביכער, צייטונגען, זשורנאַלן, קאַליטא... דער נאָמען האָט אים גאָרנישט געזאָגט; ער האָט זיך אפילו נישט אָנגעשטרענגט צו פארבינדן אים מיט א וועלכער ס'איז געשטאַלט, מיט א וועלכן ס'איז געזיכט.

„און אפשר קען ער מיך?“ אזא מעגלעכקייט האָט אויסגעזען צו זיין ווארשיינלעך, אָבער קאליטא האָט אפילו נישט געפרעגט דעם נאָמען פון דעם מענטשן, וועלכן קאַלינאָווסקע האָט אויסבאַ־

האלטן. פאַרוואָס האָט ער אַזוי געהאַנדלט? עס האָט אים נישט אינטערעסירט וו ע מ ע ן ער ראַטעוועט דאָס לעבן, וואָרענענדיק און לערנענדיק די קאַלינאָווסקאַ, ווי זי דאַרף זיך אויפפירן, כדי אָפּצוּווענדן פון זיך די חשדים. ער האָט דייטלעך געהערט דעם גאַנצן שמועס, וועלכער האָט בהדרגהדיק, אין דער מאָס וואָס ער האָט אַלץ מער און מער אויפגעכאַפּט זיין זין, אים באַפרייט פון פאַרצווייפלונג, פּאַניק, שרעק. ער האָט אָבער נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס קאַליטאַ האָט אַזוי געהאַנדלט.

„און די האַנדלונג פון טשאַסקאָווע פאַרשטייסטו? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט. — עס ווונדערט דיך, וואָס עמעצער איז שלעכט, ביסט פאַרחידושט, וואָס עמעצער איז גוט — וואָס פאַר אַ מענטש ביסטו? פאַרוואָס נעמסטו נישט אויף געוויינלעך, פּשוט אַזאַ דערשיינונג ווי טשאַסקאָווע, וועלכע איז גרייט מחמת שנאה דיך איבערצוגעבן אין די הענט פון די דייטשן, און אויך אַזאַ דערשיינונג ווי קאַליטאַ, וועלכער שליסט זיך איין פרייוויליק, נישט קענענדיק דיך, אין דער ספּערע פון טויט.

עס איז דאָך אומגעווייינלעך, נישט צום אויסטייטשן און נישט באַגרייפלעך די שנאה פון דער האָזיקער פרוי, ווי אומבאַגרייפלעך עס איז די איידלקייט און גוטסקייט פון קאַליטאַ און קאַלינאָווסקאַ. ווער האָט זיי געהייסן איינשטעלן זייער לעבן? וואָס שטויסט זיי דערצו? דער גלויבן? קאַלינאָווסקאַ איז נישט קיין גלויביקע. טשאַסקאָווע באַפעסטיקט איר שנאה מיט דעם גלויבן אין קריסטוסן — איז ווי איז דאָס סוף־כל־סוף?

„דו טראַכסט אַזוי, ווייל דו האָסט רעזיגנירט פון קאַמף, אין דער צייט ווען קאַלינאָווסקע קעמפט פאַר עפּעס, דעסגלייכן קעמפט אויך טשאַסקאָווע פאַר עפּעס; ביידע קעמפן פאַר אַ וועלכן ס׳איז אידעאַל, וואָס זיי שטרעבן צו פאַרווירקלעכן“.

ער איז געלעגן אין דער פינצטערער קיך אויפן פוטער, וועלכער איז געווען אויסגעשפּרייט אויף דער פּאָדלאָגע. קאַלינאָווסקאַ האָט געפרעגט:

— איר האָט געהערט וואָס קאַליטאַ האָט געזאָגט?

— איך האָב געהערט, איך האָב אַלץ געהערט.

— איר זענט צופרידן.

— איך האָב די גאַנצע צייט געטראַכט, פאַרוואָס האָט ער אַזוי גערעדט.

— איך האָב אים באַדאַרפט וועגן דעם פרעגן? — און איר שטים האָט זיך געהערט פאַרצווייפלונג.

— ניין! וואָס רעדט איר! און איר זענט נישט געווען פאַרוווּנדערט?

— כ'האָב א ביסל מורא געהאַט. איך האָב זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז ער ווייסט אַזוי פיל.

— איך וואָלט אייך געוואָרנט, אָבער ער איז אַריינגעקומען צוזאַמען מיט אייך.

— איר האָט געוווּסט?

— טשאַסקאָווע האָט אים דערציילט וועגן מיר.

— זי איז וואַכזאַם, קוקט נאָך. אַזעלכע קען מען נישט איבערציינגן.

— איך קענט אים שוין לאַנג?

— איך ווייס דאָ פון אויסברוך פון קריג.

— און איר האָט גאָרנישט נישט געוווּסט?

— וועגן וואָס?

— אַז דאָס איז אַזאַ מענטש, וואָס איז גרייט זיך איינצושטעלן פאַר אַ צווייטן.

— ניין.

ער האָט געגעסן אין דער פינצטער, צום ערשטן מאָל אַרומגענומען פון דעם געפיל, אַז נאָך עמעצער וואַכט איבער אים. אין דער פינצטער האָט קאַליגאָווסקא געזאָגט:

— איר האָט געהערט, וואָס קאַליטאַ ראַט מיר?

— איך האָב געהערט.

— און וואָס טראַכט איר וועגן דעם?

— קאַליטאַ האָט רעכט.

— איר האַלט אויך אַזוי?

— יאָ. איך האָב אייך שוין אַמאָל געזאָגט, וואָס איך טראַכט וועגן דעם. די מענטשן פירן נאָר אויס אויסגעלערנטע באַוועגונגען, זאָגן נאָך איבערגעחזרטע פאָרמולעס, אָבער דעם אינהאַלט פון דער לערע האָבן זיי פאַרלוירן.

— צי דאַרף איך אויך זיך אַזוי אויפפירן?

— פאַני קאַלינאָווסקא, פאַרוואָס ווילט איר, אַז אַקוראַט איך, דער אַלטער קלעפּפּיש, זאָל אייך זאָגן צו וואָס עס דינט יענע מענטשן זייער ריטואַל, און צו וואָס ער דאַרף אייך דינען?

— עס איז אייך דערלויבט.

— מיר איז גאָרנישט דערלויבט. מיר איז העכסטנס דערלויבט איינזאַם צו טראַכטן, מער גאָרנישט.

— איצט וועט טשאַסקאָווע זיך באַרואיקן.

— איר מיינט, אַז זי פאַרשליגנט מיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. עס זענען פאַראַן נאָך מענטשן, פון וועלכע איך טראַכט נאָך מער. די מענטשן האָבן עס פאַרדינט מער ווי טשאַסקאָווע.

עס איז געוואָרן שטיל.

— איר פרעגט נישט וועמען איך מיין?

— ניין.

— איך וואָלט זייער געוואָלט וויסן, וואָס עס הערט זיך ביי הוהן.

נאָך א ווײַלע האָט קאַלינאָווסקע געענטפערט:

צו וואָס רעדן וועגן דעם? איר ווייסט, אַז דאָס איז נישט מעגלעך.

— איך ווייס. איך ווייס עס זייער גוט, פאַני קאַלינאָווסקא — און ער האָט שווער אָפּגעזיפצט.

* *
*

די טעג זענען געוואָרן אַלעמאָל קירצער, דערנאָך זענען געקומען שפּעטהאַרבסטיקע נאָכמיטאָגן מיט ווינטן און רעגנס. אַן אומאויפהערלעכער גערויש און נעפּלדיקער הויך האָבן דורכגעדרונגען די וואַנט, די ערד, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען דאָס קעלערל. די געפּגרטע פעל פון אויסגעקראָכענעם פוטער האָט ווי צוריק אויפגעלעבט, אויפגעשוואָלן פון דער נעץ און ארויסגעגעבן א ריח פון ערד און קרייטעכצער. אויף די ציגל, אין די ווינקלען פון קעלער האָט זיך באַוויזן א קלעפּיקע פליסיקייט, א קאָנסערווירטע פון דער פינצטערניש, פונעם אָטעם, פון דער שטיקנדיקער לופט. די פייכטקייט איז אַזוי שטאַרק געווען פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער

וועלט, אז אונטער איר ווירקונג זענען די הילצערנע טרעפ, וועלכע זענען געווען אָפגערוקט פון דער וואנט, געוואָרן גליטשיק און געפערלעך. ער האָט דאָס באמערקט אין א געוויסער נאכט, ווען קאלינאָווסקע האָט אים געגעבן צו וויסן, אז ער מעג פארלאָזן דאָס באהעלטעניש. דאָס בארירן די טרעפ האָט געוועקט אן עקל, האָט דורכגענומען מיט קעלט. ווען ער איז אָנגעקומען אהער זענען זיי געווען באדעקט מיט א שאָל פון פארטריקנטער בלאָטע.

אין א געוויסן טאָג איז אים איינגעפאלן א געדאנק, אז אייגנטלעך זיצט ער אומזיסט אין דעם דאָזיקן פינצטערן און נאסן קעלער. די אָוונטן פאלן צו אזוי פרי, אז ער וואָלט אָן שום געפאר געקענט זיצן אין קיך איינגעטוליעט אין א ווינקל, נישט באמערקט אפילו דאָ, ווען עמעצער וואָלט זיך באמיט ארייַנקוקן אינעווייניק. אונטערן פענצטער נאָענט פון טיש איז דאָס בעסטע אָרט: דאָרט וואָלט ער געקאָנט זיך צוהערן, אויסרוען, איינקוקן זיך אין דער פינצטערניש, וועלכע איז געגאַנגען פון די ווענט, פון די קעגנשטאַנדן, פון דער טיר, וואָס האָט געפירט אין פירהויז. אן אנדער טיר האָט פאראייניקט די וועראנדע מיט דעם צימער פון קאלינאָווסקען. ער איז דאָרט קיינמאָל נישט געווען, ער האָט אויך נישט געכאפט קיין קוק אין פירהויז, ווו ס'איז פאָרגעקומען זיין ערשט געשפרעך מיט קאלינאָווסקען ביים אָנקומען אין דעם דאָזיקן הויז. אין איינעם אן אָוונט איז ער דאָרט ארייַנגעגאַנגען: עס האָט נאָך געמוזט זיין פרי. דורך די שווארצע שויבן האָט ארייַנגעדרונגען אין דער קיך א בלאסע שייַן. די הארבסטיקע זון איז געווען פארשוונדן הינטער רעגנס און נעפלען, בלויז ביים ברעג פון האָריזאָנט, א צעריסענער פון טונקעלע ביימער, איז געלעגן א פארגליווערט ליכט. ער איז דורכגעקראָכן אויף אַלע פיר די קיך. די טיר פון פירהויז האָט לייכט נאָכגעגעבן, און אויפגערודערטער און שווער אָטעמענדיק האָט ער זיך אָנגעהויבן ארומקוקן אין דער פינצטער. ער האָט זיך פארטשעפעט ביי עפעס א קעגנשטאנד, אין דער שטילקייט האָט זיך דערהערט א דינער קלאַנג פון א דראָט, וועלכער ער האָט אָנגערירט מיט דעם פוס. טרעטנדיק פאמעלעך, האָט ער פאָרזיכטיק גערוקט זיך ביי דער וואנט מיט אויסגעצויגענע הענט פאָרויס. עס איז דאָרט געשטאַנען עפעס א קאסטן, אין וועלכן עס זענען געלעגן שמאטעס, צי גרעט, דערנאָך האָט ער זיך אָנגעשלאָגן

אין א קאַלטן גאַנשער מיט א שמאָלן האַלדז, וועלכער האָט זיך פאַרענדיקט מיט א גרויסן קאָרעק און א פאַרדרייט גלעזערן רערל. די בלאָנדזשענדיקע האַנט אין דער פינצטער האָט געפאָרשט דעם וועג און דעם געבוי פון די כלים, קעגנשטאַנדן און זאכן. ער האָט זיך אָנגעטראָפן אויף האָלץ באַהאָפטן מיט גלאָז, אויף מעטאַל מיט לייוונט. פאַמעלעך, נאָר ליידנשאַפטלעך, האָט ער אַנטדעקט די וועלט, וועלכע איז געווען איינגעהילט אין פינצטערניש: אַנטדעקט און דעראָבערט פאַר זיך פונסנײַ. דערנאָך האָט ער לאַנג געוואַנדערט מיט א ברייט צעשפּרייטער דלאָניע איבער א ליידיקער שאָרסטקער וואַנט. די נישטערנדיקע האַנט האָט אָנגעטראָפן אויף א האָק: ער האָט פעסט געשטעקט אין וואַנט, טיף פאַררוקט אזש ביזן אויסבייג, וועלכער איז קוים אָפּגעשטאַנען פון דער וואַנט. נישט אָפּרייסנדיק די האַנט פון דער וואַנט, האָט ער זיך אָנגעבויגן — די וואַנט איז געווען ליידיק. ערשט עטוואס נידעריקער, דאָרט וו עס איז געלעגן אַ קנויל פון שטריק האָט ער אָנגעטאַפּט ברעטער. אין אָנהייב האָט ער געמיינט, אַז דאָס זענען רעשטלעך פון אַ קאַסטן, אָבער ער האָט זיך גלייך איבערצייגט, אַז אויף דעם אָרט איז די וואַנט נישט פון ציגל, נאָר פון האָלץ. ער האָט דאָס אַרויסגעפילט נישט בלויז פון באַריר: דאָרט זענען געווען שפּאַרעס, דורך וועלכע עס האָט געבלאָזן אַ פייכטער פרישער לופטצוג. ער איז צוגעפאַלן צו די ברעטער, אונטערשטעלנדיק דאָס פנים און די הענט אונטער דעם ווינטל, וואָס האָט געצויגן פון דער פינצטערניש, פון רעגן און נעפּל.

די דאָזיקע אַנטדעקונג האָט צעוועקט זיין נייגיריקייט, האָט אים צערודערט. אין משך פון טאָג האָט ער אייניקע מאָל אויפגעעפנט דאָס טירל פון קעלער, כדי דורכן שפּאַלט צו קאָנטראָלירן, צי ס'איז נאָך נישט צוגעפאַלן דער אָוונט. ער איז געווען אומגעדולדיק. די שיין אויף דער פאָדלאָגע האָט נאָך נישט פאָרויסגעזאָגט דעם בין־השמשות אין צווישן די צייטן פון טאָג האָבן פויל און רואיק גע־טריפט די שלעפעריקע האַרבסטיקע מינוטן. אויפהייבנדיק דאָס דעקל האָט ער דייטלעך געהערט ווייטע שטימען, דאָס קלאַפּן פון די ציגישע טלאָען, אָבער ער האָט אַלץ נאָך מורא געהאַט צו פאַרלאָזן דאָס קעמערל. עס איז נאָך געווען צו ליכטיק און ס'האָט אים געמאַטערט דער געדאַנק, אז ווען די פינצטערניש וועט אים שוין

יאָ דערלויבן דורכגיין די קיך, וועט ער שוין דורך די שפּאַרעס אין ווינקל פון פּירהויז גאָרנישט קענען זען.

אין דער פינצטער איז ער געגאַנגען צו דער דאָזיקער וואַנט און אָנגערירט דעם האָק, וועלכער האָט זיך געפונען אין דער הייך: דאָס דאָזיקע שטיקל מעטאַל מיטן פאַרבויגענעם צאָן אין דער הייך האָט אים אויפגעדעקט דעם פעסטן בונד צווישן דעם אייזן און דער וואַנט און ער האָט יעדעס מאָל ווי אינסטינקטיוו קאָנטראָלירט, צי דער האָק זיצט נאָך אַלץ פעסט. דערנאָך האָט ער זיך אָנגעבויגן צו די ברעטער און זיך אוועקגעשטעלט אויף די קני. זיין פּנים האָט געקילט דאָס ווינקל, וואָס האָט געצויגן דורך דער פינצטערניש פון פּירהויז, און אויך די פינצטערניש האָט פאַר אים אַנטדעקט דעם בונד צווישן רוים, אין וועלכן ער איז געווען פאַרמאַכט, און דעם, וואָס האָט זיך געפונען אויסער דעם הויז. ער האָט געוואָלט א קוק טאָן אין דעם פּאַסיקל, וואָס האָט אַריינגעבליקט אין דער ווייגונג דורך די שפּאַרעס אין די ברעטער, האָפנדיק, אז ער וועט דאָרט דערזען די וועלט, אין וועלכער קיין שום רוף און קיינע שום ווערטער ווערן נישט דערשטיקט פון פּחד און שרעק. אָבער ער האָט גאָר־נישט געזען. פון דרויסן האָבן בלויז געצויגן א רעגן און א קעלט און ער האָט אין דער אומהיימלעכער שטילקייט זיך איינגעהאָרכט אין דעם פּויקן פון שווערע טראָפּנס. א פאַרנודזשעטער אויף טויט האָט ער צוריקגעקערט אין זיין קעלערל, צוזאָגנדיק זיך, אז דעם צווייטן טאָג וועט ער אַרויסגיין פריער, כדי צו באַווייזן נאָך ביים טאָג־ליכט א קוק טאָן דורך די שפּאַרעס.

אין א געווויסן טאָג, ווען ער איז אזוי געשטאַנען צוגעטוליעט מיטן פּנים צו דער שפּאַרע, האָט ער פּלוצעם דערהערט, ווי עמע־צער איז אַריינגעקומען אין דער ווייגונג. ער איז געבליבן אין פּיר־הויז. געשטאַנען אומבאַוועגלעך אָנגעשפּאַרט אין דער פאַרמאַכטער טיר. די פינצטערניש איז געווען נישט דורכדרינגלעך. „איך וואָלט באַדאַרפט בלייבן אין קעלער“ — איז אים דורכגעפלויגן א געדאַנק. ער האָט דערהערט דעם קלאַפּ פון א צוגעמאַכטן לאָדן און אָפּגע־אָטעמט. ער האָט שוין פאַרשטאַנען, אז דאָס איז קאַלינאָווסקע, דאָך האָט ער דאָס באַהעלטעניש נישט פאַרלאָזט. דערנאָך איז צו אים דערגאַנגען דער סקריפּ פון אויפגעעפנטן קעלער־דעקל און דער אויסגעשריי פון קאַלינאָווסקען. ער האָט אויפגעעפנט די טיר און

ארויסגעגאנגען. אין ליכט פון עלעקטרישן לעמפּל האָט ער צום ערשטן מאָל דערזען איר פּנים — אַן ערנסט, כמורנע און מיד.
קאַלינאָווסקע האָט געפרעגט:
— וואָס טוט איר דאָ? — רעדנדיק האָט זי געאײַלט צו דער וואנט און אויסגעלאָשן דאָס ליכט. עס איז געוואָרן פינצטער.
— איך בין געווען דאָרט — ער האָט מיט דער האנט אָנגעוויזן אויפן פירהויז.
— צו וואָס? — האָט זי געפרעגט מיט א כריפּלע שטים.
— דאָרט איז דאָ א שפּאַרע, איך האָב געוואָלט ארויסקוקן.
— וועלכע שפּארע? וואָס גייט אייך אָן א שפּארע? איר וואָלט באדארפט פארבלייבן אויפן אָרט.
— איך האָב געוואָלט ארויסקוקן.
— אָבער צו וואָס?
— איך האָב געמיינט, אז מען קען דאָרט עפּעס זען.
— דאָרט וועט איר גארנישט זען, דאַקעגן וועט מען דורכן פענצטער אייך דערזען.
— מען וועט נישט דערזען.
— איר קענט גאָרנישט וויסן. טוט עס מער נישט.
— איך קען שוין מער נישט זיצן אין דער פינצטערניש.
— איך גלויב.
נאָך א רגע שווייגן האָט ער געפרעגט:
— אפשר וואָלט איך דאָרט געקענט זיצן אין משך פון טאָג?
— ניין, פּאניע קלעפּפיש, איך קען דערצו נישט מסכים זיין.
— פארוואָס?
— ווייל קיינמאָל קען מען גאָרנישט וויסן פאָרויס.
— דאָרט איז דאָ גענוג אָרט.
— פונוואנען ווייסט איר דאָס?
— איך בין שוין דאָרט געווען עטלעכע מאָל.
— איך וועל פארמאכן דאָס פירהויז אויף א שלאָס.
— ניין, איך בעט אייך! טוט דאָס נישט!
— איך מוז!
— איך וועל זיין פאָרזיכטיק.
— פארוואָס גייט עס אייך אזוי שטארק אָן?
— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, דאָרט איז פאראן א שפּאַרע.

— אָבער אין דרויסן איז פינצטער, סיי ווי וועט איר גאָרנישט זען.

— איך ווייס, אָבער דאָרט הערן זיך שטימען, קלאַנגען. דאָרט איז נישט אזוי שטיל ווי אין דעם קעלער. אין דעם פירהויז איז אפילו די פינצטערניש אַן אנדערע, נישט אזא שווארצע און נישט אזא געדיכטע. פארמאכט נישט דאָס פירהויז!

קאַליגאָווסקע האָט געשוויגן. אין א רגע ארום האָט ער צוגעגעבן:

— איך האָב אפילו געטראכט, אז דאָרט איז פאראַן א טיר, די גאַנצע וואַנט איז ליידיק, מיט גאָרנישט פאַרשטעלט.

— און דאָס אַלץ האָט איר געזען אין דער פינצטער?

— איך בין דורכגעגאַנגען מיט דער האַנט... איך האָב זיך אָנגעטראָפן אויף א האָק...

— דעם האָק האָט נאָך ארייַנגעקלאַפּט די מוטער פון באַלעבאָס.

— צוליב וואָס?

— צוליב וואָס? — האָט זי איבערגעחזרט און אין א רגע ארום צוגעגעבן: — צוליב גאָרנישט. ער איז געווען נייטיק.

* *
*

הינטער די צוגעמאכטע לאָדנס האָט געוואָיעט דער ווינט. ס'איז געווען שפּעט. קאַליגאָווסקע איז שוין פון לאַנג געשלאָפן. פון אויוון איז אין קיך געגאַנגען אַ וואַרעמקייט. אומגעדרייט מיטן פּנים אין יענער זייט, האָט ער געזען דעם עטוואָס העלערן קוואדראַט פון דושט, וועלכער איז געווען באַלויכטן פון אינעווייניק פון דעם זשאַר: מיט א טרוקענעם שאָרך האָט זיך געשיט אויף אים דער אַש, עס האָט געטליעט א פייערל, ער האָט כמעט געפילט זיין ריח, דעם ריח פון א צישנדיק פלעמל, א קוים באַמערקבארע שיין, שטילקייט — דאָס אַלץ האָט אים געפירט דורך א פינצטערניש, וועלכער ער האָט געטרויט. פארבאָרגן הינטער איר, האָט ער נישט מורא געהאַט פאַר פאַראַט, פאַר א וועלכער ס'איז איבערראַשונג. ער האָט באַוויזן אויסצוטאָן די שיך, אויסצוגלייכן די איינגעהאָרבעטע דורך דעם

גאנצן טאָג פּלייצעס. ער איז איינגעשלאָפן, הערנדיק נאָך דאָס געשפּרעך פון אויוון, פון אַש, פון פלאַם. ער איז געזונקען פּאמעלעכדיק און פויל אין זיין נאכט, ווען פון דרויסן האָט זיך דערהערט א דורכדרינגלעך געשריי. עס האָט זיך אים נאָך אויסגעדאכט, אז ער שלאָפט, ווען צוזאמען מיטן קלאַפּן האָט זיך איבערגעחזרט דאָס געשריי:

— יעזוס! כריסטוס!

ער האָט ארויפגעצויגן די שיך, א כאַפּ געטאָן דעם פוטער און שנעל זיך געלאָזט צום קעלערל. דעמלט האָט ער דערהערט די שטים פון קאלינאָווסקען:

— וואָס איז געשען? — זי איז געווען איבערגעשראָקן.

— שנעלער! שנעלער, האָט רחמנות! עפנט!

— שוין! שוין! — האָט געשריגן קאלינאָווסקע — איך עפן שוין!

— גאָט מיינער, ער וועט מיך דערהרגענען!

ער איז געשטאנען פון אונטן א ציטערדיקער און אומרואיקער. ער האָט זיך אָנגעשפּארט אין דער וואַנט און דערפילט איר קעלט. ער האָט נאָך נישט פארשטאַנען ווי דאָס איז געשען, אז אין איין אויגנבליק איז ער אריבער פון א פינצטערניש, אין וועלכער ס'איז געווען שטילקייט און ווארעמקייט, אין א פינצטערניש, וואָס איז געווען אויסגעפילט מיט געשריי און פראָסט. ער האָט געווארט מיט געשלאָסענע אויגן. דערנאָך האָט ער דערהערט, ווי קאלינאָווסקאַ האָט געעפנט די טיר. עס האָט זיך דערהערט די וויינענדיקע שטים פון טשאַסקאָווע.

— ער וויל מיך הרגענען!

— ווער? — האָט געפרעגט קאלינאָווסקע.

— מיין מאַן.

— פארוואָס? וואָס איז געשען?

— ער האָט זיך אָנגעטרונקען.

טשאסקאָווע האָט געוויינט אויף א הויך קול.

— קומט אריין — האָט געזאָגט קאלינאָווסקע.

— אָ, יעזו, ווי אומגליקלעך איך בין.

— בארואיקט אייך.

הארט איבער זיין קאָפּ האָבן זיך דערהערט טריט.

— געבטיקט איבער ביי מיר — האָט געזאָגט קאַלינאָווסקע.

איידער טשאסקאָווע האָט נאָך באַוויזן עפּעס צו ענטפערן, האָט זיך אים אויסגעדאכט אז זי איז מסכים. נאָר פּלוצעם האָט טשאסקאָווע געזאָגט:

— איך וועל שוין גיין. — איר שטים איז געווען א רואיקע א באהערשטע.

— שוין? — האָט איבערגעחזרט קאַלינאָווסקע.

— יאָ, דער מאַן האָט זיך שוין באַרואיקט.

— און ער וועט שוין נישט שלאָגן? — אין קאַלינאָווסקעס שטים האָט זיך געהערט א דייטלעכער חוזק — ער האָט זיך שוין אויסגעניכטערט, אין דער איינער מינוט?

— און וואָס לאכט איר אזוי אָפּ פון מיין מאַן?

— ווייל איך ווייס, צוליב וואָס איר זענט דאָ געקומען. גייט ארויס!

— סיי ווי ווייס איך, אז איר באהאלט אוים א יידן!

— איר מוזט מיך נישט אויפוועקן בייגאַכט, כדי מיר דאָס צו זאָגן. א גוטע נאכט!

* *
*

פון יענער צייט האָט ער שוין מער נישט פאַרלאָזט דעם קע־לער אויף ביינאכט, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס קאַלינאָווסקע פלעגט צו אים צושטיין און פאַרזיכערן, אז זי וועט שוין מער נישט עפענען די טיר, אין פאַל, ווען טשאסקאָווע זאָל נאָכאמאָל איבער־הזרן דאָס זעלבע.

— איך האָב מורא — האָט ער שטיל אָפּגעענטפערט.

אין פאַרגעפּיל פון א ידורכפאַל, פלעגט ער פירן שמועסן מיט זיך, מיט זיינע מיראַזשן. ער איז געלעגן אויסגעצויגן אויפן פוטער מיטן קאָפּ איינגעטוליעט אין זיינע האָר, פון וועלכע ס׳האָט זיך געפילט דאָס שלעכטע וועטער און פארשידענע שוין פון לאנג אויס־געוועפּטע ריחות. אין א געווויסן טאָג האָט ער אין ווינקל אויף דער וואנט געפונען קיין גרוים אייזליכטל. ער האָט זיך אין דעם איבערגעצייגט, ווען דער קרישלדיקער אָרנאמענט,קילנדיק זיינע

פינגער, האָט שנעל אָנגעהויבן צעגיין אין זיין האנט. ער האָט נישט געוואָלט גלויבן, אז דאָס איז אייז. אָבער דאָס אייזליכטל איז צעגאנגען אלץ שנעלער און טראָפּנס האָבן געטריפט אויף זיין מלבוש. ער איז געבליבן ווי פארגליווערט. דאָס אייזליכטל איז שוין געווען נישט מער ווי א דין נעדעלע. „איך וועל שוין פונדאנען נישט ארוים“. שטייענדיק אומבאוועגלעך, האָט ער אויסגעזען, ווי ער זאָל נישט ווילנדיק האָבן אויפגענומען דעם מאַטעריאַליזירטן בראָסט, דאָס הארטע שטיקל אייז, די שפּיזלעך פון דער פראָסטיקער לופט, וועלכע וועלן אים דערפירן צו א צושטאנד פון אָנמאכט אין א געווויסער נאכט, פון וועלכער ער וועט זיך שוין מער נישט אויפוועקן. עס האָט זיך אים געחלומט, אז שארפע אייז־צעפּלעך שטעכן זיך אריין פּאַמעלעך און טיף אין זיין קערפּער. ער האָט זיך אויפגעריסן מיט א געשריי, שפּיגענדיק ווייטער אין דער פינצטערניש די געשפּענסטיקע חלומות פון שלאָף.

* *
*

עס האָט זיך דערנעענטערט באָזשע נאַראָדזעניע. קאַלינאָווסקאַ איז אוועק אין קלויסטער. איר שילדערן די תפילות האָט אים אויסגעזען נישט אינטערעסאנט און ס'איז אים קנאפּ אָנגעגאנגען. אים זענען געוואָרן נאָענט אנדערע קוואלן פון וויסן וועגן דעם גוף אין דער נשמה, דער טויט האָט זיך באזעצט מיט אים צוזאמען אין קעלער. ער האָט נישט געקאָנט מוחל זיין דער טשאסקאָוועו, וואָס צוליב איר קאָן ער נישט פּאַרלאָזן דעם גרוב און אָפּרוען אין דער ווארעם, אויף א טרוקענער פּאָדלאָגע. ווען נישט איר געוואלדיקער אייפער פעסטצושטעלן פאר יעדן פרייז, צי ער איז דאָ, צי גיין... ערשט איצט, ווען נישט געקוקט אויף קאַלינאָווסקעס כסדרדיקן צושטיין צו אים, איז ער דאָך פארבליבן פון אונטן, האָט ער אָפּגעשאצט וואָס האָבן פאר אים באדייט די געכט ביים אויוון. „דערמלט האָב איך זיך אָפּגעווענדט פון קבר, איצט האָב איך זיך צו אים איבערגעטראָגן“. בלויז א טייל פון קאַלינאָווסקעס דערציילן האָט דערגרייכט צו זיין באוווסטזיין. איר באוויזן זיך אין קאָשציאָל האָט ארויסגערופן א געמורמל, וועלכער האָט זיך איינגע־

שטילט, ווען דער קסיאָנדז האָט אָנגעהויבן צו רעדן. אין זיין רעדע האָט ער אָנגעוואָרפן א בילד פון שטרענגער מאָראַלישקייט. ער האָט געגערדט וועגן די, וואָס זוכן און בלאָנדזשען, קאַליגאָווסקע האָט זייגע ווערטער אָנערקענט פאַר ריכטיק און אמתדיק, אָבער טשאַסקאָווע, וועלכע האָט קנאַפּ פאַרשטאַנען פון דעם, וואָס דער קסיאָנדז האָט געזאָגט, האָט זיך אויסגעדרייט צו איר מיטן פּנים און חוצפּהדיק געלאַכט גלייך אין די אויגן...

קלעפּפּיש האָט גאָרנישט געענטפערט אויף די ווערטער פון קאַליגאָווסקען: זיין שווייגן האָט זי באַאומרואיקט. ער איז ווי אָפּגעשוואומען פון דעם הויז, פון דעם קעלער, געשלעפּט זיך איבער אַן ענדלאָזן שנייאיקן שטח אין דער ריכטונג פון וואַלד, ווו עס איז געווען שטיל און רואיק... היינט נאָכן אַוועקגיין פון קאַליגאָווסקען, ווען ס'איז געוואָרן טונקל, האָט ער זיך אַרויסבאַקומען פון קעלער און צוגעגאַנגען ביז צום פּירהויז. ער האָט א לענגערע צייט געהערט דאָס בילן פון הונט און אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער האַרט הינטער די ברעטער דערפּילט זיין נאָענטן, כריפּלע און זיך שטיקנדיקן אָטעם. דורך דעם דינעם שפּאַלט ביי דער ערד האָט ער דערזען זיין קאַרק, א שוואַרץ-ווייסן פראַגמענט, און אָנגעבלאָזענעם שטח אויסגעפּילט מיט אָטעם. זייגע האָר האָבן זיך באַוועגט, ציענדיק זיך אַלץ העכער אַזש ביז צום רוקן, וועלכער איז אויף דעם אָרט געווען א ביסל איינגעפאַלן, שאַפנדיק א קליינע פאַרטיפונג, וואָס איז באַקוועם פאַר א גלעטנדיקער האַנט. דער הונט איז פאַרשוואונדן, נאָר אין א ווײַלע אַרום האָט ער זיך ווידער באַוויזן, דאָס מאָל עטוואָס ווייטער. איצט האָט ער אים געקענט אָבסערווירן דייטלעך. „דאָס איז דער זעלבער — האָט ער א טראַכט געטאָן — וואָס האָט מיך אויסגעשמעקט גלייך נאָך מיין קומען אַהער". דער הונט האָט זיך געטראָגן צווישן די רייען שוואַרצע ביימער. ער האָט אויסגעשמעקט דעם אַרום מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ, פאַרהאַלטן זיך און מיט א פּלוצעמדיקן שפּרונג פאַרשוואונדן הינטער איינעם אָדער א צווייטן ברעג פון די ברעטער. ער האָט זיך געשפּילט. א ווײַלע האָט ער זיך צוגעקוקט צו זיין אייגענער ווייסער לאַפּע, צוגעקוקט זיך ערנסט, געדולדיק און פּלוצעם, נישט באַוווסט צוליב וועלכן אימפּולס, אויסגעדרייט זיך און צודריקנדיק דעם קאָפּ צום שניי, עמעצן אויסגעקוקט פול מיט אומגעדולדיקער שפּאַנונג. אין א געוויסן מאָמענט

האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז זיין בליק קרייציקט זיך מיט די אויגן פון דער חיה. אַ דערשראָקענער האָט ער זיך צוריקגעצויגן. דער הונט האָט אַלץ אַרומגעשמעקט, ביז און אָן אויפהער סקאַווטשעט. דאָס האַרץ איז אים אָפּגעשטאָרבן.

ערשט אין דער מינוט איז צו אים דערגאַנגען די שטים פון קאַלינאָווסקען, וועלכע האָט דערציילט וועגן קאָשציאָל.

— די טשאַסקאָווע האָט אויף מיר אַזוי געקוקט, ווי זי זאָל פאַרשטיין פאַרוואָס איך בין געקומען אין קאָשציאָל.

עס איז שוין געווען טונקל. ער האָט שוין באַדאַרפט אַראָפּגיין אין קעלער.

— ווי איז דער נאָמען? — האָט ער אַ פרעג געטאָן ווי אַ מענטש, וואָס רייסט זיך אויף פון שלאָף.

— איך האָב דאָך געזאָגט: טשאַסקאָווע.

— ניין — האָט ער געזאָגט אומגעדולדיק — ווי איז דער נאָמען פון הונט?

— וועלכער הונט? — האָט זי אַ פאַרוווּנדערטע געפרעגט.

— נו, דער דאָ, מיט אַזאַ שוואַרץ-ווייסער פעל.

* *
*

עמעצער איז געגאַנגען דורכן הויף און גערופן:

— באַסיו, באַסיו!

די שטים האָט אים אויסגעזען באַקאַנט. דער געקומענער האָט געפרעגט:

— וואָס הערט זיך, פאַני טשאַסקאָוואַ?

— ס'איז קאַלט.

— ס'איז ווינטער, איז קאַלט, — האָט אָפּגעענטפערט דער געקומענער.

— וואָס הערט זיך, פאַניע קאַליטאַ?

— קיין שום אויסערגעוויינלעכעס — דער געקומענער האָט זיך געדרייט אין דער נאָענט. ער האָט געהערט זיינע טריט געדעמפּטע אין שניי. אין אַ ווײַלע אַרום האָט קאַליטאַ געזאָגט:

— עפּעס רעדט מען, אַז דער מאַן שלאָגט אייך.

— מיך? דער מאַן? זאָל ער נאָר וואַגן!

— אזוי שמועסט מען. און די שכנים וועקט איר אויף ביי־נאַכט.

— ווער האָט דאָס אייך געזאָגט? אוודאי די יידישקע!

— לאָזט צורו, איך האָב זי געזען אין קאָשציאָל.

— וואָס איז דאָס פאַר א באַווייז? — האָט זי אָפּגעענטפערט מיט פאַראַכטונג.

— וועלכע באַווייזן דאַרפט איר נאָך?

— זי באַהאַלט אוים א יידן.

— איך האָב קאָנטראָלירט. קיינער איז נישטאָ.

— און איך זאָג, אז ער איז יאָ דאָ!

— פּאַני טשאַסקאָווא — — — —

— און איך זאָג, אז ער איז יאָ דאָ! — זי האָט דאָס גערעדט מיט אזא זיכערקייט, ווי זי וואָלט גרייט געווען זיך צו שלאָגן, כדי צו שטעלן אויף אירס.

— אויף וועלכן גרונט זאָגט איר דאָס?

— זי טראָגט אַרוים גאַנצע עמער מיט טנופת.

— וואָס?

— זי טראָגט ארוים טנופת פון שטוב.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ דרעקישער אַרגומענט?

— פון וועמען טראָגט זי דאָס? פון אזא, וואָס האָט מורא אַרויסצוגיין פון הויף. איך ווייס דאָס זייער גוט. נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט קאַליטאַ געפרעגט:

— פּאַני טשאַסקאָווא, וואָס אייגנטלעך אינטערעסירט עס אייך? דאָ קאָנטראָלירט איר וויפל ברויט די קאַליגאָווסקאַ קויפט, דאָ וויפל קאַרטאָפל, איצט וויפל טנופת זי טראָגט ארוים.

— ווייל זי באַהאַלט אוים א יידן.

— און וואָס, אז א יידן.

— איך וויל נישט. די דייטשן פאַרווערן דאָס.

— איר האָט רעכט, אז די דייטשן פאַרווערן, איז עס ווירק־לעך נישט דערלויבט. אָבער ביי דער קאַליגאָווסקען איז באמת קיי־נער נישטאָ. איך האָב אַליין קאָנטראָלירט.

קלעפּפּיש האָט דערהערט טריט אויף דער וועראַנדע, דורך דעם שנייי און דער וואַנט האָט זיך דערטראָגן א טויב קלאַפּן.

— אַמאָר! — האָט אויסגעשריגן קאַליטאַ — אמאָר! אַך דו. ביסט אַזוי פאַרסאַפּעט! ווו ביסטו אַרומגעלאָפן?...

ער האָט דעם הונט נישט געזען און אויך די האַנט פון קאַלי־טאַן. אָבער ער האָט בכלל גאָרנישט געמוזט זען, כדי צו פאַרשטיין פון דעם טאָן פון די ווערטער די פרייד פון דעם מענטשן ביים אָנ־בליק פון הונט. צוזאַמען מיטן הונט האָט קאַליטאַ אַרומגעקרייזט דאָס הויז. ער האָט ווידער פאַרנומען מילדע רייד, און אין דער שטילקייט צווישן איין וואָרט און צווייטן האָט זיך געהערט דאָס פריידיקע סקאַווטשען פון דער חיה.

*　　*
*

דורך דער שפּאַרונע האָט אין זיין פולן גלאַנץ אַריינגעקוקט דער פרילינג. אַן איינגעקורטשעטער אין פאַדערהויז, האָט ער אָב־סערווירט דעם הימל, די זון־שטראַלן, די בלעטלעך און דאָס גראָז, וואָס האָט רואיק געוואַקסן ביי דער וואַנט. ס'האָט געשמעקט. ס'האָט געשמעקט מיט זומפּיקייט, מיט טאַטראַק, פון ערגעץ האָט זיך געטראָגן אַ שטילער גערויש, וועלכן מען האָט ווינטער קיינמאָל נישט געהערט, קיין איין מאָל נישט... פונוואַנען האָט ער זיך געגו־מען? אפשר איז דאָס אַ טייכל? אינדרויסן איז געוואָרן אַלץ וואַ־רעמער, אין די קורצע מינוטן פון רו האָט ער געחלומט וועגן זען דעם אויפגאַנג פון דער זון. „איך וועל זאָגן הער קאַלינאָווסקאַן" די זינלאָזיקייט פון דעם באַגער איז געווען אַזוי קלאָר, אַז ס'האָט אים אַרומגענומען אַ געפיל פון שרעק. „וואָס טוט זיך עס מיט מיר?"

אין אַ געוויסן טאָג האָבן זיך לעבן הייזל פאַרהאַלטן עטלעכע מענטשן. צופאַלנדיק צו דער שפּאַרע, האָט ער זיך צוגעהערט צו זייערע אומרואיקע, געדעמפטע שטימען. די אומבאַקאַנטע — אַ מאַן מיט אַ פרוי — האָבן גערעדט מיט האַלבע ווערטער — ווי־אין געהיימניש פאַר זיך אַליין. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זיי האָבן קיין שום האָפענונג נישט, נישט איינצוהיטן דעם סוד נישט דעם אמת צו זאָגן. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט די פרוי אָנ־געהויבן בעטן וועגן עפּעס און באַשווערן דעם מאַן... ער האָט זיך צוגערוקט נעענטער צו דער שפּאַרע.

— פאָר, איך בעט דיך, פאָר — האָט די פרוי געזאָגט מיט אַן אויסטערלישער שטים, אין וועלכער עס האָבן זיך געהערט גלייכצייטיק דרייסטקייט און שרעק.

— דו פארשטייסט נישט — האָט אָפּגעענטפערט דער מאַן.

— איך וועל פארשטיין, ווען דו וועסט מיר זאָגן, אז דאָרט איז באמת אַלץ פאַרענדיקט — האָט געזאָגט די פרוי.

— דו ווייסט עס שוין. פון דריי טעג צוריק ווייסטו דאָס.

— איך וויל אַ באַשטעטיקונג. פאַרוואָס ביסטו אַזוי פאַרעקשנט?

— צוליב דעם דאַרף איך נישט פאָרן קיין ווארשע.

— אויב אַזוי וועל איך פאָרן — האָט די פרוי שנעל געזאָגט, זייער שנעל, ווי זי זאָל וועלן פארלויפן די ווערטער פון מאַן.

קלעפּפיש, האָט געהאָפט, אז עס וועלן קומען נאָך צוגאָבלעבע אויפקלערונגען. ער האָט געפילט, אז די מענטשן באַגערן צו אנטלויפן פון עפּעס אזוינס, וואָס צווינגט זיי, נישט געקוקט אויף דער געפאר צו פארבלייבן דאָ. ער האָט געוואָלט וויסן ווער זיי זענען. דער מאַן האָט געזאָגט:

— וועסט נישט אנטלויפן?

— איך פארשטיי נישט — האָט אָפּגעענטפערט די פרוי — דו פרעגסט צי דו באשטעטיקסט?

— און ווי וואָלסטו געוואָלט?

— פארוואָס דאַרף איך בלייבן, ווען אלע דאָרט קומען אום?

אין משך פון דער גאנצער צייט, וואָס ער זיצט דאָ פארמאכט האָט ער נאָך קיינמאָל אַזוי שטאַרק נישט געוואָלט אַרויסגיין ווי איצט, כדי צו זען די דאָזיקע מענטשן און זיי איבערפרעגן וואָס עס קומט פאָר, וועגן וואָס רעדן זיי.

ווען זיי זענען שטיל געבליבן, האָט זייער שווייגן אים געפּייניקט. „רעדט, האָט נישט קיין מורא — האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין — דערציילט!“

* *
*

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס טוט זיך אין ווארשע?

— וואָס זאָל זיך טאָן? — האָט אָפּגעענטפערט קאַליגאָווסקאַ.

— דאָרט מוט זיך עפּעס — איז ער צוגעשטאַנען.

— און פּונוואַנען ווייסט איר?

— איך ווייס. איך בעט אייך, זאָגט מיר.

— אָבער פּונוואַנען ווייסט איר?

— איך בין אומרואיק.

— אין געטאָ קומען פאָר קאַמפן.

— פון לאַנג?

— זינט דריי טעג.

אין צימער איז געוואָרן טונקל. ער האָט דערפילט א דורכדרינג־לעבע קעלט, כאָטש אין שטוב האָט מען געהייצט א גאַנצן טאָג. עס איז אנטשטאַנען א שווערע אומהיימלעכע שטילקייט. נאָך א ווײַלע איז ער ווידער צוגעשטאַנען מיט פראַגן, אָבער קאַלינאָווסקא האָט זיך געפּרוווט אויסדרייען, געענטפערט מיט האַלבע ווערטער.

— איך בעט אייך, זאָגט מיר, וואָס קומט דאָרט פאָר. דאָרט געפינט זיך דאָך אויך מײַן חוה.

— איך האָב דאָך שוין אייך געזאָגט, דאָרט קומען פאָר קאַמפן.

— ווער קעמפט? וווּ?

— אויפן גאַנצן שטח פון געטאָ.

— דאָרט געפינט זיך מײַן טאָכטער. — זײַן שטים האָט גע־ציטערט.

קאַלינאָווסקא האָט געשוויגן.

— איר מיינט, אז זי איז אימשטאַנד צו קעמפן? — היות די קאַלינאָווסקאַ האָט נישט געענטפערט, האָט ער צוגעגעבן: — פּאַני קאַלינאָווסקאַ, איר פאַרשטייט, דאָס איז דאָס יינגסטע קינד מײַנס.

— צו וואָס רעדן וועגן דעם?

— וועגן וואָס דען זאָל איך רעדן? דאָרט קומט אום מײַן קינד, און איך זאָל שווײַגן?

— איר קענט נישט וויסן, צי זי וועט אומקומען.

— צי איז דען פאַראַן א האָפענונג, אז זי זאָל לעבן בלײַבן?

— ער איז געזעסן אומבאַוועגלעך און געוואַרט אויף אן ענטפער.

— אין אזא קאַמף געשעעט פאַרשידן. מען קען גאָרנישט פאָ־רויסזען.

זי האָט שוין געוואָלט אַריבערגיין אין איר צימער, ווען ער האָט פּלוצעם געזאָגט:

— פאַני קאַלינאָווסקאַ, איך האָב צו אייך אַ ביטע.

— ביטע.

— צי איר קענט וויעלעצקין?

— דעם פון אַטוואָצק?

— יאָ.

— דער, וואָס איז אַמאָל געווען אַ ראַטמאַן?

— יאָ.

— פערזענלעך קען איך אים נישט, אָבער, ביטע, זאָגט אין וואָס עס גייט?

— צי איר וואָלט געוואָלט צוגיין צו אים?

— נאָכוואָס?

— אפשר ווייסט ער עפעס וועגן מיין הוהן?

— די זשאַנדאַרן האָבן אַרומגערינגלט דאָס געטאָ.

— ווילט איר נישט צוגיין צו אים?

— איך קען, אָבער צו וואָס?

— איר וועט אים איבערגעבן אַ גרוס פון מיר.

— און וואָס נאָך?

— ער ווייסט זיכער עפעס.

— גוט, איך וועל גיין.

— ווען?

— מאָרגן.

— איר זענט נישט ברוגז אויף מיר?

— וואָס פאַלט אייך איין?

* *

*

ער האָט די גאַנצע הילף געזען אין וויעלעצקין. ער מוז זי־בער עפעס ווימן וועגן געטאָ, וועגן דעם, וואָס האָרט קומט פאָר. „ער וועט האָד נישט אָפּנאַרן אַז אלטן באַקאַנטן, דעם פאָטער פון מיכאלן — האָט ער זיך אַליין געטרייסט. — און אויב ער וועט זיך נישט וועלן אָנערקענען צו מיר?“ — האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

ער האָט זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט, דערנענטערט זיך צו די טרעפּ און בלייבנדיק שטיין אונטער דעם סאַמע דעקל, האָט ער זיך אונטערגעשפּאַרט מיט ביידע הענט. ער האָט זיך איינגעהאָרכט. ער איז אַנטרונען פון שלאָף און פון די נאַכטיקע זעונגען. ער האָט נישט געהאַט קיין היים, קיין ערד און קיין הימל, אויסער דעם שטיקל הילצערנעם שטח איבערן קאָפּ, אָנשטאָט אַ דאַך, און דאָס שמאָלע ברעטל אונטער די פיס, אָנשטאָט דער ערד, און ער איז געהאָנגען הוידענדיק זיך צווישן די פינצטערנישן פון דער נאַכט, פון דעם הויז און פון דער אונטערערד. ער האָט געהערט ווי די פרוי אָטעמט, עס האָט אים אָפּגעטיילט פון איר בלויז עטלעכע מעטער, און אין דער שטילקייט האָט ער מיט פּאַרדרוס און עקשנות געהאַלטן אין איין איבערחזרן איר נאָמען. ער האָט נישט געוואָלט און נישט געקאָנט פאַרבלייבן פון אונטן: דאָרט האָט אים קיינער נישט געהיט, אַפילו נישט אין שלאָף, דאָרט וואָלט ער אין פאַרצווייפלונג געמוזט רופן דעם נאָמען פון חוהן. דעם רוף וואָלט נישט באַגלייט נישט קיין געוויין, נישט קיין קרעכץ. זיין שטים וואָלט געווען ענלעך צו אַ פינצטער געשריי — וווּ ביסטו? וווּ ביסטו? וווּ ביסטו?

די קאַלינאָווסקאַ האָט זיך אונטערגעהויבן אויף איר געלעגער, האָט בעט האָט א סקריפּע געטאָן, זי האָט זיך אויפגעזעצט.

— פאַרוואָס שלאָפט איר נישט? וואָס איז געשען? — האָט זי געפרעגט.

— איך קען נישט.

— ס׳איז פולשטענדיק שטיל.

— ווירקלעך. ס׳איז פולשטענדיק שטיל.

— טאָ פאַרוואָס שלאָפט איר נישט?

— אַ מענטש קלערט איבער פאַרשידנס.

— וועגן חוהן.

— יאָ.

ער האָט אָפּגערוקט דאָס דעקל, אַרויסגעגאַנגען פון דעם קעלער און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע, אָנשפּאַרנדיק די פיס אויף דעם העכסטן שטאַפּל פון די טרעפּ.

— איר וועט גאָרנישט אויסקלערן — האָט געזאָגט די קאַלינאָווסקא.

— אַז מען האָט אַ קינד אַזוי גאָענט און מען ווייסט פון דעם גאָרנישט, וועלכע רעצעפּטן קענען דאָ העלפן?

— ווען מען זאָל קענען גיין אהין, וואָלט איך געגאַנגען.

— איך ווייס, אַז איר זענט זייער אַ גוטע — האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט.

— דאָס מאָל דאַרף מען צוּוואַרטן.

— איר מיינט, אַז ס'וועט נישט זיין צו שפּעט?

— דאָרט קומט פאָר אַן אמתע מלחמה.

— צו וואָס זאָגט איר מיר דאָס?

— איר ווילט נישט וויסן דעם אמת?

— איך וויל און וויל נישט. דאָרט געפינט זיך מיין טאָכטער, איר פאַרשטייט?

— דאָרט געפינען זיך אַ סך יונגע מענטשן.

— יאָ, אָבער גליקלעכע.

— גליקלעכע?

— זיי וויסן שוין, אַז קיינער זאָרגט זיך נישט וועגן זיי, קיינער ציטערט נישט, קיינער האָט קיין מורא נישט.

— מעגלעך, אַז הוה קלערט אויך אַזוי.

— מעגלעך... איך בין מקנא דעם הונט — האָט ער געזאָגט אין אַ ווײַלע אַרום.

קאַלינאָווסקא האָט געשוויגן.

— איר פרעגט נישט פאַרוואָס איך בין אים מקנא. איר האָט געזען אַמאָל, ווי ער לויפט, טאַנצט, שפּרינגט?

— ווי האָב איך געקענט נישט זען?

— ער לויפט אַרום צווישן די ביימער, ווי אַ קינד, שפּילט זיך ווי אַ קינד. צו אַ בוים דערנענטערט ער זיך ווי צו פייער, אַ ביסל ווי ער זאָל מורא האָבן און גלייכצייטיק ווי ער זאָל וועלן וועגן אים אַליין וויסן: צי ער איז אַ גוטער, אַ פריינדלעכער, צי קאָן ער האָבן צו אים צוטרוי. צי האָט איר אַמאָל באַמערקט, ווי ער לויפט איבער דער סטעזשקע? אָ, איך האָב אים גוט אָבסערווירט. ער ווייסט, וואָס דאָס איז אַזוינס פרייהייט. איך האָב אים לאַנג נאָכגעקוקט און ווייס, ווען ער דערשמעקט נאָר די פרייהייט, דערמאָנט הערט ער קיינעם נישט, און קיין שום זאַך און קיינער זענען אים נישט אימשטאַנד צו שטערן, נישט דער דייטש, נישט די אָקופּאַציע, נישט די מלחמה,

גאָרנישט, גאָרנישט. און איך בין אים מקנא. איך בין אין אים מקנא דאָס, וואָס קיינער באַמערקט אים נישט, און אַז מען באַמערקט אים שוין יאָ, וועט אים קיינער קיין שום שלעכטס נישט זאָגן, נישט פאָרוואַרפן, אַז ער האָט קיין רעכט נישט צו לעבן. ווייל ער איז פון אַ צווייטער ראַסע, אַן ערגערער אָדער אַ בעסערער. ער וועט איבערלעבן, כאָטש ער איז פון דער סאַמע נידעריקסטער, פאָדלער, הינטישער ראַסע. ער האָט רעכט צו לעבן. און חוה...

— איך וועל מאָרגן גיין צו וויעלעצקין—האָט אים קאַלינאָווסקאַ איבערגעריסן.

— גוט — האָט ער געזאָגט און אָפּגעזיפצט. — איר זענט זייער אַ גוטע. איך ווינטש אייך אַ רואיקן שלאָף. פאַני קאַלינאָווסקאַ.

* *
*

— האָס האָט ער אייך צוגעשיקט — האָט קאַלינאָווסקאַ געזאָגט דעם צווייטן אָונט.

— ווער?

— וויעלעצקי — און זי האָט אים דערלאַנגט אַ צונויפגעלייגט בייגעלע פּאַפּיר.

— וואָס הערט זיך אין וואַרשע?

— האָס האָט ער אייך צוגעשיקט — האָט זי איבערגעחזרט.

— איר ווייסט גאָרנישט וועגן גענאַ?

— ער האָט מיר בלויז דאָס געגעבן.

— ער האָט מיך געדענקט? — האָט ער געפרעגט.

— ער האָט זיך זייער דערפרייט. ער האָט נישט געוווסט, אַז איר לעבט.

— ער האָט אייך עפּעס געזאָגט.

— ער האָט מיר בלויז געגעבן דאָס, וואָס איך האָב אייך איבערגעגעבן. דאָרט איז חאָ אַלץ. אַזוי האָט ער געזאָגט.

— אַ דאַנק. איך וואָלט עס געוואָלט איבערלייענען.

זיי זענען געזעסן אין דער פינצטערער קיך, אין שכנותדיקן צימער האָט געברענט אַ קליין עלעקטריש לעמפּל. דאָס איז געווען

איינע פון יענע זעלטענע מינוטן, ווען ער האָט אין דער האַלבֿ־טונקעלקייט געקענט קוקן אויף איר פֿאַרזאָרגט פּנים.

— איך וועל אייך בעטן אַ ליכט.

זי איז דורכגעגאַנגען די קיך און לאַנג געזוכט אויפֿן אויוון די שוועבעלעך, וועלכע זי האָט אים דערלאַנגט צוזאַמען מיט אַ שטיקל צעשמאָלצן ליכט.

— איר זאָלט נישט פֿאַרגעסן צו פֿאַרלעשן.

— איך וועל געדענקען. זייט רואיק.

*　　*

*

די פּרימיטיווע צייטונג געדרוקט אויף גראָען פּאַפּיר האָט אַנטהאַלטן מעלדונגען פֿון פֿראָנט, קאָמוניקאַטן, איבערזיכט פֿון געשעענישן. ער האָט גאָך נישט געלייענט, קודם איבערגעבלעטלט איבערגעקוקט דעם טעקסט, כּדי זיך צו אָריענטירן וואָס איז פֿאַר אים אין דער ערשטער ריי וויכטיק. דער אינהאַלט פֿון דער צייטונג איז געווען זייער אַ קלאָרער. ער האָט נישט געפּאָדערט, מען זאָל זיך ספּעציעל קאָנצענטרירן. פֿון די באַריכטן פֿון פֿראָנט האָט ער זיך דערוווּסט, אַז די דייטשן זענען געוואָרן אָפּגעשטויסן ווייט פֿון מאָסקווע, און אַז דער גאַנצער פֿראָנט וואַקלט זיך. צווישן די שטעט, פֿון וועלכע מען האָט אָפּגעשטויסן די דייטשן, האָבן זיך געפֿונען אַזעלכע, וועלכע זענען אים געווען באַקאַנט פֿון דער געאָגראַפֿיע אָדער פֿון לעקטור. וועגן דעם צווייטן זייטל, וואָס ער האָט געהאַלטן פֿאַרדריקט אין פּויסט האָט ער זיך דערמאָנט, ווען ער האָט שוין געהאַט איבערגעקוקט דאָס לעצטע זייטל פֿון דער צייטונג.

אונטערן קעפּל „איבערזיכט פֿון די געשעענישן“ האָט דער אויטאָר אינפֿאָרמירט וועגן די קאַמפֿן אין געטאָ, וועלכע האָבן שוין געדויערט זעקס טעג. „די יידישע באַפֿעלקערונג, אָנגעלערנט פֿון די דערפֿאַרונגען אין אויגוסט און יאַנואַר — האָט געשריבן דער קאָרעספּאָנדענט — וועט נישט מער פֿאַרפֿולן די גאַז קאַמערן אין טרעבלינקע“.

— דאָס איז נישט מעגלעך — האָט ער געשעפּטשעט — דאָס איז אוממעגלעך. — עס האָט זיך אים אויסגעראַכט, אַז ער פֿאַר־

שטייט נישט די ווערטער, וועלכע ער האָט איבערגעלייענט, ער האָט נישט געטרויט זיינע אויגן, זיין פאַרשטאַנד. דאָס פלעמל פון ברענענדיקן ליכט איז געוואָרן נישט זיכער, א שרעק האָט אויף אים אָנגעוואָרפן זיין אייגענער גרויסער און שוואַרצער שאָטן. ער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, ווי פאַרטאַיעט, וועגנדיק אויף דער דלאָניע די געדרוקטע שטיקלעך פּאַפּיר, די וועלט, וועלכע איז געוואָרן פאַרטוישט אין זיין געדאַנק, האָט אים איבערגעשקט קאָשמאַרע ידיעות.

וועלכע זענען דאָס פאַר אַ דערפאַרונגען פון אויגוסט און יאַנואַר? איצט איז געווען סוף אַפּריל 1943, הייסט עס, אַז די אויגוסט־דערפאַרונגען זענען פאָרגעקומען נאָך דעמלט, ווען ער איז נאָך געווען ד אָ ר ט, אָדער מעגלעך שוין ד אָ? וואָס איז דאָס פאַר א דערפאַרונגען? ווו איז ער געווען, ווען אין געטאָ זענען פאָרגעקומען עפּעס דערפאַרונגען, וועגן וועלכע מע רעדט נאָך מיט א יאָר שפּעטער אין אַן אונטערערדישער צייטונג? פאַרוואָס האָט ער גאָרנישט געוווסט וועגן דעם דעמלט? טרעבלינקע... זיי ווילן מער נישט פאַרפולן די גאַז־קאַמערן אין טרעבלינקע... דאָס הייסט, אַז דעמלט האָבן זיי פאַרפולט... צו יענער צייט אין אויגוסט איז דאָך אָפּגעפאָרן יענער צוג... יאָ, אין אויגוסט... דאָס איז געווען אין אויגוסט, ווען ער איז אין דער היץ, אינגאַנצן נישט געשוויצט, געלעגן אין גרוב אונטער די סאָסנע־וואָרצלען. און יאַנואַר האָט אים שוין אַרומגערינגלט א שניי, וועלכער האָט זיך ווירבלענדיק אַריינגעריסן דורך די שפּאַרונעס צווישן די ברעטער, און דער הונט איז אַרומגעשפּרונגען, איינגעשלאָסן אין זיין כמורנער וועלט, ווי אַ דערגענצונג, וואָס האָט נאָך מער פאַרטיפט דאָס געפיל פון איינזאַמקייט און געפאַנגענשאַפט...

ער האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגן חוהן, זיך געהאַלטן אין איין נאָכפרעגן וועגן איר, וואָס האָט ער מער געקענט טאָן, ווי זיך נאָכפרעגן, טראַכטן וועגן איר, חלומען? צי איז אים דערלויבט צו באַווירקן די קאַלינאָווסקאַ, אַז זי זאָל, ריזיקירנדיק מיטן לעבן, פאָרן אין געטאָ, אין דעם דאָזיקן אָפּגרונט, וואָס איז אויסגעפילט מיט שרעק און טויט, כדי אויסצוגעפינען זיין טאָכטער? וויעלעצקי האָט אים דערויף געגעבן אַן ענטפער. ערשט איצט האָט ער פאַרשטאַנען, פאַרוואָס אויף דער פראַגע וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר אין

וואַרשע, האָט אים די קאַליגאָווסקאַ דערקלערט, אַז דאָרט אין די געדרוקטע צייטלען, וועלכע עס האָט אים איבערגעשיקט זיין אַלטער באַקאַנטער, איז דאָ אַלץ.

אַלץ... צי האָט ער געקענט שלום־מאַכן דערמיט, אַז אַלץ איז דאָ דאָרט, ווו ס'איז פֿאַראַן דער טויט פֿון אַ שטאָט, אין וועלכער אין וועלכער מען האָט פֿאַרמאַכט עטלעכע הונדערט טויזנט פֿון זיינע ברידער און שוועסטער, געצוואונגענע צו געהאָרכזאַמקייט, הונגער, נויט און אומקום? אַלץ? צי יעדער צייט אַלץ? שטענדיק אַלץ? צי אויך אין דעם פֿאַל ווען ער זאָל מוזן אָנערקענען, אַז חוה וועט לעבן נאָר אַזוי לאַנג, ווי לאַנג דאָס וועט איר באַשטימען דער אומקום און טויט פֿון געטאָ? פֿאַר וויפֿלעצקין קען דער איבערזיכט פֿון די געשעענישן כולל זיין אין זיך אַלץ, אָבער אים קען עס נישט געניגענען...

ער האָט צונויפֿגעלייגט די צייטלעך, פֿאַרלאָשן דאָס ליכט און אַרויסגעגאַנגען אין דער הייך. ביים טיש איז ווי אַ שוואַרצע סטאַטוע געזעסן קאַליגאָווסקאַ.

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס באַדייט דאָס אַלץ?

אַ שווייגן.

— פֿאַרוואָס רעדט איר גאָרנישט?

— וואָס האָב איך צו רעדן?

— דאָס וואָס איר ווייסט.

— איך ווייס גאָרנישט.

— איך גלויב נישט! דאָס איז אוממעגלעך!

— איך ווייס גאָרנישט.

— דאָרט ברענט דאָס געטאָ, אַ ריזיקער שטח פֿון וואַרשע, און איר ווייסט גאָרנישט.

— איך בין דאָרט נישט געווען.

— איך מוז דאָרט אַהין פֿאָרן.

— פּאַני קלעפּפּיש, צי ווילט איר אומברענגען זיך און מיך?

— דאָרט געפֿינט זיך מיין טאָכטער.

— איר וועט גאָרנישט העלפֿן. דאָרט איז פֿול פֿון מיליטער, טאַנקן, האַרמאַטן.

— אפֿשר רופֿט זי מיך?

— איר וועט נישט דערהערן.

* *

*

ער האָט געהערט, דײטלעך געהערט. בײנאַכט מיטן פּנים איינגענורעט אין אויסגעשפּרייטן פּוטער אויף דער ערד האָט ער געהערט האָס געשריי פון דער טאָכטער. א דאַרע, אַן אויסגעטריקנטע, אַ צוואַנציקיעריקע איז זי יעדע נאַכט אַרויסגעגאַנגען פון כמאָטשע, גענשע, נאַלעווקי, פון די טויערן פון יענע הייזער, וועלכע ער האָט געקענט, פון וועלכע ער האָט נישט רעזיגנירט, כאָטש דער פּלאַם האָט זיי איינגעשלונגען. איר שטים איז געווען א כריפּלע און ווען זי האָט דערזען דעם טאַטן, האָט זי אָנגעהויבן שרייען. ער האָט זי געבעטן, זי זאָל אויפהערן. ער האָט זיך פאַרשטאָפּט די אויערן, צוגעדעקט דעם קאָפּ מיטן קאָלנער, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן.

— ווילסט, אַז איך זאָל זיך באַקלאָגן? — האָט זי אים געפרעגט אין שלאָף.

— יאָ.

— דו ווייסט ווען א מענטש באַקלאָגט זיך? — האָט חוה געפרעגט א פאַרוואונדערטע פון זיין ענטפער.

— יאָ.

— ווילסטו ,הייסט עס, אַז ס'זאָל מיר ווי טאָן? — איז חוה פון אים נישט אָפּגעשטאַנען.

— יאָ.

— ווילסט באמת, אַז ס'זאָל מיר ווי טאָן?

— יאָ.

פּלוצעם האָט זי זיך צעלאַכט און געזאָגט:

— קלערסט מסתמא, אַז כל־זמן אַ מענטש פילט ווייטיק, לעבט ער נאָך?

— יאָ.

— אָבער צו וואָס לעבן, אויב מע דאַרף בלויז ליידן ווייטיק?

ער האָט לאַנג פאַרגעדענקט די האַזיקע ווערטער, כאָטש זיי האָבן אָפּגעטייט זיין האָפענונג. ער האָט געפונען אין זיי א פאַרלייכטערונג, זיי האָבן אים באַפרייט פון די קאָשמאַרע געדאַנקען, אַז חוה גייט אויס פאַמעלעך אין ליידן, אייגזאַם, צווישן חורבות, ערגעץ אין שאָטן פון אַ וואַנט, צווישן שמאַטעס און מיסט. ער האָט

פון זיך נישט אָפּגעטריבן די בילדער, מחשבות און ווערטער. ניין, ניין... נישט די פינצטערניש, נישט די שטילקייט, נישט די אייגזאַמקייט האָבן נישט איזאָלירט די רעפלעקסיעס. ער האָט געזען די פינצטערע גאַסן, די שרעק־בילדער פון רויבערישן אַריינרייסן זיך אין די טויערן פון די הייזער, וועלכע ער האָט געקענט און באַגעדענקט. ער האָט זיך געקאָלערט אין רויך פון שׂרפה, דורכגעריסן זיך דורך די פלאַמען פון דעם הויז, ווו אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָרט געפינט זיך זיין טאָכטער... עס זענען פאַריבער טעג. אַן אומבאַוועגלעכע האַנט האָט פאַרדריקט דאָס מויל.

* *

*

דעם טאָג האָט וויעלעצקי ווידער געגעבן צו וויסן וועגן זיך. ער האָט דורך קאַלינאָווסקען אים צוגעשיקט אַ צייטונג. ער האָט זי אויפגעעפנט מיט ציטערדיקע הענט. דער „גלאָס וואַרשאַווי“ האָט אינפאָרמירט, אַז נישט געקוקט אויף דעם זעקסוואָכיקן שטורם, בעת וועלכן די דייטשן האָבן זיך באַנוצט מיט פאַרשידענע מינים געווער, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס מען האָט פאַרברענט דעם גאַנצן יידישן קוואַרטאַל און אָנגעוואָנדן גאַז, האָט זיך נישט איינגעגעבן צו ברעכן דעם ווידערשטאַנד פון דעם הייפל פאַרטיידיקער פון געטאָ. מיט פאַרבאַהאַלטענעם אָטעם האָט ער די ידיעה איבערגעלייענט עטלעכע מאָל. די שיין פון ציטערנדיקן ליכט־פלעמל איז געפאַלן אויף זיינע הענט, וועלכע זענען געלעגן פאַרשטאַרט אויף זיינע קני, די צייטונג איז געלעגן אויף דער ערד. ער האָט זי פונסניי גענומען אין דער האַנט און קאָנטראָלירט די דאַטע: דער 28־טער מאַי 1943 יאָר. עס איז געווען אָנהייב יוני...

אין וווינונג איז געווען שטיל, ער האָט נישט געהערט די טריט פון דער קאַלינאָווסקען און איז געווען זיכער, אַז זי איז ערגעץ אַרויסגעגאַנגען. ער האָט פאַרלאָשן דאָס ליכטל, ביי וועלכן ער האָט געלייענט די צייטונג, אונטערגעהויבן דאָס קעלער־טירל און, אַ קוק טוענדיק אויף דער פּאָדלאָגע, פּעסטגעשטעלט, אַז אין קיך איז שוין טונקל. ער האָט זיך איינגעהאָרכט. קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן. די וואַנט פון דער קיך איז אויף פיל ערטער געווען געפּלאַצט און

באַדעקט מיט ראָצן. ווי אַ שאָל. אַ טונקעלער פלעק פון ווילגאָטש האָט זיך געצויגן פון אונטערן סופיט ביז די קאַפּליעס פון אויזן. ער איז אַרויסגעגאַנגען פון קעלער, נאָכאַמאָל זיך אַרומגעקוקט און דערנאָך זיך דערנענטערט צו דער טיר. זי איז געווען פאַרמאַכט. ערשט איצט איז צו אים דערגאַנגען די שטים פון דער קאַלינאָווסקאַ. זי האָט גערעדט מיט עמעצן אויפן הויף. צוערשט האָט ער זיך נישט געקענט כאַפּן מיט וועמען, אָבער אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער דער־קענט די שטים פון דער טשאַסקאָווא. „אויך זי וועט זײַן צופרידן" — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. ער האָט זיך דורכגעשלײַכט אין קע־מערל, דאָ איז געווען פולשטענדיק פינצטער. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער זיך געוואָלט אומקערן אין קיך נאָך שווענעלעך, נאָר ער האָט אַ טראַכט געטאָן: „מע קען מיך נאָך באַמערקן". ער האָט זיך געאײַלט, געווען אומגעדולדיק, געזוכט אין דער הייך אויף דער וואַנט דעם האָק, וועלכער האָט דאָ געשטעקט, אָבער ער האָט אים נישט געפונען. „ער מוז זײַן, ער איז דאָך געווען!" ער האָט גע־שאַרט מיט דער האַנט איבער דער וואַנט און באַטאַפּט מיט די פינגער איר קאַלטן און שאַרסטיקן אויבערפלאַך. „פאַראַן! פאַראַן!" ער האָט מיט אומגעדולד אָנגעהויבן זוכן אין דעם פעקל שטריק פון אונטן דער פאָדלאָגע אַ פאַסיקן שנור. צופרידנדיק מיט דעם פון דעם גאַנצן קנויל, האָט ער אים מיט אָנשטרענגונג געצויגן. „איך מוז זיך צואײַלן, זי קען באַלד אַרײַנקומען". אָבער דער קנויל האָט נישט נאָכגעגעבן. „נישט געקוקט אויף דער אָנווענדונג פון גאַז" — האָבן דורכגעשווינדלט אין זײַן מוח די ווערטער פון קאָמוניקאַט. אַ שוויים האָט אים באַדעקט, עס איז אים געוואָרן דושנע. ער האָט זיך דערפרייט, דער שנור האָט אָנגעהויבן ווערן אַלץ לענגער. „ווי־לעצקי וועט זײַן פאַרוווּנדערט".

עמעצער האָט זיך דערנענטערט צום הויז אומערפייפנדיק. ער איז געבליבן שטיין פאַרגליווערט, דער שנור איז אים אַרויסגע־פאַלן פון דער האַנט. ער האָט דערוואַרט דאָס רופן פון קאַליטאַן: „באַסיו! באַסיו", אָבער קיינער האָט נישט גערופן. ער האָט אָפּגע־אָטעמט מיט פאַרלײַכטערונג. „עס וועט געלונגען". ער האָט פאַר־דריקט דאָס מויל און שנעל, נישט טראַכטנדיק, דורכגענומען דעם שנור דורכן שלייף, נאָכאַמאָל פאַרצויגן דעם קנופּ און פאַרוואָרפן אויף דעם האָק. דער אָנגעצויגענער שטריק האָט אים אַ כאַפּ געטאָן,

אויפֿגעהויבן און, מחמת דער משא פֿון זיין אייגענעם קערפּער, אַ וואָרף געטאָן אויף דער וואַנט.

ער איז געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע. ער איז געפֿאַלן אויף די קני און, אָנגעבויגן מיטן שנור אויפֿן האַלדז, ווי אַריינגעשליידערט אין אַ פֿינצטערניש, האָט ער אָן דאַנקבאַרקייט, מיט ביטערניש, אויפֿגענומען פֿונסנײַ די פּאָדלאָגע, די וואַנט, דעם קנויל שטריק. דערנעבן איז געלעגן עפּעס אַ קעגנשטאַנד, וועלכער איז פֿריער נישט געווען. ער האָט דורכגעפֿירט איבער אים מיט דער האַנט. דאָס איז געווען אַ גראָבע לענגלעכע ברעט, וועלכע איז אַראָפּגעפֿאַלן, ווען דער האָק האָט מיט אימפּעט זיך אַרויסגעריסן פֿון דער וואַנט און דורכגעשניטן די פֿינצטערניש. ער איז אַליין געלעגן אומבאַוועגלעך, אַן אויסגעשעפּטער פֿונעם פֿאַלן.

— דאָרט איז עפּעס געשען! — האָט אויסגערופֿן די מישאַס־קאָווע.

ערשט איצט איז ער געקומען צום באַוווסטזיין.

— דאָרט איז עפּעס געשען! — האָט זי איבערגעחזרט. — לאָזט מיך, איך מוז זען, וואָס דאָרט איז פֿאָרגעקומען.

— דאָס איז נישט אייער עסק — האָט אָפּגעענטפֿערט די קאַלינאָווסקאַ — איך וועל זיך שוין אַליין אַן עצה געבן.

ער האָט געהערט, ווי זי איז אַריינגעגאַנגען אין דער וועראַנדע, ווי זי האָט אויפֿגעעפֿנט די טיר און זי צוריק פֿאַרמאַכט הינטער זיך. ער האָט געהערט, ווי זי האָט דורכגייענדיק פֿאַרמאַכט דאָס טירל פֿון קעלער. אין אַ ווײַלע אַרום איז זי שוין געשטאַנען אין פֿינצטערן פֿאָדערהויז.

— וואָס איז דאָ געשען?

ער איז נאָך אַלץ געלעגן מיטן שנור אויפֿן האַלדז אַן אומבאַוועג־לעכער און שווייגנדיקער.

— וואָס האָט איר געוואָלט טאָן?

זי האָט רואיק אָנגענומען פֿאַרן שנור, און ער האָט דערפֿילט אירע פֿינגער צווישן שטריק און אָפּענעם האַלדז, ווי זיי זאָלן אויס־פֿירן די סאַמע געווינלעכסטע אַרבעט. זי האָט לויז געמאַכט דעם שלייף, האַלטנדיק דעם שנור אין דער לופֿט, כּדי ער זאָל נישט באַרירן זיין האַלדז. דער שלייף איז געוואָרן פֿריי און זי האָט דעם שנור אַ וואָרף געטאָן ווייט פֿון זיך, אין ווינקל פֿון פֿאָדערהויז.

— שטייט אויף — האָט זי אַרויסגעשעפּטשעט — שטייט אויף...

— גוט, איך וועל באַלד אויפשטיין, ביטע העלפט מיר.

— זעצט זיך צו, אָט דאָ.

זי איז אַרויסגעגאַנגען אין דער קיך, וועלכע איז געווען פאַרזונקען אין פינצטערניש.

— וואָס איז דאָרט געשען? — האָט די טשאַסקאָווסקאַ געפרעגט דורכן פאַרמאַכטן פענצטער.

— דאָס לאָקשנברעט איז אַראָפּגעפאַלן — האָט געענטפערט די קאַלינאָווסקאַ.

— דאָס לאָקשנברעט?

— יאָ.

— און איך זאָג אייך, אַז דאָרט קומען פאָר עפּעס נישט קיין גוטע זאַכן.

— עס קומט גאָרנישט נישט פאָר.

— ווען איר זענט נישטאָ אין דער היים, גייט דאָרט עמעצער אַרום.

— קיינער גייט דאָ נישט אַרום.

— דאָס איז זיכער דער גייסט פון קאַליטאַס מוטער — האָט די טשאַסקאָווא געזאָגט און זיך צעלאַכט.

* *

*

די קאַלינאָווסקאַ האָט נישט פאַרלאָזט די שטוב. זי האָט פּאָרזיכטיק צוגענומען פון קעמערל די שטריק, דעם קנויל דראָט, אַ פאַרזשאַווערט זעגל. זי האָט דורכגעזוכט אַלע ווינקלען און אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט מכשירים, וועלכע האָבן לויט איר מיינונג געקאָנט ברענגען אַן אומגליק. זי האָט אָנגעהויבן צונויפזאַמלען דאָס דאָזיקע גאַנצע אַלטוואַרג אין אַ ווינקל פון צימער צווישן דער שאַפע און דעם בעט, וואָס זי האָט אַוועקגערוקט, כדי צו קענען דורך דער אָפענער טיר אָבסערווירן, וואָס עס קומט פאָר אין קיך. אין משך פון טאָג איז זי געווען רואיק, פון צייט צו צייט האָט זי געכאַפּט אַ קוק אין קעלער. קלעפּייש איז געלעגן איינגענורעט אין פוטער און שטום איר נאָכגעקוקט מיט די אויגן, וועלכע האָבן זיך אויסגעדאַכט, אַז זיי זעען גאָרנישט. עס איז נישט געווען אין

זיי קיין שאָטן פון פּראָטעסט־רעגונג: אויסגעטאַרטשעטע, אָן שום אויסדרוק, ווי טויטע, האָבן זיי נישט אָפּגעשלאָגן נישט קיין פינצטערניש, נישט קיין ליכט. אָנגעבויגן איבער דער עפענונג האָט זי געפּרעגט וועגן עפּעס, וואָס האָט בלומרשט אויסגעזען זייער וויכ־טיק, אָבער ער האָט נישט רעאַגירט נישט אויף איר קומען, נישט אויף דער פראַגע. שפּעטער האָט זי שוין גאָרנישט נישט גערעדט: זי האָט בלויז אויפגעעפנט דאָס דעקל, אַראָפּגעגאַנגען, און אַב־סערווירט אַ ווײַלע און זיך צוריק אומגעקערט אין דער הייך.

בײַנאַכט האָט זי זיך אײַנגעהאָרכט. דער מינדסטער גערויש האָט זי אויפגעוועקט. עס זענען געשטאַנען לאַנגע און הייסע זומער־טעג. זיי האָבן אויסגעפילט דעם גרויסן שטח צווישן הימל און ערד, מיט בלויקייט אָנגעטרונקען די שפּאַרונעס צווישן די ברעטער אין קעמערל, וווּ ס'איז קיינער נישט געווען. קלעפּפּיש האָט נישט פאַרלאָזט זיין נאָרע, אַ פאַרשלאָסענער אין זיך, אַן אומבאַוועגלע־כער, אַ פאַמעלעך אָפּשטאַרבנדיקער, אָן ווערטער. צײַטנווייז איז צו אים דערגאַנגען דאָס בילן פון הונט, דעמלט האָט ער זיך צו אים געוואָנדן מיט ווערטער, וואָס זייער וואָג און באַדײַט זענען אים געווען אומפאַרשטענדלעך. פּלוצעם האָט ער זיך געכאַפּט, אַז די דאָזיקע ווערטער זענען באַשטימט פאַר הונט, אָבער ער האָט זיך געפילט בעסער, ווען ער האָט וועגן איר נישט געטראַכט און זי נישט דערמאָנט.

די טשאַסקאָווא האָט גלייך באַמערקט, אַז די קאַליגאָווסקאַ פאַרלאָזט נישט די שטוב. פלעגט זי קומען און גאַנצענע שעהן אָפּ־שטיין דאָ ביי איין פענצטער, דאָ ביי אַ צווייטן. איר בליק האָט געניישטערט איבער אַלע ווינקעלעך פון שטוב, און דערנאָך איז זי געבליבן שטיין „אַזוי זיך" — ווי זי פלעגט זאָגן — מיט אויגן פאַרשטאָכענע אין טירל פון קעלער.

— אַז עמעצער איז קראַנק — האָט די טשאַסקאָווא אין אַ געוויסן טאָג געזאָגט — דאַרף מען רופן אַ דאָקטער.

— ווער איז קראַנק? — האָט די קאַליגאָווסקאַ געמאַכט אַ פאַרווונדערט פּנים.

— איך זע דאָך, אַז עמעצער איז קראַנק.

— ווי זעט איר?

— איך זע, אַז איר גייט נישט ארויס פון שטוב.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ באַוויז?

— אַז עמעצער איז קראַנק, קאָן מען אים נישט איבערלאָזן אַליין.

— וועגן וועמען רעדט איר?

— איר ווייסט נישט?

— ניין, איך ווייס נישט.

— ער, פאַני קאַלינאָווסקאַ, ווי לאַנג וועלן מיר זיך נאָך שפּילן אין באַהעלטעניש.

— מיר ליגט נישט קיין שפּיל אין קאָפּ.

— טאָ פאַרוואָס זיצט איר כּסדר אין שטוב?

— וואָס דען האָב איך צו טאָן?

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט די טשאַסקאָווא געזאָגט:

— און איך זע, אַז פון דער צײַט, וואָס דאָס לאָקשנברעט איז אַראָפּגעפאַלן, האָט איר פאַר עפּעס מורא.

— איך?

— איר האָט מורא אַפּצוטרעטן פון שטוב.

— מעגלעך.

— נישט „מעגלעך“, נאָר זיכער.

— איך האָב נישט די זיכערקייט.

— וועלן מיר זיך נאָך איבערצייגן.

— ווי אַזוי?

— מיר וועלן זיך איבערצייגן...

— דער מאַן וועט אײַך ווידער שלאָגן?

— איר האָט אַ גוטן זכּרון, פאַני קאַלינאָווסקאַ.

— נישט אַזאַ, ווי איר.

— און וועלכן זכּרון האָב איך?

— בעסער נישט רעדן!

— אַזאַ גוטן?

— ניין, אַזאַ שלעכטן.

— צי איך האָב עפּעס פאַרגעסן?

— איר האָט וועגן זייער פיל זאַכן פאַרגעסן, וועגן זייער פיל.

— איך?

— לײַדער, יאָ.

— איר רעדט זייער געהיימניספול.

— נישט ריכטיק. דערמאָנט זיך אַליין אין דעם, וואָס איר האָט פֿאַרגעסן.

דעם זעלבן אָוונט, עפּעס ענדריק דאָס קעלער־מירל, האָט די קאַלינאָווסקאַ געזאָגט:

— פּאַניע קלעפּפּיש, איר מוזט פֿאַרשטיין, אַז איך קען מער נישט בלייבן זיצן אין שטוב; די מישאַסקאָווא האָט דאָס שוין באַמערקט.

— איר קענט רואיק אַרויסגיין.

יעדעס מאָל, ווען איך גיי אַרויס אויף אַ ווייל פֿון שטוב, בין איך אומרואיק — האָט די קאַלינאָווסקאַ געזאָגט.

— איר דאַרפֿט נישט מורא האָבן.

— איך מוז אַרבעטן.

— איך פֿאַרשטיי דאָס זייער גוט, פּאַני קאַלינאָווסקאַ, און בעט אייך, איר זאָלט מיר מוחל זיין.

* *
*

ער האָט זיך איבערגעוועקט בלויז אויפֿן קלאַנג פֿון אירע ווערטער: שעהנלאַנג איז ער געלעגן אַ שווייגנדיקער, גאָכפּאָלגנדיק מיט עקשנות די זעונגען, וועלכע זענען זיך צעשוווימען ווי אַ רויך. הייזער האָבן געפֿלאַקערט און דערברענט רייענווייז, האַלב פֿאַרזונקענע אין פֿייער און האַלב אין שוואַרצן ווירבלדיקן שטויב. דאָס זענען געווען לאַנגע פֿלאַמיקע טייבן, איבער וועלכע עס איז געהאָנגען אַן אומבאַוועגלעכער הימל, אַז אויסגעשפּרייטער איבער דער שטאָט ווי אַ האַרטער קויטיקער ברעזענט. ער איז געגאַנגען דורך מילע, וואָלינסקע, שטשענשליווע, גיסקע, סטאַווקע, דורך אַלע גאַסן פֿון זיין קינדהייט און יוגנט, וועלכע זענען דערמאָנט געוואָרן אין די קאָמוניקאַטן פֿון די צייטונגען, וועלכע ווילעצקי האָט אים צוגעשיקט דורך דער קאַלינאָווסקאַ. ווילעצקי איז געוואָרן ווי אַ שותּף צו די דאָזיקע אַלע זיינע עקסקורסיעס: דאָס האָט ער, ווילעצקי, געוווסט וועגן אַלץ, וואָס איז פֿאָרגעקומען דאָרט, הינטער די ווענט פֿון געטאָ, און ווילעצקי האָט אים נישט דער־

לויבט אָפּצוקערן פון דעם דאָזיקן דורכמאַרש צווישן די רייען איינפאַלנדיקע הייזער. אָבער וויעלעצקי איז אויך געווען דער, וועלכער האָט אים געפירט אויף אַן אַנדער שליאַך, אָנגעוויזן אַן אַנדער פאַרבאָרגענעם טונעל אונטער דעם פייערדיקן טייך. די פראָנט־קאָמוניקאַטן האָבן אָנגעגעבן זייער נעמען. אין אַ געוויסן טאָג האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ געגנט, ווו עס איז אין יאָר 1934 געוואָרן דערשאָסן מיכאַל. ער האָט מיט פאַרווונדערונג איבערגעלייענט דעם דאָזיקן נאָמען, וועלכער האָט פּלוצעם אַנטדעקט פאַר אים די געהיימניש פון יענעם טויט. „דעמלט בין איך נישט אַריינגעפאַלן אין יאוש — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — איך האָב געוווסט צוליב וואָס ער איז אומגעקומען. און איצט ווייס איך נישט פאַרוואָס עס איז אומגעקומען חוה. פאַרוואָס זענען אומגעקומען אַלע באַקאַנטע, אַלע וואַרשעווער און נישט נאָר וואַרשעווער ייִדן? צי וועט דורך דעם די וועלט ווערן בעסער? צי איז דער טויט פון מיליאָנען ייִדן געווען נייטיק צוליב דער פאַרבעסערונג פון דער וועלט? וואָס איז דאָס פאַר אַ וועלט, וועלכע קען ווערן בעסער נאָר דורך דעם טויט פון מיליאָנען מענטשן.

ער האָט געוואָלט זיין אַליין. ער האָט באַמערקט, אַז זינט יענער געשעעניש איז קאַלינאָווסקא כסדר אין שטוב, אָבער ער האָט דאָך איר נישט געקאָנט זאָגן, אַז זי זאָל אַוועקגיין פון איר אייגענער וווינונג. ער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז זי היט אים, אין דער פינצטער האָט ער אַרויסגעפילט דעם בליק פון אירע שוואַרצע אויגן. וויפל מאָל ער זאָל נישט האָבן פאַרלאָזט דעם קעלער, איז זי שטענדיק געווען אין דער נאָענט, אַ רירעוודיקע אַזש ביז ביטרעקייט, אין וועלכער ער האָט זי נישט געהאַט חושד געווען. ער וואָלט באַדאַרפט זי באַרויקן, באַפרייען זי פון דער מורא וועגן דעם, וואָס מיט אים וועט געשען, ווען זי וועט פאַרלאָזן די שטוב, אָבער ער האָט זיך געשעמט צו רעדן אָפן וועגן יענעם נישט איינגעגעבענעם שריט. דער האָק האָט זיך אַרויסגעוויזן נישט קיין געהאָרכזאַמער. ווער וואָלט געקאָנט טראַכטן אַז אין די דאָזיקע פאַרהעלטענישן וועט אַ שטיקל פאַרבויגן אייזן קענען מאַכן צונישט אַ באַשלוס, וועלכן ער וועט שוין צום צווייטן מאָל נישט אונטערנעמען? דאָס געשריי פון דער טשאַסקאָווא, איר אומצוטרוילעכקייט, די שפּיציקע ווערטער, אַרויסגעזאָגטע מיט דער פולער רואיקייט

פון אַ מענטשן, וואָס ווייסט אויף זיכער, אַז ער שיסט גוט און טרעפט אין ציל, האָבן אים געבראַכט צום באַוווּסטזיין אויף וואָס פאַר אַ געפאַר ער שטעלט אוים אומאויפהערלעך די קאַלינאָווסקאַ.

* *
*

דער טאָג איז פאַריבער רואיק. עס איז געווען פולער זומער, די טעג זענען געווען צו לאַנגע, ער זאָל קענען ביי האַלב־פאַרמאַכטע לאָדנס פאַרלאָזן דאָס קעלערל און אריינגיין אין קאַמער, כדי צו קוקן דורך די שפּאַרעס צווישן די ברעטער און אַן אָטעם טאָן מיט פרישער לופט. ער האָט נישט געהערט קיין שום טריט נאָענט פון הויז. אַלץ אַרום האָט געדרימלט אין דער היץ און שטילקייט. עס האָבן אים דעריבער פאַרוואונדערט און איבערגעשראָקן די ווערטער פון דיצר טשאַסקאָוואַ, וועלכע האָט נאָכן צוריקקער פון דער קאַלי־נאָווסקאַ זיך באַוויזן ווי געוויינלעך ביי דעם פענצטער.

— פאַני קאַלינאָווסקאַ, דאָ זענען געווען זשאַנדאַרן.

— ווו „דאָ“? — האָט די קאַלינאָווסקאַ געפרעגט.

— דאָ, לעבן דער שטוב.

— נאָכוואָס?

— זיי האָבן זיך געפרעגט דורכוואַנען מע גייט אריין צו אייך אין שטוב. נאָך אַ לענגערער ווילע פון שטילשווייגן האָט די קאַלי־נאָווסקאַ געזאָגט:

— פאַני טשאַסקאָוואַ, מע זעט דאָך דורכוואַנען מע גייט אריין צו מיר אין שטוב. צו וואָס האָבן זיי באַדאַרפט פרעגן?

— אָבער זיי האָבן זיך געפרעגט.

— וועמען?

— מיך. זיי האָבן געוואָלט וויסן, צי דאָ איז פאַראַן נאָך איין פאַרבאָרגענער אַריינגאַנג.

— איך האָב זיי געקענט ווייזן.

— איך וויים דען צי ס'איז דאָ, אָדער נישט?

— זוכט.

— מיר איז דאָס נישט נייטיק, נאָר אויב איר באַהאַלט אוים עמעצן, טאָ פירט אים בעסער אַרוים.

— גוט, גוט. איך בין מיד און איך בעט אייך, איר זאָלט מיך לאָזן צורו.

*　　　*

*

מיט צוויי טעג שפּעטער, אין א זונטיק, איז די טשאסקאָוואַ אַריינגעפאלן אין דער קיך פון קאַליגאָווסקאַ מיט א געשריי:

— פאַני קאַליגאָווסקאַ, אַ לאַפּאַנקע! *)

— ווו? — די קאַליגאָווסקאַ האָט נישט באַוויזן זיך צו באַהערשן.

ער איז צוגעפאלן צום קעלער-טירל און געבליבן ווי פאַרגליווערט. די שטילקייט איז פּלוצעם געוואָרן א מער טיפערע און פינצטערע. ער האָט דייטלעך געהערט יעדעם וואָרט.

— ביי אונדז.

„זי דאַרף זיך ראטעווען און אַנטלויפן — האָט ער געטראכט.

— אויב מע וועט מיך דאָ געפינען, וועט זי אומקומען“.

פּלוצעם איז צו אים דערגאנגען די שטים פון דער קאַליגאָווסקאַ. זי איז געווען א רואיקע. די קאַליגאָווסקא האָט געזאָגט פּאַמעלעך און דייטלעך:

— זאָל זיין.

— וואָס הייסט „זאָל זיין“? — האָט די טשאסקאָוואַ צודרינגלעך געפרעגט — דאָרט שטייען זשאנדארן.

— זאָלן זיי שטיין.

— איך זאָג אייך, פּאַני קאַליגאָווסקאַ, אויב איר האָט עמעצן אין שטוב, טאָ יאָגט אים שוין אַרוים, איידער זיי קומען דאָ.

— איך האָב קיינעם נישט און וועל קיינעם נישט אַרויסיאָגן.

ער האָט געהערט די טריט פון דער טשאַסקאָוואַ. זי האָט זיך געדרייט איבער דער וועראנדע אַן אומגעדולדיקע און צעפּיבערטע.

רזרדאָנװפּנקדצעיאַטט

---

*) אַן אַרומרינגלונג פון די דייטשן פון אַ געוויסער געגנט און פאַרנעמען די מענטשן.

— קומט אהער, אָט דאָרט שטייען זיי. איר זעט?
איצט זענען ביידע פרויען אריבערגעגאַנגען די ווערא־נדע.
— איך זע.
— און וואָס?
— איך זע, ווי אונדזערע שכנים שטייען אויף דאָרט.
— ווייל זיי האָבן נישט פאַרוואָס מורא צו האָבן.
— איך אויך נישט.
— ווען איר קיינעם נישט ארויסזאָגן?
— ניין.

ער האָט געהערט, ווי די קאַלינאָווסקא האָט זיך צוריקגעקערט, אָנגעהויבן זיך דרייען איבער די קיך, אָנגעמאַכנדיק א טומל, א גרע־סערן ווי געוויינלעך, ווי זי זאָל וועלן אים געבן צו וויסן, אז זי איז אַנוועזנד. ערשט ביינאַכט האָט זי אים געזאָגט:

— אַלע זענען געשמאַנען און אָבסערווירט, וואָס איך וועל טאָן.

— אַלע? — האָט ער איבערגעהזרט.

— יאָ, אַלע, וויפל זיי זענען נאָר האָרט פאַראַן.

— און די זשאַנדאַרן?

— איך ווייס נישט צוליב וואָס זיי זענען געקומען צו פאָרן.

— איך וויל גאָרנישט טראַכטן וועגן דעם, וואָס ס'וואָלט גע־ווען, ווען איר וואָלט אָנגעהויבן צו אַנטלויפן.

— איך אויך נישט.

אין א ווײַלע ארום האָט ער געזאָגט:

— איך האָב שוין פיל מאָל געטראַכט וועגן דעם, צוליב וואָס מוט עס די משאַסקאָווא, און איך קאָן דאָס נישט פאַרשטיין.

— איך ווייס נישט.

— צי איר גליק מוז זי האָבן מיין טויט?

— איך ווייס נישט.

— איר דראָט האָך גאָרנישט. — און ווייל די קאַלינאָווסקא האָט געשוויגן, האָט ער צוגעגעבן: — אײנס וואָלט איך געוואָלט וויסן פאַר מיין טויט — פאַרוואָס קען זי קיין רו נישט געפינען כל־זמן איך לעב? און אז איך וועל שוין אומקומען, וועט זי זיין גליק־לעך? וועט איר נשמה געפינען רו? וועט זי שוין נישט וויסן

פון קיין בייזער שטימונג? וועלן די דייטשן שוין אויפהערן ברענען שטעט און מענטשן? ווי מיינט איר? צי וועט באמת אזוי זיין, אויב איך וועל אויפהערן לעבן?

*   *
*

עמעצער האָט זיך געדרייט לעבן דער שטוב, ער האָט דייטלעך געהערט שטילע לויערנדיקע טריט. פון צייט צו צייט איז צו אים דערגאַנגען א קנאַק פון א שוועבעלע. זעט אוים דער מענטש האָט געדרייכערט. אינגיכן אָבער האָט קלעפּפּיש פעסטגעשטעלט, אז דער מענטש, וואָס דרייט זיך דאָ אין דער נאָענט, צינדט די שוועבעלעך במעט אָן אויפהער, ווי ער זאָל ביי זייער קנאַפּער שיין עפּעס זוכן, א וועלכעס ס'איז פארבאָרגן אָרט.

מיט אומרו האָט ער זיך איינגעהאָרכט אין די טריט פון יענער זייט שווארצער וואנט. עמעצער איז ארויפגעגאנגען אויף דער וועראנדע, און ער האָט נישט פארשטאנען פארוואָס די קאלינאָווסקע האָט ביז אהער זיך נאָך נישט אָפּגערופן. ער האָט זיך משער געווען, אז זי איז נישטאָ אין דער היים... עס האָבן א סקריפּע געטאָן די ברעטער פון דער וועראנדע. די טריט האָבן זיך צוריקגעצויגן און זיך דערטראָגן פון ראָג ביים ווינקל פון הויז. אין א ווייל ארום איז צו אים דערגאַנגען א סווישטשענדיק שעפּטשען. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אז דער מענטש, וועלכער איז געבליבן שטיין און אָנגעהויבן רעדן מיט א שטיל געשעפּטש, האָט אים אַנטדעקט אין דער פינצטערניש און באַקוקט אים רואיק, אָן אייַלעניש, און אָן אייַלעניש האָט ער א פרעג געטאָן: — ווי הייסטו?

קלעפּפּיש האָט זיך צוגעדריקט פעסטער צו דער וואנט, אָן איבערגעשראָקענער פון דער פראַגע. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

יענער, דער פארבאָרגענער הינטער דער וואנט, האָט געזאָגט:

— ביי אונדז וועט דיר זיין גוט, גיי ארויס!

די שטים, וועלכע האָט דורכגעשטאָכן די פינצטערניש איז געוואָרן א פאקט. דער אומזעבארער מענטש האָט מיט די ווערטער פארטיפט דעם שווארצן טונקל פון דער נאכט, די שטילקייט און איינזאמקייט. ער האָט זיך דערקליבן צו אים מיט זעלבן וועג, מיט

װעלכן עס זענען אמאָל צו אים געגאַנגען די נאָענטסטע גע־שטאַלטן — פון דער פרוי, פון זון, פון דער טאָכטער... ער האָט געהערט דאָס קלאַפּן פון אייגן האַרץ, װען יענער האָט הינטער דער װאַנט געזאָגט:

— ליג נישט איינגעקאָרטשעט.

די שטים איז שטיל געבליבן. עס האָבן זיך דערהערט טריט. אין א װײַלע ארום האָט זי װידער אויפגעטויכט:

— קום צו אונדז, װעסט באַקומען געװער.

ער האָט עטלעכע מאָל אָנגעקלאַפּט אין װאַנט, װי ער זאָל אויספירן עמעצנס שליחות:

— גיי ארויס פון דאָרטן, דו הערסט? קום צו אונדז, צו די פּאַרטיזאַנער. איך װאַרט אויף דיר, גיי ארויס. מיר װעלן דורכגיין דורך דעם װעלדל, דאָרט איז קיינער נישטאָ. דאָרט װאַרטן שוין די חברים. — און נאָך א מינוט שװײַגן האָט ער צוגעגעבן: — װעסט באַקומען געװער און גיין מיט אונדז אין װאַלד. איך זאָג דיך נישט, אָבער ס'איז א שאָד זאָלסט דאָ אומקומען. שלעכטע מענטשן װייסן װעגן דיר, זיי װעלן דיך אויסגעבן, זיי װאַרטן נאָר אויף א פּאַ־סיקער צייט. גיב א צייכן.

א קנאַק פון א שװעבעלע, שטיל, א טרוקענער הוסט און דער־נאָך װידער די שטים:

— גיי ארויס פון דאָרטן, איך בין א סאָװעטישער פּאַרטיזאַן, יוזעק. איך װיל דיר העלפן, איך װייס, אז דו ביסט א ייד. מיר העלפן יידן. מען האָט דערמאָרדעט דײַן פאַמיליע, קום נקמה נעמען.

עס האָבן װידער א סקריפּע געטאָן די ברעטער פון דער װע־ראַנדע, דערנאָך האָבן די טריט זיך דערװײַטערט, אָבער אין א מי־נוט ארום האָבן זיי זיך שוין געהערט פון א צװײַטער זײַט.

— גיי ארויס, איצט קען מען אריבערשפּרינגען אין װעלדל. איך װעל היטן. קיינער װעט דיר גאָרנישט טאָן, איך בין באַװאָפנט. פאַרשלעפּ נישט.

ער איז מיט א פעסטן טראָט דורכגעגאַנגען די װעראַנדע און געזאָגט:

— איך װעל דאָ נאָך קומען.

ווען דער געשעעניש האָט ער דערציילט דער קאַלינאָווסקאַ, ווען זי האָט אין אָוונט געעפנט דאָס קעלער־טירל. ער האָט גערעדט שעפּטשענדיק, שנעל און דעריקלערט, אַז ער איז געווען גרייט אויס־ציפירן דעם באַפעל פון דעם מענטשן.

— צוויי מאָל האָב איך זיך דערנענטערט צו די טרעפּ און צוויי מאָל צוריקגעגאַנגען.

ער האָט נישט פאַרשטאַנען, פונוואַנען יענער מענטש ווייסט, אַז ער באַהאַלט זיך דאָ אויס. מיט אומזיכערקייט און שרעק האָט ער זיך געוואָנדן צו דער קאַלינאָווסקאַ און געפרעגט, צי ער האָט נישט באַדאַרפט אַרויסגיין, צי ער האָט נישט געהאַנדלט שלעכט, בלייבנדיק דאָ? פאַרקוקט אין דער פינצטערנישט האָט ער געוואַרט אויף קאַלינאָווסקאַס דערווידערונג, אויף איר אויפקלערונג פון דער געהיימניש. זי האָט געשוויגן. האָט ער ווידער אָנגעהויבן רעדן.

— די טשאַסקאָווע פאַרפאָלגט מיך און סוף־כל־סוף וועט זי פאַלן אויף מיין שפּור. צו וואָס נאָך אייך שטעלן אין געפאַר, אין דער צייט, ווען איך בין סיי ווי פאַרמשפּט אויף אומקום?

נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער און אויפקלערונג, האָט ער פאָרגעזעצט זיין מאָנאָלאָג אזש ביז אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט אויסגעדריקט די מורא, אַז ס'איז דורכגעלאָזן געוואָרן אַ גוטע געלעגנהייט, וועלכע וועט זיך שוין נישט איבערחזרן.

— יוזעק וועט שוין מער נישט קומען. קיין גרעסער נאַריש־קייט האָב איך נישט געקאָנט טאָן. כ'וואָלט נאָר באַדאַרפט אַרויס־גיין פאַר דער שוועל, ווי איך וואָלט זיך שוין געפינען אונטער דער אויפזיכט פון אַ באַוואָפנטן מענטשן. — היות קאַלינאָווסקאַ האָט אַלץ געשוויגן, האָט ער צוגעגעבן: — ווי איז אייער מיינונג? צי בין איך נישט באַגאַנגען אַ געפערלעכע נאַרישקייט?

— פונוואַנען האָט דער דאָזיקער פאַרטיזאַן געוווסט, אַז איך געפינט זיך דאָ?

— פונוואַנען, מסתמא האָט אים עמעצער געזאָגט.

— אָבער ווער? — האָט קאַלינאָווסקאַ געפרעגט — ווער נאָך ווייסט, אַז איר זענט דאָ פאַראַן?

— וויעלעצקי.

— טאָ פאַרוואָס האָט ער נישט געגעבן צו וויסן דורך מיר?

— איר זענט שוין דאָרט לאַנג נישט געווען.

— איך קען גיין און פרעגן.

— איך בעט אייך, דערוויסט זיך, ווייל אויב וויעלעצקי האָט דאָ צוגעשיקט א מענטשן, וואָלט איך צו אים באַדאַרפט ארויסגיין. ווי מיינט איר?

* *
*

אויף נאכט איז ער פארבליבן אין קאמער. צום ערשטן מאָל נאָך א סך חדשים האָט ער ווידער דערזען די וועלט דורך דער דער שמאָלער שפּאַרע צווישן די ברעטער. ער האָט די שפּארע אָפּגעזוכט אין דער פינצטער און זי געהאט גלייך פאר די אויגן. די לבנה האָט געשיינט זייער העל און ס'איז געווען שטיל. עס האָט זיך צעהירזשעט א פערד. דורך דער שמאָלער עפענונג האָט ער דאָס פערד געזען. עס איז געווען א ווייס און מיט דער דאָזיקער ווייסקייט אויפגעדעקט די טיפעניש פון דער נאכט, וועלכע איז געווען אראָפּגעלאָזט פאר אים ווי א פאָרהאנג. דאָס פערד איז שנעל געלאָפן, געיאָגט פריי און פון קיינעם נישט געזען אין קרייציקונג פון פינצטערניש און ליכט, פון שטילקייט און הירזשען צו ווייטן, וועלכע האָבן זיך פארלוירן ביים האָריזאָנט. עס האָט אים ארומגענומען א געפיל פון יאוש און אָנמאכט, פון האָבן אלץ פארלוירן.

וואָס וועט קאליטא זאָגן? צי וועט דער שמועס מיט קאליטאן וועגן דעם געפערלעכן וויזיט פון יוזעק־פּאַרטיזאַן אים נישט איבערצייגן ענדגילטיק, אז אין זיין הויז באהאלט זיך ווירקלעך אויס א פארפאָלגטער מענטש? ער דארף דאָך פאָרט עפּעס אונטערנעמען. די טשאסקאָווע, זעט אויס, האָט נישט זייער געגלויבט די פארזיכערונגען פון קאליטא, אויב זי האָט זיך געוואָנדן נאָך הילף צו יוזעק פארטיזאן. אויף אים קען זי זיך פארלאָזן, אזא מענטש וועט שוין שטעלן אויף זיינס. „אויב איך וועל נישט ארויסגיין, איז ער פעיק אונטערצוצינדן דאָס הויז, ווער וועט אים עפּעס טאָן דערפאר? זי וועט זיך נישט באַרויִקן ביז זי וועט נישט האָבן קיין באווייזן פון מיין אָפּוועזנהייט“.

וויעלעצקי... נישט אומזיסט האָט ער זיך נאָכגעפרעגט ווי אזוי וויעלעצקי האָט זיך אויסגעדריקט: „איך ווייס“, צי „מיר ווייסן“.

„אָבער וויעלעצקי איז גרייט צו טאָן מיט יענער שרעקלעכער פּאַמעלעכדיקייט, וועלכע וועט מיך אומברענגען. וויעלעצקי וועט נישט אָפּגייגן פון וועג דערפאַר, ווייל מיר איז אייליק. ער ריזיקירט מיט עפּעס מער, וויבאלד ער האָט געזאָגט: „מיר ווייסן“.

„„„אָבער ווען וועט דאָס געשען? ווער וועט באווייזן? יוזעקפּארטיזאַן, צי איך? יוזעק קען זיך רואיק אוועקזעצן אויף דער וועראנדע און וואַרטן, און ווען דאָס וואַרטן וועט אים ווערן לאַנגווייליק, קען ער אָנהייבן שרייען: דאָ באַהאַלט זיך אוים א ייד, קומט, קאָנטראָלירט. ווער וועט דאָס אים פאַרבאָטן? יוזעק וועט די דאָזיקע ווערטער נישט אויפהערן אויסשרייען מיט טריומף אפילו דעמלט, ווען איך וועל שוין ליגן מיט א צעשפּאָלטענעם קאָפּ. וואָס בין איך פאר יוזעקן? פאר טשאַסקאָווא?

פאַרוואָס טוט דאָס נישט די טשאַסקאָווא אליין? וואָס האַלט זי אָפּ? ער, מענטשן, מענטשן... די טשאַסקאָווא האָט פאר איר געוויסן אָנגעצייכנט א גרענעץ. זי האָט זיך געזאָגט: ביז דעם אָרט איז מיר דערלויבט צו גיין, מיין געוויסן וועט בלייבן ריין, אויב אָבער איך וועל איבערשרייטן דעם פּונקט, וועט עס ווערן אומריין. עס איז איר דערלויבט נאָכצושפּירן, פאָרשן, שמעקן, דערציילן וועגן דעם פאַרשידענע מענטשן, אויך אַזעלכע, וועלכע טראָגן צו גערן די דייטשן וועגן אויסבאַהאַלטענע יידן, דאַקעגן איז איר אליין נישט דערלויבט צו גיין אין קאָמיסאַריאַט... עס איז איר דערלויבט אריינצוציען אין דעם עסק יוזעקן, כדי ער זאָל דערציילן די דייטשן ווו דער ייד געפינט זיך, איר אליין איז דאָס נישט דערלויבט צו טאָן... מיט ביטערניש האָט ער געקלערט ווייטער: —

און דאָס איז די גרענעץ, נאָר דערפאַר האָט זי מיך נאָך נישט אויסגעגעבן. אָבער דער דאָזיקער פּונקט, וועלכן זי האָט זיך אָנגעצייכנט, איז אַ פאַרבלענדעניש נישט נאָר פאַר מיר, נאָר אויך פאַר איר: איך בין אין אירע אויגן דער טייוול, וואָס איז גורם צו אַלדאָס שלעכטס, וואָס עקזיסטירט אויף דער וועלט. צוליב מיין שולד ברעכן אוים מלחמות, צוליב מיין שולד איז פאַראַן אויף דער וועלט נויט, הונגער און קרענק. צוליב מיר ברענען הייזער, מאַכן קינדער אָן שריפות, איך טרינק קריסטלעך בלוט... איך בין דער גורם, וואָס היטלער איז באַפאַלן פוילן, וואָס וואַרשע איז חרוב געוואָרן, וואָס פוילן איז אַריינגעפאַלן אין קנעכטשאַפט... די טשאַסקאָווא

שרייבט מיר צו אַזאַ כּוח און קראַפט, וועלכע מאַכט זי קליין אין אירע אייגענע אויגן, דערפאַר קען זי מיר נישט שענקען אפילו דאָס, וואָס כמעט צוויי יאָר לעב איך אין אַ קעלער אָן לופט און אָן ליכט. איך בין מקנא יעדן הונט די פרייהייט, איך ציטער פאַר דעם עכאָ פון טריט... איך האָב בלויז נישט מורא פאַר מיין אייגענעם שאָטן, ווייל ווי קען דען עקזיסטירן אַ שאָטן אין אַ פינצטערן קעלער? וואָס בין איך?

איך האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין פאַרשטענדעניש פאַר לעגענדעס און סענטענצן, און דערפאַר וועל איך נישט זאָגן, אז איך בין שטויב. א מענטש איז א מענטש, אָבער ווער בין איך? איך האָב אויסגעקליבן א גוטע צייט פאַר חשבון־הנפש... דער טויט יאָגט מיך שוין אָן, איך דאַרף זיך נישט וואונדערן און נישט חרטה האָבן. און וואָס קאָן איך שוין דערוואַרטן שפּעטער, נאָך דער מלחמה ווען איך וועל צוליב אַ צופאַל איבערלעבן. אפשר וועט אַנדערע זיין גוט, צי בעסער, אָבער מיר? צי וועל איך נאָך אַמאָל באַגעגענען יוזעפאַרטיזאַן, די טשאַסקאָוואַ, וויעלעצקין, קאַליטאַן? אַלע לעבן מיר און פאַרשווינדן. ווער איז קאַלינאָווסקא? וויפל מאָל האָב איך זי געזען? קוים עטלעכע מאָל, שטענדיק אין דער טונקלקייט און דאָס בלויז אויף א מינוט, פאַרביישוועבנדיק. מיר איז באַקאַנט איר שטימע, ווי א בלינדן, וואָס קען בלויז די שטימען און זעט קיינמאָל נישט די פּנימער... ווער איז די דאָזיקע פרוי? איך ווייס אפילו נישט וואָס זי קלערט, וואָס זי טראַכט. איך בין דאָ אריין צופעליק און פאַרבליבן, ווי דאָס וואָלט געווען א געוויינלעכע זאַך אריינצוגיין אין א פרעמדער שטוב— אין אזא צייט! — און געפונען א באַהעלטעניש. צוליב איר וואָלט איך געוואָלט איבערלעבן. אָפּדאַנקען איר...“

עס האָט געטאָגט, אַ טונקלקייט האָט נאָך געפויזעט ביי דער ערד, אָבער אין דער הייך האָבן שוין, אויפהייבנדיק זיך גלייך, שנעל געשוועבט גרויסע ווייסע וואָלקנס. א פערד האָט דורכגאַלאָפּירט, ער האָט עס געזען בלויז איין אויגנבליק, ווי אַ שניט פון א גאָלמעסער האָט עס אַ שווינדל געטאָן אין דער שפּאַרע און ס'איז שוין געווען נאָך אים, אין דער לופט איז נאָר געבליבן דאָס קלאַפּן פון זיינע קאָפּיטעס, וואָס איז פּאַמעלעך פאַרשוונדן.

— פאַניע קלעפּפּיש — האָט שעפּטשענדיק געזאָגט קאלינאָווסקא. זי איז געשטאַנען אין דער העלער צעעפנטער טיר, א קוים באמערקבארע. — פאַניע קלעפּפּיש, עס טאָגט שוין. מען דארף אראָפּגיין אונטן.

— יאָ — האָט ער אָפּגעענטפערט און זיך אונטערגעהויבן — מען דארף אראָפּגיין.

— איך וואָלט אייך דאָ איבערגעלאָזט, אָבער איר ווייסט דאָך...

— פארשטייט זיך, פאַני קאלינאָווסקא, איך ווייס...

— באסיו! באסיו!

„ענדלעך — האָט ער א טראכט געטאָן — איז געקומען קאליטאַ". ער איז געגאַנגען דורכן הויף און מיט דעם געשריי געגעבן צו וויסן אז ער דערנענטערט זיך. די וואָרענונג איז געווען איבעריק פון דעם לעצטן וויזיט פון יוזעק־פּארטיזאן איז ער געווען זייער פאָרזיכטיק. אויף קאליטאַן האָבן זיי געוואַרט מיט אומגעדולד און צעדודערטקייט.

דער שמועס איז פאָרגעקומען אין קיך. קאלינאָווסקא האָט בסדר גערעדט וועגן זיך. קאליטא האָט אויפגענומען אירע ווערטער מיט אן אויסדרוק פון פאראינטערעסירטקייט, אָבער רואיק, ער האָט נישט גרינגגעשעצט דאָס, וואָס זי האָט אים דערציילט, אָבער ער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין מורא און צעטומלטקייט. קלעפּפּיש האָט אליץ דייטלעך געהערט און א טראכט געטאָן: „ער ווייסט פון גאָרנישט און דעריבער איז ער אזא רואיקער. מיר האָבן זיך שלעכט אויסגעטייטשט אַלע ביזאיצטיקע האַנדלונגען פון קאַליטאַן. דאָס אליץ, וואָס ער האָט געטאָן, האָט קיין שום שייכות נישט מיט מיין זיין דאָ. ער ווייסט גאָרנישט וועגן מיר, ווען ער זאָל וויסן, וואָלט ער אזוי נישט אויפגענומען קאלינאָווסקאס ווערטער וועגן דעם ענין יוזעק־פּארטיזאן".

— פאַני קאלינאָווסקא — האָט געזאָגט קאליטא — איר דערמאנט זיך נישט, וואָס איר האָט מיר געזאָגט נישט לאנג צוריק?

קאליטא האָט גערעדט רואיק, פאַמעלעך. „ער וויל דאָך, אז איך זאָל אליץ הערן".

— יאָ — האָט די קאלינאָווסקא געענטפערט.

— איך זע בלויז איין מיטל, כדי זיך אָפּצושטעפּן פון דעם יוזעקן. — ער האָט איבערגעריסן און אין א ווײַלע ארום צוגעגעבן:
— און נישט בלויז פון יוזעקן.

— איך האָב פאר יוזעקן נישט קיין מורא.

— פאני קאַלינאָווסקא, איר האָט מורא נישט בלויז פאר יוזעקן. איך ווייס, איר דארפט מיר נישט לייקענען.

— אויב איר ווייסט בעסער... — זי האָט דאָס אזוי געזאָגט, ווי איר זאָל זיין אומבאקוועם צו רעדן וועגן דעם גאנצן ענין.

— עס איז פאראן בלויז איין מיטל, אָבער אזא. וואָס וועט איינמאָל פאר אלעמאָל באזייטיקן אלע השדים לגבי אייער הויז.

— וואָס איז דאָס פאר א מיטל? — האָט זי געפרעגט.

— א ביסל א ריזיקאַליש.

— א ביסל? — האָט זי איבערגעפרעגט מיט שרעק אין דער שטים.

— יעדעס ראַדיקאַל מיטל מוז זיין אַ ביסל ריזיקאַליש.

— וואָס איז דאָס פאר א מיטל?

— איידער איר וועט מסכים זיין, וויל איך זאָגן: אָדער עס וועט זיך איינגעבן, אָדער נישט.

— איך פארשטיי נישט.

— אויב ער וועט זיך איינגעבן, וועסטו... אנטשולדיקט. אויב עס וועט זיך איינגעבן וועט איר האָבן רו. ערגער וועט זיין, אויב עס וועט זיך נישט איינגעבן.

— און וואָס באשטייט די שוועריקייט?

— ווען איר זאָלט זיין אליין, וואָלט קיין שום שוועריקייט נישט געווען.

— איך בין אליין, איר ווייסט דאָס זייער גוט. — זי האָט גע־רעדט מיט אזא טאָן, ווי זי וואָלט ביי אים געבעטן חסד.

— איך ווייס, איך ווייס דאָס גוט און איר האָט קיין מורא נישט און איר ווילט באַזייטיקן פון זיך די חשדים, איך ווייס... יע־דער וויל זיין ווייט פון געפאַר. איך האָב אַלץ באַטראַכט. די זאַך איז א צו ערנסטע, אז מען זאָל זי גרינגשעצן, וועגן דעם ווייסט איר אויך, נישט אמת?

— ווירקלעך.

א רגע איז געווען שטיל, דערנאָך האָט קאַליטאַ געזאָגט:

— איר וועט צונעמען לאָקאַטאָרן.

— נאָך וואָס?

— זיי וועלן גוט באַצאָלן.

— מיט לאָקאַטאָרן האָט מען שטענדיק קלאָפּאָטן.

— די ווינונג איז א געגוג גרויסע. נישט אמת?

— דאָס איז אמת.

— איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן.

— איך האָב נישט קיין מורא.

— זיי וועלן גוט באצאָלן.

— דאָס געלט וואָלט צונויץ געקומען.

— איר זעט שוין.

— צי זענען דאָס אייערע באַקאַנטע? — האָט זי געפרעגט אין א ווײַלע ארום.

— ניין.

— איך קען דאָך נישט נעמען קיין אומבאַקאַנטע מענטשן.

— דאָס איז אן ערנסטע איינשטעלעניש, פּאַני קאַלינאָווסקאַ, אָבער דערנאָך וועט איר האָבן רו. אפילו די טשאַסקאָווא וועט זיך אָפּטשעפּען, איר וועט שוין זען.

א שטילשווייגן.

— פאַרוואָס ענטפערט איר נישט? — האָט קאַליטאַ געפרעגט.

— איך ווייס אייך נישט וואָס צו זאָגן.

— איר האָט באמת נישט מורא?

— איך האָב מורא.

— טאָ קלייבט אויס: די מורא, אָדער יענער מורא. פאַר דעם פּרייז פון איינער, וועט איר זיך באַפרייען פון געפאַר.

— וואָס זענען דאָס פאַר א מענטשן?

— צוויי מענער.

— אָבער וועלכע?

— פּאָלקסדייטשן.

נאָך א לענגערן שווייגן האָט קלעפּפיש דערהערט די ווערטער פון דער קאַלינאָווסקאַ.

— פּאַניע קאַליטאַ, שיקט די צוויי פּאָלקסדייטשן.

איצט האָט קאַליטאַ נאָך אַ לענגערן נאָכטראַכטן געזאָגט צייל͏נדיק די ווערטער:

— איר זענט זייער אַ קלוגע פרוי. מאָרגן וועלן זיי קומען.

קאַליטאַ איז אַרויסגעגאַנגען, ער האָט געהערט זיינע טריט אויף דער וועראַנדע. אויפן הויף האָט ער צוויי מאָל אויסגערופן פריילעך:

— באַסיו! באַסיו!

— איך ווייס נישט צי איך האָב גוט געטאָן — האָט קאַליִ נאָווסקאַ געזאָגט בייגאַכט נאָכן פאַרמאַכן די לאָדנס.

— איך מיין, אַז איר האָט גוט געטאָן.

— איר האָט, דאַכט זיך, נישט אַלץ געהערט.

— איך האָב געהערט.

— איר ווייסט, אַז דאָס זענען פאָלקסדייטשן?

— און יוזעק? און טשאַסקאָווא? וואָס איז פאַר אַן אונטערשיד?

— אָבער זיי וועלן זיין אין ווינונג, אונטער איין דאַך מיט אונדז, און ווען איך וואָלט אָפּגעזאָגט, וואָלט קאַליטאַ געטראַכט, אַז איך באַהאַלט זיכער עמעצן אויס...

— ער ווייסט שוין פונלאַנג, אַז איך בין דאָ פאַראַן.

— פונוואַנען?

— קאַליטאַ ווייסט נישט, ווער איך בין, אָבער אין אַלגעמיין ווייסט ער, אַז איר באַהאַלט עמעצן אויס.

— הייסט עס, אַז איך האָב גוט געטאָן?

— די ריזיקע איז זייער אַ גרויסע. — אַזוי ווי די קאַליִנאָווסקע האָט געשוויגן, האָט קלעפּפיש צוגעגעבן: — איך וואָלט באַדאַרפט פונדאַנען אַוועקגיין. איר פאַרשטייט, איך ווייס, וואָס עס באַדייט אַ צופאַל. איר גיט זיך נישט אָפּ קיין חשבון פון דער געפאַר.

— איר וועט פונדאַנען נישט אַוועקגיין.

— דער צופאַל, וועלכער האָט מיר דאָס לעבן אָפּגעראַטעוועט, קען מיך אויך אומברענגען. צוזאַמען מיט אייך.

— איך ווייס דאָס שוין פון לאַנג.

— איך האָב געטראַכט מיט אייערע מחשבות, גערעדט מיט אייערע ווערטער, געשוויגן מיט אייער שווייגן, איך ווייס צופיל, אַז

איך זאָל וועגן דעם נישט וויסן. צוערשט האָב איך געטראַכט וועגן עלטערן זון, וועגן חוהן, איך האָב געטראַכט וועגן די פאַר־ברענטע און פאַרגאַזטע יידן, וועגן מילע, שעננע, ניסקע, איך האָב געזען יעדעס הויז, יעדן שטיין, איך האָב געהערט יעדעס וואָרט פון די, וועלכע האָבן דאָרט געקעמפט... דאָרט האָט מען אָפּגעשניטן די הענט פון מיין פאָלק, איך האָב געוויינט... איר ווייסט, וואָס איך האָב דעמלט געוואָלט טאָן... בלויז איר איינע האָט מיר געלאָזט צורו. איר האָט גאָרנישט גערעדט. וועגן וועמען האָט איר דעמלט געטראַכט? איר קענט מיך דאָך אפילו נישט, איר ווייסט בלויז, אז איך האָב פאַרקויפט פוילישע ביכלעך, מער גאָרנישט... און איך וויים וועגן אייך אליין, דערפאַר דאַרף איך פונדאַנען אַוועקגיין.

— איר וועט פונדאַנען נישט אַוועקגיין, פאַניע קלעפּפּיש.

— עס איז א שרעקלעך געפאַר.

— אויך פאַר אייך.

— וואָס איך? — אין א ווײַלע ארום האָט ער צוגעגעבן: — איר האָט נישט געזען דאָס פערד, וואָס איז ביינאַכט דורכגעפלויגן ווי אַ בליץ. עס ווייסט גאָרנישט וועגן דער וועלט, וועגן טויט, וועגן מענטשן. עס האָט געהאַט אַ ווייסע גריווע, איז געפלויגן אומדער־שראָקן, נישט געצוימט, פריי, עס האָט נישט מורא געהאַט פאַרן טויט, ווייל וואָס ווייסט עס וועגן לעבן? און וואָס איך? אַ מענטש, וואָס באַוווּנדערט אזא דערשיינונג, שטייענדיק אויף די קני, דורך אַ שפּאַרע... וואָס קען זיך נישט דורכגיין איבער דער שמאָלסטער סמוזשקע, וואָס ווייסט נישט ווו זיין זון איז באַגראָבן, ווו זיין טאָכטער איז געפאַלן...

— צו וואָס רעדט איר וועגן דעם?

— איך וויל, אז איר זאָלט וויסן, אז איך לעב נאָך, שאַץ אָפּ, אַז איך גיב זיך אָפּ אַ רעכענונג דערפון, וואָס איר האָט געטאָן און טוט פאַר מיר.

— צו וואָס פייניקט איר זיך אליין?

— ווייל איך האָב מורא.. איך האָב מורא, אז אין אַ באַ־שטימטן טאָג וועל איך אייך דאָס שוין נישט קענען זאָגן און איר וועט נישט וויסן, וואָס איך האָב געטראַכט וועגן אייך.

— דאָס ווינטיקסטע איז דערציילן ביזן סוף.

— אָבער צי וועלן מיר דערציילן?

— איר מוזט זיין זייער פאָרזיכטיק.
— איך האָב מורא פאר אייך.
— איך האָב שוין געזאָגט, זיי מוזן דאָ וויגען די פּאָלקס־דייטשן.

* *
*

זייערע פּנימער האָט ער נישט געזען, ער האָט בלויז געהערט זייערע שטימען, זייערע טריט, זייערע טומלדיקע שמועסן. צוויי זענען זיי געווען. זיי האָבן זיך באזעצט אין צימער פון קאלינאָווסקא, וועלכע האָט זיך איבערגעטראָגן אין קיך. דאָס צימער, וואָס זאָט זיך געפונען ווייטער פון קעלער, האָט געהילכט פון געלעכטער. זיי האָבן גערעדט הויך, גערופן זיך ביי די נעמען. איינער האָט געהייסן פראַנעק, דער צווייטער וואצעק. ווען זיי זענען ארויף אויף דער וועראנדע, האָט ער באלד דערקענט, אז זיי זענען שיכור; זיי האָבן נישט גערעדט צווישן זיך, זיי האָבן גערעדט צו זיך. זיי האָבן זיך געהאלטן אין איין אויפקלערן צו וואָס עס קענען דינען דער ברונעם און דאָס שטעלעכל, וועלכע זיי האָבן באמערקט אויפן הויף. דאָס שטעלעכל האָבן זיי גלייך א נאָמען געגעבן „קארעטע“ און ווי פאכלייט פעסטגעשטעלט מיט ווירדע, אז עס וועט צונויף קומען אויף אַ רייזע „קיין ריגע“. די ווינונג האָבן זיי אָנגערופן „הייל“ און געווען נייגעריק, צי זי איז א גרויסע אָדער א קליינע. מיט דער קאלינאָווסקא האָבן זיי זיך פריילעך באגריסט, ווי וועלנדיק אונטערשטרייכן די היימישקייט פון דער דאָזיקער באקאנטשאפט, וועלכע האָט געדויערט קוים א רגע. זיי האָבן איר גלייך פאָרגעלייגט אויסצוטרינקען צוזאמען, גערעדט וועגן דעם, הנדלענדיק זיך, אָבער באלד איבערגעגאנגען צו דראָונגען, וועלכע האָבן אויסגעזען שרעקלעך מחמת דעם פרעכן געלעכטער, מיט וועלכן זיי האָבן זיי באַגלייט.

זייער פאָרשלאַג האָט זי אָפּגעפּטרט מיט טרוקענע אָנוויי־זונגען:

— דאָ, מיינע הערן, וועט איר אוועקשטעלן אייערע וואליזעס. אָט דאָרטן, אין יענעם צימער.

— און וואָס איז דאָ?

— דאָ וווין איך. — ער האָט געהערט ווי זיי זענען דורכ־געגאנגען דורך דער קיך.

— און דאָרט וואָס איז?

— איך האָב נישט קיין קעמערל, האַלט איך דאָ קוילן, א ביסל קארטאָפל.

ער האָט נישט געזען אין וועלכער ריכטונג זי האָט אָנגעוויזן מיט דער האנט, אָבער ער האָט געוווּסט, אז זי ווייזט אָן אויפן דעקל פון קעלער. ער האָט דערהווארט זייער אָנקום; א שרעק האָט אים צוגעדריקט צום מויער. מיט אראָפּגעלאָזטע הענט לענגויס דעם גוף האָט ער אויסגעקוקט זייערע פּנימער.

— און די טיר? — האָט געפרעגט איינער פון זיי.

— וועלכע טיר — האָט קאלינאָווסקא געפרעגט.

— די טיר פון צימער. מיר מוזן האָבן א באזונדערן ארייג־גאנג. קיינער זאָל אונדז נישט שטערן. — די לעצטע ווערטער זע־נען ווארשיינלעך געווען באגלייט פון אזא זשעסט, וועלכער האָט ביי ביידע ארויסגערופן א געלעכטער.

— ס'איז פאראן, ס'איז פאראן — האָט זי זייער געשווינד אויפגעקלערט. — יענץ צימער האָט א באזונדערן ארייגאנג, בי־טע, גייט ארייו אהין. — עס האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט זיי וואָס שנעלער געוואָלט ארויספירן פון דער קיך.

— מיר וואָלטן נישט געוואָלט שטערן — האָט איינער אויפ־געקלערט

— איר ווייסט, מיינע הערן, מיר נישט שטערן.

— וואצעק, מיר דאכט, אז די פאני האָט א טעות.

— די פאני האָט קיין טעות. מיר וועלן נישט שטערן. מיר זענען העפלעכע יאַטן. נישט אמת, פראנעק?

— פארשטייט זיך, אז ס'איז נישט אמת — האָט אָפּגעענט־פערט דער, וואָס האָט זיך גערופן פראנעק.

— איצט ווייס איך שוין נישט וואָס צו טראכטן — האָט געזאָגט די קאלינאָווסקא און זיך צעלאכט.

— צום בעסטן איז נישט צו קלערן, איך זאָג אייך. ווער עס טראכט, דער קען זיך מאכן א שטשערב אין שארבן.

זיי האָבן זיך געדרייט איבער דער ווינונג, געשלעפּט קו־פערטס, געשאָלטן.

— צי איר בלייבט שטענדיק אין דער „הייל“? — נאָר אזוי ווי קאַלינאָווסקא האָט נישט גלייך געענטפערט, האָט איינער פון זיי איבערגעחזרט: — צי איר בלייבט שטענדיק אין דער היים?

— ניין, אויף בייטאָג גיי איך אוועק.

— אָבער ביינאכט זענט איר אין „הייל“, יאָ צי ניין?

— יאָ. ווו דען זאָל איך זיין?

— איך פרעג נישט, ווו איר וואָלט באַדאַרפט זיין, נאָר ווו איר זענט ביינאַכט?

— דאָ. ביי זיך.

— זאָגט נישט „ביי זיך“ — האָט זיך דער צווייטער אריינ־געמישט, זיין שטים האָט געהאט אזא אויסקלאַנג, ווי ער זאָל גלייכצייטיק א דראָ טאָן מיטן פינגער — איצט זענט איר ביי אונדז.

— גוט, איך קען זיין ביי אייך.

— ס'הייסט בייטאָג „גראסירט“ איר אויסער דער שטוב, ביינאַכט „טשאַטעוועט“ איר אין שטוב.

— יאָ.

— ווייל ביי אונדז, זעט איר, איז פונקט פאַרקערט. אזוי איז אָנגעצייכנט, אָדער אזא איז אונדזער גורל. בייטאָג זענען מיר אין שטוב, און אין די נעכט זענען מיר נישטאָ.

— איר קענט, מיינע הערן, זיך פירן ווי אייער האַרץ גלוסט.

— איר זאָגט דאָס אזוי, ווי מיר וואָלטן געבעטן אייער הסכמה.

— זאָל גאָט אָפּהיטן, וואָס רעדט איר?

— איז גוט — האָט איינער פון זיי געזאָגט.

— און קיין שום קאָנטראָלן, קיין שום נאָכשפּירונגען, ווען מיר זענען נישטאָ — האָט געזאָגט דער צווייטער.

— וועלכע קאָנטראָלן ווידער? — האָט די קאַלינאָווסקא זוירדיק געפרעגט. — מיך גייט גאָרנישט אָן.

— מיר וועלן אייך אליין וויזן אַלץ, מיר האָבן קיין שום סו־דות נישט.

— מיך גייט גאָרנישט אָן.

— שטיל! איך רעד איצט — האָט איר דער צווייטער איבערגעריסן.

— איך הער, איך הער — האָט די קאַלינאָווסקא זיך באַמיט זיי איינצונעמען.

— אַלזאָ זאָ איזט דאָס! אויף ביינאַכט גייען מיר אוועק און בייטאָג „קיבעצן" מיר אין שטוב און טע דע. איר פאַרשטייט?

— איך פאַרשטיי.

— און דאָ דאַרף זיין שטיל ווען מיר שלאָפן — האָט איינער זיך אָנגערופן..

— ווי אויפן בית־עולם — האָט צוגעגעבן דער צווייטער.

— זאָל דיך די כאָליערע טרעפן מיט דיינע פאַרגלייכן. — נו, גוט. זאָל זיין ווי אויפן בית־עולם, אבי מען זאָל זיך קענען אויסשלאָפן. — זעט אויס, אַז ער האָט זיך געוואָנדן צו דער קאַלינאָווסקא, ווייל ס'איז געפאַלן א פראַגע: — צי איר האָט געהערט ווי שטיל ס'איז אויפן בית־עולם?

— איך בין שוין לאַנג דאָרט נישט געווען.

— און מיר כּסדר. אונדזער לעבן דאָס איז דער בית־עולם. אויב לעבן, איז נאָר אויפן בית־עולם.

— אויפן בית־עולם? — האָט די קאַלינאָווסקא געפרעגט מיט א שלעכט מאַסקירטער שרעק.

— איר ווייסט וואָס דאָס איז אזוינס געטאָ?

— איך האָב געהערט.

— איך האָב געהערט — האָט איינער פון זיי איבערגעהזרט מיט הוזק — אָבער איר זענט דאָרט נישט געווען!

די שטילקייט, וועלכע איז אַנטשטאַנען האָט אויסגעזען קלעפּיש און צו לאַנג.

— ניין.

— און מיר שטענדיק: פון געטאָ אין „הייל" און פון „הייל" אין געטאָ.

— דאָ וועט איר, מיינע הערן, קענען אָפּרוען.

— אז מיר ווילן דאָס גאָרנישט — האָט געזאָגט פראַנעק.

— ס'איז נישטאָ קיין צייט — האָט וואַצעק דערגענצט.

— איך וואָלט געקאָנט עפּעס אָפּקאָכן, צונייען, פאַרצירעווען...

אויף א רגע איז שטיל געוואָרן.

— פּראַנעק, דאָס וואָלט געווען נישט שלעכט, וואָס?

— איך וואָלט געקאָנט בלייבן אין דער היים, ווען די הערן וואָלטן דאָס פאַרלאַנגט.

— זייער גוט! — האָט אויסגערופן וואַצעק — וויפל?

— וואָס „וויפל“?

— וויפל דאַרף דאָס קאָסטן?

— ווי די הערן וועלן באַשטימען.

פּלוצעם האָט איינער פון זיי געזאָגט:

— מיר זענען נישט קיין אומשולדיקע קינדער. ווען עמעצער וועט דאָ צו אונדז קומען אמאָל, איז... אלץ וועט פאַרקומען קולטורעל. אויב דאָס שטערט אייך נישט, קענט איר בלייבן, אָבער דאָרט... ביי זיך, איר פאַרשטייט? און קיין שום אונטערקוקן, גוט? איך האָב נאָר געוואָלט וואָרענען.

קאַלינאָווסקא האָט נישט געענטפערט.

* *

*

פון זייערע נאַכטיקע אויספלוגן פלעגן זיי קומען אינדערפרי נישט קיין אויסגעשלאָפענע, דענערווירטע. זיי פלעגן זיך זידלען מיט שכורע קולות און זיך אויסדערציילן פון זייערע נאַכטיקע מעשים הויך, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף דער קאַלינאָווסקא, וועלכע האָט געמאַכט פייער אין קיך און צוגעגרייט טיי.

זיי פלעגן א וואָרף טאָן אויפן קיך־טיש ברויטן, קאָנסערוון, ביימלען מיט פרישע ירקות און פרוכטן. זיי האָבן זיך געגרייט צו לייגן שלאָפן, נאָר איידער זיי האָבן זיך ארומגעוואַשן, האָבן זיי ביי זיך אין צימער ארויסגעלייגט אויפן טיש זייער גאנצן נעכטיקן רויב.

עס איז אנטשטאַנען א מאָמענט פון אַבסאָלוטער שטילקייט, ווען אָנגעבויגן איבער רעשטלעך גאָלד און זילבער האָבן זיי שווייגנדיק באַחשבונט דאָס גוטס, וואָס זיי האָבן אָנגערויבט ביי טויטע, אָדער נאָך לעבעדיקע מענטשן. פאַרכשופטע פון בליאַסק פון מעטאַל און צירונג, פאַרטעמפּטע, מיט א קוים צאַנקענדיקן געדאַנק

וועגן מהנות מענטשן געיאָגטע צו צוגן, אָדער וועגן טויטע קער־פּערס אונטער ברענענדיקע הייזער, האָבן זיי דורכגעקוקט זייער גזלה מיט מידע אויגן. קריגערייען און געשלעגן פלעגן אויסברעכן פלוצעם, אויסשיסן פון דער שטילקייט אומדערוואַרט. זיי האָבן זיך געקוילערט איבער דער פּאָדלאָגע אָן ווערטער, שווער געקרעכצט, נישט אויסדריקנדיק קיין שום באַגער, קיין שום געדאַנק אָדער ציל.

קאַלינאָווסקאַ, א פאַרשטומטע, האָט זיך צוריקגעצויגן אין קיך און דאָרט פאַרבליבן.

זיי האָבן געקרעכצט ליגנדיק אומגעוואַלגערט אויף דער ערד, נישט פון ווייטיק, נאָר פון אָנשטרענגונג. זיי האָבן זיך אָנגעקוקט, האַלטנדיק די פּנימער נאָענט איינס פון אַנדערן. רויט, פאַרשוויצט, האָבן זיי ריטמיש געאָטעמט, ווי די דאָזיקע אָנשטרענגונג זאָל זייערע הערצער און לונגען צוגעבן אַ נאָרמאַלן ריטם, וועלכער איז נייטיק פאַר א רואיק לעבן. דעמלט, אין אזעלכע מינוטן, ווען די שטילקייט איז געוואָרן אומדערטרעגלעך, ווען עס האָט א טראָג געטאָן פון איר מיט טויט, מיט דעם אָטעם פון מאָרד, איז קאַלינאָווסקאַ ארויס אויף דער וועראַנדע, כדי נישט צו הערן די שטילקייט, אין וועלכער עס קען געשען אַלץ.

די טשאַסקאָווא איז געשטאַנען פאַר איר הייזקע און אומבאַוועגלעך זיך איינגעקוקט אין דער קאַלינאָווסקאַ, ווי זי זאָל מיטן בליק וועלן ארויסרייסן דעם סוד פון דעם הויז, אין וועלכן עס געפינען זיך גלייכצייטיק א פאַרפאַלגטער ייִר און צוויי פון זיינע פאַרפאָלגער. די טשאַסקאָווא האָט איצט אויסגעמיטן געשפּרעכן מיט דער קאַלינאָווסקאַ און זיך נישט דערנעענטערט צום הויז פון קאַליטאַ.

נאָך א באַשטימטער צייט האָט די קאַלינאָווסקאַ צוריקגעקערט אין קיך. ביידע חברה־לייט זענען געשלאָפן אין אָנטועכץ אויף די בעטן, אָדער אויף דער פּאָדלאָגע. טיילמאָל האָבן זיי אויסגעזען ווי אין גסיסה: טויטע אויגן־ווייסלען, מיילער אויפגעריסענע, ווי אין לעצטן געשריי, צעוואָרפענע הענט און פיס... די קאַלינאָווסקאַ האָט זיך געדרייט איבער דער קיך, גיבנדיק צו וויסן מיט אירע טריט וועגן איר אָנוועזנהייט. יענע האָבן זיך צעוועקט פאַרנאַכט בייזע און אָנגעדראָדלטע, נאָר נאָך א שנעפּסל זענען זיי געוואָרן מילדער. זיי האָבן זיך געגרייט צו א נייעם נאַכטיקן אויספלוג און אָנגעזאָגט

זייער צוריקקער, קוקנדיק אויף די הענט, אויף וועלכע זיי האָבן גע־טראָגן צו עטלעכע זייגערלעך. זייערע פינגער האָבן באַצירט רינג־לעך, וועלכע זיי האָבן באַטראַכט מיט תענוג און בולטער פרייד. זיי האָבן שנעל אָפּגעגעסן דעם מיטאָג, וועלכן די קאַלינאָווסקא האָט צוגעגרייט און איר איבערגעלאָזט געלט...

* *
*

עס האָבן זיך געשטעלט מילדע פאַרנאַכטן, אין שטוב איז גע־ווען שטיל. די קאַלינאָווסקא פּלעגט זיצן אויף דער וועראַנדע מיטן פּנים געווענדט צום וועג און אויפמערקזאַם זיך איינקוקן, צי קיינער דערנעענטערט זיך נישט. קלעפּפּיש איז געזעסן ביי אַן אָפן קע־לער־טירל מיט די פיס אַראָפּגעלאָזט אין דער עפענונג און געקוקט אין פענצטער אויפן אונטערגאַנג פון דער זון. זיין פּנים איז געווען ווייס און אָנגעשוואָלן. די שווערע אויגנלעדלעך און וויעם האָבן אַרויסגעקוקט פון אונטער די גראָע ברעמען ווי קנעפּלעך פון ווייסן מאַך. הינטער זיינע פּלייצעס איבער דער שאָטן־ליניע פון זיין איינגעבויגענעם קערפּער האָט געברענט דער בלוטיק־קופּערנער אָפּשיין פון דער אונטערגייענדיקער זון. קאַלינאָווסקא האָט פון דער זייט אים אָבסערווירט.

אין אַ געוויסן טאָג אין דער זעלבער צייט האָט זי באַמערקט, אַז ער איז בלינד. זיין האַנט האָט לאַנג געזוכט דעם ברעג פון דער עפענונג אין דער פּאָדלאָגע: די האַנט איז געבליבן הענגען אין דער לופט, דערנאָך האָט זי לאַנג געבלאָנדזשעט, געשאַרט זיך, אָבער אַלץ אויף דער פּאָדלאָגע. „ער האָט נאָך געזען דאָס פערד. האָט זי אַ טראַכט געטאָן מיט שרעק — ער האָט נאָך געזאָגט, אַז ער האָט געזען דאָס פערד“. ערשט איצט האָט זי זיך געכאַפּט, אַז זי האָט אים צו שאַרף געפרעגט, צי ער זעט.

— איך זע, אָבער נישט דייטלעך.

— און דאָס פערד? איר האָט דאָך...

— אין דער פינצטער זע איך בעסער.

— איר האָט מיר וועגן דעם גאָרנישט געזאָגט.

— איך לעב דאָך אין דער פינצטער. צו וואָס דארף איך האָבן דאָס זון־ליכט?

דער בין־השמשות איז געווען א שטילער, ער איז אָפּגעשוווּמען צו אומבאקאנטע ווייטן, וו קיינער האָט נישט געוואוסט, קיינער האָט נישט באשטימט קיין שטראָף. אין דעם אומבאוועגלעכן געזיכט פון קלעפּפּישן האָט די פארשטארטקייט געקענט באדייטן ערנסטקייט, אָבער אויך דער אָנזאָג פון טויט.

* *
*

די ביידע פּאָלקסדרייטשן האָבן געהאט זייערע פּלענער, זייערע צילן, אָבער דער אָביעקט פון זייער תאווה איז געווען גאָלד. דאָס געביט פון זייערע נאכט־עקסקורסיעס איז געווען דאָס געוועזענע געטאָ. זיי האָבן געהאט זייערע מעלינעס, בונקערס און קעלערס, וו פּאכלייט האָבן אויפן אָרט אָפּגעשאצט דעם ווערט פון די זאכן. דערנאָך האָבן זיי זיך געטיילט מיט זייערע שותּפים. זיי האָבן געהאט זייערע אַגענטן, וועכטער און קאָלעגן. אויף די נאכטיקע אויספלוגן האָבן זיי זיך אויסגעקליבן מיט חשק, ווי אויף פעריען מיט אומדערוווארטע פּאסירונגען, זיי האָבן זיך געאיילט. עס איז געווען סוף זומער און זיי האָבן מורא געהאט פאַרן פּלוצעמדיקן אָנקומען פון דער סאמע ערגסטער צייט פון יאָר — דעם הארבסט מיט זיינע שטורעם־ווינטן און רעגנס. זיי האָבן זיך געאיילט, ווייל דער מרחק פון פראָגע, וועלכער האָט זיך פריער געמאָסטן אין די טויזנטער קילאָמעטערס, האָט זיך איצט איינגעשרומפּן און פארקלענערט.

אין א געוויסן טאָג האָבן זיי אין דער אָנוועזנהייט פון דער קאלינאָווסקא פארפירט א שמועס וועגן יוזעק־פּארטיזאן. זיי האָבן גערעדט מיט איראָניע וועגן זיינע מעלות, אין וועלכע זיי האָבן שטארק געגלויבט.

די קאלינאָווסקא האָט זיך צוגעהערט מיט אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאמקייט צו די ווערטער פון ביידע סובלאָקאטאָרן. עס האָט זי באאומרואיקט זייער באקאנטשאפט מיט יוזעק־פּארטיזאן, זי האָט מורא געהאט, אז ער קען אמאָל קומען צו זיי צו גאסט

און ביי דער געלעגנהייט דערציילן, אז ער קען דאָס הויז, אז ער איז דאָ שוין געווען, ווייל א ייד באהאלט זיך דאָ אויס...

ביידע זענען געזעסן באקוועם אויף דער וועראנדע, אויס־שטעלנדיק די פנימער אויף דער זון. זיי זענען פאַרזונקען אין א דרימל, פון וועלכן זיי האָבן זיך פלוצעם אויפגעריסן. אין דער צייט פון איינעם אזא פלוצעמדיקן אויפוואכן האָט וואצעק זיך געווענדט אין דער זייט פון דער קאלינאָווסקא, וועלכע האָט זיך געדרייט אין קיך און געזאָגט:

— מאָרגן וועלן מיר נישט שלאָפן, מיר ווילן האָבן פריער דעם מיטאָג.

— ריכטיק — האָט אים אונטערשטיצט פראַנעק. — מאָרגן וועלן מיר אַרויספאָרן גלייך נאָך מיטאָג.

— זייער גוט — האָט געענטפערט די קאַליגאָווסקאַ. — וועל איך האָבן צייט אַרויסצוגיין איינקויפן.

נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ האָט פראַנעק געפרעגט:

— און אַזוי האָט איר נישט קיין צייט?

— איך האָב, נאָר עס וואָלט נאָך ווער געקענט אייך אויפ־וועקן.

— אונדז? — האָט פראַנעק זיך זייער פאַרוווּנדערט.

— עמיצער וואָלט געקאָנט אַריינקומען.

וואַצעק האָט זיך שווער אויפגעהויבן און זיך אָנגעהויבן דער־נעענטערן צו דער קאַליגאָווסקאַ.

— ווער וואָלט דאָ אַרייגעקומען?

קאַליגאָווסקאַ האָט זיך מיט שרעק צוריקגעצויגן.

— איך האָב גאָרנישט נישט געזאָגט.

— ווער וואָלט דאָ אַרייגעקומען? — האָט ער איבערגעחזרט.

— איך האָב סתם... איך ווייס פון גאָרנישט...

— אויף זיכער?

— אויף זיכער.

— עס זאָל מיר דאָ נישט זיין קיין שום אַריינקומען — האָט ער געזאָגט וואָרענענדיק.

— דאָ קומט קיינער נישט.

— געדענקט!

*   *
*

זיי זענען צוריקגעקומען גאַנצפרי אויפגעהייטערטע און גלייך אַנטשלאָפן געוואָרן. זיי זענען אָפּגעשלאָפן ביז מיטאָג-צייט און נאָכן אָפּעסן דעם מיטאָג אויסגעפּוצטע אַרויסגעגאַנגען פון שטוב. אין טיר שטייענדיק האָט וואַצעק געזאָגט:

— מיר וועלן צוריקקומען ערשט מאָרגן פרי.

— צום ווידערזען.

קאַלינאָווסקאַ האָט געבראַכט אין אָרדענונג דאָס צימער, פאַרמאַכט דאָס פענצטער, די טיר, דערנאָך איז זי איבערגעגאַנגען אין קיך. זי האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן קנאַפל אין דעקל פון קעלער, קלעפּיש האָט אָפּגעקלאַפּט צוויי מאָל.

— איך גיי אַרויס — האָט זי געזאָגט — כ'וועל זיך לאַנג נישט זאַמען.

ער האָט ווידער אָפּגעקלאַפּט צוויי מאָל.

— זייט פאָרזיכטיק.

ער האָט פונסניי אָפּגעקלאַפּט צוויי מאָל.

„זיי זענען נישטאָ — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — דאָס איז זייער גוט". ער האָט געהערט, ווי די טיר האָט אַ סקריפּע געטאָן און עס האָט זיך פאַרהאַקט דער שלאָס. ער האָט אַ וויילע געוואַרט — ס'איז געווען פולשטענדיק שטיל. ער האָט אונטערגעהויבן דאָס דעקל, אין קיך איז געווען האַלב-טונקל. ער האָט דאָס דעקל אויפגעהויבן נאָך העכער, דערנאָך איז ער אַרויסגעגאַנגען. דאָס פוטער האָט זיך אים אַראָפּגעגליטשט פון די אַקסלען און געבליבן ליגן אין קעלער גלייך ביי די טרעפּ. טאַפּנדיק האָט ער זיך דערקליבן צו דער טיר פון פירהייזל, געעפנט זי, און ס'האָט אים אַרומגענומען אַ פינצטערניש, אין וועלכער עס האָט זיך נאָך איינגעהיט די וואַרעמקייט פון פאַרגייענדיקן טאָג. די לופט איז דאָ געווען אַ דושנע, און ער האָט פאַמעלעך געאָטעמט. ער האָט זיך איינגעבויגן און אָנגעהויבן זוכן די שפּאַרע, און איידער נאָך ער האָט דערזען צווישן די ברעטער דאָס שמאָלע פאַסיקל פעלד, זענען זיינע פינגער שוין אַריין אין דעם שפּאַלט, דורך וועלכ

עס האָט זיך אַרייַנבאַקומען די שמעקנדיקע ל.פּט, וועלכע האָט געצויגן פון דער ערד.

ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף די קני בייַ דער שפּאַרע און געקוקט. דער שטח, וועלכן מען האָט געקענט זען דורך דער לענגלעכער עפענונג, איז געווען פּוסט. דעמלט האָט אים פּלוצעם באַהערשט אַ ווייטיקלעכער באַגער צו זען דעם הונט אָדער דאָס פערד, וועלכע האָבן זיך אים אייַנגעקריצט אין זכרון. דערווייל האָט דאָרט אַלץ געדויערט די פּוסטקייט, וועלכע האָט זיך אָנגעפילט מיט אַ אַלץ מער גערדיכטערער פינצטערניש. ער האָט נאָך געוואַרט. „איך וועל אויסשפּירן — האָט ער געטראַכט — איך מוז“.

„איך וועל שוין קיינמאָל פונדאַנען נישט אַרויס, זיי וועלן דאָ אָפּזיצן גאַנצענע טעג, איך וועל שוין קיינמאָל נישט זען נישט קיין מענטשן, נישט קיין הונט, נישט קיין פערד“. ער האָט געוווּסט, אַז ער ווערט בלינד, פאַר די אויגן איז אים געשטאַנען עפּעס ווייס, עפּעס אַזוינס, וואָס דערמאָנט אין צעגאַנגענעם שניי. ווען ער האָט אויסגעריבן די אויגן, איז פאַר אים דערשינען אַ פּוסטקייט, וועלכע האָט זיך פאַמעלעך אָנגעפילט מיט שניי. עס האָט אים אַרומגענומען אַ שרעק. ער האָט מיט די הענט אָנגעטאַפּט דעם ברעג פון אַ טיש, די שאַרפקייט פון טרעפּ. „זי וועט נישט באַמערקן“. ער האָט מיט פאַרצווייפלונג געטראַכט וועגן זייַן פאַמעלעכדיקן פאַרזונקען ווערן אין פינצטערניש, וואָס הייבט זיך ערשט אָן און עס האָט אים שוין אייַנגעבויגן צו דער ערד.

עס האָבן זיך פּלוצעם דערהערט קולות אין צימער. מען האָט געטומלט און געשריגן. עס זענען צו אים דערגאַנגען די רייד פון פראַנעקן און וואַצעקן און פרוויאישע געלעכטערס. זיי האָבן געלאַכט הויך, פּישטשענדיק: זיי זענען געווען אין קיך, געמוזט עפּעס טאָן אין קיך, ווייל ער האָט דאָרט דערהערט דעם בלעכענעם קלאַנג פון איבערדוקן אַ טשייניק. ער האָט צוגעפּויזעט צו דער טיר. די גאַנצע וווינונג, האָט זיך אויסגעדאַכט, טרייסלט זיך פון געשרייען.

— ווו איז אונדזער קאַלינאָווסקאַ? — האָט וואַצעק געזאָגט.

— און וויפל איז זי אַלט? — האָט געפרעגט אַ פרוי, וועלכן איז איצט געקומען מיט די פאָלקס־דייטשן. — וויפל איז זי אַלט? — האָט זי איבערגעחזרט כמעט מיט איין אָטעם.

— האָב נישט קיין מורא, זי איז גענוג אַלט, אַז מע זאָל אויף איר נישט קוקן.

— און וויפל בין איך אַלט? — האָט די פרוי געפרעגט צודרינגלעך.

— אין דעם וועלן מיר זיך ערשט איבערצייגן.

— ווייזן דיר די קענקאַרטע? — איז די פרוי צוגעשטאַנען.

— דיין קענקאַרטע איז פונקט אַזאַ פאַלשע ווי דו.

— פונוואַנען ווייסטו? — האָט זי זיך הויך צעלאַכט.

— פונוואַנען! — האָט ער אויסגעשריגן באַרימעריש — פונוואַנען! איך מאַך דאָך אַליין די קענקאַרטעס.

די פרוי האָט זיך ווידער צעלאַכט:

— ער מאַכט קענקאַרטעס! און וואָס נאָך מאַכסטו?

— קינדער.

— וועמען?

— וועמען עס לאָזט זיך.

— ווען?

— ווען דו וועסט געבן.

— און אַז נישט?

— וועל איך אַליין נעמען. איך וואַרט נישט.

— מיט אַלע אַזוי?

— מיט אַלע.

קלעפפיש איז פלוצעם פאַרשטאַרט געוואָרן פון שרעק. ער האָט דערהערט, ווי דאָס דעקל פון קעלער האָט אַ סקריפע געטאָן און זיך פאַרקלאַפט.

— עפעס אַ שמאַטע ליגט דאָרט — האָט וואַצעק געזאָגט.

— וועלכע שמאַטע?

— די כאָליערע ווייסט, עפעס אַ פאַרלייזיקטער פוטער.

— אַ פוטער?

— אַזוי האָט זיך מיר אויסגעדאַכט.

אין דער ווינקל זענען געווען צוויי פרויען, ער האָט אונטערגעשיידט זייערע שטימען; איינע פון זיי אַ ווייבע, אַן אָנצי־

ענדיקע, וועלכע האָט פאַרמאָגט אין זיך עפּעס אַזאַ פאַרבאָרגענע, קוים באַמערקבאַרע וואַרעמקייט, די צווייטע — אַ שרייענדיקע, וואולגאַרע, וועלכע פאַרבלייבט אין זכרון. ביידע פרויען האָבן געמוזט זיין יונגע און היימערע. ער האָט קיין שום צווייפל נישט געהאַט. אין צימער האָט זיך אָנגעהויבן אַ הוליאַנקע, מען האָט געהערט דעם קלאַנג פון גלעזער און דאָס קלאַפּן פון טעלער. עס האָבן זיך דערטראָגן געזאַנגען און קווייטשערייען, עטלעכע מאָל האָט זיך פאַרהאַקט די טיר, איינע פון די פרויען האָט דיטלעך אויסגעשריגן „הער אויף!“ — עס האָט איר אָפּגעענטפערט וואַצעקס געלעכטער. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער דערהערט דעם אויסרוף פון פראַנעקן:

— פאַני קאַליגאָווסקאַ, ענדלעך זענט איר געקומען!

— איר זענט שוין לאַנג, מיינע הערן, אין שטוב? — קלעפּיש האָט דערפילט דעם ציטער אין איר שטים. אַ שרעק האָט אים פאַרקלעמט ביים האַלדז.

— שוין לאַנג — האָט הויך אָפּגעענטפערט וואַצעק. — און איר, וווּ זענט געווען? — זיין שטים איז געווען שטרענג און טרוקן.

— אין קראָם.

— נאָך וואָס?

— נאָך גרינוואַרג.

— נאָך גרינוואַרג! — האָט ער איבערגעחזרט און אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. — און וואָס האָט איר אין קעלער?

— אין קעלער?

— יאָ, אין קעלער.

— גאָרנישט.

— נישט אמת! — האָט ער אַ ריטשע געטאָן — איר האָט דאָרט עפּעס.

— איך ווייס נישט פון גאָרנישט.

— אָבער איך ווייס. וואָס האָט איר דאָרט?

— מיינע הערן — האָט זי געשטאַמלט — איך ווייס נישט פון גאָרנישט.

— טאָ גייט דאָרט אַ קוק.

עס האָבן זיך דערהערט פּאַמעלעכדיקע דערשראָקענע טריט.
ער האָט זיך נאָך מער צוגעדריקט צו דער וואַנט, כדי אַליין צו הערן.
עס האָט אַ סקריפּע געטאָן דאָס אויפגעהויבענע דעקל.
— נו וואָס? — האָט וואַצעק געפרעגט.
— איך זע נישט גאָרנישט.
— איר זעט נישט? דאָרט ליגן דאָך ירקות! איך האָב אַהין אַריינגעוואָרפן אַ בייטל מיט ירקות, זיי זאָלן נישט קאַליע ווערן.
— יאָ! — האָט זי אויסגערופן — איך זע! אַ האַרציקן דאַנק אייך. איך זע. דאַן האָט זיך אָנגערופן פּראַנעק:
— איר באַהאַלט דאָרט עפּעס אויס אין דעם קעלער.
— איך באַהאַלט גאָרנישט אויס — איר שטים איז געוואָרן רואיקער.
— דאָרט ליגט עפּעס אַ פוטער.
— דאָס איז אַן אַלטע שמאַטע.
— וועמענס?
— מיינער.
— איר ווייסט נישט, אַז פוטערס האָט מען באַדאַרפט אָפּגעבן.
— איך ווייס, אָבער ווער וואָלט אָנגענומען אַזאַ פוטער?
— און אפשר איז עס גאָר נישט אייערער? — האָט זיך אַריינגעמישט וואַצעק.
— וועמענס דען... — און זי האָט גלייך צוגעגעבן: — וואָס זאָל זיין מיט די ירקות, וועלכע ליגן דאָרט אין קעלער?
— דאָס איז פון דער פרייליכס גערטנדל.
— די פריילן האָט אַ וועלדל, נישט קיין גערטנדל — האָט פּראַנעק געזאָגט.
— דו האָסט עס געזען? — האָט וואַצעק געפרעגט.
— און דו נישט?
—איר זענט זיכער בכלל פאַרוואונדערט, וואָס מיר זענען צוריקגעקומען אַזוי שנעל, נישט אמת?
— איר האָט געזאָגט, אַז איר פאָרט אַרויס —האָט די קאַלינאָווסקאַ געענטפערט.
— ווירקלעך! ווירקלעך! — פּראַנעק האָט געמוזט זיין אין אַ זייער הייטערער שטימונג. — מיר זענען געפאָרן — האָט ער

געשריגן — קיין שווידער. אויף דער סטאַציע — מיר גיבן אַ קוק: שווידער איז געקומען צו אונדז.

די קאַלינאָווסקאַ האָט טרוקן געפרעגט:

— וואָס וועט איר עסן, מיינע הערן?

— ווירקלעך, ווייל מילך האָבן מיר — ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דעם גלעזל — נאָר עפּעס אויף פאַרבייסן וואָלט צונויץ געקומען.

ער האָט געהערט ווי קאַלינאָווסקאַ האָט זיך געדרייט איבער דער קיך, געסקריפּעט מיט די קרעדענס-טירלעך, איבערגערוקט די פייערקעס. פון צימער זענען צו אים דערגאַנגען הויכע געשפּרעכן און געלעכטערס. איינע פון די פרויען האָט ווידער אויסגעשריגן: „הער אויף!“ אַ רגע איז געווען שטיל. דערנאָך איז דורך דער פאַרמאַכטער טיר צו אים דערגאַנגען אַ געדעמפּטער טומל.

נישט פאַרלאָזנדיק די קיך, האָט די קאַלינאָווסקאַ געזאָגט צו אירע סובלאָקאַטאָרן:

—איך ווייס שוין, וואָס איך וועל טאָן. איך וועל דעם אָוונט-ברויט דערלאַנגען אויף דער וועראַנדע, גוט?

— ריכטיק! ריכטיק!

— העלפט מיר, מיינע הערן, איבעררוקן דעם טיש.

קלעפּפּיש איז געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע מיט די הענט ביים מויל. דער רעש איז געווען אַ צו גרויסער, ער זאָל קאָנען נאָכ-פאָלגן זיין שפּאַנונג. די סעודה האָט אויסגעזען צו דויערן אַ סך שעהן. ער האָט אָנגעהויבן צווייפלען, צי זיי וועלן דאָס מאָל אויף ביינאַכט ארויסגיין אויף רויב. ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ רעכע-נונג פון דער געפאַר, אָבער ער האָט נישט געקענט פּרווון, ווי דאָס אַלץ וועט זיך פאַרענדיקן. „ווען זיי וואָלטן מיך באַמערקט אין דעם קעלער בעתן אַריינוואַרפן די דאָזיקע ירקות, וואָלט איך שוין נישט געלעבט, עס וואָלט שוין אויך נישט געלעבט קאַלי-נאָווסקאַ... אַ מענטש ווייסט קיינמאָל נישט, וואָס ער טוט...“

אויף דער וועראַנדע האָט זיך ווידער אויפגעהויבן אַ טומל.

— פּאַני קאַלינאָווסקאַ מיר ווילן עסן.

— באַלד, באַלד — האָט זי געענטפערט מיט איין מינוט שפּעטער, כדי יענע זאָלן נישט באַמערקן, אַז נישט די קיך אינ-טערעסירט זי איצט.

— דאָס דויערט צו לאַנג — האָט וואַצעק אַ וואָרטשע געטאָן.

— גיט אונדז אַ שטיקל ליכט, דאָ איז פינצטער ווי אין... — וואַצעק האָט נישט פאַרענדיקט דעם זאַץ.

—מע דאַרף נישט קיין ליכט — האָט געשריגן פראַנעק — ווייל די פרייַלנס קאָנען נאָך אָנגעמען דאָס ליכט פאַר...

די קאַלינאָווסקאַ איז אַרומגעלאָפן איבער דער קיך. ער האָט געהערט דאָס טופּן פון אירע פיס. זי האָט אַרויסגעטראָגן אויף דער וועראַנדע דאָס טיש־געשיר.

— איר וועט זיך דאָ אַוועקזעצן מיט אונדז — האָט וואַצעק געזאָגט.

— יאָ, דערווייל קאָנט איר בלייבן מיט אונדז — האָט פראַ־נעק דערגענצט.

אין קיך איז געוואָרן שטיל. ער האָט נישט געוווּסט צי קאַ־לינאָווסקאַ איז אין קיך, צי אויף דער וועראַנדע. פּלוצעם האָט ער דערהערט איר שטים:

— מיינע הערן, איין רגע, ס׳איז אַ שאָד דאָס ליכט אין קיך.

— דאָס איז אַ שפּאָרזאַמע באַלעבאָסטע — האָט וואַצעק געזאָגט.

— איך קאָן אויך זיין שפּאָרזאַם — האָט געזאָגט איינע פון די פרויען.

— יאָ, זייער. איך לעש דיך און דו האַלסט אין איין ברע־נען.

עס האָט זיך דערהערט אַ נייער אויסברוך פון געלעכטער, דאָך האָט ער געהערט ווי קאַלינאָווסקאַ איז דורכגעגאַנגען די קיך. עס האָט אַ קלאַפּ געטאָן דאָס קעלער־דעקל.

קאַלינאָווסקאַ איז שטיין געבליבן אין דער טיר פון פירהויז, אין קיך איז געווען פינצטער. דער קעלער איז געווען אָפן. קאַלי־נאָווסקאַ האָט אים געהאָלפן אָפּגעפּינען דעם ברעג פון דער עפע־נונג, אין אַ ווייַלע אַרום איז ער שוין געלעגן פון אונטן אין ווייטסטן ווינקל, אַ צונויפגעקורטשעטער, מיטן פּנים צו דער וואַנט. ער האָט נישט געוווּסט, ווי לאַנג עס האָט געדויערט די הוליאַנקע, וועלכע האָט זיך פאַרענדיקט מיט איבערקערן שטולן, ברעכן גלאָז און געשרייען. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט איינער פון די פאָלקס־דייטשן אויסגעשריגן:

— און איצט אין די בעטן! ליכט אַאוס!

אין דער שטילקייט, וועלכע איז אַנטשטאַנען האָבן זיך בלויז געהערט די טריט פון קאַלינאָווסקאַ. זי איז נישט געשלאָפן. זי איז אַרומגעגאַנגען איבער דער קיך, און ער האָט איר נאָכגעפאָלגט. וויפל מאָל זי האָט זיך פאַרהאַלטן, איז אים דאָס האַרץ ווי אָפּגעשטאָרבן. זי האָט געמוזט געפינען אַ וועלכע ס'איז אַרבעט, וועלכע זאָל איר געבן די מעגלעכקייט צו בלייבן אויף דער וואַך, נישט ציענדיק קיין אויפמערקזאַמקייט אויף זיך, אויף איר אַנוועזנהייט.

עס האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן, ווען די צוויי פרויען האָבן זיך אַרויסגעשאַרט. ער האָט געהערט זייער שעפּטשען אויף דער וועראַנדע. זיי האָבן זיך באַקלאָגט אויף דער קעלט, איינע פון זיי האָט מיט אַ געפּעפּערטן אויסדרוק באַצייכנט, וואָס עס טוט איר ווי און פאַרוואָס... די קאַלינאָווסקאַ איז אַלץ געווען אויף דער וואַך, ער האָט געהערט ווי זי דרייט זיך איבער דער קיך.

ערשט אָוונט־צו זענען ביידע פאָלקסדייטשן ווידער אַוועק. אַ שטילקייט האָט באַהערשט דאָס גאַנצע הויז. טרערן זענען אים גערינען איבער די באַקן.

— איך ווייס שוין נישט — האָט ער געזאָגט צו דער קאַלינאָווסקאַ, וועלכע האָט אים שפּעט ביינאַכט אַרויסגעפירט פון קעלער. — איך האָב שוין אויפגעהערט.

— איר האָט געהאַט מזל — האָט געזאָגט די קאַלינאָווסקאַ.

— אויך איר האָט געהאַט גליק, דעריבער האָב איך געוויינט.

— איך האָב נישט געוווסט, אַז איר זענט אין פירהויז.

— און ווו האָב איך געקאָנט זיין?

קאַלינאָווסקאַ האָט נישט געענטפערט.

* * *

יענע האָבן זיך אומגעקערט אַהיים ערשט נאָך צוויי טעג אין שפּעטן נאָכמיטאָג. זיי האָבן שווייגנדיק און אייליק אָנגעהויבן פּאַקן זייערע וואַליזעס. זיי האָבן זאַרגפעליק צונויפגענומען אַלע קלייניקייטן, געהאָלפן זיך קעגנזייטיק און מיט מאַטערניש פאַרצויגן די רימענס אַרום די וואַליזעס. קאַלינאָווסקאַ, אַז אומרואיקע און

באַהערשטע פון אַ שלעכט פאַרגעפיל, האָט זיך צוריקגעצויגן אין קיך. יענע האָבן ארויסגעשלעפט פון שאַפע נאָך עפעס א פעקל, אַ וואָרף געטאָן אויפן טיש, אויפגעבונדן און גלייך זיך פאַרנומען צום ציילן. די האַנט פון פראַנעקן האָט געוואַנדערט אַהין און צוריק איבערן טיש, און פאַר די שותפים זענען אויסגעוואָקסן צוויי שטויסן פון מטבעות.

— מיר האָבן פאַרשפּילט — האָט וואַצעק געזאָגט, ווען פראַ־נעק האָט געענדיקט דאָס ציילן.

— מיר דאַכט, אַז איך ווייס, ווער דאָס האָט געטאָן — האָט אים איבערגעריסן פראַנעק.

— אונדזערע זיכער נישט.

— ניין. יוזעק איז אונדז געווען נייטיק.

— אויב אַזוי, איז ווער? — האָט וואַצעק געפרעגט.

— יענע.

קאַלינאָווסקאַ האָט באַמערקט, ווי פראַנעק האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַוועקלייגנדיק די האַנט אויף דער קופּע פון צעשיטן קליינגעלט.

— בלויז די פּעפּעראָוועצעס האָבן געקענט אָפּרוימען יוזעקן.

וואַצעק האָט געענטפערט ערשט נאָך אַ ווײַלע.

— אינגאַנצן נישט נייטיק געווען זיין שפּיל אין אַ סאָוויעטישן פּאַרטיזאַן.

— ער איז שטענדיק געפלויגן פאָרויס.

— אים איז גוט, ער איז שוין ביי דער מעטע. מיר וועלן ערשט אָנהייבן דעם לויף.

פּלוצעם האָבן זיי באַמערקט די קאַלינאָווסקאַ. וואַצעק האָט אַ געשריי געטאָן:

— וואָס טוט איר דאָרט?

— גאָרנישט.

— איר הערט זיך אונטער?

— צו וואָס?

— דאָס ווייס איך נישט — האָט וואַצעק אַ ברום געטאָן.

— אַלע, צום טייוול, הערן זיך אונטער — האָט פראַנעק צו־געגעבן מיט כעס.

— איך האָב זיך אָפּגערוט — האָט די קאַלינאָווסקאַ געזאָגט.

— איר וועט שוין האָבן רו — האָט וואַצעק אַ זאָג געטאָן.
— מיט אייך, מיינע הערן, איז געווען רואיק.
— נישטאָ קיין הערן, פּאַני קאַלינאָווסקאַ. נישטאָ! שלום!
— שטיל! פּלוידער נישט — האָט וואַצעק געזאָגט. — די צייט פליט.

— יעדער וועט גיין אין זיין זייט, יעדער, פּאַני קאַלינאָוו־סקאַ — האָט וואַצעק געזאָגט. — ער האָט אויפגעהויבן די וואַליז־קע און זיך אויסגעגלייכט.

— אָדער מען וועט פירן, איר פאַרשטייט, מען וועט פירן — האָט דורכגעזייעט פּראַנעק.

— קראַקע נישט, קראַקע נישט, נעם!

קאַלינאָווסקאַ איז געגאַנגען פאָרויס און זיי ברייט צעעפנט די טיר אויף דער וועראַנדע. עס איז צוגעפאַלן דער אָוונט, ביידע שותפים זענען געגאַנגען אין שאָטן פון וועלדל. קאַלינאָווסקאַ האָט זיי באַגלייט מיטן בליק. און ווען זי האָט זיך אויסגעדרייט האָט זי דערזען די טשאַסקאָווע. צום ערשטן מאָל נאָך אַזוי פיל טעג האָט זי זיך דערוועגט אַרויסצוגיין פאַר דער שטוב: זי איז גע־שטאַנען אומבאַוועגלעך אין שאָטן און, נישט אַרויסלאָזנדיק די קליאַמקע פון דער האַנט, זיך צוגעקוקט דער שווייגנדיקער קאַלי־נאָווסקאַ. זיי האָבן זיך כמעט גלייכצייטיק אויסגעדרייט און פאַר־שוווּנדן אין די הייזער. קאַלינאָווסקאַ האָט פאַרמאַכט די לאָדנס, קלעפּפיש איז אַרויסגעגאַנגען פון קעלער און געבליבן זיצן אין דער פינצטערער קיך.

* *
*

עס איז אָנגעקומען דער ווינטער. אין פריען בין־השמשות איז ער אַרויסגעגאַנגען פון קעלער און טאַפּנדיק זיך געלאָזט צום פיר־הויז, ווו ער האָט געפונען די שפּאַרע צווישן די ברעטער. הינטערן הויז, אין שמאָלן אויסשניט האָט זיך געפונען די אומפאַרשטערנד־לעכע וועלט. אַן איינגעפּאַסטע אין ווייסקייט פון שניי, ווי אַ כשוף־לענגטע, וואָס ציט צו צו זיך דעם בליק. די אויגן פון קלעפּפישן זענען געווען פאַרמאַטערטע. פון צייט צו צייט האָט זיך הינטערן

הויז באַוויזן דער הונט, אָבער איצט האָט דער אָנזיכט פון דער דאָזיקער חיה אים נישט פאַרשאַפט קיין שום פרייד. ער האָט אים באַגלייט מיט אַ לאַנגוויילן און שלעפעריקן בליק, רוּאיק אָבסערווירט און אים נישט מקנא געווען מער זיין פרייהייט.

אין שטוב האָט געהערשט אַ שטילקייט. קאַלינאָווסקאַ האָט זיך אומגעקערט אין אָוונט, אונטערגעצונדן אין קיך, פאַרמאַכט די לאָדנס, דערנאָך אַ קוק געטאָן אין קעלער: אינעם פירעק האָט זי דערזען אַן אַלטן מענטשן, וועלכער איז געשטאַנען ביי די טרעפ מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און שווייגנדיק זי אָנגעקוקט מיט אַ קאָנצענטרירטן און ערנסטן בליק.

זי האָט שוין געוווּסט, אַז ער וועט נישט. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צו דער עפענונג, האַלטנדיק די הענט פאַר זיך אָנגעשפּאַרט אויף די הילצערנע טרעפ און געוואַרט. ער האָט געוואַרט ביז קאַלינאָווסקאַ וועט אָנהייבן רעדן. זי האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט זיך אָנשלאָגן מיטן קאָפּ אין ברעט, אָבער ער איז אַרויסגעגאַנגען פון קעלער אין אַבסאָלוטער שטילקייט און זיך גלייך אַוועקגעזעצט אויף דער פאָדלאָגע מיט די פיס אַראָפּגעלאָזט אין דער עפענונג. זי האָט אים צוגערוקט דאָס עסן צו די הענט, וועלכע ער האָט געהאַלטן אויף די קני. דערנאָך האָט ער, זיצנדיק אומבאַוועגלעך, געוואַרט ביז די קאַלינאָווסקאַ וועט צונעמען פון זיינע הענט דעם ליידיקן טעלער. דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אָן ווערטער. זי האָט נישט געוואָלט ער זאָל טראַכטן, אַז זי ווייסט וועגן זיין אַנטוויקלענדיקן זיך מוט.

— וואָס הערט זיך, פאַני קאַלינאָווסקאַ? — האָט ער געפרעגט מיט אַ לאַנגווייליקער שטים.

— שוין נישט לאַנג.

— וואָס זאָגן מענטשן?

— טאָקע דאָס, אַז נישט לאַנג.

— צי האָט איר געזען ווילעצקין?

— געזען.

— און ער האָט אייך גאָרנישט געגעבן פאַר מיר.

— גאָרנישט.

— איך וואָלט גערן עפּעס איבערגעלייענט.

— ליידער האָט ער מיר גאָרנישט געגעבן.

— פאַרוואָס?

— איך ווייס נישט. זעט אויס, אַז ער האָט נישט.

זי האָט נישט געזאָגט דעם אמת. וויפֿל עצקין האָט זי דער־ציילט, אַז קלעפּפּיש זעט נישט. איצט האָט זי אים איבערגעגעבן די נייעסן, וועלכע זי האָט זיך אָנגעהערט אין משך פון טאָג, אויס־געראָכנט די ערטער, וועלכע דאָס סאָוויעטישע מיליטער האָט דעראָבערט אין שווערע קאַמפן. קלעפּפּיש האָט זיי איבערגעחזרט מיט אַ לאַנגווייליקער שטים. דער אַלטער איז געווען באַהערשט דורך אַ פולשטענדיקער אַפּאַטיע. שפּעטער האָט ער זיך בכלל אויפגעהערט נאָכצופרעגן אויף נייעסן, מערסטנטייל געשוויגן, ווי ער זאָל זיך וועלן אָפּצוימען מיט שטילקייט פון יעדן שמועס. דאָך האָט ער איינמאָל אין אַ געווויסן טאָג געזאָגט:

— מען דאַרף טראַכטן וועגן דעם, אַז איר זאָלט קיין דאגות נישט האָבן.

— איר ווייסט, אַז פון דער צייט, וואָס די פאָלקסדייטשן האָבן דאָ געוווינט, האָב איך קיין שום דאגות נישט.

— איך וועל אינגיכן שטאַרבן — האָט ער געזאָגט — וועט איר האָבן אַ קלאָפּאָט.

— איר טאָרט אַזוי נישט רעדן.

— אויב איך וועל שטאַרבן דאָ — האָט ער איבערגעחזרט — וועט מען מיך דאַרפן באַגראָבן, און איר אַליין וועט זיך קיין עצה נישט געבן.

— הערט אויף!

— איך האָב אַלץ דורכגעטראַכט. אויב איך וועל שטאַרבן, וועט איר מוזן עמעצן רופן צו הילף.

— איר וועט נישט שטאַרבן!

— צו וואָס דאָס קינדערשע רעדן? — האָט ער איר איבער־געריסן — איר וועט דאָך מיך נישט איבערלאָזן אין קעלער, דער קערפּער וועט זיך אָנהייבן פונאַנדערלייגן, איר וועט מיך מוזן באַ־גראָבן.

— איך בעט אייך...

— ס'איז ווינטער, די ערד איז פאַרפרוירן, איר אַליין וועט זיך קיין עצה נישט געבן. מען וועט דאַרפן אויסגראָבן אַ גרוב.

— הערט אויף!

— מען וועט דאָס דאַרפֿן טאָן בײנאַכט, קײנער זאָל נישט באַמערקן.

— נײן...

— איר וועט מוזן...

— איך וועל גאָרנישט נישט מוזן!

— איר וועט מוזן עמעצן בעטן, אפֿשר קאַליטאַן, אפֿשר עמעצן אַנדערש.

— איר מוזט לעבן!

— איך? — אַ װײלע האָט געהערשט אַ שטילשװײגן, דער־נאָך האָט ער געפֿרעגט — און צו וואָס?

— איר מוזט איבערלעבן די מלחמה!

— איך ווײס נישט צו וואָס. וואָס קען מיך אָפּהאַלטן פֿון שטאַרבן?

— רעדט נישט אַזוי.

— וועלכע האָפֿענונג? וועלכער ציל?

— איר דאַרפֿט אַזוי נישט טראַכטן.

— וועמ וועט צו מיר קומען? ווער וואַרט אויף מיר? אויף וועמען וואַרט איך?

— איר ווײסט נישט. איר קענט גאָרנישט ווײסן.

— איך ווײס שוין זײער גוט. צי ווײסט איר, וואָס איז דאָס ערגסטע?

— איך ווײס נישט.

— דאָס, וואָס איך קען זײן פֿאַרמשפּט אויף לעבן. קײנער, קײן שום לעבעדיקער מענטש, וועט נישט איבערלעבן אַזאַ פּײן, ווי איך.

— דאָס איז נישט אמת.

— איך אײנער וועל איבערלעבן, איר פֿאַרשטײט, איך אײ־נער. איך וועל זײן דער, וואָס קומט און טרעפֿט נישט קײנעם. איך וועל אַרײנקומען אין הײזער, אין וועלכע ס'איז נישטאָ קײנער, קײנער, קײן לעבעדיקער נפֿש. איך וועל פֿרעגן: ווו איז שאַפּיראָ? מעלזאַק? טעלנער? שײנהערץ? מאַלץ? גוטמאַן? הירשבערג? — איך וועל פֿרעגן הונדערט מאָל, טויזנט מאָל, און

יעדעס מאָל וועט מיר אָפּענטפּערן אַ שטילשווייגן... פאַרוואָס דאַרף איך זי דערהערן? פאַרוואָס? ווייל איך האָב צופעליק גע־טראָפן צו אייער' הויז, אין וועלכן איך האָב איבערגעלעבט אזוי פיל צייט, אַזוי פיל צייט...

— אַגדערהאַלבן יאָר איז נישט קיין סך.

— איך וועל אַרויסגיין. איך דאַרף דאָ נישט שטאַרבן. איר וועט האָבן צרות.

— איר וועט נישט אַרויסגיין.

— אַ, ווייסט איר שוין?

— וועגן וואָס? — האָט זי געפרעגט מיט אַ ציטער אין דער שטים.

— אַז איך בין בלינד.

— איר זענט נישט בלינד.

— איר ווייסט, אַז איך בין שוין בלינד, איר ווייסט עס זיי־ער גוט. איר דאַרפט מיר העלפן. איך בעט אייך, פירט מיך ארויס ווייט פון שטוב, איך זאָל דאָרט קענען שטאַרבן.

— הערט אויף!

— פאַרוואָס?

—איר ווייסט, אַז איך וועל דאָס נישט טאָן. נישט דערויף האָבן מיר זיך געמאַטערט אַזוי פיל צייט.

— איך זע נישט קיין ווייטערדיקן ציל. דעמלט, ווען איך בין אַהער געקומען, האָב איך געמיינט, אַז איך וועל איבערלעבן. איצט איז דאָס לעבן מיר גלייכגילטיק.

— איר זענט אויסגעמאַטערט, אָבער דאָס וועט שנעל פאַריי־בער, די מלחמה גייט דאָך שוין צום סוף.

נאָך אַ רגע שווייגן האָט ער געפרעגט:

— צי איר האָט קיינמאָל נישט קיין טראַכט געטאָן דערפון, אַז איך וואָלט באַדאַרפט אַוועקגיין פונדאַנען?

— קיינמאָל נישט.

— מע וואָלט מיך געקענט דאָ געפינען.

— איך ווייס וועגן דעם פונקט אַזוי גוט, ווי איר.

— איך האָב קיינמאָל נישט געפרעגט, וואָס איר טראַכט.

— אָבער האָב איך געוואָלט וויסן, וואָס איר טראַכט.

— מען האָט וועגן דעם מסתמא נישט באַדאַרפט רעדן — האָט ער שעפּטשענדיק געענטפערט — עס וואָלט אייך איבער־געשראָקן.

*   *

*

פון צייט צו צייט האָט זיך באַוויזן קאַליטאַ, ער איז געגאַנ־גען דורכן הויף און געשריגן:

— באַסיו! באַסיו!

דער שנײַ האָט געדעמפּט זיינע טריט. טיילמאָל האָט ער זיך פאַרהאַלטן ביים ברונעם, אַ הויב געטאָן דעם אייזערנעם אָרעם און אַראָפּגעלאָזט מיט רעש. דאָס אייזן האָט טויב אַ קרעכץ גע־טאָן. ער האָט דער קאַלינאָווסקאַ געגעבן צייט צו ברענגען אין אָרדענונג די שטוב. אויף דער וועראַנדע איז ער אַרויפגעגאַנגען טומלענדיק. מיט אַ הוסט. די קאַלינאָווסקאַ איז אים אייליק אַרויס־געגאַנגען אַנטקעגן. קלעפּפּיש האָט געהערט זיינע טריט, זיין שטים. קאַליטאַ האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגן דעם געזונט פון דער קאַלי־נאָווסקאַ, ער האָט געוואָלט וויסן וואָס עס הערט זיך, צי זי איז רואיק, צי איז קיינער נישט געקומען, ווי עס פירט זיך אויף משאַסקאָווע. ווען די קאַלינאָווסקאַ האָט אים דערציילט, אַז די משאַסקאָווא האָט זיך בארואיקט, האָט זיך אין זיינע רייד דערהערט אַ נאָטקע פון זעלבסטבארימערישקייט, ווי ער זאָל וואַרטן אויף לויב פון זיין איינפאַל מיט די פאָלקסדייטשן.

קלעפּפּיש איז געזעסן אויף די טרעפּ, האַלטנדיק דעם קאָפּ נאָענט פון דעקל.

— איך מיין, אַז מיר האָבן דעם ענין געבראַכט אין אָרדע־נונג — האָט קאַליטאַ געזאָגט.

קאַלינאָווסקאַ האָט נישט געענטפערט.

— איך האָב יידן גוט געקענט — האָט געזאָגט קאַליטאַ.

די קאַלינאָווסקאַ האָט אַלץ געשוויגן.

— איר האָט געקענט מיגדאַלן?

— דער פון דער פאַרב?

— יאָ.

— דאָס איז געווען מיינער אַ פֿריינד.

— איך האָב נישט געוווסט — האָט געזאָגט די קאַלינאָווסקאַ.

— ער און ליבערמאַן זענען געווען מיינע פֿריינד — האָט ער צוגעגעבן.

— איר רעדט וועגן ליבערמאַנען, דעם איידעם פֿון מיגדאַלן?

—יאָ, מיגדאַל און ליבערמאַן האָבן געהאַט בשותּפֿות דאָס געשעפֿט.

— איך האָב זיי ביידע געקענט פֿון זען.

— איר האָט צייט, פּאַני קאַלינאָווסקאַ? — און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפֿער האָט ער צוגעגעבן: — איך וועל אייך דערציילן אַ טשעקאַווע פֿאַל.

— איך האָב צייט.

— ווי איר ווייסט, איז ליבערמאַן געווען דער איידעם פֿון מיגדאַלן, אָבער מיגדאַל האָט זיך נישט זייער פֿאַרנומען מיטן געשעפֿט און אַלץ אָנפֿאַרטרויט דעם איידעם. מיגדאַל איז אַרומגעפֿאָרן איבער די פֿאַבריקן, געמאַכט באַשטעלונגען און מיטן מאַגאַזין האָט אָנגעפֿירט ליבערמאַן. ער איז געזעסן אין קראָם פֿון פֿרי ביז שפּעט אין אָוונט, זיך אויסגעגעסן דאָס האַרץ מיט די קונים, געוויגן, געציילט, פֿאַרנומען זיך מיטן טראַנספּאָרט, קאָנטראָלירט, געהאַלטן די שליסלען, אָפּגענומען און אַרויסגעגעבן די סחורה, גערעדט מיט מענטשן און איינקאַסירט די געלטער. אַזוי האָט זיך געפֿירט לאַנגע יאָרן. ביז איינמאָל האָט ליבערמאַן אָנגעקלאָגט זיין שווער אין געריכט. ס'האָט זיך געמאַכט אַ טומל, אַ רעש. פֿאַרוואָס? צוליב וואָס? נאָך אַכט יאָר פֿירן אַ געשעפֿט בשותּפֿות גייען לייבלעכע קרובים זיך משפּטן? מיגדאַל האָט עס נישט געקענט באַנעמען, אַז זיין אייגענער איידעם זאָל אַריינטראָגן קעגן אים אַן אָנקלאַגע. ליבערמאַן האָט געפֿאָדערט באַצאָלט פֿאַר די איבער־שעהן, פֿאַר אורלויבן און אויסגעשטעלט דעם שווער אַ רעכענונג, וועלכער האָט אויסגעמאַכט עטלעכע טויזנט זלאָטעס. זיין תּביעה האָט ער מאָטיווירט דערמיט, וואָס ער האָט אַ סך געאַרבעט: פֿון גאַנצפֿרי ביז ביינאַכט אויסגעזעסן אין מאַגאַזין, אין ביוראָ. ער האָט דערויף געהאַט עדות.

— איך האָב דיר נישט געהייסן! — האָט מיגדאַל געשריגן.

— דו האָסט יאָ געהייסן — האָט דער איידעם געענטפערט — ווען דו וואָלסט נישט געהייסן, וואָלט איך דאָך נישט געזעסן טאָג און נאַכט.

— אַזאַ געהאַרכזאַמער ביסטו! — האָט זיך דער שווער געקאָכט.

— יאָ — האָט ליבערמאַן געענטפערט.

— אויב אַזוי, באַפעל איך דיר, זאָלסט זיך צוריקציען פון דער אָנקלאַגע.

— גוט — האָט דער איידעם געזאָגט — איך וועל נישט אָנקלאָגן אין געריכט. קום צום רב.

— צום רב? — וווּנדערט זיך מיגדאַל.

— יאָ, צום רב — חזרט איבער ליבערמאַן.

— פאַרוואָס צום רב? — פרעגט דער שווער.

— מיר קענען גיין צום געריכט.

— טאָ קום צום רב. צו וועלכן? — פרעגט מיגדאַל און וואַרט אויף אַן ענטפער.

— איך בין מסכים אויף יעדן — ענטפערט ליבערמאַן — זאָל דער שווער אויסקלויבן.

— גוט, איך קלייב אוים רב ירחמיאלן פון נאַזשיקס שול אויף טוואַרדע.

— מסכים — ענטפערט ליבערמאַן. — איך וועל שטעלן אַן עדות.

— צו וואָס אַן עדות? — וויל מיגדאַל וויסן.

— ער זאָל עדות זאָגן, אַז איך זאָג דעם אמת.

— ווער איז דיין עדות?

— דער פאַן קאַליטאַ.

— איך בין דערביי געווען — האָט פאַרגעזעצט קאַליטאַ זיין געשיכטע. — מיגדאַל האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר און געזאָגט:

— פאַן קאַליטאַ? גוט, זאָל זיין פאַן קאַליטאַ, ער איז אַן אָרנטלעכער מענטש. נאָר דו זאָג מיר, וואָס וועט פאַן קאַליטאַ דאַרפן עדות זאָגן.

— אַז ער האָט מיך געזען אין די אָוונטן שטענדיק אַ פאַר־נומענעם אין געשעפט.

— גוט — זאָגט מיגדאַל — דאָס דאַרף דער קאַליטאַ עדות זאָגן פאַר דיר, און פאַר מיר וואָס?

— פאַרן שווער דאַרף ער עדות זאָגן דעם אמת, דאָס הייסט, ער דאַרף זאָגן ווי ס'איז געווען.

מיר זענען אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע. די רבנישע דין־תורה איז פאָרגעקומען עפּעס אין אַ צימער ביי דער סינאַגאָגע, וואָס מען האָט זי גערופן די נאָזשיק־שול, אויף דער טוואַרדע־גאַס. ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך בין אַריבערגעטראָטן די שוועל פון אַ יידישן טעמפּל. איך האָב זיך נישט געקאָנט צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז דאָס איז מיט מיר פאָרגעקומען. איך וואָלט נישט געקאָנט זאָגן אויף זיכער, אַז איך בין דאָרט געווען: יעדער זשעסט האָט זיך מיר אויסגעוויזן פרעמד, געהיימניספול און פילבאַדייטנדיק. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך הייב אָן פאַרשטיין זייער אָפּגעזונדערטקייט, וועלכע איז אַזוי פלייסיק איינגעהיט געוואָרן דורך זיי אַליין און דורך אונדז. איך האָב אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז מיר אַלע, זיי און מיר, טראָגן די שולד, וואָס מיר האָבן זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דער מלחמה, וועלכע דויערט שוין צווישן אונדז יאָרהונדערטער.

עס איז אַריינגעקומען דער רב, אַן אַלטער, אַ דאַרער, אַן אויסגעטריקנטער, אָבער זיין גאַנג איז געווען אַ פלינקער, אַן ענערגישער. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ פוטערנעם הוט, פון אונטער וועלכן עס האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר שוואַרצע, דורכדרינגלעכע אויגן. איך האָב אַ טראַכט געטאָן: ער לייענט איבער יעדנס מחשבה. דורכגייענדיק האָט ער זיך באַגריסט מיט די אָנוועזנדיקע, אין אַ געוויסן מאָמענט האָב איך אויף איין סעקונדע דערפילט אין מיין דלאָניע איין פינגער פון זיין דאַרער, קאַלטער האַנט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש. ערשט איצט, ווען איך האָב זיך צו אים צוגעקוקט פון דער נאָענט, האָב איך באַמערקט, אַז ער איז זייער אַלט, ער האָט זיכער געהאַט אַ יאָר זיבעציק. ער איז געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן, אַ דאַרער, אַ גראָער. איך האָב זיך צוגעהערט צו די אויספירן פון ביידע צדדים, פון רבס שווייגן האָב איך גאָרנישט געקאָנט דרינגען. ליבערמאַן און מיגדאַל האָבן אויסגעלייגט זייערע טענות, דער רב האָט זיי נישט געשטערט. אין א געוויסן

מאַמענט האָט ער, נישט אויפהייבנדיק די אויגן, אַ פרעג געטאָן:

— עס זענען פאַראַן עדות?

ליבערמאַן און מיגדאַל האָבן אָנגעוויזן אויף מיר און גלייכצייטיק געענטפערט:

— יאָ.

דערנאָך האָבן ווידער גענומען אַ וואָרט ביידע צדדים. איך האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען. איך געדענק, אַז נאָך אַ געוויסער צייט האָט ליבערמאַן ווי פאַרלוירן דעם אימפּעט, דאַקעגן האָט מיגדאַל זיך אָנגענומען מיט מער פייער. איך האָב געוואַרט, ביזוואַנען מען וועט מיר דערלויבן צו זאָגן, וואָס איך ווייס וועגן דעם ענין, אָבער דער רב איז אַלץ געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן און געהערט. ווען ביידע צדדים האָבן פאַרענדיקט זייערע טענות, האָט דער רב געפרעגט:

— וואָס איז געווען ליבערמאַן אין מאַגאַזין?

— דער שטעלפאַרטרעטער — האָט געענטפערט ליבערמאַן.

— איך פרעג מיגדאַלן — האָט דער רב געזאָגט, נישט אויפעפענענדיק די אויגן.

— דער שטעלפאַרטרעטער — האָט געזאָגט מיגדאַל.

— די קאַסע איז געווען אין זיין רשות? — האָט געפרעגט דער רב.

— אין זיין רשות — האָט געענטפערט מיגדאַל.

— די סחורה איז געווען אונטער זיין אויפזיכט? — האָט געפרעגט דער רב.

— יאָ — האָט געענטפערט מיגדאַל.

— און די שליסלען פון די סקלאַדעס האָט ער געהאַט?

— יאָ.

— און פון דער קאַסע האָט אויך ער געהאַט?

— אויך — האָט געענטפערט מיגדאַל.

— יאָ — האָט באַשטעטיקט ליבערמאַן.

— איך וועל אַרויסגיין זיך מישב זיין — האָט געזאָגט דער רב.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, אין דער נאָענט איז קיינער נישט געווען. מיט וועמען וועט ער זיך מישב זיין? — האָב איך אַ טראַכט געטאָן. אין דעם מאָמענט האָט מיגדאַל אויסגערופן:

— און דער עדות? — און ער האָט אָנגעוויזן אויף מיר. — ס'איז דאָך נאָך פֿאַראַן אַן עדות! — אין זיין שטים האָט זיך געהערט פֿאַרצווייפֿלונג.

— נישט נייטיק — האָט דער רב רואיק אָפּגעענטפֿערט.

ער איז אויפֿגעשטאַנען פֿון פֿאָטעל און אַריינגעגאַנגען אין שכנותדיקן צימער. איך האָב נישט געקאָנט פֿאַרשטיין וואָס דאָ קומט פֿאָר. מען האָט מיך געבראַכט אַהער איך זאָל עדות זאָגן, אָבער דאָס געריכט, וואָס באַשטייט פֿון איין פּערזאָן, אורטיילט אַליין, דעצידירט, באַגרענעצט זיין טעטיקייט צו אַ שטומען אויסהערן, שטעלט בלויז אַ פּאָר פֿראַגן, רעזיגנירט פֿון באַשטעטיקן זייער אמתדיקייט, נעמט זיי אָן ווי באַשיינפּערלעכע... דער מענטש האָט שוין באַוויזן אַלץ צו פֿארשטיין און אורטיילן. דעמלט האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז דער סכסוך צווישן מיגדאַלן און ליבערמאַנען וועט נישט זיין פֿאַרענדיקט, אַז ער וועט זיך ערשט אָנהייבן, וועט זיך ווייטער אַנטוויקלען אין געשרייען, קריגערייען און מחלוקתן. אין אַ פֿינף מינוט אַרום איז דער רב צוריקגעקומען און פֿאַרנומען זיין אָרט ביים טיש. די אויגן זענען ביי אים געווען פֿאַרמאַכט. דער פֿיטערנער הוט האָט זיך אויסגעדאַכט בייגט איין זיין שוואַכן אַלטן גוף אויף פֿאָרויס.

— עס קומט ליבערמאַנען דער סכום געלט — האָט דער רב געזאָגט מיט אַ דייטלעכער שטים.

מיגדאַל האָט אויסגערופֿן:

— וואָס הייסט?

— וויפֿל יאָר האָסטו אים אָנפֿאַרטרויט די סחורה, די מאַגאַזינען, די שליסלען, די קאַסע? — האָט דער רב געפֿרעגט.

— אַכט יאָר — האָט מיגדאַל געענטפֿערט.

— אויב דו האָסט אים געגלויבט אין משך פֿון אַכט יאָר, פֿאַרוואָס זאָל איך אים נישט גלויבן?

— איך קען אַזאַ סומע נישט באַצאָלן! — האָט אויסגעשריגן מיגדאַל.

— דאָס איז שוין אַ צווייטער ענין — האָט דער רב אָפּגעענטפֿערט גוטמוטיק און איז אויפֿגעשטאַנען — קומט דורך צווישן זיך. — און ער איז אַרויסגעגאַנגען.

אין דער הייך איז געוואָרן שטיל. קלעפּפּיש איז געזעסן מיט די הענט אָנגעשפּאַרט אויף די קני. עס האָט אים ווי געטאָן דער קאַרק צוליבן האַלטן די גאַנצע צייט דעם קאָפּ איבערגעבויגן.

— זיי האָבן געפּאָלגט דעם רבֿ? — האָט געפּרעגט די קאַלי־נאָווסקאַ.

— איך וואָלט געוואָלט טרעפן דעם ליבערמאַנען — האָט קאַליטאַ געזאָגט.

— און וווּ איז ער?

— וואַרשיינלעך האָט ער זיך אָפּגעראַטעוועט, ער זאָל זיך האָבן ערגעץ אויסבאַהאַלטן.

— וווּ?

— ווען איך זאָל וויסן! איך האָב געטראַכט... — קאַליטאַ האָט איבערגעריסן אין מיטן פון זאַץ.

— וואָס האָסט איר געטראַכט? — האָט קאַלינאָווסקאַ שטרענג אַ פרעג געטאָן.

— איך האָב געהערט, אַז ערגעץ נאָענט באַהאַלט זיך אויס עפּעס אַ ייִד, איך האָב געטראַכט, אַז דאָס איז ליבערמאַן.

— מעגלעך, נאָר וואָס קען איך אייך זאָגן וועגן ליבערמאַנען?

— איר פאַרשטייט, ליבערמאַן האָט געקענט האָבן אַ שאַנס. מיגדאַל איז שוין געווען אַלט, ער וואָלט נישט אויסגעהאַלטן.

— וואָס?

— נו, לאָמיר זאָגן — האָט קאַליטאַ פּאַמעלעך געצויגן — ווען ער זאָל זיך דאַרפן אויסבאַהאַלטן ערגעץ אין אַ קעלער אין דער פינצטערניש.

— צו וואָס רעדן וועגן אַזעלכע ענינים, פּאַניע קאַליטאַ? וואָס ווען מיר דערפון האָבן.

— איר האָט רעכט, לאָמיר דערפון נישט רעדן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט קלעפּפּיש געהערט, ווי קאַליטאַ גייט דורך די קיך, זײַנע טריט האָבן זיך דערטראָגן פון דער וועראַנדע, און די קאַלינאָווסקאַ איז אַרײַנגעגאַנגען אין איר צימער.

* *
*

ווען די ווייטע הילכן האָבן, קוילערנדיק זיך אונטער דער ערד, דערגרייכט אַזש ביז צו אים, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז זיי ווערן באַגלייט פֿון פֿייערדיקע אויפֿבליצן. דאָס האָט שוין געדויערט לאַנגע וואָכן, פֿון סאַמע פֿרילינג. אין איינער אַ נאַכט האָט ער דערהערט ווי עמעצער גייט איבערן זשוויר און דרייט זיך אַרום דער שטוב. ער האָט זיך איינגעהאָרכט און נישט געקאָנט פֿאַרשטיין פֿונוואַנען עס נעמען זיך די ווידערקולות, דאָס האָט אים אויך נישט געקאָנט געבן צו פֿארשטיין קאַלינאָווסקא, צו וועלכער ער פֿלעגט צושטיין מיט זיינע שילדערונגען פֿון די קלאַנגען, וועלכע הערן זיך ביינאַכט.

„דאָס זענען געהער־האַלוצינאַציעס“ — האָט געטראַכט די קאַלינאָווסקאַ און זיך פֿאַרהאַלטן אויף אַ ווײַלע אין מיטן גאַנג, כדי אויפֿצוכאַפּן דעם קלאַנג, פֿון וועלכן ער האָט גראָד גערעדט.

— איצט, איצט, הערט! — צו מיר איז דערגאַנגען אַ ווייטער אָפּהילך, ווי אַ גליקלעכע באַשטעטיקונג פֿון דעם, וואָס ער האָט באַגערט.

זי האָט אָנגעשטרענגט דעם געהער. אין דער פֿינצטערניש, נישט זעענדיק זיין געזיכט, האָט די קאַלינאָווסקאַ געזאָגט:

— איר זענט זיך טועה. עס איז פֿולקאָם שטיל.

אָבער די ערד אין קעלער איז געווען צעוויגט פֿון ווייטע גערויש. איינגעטוליעט אין פֿוטער און מיט דער פֿינצטערניש באַהאָפֿטן דורך די אויסטערלישע קולות, ענלעכע צו ווייטע דונערן, האָט ער זיך איינגעהאָרכט, געוואַרט. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער האָט אויסצופֿירן עפּעס אַ זייער וויכטיקע און דרינגענדיקע אויפֿגאַבע, פֿון וועלכער ער קען זיך נישט אָפּזאָגן אפֿילו ווען קאַלינאָווסקאַ האַלט, אַז אַרום הערשט אַ טויטע שטילקייט.

ער האָט זיך ווייטער אַרויסגעשלייכט אין פֿירהויז: אין שפּאַרע צווישן די ברעטער האָט שימערירט גרינס. דאָס איז געווען אַ צוגאָבלעכער אויסגעזונדערטער קאָליר, וועלכער האָט געוואַנדערט, באַוועגנדיק זיך אַמאָל דאָ און אַמאָל דאָרט. שפּעטער האָט ער דעם דאָזיקן קאָליר געזען אין דער פֿינצטערניש פֿון קעלער: עס איז בלויז גענוג געווען צו פֿאַרמאַכן די אויגן, אַז גלייך זאָל זיך באַווייזן אַ פֿייכטער גרינער פֿלעק, אַ באַוועגלעכער און צעשווומענער. זיין בליק האָט נישט באַוויזן אים נאָכצוגיין, אָבער ער האָט שוין

נישט געצווייפלט. עס מוז זיין פרילינג אין דרויסן. דורך דער שפּאַ־רע האָט געצויגן אַ פרישע שטראָמעלע לופט, וואָס האָט געשמעקט מיט פעלד, מיט וואַסער און הימל.

ער האָט דערנענטערט זיין פּנים צו דער שמאָלער עפענונג און אַריינגעאָטעמט די פרישע לופט.

די קאַלינאָווסקאַ האָט אַלץ אָפטער געבראַכט ידיעות, יעדער שמועס וועגן דער דעראָבערונג פון אַ נייער שטאָט האָט זיך פאַר־ענדיקט מיט די ווערטער:

— זייט פאָרזיכטיק, זייט נאָר פאָרזיכטיק.

— איך טו האָך גאָרנישט.

— איך ווייס, אָבער איר גייט אַרויס אין פירהויז.

— פונוואַנען ווייסט איר?

— איך דערקען.

—איך וואַרט, ביז עס ווערט טונקל.

— איר זעט דאָך סיי־ווי דעמלט גאָרנישט — זי האָט איבער־געריסן אין פאַרלוירנקייט, דערוואַרטנדיק פון בלינדן זקן אַן ענט־פער פול מיט ביטערניש. קלעפּפיש האָט געזאָגט:

— ס'איז פינצטער, ווען איך גיי אין פירהויז, און איך זע ווירקלעך זייער ווייניק, אָבער ווי שמעקט דאָרט... ווען איר זאָלט וויסן ווי דאָרט שמעקט... עס מוז שוין זיין זייער גרין. — אַזוי ווי די קאַלינאָווסקאַ האָט געשוויגן, האָט ער ווייטער גערעדט:

— דאָרט מוז שוין זיין זייער גרין, נישט אמת?

— יאָ.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער געפרעגט:

— צי וועל איך אַמאָל נאָך זען אַ לאָנקע?

— פאַרוואָס דען נישט?

— איר גלויבט אין דעם?

— זיכער!

— איר ווייסט, אַזאַ גרינע לאָנקע מיט גילדענע לייבנצאָן־בלימלעך.

— יאָ.

— אַזאַ לאָנקע שמעקט מיט פייכטקייט, דער פּוס זינקט אין צעווייקטער ערד און לאָזט איבער אַזאַ טיפן שפּור, אַ גריבל, וואָס פילט זיך אָן מאָמענטאַל מיט וואַסער. איר שטעלט זיך עס פאָר?

— דאָ זענען נישטאָ אַזעלכע פּייכטע לאָנקעס?

— איך ווייס. אָבער דורכשפּאַצירן זיך דורך אַזאַ זומפּ, וואָס?

— דאָס איז שיין.

— צוואַרטן ביז עס וועט טונקל ווערן און די זשאַבעס וועלן זיך צעקוואַקען.

— דאָ זענען נישטאָ קיין זשאַבעס.

— די לאָנקעס ביי דער ווייסל... ווען איך בין געווען אַ קליי־נער...

— דאָס איז שוין לאַנג צוריק.

— צי מיינט איר, אַז דאָס לאָזט זיך פאַרגעסן?

— צו וואָס פאַרגעסן?

— איר ווייסט, אַז נאָך אַזאַ לאָנקע גייען אַלע בערג און טאָלן, וואָס אַ מענטש האָט ווען עס איז געזען? גייען אַלע גאַסן פון ווארשע, אָקאָפּאָווע, מילע, ניסקע, גענשע, דזשעלנע — אַלע מענטשן פון די גאַסן. דער מענטש גנבעט זיך אַריין אין זיין אייגן לעבן. ער האָט מורא, שרעקט זיך, ווייסנדיק, אַז ער וועט דאָרט דערזען שרעקלעכע זאַכן, דאָך ציט ער זיך נישט צוריק.

— איך קען דאָס. אָבער צו וואָס דערמאָנען?

— וועגן וואָס דען טראַכטן?

— וואָס ווייס איך? זאָל זיך נאָר די מלחמה ענדיקן, דאָס איז דאָס וויכטיקסטע.

— איר ווייסט, פאַרוואָס איך רעד וועגן אַזאַ לאָנקע?

— ניין.

— ווייל איך הער, אַז די מלחמה גייט צום סוף. איר האָט מיר נישט געוואָלט גלויבן, אָבער איך הער, אַז ד אָ ס איז שוין אַלץ נעענטער. ביינאַכט קאָן מען דאָס שוין הערן זייער דייטלעך.

— זייט פאָרזיכטיק, זייט נאָר פאָרזיכטיק. איך האָב די גאַנ־צע צייט זיך אַזוי נישט געשראָקן, ווי איצט.

נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט ער געפרעגט:

— צי קענט איר זיך פאָרשטעלן, וואָס איך וועל טאָן נאָך דער מלחמה?

— ניין.

— איך אויך נישט. פריער, איידער עס זענען צו מיר דער־גאַנגען די דאָזיקע אָפּהילכן, האָב איך וועגן דעם נישט געטראַכט, אָבער איצט...

— אפשר וועלן די קינדער צוריקקומען?

— איך רעדט וועגן די, וועלכע זענען געווען אין ראַטנפּאַר־באַנד?

קאַלינאָווסקאַ האָט געשוויגן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער געזאָגט:

— ווי מיינט איר, ס'איז מעגלעך, אַז מיין חוה זאָל זיך האָבן אָפּגעראַטעוועט אין וואַרשעווער געטאָ?

— מעגלעך.

— אויף אַן אמת?

— דאָס איז דאָך נישט אויסגעשלאָסן. אַלץ איז מעגלעך.

— ריכטיק. האָב איך דאָך זיך אויך אָפּגעראַטעוועט.

* *

*

ער האָט נישט געוווּסט וואָס פאַר אַ שעה עס איז, אין שטוב איז געווען שטיל, ווען אויף דער וועראַנדע האָבן זיך דערהערט שנעלע טריט. די קאַלינאָווסקאַ איז געווען אַרויסגעגאַנגען פון שטוב נאָך גאַנצפרי, די טיר און די פענצטער זענען געווען פאַרמאַכט. ווען די טריט האָבן אויפגעהערט, האָט ער דערהערט אַ קלאַפּ און אַ רופן.

— פּאַני קאַלינאָווסקאַ, פּאַני קאַלינאָווסקאַ!

דאָס איז געווען אַ מענלעכע שטים, צוערשט האָט ער זי נישט דערקענט, ערשט אין אַ ווײַלע אַרום, ווען דער אָנגעקומענער האָט דייטלעך אויסגערופן: באַסיו! באַסיו!, האָט ער דערקענט די שטים פון קאַליטאַ. ער האָט געהערט ווי קאַליטאַ האָט זיך געדרייט אַרום דער שטוב, זיינע געדעמפּטע טריט אין גראָז, דערנאָך איז אַלץ געוואָרן שטיל.

ער איז געזעסן אין ווינקל פון קעלער באַהערשט פון שלעכטע פאָרגעפילן, ער האָט נישט געוווּסט, וואָס עס קאָן באַדייטן דאָס היינטיקע קלאַפּן אין טיר, דאָס הויכע רופן, דער מאַנגל אין פאַר־זיכטיקייט. „ס'איז געשען עפּעס שלעכטס — האָט ער געטראַכט —

איך בין נישט געווען גענוג פּאַרזיכטיק. און די פרייהייט איז שוין געווען אַזוי נאָענט... ערשט נעכטן האָט די קאַליגאָווסקאַ געזאָגט, אַז אָט־אָט וועלן די דייטשן זיך אָפּטראָגן פון שטאָט".

— זיי וועלן אַוועק און דערנאָך ווידער קומען — האָט ער איר געזאָגט.

— זיי וועלן שוין צוריק נישט קומען, פּאַניע קלעפּפּיש, זיי וועלן שוין נישט קומען. מע דאַרף זיך צוגעוווינען צו דעם געדאַנק וועגן פרייהייט.

אין גאַנג פון שמועס האָט ער אַרויסגעוויזן אומגעדולד. נאָכ־געפרעגט זיך אָן אויפהער וועגן איינע און די זעלבע פּרטים, איי־בערגעחזרט די זעלבע פראַגן, ווי ער זאָל וועלן זיך אַליין איבער־צייגן אין אמת פון די סברות און השערות. די קאַליגאָווסקאַ האָט זיך באַמיט צו באַפּעסטיקן אין אים אַלץ, אים אָפּגעגעבן רעכט. ער האָט געפּרוווט איר אונטערקומען פון דער זייט, איבערדרייען דעם גאַנצן שמועס, אַרויסרוקן ספקות, השדים און אָנווייזן אויף דעם מאַנגל פון קאָנסעקווענץ אין דעם אַלעמען, וואָס ער האָט פריער געזאָגט. ער האָט געוואַרט אויף איר קעגנשטעלן זיך, אָבער קאַ־ליגאָווסקאַ האָט זיך נישט קעגנגעשטעלט. „זי האָט אַקצעפּטירט אַלץ, איר איז געווען גלייכגילטיק, וואָס פאַר אַ ווענדונג עס וועט אָננעמען דער גאַנצער ענין. זי האָט באַשטעטיקט דאָס, וואָס האָט מיט אַ רגע פריער אָפּגעלייקנט מיינע פריערדיקע רייד".

צודרינגלעך און מיט היץ האָט ער געפּאָדערט דערקלערונגען, אויף וואָס פאַר אַ סמך שטעלט זי פעסט, אַז מאָרגן וועט ער זיין פריי. זי האָט אים אויפגעקלערט מיט אַ רואיקער און באַהערשטער שטים, אַז אַזאַ איז די אַלגעמיינע מיינונג. קיין דייטשן זענען שוין פּאַקטיש נישטאָ, די אַמטן שטייען פּוסט...

— טאָ פאַרוואָס האָט איר פריער נישט אָפּגעלייקנט, ווען איך האָב געזאָגט, אַז דאָס אַלץ איז נאָך נישט זיכער?

זי האָט געענטפערט נאָך אַ ווײַלע נאָכטראַכטן:

— ווייל איך בין שוין מיד.

— און פונוואַנען וועל איך דאָס וויסן אויף זיכער?

— איר וועט שוין וויסן. איך פאַרזיכער אייך, איר קענט דרייסט אַרויסגיין פון קעלער.

— ניין!

— איך פאַרזיכער אייך, אַז קיין שום שלעכטס וועט אייך נישט געשען.

— איך וועל נאָך בלייבן.

— איר קענט בלייבן, אָבער ס'איז נישט נייטיק.

— איך מוז האָבן באַווייזן.

— פונוואַנען זאָל איך זיי נעמען? איר מוזט מיר גלויבן.

— איך גלויב, אָבער וואָס וועט זיין, טאָמער וועלן יענע נאָך צוריקקומען? איך וועל דאָך דעמלט קיין באַהעלטעניש שוין נישט האָבן. גיט נאָר אַ טראַכט. אַלע וועלן זען, אַז איך בין פונדאַנען אַרויסגעגאַנגען, פון דעם הויז.

— גוט, וואַרט נאָר צו.

איצט, ווען ער האָט דערהערט די שטים פון קאַליטאַן, האָט ער געטראַכט, ווי גוט ער האָט געטאָן, וואָס ער האָט נישט פאַרלאָזט דאָס באַהעלטעניש. גלייכצייטיק האָט ווידער אין אים דערוואַכט די שרעק. „קאַליטאַ איז געקומען צולויפן וואָרענען וועגן אַ דראָענדיקער געפאַר, און די קאַלינאָווסקאַ האָט אַזוי שטאַרק פאַרזיכערט, אַז ס'איז שוין נאָך אַלעמען... וואָס וואָלט געווען, ווען איך זאָל געווען פאָלגן און אַרויסגיין נעכטן פון דער באַהעלטעניש? דער מענטש איז קיינמאָל נישט גענוג פאָרזיכטיק“.

ס'איז שוין געווען זייער שפּעט, און קאַלינאָווסקאַ איז נאָך נישט צוריקגעקומען, די שטוב האָט אויסגעזען ווי אָפּגעשטאָרבן. ער האָט לייכט אויפגעהויבן דאָס דעקל און פּעסטגעשטעלט, אַז אין קיך איז טונקל. דער טאָג האָט שוין געהאַלטן ביים אונטערגיין. „עס האָט געמוזט האָבן געשען עפּעס שרעקלעכס“. אַ פינצטערניש איז אים געשטאַנען פאַר די אויגן, און איר האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ בלאַסער אָפּשיין, וואָס איז געגאַנגען פון פענצטער.

ביינאַכט האָבן זיך ווידער דערהערט אָפּהילכן פון האַרמאַטן, ער איז אַרויסגעגאַנגען פון קעלער און טאַפּנדיק, זיך דערשלעפּט צום פירהויז. איינבייגנדיק זיך, האָט ער אָפּגעפונען די שפּאַרע צווישן די ברעטער: עס האָט פאַרשמעקט מיט סאָסנע. ביי דער דאָזיקער שפּאַרע האָט ער זיך דערוואַרט דעם אָנקום פון טאָג: אין הילפלאָזער פאַרצווייפלונג, צום ערשטן מאָל נאָך צוויי יאָר, איז ער אין דעם הויז געבליבן איינער אַליין אין משך פון גאַנצן טאָג און גאַנצער נאַכט.

ער האָט זיך אויסגעגלייכט, גערירט פון אָרט און זיך אָנגעשטויסן אויף עפּעס. טאַפּנדיק מיט דער האַנט, האָט ער אָנגעטראָפן אויף דער לאָך אין וואַנט, אין וועלכער עס האָט אַמאָל געשטעקט דער האָק... אין פולער רעזיגנאַציע האָט ער געפירט מיט דער האַנט איבער דער וואַנט. אין דער שפּאַרע ביי דער פּאָדלאָגע האָט דאָס ליכט זיך איבערגערוקט אין דער הייך, דער טאָג איז אַלץ געוואָרן ליכטיקער און העלער. „עס איז געקומען מיין צייט“. אין דער פאַרמאַכטער וווינונג איז אָנגעשוואָלן די היץ, אַ ברעט האָט אַ סקריפּע געטאָן — ער האָט אויפגעציטערט. מיטאָג־צייט האָט אַ הייסע כוואַליע אַרומגענומען דאָס הויז. ס'איז קיינער נישט געווען.

* *
*

קאַלינאָווסקאַ איז שוין דעם צווייטן טאָג אין לאָקאַל פון דער שטאָט־קאָמענדאַנטור. באַהערשט פון אַפּאַטיע איז זי געזעסן אויף אַ שמוציקן קאַסטן, וועלכער איז געשטאַנען צווישן דער שאַפע און פאַרקראַטעוועטן פענצטער, ביי וועלכן עס האָבן אַמטירט זעלנער, וועלכע האָבן גערעדט פויליש און געווען אָנגעטאָן אין פוילישע מונדירן.

זי האָט געוואַרט.

אין אָנהייב איז זי געווען פאַרוווּנדערט, שפּעטער האָט זי פאַרשטאַנען, אַז ס'איז געשען אַ שרעקלעכע זאַך. די געפערלעכקייט פון איר שריט האָט זי באַנומען, ווען מען האָט איר דערקלערט, אַז זי ווערט באַשולדיקט אין פיינטלעכער טעטיקייט אין באַצוג צו דער פאָלקס־מלוכה, וועלכע איז געווענדט קעגן די אַלע, וועלכע באַטייליקן זיך אין דער מלחמה מיטן פאַשיסטישן אָקופּאַנט. דער אויפרוף פון פ.ק.וו.ג., וועלכן זי האָט נעכטן אַראָפּגעריסן פון פלויט, איז געלעגן אויפן שכנותדיקן טיש. אירע אויפקלערונגען, אַז זי האָט דעם אויפרוף אַראָפּגעריסן, כדי אים איבערצולייענען פאַר איינעם אַ מענטשן, וואָס באַהאַלט זיך אויס ביי איר אין שטוב, האָבן אויסגעזען בלאַס און נישט אמתדיק. מען האָט זיי אָפּגעשאַצט ווי אַ מיטל זיך אַרויסצודרייען נאָך

דעם, ווי איר שכנטע, טשאַסקאָווא, האָט דערקלערט, אַז זי האָט דעם אויפרוף אַראָפּגעריסן, ווייל זי איז אַ פאָלקס־דייטשקע. די טשאַסקאָווא איז געווען גרייט צו שווערן, אַז די קאַלינאָווסקאַ איז אַ פאָלקס־דייטשקע, ווייל אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע האָבן ביי איר אַ לענגערע צייט געוווינט צוויי פאָלקס־דייטשן.

זי איז געזעסן אַ פאַרוווּנדערטע, הילפלאָזע און דערשלאָגע־נע. דער אָפיציר האָט געפרעגט:

— זיי האָבן געוווינט, צי נישט געוווינט?

דער אָפיציר איז געווען אַ יונגער, אַ דאַרער, געדעדט זיכער און ענערגיש. איר שווייגן האָט אים געמאַכט אומגעדולדיק און ער האָט איבערגעחזרט:

— זיי האָבן געוווינט, צי נישט געוווינט?

— געוווינט.

— ביטע פאַרפּראָטאָקאָלירן — האָט דער אָפיציר זיך געווענדט צו אַן עלטערן מענטשן, וועלכער האָט אַמטירט ביים טיש. דאָס איז געווען אַ פעסטגעבויטער, נידעריקער און געלהאָריקער ציווילער מאַן אין ברילן.

— הייסט עס, אַז די בירגערין איז זיך מודה, אַז זי איז אַ פאָלקס־דייטשקע — האָט דער אָפיציר געזאָגט.

— איך בין זיך נאָר מודה, אַז ביי מיר האָבן געוווינט צוויי פאָלקס־דייטשן. נישט מער.

— דאָס וועט זיך נאָך אַרויסווייזן.

— עס וועט זיך גאָרנישט אַרויסווייזן — האָט קאַלינאָווסקאַ דערווידערט.

— עס איז דאָ אַן עדות — האָט דער אָפיציר געזאָגט ווי דרך־אגב.

— פאַר דעם עדות בין איך אין משך פון דער גאַנצער מל־חמה געווען אַ יידישקע, איצט האָט זי מיך איבערגעמאַכט אויף אַ פאָלקס־דייטשקע.

— איר זענט באמת אַ יידישקע? — האָט דער אָפיציר געפרעגט.

— און ווען יאָ? — האָט אָנגרייפנדיק געפרעגט קאַלי־נאָווסקאַ.

— און איר זענט נישט קיין פאָלקס־דייטשקע?

— ניין! — האָט זי זיך צעשריגן.

— באַווייזן, וועלכע באַווייזן האָט די בירגערין, אַז זי זאָגט אמת.

— איך האָב אייך שוין אויפגעקלערט — איצט האָט זי גע־רעדט רואיק — ביי מיר אין דער וווינונג געפינט זיך אַ מענטש, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט אויסבאַהאַלטן, פאַר אים האָב איך אראָפּגעריסן דעם אויפרוף.

— ס'איז נישט דערלויבט.

— יענער מענטש גלויבט נישט, אז ער איז שוין פריי.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מענטש?

— אַ ייד.

— מיר וועלן קאָנטראָלירן.

— איילט זיך צו, מיינע הערן. דער מענטש זיצט פון נעכטן אָן אין אַ פאַרמאַכטער וווינונג. עס קען דאָרט געשען אַן אומגליק.

— אויב ער איז פאַרמאַכט, קען אים גאָרנישט געשען.

— ער האָט זיך שוין איין מאָל געפּרוווט אויפהענגען.

— אויפהענגען? פאַרוואָס?

— ער איז געבליבן אַליין. די דייטשן האָבן אַלע זייניקע אויסגעמאָרדעט.

— וויפיל מענטשן האָבן זיי אויסגעמאָרדעט? — האָט דער אָפיציר געענטפערט, ווי די פעסטשטעלונג זאָל אים האָבן אויפ־געגרעגט מיט איר באַשיינפּערלעכקייט. — ווען אַלע זאָלן זיך וועלן אויפהענגען...

— אָבער נישט אַלע זענען געווען געצוווּנגען זיך אויסצו־באַהאַלטן.

— דאָס האָט גאָרנישט צו דער זאַך. אויפהענגען זיך איז נישט דערלויבט. יעדער מענטש איז נייטיק דער מלוכה.

— יענער מענטש איז שוין דעם צווייטן טאָג אָן אַ שטיקל ברויט.

— מיר וועלן קאָנטראָלירן. — ער האָט דאָס געזאָגט מיט אַזאַ טאָן, ווי ער זאָל וועלן דער קאַליגאָווסקאַ אויפצווינגען גע־האָרכזאַמקייט.

— ווען?

— עס איז מלחמה, בירגערין, און אייך איז אייליק צוליב איין מענטשן, ביטע װאַרט.

זי האָט געװאַרט. נישט אויפגעהויבן אפילו דעם קאָפּ, װען דער אָפיציר האָט עמעצן לאַנג און נישט דייטלעך אויפגעקלערט, פאַרװאָס זי זיצט שוין דאָ דעם צװייטן טאָג. דער אַראָפּגעריסע־נער אויפרוף איז געלעגן אויפן טיש, די װערטער, װעלכע זי האָט נישט באַװיזן איבערצולייענען, האָבן זיך איינגעלייגט אין שװאַר־צע רייען, צונויפגעשלאָגענע װי דאָס רעקל איבער דער עפענונג פון קעלער. דאָרט געפינט זיך איצט אַ מענטש, װעלכן קיינער האָט אין משך פון צװיי יאָר נישט געזען און צו װעלכן קיינער איילט זיך נישט. אפילו זי. זי האָט זיך געפילט דערשעפּט, נישט פעיק אויף קיין שום אָנשטרענגונג.

די טשאַפּקאָװאַ האָט געזיגט. די קאַלינאָװסקאַ האָט נישט געװוסט, צי דאָס איז אַ געװיינלעכער צופאַל, װאָס אין דער מי־נוט, װען זי האָט אַראָפּגעריסן פון פּלויט דעם אויפרוף, האָט זיך גלייך לעבן איר באַװיזן די שכנטע, װעלכע האָט אויפגעהויבן אַ גע־שריי און גלייך געבראַכט צו פירן צװיי זעלנער. די טשאַפּקאָװאַ האָט געשריגן:

— דאָס איז אַ פאָלקס־דייטשקע! זי האָט אַראָפּגעריסן דעם אויפרוף פון פּױלישן קאָמיטעט פון נאַציאָנאַלער באַפרייונג!

קאַלינאָװסקאַ האָט מיט שרעק געקוקט אין די אויגן פון די מענטשן, װעלכע האָבן זי אַרומגערינגלט.

— איך האָב דאָס נישט געװאָלט טאָן...

— דאָס איז אַ פאָלקס־דייטשקע!

זי איז געגאַנגען אין דער שטאָט־קאָמענדאַנטור, נאָר זי האָט אַלץ נישט געקאָנט פאַרשטיין, װי אַזױ איז דאָס געשען, אַז די טשאַפּקאָװאַ האָט זיך אַזױ פּלוצעם באַװיזן.

— יעדער אויפרוף איז נייטיק — האָט באַלערנדיק געזאָגט דער אָפיציר. — די בירגערין פאַרשטייט נישט, װאָס זי האָט גע־טאָן. נאָר אַ שונא קאָן אַזױ האַנדלען.

די קאַלינאָװסקאַ האָט געשװיגן. אין דעם מאָמענט, װען זי האָט אַראָפּגעריסן דעם אויפרוף, האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז זי רייסט אַראָפּ די שרעק, װעלכע האַלט אין קלעם יענעם מענטשן אין משך פון די פּאָר יאָר, דעם מלחמה־קאָשמאַר, אַלע שרעקלעכע

זכרונות. דער אויפרוף האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער וואַנט מיט א האַרטן שאָרך, עס האָט זיך א שאָט געטאָן א ביסל מעליקער שטויב. אין די אויערן איז איר נאָך אַלץ געשטאַנען דער שאָרך פון פּאַפּיר, ווען זי האָט דערזען די טשאַסקאָוואַ. איר ברייט פּנים האָט זיך אויסגעשיילט פון אונטערן טיכל, וואָס איז האַסטיק אַראָפּגעפאַלן אויף אירע אַקסלען.

— איר וועט זיין דערפאַר פאַראַנטוואָרטלעך! — איר אויס־געצויגענע האַנט האָט אָנגעוויזן אויף דעם אויפרוף. — איר וועט דערפאַר באַצאָלן!

— איר האָט שוין פאַרגעסן וועגן אַלץ — האָט קאַלט אָפּגע־ענטפערט די קאַליגאָווסקאַ.

וועגן קלעפּפּישן איז זי געווען רואיק. זי האָט געוווסט, אַז קיין שום שלעכטס קען אים נישט געשען, אפילו ווען ער זאָל פאַרלאָזן דעם קעלער און זיך באַווייזן אין פענצטער. „ער זאָל נאָר נישט אַרויסגיין פון שטוב — האָט זי פלוצעם אַ טראַכט געטאָן מיט שרעק. — אויב זיי וועלן קומען קאָנטראָלירן און אים נישט טרעפן, וועט מיר קיינער נישט גלויבן“.

דער צווייטער טאָג האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרגיין, ווען דער אָפיציר האָט איר געזאָגט:

— זאָל די בירגערין געדענקען, אויב עס וועט זיך אַרויס־ווייזן, אַז איר האָט אונדז אָפּגענאַרט, וועט עס זיין פאַר אייך נישט קיין אָנגענעמער עגין.

ווענדנדיק זיך צו צוויי זעלנער, וועלכע זענען געשטאַנען ביי דער טיר, האָט ער צוגעגעבן: — איר וועט גיין מיט איר.

קאַליגאָווסקאַ איז אויפגעשטאַנען פון קאַסטן און שווייגנ־דיק זיך געלאָזט צו דער טיר. דער אָפיציר האָט זי אָבסערווירט פון אונטער דער ברעם. איידער די זעלנער זענען אַרויסגעגאַנגען האָט ער צונויפגעלייגט דעם אויפרוף און אים א וואָרף געטאָן אין שאַפע.

— ווייט? — האָט אַ פרעג געטאָן דער סערזשאַנט, זיך גע־פינענדיק שוין אין דרויסן.

— הינטער דער שטאָט — האָט זי אָפּגעענטפערט — גע־נוג ווייט.

זיי זענען געגאַנגען מיט אַ באַשאָטנטער גאַס, וועלכע האָט זיך פאַרלוירן אין דער ווייט, לענגאויס הייזער, פאַר וועלכע עס האָבן זיך געקליבן די איינוווינער. זיי האָבן איבערגעשניטן אַ קליין געסל און אַרויסגעקומען הינטער די געביידעס, וועלכע זענען געזונקען אין גרינס. אַן אויסערגעוויינלעכע רו און שטילקייט האָבן געהערשט אַרום. עמעצער האָט זיך פאַרטאַיעט אין די קוסטעס, פון דער טונקלקייט האָט זיך אויסגעטיילט אַ ריזיקער שאָטן פון אַ פרוי, זי האָט אויסגעגלייכט אַן אָפּגעבראָכענעם סקריפּנדיקן לאָדן און אים צוגעבונדן צו אַ האָק, וואָס האָט געשטעקט אין וואַנט. דערנאָך זענען זיי אַריינגעגאַנגען אין אַ יונג וועלדל: איבער אַ גרוב, פון וועלכער עס איז געווען אַרויסגענומען דאָס זאַמד, איז געהאָנגען א טיפע שטילקייט. אונטער איר האָט די אויסהוילונג זיך אויסגעדאַכט ווי אַ מולטער מיט שיפּע ווענט אָנגעפילט מיט שיין. דאָס ליכט, וואָס איז געגאַנגען פון אונטן, האָט געשניטן די אויגן.

— ווער איז דער מענטש, וועמען די בירגערין באַהאַלט אויס?

— האָט געפרעגט דער סערזשאַנט.

— אַ באַקאַנטער.

— און וואָס? לאַנג האָט אים די בירגערין אויסבאַהאַלטן?

— צוויי יאָר און איין חודש.

— ווו?

— אין קעלער.

— עס האָט געמוזט זיין זייער שווער.

— יאָ.

זיי זענען געגאַנגען שווייגנדיק. דאָס טרוקענע גראָז האָט געשורשעט אונטער די פיס, עס האָט זיך אויפגעהויבן א לייכט וואָלקנדל פון הייסן שטויב.

— זיי האָבן אויך זייערס באַקומען, וואָס?

— ווער?

— די יידן.

— זייערס? ווי פאַרשטייט איר דאָס?

— אַזוי. געוויינלעך.

— פאַרוואָס עפּעס? איך פאַרשטיי נישט — איז קאַלינאָווסקאַ נישט אָפּגעטראָטן.

— ווייל יידן.

— און וואָס איז אַ ייד? — האָט געפרעגט דער זעלנער, וואָס איז געגאַנגען פון הינטן. — דער זעלבער מענטש. וואָס יעדער איינער.

זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען דאָס הויז, אין וועלכן עס האָט געוווינט די משאַסקאָווא. זי איז געשטאַנען אין דער האַלב־אָפענער טיר, הינטער איר האָט זיך געשוואַרצט דער הלל פון פירהויז. דורך אַן אָפענעם פענצטער האָט אַ ווייס פאַרהענגל זיך געהויבן אין ווינט און זיך ווייך אויסגעגלייכט אויף דעם קלעטער־געוויקס איבער דער וואַנט. אַ מילדע שטילקייט האָט געהערשט אַרום, אין דער טונקלקייט האָט אויפגעשפּראָצט אַ לייכטע קילקייט. זיי זענען דורכגעגאַנגען לעבן אַ פּאָמפּע, וועלכע איז געווען פאַרגעלט פון דער זון.

דאָס הויז, צו וועלכן זיי האָבן זיך דערנעענטערט, איז געשטאַנען אַ שווייַגנדיקס, די פענצטער פאַרמאַכט. זיי זענען אַרויפגעגאַנגען אויף דער וועראַנדע, זייערע טריט האָבן טויב אָפּגעקלונגען אין דער לופט. די קאַלינאָווסקאַ האָט זיך אַרומגעקוקט, אַרויסגערוקט פון שאָטן איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך די משאַסקאָווא. קאַלינאָווסקאַ האָט געעפנט די טיר, עס האָט זי אַרומגענומען אַ שטיקנדיקער ריח פון אָנגעהיצטע ווענט, פון בלומענטעפּ. פליגן האָבן געזשומעט, אָנגעשלאָגן זיך שווער אין די צעוואַרעמטע שויבן. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף דער טיר, וועלכע האָט געפירט אין פירהייזל. זי איז געווען פאַרמאַכט.

דער סערזשאַנט איז געבליבן שטיין ביים אַריינגאַנג. די קאַלינאָווסקאַ צוזאַמען מיטן זעלנער זענען דורכגעגאַנגען די קיך און בלייבנדיק שטיין ביים קעלערל האָט זי זיך אָנגעבויגן און אויפגעהויבן דאָס דעקל. א רגע האָט געהערשט א שטילקייט, דערנאָך האָט דער זעלנער זיך אויסגעדרייט צום סערזשאַנט און אַמטלעך געמאָלדן:

— בירגער סערזשאַנט, איך מעלדע, אַז די בירגערין האָט געזאָגט דעם אמת. אַלץ שטימט. דאָרט געפינט זיך אַ מענטש.

דער סערזשאַנט איז צוגעגאַנגען נעענטער און געבליבן שטיין איבער דער עפענונג פון קעלער. פון אונטן, אין שאָטן, גלייך ביי די הילצערנע טרעפּלעך, איז געלעגן קלעפּפיש אויף זיין שוואַרצן פּומע. זיין בלאַס געזיכט, וואָס איז געווען געווענדט אין דער הייך,

האָט זיך אויסגעטיילט פון דער טונקלקייט. זיין ווייסע באָרד איז זיינע ווייסע ברעמען איבער די ברייט־פאַנאַנדערגעעפנטע אויגן זע־נען געווען בייז־פאַרשפּיצט און אויסגעזען פיל ווייסער פון דעם שוואָמאַרטיקן אָנגעשוואָלענעם פּנים, וואָס האָט זיך אויסגעטיילט פון די האָר, וועלכע האָבן אים ארומגענומען, ווי א באַשעפעניש, וואָס איז צוגעדעקט מיט א פלאַך און אומבאַוועגלעך וואַסער. זיינע טויטע אויגן, פאַרקוקטע אין סופית, האָבן דאָרט נישט געזען דעם הימל פון פרייהייט, וועלכן ס'האָבן אָפּגעטיילט פון דער קעלער־ערד נישט קיין גאַנצע פיר מעטער.

אין קלעם

דאָס סטאַנציעלע אין בוקאָווניצע, וואָס האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך א וואגאָנדל פון א שמאָל־ליניקער קאָלייקע, איז אין די דאָזיקע שעהן געווען איינגאנצן פוסט. ארייננקוקנדיק אין דעם, האָט סטאַניסלאוו געהאט דעם איינדרוק פון א דעמאָלירטער שטוב אָן טירן און אָן פענצטער. גלייכצייטיק האָט ער זיך אָפּגעגעבן א רעכעגונג, אז אין דעם דאָזיקן וואגאָנדל, וואָס איז אוועקגעשטעלט געוואָרן אויף א נאַקעטער און צעשפּאָלטענער ערד, וואָלט קיינער נישט געקענט געפינען קיין באהעלטעניש.

פלוצים האָט די ערד אָנגעהויבן צו ציטערן. אין אָנהייב האָט זיך געדאכט, אז נאָר זי גיט אָפּ אַלץ שנעלער און העכער, און וואָס ווייטער, אויך אַלץ דייטלעכער דעם ריטם פון א לויפנדיקער קאָלייקע. באלד אָבער האָט אויך דער וואלד איבערגענומען דעם ריטם, איבערהזרנדיק אים מיט אַן עכאָ, וואָס האָט זיך אָט צוריקגעצויגן, אָט אָנגעשווומען, ווי א כוואליע. די קאָלייקע איז געווען כמעט ליידיק. בלויז איינציקע מענטשן אין אָפּגעטראָגענע מלבושים זענען געזעסן איינע קעגן די אנדערע און געשעפּטשעט צווישן זיך. פון די אָפּגעריסענע זאצן און ברעקלעך ווערטער איז ארויסגעדרונגען, אז נעכטן האָבן דאָ די דייטשן עמעצן געכאַפּט, צעשלאָגן און צוגענומען די סחורה. די זון איז אויפגעגאַנגען און געברענט אין פענצטער ווי א שייטער.

ער איז געווען פארמאטערט, שלעפעריק און האָט נאָך אלץ געפילט דעם ריח פון וואלדיקן שייטער, וועלכן מען האָט אָנגעוונדן איידער האָט גערירט אין וועג. ער האָט דייטלעך געפילט דעם דאָזיקן ריח: א געמיש פון יעלאָווע און פארדומפּן פארנקרויט. ער איז פאמעלעך פארזונקען אין א דרימל, פון וועלכן עס האָט אים פון צייט צו צייט געוועקט א מער שטארקער קלאפּן פון די רעדער. די

פּאַסאַזשירן האָבן ווייטער שעפּטשענדיק געשמועסט, זיי האָבן אים נישט באמערקט. ער האָט אָבסערווירט דעם וואַלדיקן מאַסיוו, וועלכער האָט זיך אַלץ מער און מער דערווייטערט, ער האָט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ פונעם ליכט.

שפּעטער, ווען ער האָט זיך אויפגעוועקט, איז שוין קיינער נישט געווען. ער האָט זיך א ריס געטאָן פון אָרט א דערשראָקענער און צוגעשפּרונגען צום פענצטער. „איך האָב פאַרשלאָפן זוויעזשיניעץ“. ער איז געשטאַנען א בייזער ביים פענצטער און אויסגעקוקט א סטאַנציע. „אַלץ וועט גיין לאיבוד, איך וועל נישט באַווייזן“. דאָס יונגע וועלדל, וואָס האָט זיך געשאַרט לענגאויס דער באַנליניע האָט אים אויסגעזען ווי א פאַרבלענדעניש. די סקריפּנדיקע אַקסן פון וואַגאָן האָבן צעוואַקלט די שטילקייט. דער אָנשיט, וועלכער האָט זיך באַוויזן און פאַרשטעלט די פּערספּעקטיוו, האָט אים געפּרייצט און אַרויסגעפירט פון געדולד. ענדלעך, ווי א גרודע פאַרוואָרפן ערגעץ אין דער ווייט, האָט ער ביים דורכפאָר דערזען א בודקע. דאָרט איז געווען א סטאַנציעלע.

ביים געדאַנק, אַז ער וועט נישט דאַרפן לאַנג וואַרטן אויף דער פאַרבינדונג, איז אים געוואָרן פרייליכער: ער האָט נישט ליב געהאַט דאָס וואַרטן, דאָס אומנויטיקע אַרומשלעפּן זיך. ס'איז געווען היים. אויף דעם צוג קיין לובלין האָט געוואַרט אַ גרופּקע מענטשן. ער האָט שפּאַצירט איבערן פּעראָן, נישט אַרויסווייזנדיק קיין אינטערעס נישט צו די מענטשן, נישט צו דער לאַנדשאַפט. עס איז אָנגעקומען דער צוג. ווען ער האָט געריכט, האָט ער באמערקט א מענטשן, וועלכער איז אין דער לעצטער מינוט אַרויפגעשפּרונגען אויפן טרעפּל פון וואַגאָן. „איך וואָלט אויך אַזוי באַדאַרפט האַנדלען, צו וועלכן טייוול שטעל איך זיך אַרוים אויף עפנטלעכן באַטראַכט“?

ער האָט געשוויגן, באַמיט זיך, קעגן אַלע פאַרפליכטנדיקע מנהגים אין צוג, נישט צו ווערן אַריינגעצויגן אין קיין שום שמועס. מען האָט אים מכבד געווען מיט פּאַפּיראָסן — ער האָט אָפּגעזאָגט, אַרויסגעדרייט זיך פון כיבוד מיט א קורצן: „א דאַנק“. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס וואָלט געווען א מין פאַרפליכטונג, וועלכע ער האָט נישט געוואָלט נעמען אויף זיך. ער האָט געטראַכט וועגן דעם, ווי לאַנג קלעמענס וועט אים הייסן וואַרטן אויפן געלט,

זוי ער וועט אויפנעמען דעם באריכט. „גיכער פון אלץ וועט ער גאָרנישט זאָגן, ער וועט אים איבערגעבן ווייטער“. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי דער קליינער וולאַדעק האָט זיך נעכטן געבייזערט. „עס האָט אים געשטערט מיין אמטלעכער טאָן“. ער האָט א שמייכל געטאָן. „אזא נאַר בין איך נישט; ער האָט געוואָלט, אז איך זאָל אים אליין פאָרלייגן ארייננצוגיין צו זיין מוטער, ווייבאלד איך וועל שוין אזוי אָדער אנדערש זיין אין לובלין“. פלוצים איז אים אויפגעקומען א געדאנק, וועלכער האָט אים אָנגעפילט מיט ספקות. אויב קלעמענס וועט גלייך געבן דאָס געלט, וועט מען באלד דארפן צוריקפאָרן און איך וועל נישט באוויזן אָפצוטרעטן ביי וולאדעקס מוטער“. אין קופּע איז געווען הייס, די היץ האָט ארייננגעשטראָמט דורך די אָפענע פענצטער.

ערשט איצט האָט ער זיך צוגעקוקט צו די רייזנדע, צו זייערע פּנימער: זיי זענען געווען פארביסן און אָנגעכמורעט. דאָס מילדע און גוטמוטיקע פּנים פון עפּעס א יונגטלעכן האָט אין דער סביבה אויסגעזען ווי דאָס פּנים פון א חסר־דעה. ער האָט זיך צוגעקוקט צום פּנים פון דעם דאָזיקן יינגל, וועלכער איז געזעסן אין ווינקל, טראכטנדיק אלץ וועגן דעם, ווי ער וועט האנדלען, אויב קלעמענס וועט וועלן אים גלייך משלח זיין אויף צוריק.

ער האָט נישט געוואָלט מודה זיין זיך אליין, אז ער האָט שוין אן אויסוועג, נאָר ער האָט דעם איינמאָל דערווייטערט, געהאלטן אין פארבאָרגעניש. אָבער דער געדאנק, איינמאָל געבוירן, האָט שוין געעקבערט, נישט געגעבן קיין רו. ער האָט זיך געכאפּט, אז ער פארטראכט תירוצים, אסעקורירנדיקע מאָטיוון, אָבער גלייך איז אויפגעקומען אין אים דער באוווסטזיניקער געדאנק, די קלאָרע אומבויגזאמע דעציזיע, וועלכע לאָזט זיך נישט אָפּווענדן. קלעמענס האָט געוווינט נעענטער, נישט ווייט פון וואָקזאל, און די מוטער פון קליינעם וולאַדעקן אין א זייט, ווייט פון דער הויפּטגאַס. „איך וועל גלייך גיין צו קלעמענסן, צו וואָס זיך ארומשלעפּן אין שטאָט מיט א באריכט אין קעשענע“. דאָס יינגל, וואָס איז געזעסן אין ווינקל האָט זיך צודרינגלעך איינגעקוקט אין אים. סטאַניסלאַוו האָט זיך אויסגעדרייט צום פענצטער: פון הינטער די קנוילן רויך האָבן זיך געזען ברייטע פעלדער, ערגעץ אין דער ווייט האָט שימערירט א שמאָל שטראָמעלע וואסער, וואָס האָט

שפּעטער זילבערדיק אויפגעשיינט אין א פויל פּליסנדיקן טייך. „גוט, איך וועל גיין צו קלעמענסן“.

די שטאָט האָט זיך באַוויזן אומגעריכט — א טרוקענע שווארצע שאָל צווישן פעלדער מיט קאָנטורן פון א שלאָס אויף א הויכקייט, ווי א געשפּענסט. דער צוג האָט פארלאנגזאמט דעם גאנג, דער פעראָן איז געווען כמעט פּוסט, ער האָט זיך גערוקט אויף צוריק, אנטלאָפן, ענדלעך האָט די געביידע פון דער סטאַנציע צוגעדעקט מיט איר שאָטן די שורה וואַגאָנען.

סטאַניסלאַוו איז אויסגעשטיגן דער לעצטער, און זעלבן מאָמענט האָט זיך אין דער טיר פון דער סטאנציע־געביידע באַוויזן אן עסעסמאַן: ער איז געווען הויך, ביינערדיק, מיט א לענגלעך פּנים און פארלאָשענע אויגן. דער היטלעריסט איז מיט איין שפּרונג געווען אויפן פעראָן, זיין סילועט האָט א שווינדל געטאָן, ווי אין א פּלוצעם איבערגעריסענעם פילם, סטאַניסלאַוו האָט נאָך באַמערקט דעם ארויסגעשליידערטן אָרעם, וועלכער האָט פון צווישן עולם ארויסגעריסן דאָס יינגל מיטן קינדערישן און מילדן פּנים. דאָס יינגל האָט זיך פאַרצווייפלט אנטקעגנגעשטעלט. ווי ער זאָל נאָך אלץ נישט גלויבן, אז דער מענטש אין שווארצן מונדיר האָט גראָד אים ארויסגעריסן פון צווישן אזויפיל אנדערע און שלעפּט אים צו דער טיר. דער עסעסמאַן איז געגאנגען פּאַמעלעך, אויף זיין פּנים האָט זיך באַוויזן א שמייכעלע פול מיט טריומף, ער איז געגאנגען און געקוקט פון אויבן אראָפּ אויף דעם יינגל, וועלכער האָט זיך געוואָרפן אין זיינע הענט. דער צוג האָט גערירט, קנוילן רויך ווי לעבעדיקע וועזנס, זענען אריינגעדרונגען צווישן די מענטשן, דער פעראָן האָט זיך אָפּגעליידיקט.

סטאַניסלאַוו האָט אָן שום באַגרינדונג געענדערט דעם פּלאַן, וועלכן ער האָט אזוי פּינקטלעך דורכגעטראכט בעת דער רייזע. ער איז דורכגעגאנגען די הויפּט גאס און פארקערעוועט אין דעם געסל, וווּ עס האָט געוווינט די מוטער פון קליינעם וולאַדעק.

עס איז אריבער דער הייסער שטיקנדיקער נאָכמיטאָג און ערשט דעמאלט האָט ער זיך געכאַפּט, אז ער דארף אָפּפּוצן די שיך און אָפּרייניקן די הויזן פון ווייסן שטויב. ער איז אריין אין דעם נאָענטסטן טויער, און שטייענדיק אונטער די טרעפּ, אראָפּגענומען דאָס היטל און שנעל אָפּגעווישט מיט דעם די שיך. דערנאָך האָט

ער מיט ביידע הענט אָפּגעטרייסלט די הויזן. פּלוצים האָט ער דער־הערט, ווי עמעצער הוסט. ער איז נאָך געשטאַנען איינגעבויגן, ווען ער האָט זיך אָפּגעגעבן א רעכענונג, אז עמעצער געפינט זיך לעבן אים און אָבסערווירט אים אויפמערקזאם. „אָן פּאַניק, נאָר אָן פּאַ־ניק". ער האָט זיך לאנגזאם אויסגעדרייט. אויפן פּאָן פון דעם גע־שפּאָלטענעם טינק פון די ווענט,אין האלב־טונקלקייט, האָט ער דער־זען א מענטשן מיט א פּארגליווערט פּנים, מיט איבערגעשראָקענע פּוסטע אויגן. דער אומבאקאנטער האָט האסטיק און שנעל געאָ־טעמט.

— זיי גייען דאָ אַהער — האָט דער מענטש געזאָגט מיט א קוים דערהערטן שעפּטש.

— טאָ זאָלן זיי גיין.

— איר האָט נישט מורא? — האָט געפרעגט דער אומבא־קאנטער מענטש.

סטאַניסלאַוו האָט ארייַנגערוקט די הענט אין קעשענע, זיינע פינגער האָבן צוגעדריקט די פּארוויקלטע זייטלעך פּאַפּיר.

— פאר וואָס?

ער איז ארויסגעגאנגען פון ווינקל, דורכגעגאנגען דעם טויער און זיך געלאָזט צום ארויסגאנג.

— כ'בעט אייך, איך וועל גיין מיט אייך — דער אומבאקאנ־טער מענטש איז געגאנגען הארט ביי זיין זייט.

— לאָזט מיך צורו, גוט? — האָט סטאניסלאוו א ברום גע־טאָן. — אָבער שוין!

— איך האָב מורא.

סטאַניסלאַוו האָט זיך פארהאלטן. פון דער גאס האָט זיך דער־טראָגן א ווידערקול פון טריט, א פערד האָט זיך פאמעלעך גע־שלעפּט, ער האָט דייטלעך געהערט דאָס קלאפּן פון די קאָפּיטעס.

— גייט אייך אוועק, ווייל דאָס וועט זיך שלעכט ענדיקן פאר אייך, איך וואָרן.

דער אומבאקאנטער האָט זיך אָפּגעשטעלט. סטאַניסלאַוו האָט איבערגעשניטן די גאס, געדרייט זיך א שטיקל צייט איבער הינ־טערגעסלעך, ווילנדיק זיך איבערצייגן, צי קיינער גייט אים נישט נאָך. „מען דארף זיך צוויילן, כ'האָב שלעכט געטאָן, וואָס איך בין נישט געגאנגען צו קלעמענסן".

* *
*

די מוטער פון קליינעם וולאדעק האָט אים נישט דערקענט, אָדער געמאכט דעם אָנשטעל, אַז זי דערקענט אים נישט. אים האָט זיך אויסגעדאכט, אַז זי זעט אין אים עמעצן אַנדערש, פאַר וועמען מען דאַרף מורא האָבן. דער שמועס האָט זיך נישט געבונדן, די גרוסן פון וולאדעקן האָט זי אויפגענומען גלייכגילטיק.

— דאכט זיך, אַז איר דערקענט מיך נישט — האָט ער געזאָגט.

די מוטער פון וולאדעקן איז געשטאַנען אין טונקל ווינקל פון צימער, און אַ ווײַלע אַרום איז זי פון דאָרט אַרויסגעגאַנגען, ווי זי זאָל זיך וועלן בעסער צוקוקן צו אים.

— ניין — האָט זי געזאָגט מיט אַ זיכערער שטים.

— איך בין געווען בײַ אײַך אין מאַי 1939, ווען וולאדעק איז געזעסן אין ווראָנקי.

— דאָס איז שוין לאַנג.

— לאַנג — יאָ... עס זענען שוין פאַריבער פינף יאָר.

ס'איז ווידער געוואָרן שטיל. דערנאָך האָט ער געפרעגט:

— און ווען וועט זײַן מאַרעק?

— דער ייִנגערער זון?

— וולאדעק האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל זיך מיט אים זען.

— כ'ווייס נישט, ווען ער וועט זײַן.

ערשט איצט האָט ער באַמערקט, אַז די פרוי איז איבערגעשראָקן. „זי באַהאַלט עפּעס אויס. פאַר מיר".

— איך וואָלט זיך געוואָלט מיט אים זען.

— ער איז נישטאָ.

— איך ווייס נישט צי איך וועל האָבן צײַט נאָכאַמאָל אַרײַנצופאַלן אַהער.

— איר זענט נישט קיין היגער?

— ניין.

— איר קענט דאָ נאָך עמעצן?

— איך גיי צו קלעמענסן.

— וואָס?

— איך גיי צו קלעמענסן.

— איר וועט נישט גיין צו קלעמענסן — האָט זי געזאָגט מיט אַ האַלבער שטים, דאָך האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז אירע ווערטער קלינגען שאַרף. — קלעמענסן האָט מען נעכטן אַרעסטירט.

— דאָס איז אוממעגלעך — האָט ער אויסגערופן און נישט דערקענט זיין אייגענע שטים.

— מיין מאַרעק איז אַנטלאָפן, ס'איז נישט באַוווּסט, וואָס עס וועט זיין.

— איך האָב אַן אויפטראָג צו קלעמענסן.

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט. אַז מען האָט אים אַרעסטירט.

— זי האָט אים אייליק געזעגנט מיט אַ ציטערדיקן האַנט־דרוק.

— אין אָנפאַנגס האָב איך אייך נישט דערקענט. גייט שוין, גייט — און זי האָט נאָכאַמאָל איבערגעחזרט — ס'איז נישט באַוווּסט, וואָס ס'וועט זיין.

— איר האָט דאָך געקענט גלייך זאָגן, אַז איך זאָל גיין.

— פאַרוואָס? — זי האָט צו אים געווענדט אַ פּנים פול מיט קנייטשן. ער האָט געהערט איר שנעלן אָטעמען. ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. — פאַרוואָס? — האָט זי איבערגעחזרט און גלייך צוגעגעבן: — כדי אייניעם צוזינדן צום צווייטן אויף דעם זעלבן טויט? גייט שוין, גייט.

* *
*

דער צוג אין דער ריכטונג פון וואַרשע האָט זיך געשלעפּט פּאַמעלעך, ווי ער זאָל אין דער פינצטערער נאַכט זוכן אַ וועג. ער האָט זיך פלוצעם פאַרהאַלטן אויף אַ לענגערן אָפּשטעל, צוריקגעצויגן זיך און ווידער געריכט אין טונקל־גראַנאַטענעם מרחק. ווען ער האָט שוין פאַרנומען אַן אָרט אין אַ קופּע אָן ליכט, האָט עמעצער געפּרוּווט אָנבינדן מיט אים אַ שמועס, אָבער די אומבאַשרייבלעכע ענגשאַפט האָט אים באַפרייט פון ענטפערן.

די געשעענישן פון פאַרגאַנגענעם טאָג האָבן זיך צוריקגעקערט מיט אַן עקשנותדיקער קראַפט. ער האָט נישט געוווּסט, ווי ער וועט אויפקלערן די חברים דעם פאַקט, וואָס ער איז פון וואָקזאַל נישט

געגאַנגען גלייך צו קלעמענסן, נאָר ער איז אוועק אין הויז פון וואָלאָ-דעקן איבערצוגעבן א גרוס זיין מוטער. „אָבער אַדאַנק דעם האָב איך אויסגעמיטן דעם קעסל — האָט ער געטראַכט. — איך בין נישט אריינגעפאלן מיטן באַריכט“. ער האָט זיך אין האלב-דרימל דורכגעשמועסט מיט די חברים:

— און וווּ וווינט דער חבר קלעמענס?

— נישט ווייט פון וואָקזאַל.

— און די מוטער פון חבר וואָלאָדעק?

— ווייט פון וואָקזאַל.

— אין פאַרוואָס-זשע זענט איר געגאַנגען אהין, אויב איר האָט געהאַט נעענטער דעם, וואָס פאַר אים איז געווען באַשטימט דער באַריכט?

— אָבער חברים, איך וואָלט דאָך אריינגעפאַלן.

— מיר פרייען זיך זייער, וואָס איר האָט זיך געראַטעוועט, אָבער איר האָט נישט אויסגעפירט דעם באַפעל! פאַרוואָס?

ער האָט געשוויגן, נישט וויסנדיק וואָס צו ענטפערן. איינער א חבר מיט א פאַרשלאָפן געזיכט האָט געפרעגט:

— און אפשר האָט דער הייליקער גייסט אייך אָנגערעדט דערצו?

— ער האָט זיך אויסגעכאַפּט א באַגאָסענער מיט שווייס, די ריינדע זענען געשלאָפן, ער האָט דערפילט אַן אומדערטרעגלעכן ווייטיק אין קאַרק, עמעצער האָט אים צוגעדריקט מיט עפּעס א משא. אין דרויסן האָט געדויערט די נאַכט. הינטער די שויבן האָבן משופע זיך געגלימשט סנאָפּעס פונקען: זיי זענען געווען שטייף און פּלוצעם פאַרשוווּנדן, ווי איינגעזויגן דורך דער פינצ-טערניש.

ער איז ווידער פאַרזונקען אין אַן אומרואיקן שלאָף, פול מיט ווילדע חלומות. ער האָט זיך באַטייליקט עפּעס אין פייערלעכקייטן, אין וועלכע רעליגיעזע צערעמאָניעס האָבן זיך געמישט מיט קליינ-לעכע אומזיניקע ענינים, וואָס האָבן — צו זיין אייגענער פאַרוווּנ-דערונג — געוועקט זיין פאַראינטערעסירונג און באַגער אויפצו-קלערן זיך די באַדייטונג פון די תנועות און לידער, וואָס זענען באַ-שטאַנען פון אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, כלומרשט געשאַפענע

אויסשליסלעך פאַר אים. עס האָט זיך באַוויזן עפּעס א מיידל, וועלכע האָט אים באַגלייט און, וואָרענענדיק, צוגערעדט וואָס שנעלער צו פאַרלאָזן די שטאָט.

אין וואָקזאַל און אויפן פעראָן פון דעמבלין האָט געווימלט פון זשאַנדאַרן און באַן־וועכטער, וועלכע האָבן געהיט די ארויסגאַנגען אין שטאָט. איבער א צענדליק פון זיי זענען צוגעשפּרונגען צו די טירן פון די וואַגאָנען און מיט הויכע געשרייען באַפוילן אַלעמען ארויסצוגיין צוזאַמען מיט די פּעק. ס'איז אַנטשטאַנען א פּאַניק, די וועלכע האָבן געפּרוווט זיך קעגנשטעלן, האָט מען ארויסגעוואָרפן אויפן פעראָן, עס האָבן אָנגעהויבן פליען דורך די פענצטער די ערשטע פּעקלעך. אין דעם קופּע, אין וועלכן עס איז געזעסן סטאַניסלאַוו, האָט דער צושטאַנד פון אויפרעגונג, וועלכער האָט שוין געדויערט א לענגערע צייט, זיך ראַש פאַרוואַנדלט אין פאַרדאַכט. די רייזנדיקע אָן באַגאַזש האָבן נישט געוואָלט אויסשטייגן די לעצטע אין דער מורא, אז אַנדערע זאָלן זיי נישט אונטערוואַרפן זייערע פּעקלעך, ווייל זיי האָבן באַמערקט, אז אייניקע לאָזן איבער פאַרדעכטיקטע פּעקלעך אויף די בענק. סטאַניסלאַוו איז צוגעשפּרונגען צום פענצטער, אָבער ער האָט זיך גלייך צוריקגעצויגן, דער צוג איז געווען באַשטעלט, איינער א יונגער זשאַנדאַר, וועלכער איז געשטאַנען אויף דער קעגנאיבערדיקער שכנותדיקער ליניע האָט א שמייכל געטאָן צו אים, מאַכנדיק דערביי מיט דער האַנט אַזאַ באַוועגונג, וואָס זאָל אים דערמוטיקן צום שפּרונג, גלייכצייטיק האָט ער זיך גענומען פאַרן רעוואָלווער... ער איז אויסגעשטיגן דער לעצטער, דער זשאַנדאַר ביי דער טיר האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן אָרעם, אָנווייזנדיק מיט כעס אויף דעם קויש, וואָס איז געבליבן שטיין אויף דער באַנק. דער דייטש האָט הויך געשריגן. סטאַניסלאַוו האָט זיך איינגעבויגן, כדי אויסצומיידן א קלאַפּ און אין א ווײַלע ארום האָט ער זיך שוין אויסגעמישט מיטן עולם.

אויפן פעראָן זענען אויף א באַשטימטן מרחק איינס פון צווייטן געשטאַנען צוויי טישלעך, ביי יעדן פון זיי איז געזעסן א גראַנאַטענער פּאָליציאַנט. די פּאַסאַזשירן מיט געפּעק האָבן די זשאַנדאַרן אָפּגעשיקט צו איין טישל, די וואָס אָן געפּעק צום צווייטן. סטאַניסלאַוו האָט זיך געפונען צווישן אַן אויפגערודערטן און צעפּלאָשעטן המון, די דעזאָריענטירטע רייזנדע האָבן נישט געוווּסט, צו

זיי האָבן גוט געטאָן, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט די פּעקלעך, צו־שלעכט.

— ביי יענע נעמט מען צו די פּעק — האָט געזאָגט א מענטש, וועלכער איז געשטאַנען לעבן סטאַניסלאַוון — איר זעט?

ער האָט געווענדט זיין בליק אין דער זייט פֿון צווייטן טישל. די פּראָצעדור, וועלכע איז פֿאָרגעקומען דאָרט איז געווען א ביז גאָר איינפאַכע: דער פּאָליציאַנט האָט קאָנטראָלירט די דאָקומענטן און באַפֿוילן אוועקלייגן די פּעקלעך, דערנאָך האָט ער די געליטענע געהייסן אָפּגיין אין א זייט, וווּ אונטער דער אויפֿזיכט פֿון עטלעכע באַן־וועכטער האָבן זיי באַדאַרפֿט וואַרטן אויף ווייטערדיקע באַפֿעלן. די אַרבעט פֿון פּאָליציאַנט, ביי וועלכן סטאַניסלאַוו איז געשטאַנען, איז געווען א פֿיל מער קאָמפּליצירטע. דער דיקער פֿאַרשוויצטער מאַן מיטן רויטן פּנים און העלע וואָנצעס האָט זיך נישט באַפֿרידיקט מיט איבערקוקן די דאָקומענטן. ער האָט געשטעלט געוויסע פֿראַגן, סטאַניסלאַוו האָט נישט געקענט אויפֿכאַפּן זייער זין, עס זענען צו אים דערגאַנגען בלויז האַלבע זאַצן פֿון די ענטפֿערס, וועלכע ס'האָט געגעבן אין דעם מאָמענט איינע א פֿרוי. פֿון א'רע ווערטער האָט געדרונגען, אַז זי פֿאָרט צו א טאָכטער.

— מיר וועלן נאָכקאָנטראָלירן — האָט געזאָגט דער פּאָליציאַנט און איר געהייסן אומקערן זיך אין וואַגאָן.

סטאַניסלאַוו האָט זי באַגלייט מיטן בליק, די זשאַנדאַרן און באַן־וועכטער האָבן אַרויסגעטראָגן פֿון די וואַגאָנען די איבערגעלאָזטע סחורות. לענגאויס דעם צוג אויפֿן פּעראָן זענען געלעגן אָנגעוואָרפֿן זעק, קוישן און קליינע פּעקלעך, אין וועלכע אויסער ברויט איז זיכער גאָרנישט געווען. פּלוצעם האָט זיך דערהערט א געשריי און די מענטשן, וועלכע זענען געשטאַנען ביים צווייטן טישל, האָבן זיך געלאָזט לויפֿן צו די וואַגאָנען, וועלכע זענען געווען אויסגעליידיקט און פּוסט. סטאַניסלאַוו האָט געקענט דעם דאָזיקן וואַנזיניקן אימפּעט פֿון אויפֿגערעגטן המון, דעם אימפּעט פֿון „הוימלאָזע", ווי ער האָט אים גערופֿן, וואָס פֿילן זיך בעסער, ווען זיי האָבן א וועלכן ס'איז דאַך איבערן קאָפּ. ווען אַפֿילו דאָס זאָל זיין בלויז דער דאַך פֿון א וואַגאָן פֿאַר בהמות, וואָס שלעפּט זיך טעג און נעכט צו די גאַז־קאַמערן.

דער פּאָליציאַנט, וועלכער איז געזעסן ביים טיש, האָט דערלויבט אייניקע פּאַסאַזשירן אומקערן זיך צום צוג, אַנדערע האָט ער געהייסן וואַרטן אין דער נאָענט. סטאַניסלאַוו האָט אָבסערווירט די דאָזיקע גרופּע, באַמיענדיק זיך צו טרעפן די סיבה, פאַרוואָס מען האָט די דאָזיקע מענטשן פאַרהאַלטן, אָבער קיין שום זאַך האָט נישט אָנגעוויזן אויף דער עקזיסטענץ פון אַ באַשטימטן אופן פון האַנדלען. צווישן די באַפרייטע, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט צו די וואַגאָנען, זענען מערסטנטייל געווען עלטערע מענטשן. סטאַניסלאַוו האָט זיך געפונען אין סוף פון דער ריי. שטעלנדיק זיך אויף די שפּיץ פינגער און קוקנדיק איבער די קעפּ פון די מענטשן, וועלכע זענען געשטאַנען פאַר אים, האָט ער געזען, ווי דער פּאָליציאַנט ציט אויס זיין האַנט נאָך אַ דאָקומענט, וועלכן ס'האָט אים דערלאַנגט איינער אַ דיקער מענטש, אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער דעם דאָזיקן מענטש געזען שטיין אין דער ערשטער ריי פון די פאַרהאַלטענע אויפן פּעראָן. דאָס פּנים פון דעם דיקן מענטשן האָט באַקומען אַ גראָען קאָליר, ער האָט זיך געשטיקט און מיט שוועריקייט געשפּיליעט דעם קאָלנער. זיינע אומרואיקע אויגן האָבן אויסגעזען, ווי זיי זאָלן זוכן הילף.

פון פּעראָן האָט מען אַראָפּגעפירט די אָנגערויבטע זאַכן, קליינע פּלאַטפאָרמעס אָנגעלאָדענע מיט זעק און קוישן און געשלעפּטע דורך אַרבעטער זענען אָפּגעפאָרן מיט אַ פרייליכן קלאַפּ פון די רעדער. די זשאַנדאַרן, אויפגעטראָגן פון דערפאָלג, האָבן אַסיסטירט דער דאָזיקער פּראָצעסיע, וועלכע איז גלייכצייטיק געוואָרן אָבסערווירט דורך די פענצטער אין צוג פון די געליטענע רייזנדע, אומגעדולדיקע מחמת דעם פאַרציען זיך פון דעם שטיין פון צוג. זיי האָבן שוין געוואָלט וואָס גיכער זיך געפינען אויסער דעם תהום פון קאָנפיסקאַציעס און קאָנטראָלן. זיי האָבן אינגאַנצן נישט געהאַט די זיכערקייט צי די זשאַנדאַרן וועט פּלוצעם נישט איינפאַלן צ גיי משוגעת... די פאַרהאַלטענע אויפן פּעראָן האָבן נאָך געהאַט די האָפענונג, אַז זיי וועלן באַפרייט ווערן און האָבן געציטערט ביים געדאַנק, אַז דער צוג קאָן נאָך אָפּפאָרן אָן זיי. דאָס פאַרבלייבן וואָלט באַדייט אַרעסט, אָפּשיקן אין תפיסה אָדער אין לאַגער.

די ריי איז געוואָרן קלענער. סטאַניסלאַוו איז אַלץ געווען דער לעצטער. ער האָט אויסגערעכנט אויף דעם, אַז נאָכן באַרויבן די

סחורות וועלן די דייטשן נישט וועלן פארלענגערן דאָס פארהאלטן פון דעם אזוי אויך שוין פארשפעטיקטן צוג, אָבער קיין שום זאך האָט נישט אָנגעדייט דעם סוף פון דער קאָנטראָל, וועלכע איז איצט פאָרגעקומען שוין בלויז ביי דעם איינעם טישל. „זיי זוכן עמעצן". ער האָט זיך גענוי צוגעקוקט צום פאָליציאַנט, ער האָט געהאַט אַן אַנשטענדיק פנים, איינס פון די, אויף וועלכע מען קען איבערלייענען, אז זיין באַלעבאָס באזיצט נישט קיין פאנטאזיע און נישט קיין פעיקייט צו זוכן אן אויסגאנג אין א פארפלאָנטערטער לאַגע.

סטאַניסלאַוו איז שוין געווען נאָענט פון טישל. פלוצעם זענען עפּעס איינע א פרוי און א יונגער מאַנספערשוין, וועלכע זענען געשטאַנען פאר אים, איבערגעגאַנגען צו דער גרופּע פון די פארהאַלטענע, די איבעריקע האָבן זיך אויפן באפעל פון פאָליציאַנט געלאָזט צום צוג. ער איז געבליבן דער לעצטער פארן טישל.

— אויסווייז — האָט געזאָגט דער פאָליציאַנט און א קוק געטאָן אויף סטאַניסלאַוון.

— ביטע — סטאַניסלאַוו האָט אים אונטערגערוקט דעם דאָקומענט אונטער די אויגן און גלייכצייטיק אריינגעשטעקט די רעכטע האַנט אין דער הויזן־קעשענע. אָנגעבויגן איבערן טישל, האָט ער שטיל געזאָגט:

— וועסט מיך נישט פארהאלטן! מיט מיר זענען פאראן מענטשן, וואָס קענען דיך.

— צום צוג — האָט דער פאָליציאַנט געזאָגט אויף א קול, נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ. זיין קארק איז פארלאָפן מיט בלוט.

— פרוו מיך נישט פארהאלטן! געדענק, איך בין נישט אליין! — די רעכטע האנט האָט ער אלץ געהאלטן אין קעשענע.

סטאניסלאוו האָט זיך אויסגעדרייט און רואיק, אָן איילעניש דורכגעגאנגען דעם פעראָן, דערנאָך ארויפגעשפרונגען אויפן טרעפּל פון וואַגאָן און אויפגעעפנט די טיר פון קופּע.

* *
*

אויף דער באַנגע־גאַס, אין אַ לאַנגן טונקעלן מאַגאַזין, וועלכער האָט געשמעקט מיט נאַפט, שמירעכץ און נאַפטאַלין און איז פאַר־לייגט געווען מיט זעק, בלעכענע פּושקעס, פעסלעך, באַלן פּאַפּיר און ראָגאָזשע, האָט אים באַגריסט אַ מענטש אין אַ שוואַרצן צעראַטע־נעם פאַרטוך, וועלכער איז געווען פאַרשמירט מיט פאַרשידענע פאַרבן. ער האָט זיך אַרויסגעשיילט פון דער טונקלקייט און צוגע־גאַנגען צו דער טובאַנק, וועלכע האָט צעטיילט דעם מאַגאַזין אויף צוויי טיילן: איינער — אַ באַדעקטער מיט שטויב, דער צווייטער אַ צוגערוימטער און אָטעמענדיקער מיט דער אומעטיקער אָרדענונג פון ערטער, וואָס ווערן זעלטן באַזוכט און קיינמאָל נישט דורכגע־לופטערט. דער מענטש אין פאַרטוך איז געווען אַ יונגער, מיט אַ לענגלעך פּנים, העלע גלאַט־פאַרקעמטע האָר, מיט אַן אויסדרוק פון לאַנגווייליקייט אין די אויגן, ווי ס׳זאָל שוין זיין אַ גאַנץ שפּע־טע שעה, אין דער צייט ווען אויפן זייגער, וועלכער איז געהאַנגען אויף דער וואַנט ביים אַריינגאַנג האָט זיך ערשט דערנעענטערט צו צען. דער מענטש אין פאַרטוך האָט זיך צוגעקוקט צו סטאַניסלאַוון אַ לענגערע ווײַלע און געשפּילט זיך דערביי מיט אַ שטיקל קייט, וואָס ער האָט געקנעטש מיט זייגע בלאַסע פינגער. ס׳האָט אויסגע־זען ווי ער זאָל נישט האָבן פאַרשטאַנען די פראַגע, סטאַניסלאַוו האָט דעריבער איבערגעחזרט:

— צי איז דאָ דער הער סענקאָווסקי?

— איך ווייס נישט וועגן וועמען איר גייט. דאָ געפינט זיך נישט קיין שום סענקאָווסקי.

— מעגלעך, אז ער איז איצט נישטאָ, אָבער איך ווייס, אז ער קומט דאָ.

— ניין — האָט געענטפערט דער יונגער מענטש און ער זיך געלאָזט גיין אין טיף פון מאַגאַזין.

— אויב אזוי וועל איך אליין כאַפּן אַ קוק אין דעם סקלאַד אויפן הויף.

— ווו? — אין זיין שטים איז נישט געווען קיין האָר העפ־לעכקייט.

— אין מאַגאַזין אויפן הויף.

— איר אײַלט זיך דאָס אַ ביסל — האָט אָפּגעענטפערט דער יונגער מענטש אין פאַרטוך מיט איראָניע אין דער שטים. — אָבער צי האָט דער הער גזשימעק אײַך דערלויבט?

— איך האָב אַ דרינגענדיקן ענין צום הער סענקאָווסקי.

— ער וועט זײַן, נאָר שפּעטער.

— וויפל אַזייגער?

דער יונגער מענטש האָט נישט געענטפערט און איז אוועקגעגאַנגען. „ווי לאַנג וועט מען דאַרפן וואַרטן? צי וועט ער בכלל קומען“? ער האָט אָנגעהויבן זײַן אומרואיק. דערנאָך איז דער מענטש מיטן פאַרטוך צוריקגעקומען, נאָר אויף אַלע פראַגן פון סטאַניסלאַוון האָט ער קורץ געענטפערט: „איך ווייס נישט“.

סטאַניסלאַוו איז געווען פאַרמאַטערט, פון דעמבלין קיין וואַרשע האָט ער נישט צוגעמאַכט קיין אויג, די צײַט האָט זיך אים אומענדלעך געצויגן. ער וואָלט זיך גערן אוועקגעלייגט שלאָפן אויף די זעק, וועלכע זענען געלעגן אין ווינקל און געלאָקט זײַן בליק. דער מענטש אין פאַרטוך איז געווען אַזוי ווײַט נישט העפלעך, אַז ער האָט אים אַפילו קיין שטול נישט דערלאַנגט. ער האָט זיך אויפגעפירט אַזוי, אַז סטאַניסלאַוו זאָל דערפילן, אַז ער איז נישט קיין געוואונטשענער גאַסט. אין אַ געוויסן מאָמענט, ווען דאָס שווײַגן איז שוין געוואָרן צו פריקרע און דאָס וואַרטן צו לאַנג, האָט דער פאַרקויפער געפרעגט סטאַניסלאַוון, וועלכע באַשטעלונג ער וויל מאַכן, וואָלט ער הערווייל געקאָנט אויסשרײַבן די קוויטן, אָפּוועגן אָדער אויסמעסטן די געוואונטשענע סחורה. די דאָזיקע ווערטער האָבן ווידער געוועקט סטאַניסלאַווס האָפענונג, ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער דאָזיקער מענטש וויל שאַפן אַ געוויסן לעגאַלן תירוץ פאַר זײַן אָנוועזנהייט.

— וועגט אָפּ עטלעכע קילאָ פאַרב — האָט סטאַניסלאַוו געזאָגט.

— וועלכע?

— איר ווייסט שוין וועלכע, זיי זאָלן קעגנזײַטיק האַרמאָניזירן.

— גוט. — דער פאַרקויפער האָט עפּעס אויסגעשריבן אויף אַ קאַרטל, וואָס ער האָט אויסגעריסן פון אַ בלאָק, וועלכער איז געלעגן אויף דער טאָמבאַנק. — און וואָס נאָך?

— און וואָס האָט איר דאָרט?

— צו דער פאַרב איז צום בעסטן איר זאָלט נעמען שליימקרייד. און פענדזלען האָט איר?

— ריכטיק! ווייזט מיר די פענדזלען!

— גוט. — דער פאַרקויפער האָט זיך אויסגעדרייט און אָנגעהויבן זוכן אויף די פּאָליצעס.

דער מאַגאַזין פון פאַרבן, לאַקירן און שמירעכצן אויף דער באַגנע-גאַס איז געווען איינע פון די אונטערנעמונגען, וואָס האָבן געהערט צו קאַראָל גזשימעק, וועלכער האָט זיך פאַרנומען מיט האַנדל און עקספּעדיציע פון סחורות אויף דעם געביט פון וואַרשע און פון דער גענעראַל-גובערניע. די מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, וועלכע האָבן געאַרבעט אין גזשימעקס מאַגאַזין אויף באַגנע, נישט אַזוי צוליבן פאַרגרעסערן דאָס פאַרמעגן פון באַלעבאָס, נאָר כּדי אַרויסצובאַקומען די אַנטשפּרעכנדיקע אַרבעטס-קאַרטן און באַשטעטיקונגען, האָבן אָן דער הסכּמה און אַפּראָבאַטע פון אייגנטימער פאַרוואַנדלט דעם דאָזיקן מאַגאַזין אין אַן אָרט פון קאָנטאַקטן סיי פאַר די קאָנספּירירטע וואַרשעווער טוער, סיי פאַר די געקומענע פון געביט. דאָ האָט מען געקאָנט אָנבינדן אַ קאָנטאַקט מיט דער אָנפירונג, איבערלאָזן רעקאָמענדאַציעס, אָפּנעמען וויכטיקע מאַטעריאַלן.

סטאַניסלאַוו איז שוין דאָ געווען נישט איין מאָל. דאָס לעצטע מאָל, ווען ער האָט זיך געזעגנט מיט סענקאָווסקין — אָנהייב אַפּריל — איז נאָך נישט געווען דער פאַרקויפער, וועלכער נעמט אים איצט אויף אַזוי אומגערן און מיט חשד.

דער מענטש אין פאַרטוך האָט געקענט זיין אַ פרעמדער און נישט וויסן, וואָס דאָ קומט פאָר, אָבער ער האָט פונקט אַזוי גוט געקענט זיין אַ מענטש אַ פאַרטרוילעכער. דער פאָרשלאַג צוצוגרייטן די סחורה איז געווען אַ באַווייז, אַז ער האָט דאָך געוווּסט, אַז מען דאַרף געפינען אַן אויסרייד פאַר סטאַניסלאַווס זיין אין מאַגאַזין אין דער צייט, ווען די מאָלערס מאַכן געוויינלעך זייערע איינקויפן. ער האָט געקענט די פּראַקטיק.

סטאַניסלאַוו האָט געוואָלט אַרויסגיין, דאָס וואַרטן האָט שוין צו לאַנג געדויערט, ער האָט געוווּסט, אַז אויפן הויף אין די מאַגאַזינען פון גזשימעקן, אין דורכגאַנג, געפינט זיך אַ קליינער צי-

מער, וועלכן מען רופט „קאַנטאָרקע“. דאָרט אין געהיים פון גזשימעקן, פון זיינע קליענטן, סוחרים און באַלמעלאָכעס „אַמטירן“ חברים, דערליידיקן אלע ענינים. מיט וועלכע עס קומען די פונקציאָנאַרן, סעקרעטארן און טעכניקער. נאָר איצט האָט ער זיך שוין נישט געקענט צוריקציען. ער האָט אזוי פיל מאָל פארזיכערט דעם פארקויפער, אז די דרינגלעכקייט פון דעם ענין צווינגט אים צו וואַרטן, אז דאָס אוועקגיין וואָלט געקענט אויסזען פארדעכטיק.

ער איז געווען הונגעריק, ס'האָט זיך אים געוואָלט טרינקען, ער האָט דאָך נישט געקענט פארלאָזן דעם מאגאזין. ער האָט זיך נישט געוואָלט ארומשלעפן איבער דער גאַס, מורא האָבנדיק, אז ער וועט זיך אויסמיידן מיט סענקאָווסקין. ענדלעך איז ער געקומען. א נידעריקער, א פעסט־געבויטער מיט געדיכטע שוואַרצוואָנצעס. ער האָט זיך פארשטענדיקט מיט סטאַניסלאַוון מיט א קורצן שמייכלענדיקן בליק.

— ווי גייען די געשעפטן? — האָט סענקאָווסקי געפרעגט מיט פארבאָרגענער איראָניע און א קוק געטאָן אויפן פארקויפער.

דער פארקויפער האָט געמאכט דעם אָנשטעל, אז ער רייבט אָפּ א פלעק פון פארטוך און נישט אָפּרייסנדיק דעם בליק פון דעם אָרט, וואָס ער האָט געריניקט, האָט ער געזאָגט:

— די סחורה איז צוגעגרייט. איך וועל באַלד אויסשטעלן די אַסיגנאַציע.

* *
*

דער הויף, וועלכער איז געווען ארומגענומען פון אלע זייטן מיט ווענט, איז געווען באַשטעלט מיט וועגענער. אין סאמע מיט אויף גרויסע באַלקנס איז געשטאַנען א פארזשאַווערטער משאַ־אויטאָן רעדער. דערנעבן איז געלעגן איבערגעקערט א טאַטשקע מיט א געלעכערטן דנאָ, און בלויז די צוויי אָביעקטן זענען געווען שרייענדיקע עדות וועגן פארנאכלעסיקונג און היזקות. די ווענט ארום זענען געווען פון פרישע ציגל, פון די זעלבע איז אויך געווען איבגעבויט דער מאַגאַזין מיט די פיל פענצטער, פון וועלכע בלויז א טייל איז געווען באַגלאָזט און פארקראַטעוועט. אין פלוג האָט זיך דאָ

גאָרנישט געענדערט, און דאָך, אין דורכגאַנג פון מויער צום מאַגאַזין, האָט עפּעס אויפגערודערט. זיין אויג, וואָס האָט זיך שוין אָפּגעוויינט אין די וועלדער פון די חורבע הייזער, האָט שווער אויפגענומען דאָס בילד פון אויסגעברענטע ווענט און רואינירטע מויערן. אין דעם מאָמענט, ווען סטאַניסלאוו איז ארויסגעגאַנגען פון וואָקזאַל אין שטאָט אריין, און אייגנטלעך נאָך פריער — ארויסקוקנדיק פון פענצטער אין צוג — האָט זיין בליק אויפגעכאַפּט דעם פינצטערן פייזאַזש, דורך וועלכן עס האָט דאָ און דאָרט דורכגעלויכטן דער הימל, וואָס האָט נאָך פארטיפערט אין אים דאָס געפיל פון אָנגעהעריקייט צו דער דאָזיקער שטאָט, וועלכע ווערט שוין אייניקע יאָר צעריסן און מאַלטרעטירט.

סענקאָווסקי האָט זיך פארנומען אויף לינקס און געזאָגט:

— קום ארויף אויבן. דערנאָך וועלן מיר שמועסן, גזשימעק איז נישטאָ. ווערסט זיך ארומוואַשן, דו זעסט אויס שרעקלעך.

אויפן צווייטן שטאָק האָבן זיך געפונען די אייגנטלעכע ביוראָס פון גזשימעקן: עטלעכע פארלאָזטע צימערלעך, וועלכע האָבן געשמעקט מיט שטויב און געווען פארשטעלט דורך טישן און שאַפעס מיט הילצערנע זשאַלוזיעס. אויף אלץ איז דאָ געלעגן דער חותם פון צייטווייליקייט. די טונקלקייט, וועלכע האָט געהערשט אין די צימערן, איז געווען א רואיקע, פון גאָרנישט געשטערט, עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אז קיינער קומט דאָ נישט אריין. אין קאָרידאָר איז אויפן הענגער, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל, געהאָנגען א שווארצער פארטוך. סענקאָווסקי האָט א שטופּ געטאָן די טיר אין באָד-צימער, וואָס האָט אויסגעזען פארנאַכלעסיקט און איז געווען פארשטעלט מיט פארשידן אלטווארג. די וואַנע איז געווען שמוציק, מיט פארגעלטע פאַסן.

— מאַך זיך א שפּריץ, איך וועל קויפן עפּעס צום עסן. איך קום באַלד צוריק.

סטאַניסלאוו איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, דורך וועלכן ער האָט געזען א שטיקל הויף און א טייל פון דער גאַס הינטערן מויער. ווען ער האָט אריבערגעטראָגן זיין בליק ווייטער, האָט ער פּלוצעם פארשטאַנען, אז אויף דעם דאָרטיקן שטח איז פאָרגעקומען עפּעס קאָשמאַראַטיקס, עפּעס אַזוינס, וואָס איז אין אַפּריל נאָך נישט געווען. אין דער ווייט, אין צפונדיקן טייל פון שטאָט, דאָרט, ווו עס

איז געווען דאָס געטאָ, האָט זיך געזען א קרומע צעריסענע ליניע פון חורבות, שווארצע קאָנטורן פון אָנשיטן, וועלכע האָבן געשראָקן מיט זייער פארגליווערטקייט. שווארצע שטיקער אייזן האָבן גלייכ־גילטיק געסטארטשעט צום הימל, עס האָבן אָנגעוואָרפן א פחד פארשרפהטע שיכטן ערד. דער פלאָנטער פון די דראָטענע שטריק, אייזערנע פרענטעס, באלקנס, איינגערעמט אין דער בלויקייט פון הימל, האָט פארוואונדעט דעם הלל, וועלכער האָט אים אויסגע־זען ריזיק, פיל ברייטער ווי דער, וועלכן ער האָט געקענט אָבסער־ווירן דורכן פענצטער איידער ער איז אוועק פון ווארשע.

וועגן דעם, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען סוף אַפּריל, האָט ער קיין סך נישט געוווסט. צו זיין אָפּטייל זענען דערגאנגען בלויז שוואכע אָפּקלאַנגען פון די קאַמפן, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין געטאָ. די ידיעות און קאָמוניקאטן פון דער אומלעגאלער פרעסע און פאר־טייאישע אויסגאבן זענען געווען נישט קיין פולע און זענען אָנגעקו־מען מיט פארשפעטיקונג. די פינצטערע קאָנטורן פון חורבות, אויף וועלכע זיין בליק האָט זיך אָנגעשלאָגן, האָבן אים דערמאָנט אין פריינד און חברים, וועלכע זענען דאָרט געווען פארמאכט. ער האָט געטראכט וועגן זיי מיט ווייטיק, בעת ער האָט זיך דערוווּסט וועגן אויפשטאנד. איצט זענען זיי ווידער ארויסגעקומען צו אים, ווי פון הינטער רעאַלע און שוידערלעכע טעאטער־קוליסן.

— ווען איז דאָס געשען? — האָט ער געפרעגט סענקאָווסקין.

— מיט וואָס ביסטו געקומען? — האָט ער געענטפערט, ווי ער זאָל כלומרשט נישט האָבן דערהערט די פראגע.

— איך האָב דאָס באדארפט אָפּגעבן אין לובלין...

— און וואָס?

סענקאָווסקי האָט צוגענומען דעם באריכט, צעוויקלט די זייט־לעך, א בליק געטאָן אין זיי און געזאָגט:

— פון לובלין ביסטו א שפרונג געטאָן צו אונדז! — און נישט לאָזנדיק אים קומען צום וואָרט צוגעגעבן: — און צו וואָס איינגנטלעך?

— רואיק, איך וועל אויפקלערן, וואַרט.

זיי זענען אריינגעגאנגען אין מאגאזין. א שמאָלער דורכגאנג צווישן פעסלעך און קאסטנס האָט געפירט אין דער „קאַנטאָרקע“ — א צימער אָפּגעצוימט פון די סחורות מיט א הילצערן ווענטל,

אָפּגעפּאַרבט אויף א שמוציקן האָניק־קאָליר. די „קאַנטאָרקע“ איז געווען נישט קיין גרויסע, אָן פענצטער. דאָס איינציקע לעמפּל, וואָס איז אראָפּגעהאָנגען פון סופיט, האָט געוואָרפן א בלאַסע, טרויעריקע שיין.

— דאָס וואָס איך האָב דיר אָפּגעגעבן, האָב איך באַדאַרפט איבערלאָזן אין לובלין, אָבער דאָרט האָט מען ארעסטירט די מענטשן.

— איך ווייס — האָט סענקאָווסקי א ברום געטאָן.

ער האָט נאָכאַמאָל אויסגעגלייכט די קאַרטלעך, באַקוקט זיי, ווי ער זאָל וועלן פעסטשטעלן, צי זיי זענען נישט באַשעדיקט געוואָרן, דערנאָך האָט ער זיי גענוי איבערגעציילט און פּינקטלעך אויסגעגלעט. ער האָט אָנגעהויבן לייענען. נישט געקוקט אויף דער קאַלטער באָד האָט סטאַניסלאַוו זיך נאָך אַלץ געפילט זייער פאַרמאַטערט; ער האָט פאַמעלעך געגעסן. די בולקע, וואָס סענקאָווסקי האָט געבראַכט, איז געווען אַלטגעבאַקן און געשמעקט מיט שימל.

אויפן פּנים פון סענקאָווסקין האָט זיך באַוויזן אן אויסדרוק פון אומזיכערקייט, דערנאָך פון פאַרלעגנהייט, צום סוף איז זיין געזיכט געוואָרן פינצטער און פאַרשלאָסן. סטאַניסלאַוו האָט אַנטדעקט אין דעם שטריכן, וועלכע ער האָט ביז איצט נישט באַמערקט, כאָטש ער האָט אים שוין געקענט פון עטלעכע חדשים. סטאַניסלאַוו האָט אָבסערווירט נישט בלויז זיינע אויגן, דאָס מויל, די שפּיל פון מוסקולן, נאָר ער האָט אויך באַמערקט דאָס ציטערן פון זיינע פינגער, וואָס האָט אויסגעגעבן אַלץ מער די דענערווירונג פון סענקאָווסקין. סטאַניסלאַוו האָט נישט געקענט דעם אינהאַלט פון באַריכט, נאָר אָבסערווירנדיק סענקאָווסקין, האָט ער געפּרוווט טרעפן דעם זין פון די ווערטער, וועלכע עס האָט איבערגעשיקט וולאַדעק, נאָר אָט האָט סענקאָווסקיס געזיכט זיך ווידער געענדערט.

עס איז נישט געווען קיין אינטערעסאַנט פּנים, נאָר איצט האָט סטאַניסלאַוו זיך אָפּגעגעבן א רעכענונג, וויפל אַנטדעקונגען מען קען מאַכן, אָבסערווירנדיק עמעצן, וועלכער ווייסט נישט, אַז ער איז אָבסערווירט. סענקאָווסקי, זייענדיק פאַרטאָן אין לייענען, האָט אויסגעזען, ווי ער זאָל זיך שטעלן פראַגן און ענטפערן אויף

זיי, אָדער ווי ער זאָל מיט זיין גאַנץ וועזן נאָכמאַכן דעם גרונט פון זאַכן און עניגים, וועלכע האָבן אים פאַרכאַפּט פולשטענדיק, אָן שום רעשט. אויספירן, דאָ ווידער אן אייליקער באַשלוס, פאַר־טראַכטקייט, אָדער אַ פאַרזיכטיקע רעציזיע — דאָס אַלץ איז איינגעקומען און זיך מאַניפעסטירט גלייכצייטיק מיט אַן אומעט, וועלכער איז נישט פאַרשוווּנדן פון דעם פנים פון דעם דאָזיקן מענטשן. ער האָט פאַמעלעך צונויפגעלייגט די צייטלער.

— דו ווייסט וואָס דו האָסט געפירט?

— ניין.

— וולאַדעק האָט דיר גאָרנישט נישט געזאָגט?

— ניין.

— די צאָל פון דער אָפּטיילונג און דער צושטאַנד פון באַוואָפענונג.

— איך האָב נישט געוווּסט.

— און מיט דעם האָסטו זיך געשטופּט קיין וואַרשע?

— וואָס דען האָב איך געהאַט צו טאָן?

— דו ווייסט, וואָס עס וואָלט געשען, ווען דו פאַלסט אַריין מיט דעם באַריכט?

— וולאַדעק האָט מיך געוואָרנט.

— געוואָרנט! — האָט סענקאָווסקי איבערגעריסן — און וואָס איז די פעולה דערפון?

סטאַניסלאַוו האָט געשוויגן.

— ווען פאָרסטו צוריק? — האָט סענקאָווסקי געפרעגט.

— עס וועלן נישט זיין קיין שום אויפגאַבן?

— עס וועלן זיין.

— און געלט?

— וועסט באַקומען. און וואָס נאָך?

— איך האָב נישט קיין סך צייט.

— פאַרוואָס?

— אין עטלעכע טעג אַרום טראָגן מיר זיך איבער ווייטער.

סענקאָווסקי האָט אַ שמייכל געטאָן.

— וואָס מאַכט דיך לאַכנדיק? — האָט סטאַניסלאַוו געפרעגט.

— איך ווייס שוין וועגן דעם מיט דריי טעג צוריק...

— פון וועמען?

— פון מארעקן.

— וולאַדעקס ברודער?

— יאָ.

— ער איז דאָ פאַראַן?

— און צו וואָס האָט ער באַהאַלטן וואַרטן אין דעם לובלין? ביז קלעמענס וועט אים פאַרשיטן?

— זיין מוטער האָט געזאָגט, אז ער איז פאַרשוואונדן.

— ער איז ביי אונדז.

— און וואָס איז מיט קלעמענסן?

— מיר ווייסן נאָך נישט. מען האָט אים גענומען צוזאמען מיט דער פרוי.

סענקאָווסקי האָט גערעדט מיט א גלייכגילטיקער שטים. דאָך האָט סטאניסלאַוו געפרעגט:

— האָסט מורא?

— פאַרט א פרוי. — דערנאָך האָט ער געפרעגט: — ווי וועסטו זיך פאַרהאַלטן?

— ווי געוויינלעך, אויף גראַניטשנע.

— וואָלסט געמעגט ענדערן די וווינונג. אַזוי איז דיר דאָרט באַקוועם?

— כ'האָב א ברירה?

— גיב נאָר אַכטונג, זאָלסט נישט אַריינפאַלן.

— ווייס איך וואָס! — האָט סטאניסלאַוו געענטפערט. — איך בלייב דאָך דאָ נישט אויף לאַנג.

— טאַקע דערפאַר! — און ווען סטאניסלאַוו האָט זיך שוין אויפגעהויבן אַוועקצוגיין, האָט ער צוגעגעבן: — דער שעף פון געזונטהייטס־אַמט האָט עפּעס אַן ענין.

— טעאָדאָר?

— יאָ.

— צו מיר?

— אפשר צו דיר. כ'זיך מיין, אז דו וועסט עס גוט דערליידיקן.

— וועגן וואָס גייט?

— פארשטענדיק זיך מיט אים.
— איך האָב זייער ווייניק צייט.
— איך וועל דיר געבן זיין אַדרעס.

* *
*

סטאַניסלאַוו איז זיך עטלעכע מאָל דורכגעגאַנגען איבער דעם קורצן אָפּשניט פון דער זלאָטע־גאַס און יעדעס מאָל, ווען ער האָט געמיטן דעם נומער 8, פאַרקוקט אין טויער, פאַרשטנדיק, וואָס אי־נעווייניק טוט זיך. עס האָט אויסגעזען אַזוי, ווי סענקאָווסקי האָט אים געזאָגט: אין טויער איז געשטאַנען אַ פּרוי מיט אַ קוישל, וואָס איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ גראָען האַנטוך.

דאָס אַריינגיין אין אַ טויער פון אַן אומבאַקאַנט הויז האָט אים שטענדיק אָנגעפילט מיט מורא, עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דערקענענדיק זיינע געהיימנישן, פאַרגוואַלדיקט ער עמעצנס רעכט, דאַקעגן וויפל מאָל ער האָט באַזוכט הייזער, אין וועלכע ער האָט געקענט די טרעפּ, די דורכגענג אויף די בוידעמער, די פאַר־באָרגענע טירן, וועלכע האָבן געפירט אויף אַ שכנותדיקער גאַס, דעמלט האָט דאָס דאָזיקע רעכט פאַרלוירן זיין באַדייטונג.

אַזעלכע דורכגענג זענען אין וואַרשע אין יאָר 1943 געווען זייער פיל: פאַרפּירערישע, פּילזייטיקע, אומוואַרשיינלעכע און דאָךווירקלעכע, פריינדלעכע, פול מיט פאַרבאָרגענע ערטער, וועלכע האָבן פאַרלייכטערט דאָס אַנטלויפן, דאָס פאַרשווינדן פון אַן אָפּע־נעם שטח אין אַן ענגן דורכקריך, אין וועלכן דער פאַרפאָלגער, איי־דער ער איז אַהין אַריינגעגאַנגען, האָט זיך קודם גוט באַטראַכט, ווייל ער האָט קיינמאָל נישט געקאָנט וויסן, וואָס איז פאַרבאָרגן אין דעם דאָזיקן שפּאַלט, וועלכער האָט זיך געשאַפן צווישן די אויס־געברענטע ווענט, וואָס דראָען מיט אומפאַלן. דאָרט, אין די דאָ־זיקע באַהעלטענישן, האָט אים באַגריסט אַ שווייגן, אַ שטילקייט, וועלכע איז געוואָרן איבערגעריסן בלויז דורך דעם לייכטן רויש פון אַראָפּפאַלנדיקן טינק, אָדער זאַמד.

ער איז געשטאַנען און אָבסערווירט דעם טויער פון דעם הויז, אין וועלכן אַ פרעמדע פרוי האָט פאַרקויפט ברויט. ער האָט

נישט באַמערקט עס זאָל האָבן עמעצער אַרויסגעגאַנגען אָדער אַריינגעגאַנגען, עס האָט אים באַהערשט אַ געפיל פון אומזיכער־קייט, ער האָט דאָך צו לאַנג וואַרטן דאָ נישט געקאָנט. ער איז אַריינגעגאַנגען אין דער טונקלקייט און קעלט פון דעם טויער. ער האָט זיך געלאָזט צו דער פרוי מיט אַ דעצידירטן טראָט.

דערזעענדיק אים, האָט די אומבאַקאַנטע פרוי גענומען דאָס קוישל, וואָס איז געשטאַנען אויף דער ערד, און זיך אָפּגערוקט, ווי זי זאָל מאַכן אַ דורכגאַנג.

— איך בעט צוויי ברויטן.

ביידע זענען געשטאַנען אין דער טונקלקייט. סטאַניסלאַוו האָט געוואָלט צוגעבן דער טרעפונג אַ צופעליקן כאַראַקטער.

— איך האָב נאָר איינעם — האָט געענטפערט די פרוי.

— איך מוז האָבן צוויי.

— פאַר וועמען?

— פאַר זיך און טעאָדאָרן.

— וואַרט צו פאַרן טויער, איך וועל באַלד ברענגען.

ער איז אַרויס אויף דער גאַס, אין אַ ווײַלע אַרום איז אים פאַרבײַגעגאַנגען אַ פרוי מיט אַ קויש אין האַנט. „דער טײַוול ווייסט, ווי לאַנג מען וועט דאָ דאַרפן שטעקן“. פּלוצעם האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער קען דאָס הויז, אַז ער איז שוין דאָ געווען. אויפן צווייטן, צי אויפן דריטן שטאָק האָט זיך געפונען די רעדאַקציע פון „וויאַדאָמאָשצי ליטעראַצקע“. דער סעקרעטאַר פון דער צײַטונג איז געווען בראָניעווסקי. ער פלעגט קומען צו אים אין די אויפנעם־שעהן, און אויף דער ביורקע, בײַ וועלכער עס איז געזעסן דער פּאָעט און וועלכע איז געווען פאַר־וואַלגערט מיט קאָרעספּאָנדענץ, האָט ער אָוועקגעלייגט זײַנע שאַ־פונגען. די ערשטע און לעצטע... דאָס איז געווען דאָס הויז.

ער האָט לאַנג נישט געוואַרט. די פרוי האָט זיך צוריקגע־קערט. הינטער איר איז געגאַנגען אַ מאַנספּערשוין, וועלכער האָט סטאַניסלאַוו אויסגעזען באַקאַנט. „האַכט זיך, אַז איך בין זיך נישט טועה“.

טעאָדאָר, אַ נידעריקער, ברייטפּלייציקער ברונעט, מיט פּאַ־מעלעכדיקע, כמעט פוילע באַוועגונגען, אַ באַהערשטער און רואי־קער, דערזעענדיק סטאַניסלאַוון, האָט אַ שמייכל געטאָן. נישט

פארהאַלטנדיק זיך, האָט ער אויסגעמיטן די פרוי, וועלכע איז ווי־דער אריינגעגאַנגען אין טויער.

— גיי נאָך מיר — האָט טעאָדאָר א שעפּטשע געטאָן צו סטאַניסלאַוון דורכגייענדיק און זיך שנעל הערווייטערט.

ער האָט מיט א שליסל אויפגעעפנט די טיר פון עפּעס א וווינונג און זיי האָבן זיך געפונען אין א טונקעלן צימער, א שטיל־קייט האָט געהערשט ארום. סטאַניסלאַוו איז געווען צופרידן, וואָס פּענקאָווסקי האָט אים קאָנטאַקטירט מיט א מענטשן, וועלכן ער האָט געקענט פונלאַנג.

— איך האָב פאר אייער אָפּטיילונג א דאָקטאָר — האָט טעאָדאָר געזאָגט.

סטאַניסלאַוו האָט זיך פאַרוואונדערט.

— דער קליינער וולאַדעק האָט מיר גאָרנישט געזאָגט וועגן קיין דאָקטאָר.

— און ער וועט אייך נישט צונויץ קומען? — טעאָדאָרס שמים איז געווען א מילדע און ווייכע.

— מיר גיבן זיך ווי ס'איז נישט אָן עצה.

— איך האָב א גוטן דאָקטאָר, גלייב מיר.

— אויב אזא גוטער, פאַרוואָס ווילסטו אים אָפּשטאַטן ביי אונדז?

— ווייל דו ביסט מיר אונטערגעקומען דער ערשטער. ווען עס וואָלט געקומען צו פאָרן עמעצער אַנדערש, וואָלט איך אים אָפּגעגעבן אָן אַנדער אָפּטיילונג.

— וואָלט איך אים אָפּגעגעבן!... — האָט סטאַניסלאַוו אונ־טערגעכאַפּט.

— דו ווייסט, אז איך קען זיך א ביסל אויף די ענינים. דאָס איז א גוטער דאָקטאָר.

— דער קליינער וולאַדעק האָט מיר וועגן דעם גאָרנישט גע־זאָגט.

— דאָס האָב איך שוין געהערט. אָבער פאַרוואָס אייגנט־לעך ביסטו אין כעס?

— איך האָב נישט געהאַט קיין באַפעל.

— דו מוזט אים נעמען.

— א באַקאַנטער?

— איך צווייפל צי דו קענסט אים.
— א פארטיי־חבר?
— ניין.
נאָך א ווײַלע שטילשווייגן האָט סטאַניסלאַוו געפרעגט:
— א זיכערער?
— דער סאַמע זיכערסטער.
— פונוואַנען?
— פון וואַרשע.
— א דערפאַרענער?
— זייער.
— ער ווייסט, וואָס אַזוינס איז דער וואַלד?
— ער איז געווען אין געטאָ.
— א ייד?
— דער באָרדן ברענט אונטער זיינע פיס.
— ער איז גרייט צום ארויספאָרן?
— איך מוז אים אָפּזוכן.
— דאָס וועט לאַנג דויערן?
— איך האָב דיר געזאָגט: מען דאַרף אים אָפּזוכן.
— איך האָב קיין צייט נישט. די אָפּטיילונג ענדערט אין עטלעכע טעג ארום דאָס אָרט.
טעאָדאָר האָט פאַנאַנדערגעפירט די הענט.
— איך וועל צואַיילן.
— און אפשר וועסטו זיך צוריקציען פון דעם געהאַנק? — סטאַניסלאַוו האָט בגנבה געכאַפּט א קוק אויף טעאָדאָרן?
— דער מענטש איז שוין ביים סוף פון זיינע כוחות. מוזט אים מיטנעמען.
— גוט, איך וועל אים מיטנעמען.
אין דער צייט ווען טעאָדאָר האָט צוגעגרייט טיי, האָט סטאַניסלאַוו זיך אויסגעפרעגט וועגן באַקאַנטע, קאָלעגן און חברים, וועלכע זענען געווען אין, אָדער אויסערן געטאָ. עס איז אויפגעקומען אין אים א געוואַלדיקע באַדערפעניש צו דערוויסן זיך וועגן זייער גורל, און דער דאָזיקער באַגער האָט אים אונטערגעריקט יעדע רגע נייע נעמען, פסעוודאָנימען און אַדרעסן פון דעם שטח, וועלכער איז מיט א חודש צוריק פאַראורטיילט געוואָרן

אויף אומקום, אַדרעסן, וואָס עקזיסטירן שוין מער נישט אין דעם אויסגעברענטן קווארטאל. טעאָדאָר האָט געענטפערט אומגערן, ער האָט אָנגעגעבן פּרטים, וועלכע שטאַמען, ווי ער האָט געזאָגט „פון דער צווייטער און דריטער האַנט“. סטאַניסלאַוו, וועלכער האָט פון דער פּאַרטיי־ארבעט געקענט פערזענלעך יוזעפן, שמעונען, באַסיען, קאַזיקן, האַנקען האָט געוואָלט וויסן, וואָס מיט זיי איז געשען, ווי זיי זענען אומגעקומען... און אפשר זענען זיי נישט אומגעקומען.

עס איז געוואָרן שטיל. ערשט נאָך א לענגערער ווײַלע האָט טעאָדאָר דערציילט סטאַניסלאַוון וועגן דעם, וואָס ער האָט אַליין געזען און איבערגעלעבט.

דאָס איז געווען א לײַדנשאַפטלעכע דערציילונג מיט פאַקטן, וועלכע ער אַליין האָט באַצייכנט ווי „אומבאַגרייפלעכע און אוממענטשלעכע“; אין דער דערציילונג זענען געווען רעלאַציעס אויסטערלישע, נישט צוטריטלעכע פאַר דעם נאָרמאַלן שכל. גלײַכגילט און פאַרברעכן, פאַנישע שרעק און דרייסטקייט — מיט די דאָזיקע ווערטער האָט טעאָדאָר באַצייכנט די געפילן, וועלכע האָבן זיך אַנטפּלעקט גלײַכצייטיק אין גאַנג פון די קאַמפן, וועלכע האָבן נאָך געדויערט.

— דו האָסט נישט געקענט מײַן פרוי — האָט טעאָדאָר צוגעגעבן שעפּטשענדיק.

— איך האָב זי נישט געקענט.

— זי איז געווען א ייִדישע. ביז אַפּריל זענען מיר געווען צוזאַמען, ווען דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן...

טעאָדאָר איז אַנטשוויגן. ס'איז געוואָרן פײַנלעך. סטאַניסלאַוו האָט געפילט, אַז טעאָדאָר באַהאַלט זיך אונטער דעם דאָזיקן שווייגן, און ער האָט זיך געוואַקלט, צי דאַרף ער די שטילקייט שטערן... ער האָט מורא געהאַט, אַז זײַנע ווערטער וועלן אייפרודערן טעאָדאָרס זכרונות־וועלט.

טעאָדאָר האָט געזאָגט:

— מײַן פרוי האָט געהאַט א גוטן אויסזען, עס האָט איר גאָרנישט געדראָט. נאָר דעמלט, ווען דאָס איז געשען, איז זי אַוועק צום געטאָ־מויער.

עס איז געוואָרן שטיל. סטאַניסלאַוו האָט געזאָגט:

— רעד נישט.

— ווען איך בין געקומען אהיים האָב איך אויפן טיש געפו־נען א צעטעלע: „מיינע האָרט קומען אום, איך וויל נישט בלייבן דאָ“.

סטאַניסלאַוו האָט באמערקט, אז טעאָדאָרס האנט ציטערט, ער איז אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צום פענצטער.

טעאָדאָר האָט געזאָגט:

— אפשר וועסטו מיר געבן צו פארשטיין, פארוואָס איז זי דאָרט געגאַנגען?

— איך? — האָט סטאַניסלאַוו איבערגעפרעגט א דער־שראָקענער — איך? פארוואָס עפּעס איך?

— פארוואָס איז זי דאָרט געגאַנגען? — האָט טעאָדאָר אי־בערגעחזרט, און סטאַניסלאַוו האָט זיך איבערגעשראָקן פאר דער דאָזיקער שטים.

זי האָט זיכער געוואָלט זיך דערוויסן, וואָס עס געשעט מיט אירע נאָענטע.

— יאָ — האָט טעאָדאָר געזאָגט מיט ביטערניש. — איך וואָלט נאָך דאָס פארשטאַנען, ווען זי זאָל הינטערן מויער געווען האָבן עמעצן א נאָענטן, אָבער זי האָט דאָרט קיינעם נישט גע־האט, פארשטייסט? קיינעם נישט!

— קיינעם נישט? — האָט סטאַניסלאַוו איבערגעחזרט. ער האָט זיך שווער אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט און דערפילט איר קעלט.

— קיינעם נישט.

* *
*

סטאַניסלאַוו האָט זיך פארהאַלטן אויף זיין אַלטער וווינונג גראַניטשנע 14, וווּ ער איז געווען איינגעמאָלדן שוין א לענגערע צייט. ער האָט דאָ געוווינט נישט אליין.

דאָס גרויסע צימער מיט צוויי פענצטער האָט זיך געפונען אויפן ערשטן שטאָק פון אן אָפּגעדראַפּעטן, פארלאָזטן און פינצ־טערן מויער. ווען סטאַניסלאַוו האָט זיך געפונען צום ערשטן מאָל

אין דעם צימער, וועלכן מען האָט אים פאַרגעלייגט, האָט אים איבערראַשט דער אומהיימלעכער קאָליר פון די ווענט. זיי זענען געווען געמאָלן מיט אַ טונקל-גראַנאַטענער אייל-פאַרב. סטאַניסלאוו איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל און זיך צוגעקוקט צו די אויסטערליש געמאָלטע ווענט, אַזעלכע איז אים נאָך קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו זען. דאָ און דאָרט האָט די פאַרב געגלאַנצט, און אין די דאָזיקע ערטער האָט די וואַנט אויסגעזען ווי פאַרשוויצט. „דאָס איז אַ קבר". און אין דער שוואַרצער ווינקל, וועלכע די שיין פון די פענצטער האָט קוים באַלויכטן, האָבן מענטשן געוווינט, זיך באַוועגט, געאַרבעט. דער מאַנגל פון ליכט און לופט האָט געמאַטערט די אויגן, האָט פאַרשטאַרקט דעם איינדרוק פון נויט. אין צימער זענען געשטאַנען עטלעכע בעטלעך. אין ווינקל האָט ער באַמערקט אַן אויסגעמוטשעטע, זיך צעפאַלנדיקע קאַנאַפּע.

— דאָ האָט געוווינט אַ זייגערמאַכער, אַ ייד — האָט געזאָגט ווי פאַרענטפערנדיק זיך אַן אויסגעמאַטערטע פרוי, די איינגעטימערין פון דער יידישער וווינונג, ווי זי זאָל וועלן אויפקלערן, אַז דער קאָליר פון די ווענט דאַרף נישט וועקן קיין אומצופרידנקייט אָדער פאַראַכטונג. — דער ייד איז געגאַנגען אין געטאָ — האָט זי צוגעגעבן — איך האָב באַקומען די צוטיילונג. —

לעבן דער פרוי איז געשטאַנען אַ האַר מיידעלע מיט אַ גלייכגילטיקן אויסדרוק פון פנים, „אַ פאַרטאַיעם חיהלע". די איינגעטימערין פון דער וווינונג איז געווען אַן אלמנה, דאָס צימער פון זייגערמאַכער, נישט געקוקט אויף זיין אויסטערלישן קאָליר, איז געוואָרן דער הויפּט-מקור פון איר פרנסה. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ וווינונג לעבן „אייזערנעם טויער" ווערט זייער הויך אָפּגעשאַצט.

סטאַניסלאוו איז געווען נישט דער איינציקער סובלאָקאַטאָר אין דער וווינונג פון מאַריע. יעדעס בעטל האָט געהערט צו אַן אַנדערער פּערזאָן. סטאַניסלאוון האָט מאַריע צוגעטיילט די קאַנאַפּע און גלייך, דעם ערשטן טאָג, האָט ער באַקענט די איבעריקע איינוווינער.

דאָס זענען געווען „טיטוניאַזשעס" וועלכע האָבן געהאַנדלט מיט טאַבאַק אויף דעם נאָענטסטן פּלאַץ פון אייזערנעם טויער,

ווי אויך די פריילין גראזשינא, וועלכע איז געווען באשעפטיקט אין דער קיך פון א באַר. זי פלעגט קומען פון דאָרט אויף גראַניטשנע אין דער לעצטער מינוט פאר דער פאָליציי־שעה.

די נעכט אין דעם הויז האָבן נישט געהערט צו די רואיקע. די פוילע שעהן, פארגאָסענע מיט בראָנפן, האָבן זיך געצויגן פאַמעלעך און סטאַניסלאַוו האָט געמוזט זיין פאָרזיכטיק, אז ער זאָל גראָד נישט וועקן קיין פארדאכט מיט זיין אנדערשקייט. ער האָט זיך באַמיט נישט אויסצוטיילן זיך, נאָכמאכן אין אלץ זיינע גייע באקאנטע, פארשטייענדיק זייער שנעל, אז אויב ער וועט בלייבן איינזאם, וועט ער זיך נישט אָפּראַטעווען. אָבער אינגיכן האָט זיך' ארויסגעוויזן, אז דאָס איז נישט גענוג: מען האָט באַדארפט די דאָזיקע מענטשן איבערשטייגן. ער האָט זיך באקענט מיט נייע געזעצן און קאָדעקסן, אינגאנצן אנדערע פון די, מיט וועלכע ער איז געקומען אין באַרירונג אין די תפיסות, ווען די שכנותשאפט מיט די קרימינעלע ארעסטירטע האָט אים דערמעגלעכט צו כאפּן א בליק אין דער טונקלקייט פון דער דאָזיקער באַזונדערער סביבה. פאַמעלעך האָט ער באַקענט די דאָזיקע וועלט, אין וועלכער עס האָבן געהערשט באַזונדערע באַגריפן פון לאָיאַליקייט, קאָנקורענץ און מענטשלעכקייט. ער האָט נישט געוווסט ווען זיי זענען אויפריכטיק: ווען זיי האָבן גערעדט צו אים אין א פייערלעכן טאָן, האָט ער געמיינט, אז זיי חוזקן פון אים, ווען זיי האָבן אים ארייננעצויגן אין זייער קאָמפּאניע און מכבד געווען מיט בראָנפן, האָט ער חושד געווען, אז דאָס וויל מען אים ספעציעל אָנשכורן, כדי אָפּצוווענדן זיין אויפמערקזאמקייט פון די פארבאָרגענע פלענער, וועלכע זיי האָבן לגבי אים.

— זיי זיך מודה, ווער ביסטו? — האָבן זיי נישט אויפגעהערט צו פרעגן.

— ווער? א מענטש, א פּאָליאַק.

— ביסט נישט ענלעך צו אונדז.

— און אז נישט ענלעך, איז וואָס?

— ווען מיר דיך טראַקטירן, ווי א גאַסט און נישט ווי קיין אונדזעריקן.

— טראַקטירט, ווי איר ווילט.

א שוואכע שיין האָט באַלויכטן די פּנימער, וועלכע זענען אַרויסגעשוווּמען אויפֿן טונקל־גראַנאַטענעם פֿאָן פֿון די ווענט, ווי אַן אָנגעבלאָזענער באַלאָן. דעמאָלט האָט איינער פֿון זיי געזאָגט:

— דו באַליידיקסט אונדז.

— איך? מיט וואָס?

— מיר גייען דיך נישט אָן.

זיי זענען געווען עמפּינדלעך און אָנגרייפֿעריש. אויף פֿראַגן פֿון האָגאָר האָבן זיי געהאַט זייער פּעסטע און אַנטשלאָסענע מיינונג, און אַ סך צייט איז פֿאַריבער, איידער ער האָט פֿאַרשטאַנען די גיכטערקייט פֿון זייערע אָפּשאַצונגען און זייערע אורטיילן אָן שום קאָמענטאַרן: נישט קאָמפּליצירנדיק די סיטואַציע, זענען זיי געגאַנגען צו זייער ציל.

יעדער פֿון זיי האָט געהאַט זיין בעט, אונטער וועלכן עס זענען געלעגן זעקלעך מיט טאַבאַק; דאָס שכורן איז פֿאָרגעקומען ביים טיש, וועלכן מען פֿלעגט שלעפּן ביי טאָג צום פֿענצטער און ביינאַכט אונטערן עלעקטרישן לעמפּל, וואָס איז אַראָפּגעהאָנגען פֿון פֿאַרקאָפּטשעטן סופיט, וועלכער האָט זיך מיט זיין פֿאַרב כמעט נישט אונטערגעשיידט פֿון די טונקל־גראַנאַטענע ווענט. ביי אַ גלעזל האָט מען אַרומגערעדט די געשעענישן פֿון פֿאַרגאַנגענעם טאָג, געטיילט זיך מיט ידיעות, פּליאָטקעס, דערציילט זיך וויצן. טראַגישע געשעענישן, פּונקט ווי פֿריילעכע געשיכטעס, האָט מען זיך איבערגעגעבן מיטן זעלבן טאָן, די רעאַקציע פֿון די צוהערער האָט נישט עדות געזאָגט נישט וועגן קיין פֿאַרקריפּלטקייט, נישט וועגן קיין אכזריות. די אויסגעלאַסנקייט האָט דאָ נישט געטראָגן דעם כאַראַקטער פֿון אַ זינד, גיכער האָט דאָ דאָס דערהויבענע געוועקט דערווידערונג.

ער האָט געטרונקען מיט זיי און זיך פֿאַרהאַלטן אין הסכם מיט זייערע מנהגים, איינגעשטעלטע איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל. ער האָט זיך אויסגעלערנט צוצופּאַסן זיך, נישט וועלנדיק אַרויסרופֿן קיין פֿאַרדאַכט אָדער ווידערווילן. ער האָט זיך צוגעקוקט צו זייער אויפֿפֿירונג. מיט דער צייט איז ער פֿון אַ געצווונגענעם אָבסערוואַטאָר געוואָרן אַ מיטבאַטייליקטער אין זייער לעבן. צייטנווייז האָט ער געטראַכט, אַז אָן די מענטשן וואָלט אים געווען נאָך ערגער: ער וואָלט געווען מער איינזאַם. ער האָט דאָ נישט בלויז גע־

ווינט, נאָר אויך געגעסן מיטאָג. מאַריע האָט געקאָכט פאַר די סובלאָקאַטאָרן, האָבנדיק דערפון א צוגאָבלעכע הכנסה. דאָס איז איר אָנגעקומען גרינגער זינט יענער צייט, ווען די פריילין גראַזשינא האָט אינדערשטיל אָנגעהויבן ברענגען פון באַר שטיקלעך פלייש.

די שמועסן זענען אין אָנהייב געווען אינטערעסאַנט; אָפט האָבן די מיטשמועסער זיך קעגנזייטיק געשטערט, יעדער האָט געוואָלט וואָס שנעלער טיילן זיך מיט דעם, וואָס ער האָט פאַרגעדענקט, און סטאַניסלאַוו האָט פאַמעלעך זיך באַקענט מיט דעם גאַנצן קאָמפּליצירטן לעבן פון פּלאַץ ביים אייזערנעם טויער: מיט זיינע עניגים, האַנדל, קאָנספּיראַציעס און מאַכינאַציעס. צוזאַמען מיט די, וואָס האָבן דערציילט, האָט ער געוואַנדערט פון סטראַגאַן צו סטראַגאַן, באַוויזן צו כאַפּן דעם צוג און צוריקגעקומען א באַלאָדענער מיט סחורות. ער האָט זיך דערוווסט דעם אופן פון שליסן טראַנזאַקציעס, דעם ווערט פון סחורות, די ריזיקע פון רעוויזיעס, רעקוויזיציעס און רויב. אין א געווויסן טאָג האָבן זיי דערציילט וועגן וויזיט פון געוועזענעם פּרעזידענט פון פּוילן, וואָיציעכאָווסקין, וועלכער האָט אויפן פּלאַץ געקויפט פאַר זיך טאַבאַק... די פריילין גראַזשינא, א מידע און שלעפעריקע, האָט זיך געגרייט צו לייגן שלאָפן אין איר ווינקל. דאָס טעכטערל פון מאַריע, אַרויסגעשלאָגן מחמת די הויכע שמועסן פון שלאָף, איז געזעסן א האַלב־אָנגעטאָנענע ביים טיש און, אָנשפּאַרנדיק דעם קאָפּ אויף די הענט, זיך צוגעהערט צו די דערציילונגען. אירע שוואַרצע אויגן האָבן געוואַנדערט איבער די פּנימער פון די שמועסער. א רואיקע, אַן איינגעהאָרכטע, האָט אויסגעזען, ווי זי זאָל פאַרשטיין די עניגים, וועגן וועלכע עס איז געווען א רייד. די אָנטיילנעמער זענען געבליבן בשלום צווישן זיך, נישט איבערגעריסן דעם שמועס און נישט אויפגעהערט זיך צו דערציילן אפילו דאַן, ווען עמעצער פון די אָנוועזנדיקע האָט זיך בגנבה אוועקגעשאַרט אין ווינקל, וווּ ס'איז געשטאַנען דאָס בעטל, אויף וועלכן ס'איז געשלאָפן די פריילין גראַזשינא. פון דאָרט האָט זיך דערטראָגן אַ שעפּטשען, שטילע רייד, אַ געמורמל, אַ סקריפּען פון מאַטראַץ. דאָס טעכטערל פון מאַריע איז איינגעשלאָפן ביים טיש צווישן געזאַנג און שכורע אויסגעלאַסענע געשיכטעס. די מו־

טער האָט געשמייכלט מיט א שמייכל, וועלכער פאסט זיך צו אליץ.

מען איז געגאנגען שלאָפן שפעט אין דער נאכט, שוין נישט קיין שכורע, באַרוישטע, פון סאמאָהאָן און שווערע פון פרעס. זיי האָבן זיך ארייגעוואלגערט אין זייערע בעטן, אָפט אין אָנטועכץ, אין די שטיוול. סטאניסלאוו איז אוועק צו זיין געלעגער, ארויסגעצויגן פון אונטער דער קאַנאַפּע דאָס קעסטל, אין וועלכן ס'האָט זיך געפונען זיין בעטגעוואנט, און זיך צוגעגרייט צום שלאָף. די איינגעפאלענע קאנאפע איז געווען נישט באקוועם, זי האָט אים געדריקט, ער איז געלעגן אויף איר אן אויסגעבויגענער: דער קאָפּ אין דער הייך און דער קערפּער אין א גרוב, פון וועלכער ער האָט מיט שוועריקייט ארויסגעצויגן די פיס אויפן צעראטענעם וואלעק.

— צי קען מען נישט א ביסל נידעריקער מאכן דעם צוקאָפּנס? — האָט ער געפרעגט מאריען גלייך נאָך דער ערשטער שלעכט דורכגעשלאָפענער נאכט.

— ניין.

— פארוואָס?

— ווייל דאָרט, ווו איר האלט דעם קאָפּ, איז אויסבאהאלטן דער ראדיאָ.

* *

*

מאריע איז געווען אין שטוב; ביים טיש, וועלכער איז געווען באשטעלט מיט פארשידענע מאכלים, איז געזעסן א הייפל מענטשן. אין דער מינוט, ווען ער האָט געעפנט די טיר, האָט ער זיך אָריענטירט, אז מען פראוועט עמעצנס נאָמענטאָג: מען האָט געזונגען אין כאָר „הונדערט יאָר“. איין אָדער צוויי פנימער האָבן אים אויסגעזען פרעמד. די מערהייט פון די, וועלכע האָבן זיך געפונען ביים טיש, זענען געווען וואַרשעווער, הורטאָווניקעס, וועלכע זענען קיינמאָל נישט ארויסגעפאָרן אין געביט נאָך סחורה, נאָר אָפּגענומען זי אויפן אָרט, באפרייענדיק די צוגעפאָרענע פון דעם קלאָפּאָט צו פטרן די צייט אויפן פלאַץ פון אייזערנעם טוי-

ער, ווי אויך פון דער ריזיקע פון רעקוויזיציעס, אָדער פון ווערן געכאַפּט דורך די דײַטשן. זיי האָבן זיך באַגריסט מיט דעם געקומענעם. מאַריע האָט אים אָנגעוויזן אַ ווינקל, איר טעכטערל האָט געזאָגט: „דער פעטער סטאַסיאָ איז געקומען", און געוואַרט אויף עפּעס, וואָס איז נישט געקומען.

— וו, בהורעץ, טוסטו זיך אַהין? — האָט געפרעגט אײַנער פון די אָנוועזנדיקע, ווענדנדיק זיך צו דער קאָמאָד, הינטער וועלכער סטאַניסלאַוו האָט זיך געוואַשן.

— כ'האָב רעכט זיך אַהינצוטאָן — האָט ער געענטפערט, פליוסקענדיק מיטן וואַסער און לאַכנדיק.

— דו, ברודערל, האָק מיר נישט קיין טשייניק מיט דײַנע רעכט, די רעכט קען איך. בעסער זאָג, וואָס טוסטו?

סטאַניסלאַוו איז אַרויסגעגאַנגען פון הינטער דער קאָמאָד, און אויסגעזוכט מיטן בליק דעם, וואָס האָט גערעדט, ער האָט אים געקענט: דאָס איז געווען וואַצלאַוו, אַ הויכער, געלער ברייטפּלייציקער מאַן מיט אַ רויט פּנים. ער פלעגט דאָ קומען געוויינלעך גאַנץ פרי אָדער צום סוף פון טאָג, ווי צו קאָנטראָלירן וואָס עס קומט פאָר אין דער וווינונג.

— איך האַנדל — האָט געענטפערט סטאַניסלאַוו, אויסווישנדיק זיך מיטן האַנטוך.

— מיט וואָס?

— מיט וואָס עס לאָזט זיך.

וואַצלאַוו האָט אַ קוק געטאָן אויף די פּאַרזאַמלטע, ווי ער זאָל אין זייערע פּנימער וועלן געפינען אַ באַשטעטיקונג פון זיין נישט־איינשטימיקייט, וועלכע ער האָט גלייך אַרויסגעזאָגט אין יווערטער:

— דאָס איז קיין שום ענטפער נישט. מיט וואָס? מיט לעדער? מיט מעל? מיט טאַבאַק?

— און דו פּאַרקויפסט פּאַטעגטן? — האָט סטאַניסלאַוו געענטפערט מיט אַ פראַגע.

— דו דרייסט. כלומרשט אַן אייגענער, און דרייסט.

— וואָס מאַטערט עס דיך? מיך גייט נישט אָן, מיט וואָס דו האַנדלסט.

— א גרויסע מציאה! דו זעסט דען נישט די זעקלעך מיט טאַבאַק? וואָס קענסטו מיר נאָך פאָרוואַרפן?

— איך מאַך קיינעם נישט קיין פאָרוואָרפן, אָבער נישט יע־דע סחורה פאַסט זיך אַריין אין זעקלעך.

— אָ, זעסטו, דאָס איז שוין אַן אינפאָרמאַציע.

— פאַר וועמען?

וואַצלאַוו איז אַנטשוויגן געוואָרן. ביז איצט האָט ער די ווערטער געבונדן אין זאַצן מיט יענער לייכטקייט, מיט וועלכער א געשיקטע האַנט פאַרבינדט א סטענגע, איצט האָט זיך מיט סטאַ־ניסלאַווס ענטפער געמאַכט א קנופּ. וואַצלאַוו האָט זיך פאַר־פּלאָנטערט אָן אויסוועג. די קאָלעגן, וועלכע זענען געזעסן בײַם טיש האָבן גלייך באַנומען די סיטואַציע, זייערע מינעס האָבן באַ־שטעטיקט די ערנסטקייט פון דער פראַגע, וועלכע סטאַניסלאַוו האָט געשטעלט. „ווארשיינלעך האָבן זיי אים נישט ליב, זיי זענען אוים צופרידן, וואָס איך האָב אים אַריינגעזאָגט".

* *
*

די צייט איז אַוועק אין דערוואַרטונג, ער האָט נאָך נישט געזען דעם דאָקטאָר, וועלכן ער האָט באַדאַרפט מיטנעמען מיט זיך אין וואַלד. עס האָט אים באַאומרואיקט דאָס פאַרציען, יע־דער טאָג, וואָס האָט פאַרלענגערט זיין אויפהאַלטן זיך דאָ, האָט אים דערהויטערט פון דער אָפּטיילונג, פאַרמערט די שוועריקייטן. „איך וועל זאָגן טעאָדאָרן, אז איך קער זיך אום, אז איך קען לענגער נישט וואַרטן".

אין א געווויסן טאָג, ווען זיי זענען געווען אליין, האָט וואַ־צלאַוו ווידער אָנגעהויבן דעם שמועס.

— זעסט שלעכט אויס — האָט ער געזאָגט מיט א לירישער גאָטקע אין דער שטים.

— עס איז מיט יעסן נישט געווען אַזוי פויגלדיק.

— וווּ ביסטו געווען?

— ביי דער משפחה.

— ער האָט זיך גאָרנישט געענדערט — האָט וואַצלאַוו גע־זאָגט, ווי צו זיך.

— און צו וואָס זיך ענדערן?

— ריכטיק. איך האָב נישט ליב אַז עלכע, וואָס ענדערן זיך.

— זעסטו שוין!

— אָבער די מלחמה ענדערט זיך.

— די מלחמה?

— יאָ. — וואַצלאַוו האָט אים צודרינגלעך אָנגעקוקט.

— איך פאַרשטיי נישט, וואָס האָט דאָס פאַר אַ שייכות דערמיט, צי איך האָב זיך געענדערט, צי נײן.

— שפּילסט, בחור.

— איך גיב דיר מיין וואָרט — האָט סטאַניסלאַוו געזאָגט.

— וואָס טוט זיך מיט דיר? צי גייסטו נישט אַרום אויף אונדזער ערד?

— איך גיי.

— און וואָס טוסטו אויסער דעם?

— איך האָב דיר שוין געזאָגט.

— דו קענסט נישט קיין מענטשן.

— איך קען.

— דו קענסט נישט! — האָט וואַצלאַוו אויסגעשריגן. — ער האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ און פאַרשעריש זיך צוגעקוקט צו אים.

— איך זאָג, אַז איך קען. — וואַצלאַוו האָט אים דענער־ווירט, אַרויסגעבראַכט פון געדולד.

— איך וויל מיט דיר זיך דורכשמועסן — האָט וואַצלאַוו געזאָגט.

— דאַכט זיך, אַז דאָס אייגנטלעך טוען מיר.

— אַז איך קוק אַזוי אויף דיר, זעט מיר אויס, אַז דו שפּילסט אַ תמעלע.

— איך?

— יאָ.

— און צוליב וואָס דאַרף איך דאָס טאָן?

— איך ווייס נישט, אָבער איך וועל זיך דערוויסן.

— דאָס הייסט, אַז דו אינטערעסירסט זיך מיט מיר?

— יאָ. ס'איז נישט דערלויבט?

— ס'איז דערלויבט. איך וואָלט נאָר געוואָלט וויסן, וואָס האָסטו אין מיר אזוינס דערזען?

— כ'האָב עס נאָך נישט צעקייט.

— צו וואָס קייען?

— נאָר וואָס דען? כ'זאָל דיך שמעקן?

— אלזאָ, אָדער קייען, אָדער שמעקן? — סטאַניסלאַוו האָט דערפילט, אז ער פאַרלירט די מעגלעכקייט זיך צו באַהערשן.

— איך דאַרף דיך האָבן — האָט וואַצלאַוו געזאָגט נאָך א לענגער שווייגן.

— פאַרוואָס עפּעס גראָד מיך?

— ווייל יענע קען איך שוין — ער האָט אָנגעוויזן מיטן בליק אויפן צימער, וואָס איז אין דער צייט געווען פּוסט.

— וואָס וועט עס דיר געבן?

— מײַן זאַך...

— איך קען דאָ גאָרנישט העלפן.

— און אויך דיינע.

— איך וואָלט באַדאַרפט וויסן, וואָס דאָס איז.

— אַן אָרגאַניזאַציע — האָט וואַצלאַוו געזאָגט.

— דאָס איז נישט פאַר מיר — סטאַניסלאַוו האָט געמאַכט מיטן קאָפּ א נעגירנדיקע באַוועגונג.

— דו דערציילט מיר נישט, אז דו פאָרסט צו דיין פאַמיליע.

— און דו האָסט נישט קיין פאַמיליע?

— אָבער איך פאָר נישט.

— און איך פאָר.

— הער אויס — וואַצלאַוו האָט זיך אָנגעבויגן צו סטאַניסלאַוון — איך וויל נישט פאָרשן דיינע פאַמיליע־אָנגעלעגנהייטן, איך האָב דאָס אין אונטן. דו ביסט מיר נייטיק.

— איך האָב דיר שוין געזאָגט. איך געהער נישט צו קיין שום אָרגאַניזאַציע און וויל נישט געהערן.

— האָסט זיך אנטוישט?

— איך האָב קיינמאָל נישט געגלויבט, כ'האָב אזוי אַרום נישט געהאַט אין וואָס זיך צו אנטוישן.

— טאָ הייב אָן — איז וואַצלאַוו געווען צופרידנגלעך.

— מיט דיר?
— יאָ.
— און ווער ביסטו?
— איצט זעסטו, הייבסטו אָן ריכטיק. ענדלעך האָסטו זיך פֿאראינטערעסירט.
— אַז דו שטייסט אַזוי צו.
— און ווען אפילו? — עס איז אריינגעטראָטן א שטילקייט, וועלכע וואצלאוו האָט אין א ווײַלע ארום איבערגעריסן: — ווען אפילו עס וואָלט גייטיק געווען א קלאפּ צו טאָן, כדי דיך צו באַארבעטן, וואָלט איך א קלאפּ געטאָן.
— איך צווייפֿל, צי דאָס וואָלט געגעבן א וועלכן ס׳איז רעזולטאט.
— אויך נישט אונטערן דרוק פון שרעק?
— אויך נישט.
— ווייסטו נאָך נישט, ברודער, דעם כוח פון שרעק.
— איך ווייס נישט און וויל נישט וויסן.
— דו האָסט שוין מורא.
— מיר האָבן נישט וועגן וואָס צו רעדן.
— מיר האָבן.
— ניין.
— זיי. — ער האָט זיך צוגעקוקט צו אים א ווײַלע און דערנאָך געזאָגט:
— איך האָב ליב אַזעלכע ווי דו.
— איך האָב מיינס געזאָגט.
— יעדער זאָגט זיינס, און דערנאָך טוט ער עפּעס אנדערש.
— וואצלאוו האָט מיט גרינגשעצונג א מאך געטאָן מיט דער האנט.
— דו רעדסט וועגן זיך?
וואַצלאַוו האָט אַ ציטער געטאָן.
— איך שעץ מענטשן.
— דארפסט זיך נישט פֿארענטפֿערן.
— איך פֿארענטפֿער זיך נישט. איך זאָג דיר בלויז, אַז ביי מיר איז פֿאר אלעמען דער מענטש.
— מעגלעך.

— נישט „מעגלעך“, נאָר זיכער.

— מעגלעך.

— הזר מיר נישט איבער כסדר דעם „מעגלעך“. הער, וואָס איך וועל דיר דערציילן. — ער האָט זיך צוגעזעצט צו סטאַניס־לאַוון. — איך בין געפאָרן מיט עטלעכע וואָכן צוריק פון טשענ־סטאָכאָוו, אין צוג האָב איך געטראָפן אן אלטן שול־קאָלעגע, א קאָמוניסט, פארשטייסט? איך ווייס, אז ער איז א פּעפּעראָ־וויעץ, נישט געקוקט אויף דעם בין איך מיט אים אריין אין בו־פעט, צוזאמען אָפּגעגעסן, אויסגעטרונקען און קיין שלעכט וואָרט נישט געזאָגט.

— און וועמען האָסטו באַדאַרפט זאָגן?

— דו פאָרש מיך נישט.

— איך פאָרש נישט, נאָר עס זעט אויס מאָדנע.

— וואָס?

— ווי דו זאָלסט חרטה האָבן, וואָס דו האָסט אָפּגעלאָזט ענעם מענטשן.

— זיי זענען אלע אגענטן פון מאָסקווע.

— און וואָס וואָלסטו מיט אזא איינעם געטאָן?

וואַצלאַוו האָט נאָך נעענטער צוגערוקט די שטול.

— דו פאָרשסט מיך שוין ווידער, פארוואָס?

— עס דוכט זיך דיר.

— עס דוכט זיך מיר נישט — און נאָך א ווײַלע שווייגן האָט ער צוגעגעבן: — ווער ביסטו פאר איינער?

— וואָס גייט דיר אזוי אין לעבן צו וויסן?

— עס גייט מיר.

— טאָ טרעף.

— א יידל.

סטאַניסלאַוו האָט זיך צעלאַכט.

— קודם כל בין איך צו הויך צו זיין א יידל, און וועגן דעם, אז איך בין א ייד, דערוויס איך זיך פון דיר.

— איך בין גאָרנישט זיכער, אז דו ביסט עס נישט.

— אפשר זאָל איך אראָפּלאָזן די הויזן?

— דו באַליידיקסט מיך ווידער.

— פאַרוואָס־זשע פאַרשטעסטו נאָך אזוי פאַרעקשנט צי איך בין א ייד?

— איך האָב זיי נישט ליב.

— ווער הייסט דיר?

— איך האָב זיי נישט ליב און עס געשעעט זייער גוט, וואָס מען ענדיקט זיי אוים.

— דו וואָלסט צוגעהאָלפן?

— נישט פארטראכטנדיק זיך.

נאָך א ווײַלע שווייגן האָט סטאַניסלאַוו געזאָגט:

— איך וואָלט נישט צוגעטראָטן צו דיין אָרגאַניזאַציע.

— פאַרוואָס?

— זי אַנטשפּרעכט מיר נישט.

— צוליב די יידן?

— ווי זאָל איך עס דיר זאָגן? — סטאַניסלאַוו האָט זיך געכאַפּט, אז ער איז פאַרפאָרן צו ווייט. ער האָט זיך צוגעקוקט צי וואַצלאַוו מיט אַן אומרואיקער נייגיריקייט.

— דו באַנעמסט זאַכן אויף א מאָדנע אופן — האָט וואַצלאַוו געזאָגט.

— פאַרוואָס א מאָדנע?

— ווי צעקראָכן, כ'האָב נישט ליב אזעלכע, ביסט א פּאָקראַקע.

— און וואָס האָסטו געמיינט?

— אז דו ביסט א האַרטער.

— האָסט זיך אַנטוישט?

— טיילווייז. און איך האָב גערעכנט אויף דיר.

— איך האָב דיר גלייך געזאָגט, אז איך טויג נישט צו דעם.

— א שאָד די צייט.

— נישט איך האָב דעם שמועס ארויסגערופן.

נאָך א ווײַלע שווייגן האָט וואַצלאַוו געזאָגט:

— קיינעם קיין וואָרט נישט דערפון.

— מעגסט זיין רואיק.

* *
*

די אָפנהאַרציקייט, מיט וועלכער וואַצלאַוו האָט מיט אים גערעדט, האָט אים פאַרוווּנדערט, אָבער גלייכצייטיק האָט זי סיגנאַליזירט די נאָענטקייט פון א געפאַר. „מען קען קיינמאָל נישט וויסן, וואָס אַזעלכן וועט פּלוצעם איינפאַלן אין קאָפּ“. ער האָט געוואַרט אויף אַן ענטפער פון סענקאָווסקין, ער האָט דאָך געמוזט אַרויסגיין פון שטוב, כדי צו מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער האָט וויכטיקע ענינים צו דערלייידיקן אין שטאָט.

ענדלעך האָט טעאָדאָר אים אָפּגעשמועסט מיטן דאָקטאָר.

די ערשטע טרעפונג איז פאָרגעקומען אויף דער גאַס, אויפן ראָג פון מאַרשאַלקאָווסקע און האָזשע, מיטאָג־צייט. עס איז געווען א שיינער, וואַרעמער טאָג. דער הויכער שטאַלטנער מאַנספערשוין פון א יאָר פערציק אין א גראָען אַנצוג האָט מיט זיין אויסערלעכן אויסזען נישט געקענט ציען די אויפמערקזאַמקייט נישט פון די געסטאַפּאָוצעס, נישט פון די שמאַלצאָווניקעס. סטאַניסלאַוו האָט אים דערקענט לויט דעם צייכן, וואָס טעאָדאָר האָט אים אָנגעגעבן: דער וואַרטנדיקער מאַנספערשוין האָט געהאַלטן זון־ברילן אין דער לינקער האַנט און אין דער רעכטער — א העל־בראָנזענעם פּאָרטפעל.

זיי האָבן זיך באַגריסט ווי גוטע באַקאַנטע און זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון פּלאַץ זבאַוויציעלא, פאַרבייטנדיק זיך מיט גאָרנישט זאָגנדיקע ווערטער, דאָך, נישט געקוקט אויף זייער נישטיקייט, האָט סטאַניסלאַוו גלייך דערקענט די אינערלעכע אָפּוועזנהייט פון דאָקטאָר; יעדעס וואָרט — אַזוי האָט סטאַניסלאַוו אָפּגעשאַצט — וואָס האָט נישט געהאַט קיין דירעקטע שייכות צו זיין פּערזאָן, סיטואַציע אָדער פּלענער, האָט דער דאָקטאָר אויפגענומען מיט סימנים פון אומגעדולד. סטאַניסלאַוו האָט פאַרשטאַנען, אַז דער דאָקטאָר, זייענדיק פאַרפאָלגט און נישט זיכער מיטן לעבן, האָט זיך אָפּגעוווינט פון אַלע סתם־ווערטער, וועלכע דינען נאָך אַנדערע ווי א פאַראַוואַן צו פאַרמאַסקירן זייערע אמתע פּלענער און מעשים. גייענדיק ביי זיין זייט, האָט ער זיך צוגעהערט צו די ווערטער פון דאָקטאָר, וועלכע האָבן פאַר אים אַנטפּלעקט אינערלעכע ציטערניש, אומזיכערקייט און פּחד. ער האָט אים געוואָלט באַרויִקן און פאַרזיכערט, אַז מיט זיין אויסערלעכקייט דערמאָנט ער אינגאַנצן נישט קיין ייד. אומזיסט!

דער צווייפל און די שרעק זענען שוין געוואָרן אַן אָרגאַנישע איינגעשאַפט פון דעם דאָזיקן מענטשן; די מורא האָט זיך באַזעצט אין אים און געקומען צום אויסדרוק אין זיינע ווערטער און באַוועגונגען. דער דאָקטאָר האָט צוגעאײַלט, געווען אומגעדולדיק, געוואָלט ארויספאָרן שוין, אָן שום אָפּלייגן.

ווען סטאַניסלאַוו האָט אים געפרעגט ווו ער וווינט, האָט דער דאָקטאָר געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער זאָל וועלן אָפּטרייבן עפּעס אָפּשטויסנדיקס.

— מיר גייט נישט אין אייער אַדרעס, איך האָב נאָר געוואָלט וויסן, צי איר האָט אַ וואָס פאַר ס'איז זיכער אָרט.

— יאָ, יאָ — האָט ער אָפּגעענטפערט נישט העפלעך — דאָס אָרט איז אַ גוטס, נאָר די מענטשן זענען נישט גוט.

— ווייל מען וועט באַדאַרפן צוואַרטן.

— לאַנג? — האָט ער אַ פרעג געטאָן מיט פאַרצווייפלונג.

— ניין, עטלעכע טעג.

— וויפל?

— דערויף קען איך אייך נישט ענטפערן.

— ווו וועל איך פאָרן?

— מיר וועלן פאָרן צוזאַמען.

— מיט אייך?

— יאָ.

— אָבער ווו?

— צי איז אייך נישט אַלצאיינס?

— אין אַ שטאָט? אין אַ דאָרף? ווו?

ער האָט גערעדט הויך, געאָטעמט שנעל. סטאַניסלאַוו האָט נישט געוווסט ווי אים צו באַרואיקן. ער האָט געזאָגט:

— אין וואַלד.

— דאָס הייסט צו די פאַרטיזאַנער.

— יאָ.

— דאָס איז גוט, דאָס איז זייער גוט.

סטאַניסלאַוו האָט געכאַפּט אַ קוק אויף זיין פינקטלעך אויסגעפּרעסטן אַנצוג און ריינעם קאָלנער.

— איך וואָרן, אַז ס'וועט אייך דאָרט זיין נישט גרינג. וויפל זענט איר אַלט?

— פּערציק.

— איז ווי מיינט איר?

— גאָרנישט קען שוין נישט זיין אזוי שרעקלעך, ווי מיין זיין דאָ.

אין אַ ווײַלע ארום האָט סטאַניסלאַוו געפרעגט:

— צי ווייסט איר, וועלכע פּאַרטיזאַנער?

— איך שטוים מיר אָן.

— אין וועלכער ריכטונג גייט אייער אָנשטויסן זיך?

— דאָס זענען לינקע פּאַרטיזאַנער.

— איך האָב געוואָלט, אַז איר זאָלט וויסן דערפון.

— עס איז מיר אלצאיינס.

— איך גלויב נישט, אַז אין אייער סיטואַציע זאָל דאָס זיין אזוי גלייכגילטיק.

— איך פאַרשטיי נישט וועגן וואָס איר רעדט.

— איר קענט זיך געפינען צווישן צוויי פייערן.

איך בעט אייך, רעדט קלאָרער — ער האָט געהאַלטן דעם פּאָרטפעל צוגעדריקט צו דער ברוסט, ווי אין מורא פאַר אַ קלאַפּ.

— צו אונדז שיסן נישט בלויז די דייטשן.

— איך מוז פונדאַנען אַוועקפאָרן.

— אָבער עס קען אייך נישט זיין גלייכגילטיק צו וועלכע פּאַרטיזאַנער.

— איך וואָלט געגאַנגען מיט יעדן.

— איר האָט נישט געזוכט קיין שום אנדערע מעגלעכקייטן אויסצובאַהאַלטן זיך?

דער דאָקטאָר האָט גערעדט נישט גערן, מורא געהאַט פאַר סטאַניסלאַווס צושטימונג, אָדער נישט צושטימונג, אפשר אפילו שפּאָס. געענטפערט בלומרשט סטאַניסלאַוו, אָבער אין דער אמתן גערעדט מיט זיך אַליין: פאַרטיידיקט די אמונה, וועלכע זיינע מיטגלויביקע האָבן אַרויסגעריסן ביי אים יעדן טאָג, יעדע שעה, דערקענענדיק אין אים א מענטשן פון אַ ווייטן שבט. ערשט איצט האָט סטאַניסלאַוו פאַרשטאַנען דעם גאַנצן ענין.

— לויט וואָס, לויט וואָס דערקענען זיי מיך? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט מיט פאַרצווייפלונג. — איך גיי מיט אייך דורך

דער שטאָט און האָב נישט קיין מורא פאַר די דייטשן. אָבער יע־רער אויסוואורף וועט גלייך דערקענען אין מיר...

— איר זענט דאָך אַ ייד, אַזוי האָט מען מיך אינפאָרמירט.

— ניין, ניין — האָט ער אָפּגעלייקנט מיט היץ — מיינע עלטערן זענען שוין געווען געשמדט, איך בין אַ קאַטאָליק, עס בינדט מיך גאָרנישט מיט די יידן. — ער האָט גערעדט מיט אַזאַ מאָן, ווי ער וואָלט סטאַניסלאַוון געוואָלט דערמאָנען, אַז ער ווייסט שוין וועגן דעם; פאַרוואָס־זשע צווייפלט ער? — איך בין אַ פּאָ־ליאַק, אַ קאַטאָליק, נישט געקוקט אויף דעם בין איך געווען אין געטאָ. — ער האָט זיך איינגעקוקט אין סטאַניסלאַווס פּנים אַ פאַרקלעמטער, ווי ער זאָל וועלן טרעפן זיין רעאַקציע אויף דעם.

— אין אונדזער אָפּטיילונג וועט דאָס קיינעם נישט אינטע־רעסירן. איר קענט אייך גלייבן. עס וואָלט אונדז אויך נישט אָנגע־גאַנגען, ווען איר זאָלט נישט זיין קיין פּאָליאַק.

— אַזוי מיינט איר?

— איך בין זיכער אין דעם.

— פונוואַנען די זיכערקייט?

— דאָס איז אַן אָפּטיילונג פון דער פאָלקס־גוואַרדיע.

— און עס וועט זיך ענדיקן?...

— וואָס?

— די פאַרפאָלגונג.

— זיכער.

— צי איר האָט נישט קיין טעות?

— ניין.

— ווייל איך האָב אַנדערע דערפאַרונגען.

— זיי אינטערעסירן מיך נישט. אין אונדזער אָפּטיילונג וועט אייך קיינער וועגן דעם נישט פרעגן.

זיי זענען איצט געגאַנגען פּאַמעלעך, שווייגנדיק, פּלוצעם האָט דער דאָקטאָר נאָכאַמאָל געפרעגט:

— צי בין איך ענלעך צו אַ ייד?

נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ האָט סטאַניסלאַוו געענט־פערט:

— מיט אַזעלכע עניגים האָב איך זיך קיינמאָל נישט פאַר־נומען.

— אָבער איר אָריענטירט זיך דאָך.

— דאָס גייט מיך אינגאַנצן נישט אָן.

— עפּעס איז דאָך פאַראַן, וואָס אונטערשיידט אַ פּאָליאַק פון אַ ייד.

— גאָרנישט אונטערשיידט זיי נישט.

דער דאָקטאָר האָט אַ קוק געטאָן אויף סטאַניסלאַוון מיט נישט זעעוודיקע אויגן.

— איר פאַרשטייט מיך נישט.

— ניין.

— די יידן האָבן כאַראַקטעריסטישע נעז, אויגן...

— עס אינטערעסירט מיך נישט.

— דאָס מוז אייך אינטערעסירן, ווען איך זאָל האָבן אַן אויסגעקרימטע נאָז, וואָלט איר נישט שפּאַצירט מיט מיר איבער מאַרשאַלקאָווסקע.

— ניין.

— הייסט עס, אַז עס גייט אייך דאָך אָן.

— ניין. דאָס האַלט איר אין איין רעדן דערפון, ביז נודנע־קייט. דאָס אינטערעסירט בלויז די דייטשן און זייערע געהילפן.

— און צו וואָס נעמט איר אויף זיך די ריזיקע?

— איך האָב זיך נישט אויסגעקליבן מיט אייך אויף אַ שפּאַ־ציר צוליב פאַרגעניגן ווענן.

עס איז ווידער געוואָרן שטיל. אין אַ ווײַלע אַרום האָט דער דאָקטאָר געפרעגט:

— וועט איר מיר הייסט עס נישט זאָגן, צי איך בין ענלעך צו אַ ייד.

סטאַניסלאַוו איז געבליבן שטיין און מיט פאַרוווּנדערונג אַ קוק געטאָן אויף דעם דאָקטאָר:

— פאַרוואָס שטייט איר אַזוי צו, אַז איך זאָל אייך ענטפערן אויף דער פראַגע?

דער דאָקטאָר האָט אָפּגעענטפערט שעפּטשענדיק:

— ווייל איך האָב אַ זון, איר פאַרשטייט. איך האָב אַ זון און איך מוז וויסן, צי ער איז ענלעך...

*   *
*

ענדלעך איז געוואָרן באַשטימט דער טערמין פון אַרויספאָרן. דירעקט פאַרן גיין אויפן וואָקזאַל האָט סטאַניסלאַוו נאָך באַדאַרפט אָפּטרעטן ביי סענקאָווסקין אויף באַנגע, כדי אָפּצונעמען דאָס געלט. וואָס איז געווען באַשטימט פאַר דער אָפּטיילונג.

סטאַניסלאַוו האָט געוווסט, וואָס דאָס „אָפּטרעטן" אויף באַנגע באַדייט: וואָלט דאָ געגאַנגען אויסשליסלעך אין געלט, וואָלט דער ענין פונעם אַרויספאָרן געווען רייף נאָך מיט עטלעכע טעג פריער, זיכער זענען פאַראַן נאָך איינציקע ספּעציעלע אויפגאַבן, וועלכע סענקאָווסקי דאַרף אים איבערגעבן. ער איז דערויף געווען צוגעגרייט, פּונקט ווי פאַר דעם ערשטן און צווייטן מאָל פון זיין זיין דאָ.

עס האָט אים אויך דערוואַרט נאָך איין שמועס מיטן דאָקטאָר, ווען ער האָט באַשטימט דאָס אָרט און די שעה פון טרעפן זיך. סטאַניסלאַוו האָט נישט אָן מורא געטראַכט וועגן דעם: ער איז געווען זיכער, אַז דער דאָקטאָר וועט אין דער לעצטער מינוט רעזיגנירן, נישט אַזוי פון פּחדנות, נאָר מחמת אַנדערע נייע מעגלעכקייטן פון אויסבאַהאַלטן זיך. ער איז געקומען צום אויספיר, אַז ער האָט שלעכט געטאָן, וואָס ער איז איינגעגאַנגען אויף דעם פאָרשלאַג פון טעאַדאָרן. דער דאָקטאָר האָט אידעיש גאָרנישט פאָרגעשטעלט מיט זיך, אויב ער האָט געהאַט טענות, זענען זיי געווען בלויז אין באַצוג צו זיינע מיטגלויביקע, וועלכע האָבן אים נישט געוואָלט אָנערקענען ווי אַ גלייכווערטיקן מענטשן, און אָנהענגער פון דעם זעלבן גלויבן. אפשר האָט ער ווירקלעך „עפּעס" אין זיין אויסזען? ער האָט דאָך אַ טראַכט געטאָן, אז אין די דאָזיקע פאַרהעלטענישן איז צום וויייניקסטן וויכטיק צי ער זעט אין דאָקטאָר שטריכן, וועלכע טיילן אים אויס פון די אַלע, וועלכע האָבן רעכט רואיק דורכצוגיין די גאַס, אָדער צו מאַכן א רייזע פון וואַרשע קיין לובלין. „איך האָב שלעכט געטאָן, איך האָב באַדאַרפט זאָגן טעאָדאָרן, אַז איך קען אים נישט מיטנעמען". ער האָט זיך אויך דערמאָנט אין דעם עקשנותדיקן אויספרעגן זיך פון דאָקטאָר, ווען ער האָט גערעדט וועגן זון. „איך האָב ביי אים צוגענומען דעם רעשט גלויבן אינעם אָפּראַטעווען זיך פון זון".

דאָס ברענגען צו פֿירן דעם דאָקטאָר איז אין אַ געוויסן זיי
געווען קעגנזעצלעך צו דער דיסציפּלין, וועלכע האָט פֿאַרפֿליכטעט
א וואַלד=אָפּטיילונג. ער האָט באַדאַרפֿט מיטנעמען מיט זיך א
מענטשן, וועלכער איז אים געווען אומבאַקאַנט, אַן אומפּאַר=
אישן, וועלכן עס בינדט נישט קיין דיסציפּלין, אַ באַהערשטן פֿון
שרעק, וועלכע לאָזט זיך לייכט אַרויסלייענען פֿון אים. ער האָט נאָך
געקענט באַווייזן צוגיין אויף זלאָטע און בעטן די פֿרוי, וואָס די=
זשורירט ביים טויער, אז זי זאָל אים פֿאַרבינדן מיט טעאָדאָרן,
אָבער ער האָט מורא געהאַט, אז טעאָדאָר וועט אים אָפּשיקן מיט
גאָרנישט. די נאָענטקייט פֿון אָפּפֿאָר=טערמין האָט נאָך פֿאַר=
שטאַרקט זיינע ספֿקות. „דער טייוול ווייסט, ווי די רייזע וועט
אַדורך, אפֿשר זעט ער ווירקלעך אויס פֿאַרדעכטיק?“
אָבער דער אויסזען פֿון דאָקטאָר האָט נישט געקענט וועקן
קיין שום ספֿקות. סטאַניסלאַוו האָט דאָס פֿעסטגעשטעלט מיט דער
גאַנצער זיכערקייט: ער האָט אים גראָד דערזען, ווי ער דערנענ=
טערט זיך. א רואיק געזיכט, אַ גלייכע נאָז, אַ הויכער, גלאַטיקער
שטערן און דער גאַנג פֿון א מענטשן א באַהערשטן, וועלכער איז
גלייכגילטיק צו אַלץ, וואָס עס קומט פֿאָר אַרום אים. אָבער סטאַ=
ניסלאַוו האָט גוט געקענט דאָס דאָזיקע פֿאַרמאַסקירטע און אומ=
זיכערע דורכגיין די גאַס פֿון מענטשן פֿאַרפֿאָלגטע און איבערגע=
שראָקענע: ווי נישט געזעענע הענט זאָלן האַלטן אויסגעשפּרייט
פֿאַר זייערע אויגן א צייטונג. אַ נערוועזער טראָט, א שנעלער און
געהעמטער גלייכצייטיק, אַן איינגעהאַלטענער און צוגעאיילטער
און אַ בלאָנדזשענדיקער בליק, ווען דער קאָפּ, געהאַלטן אומבאַוועג=
לעך, פֿאַרלייקנט דאָס וואכזאמע איינהאָרכן זיך. ער האָט די
מענטשן דערקענט פֿון דער ווייט, אָבער נישט בלויז ער האָט זיי
דערקענט. עס האָבן זיי אַרויסגעפֿאנגען פֿון צווישן המון די, וועלכע
האָבן איינגעאָרדנט א געיעג אויף די דאָזיקע אומגליקלעכע, די
נישט עטאַטירטע מוסרים און געלעגנהייטס=אידעאָלאָגן פֿון באַ=
שלוסן, אָנגענומענע אויף דער איינער רגע, אויף דער פֿאַסיקער
מינוט, ווען אַ גוטע אָריענטאַציע קען דינען דעם שאַנטאַזש און
פֿאַראַט.
„ער פֿארטיידיקט זיך קעגן דער באַנדע מיט זיין קאַטויליש=
קייט“ — האָט ער געטראַכט. סטאַניסלאַוו וואָלט אים געקאָנט

דערציילן וועגן אַ היפּשער צאָל אַזעלכע קאַטוילישע לעבנס־געשיכטעס, צווישן אַנדערע אויך אַ געשיכטע פון א קסיאָנדז, וועלכן אייניקע געפעליקע קאַטאָליקן האָבן אריינגעפּאַקט אין געטאָ; אַנדערע קאַטאָליקן האָבן אים פון דאָרטן אַרויסבאַקומען.

„וועמענס ווילן, וועמענס פאַרלאַנג האָט געהאַט אַ גרעסערע באַדייטונג, א גרעסערע איבערצייגונגס־קראַפט?" סטאַניסלאַוו האָט נישט דראַמאַטיזירט די דאָזיקע געשעענישן: ער האָט געקענט אַזעלכע פאַלן, ווען אַלטע ענדעקעס, דעצידירטע אַנטיסעמיטן, האָבן איצט אויסבאַהאַלטן יידן: די נייע פאַקטן און געשעענישן האָבן פאַרלייקנט די פּרינציפּן, וועלכע זיי האָבן ביז ערשט נישט לאַנג פאַרערט. „זיי האָבן אַליין פאַרזייט דאָס שלעכטס, איצט האָבן זיי דערזען די פּרוכט". אָבער אַנדערע האָט די זעלבע פּרוכט געפרייט, די האָבן אין דעם אַלעמען זיך גערן באַטייליקט, אָפּטמאָל נישט האָבנדיק דערפון גאָרנישט, צוליב דער בלויזער אידעע. עס האָבן אים איבערראַשט די ידיעות, וועלכע זענען צו אים דערגאַנגען דורך חברים און באַקאַנטע, וועגן פינצטערע פאַרברעכערישע אַקטן פון שאַנטאַזש. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער פאַרשטייט די מאָטיוון, אָבער ער האָט זיי נישט געוואָלט אָנערקענען, ער האָט זיך געווערט קעגן זיי. לכתחילה האָט ער געהאַט א סאַטיספאַקציע פון דעם, וואָס די זעלבע מענטשן, וועלכע גייען אין קאָשציאָל, זענען מתפלל, זענען גלייכצייטיק אויסוואָרפן: דאָס האָט געשטימט מיט זיין פּראָפּאַגאַנדע־סכעמע. ערשט שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן צו באַמערקן אַנדערע דערשיינונגען: גלויביקע האָבן געראַטעוועט די אומגליקלעכע גראָד דערפאַר, וואָס זיי זענען גלויביקע. „און אויב עפּעס ענלעכעס וועט געשען אין דער אָפּטיילונג?" זיין אָנוועזנהייט, ווי אויך די אָנוועזנהייט פון נאָך עטלעכע קאָמוניסטן האָט פון פאָרויס באַשטימט דעם דאָזיקן ענין, עס איז דאָך נישט צום פאָרשטעלן זיך, אַז דאָרט זאָל אויפקומען אַזאַ פּראָבלעם. „אויב אַזוי, פאַרוואָס באַרעכן איך די כוחות?"

די טרעפונג האָט געדויערט קורץ. סטאַניסלאַוו האָט אים איבערגעגעבן, אַז אין צוויי טעג אַרום, פּינקטלעך 12 בייטאָג וועט ער זיין אויף דעם הויפּט־וואָקזאַל און אים אָפּוואַרטן. זיי האָבן זיך אויך אָפּגערעדט, אַז דער דאָקטאָר וועט איינשטייגן נאָך אים אין

זעלבן קופּע, אָבער אין משך פון דער גאַנצער צייט וועלן זיי זיך פאַרהאַלטן אַזוי, ווי זיי זאָלן זיך נישט קענען.

— אין אַלגעמיין האַלט זיך שטענדיק אויף אַ באַשטימטן מרחק פון מיר.

— איך פאַרשטיי.

— אין צוג איז אייך נישט דערלויבט צו שליסן קיין שום באַקאַנטשאַפטן, אָדער זיך ארייַנלאָזן אין שמועסן. באַגרענעצט זיך צו ווערטער, גאָרנישט זאָגנדיקע און צו גאָרנישט פאַרפליכטנדיקע.

— איך פאַרשטיי.

* *

*

עס איז געשען אַזוי, ווי סטאַניסלאַוו האָט פאָרויסגעזען. ווען ער איז געקומען צו סענקאָווסקין נאָך געלט, האָט ער אים דערקלערט, אַז ער האָט נאָך פאַר דער אָפּטיילונג צוגאָבלעכע פאַראָרדענונגען, וועגן וועלכע ער האָט ביז איצט נישט געוואָלט רעדן. דערנאָך האָט ער פאַרענטפערנדיק זיך אויפגעקלערט, אַז ער אַליין האָט אויך געוואַרט אויפן באַשלוס פון דער אָנפירונג, ווייל דער ענין איז געווען אַ קאָמפּליצירטער און האָט געפאָדערט, מען זאָל אים גוט באַטראַכטן. דערנאָך האָט סענקאָווסקי אָנגעהויבן רעדן וועגן געשעענישן, וועלכע זענען אין גרונט גענומען געווען באַקאַנט און האָבן נישט געפאָדערט נישט קיין סובטעלן אַנאַליז, נישט וועלכע ס'איז באַזונדערע אויפקלערונגען — אַזוי האָט סטאַניסלאַוו אָפּגעשאַצט. פון סענקאָווסקיס ווערטער איז דאָך אַרויסגעדרונגען, אַז ער באַנעמט דעם ענין צו פּשוט, פּאַסט אים נישט אויף לויט זיין גאַנצן פאַרנעם. פראַגמענטן, וועלכע אונטערשיידן זיך צווישן זיך זייער קנאַפּ, ענלעכע אין זייער פאַרלויף, באַקומען אין געביט אַן אַנדער באַדייט.

די פאַרטערישע מאָרדן און פּראָוואָקאַציעס פון אייניקע אָפּטיילונגען אונטערגעאָרדנטע דער אָנפירונג פון אַ. ק. האָבן פאַראַליזירט נישט בלויז די אַקטיוויטעט, וועלכע איז געווען געוואָנדן קעגן די דייטשן, נאָר האָבן געגרייכט פיל ווייטער אויסער דער ספערע פון די קאַמפּף־אַקציעס — זיי האָבן דעמאָראַליזירט די

מענטשן. סענקאָווסקי האָט גערעדט וועגן דער קלאַסן=באַדייטונג פון די דאָזיקע ענינים און אומאויפהערלעך אונטערגעשטראָכן די נויטווענדיקייט צו נעמען אין באַטראַכט און אָפּשאַצן דעם געזעלשאַפטלעכן באַשטאַנד פון די פּאַרטיזאַנער=אָפּטיילונגען פון א. ק.

— ווער איז אין די דאָזיקע אָפּטיילונגען? — ער האָט געשטעלט די פראַגע און נישט וואַרטנדיק אויף ענטפער האָט ער ווייטער גערעדט. ביים קלאַסיפיצירן די מענטשן האָט ער זיך סומך געווען אויף באַגריפן טעאָרעטיש ריכטיקע, אָבער דעם צוהערער האָבן זיי אויסגעזען צו גלאַטיק און געוועקט דערווידערונג: אין די געדיכטענישן פון וואַלד האָבן די האַנדלונגען, געדאַנקען און באַשלוסן באַקומען אַן אַנדער זין און באַדייטונג. סטאַניסלאַוו האָט געהאַט בדעה אים איבערצורייסן, ער האָט חשק געהאַט צו דערציילן סענקאָווסקין עפּעס וואָס וועגן דעם, וואָס איז אויפגעקומען אין דער טונקלקייט, וועגן מענטשלעכע אָנשטרענגונגען, באַגערן, געהיימע כוחות, וועלכע פאַרשווינדן, אָדער עקזיסטירן בכלל נישט אין שטאָט, אַפילו אין אַזאַ שטאָט, וואָס שטיקט זיך אין דער פּעטליע פון אָקופּאַנט. סטאַניסלאַוו האָט אָבסערווירט סענקאָווסקין מיט אַ געוויסער מורא, טראַכטנדיק, אַז די אַלע איינשטעלונגען און דירעקטיוון, וועלכע זענען אַזוי וויכטיק און וועזנטלעך פאַר דער אידעאָלאָגיע און האַנדלונגען פון דער פּאַרטיי, שפּילן דאָך דאָרט אין וואַלד, אין דער פּראַקטיק, אַ זייטיקע ראָל, וועלכע האָט אַ גאָר קנאַפּע, אָדער בכלל נישט קיין באַדייטונג.

סענקאָווסקי האָט געזאָגט:

— דו ווייסט, אַז מיר האָבן זיך צום צווייטן מאָל געווענדעט צו דער דעלעגאַטור, און וועגן דעם דאַרף מען דערציילן די מענטשן, דאָס איז וויכטיק, זייער וויכטיק. זאָלן זיי וויסן, אַז ביידע אונדזערע פאָרשלאָגן וועגן פאַרשטענדיקונג זענען געוואָרן אָפּגעוואָרפן. מיר האָבן געוואָלט צוזאַמענאַרבעטן — דערפאַר האָבן מיר אָנגעבונדן די קאָנטאַקטן מיט די פאָרשטייער פון דער דעלעגאַטור, מיר האָבן אָנגעוויזן אויף פאַקטן, מיר האָבן געשריבן אויפריכטיק, אָפן, מיר האָבן אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער אָפנקייט פון אונדזער האַנדלונג, מיר האָבן נישט אויסבאַהאַלטן די צילן. סטאַלינגראַד איז נאָך נישט געווען, אָבער מיר האָבן געוווּסט, אַז די מלחמה איז אַריין אין אַ דעצידירטער פאַזע, ווי זאָל שוין זיין איצט?...

„צו וואָס דערציילט ער מיר דאָס אַלץ?" — האָט סטאַניס־לאַוו געטראַכט. ער האָט נישט געוואָלט סענקאָווסקין אַרויסווייזן קיין גלייכגילטיקייט. ער האָט אים נישט געוואָלט איבעררייסן מיט א באַמערקונג, אַז די דאָזיקע ענינים זענען שוין אַרומגע־רעדט געוואָרן עטלעכע מאָל. ער האָט אים אויך נישט געוואָלט זאָגן, אַז דאָס אַלץ וואָס איז ניי אין זיינע רייד, האָבן זיי זיך שיין פונלאַנג צוגעאייגנט מיטן אינסטינקט, וועלנדיק זיך אויס־היטן פון סיורפּריזן און איבערראַשונגען.

— רעכענען אויף די אייגענע כוחות — האָט סענקאָווסקי געזאָגט — און זיך האַלטן אויף דער וואך. אויב שוין יאָ האָבן צוטרוי, איז צום נידעריקערן באַשטאַנד, דאָרט ווו עס זענען פּאַ־ראַן אַרבעטער און פּויערים.

סטאַניסלאַוו האָט געוואָלט אויף א גוטמוטיקן אופן אָפּ־האַלטן דעם שטראָם פון סענקאָווסקיס רייד, אָבער ער האָט נישט געהאַט די דרייסטקייט: „צו וואָס רעדט ער אַזוי פיל". סענקאָוו־סקי האָט פאַרגעזעצט. ער האָט דערמאָנט, אַז קיין אונטערהאַנ־דלונגען דאַרף מען נישט פירן „פאַר יעדן פּרייז, פאַר דעם פּרייז פון לעבן אָדער טויט". דער אמת פון די גוואַרדיסטן, דער אמת פון דער פּאַרטיי וועט דערגרייכן צו די געוויינלעכע מענטשן, צו דעם נידעריקן באַשטאַנד. ער האָט נאָכאַמאָל באַרירט די פראַגע פון דער באַציונג פון די גוואַרדיסטן צו דער דאָרפישער אָרעמ־קייט, צום פּראָלעטאַריאַט. „אונדזער טעטיקייט איז באַשטימט דורך אַן ענדגילטיקן פּאָליטישן ציל".

סטאַניסלאַוו האָט נישט געענטפערט. סענקאָווסקי ווי פאַר־חידושט פון דער שטילקייט, וועלכע האָט באַהערשט די „קאָנ־טאָרקע", האָט געפרעגט:

— האָסט נאָך עפּעס ענינים צו מיר?

— ניין. ס'איז שוין שפּעט. — סטאַניסלאַוו האָט זיך גע־וואָלט געזעגענען, נאָר סענקאָווסקי האָט געזאָגט:

— האָסט געזען דעם לעצטן נומער „גוואַרדיסט"?

— כ'האָב געזען.

— ווי געפעלט ער דיר?

— ער איז מאָנאָטאָן.

— וואָס וואָלסטו געוואָלט?

— ער וואָלט באַדאַרפֿט זײַן אַ ביסל לעבעדיקער.

— טאָ שרײַב עפּעס אָן.

— וואָס? — סטאַניסלאַוו האָט אַ שמייכל געטאָן.

— האָסט דאָך אַמאָל געשריבן.

— פֿונוואַנען ווייסטו?

— מענטשן זאָגן. פּרוּוו.

— איך וועל אַ טראַכט טאָן — און ער האָט גלײַך אַ פֿרעג געטאָן: — און אַ קאָנטאַקט?

— וועלכער?

— איך וועל דאָך שוין נישט טרעפֿן די אָפּטיילונג, איך מוז וויסן ווו צו זוכן וואָלאַדעקן.

— אַ קאָנטאַקט וועסטו באַקומען אין לובלין, דאָס איז קלאָר. נישט אמת?

— ביי וועמען?

— ביי דער מוטער פֿון קליינעם וואָלאַדעק.

סטאַניסלאַוו האָט מיט פֿאַרוווּנדערונג אַ קוק געטאָן אויף סענקאָווסקין.

— ווי אַזוי?

— דאָרט וועסטו טרעפֿן מאַרעקן, ער וועט דיר אַלץ זאָגן.

— ער האָט זיך שוין אומגעקערט אַהיים?

— ער האָט זיך שוין געקענט אומקערן.

— עס דראָט אים גאָרנישט?

— ניין.

— האָט זיך עס אויסגעצייכנט געענדיקט. — סטאַניסלאַוו האָט פֿאַרזיכטיק געפֿאָרשט סענקאָווסקיס געזיכט.

— יאָ, נאָר מער ווי אויסגעצייכנט — האָט סענקאָווסקי געענטפֿערט מיט ווייטיק — קלעמענסן מיט זײַן פֿרוי האָבן זיי דערמאָרדעט אויפֿן שלאָס.

* *
*

דער דאָקטאָר איז געקומען אויפֿן וואָקזאַל פֿינקטלעך. אין גראָען, ווי נאָר וואָס אויסגעפּרעסטן אַנצוג, אין קאַפּעליוש, מיט

אַ גרויסער וואַליזע און מיטן אַריבערגעוואָרפענעם מאַנטל איי־בערן אָרעם האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מענטשן וועל־כער האָט באַוויזן — אין אַזעלכע צייטן! — גובר צו זיין די סתירות, וועלכע זענען געווענדעט קעגן די מענטשן פון דעם לאַנד.

דער דאָקטאָר האָט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט — סטאַניסלאַוו האָט דאָס פעסטגעשטעלט מיט צופרידנקייט — נישט צוליב דער אנדערשקייט פון זיין אויסזען, נאָר צוליב דער אַנדערשקייט פון זיין הלבשה און אַקוראַטנעקייט, וועלכע האָבן אים אויסגעטיילט פון דעם גאַנצן המון מענטשן, וואָס האָבן גע־וואַרט אויף דעם אָפּפאָר פון צוג.

וואָס האָט דאָך באַאומרואיקט סטאַניסלאַוון, איז געווען די גריים פון דער וואַליזע; עס האָט אים אינטריגירט איר אינהאַלט און ער האָט זיך געמאַכט פאָרווורפן, פאַרוואָס ער האָט אים פריער נישט געזאָגט ווי ער דאַרף זיך אָנטאָן און וואָס ער דאַרף מיטנעמען מיט זיך. „דער טייוול ווייסט, וואָס ער האָט דאָרט, זי־כער קעלניש וואסער און שמעקנדיקע זייף". איצט איז שוין גע־ווען צו שפּעט; ער האָט אים אָבסערווירט פון אַ באַשטימטן מרחק. „זיי וועלן כאַפּן אַ קוק אין דער וואַליזע און ער וועט זיך גלייך פאַרשיטן". זיין קליין און לייכט רענצל מיט איין פּאָר וועש און ראַזיר־מכשירים האָט ער אַוועקגעשטעלט לעבן זיך, דעם מאַנטל האָט ער אַריבערגעוואָרפן איבערן אָרעם.

דער פּעראָן האָט זיך אָנגעפילט מיט מענטשן, צום אָפּגאַנג פון צוג איז נאָך געבליבן אַ ביסל צייט. סטאַניסלאַוו האָט זיך איבערגערוקט, כדי נישט צו פאַרלירן פון אויג דעם דאָקטאָר, זיין וואַליזע איז געשטאַנען אויפן צעמענט פון פּעראָן און ער אַליין האָט געדולדיק געוואַרט צווישן המון. עמעצער איז צו אים צוגעגאַנגען און עפּעס געפרעגט. סטאַניסלאַוו האָט נאָך נישט גע־ווּסט וועגן וואָס עס גייט, אָבער די באַוועגונג פון דאָקטאָרס האַנט, אויף וועלכער עס האָט אַ בלישטש געטאָן דאָס זייגערל, האָט אים באַרואיקט. עס האָט זיך דערנעענטערט די צייט פון אָפּפאָרן און ס'איז דייטלעך אָנגעוואַקסן דער צושטאַנד פון אויפ־

רעגונג און אומרו. אין אַזעלכע מינוטן פֿאַרשווינדן אַלע מאַסקעס און עס אַנטפּלעקט זיך די אומבאַקאַנטע, אין נאָרמאַלע באַדינגונגען נישט באַגרייפֿלעכע פֿאַרשטעלטע זייט פֿון לעבן. עס ווערן איבערגעשטראָכן אַלע דערפֿאַרונגען, דער פֿאַרשטאַנד, עס שווענקט זיי אַראָפּ אַ כוואַליע, וועלכע קומט אויף פֿון דער זעלבער ווירקלעכקייט, וואָס האָט ביז נישט לאַנג געשטיקט דעם אָטעם. אַז אַוואַנטורע-ציטער לויפֿט דורך דעם המון, ווייל אַז אַוואַנטורע איז שוין די בלויזע אָנוועזנהייט דאָ: איינגעבוירענע השדים האָבן זיך שפּעדיק צעבליט, יעדע פֿראַגע פֿון אַ פֿרעמדן מענטשן, עמעצנס בליק אויפֿן פּנים פֿון אַ שכן, אַן אומפֿאָרזיכטיקע אויטאָמאַטישע באַוועגונג, דאָס נישט ענטפֿערן אַזוי שנעל אויף אַ פּשוט וואָרט — אַלץ האָט געוועקט שרעק. עס האָט נישט אויסגעמיטן אויך סטאַניסלאַוון: פֿאַרלייגנדיק די הענט אויף הינטן, איז ער געשטאַנען נאָענט פֿון דער וואַנט, ער האָט זיך אָבער גלייך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, אַז אַזאַ פּאָזע קען וועקן אויפֿמערקזאַמקייט. ער האָט מיטן בליק אָפּגעזוכט דעם דאָקטאָר, אָבסערווירט אַ ווײַלע און פּלוצעם פֿאַרשטאַנען, אַז ער איז געפֿאַנגען פֿון זיין אייגענער וואַליזע: אַנדערש וואָלט ער נישט געשטאַנען ווי אַ צוגעשמידטער. מען האָט אונטערגעשטעלט דעם צוג; אײדער נאָך ער האָט זיך פֿאַרהאַלטן האָט דער המון זיך אַ לאָז געטאָן צו די וואַגאָנען. דאָס איז געווען אַ קאַמף נישט בלויז פֿאַר ערטער — די רייזע האָט געדויערט עטלעכע שעה — דאָס איז אויך געווען אַ קאַמף וועגן דעם, מען זאָל זיך געפֿינען וואָס שנעלער אונטער אַ דאַך, צווישן ווענט: זיי האָבן געשאַפֿן אַ שיין פֿון זיכערקייט, דער געדראַנג אין די וואַגאָנען האָט פֿאַרשטאַרקט דאָס געפֿיל פֿון געפֿאַרלאָזיקייט. דער דאָקטאָר, מיטגעריסן פֿון המון, האָט געכאַפּט די וואַליזע — סטאַניסלאַוו האָט מיט אַלע כּוחות זיך קעגנגעשטעלט דעם שטראָם, ער האָט געוואָלט איינשטייגן דער לעצטער, כּדי צו קענען פֿעסטשטעלן, אַז דער דאָקטאָר איז נישט געבליבן אויפֿן פּעראָן. ער האָט געזען, ווי די מענטשן, אַריינרייסנדיק זיך אין די וואַגאָנען, האָבן מיטגעטראָגן דעם דאָקטאָר מיט זיין וואַליזע. סטאַניסלאַוו האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער טיר פֿון קופּע. זיין בליק האָט זיך צונויפֿגעטראָפֿן מיטן בליק פֿון דאָקטאָר, וועלכער איז געשטאַנען מיט אויפֿגעהוי-

בענע הענט, באַמיענדיק זיך אַריינצושטופּן די וואַליזע אויף דער פּאָליצע.

— וואָס זענט איר געבליבן שטעקן אויף אַן אָרט? — האָט סטאַניסלאַוו זיך אַ בייזער געטאָן — גיט אַ שטאַרקערן שטופּ די וואַליזע און רוקט זיך ווייטער.

— איך קען נישט.

— זי וועט נאָך עמעצן אַראָפּפאַלן אויפן קאָפּ.

דער צוג האָט גערירט. סטאַניסלאַוו האָט זיך צוגעקוקט צו די פּאַסאַזשירן. זיי זענען געווען פאַרסאָפּעט, פאַרשוויצט, אויפגערעגטע פון דער שרעק פון וואַרטן, און איצט אויך פון דער מורא נישט צו באַקומען קיין אָרט אין קופּע.

דער דאָקטאָר, פאַרשטופּט אין ווינקל, האָט זיך צוגעשפּאַרט ביים פענצטער, לעבן אים האָט פאַרנומען אַן אָרט אַ יונג מיידל, וועלכע האָט מיט פאַראינטערעסירונג זיך צוגעקוקט צו די רייזנדע. איר בליק האָט געבלאָנקעט איבער די פּנימער. דער קוק פון מיידל איז געווען אַ דורכדרינגלעכער, אַ פאָרשערישער. פון אונטער לאַנגע שוואַרצע ברעמען האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר ברוינע, פאַרעקשנטע און חוצפּהדיקע אויגן. דאָס מיידל איז געווען שיין, איר אָפענעם לייכט אָפּגעברענטן האַלדז האָט באַצירט אַ קייטעלע מיט אַ צלמל. סטאַניסלאַוו האָט באַמערקט די פאַרטיפונג אין דעקאָלטע און די מילדע רעליעפקייט פון אירע ברוסטן. ער האָט געקוקט אויף איר מיט אַ שמייכל; דאָס מיידל האָט באַמערקט דעם דאָזיקן שמייכל און, אַן אָנגעבלאָזענע, אויסגעדרייט דעם קאָפּ. איצט האָט זי געהאַט פאַר זיך דעם דאָקטאָר, וועלכער האָט זיך צוגעקוקט צו די פעלדער הינטערן פענצטער, וועלכע זענען געלאָפן אויף צוריק. „זי זאָל אים נאָר נישט אַריינציען אין אַ שמועס“. — האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

— צי דאָס געהער צו אייך? — האָט סטאַניסלאַוו געפרעגט אָנגווייזנדיק מיטן בליק אויף אַ וואַליזקע, וואָס איז געלעגן אויף דער פּאָליצע איבערן קאָפּ פון מיידל.

— יאָ.

— איך וואָלט געוואָלט אוועקלייגן מיינע. זי איז נישט שווער.

— ביטע — האָט זי געענטפערט גלייכגילטיק, נישט אָפּ־רייסנדיק די אויגן פון פענצטער.

ער האָט באַמערקט אויף דער פּאָליצע הינטער דער קרום ליגנדיקער וואַליזקע פון מיידל אַ שאַכטל אויף פּרויען־היט: עס איז געווען פּלאַך, קיילעכדיק, פון שוואַרצן גלאַנצנדיקן לאַקיר, מיט אַ ווייס פּאַסיקל, וואָס האָט געדינט ווי אַ הענטל. „עפּעס אַזעלכעס האָב איך שוין לאַנג נישט געזען". ער האָט נישט גע־ווּסט, צי ער קען זיין וואַליזקעלע אָנשפּאַרן אין אַזאַ שלאַבעריק שאַכטל.

— איך וועל נישט צעקנייטשן אייער הוט? — האָט ער אַ פרעג געטאָן מיט אַ שמייכל.

— ניין, ביטע, עס איז קיין שום געפאַר נישטאָ.

* *

*

ענדלעך פאָרט ער צוריק אין דער אָפּטיילונג. די גאַנצע צייט אין וואַרשע, וויפל מאָל ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער וועט זיך נישט באַווייזן פאַר וואָלאַדעקן צום באַשטימטן טערמין, האָט אים אַרומגענומען אַ כעס, וועלכן ער האָט געהאַמעוועט גאָר דערמיט, וואָס סענקאָווסקי האָט אים דאָך געהייסן וואַרטן, און דערנאָך טעאַדאָר. אין אָנפאַנגס האָט ער געציילט די טעג, שפּעטער האָט ער זיך אויפגעהערט דענערווירן, ער האָט געוווּסט, אַז איצט איז שוין פאָלשטענדיק אַלצאיינס, צי ער וועט זיך מעלדן ביי וואָלאַדעקן נאָך זיבן, אָדער נאָך צען טעג, כאָטש עס האָבן געוואַרט אויף אים שוועריקייטן, וועגן וועלכע סענקאָווסקי האָט נישט געקאָנט האָבן קיין פאָרשטעלונג. ער האָט דאָס אים נישט געזאָגט דירעקט, ער האָט אויפגענומען אויסערלעך רואיק די פאַראָרדענונגען פון שעף, אָבער וויפל מאָל ער האָט אַ טראַכט געטאָן, וואָס עס וועט פאָרקומען דאָרט, אין צעגראַמירטן לובלין, און שפּעטער אין וועג, ווען מע וועט באַדאַרפן מיט אויסערגע־וויינלעכער פּאָרזיכטיקייט אַריבערגיין די אַלע פּונקטן דורך אַלץ שמעלערע וועגעלעך, אַזש ביז ער וועט אָנטרעפן אויפן שפּור, וואָס פירט זיכער צו דער אָפּטיילונג — האָט אים ווידער אַרומ־גענומען אַן אומרו.

איצט ווען ער איז שוין געזעסן אין צוג, האָט דער ענין אים אָנגעהויבן מאַטערן מיט אַ פאַרשטאַרקטער קראַפט. ער איז געווען זיכער,' אַז אין משך פון די צוויי וואָכן זענען איבערגעריסן געוואָרן די איינגעשטעלטע פאַרבינדונגען, קאָנטאַקטן און מעגלעכקייטן פון שנעלן פאַרשטענדיקן זיך, נישט פאַרלירנדיק קיין איבעריקע צייט. אַלץ, וואָס ער האָט געוואוסט וועגן פריערדיקן שטח פון טעטיקייט, האָט פאַרלוירן די באַדייטונג; דער שליאַך, וועלכן ער האָט באַדאַרפט דורכגיין איצט, איז פאַר אים געווען אומבאַוואוסט און נאָך מער דראָענדיק דערמיט, וואָס ער האָט אים ביז צו די יאַנאָווער וועלדער געמוזט דורכמאַכן מיט אַ מענטשן, אין גרונט גענומען נישט באַקאַנטן. צי האָט ער געקענט וויסן, ווי עס וועט זיך פאַרהאַלטן דער דאָקטאָר, ווי וועט ער איבערטראָגן די מי פון דער וואַנדערונג איבער שטעטלעך און דערפער, איבער פעלדער און וועלדער? „ער וועט קרעכצן און זיפצן“ — האָט ער געטראַכט, אַ קוק טוענדיק צום פענצטער, ביי וועלכן דער דאָקטאָר האָט געשמועסט מיטן מיידל. זי האָט אויסגעזען באַלעבאַט, אויף די אַקסל האָט זי פאַרוואָרפן אַ לייכטן שאַליק, וואָס האָט אַ ביסל געענדערט די ליניע פון איר האַלדז. דאָס מיידל האָט געהאַט לאַנגע שיינע פיס. ער האָט זי אָבסערווירט מיט אַ געהעמטער פאַראינטערעסירונג און ער וואָלט זיך גערן אָנגעשלאָסן אין שמועס.

סטאַניסלאַוו איז געזעסן אויף אַ ברעג פון באַנק, אַנטקעגן איבער דעם דאָקטאָר, עס איז אים געווען אומבאַקוועם, דאָך האָט ער נישט געוואָלט טוישן זיין אָרט, כּדי צו האָבן אַן אויג אויפן חבר און זיך קענען אַריינמישן, אויב עס זאָל נייטיק זיין. ער האָט מורא געהאַט, אַז דער דאָקטאָר זאָל צומאָל נישט זאָגן עפעס אַזעלכעס, וואָס קען פאַראַטן זיינע פלענער, אָדער דעם ציל פון זיין רייזע, דאָס איינהערן זיך האָט געפאָדערט אַ געוויסע אָנשטרענגונג, באַזונדערס ווען די איבעריקע פאַסאַזשירן האָבן אויך גערעדט. דורך דעם גערויש און קלאַפן פון די רעדער האָט זיין אויפמערקזאַמקייט זיך געצויגן צום פענצטער.

דער דאָקטאָר האָט גערעדט כלומרשט רואיק, דאָך האָט די זשעסטיקולאַציע פון זיינע הענט אויסגעזען סטאַניסלאַוון צו לעבעדיק, צו האַסטיק. „צי רעדט ער נישט צו הויך?“ דער שמועס

מיט א יונגער פֿרוי האָט געהערט צו די גלייכגילטיקע, ווייניק וויכטיקע, דאָך איז ער געווען אויסלייזעריש: ער איז געווען נישט ארויסרופעריש און אויף אַ גענוגנדיקן אופן אבסאָרבירט די שמועסנדיקע. „דאָס איז זיין ערשטער רואיקער שמועס צווישן מענטשן". סטאַניסלאַוו האָט נישט אראָפּגעלאָזט פון אים קיין אויג. „ער האָט זייער שווארצע אויגן".

די פּאַסאַזשירן האָבן גערעדט וועגן פאַרשידענע ענינים, דאָך אויף אַ געוויסן מאַסקירטן אופן, וועלכער האָט, לויט זייער מיינונג, נישט געגעבן די שכנים קיין מעגלעכקייט זיך אָנצושטויסן: די טעמע פון האַנדל, פון רווחימדיקן פאַרקויף און נאָך מער פון גינסטיקן איינקויף האָט אויסגעפילט זייער וועלטל. דאָס האָט געמוזט זיין די ווירקלעכע וועלט, אויף וויפל די שמועסן האָבן זיך געפירט מיט האַלבע ווערטער, נישט דערזאָגטקייטן, אָנצוהערענישן. זיי האָבן זיך קעגנזייטיק פאַרשטאַנען אויפן ווונק און, אונטערהאַלטנדיק דעם שמועס מיט די זעלבע קאַרגע אויסדרוקן, האָבן זיי געגאָסן פון דעם גליק פון דורכמאַכן א רייזע צווישן אייגענע.

* *

*

...דער שוואָגער בויט ער האָט א קליינע וווינונג צוויי צימערן מיט א קיך איין צימער רעכנט זיך נישט ווייל אַ שלאָפצימער און אַז עמעצער קומט צום שוואָגער איר ווייסט ווי ס'פירט זיך מוזן די שוועסטער מיט דער טאָכטער אַרויסגיין אין קיך און דאָרט זיצן זיי אזש ביז דער ענין ווערט דערליידיקט און אַז עמעצער קומט צו דער טאָכטער איר ווייסט ווי ס'פירט זיך זי האָט אַכצן יאָר מוזן דער שוואָגער מיטן ווייב אַרויסגיין אין קיך און דאָרטן וואַרטן זיי ביז דער ענין ווערט דערליידיקט ווייל יונגע זענען ווי יונגע אָבער איצט אַז ס'וועט זיך אויפבויען וועלן די אַלע קלאָפּאָטן נישט באַוווסט ווער עס האָט זיי געמאַכט אייניקע זאָגן אז דאָס איז געשען צופעליק אַנדערע זאָגן אַז דאָס האָט געמאַכט דער גראַנאַטאָווער עס איז פאַראַן איינער אַזאַ ביי אונדז אַלזאָ אין אַ געוויסן טאָג האָט מען זיי געפונען אין דרייען

אַ פרוי און צוויי ייִנגלעך דער עלטערער האָט געמוזט האָבן אַן
אכט יאָר דער צווייטער אַ זעקס האָט מען זיי אַרויסגעפירט
אויף דער גאַס אַלע דורכגייער האָט מען געהייסן זיך פאַרהאַלטן
אויפן אָרט זיי זענען אַלע געבליבן שטיין און זיך צוגעקוקט ווי
מע פירט זיי איך וואָלט זיך גערן אָנגעטאָן אין אַזאַ זומערדיקער
צייט אין עפּעס לייכטס אין א וועלכן ס'איז ספּאָרטאָווע קאָמ-
פּלעט אין אַ רעקל מיט אַ בלוזקע אָדער אין אַ סוועטער מיט אַ
דרייפערטלדיקן ארבל אָבער עס פּאַסט נישט איר ווייסט אין
אַזעלכע צייטן איך וואָלט קיין קאַפּעליוש נישט אָנגעטאָן פון
סעפּטעמבער האָב איך שוין נישט קיין געהאַט קיין קאַפּעליוש
אויפן קאָפּ אַלס צייכן פון פּראָטעסט דאַרף קיין שום אָרנטלעכע
פּאָלקע נישט טראָגן קיין קאַפּעליוש אָבער אייניקע לייגן אויף גאָר-
נישט קיין אַכט גאָרנישט גייט זיי אָן זיי זענען נישט וואָס עס טוט
זיך אַרום זיי צום שווערסטן איז מיט צעמענט ציגל האָט שוין דער
שוואָגער און די וואסער-אינסטאַלאַציע און די עלעקטרישע אלץ
איז שוין פאַראַן און וואַפּנע און זאַמד נאָר מיט צעמענט איז אַ
צרה און א ביסל מיט ציגל מע דאַרף זיי רייניקן מע פירט זיי פון
די צענומענע הייזער אין דער יידישער געגנט וועלכע שטייט
וויסט נאָך דער איבערזידלונג דאָך קלער איך אז דער שוואָגער
וועט זיך געבן אַן עצה און וועט פּאַקן דעם דאָזיקן צעמענט ווייל
אָן אים קען מען נישט אָנהייבן דערווייל גראָבט מען די פונדאַ-
מענטן ער וויל אויסנוצן די זומער-צייט אַלע שטייען אויפן אָרט
און די איבעריקע פירט מען די מוטער מיט די צוויי קינדער
די מוטער שווייגט זי זאָגט גאָרנישט נאָר מיט איין האַנט האלט
זי פאַרן הענטל איין קינד און מיט דער צווייטער דאָס צווייטע
קינד ענדלעך האָבן די דייטשן זיי געהייסן זיך אַוועקשטעלן ביי
דער וואַנט איך האָב געמיינט אַז די דאָזיקע פרוי וועט נאָך
עפּעס זאָגן אָבער זי גאָרנישט שווייגט נאָר לאָזט בלויז אַרויס
פון אירע הענט די הענטלעך פון די קינדער און גלעט זיי איבערן
קאָפּ און דעמלט זאָגט דאָס ייִנגערע צום דייטש „איך בעט אייך,
שיסט מיך נישט, איך האָב שטענדיק געפאָלגט“ און די מענטשן
שטייען אַרום און הערן צומבעסטן זענען דאָך די טריקאָ-אויס-
ארבעטונגען אַפילו זומער זעט אַ פרוי אויס גוט אין טריקאָ דער
אומגליק איז נאָר מיט דעם קאָליר איר ווייסט איך וואָלט קיינ-

מאָל נישט אָנגעטאָן קיין העלן טריקאָ כאָטש איך האָב זייער
ליב מלבושים פון דעם מאַטעריאַל מע האַרף זיך קענען האַלטן
קיין שום פּוילישע פרוי דאַרף נישט טראָגן קיין העלע קלייד נאָר
זיך צוקלייבן אַזאַ קאָליר וועלכע זאָל דערמאָנען אין פּאָלקס=
טרויער און פון אָוונט=קליידער האָב איך ליב מיט א קליינעם דע=
קאָלט די מוטער האָט גאָרנישט געזאָגט צוערשט האָבן זיי דער=
שאָסן דעם יינגערן דערנאָך דעם עלטערן דער ארבל קען זיין אַ
קורצער אין אלגעמיין אויב עס גייט אין מאָדעלן האָב איך ליב
זאכן פון צוויי טיילן אַן ענלעכע סצענע האָב איך געזען אין די
יעראָזאָלימער אַלייען מען האָט אויך פאַרהאַלטן אַלע מענטשן
און באַפוילן זיך צוקוקן צו דער עקזעקוציע מען האָט געפירט
אונדזערע נישט קיין יידן איך בין צופעליק דעמלט געווען אין
גאַס און זיך געאיילט אהיים אָבער זיי האָבן באַפוילן אַלעמען
זיך צו פאַרהאַלטן מיר זענען דעריבער שטיין געבליבן און זעען
ווי מע פירט זיי צו דער וואנט דאָס איז געווען נאָענט פון טויער
צום בעסטן איז צו קויפן צעמענט אויף דער איבערלאָדונגס=
סטאַנציע גלייך ביים איבערלאָדן ער זאָל אַריבערגיין פון האַנט
צו האַנט ווייל אַזאַ סחורה וועט קיינער נישט פירן עס איז צו א
גרויסע ריזיקע און די קאָמבינאַציע לוינט זיך ווייל אַז מען האָט
שוין דעם פּלאַץ און אַלע אַנדערע מאַטעריאלן דאַרף מען נישט
אָפּציען דעם טאַבאַק אין זעקל האָב איך אַרויסגעהאַנגען אונטערן
פענצטער און ווען די קאָנטראָל איז אַרוים האָב איך אים צוריק
אַריינגענומען אין קופּע וואָס מע פּאַקט אריין אין שטוב האָט
מען סיידן אַ באָמבע זאָל דאָס גאַנצע הויז איינוואַרפן צום בעסטן
איז אַריינצופּאַקן אין בויך דאָס וועט שוין קיינער ביי דיר נישט
צונעמען און נישט אַרויסרייסן און אַז א קויל וועט צעפּליקן איז
סיי=ווי שוין אלצאיינס גלייכגילטיק צי מען האָט צי מען האָט
נישט פלייש האָב איך געפירט אונטערן וואַגאָן אָבער צום זי=
כערסטן איז דאָך ביים הייצער פון לאָקאָמאָטיוו ער פאַרשיט
מיט קוילן דעם פלייש שאַדט עס נישט און די גאַראַנטיע איז אַ
זיכערע נאָר עס קאָסט א באָמבע וועט די ערד איבערקערן אָבער
די ערד וועט בלייבן זענען אַלע געשטאַנען ביי דער וואַנט נאָענט
פון טויער און די דורכגייער האָבן זיי פאַרהאַלטן און באַפוילן
קוקן לאָקירן אין ערד איז א זיכערער ענין נישט מער אַז א

מענטש איז הונגעריק וועט ער קיין שטיקל נישט אָפּבייסן נישט אָפּטרעטן מע קען קויפן פאַר דריי אַזאַ קורס איז איצט דער טייוול ווייסט וואָס זיי וועלן נאָך אויסקלערן די חזירלעך זענען שטענדיק בעסער די ווייכע זענען א ריזיקע זיי קענען זיין פאַלשע לאָקירן אין גלאָזוואַרג פּלאַצט עס אין פייער און ס'איז נאָך אַלע־מען חזירלעך ווען אַפילו זיי צעגייען האָבן זיי אויך די ווערט פון גאָלד איך ניי מיר איצט א קליידל פון לייכטן וואָל מיט קליינע פאַלדן איר זעט אָט דאָ אין דער הייך פאַרשטעפּט און פריי אין דער טאַליע....

סטאַניסלאַוו האָט זיך דערפילט מיד. די קאָנספּיראַציע פון די שמועסן איז געווען אַזוי דורכזיכטיק און אומבאַהאָלפן, אַז אַפילו ער האָט באַלד פאַרשטאַנען, וואָס עס באַצייכנט די אָדער יענע ווענדונג, וועלכע האָט זיך אַרויסגעבראָכן פון גאַנצן זאַץ בלויז מיטן קלאַנג. עס האָט אים דערמאָנט דאָס לשון פון די גנבים, מיט וועלכער ער איז געקומען אין באַרירונג אין די תפיסות. דער זאַפּאַס פון ווערטער ביי די פּאַסאַזשירן איז אויך געווען א קאַרגער. עפּעס א ספּעציפיש וואָרט, וואָס האָט זיך איבערגעחזרט אָפט, האָט געקענט האָבן פיל באַדייטונגען, אין דער פאָרם פון א צייטוואָרט האָט עס געגרייכט אויף א נישט מאָס־קירטן אופן אַפילו אין דער ספערע פון געשלעכטס־לעבן. די אַנ־ווזנהייט פון פרויען האָט נישט געשטערט. דאָס האָט אים נישט פרייליך געמאַכט און נישט געערגערט און דעמלט האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז זיין שווייגן קען זיך אויסהאַכטן די רייזנדע פאַרדעכטיק, דאָך האָט ער זיך נישט אָנגערופן; ער האָט מורא געהאַט, אַז עפּעס א שלימזלדיקער אויסדרוק קען אים אויסגעבן, אַז ער איז דאָ א פרעמדער.

„פאַרוואָס האָט זי זיך אָנגעזעצט אויפן האָקטאָר? — האָט ער א טראַכט געטאָן, אָבסערווירנדיק דאָס מיידל. — דאָס איז נישט קיין הענדלערקע". ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז זי האָט אויסגעקליבן דעם מיטשמועסער, ווייל זי האָט אינסטינק־טיוו דערפילט, אַז אַ שמועס מיט אים, גראָד מיט אים, וועט זי באַפרייען פון דעם שווייגן, אויף וועלכן זי וואָלט געווען פאַר־משפּט אין דעם קופּע. ער האָט זיך אָפּגעגעבן א רעכענונג, אַז ער וואָלט נישט פעיק געווען צו פירן אַזאַ שמועס, וואָס זאָל זיין

ענלעך צו דעם, וועלכן זיי האָבן איצט געפירט. דאָס האָט אים באַרואיקט, אָבער גלייכצייטיק פאַראינטערעסירט. עס האָט אים אינטריגירט דער געדאַנק, ווער זי איז. „צי וועט זי אויסשטייגן פאַר לובלין?“ דאָס מיידל האָט, זעט אויס, אַרויסגעפילט, אַז ער אָבסערווירט זי, ווייל זי האָט אַ דריי אויס געטאָן דעם קאָפ מיט אַזאַ דרייסטער באַוועגונג, אַז ער האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי מע זאָל אים כאַפן ביי אונטערקוקן אַ נאַקעטע פרוי. און דעמלט האָט ער דערקענט. דאָס האָט געדויערט קוים איין אויגנבליק, אָבער ער האָט שוין געוווסט. דאָס מיידל האָט געהאַט יידישע אויגן.

אין דער ערשטער רגע האָט ער פאַרלוירן די פעיקייט זיך צו באַהערשן און פאַרשאָלטן אין געדאַנק זיך און דעם דאָקטאָר. די אומוואַרשיינלעכקייט פון דער גאַנצער סיטואַציע האָט אים אויסגעזען אַזוי ווייט נישט אָננעמבאַר, אַז ער האָט מיט שוועריקייט צונויפגענומען זיינע מחשבות. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז איצט פאַרשטייט ער אַלץ: דער חוצפהדיקער דורכדרינגלעכער קוק פון דעם מיידל, ווען זי האָט פאַרנומען אַן אָרט אין וואַגאָן, דער אומאויפהערלעכער שמועס וועגן קליניקייטן און נאַרישקייטן, וועלכער האָט זי באַפרייט פון דעם באַטייליקן זיך אין אַלגעמיינעם שמועס וועגן האַנדל, און צום סוף די דרייסטע באַוועגונג מיטן קאָפ, מיט וועלכער זי האָט אים געוואָלט צווינגען אויפצוהערן זי אָבסערווירן, נאָר וועלכע האָט זי פאַראַטן. דאָס מיידל האָט פאָרגעזעצט דעם שמועס מיטן דאָקטאָר, סטאַניסלאַוו האָט קיין רו נישט געהאַט. ער האָט געוואָלט נאָכאַמאָל זען די דאָזיקע אויגן, נאָכאַמאָל קאָנטראָלירן, איבערצייגן זיך. „ס'איז איבערגעטריבן, אומזיסט האָב איך זיך פאַרדרייט דעם קאָפ“. ער האָט זיך פאָרזיכטיק געווענדט אין איר זייט, אָבסערווירנדיק אומבאַמערקט איר פראָפיל, איר גלייכע נאָז, די ליפן, דעם אויפגעדעקטן האַלדז מיטן דינעם גאָלדענעם קייטעלע, וואָס האָט זיך באַוועגט בעת איר אָטעמען. ערשט איצט האָט ער דערזען, ווי שיין זי איז. דאָס איז געווען אַ שיינקייט אַ דיסקרעטע, אַ באַצווינגענדיקע, די דאָזיקע יונגע פרוי האָט אים אין עמעצן דערמאָנט, ער האָט נישט געדענקט אין וועמען. איינס האָט ער געוווסט אויף זיכער: זי שטאַמט פון דעם קיניגרייך פון שטילקייט,

פון מילדער זוניקייט, פון איבערפליענדיקע שמעטערלינגען. „אַ וואונדערלעך שיינע!“

ער האָט נישט געוואָלט, אַז זי זאָל דאָ זיין און רעדן מיטן דאָקטאָר, ער האָט באַגערט, אַז זי זאָל אַרויסגיין פון דעם קופּע און פאַרשווינדן פון זיין פאַרוואונדעטן זכרון. דאָס מיידל איז איצט געזעסן אומבאַוועגלעך, געוועגדט אין דער זייט פון דאָקטאָר. סטאַניסלאַוו האָט שוין איצט געזען בלויז איר פּראָפיל, וועלכער האָט פאַראַטן אַן אויפמערקזאַמקייט פול מיט שפּאַנונג: דער קנייטש ארום דעם פאַרקלעמטן מויל האָט איר פּנים צוגעגעבן דעם אויסזען פון אַן אומבאַוועגלעכער געשטאַרבענער אין שרעק מאַסקע. און כאָטש זי האָט געוווסט, אַז ער אָבסערווירט זי, האָט זי דעם קאָפּ נישט אויסגעדרייט.

די רייזנדע האָבן זיך גענומען צום עסן, עס האָט פאַרשמעקט מיט וורשט און פלייש; מען האָט זיך קעגנזייטיק מכבד געווען, צאָלנדיק שטייער דער העפלעכקייט פון צוזאַמענלעבן, וואָס איז געווען אויסגערעכנט אויף עטלעכע שעה. דאָס מיידל איז אויפגעשטאַנען, האָט אַראָפּגענומען פון דער פּאָליצע אַ בייטל, וועלכן סטאַניסלאַוו האָט פריער נישט באַמערקט, אַרויסגענומען פון דאָרט ברויט און, איידער זי האָט אָנגעהויבן עסן, האָט זי מכבד געווען דעם דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט שנעל אַ קוק געטאָן אויף סטאַניסלאַוון און גלייך זיך צוריק געווענדט צום מיידל. „זיי ווייסן עפּעס וועגן זיך“. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז אין אופן פון רעדן, אין זייער געלעכטער, איז פאַראַן עפּעס אַן אינטימקייט, ער האָט חרטה געהאַט, וואָס ער האָט נישט פאַרנומען קיין אָרט לעבן דאָקטאָר, אָבער איצט איז שוין געווען שפּעט. „אפשר איז בעסער אַזוי, וועגן וואָס וואָלטן מיר גערעדט צווישן זיך?“ ער האָט אַ שמייכל געטאָן אין געדאַנק: „וועגן וואָס וואָלטן מיר געשוויגן צווישן זיך?“

דער צוג האָט זיך דערנעענטערט קיין דעמבלין, אייניקע רייזנדע האָבן אָנגעהויבן אַראָפּצונעמען פון די פּאָליצעס זייער געפּעק, די פרוי האָט זיך נישט גערירט. עמעצער האָט געזאָגט:

— לאָמיר האָפן, אַז אין דעמבלין וועט היינט זיין רואיק.

די פּאַסאַזשירן האָבן זיך געזעגנט, זייער אויפמערקזאַמקייט האָט זיך פאַרשאַרפט, עס איז געוואָרן שטיל. סטאַניסלאַוו האָט

זיך אומגעקוקט וועגן אַן אָרט, וואָס ער וואָלט געקאָנט פאַרנעמען אין דעמבלין נאָך דעם, ווי די פּאַסאַזשירן וועלן פאַרלאָזן דעם קופּע. דער צוג האָט זיך פאַרהאַלטן. אַ לענגערע ווײַלע האָט ער זיך נישט געקענט דעצידירן צוצוגיין צום פענצטער, כּדי צו זען, וואָס עס קומט פאָר אויפן פּעראָן: ער האָט מורא געהאַט זיך צו טרעפן מיט דעם גראַנאַטענעם פּאָליציאַנט, וועלכן ער האָט מיט איבער א צענדליק טעג פריער אַזוי דרייסט צום נאַר געמאַכט. שטייענדיק נאָענט פון דער טיר האָט ער מיט פרייד פעסטגעשטעלט, אַז ס׳זענען נישטאָ קיין שום סימנים פון א רעוויזיע אָדער אַן אָבלאַווע.

דער קופּע איז געוואָרן פּוסט. זיי זענען געבליבן מיטן מיידל, וועלכע איז אַפילו איצט געזעסן מיטן פּנים צום פענצטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אויף די באַן=ליניעס, וועלכע האָבן זיך געטרונקען אין גלאַנץ פון זון. דאָרט איז קיינער נישט געווען, דאָך האָט זי מיט שפּאַנענדיקער אויפמערקזאַמקייט געקוקט אויף די רעלסן און אויף דעם פראכט=וואַגאָן, וועלכער איז געשטאַנען אויף אַן אָנשיט פונדערווייטנס. אויך דער דאָקטאָר האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, און סטאַניסלאַוו האָט צום ערשטן מאָל אים אָפּגעגעבן אין האַרצן אָנערקענונג פאַר זיין פאָרזיכטיקייט. סטאַניסלאַוו איז געשטאַנען ביים אָפענעם פענצטער ביז דער צוג האָט גערירט, דערנאָך האָט ער עס פארמאַכט און זיך אַוועקגעזעצט באַקוועם אויף דער באַנק אַנטקעגנאיבער דעם מיידל.

עס איז שוין געווען נאָכמיטאָג: הינטערן פענצטער האָט זיך געצויגן אַן איינטאָניקע און לאַנגווײַליקע לאַנדשאַפט, עס זענען פאַרבייגעלאָפן שיטערע וועלדלעך, גרופּקעס פון לאָזעס אויף אונטערגעשווענקטע לאָנקעס, פעלדער מיט אָנרייפנדיקער תּבואה. דער דאָקטאָר און דאָס מיידל האָבן געשוויגן. סטאַניסלאַוו האָט דאָך אַרויסגעפילט א צושטאַנד פון שפּאַנונג. זיי האָבן זיך דערנעענטערט קיין לובלין. עס איז אויפגעשווומען דאָס איינדייטיקע געזעץ, וואָס פארפליכטעט אַלע פאַרפאָלגטע אין דער מינוט, ווען דער צוג, צופאָרנדיק צום פּעראָן, גייט אַריבער אין רשות פון דעם שפּאַליער פון זשאַנדאַרן און באַן=וועכטער, גרייטע דורכצופירן רעוויזיעס און אַרעסטן. דער דאָקטאָר, איינגעטוליעט אין ווינקל, איז געזעסן מיט פארמאַכטע אויגן, דאָס מיידל האָט

פון אַ לענגערער ווײַלע אָבסערווירט אירע דלאָניעס, וועלכע זענען געלעגן אומבאַוועגלעך אויף די קני. סטאַניסלאַוו האָט דײַטלעך געזען איר קאָנצענטרירט פּנים. ביז איצט האָט זי מיט אים נישט פאַרביטן קיין איין וואָרט. פּלוצעם האָט זי זיך געווענדט צום דאָקטאָר און געזאָגט:

— איך האָב צו אײַך אַ ביטע.

— איך הער אײַך — דער דאָקטאָר האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט פון זײַן פאַרטראַכטקייט.

— איר וועט מיר העלפן אין לובלין אראָפּנעמען די וואַליזע?

— פאַרשטייט זיך.

דאָס מיידל האָט געוואָרפן אַ בליק אין דער זייט פון סטאַניסלאַוון. פאַרקוקט אין דער אַנטלויפנדיקער לאַנדשאַפט, האָט ער אויסגעזען, ווי ער זאָל נישט הערן די ווערטער פון מיידל.

— אָבער אין בין נישט אימשטאַנד זי אונטערצוהייבן — האָט זי געזאָגט — צי וועט איר זי מיר אַריבערטראָגן ביז איבער דער קאָנטראָל פון די בילעטן?

דער דאָקטאָר האָט נישט געענטפערט גלײַך, דערנאָך האָט ער געזאָגט מיט וואַקלעניש אין דער שטים:

— מײַנע איז געגוג שווער, איך ווייס נישט...

— דאָס איז גאָרנישט — האָט זי אים איבערגעריסן — מיר וועלן דורכגיין צוזאַמען, איר וועט מיר גאָר צוהעלפן.

— גוט, מיר וועלן פּרוּוון.

— איך דאַנק אײַך זייער.

„וועסט נישט גיין, ברודערל, וועסט זיך נישט שפּילן אין אַ קאַוואַליער — האָט אַ טראַכט געטאָן סטאַניסלאַוו. — איך וועל נישט גיין נאָך דיר און דיך היטן“. עס האָט אים אויפגערעגט די נאַרישקייט פון דאָקטאָר, די אײַליקייט, מיט וועלכער ער האָט פאַרגעלייגט זײַן הילף אַ מיידל, וועלכע איז — ער האָט אין דעם נישט געצווייפלט — אַ ייִדישקע וואָס באַהאַלט זיך אויס. „דער טײַוול ווייסט, וואָס זי האָט דאָרט אין דער וואַליזקע“. ער האָט זיך אײַנגעקוקט אין דאָקטאָר מיט חוצפּהדיקער אָפנהאַרציקייט, אָבער דער דאָקטאָר האָט זיך געמאַכט נישט זעענדיק. „וואָס פאַר אַ שוטה“ — האָט סטאַניסלאַוו געטראַכט.

— איך וועל אייך העלפן — האָט ער געזאָגט.

— א דאַנק. איך האָב אייך נישט געוואָלט באַמיען — האָט זי אין א ווײַלע ארום צוגעגעבן.

— דאָס איז פאַר מיר קיין שום מי נישט. איך האָב נישט קיין באַגאַזש — און ער האָט מיט כעס א קוק געטאָן אויפן דאָקטאָר.

— און דאָס? — דאָס מיידל האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אָנגעוויזן מיטן בליק אויף דער פּאָליצע, אויף וועלכער ער האָט אַוועקגעלייגט זיין וואַליזקע.

— דאָס וועגט גאָרנישט.

— א דאַנק.

ער האָט געוווסט, אז ער וועט איר נישט העלפן. „איך וועל אראָפּנעמען די וואַליזע, אַרויסטראָגן פון וואַגאָן און זי אַוועקשטעלן אויפן פּעראָן, מער גאָרנישט". ער האָט א קוק געטאָן אויף דער פּאָליצע, וו עס האָט זיך געשוואַרצט א גלאַנציק שאַכטל פון א הוט. „נאָך דאָס וואָלט געפעלט, מען זאָל זי כאַפּן אין מיין געזעלשאַפט".

עס איז ווידער אַנטשטאַנען א נישט אָנגענעמע שטילקייט: דער דאָקטאָר, זשענירט, האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער דרימלט, זעט אויס, אַז ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט געהאַנדלט נישט ריכטיק. דאָס מיידל האָט אים א ווײַלע אָנגעקוקט, דערנאָך האָט זי זיך אויסגעדרייט צו סטאַנציסלאַוון. ער האָט באַקומען אויף איר רחמנות און געזוכט א סיבה אָנצוהייבן מיט איר א שמועס, אָבער קיין שום קלוגער געדאַנק איז אים נישט געקומען אין קאָפּ. דאָס מיידל האָט אַ קוק געטאָן אויפן דאָקטאָר און פעסטשטעלנדיק, אַז ער שלאָפט, האָט זי א שמייכל געטאָן צו סטאַניסלאַוון. זי האָט געזאָגט:

— איך ווייס נישט, וואָס האָט איר דערזען אין מיר אינטערעסאַנטס, וואָס איר האַלט אין איין קוקן אויף מיר.

— צי זאָל איך קוקן אויף דעם הער? — האָט ער לאַכנדיק אָפּגעענטפערט, אָנווייזנדיק מיטן בליק אויפן דאָקטאָר.

— דאָס איז זייער א סימפּאַטישער מענטש — האָט דאָס מיידל געזאָגט.

— איך ווייס נישט, כ'האָב נישט געהאַט כבוד צו באַקענען.

— אך — האָט זי קורץ אַ לאַך געטאָן. — גלייך מיט „כבוד“! צי לאַנגווייליקט אייך נישט דאָס דאָזיקע שטילשווייגן?

— זייער.

— פונדעסטוועגן האָט איר געוואַרט ביז איך וועל זיך אָפּרופן.

— איך האָב נישט געוואָלט באַאומרואיקן. — און אין דער זעלבער מינוט האָט ער זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, אַז ער האָט נישט באַדאַרפט באַנוצן דאָס דאָזיקע וואָרט.

דאָס מיידל האָט געענטפערט גלייכגילטיק:

— וואָס איז אין דעם פאַראַן באַאומרואיקנדיקס?

ער האָט א צי געטאָן מיט די אַקסל.

— כ'האָב נישט זייער געוווּסט וועגן וואָס.

— מען דאַרף אייך ערשט לערנען?

— ווייזט זיך אַרויס, אַז יאָ.

— איר זעט נישט אויס אויף אַזעלכן.

— נאָר אויף אַ וועלכן? — האָט ער געזאָגט לאַכנדיק.

— אויף אַזעלכן, וואָס גיט זיך אויסגעצייכנט אַן עצה.

— פונוואַנען ווייסט איר?

— פשוט איך באַמי זיך צו טרעפן.

— און איך? — האָט סטאַניסלאַוו געזאָגט — צי זאָל איך אויך פּרוּוון טרעפן?

די ליפּן פון מיידל האָבן לייכט א ציטער געטאָן.

— וואָס וועט עס אייך געבן? איר קענט זיך טועה זיין, פּונקט ווי איך.

— איר האָט זיך נישט טועה געווען. איך גיב זיך אויסגע־צייכנט אַן עצה.

— זעט איר שוין.

— פונוואַנען באַזיצט איר די דאָזיקע קענטשאַפט?

— פונוואַנען! — זי האָט זיך האַרציק צעלאַכט. די לאַנגע פיס האָט זי אָנגעשפּאַרט אויף דער באַנק, אויף וועלכער ער איז געזעסן. — פון דערפאַרונג, מיין הער.

— פון אַן אמאַטאָר?

— איך פאַרשטיי נישט — האָט זי געענטפערט. איר גע־לעכטער האָט זיך אויסגעלאָשן.

— מען קען זיך אויסלערנען דערקענען מענטשן — האָט ער געזאָגט באַרואיקנדיק.

— איר מיינט אַזוי? טשעקאַווע — האָט זי טרוקן געזאָגט.

סטאַניסלאַוו האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם שלאָפנדיקן דאָק־טאָר און געזאָגט:

— און דער שכן? וואָס טראַכט איר וועגן אים?

— פאַרוואָס אינטערעסירט עס אייך?

— גיין, איר האָט אַ טעות, איך אינטערעסיר זיך מיט קיי־נעם נישט.

— מיט מיר אויך נישט? — זי האָט זיך צעלאַכט און אי־בערגעחזרט: — מיט מיר אויך נישט?

— אויך נישט מיט אייך. — ער האָט דאָס געזאָגט מיט אַזאַ טאָן, ווי ער זאָל איר אָפּזאָגן יעדע רעכט צו אַ שמייכל, וועלכער איז פּלוצעם פאַרגליווערט געוואָרן אויף איר פּנים. — איך בעט דאָס פאַרגעדענקען. — דאָס מיידל איז צוריקגעפאַלן אויף דעם אָנשפּאַר פון דער באַנק און בלאַס געוואָרן. סטאַניס־לאַוו האָט זיך איינגעבויגן און געזאָגט שעפּטשענדיק:

— רעכנט נישט, ביטע, אויף מיין הילף און אויך נישט אויף דער הילף פון דעם דאָזיקן הער. לאָזט אונדז צורו.

— איך... — האָט זי אויסגעשטאַמלט.

— אַזוי וועט זיין בעסער פאַר אייך. — ער האָט אויסגע־דרייט דעם קאָפּ און, אָנווייזנדיק מיטן בליק אויפן דאָקטאָר, האָט ער צוגעגעבן: — און פאַר אונדז אויך.

* *
*

— וואָס פירט איר אין דער וואַליזע? — האָט ער געפרעגט דעם דאָקטאָר, ווען זיי זענען געבליבן אַליין.

דער דאָקטאָר האָט זי געעפנט מיט ציטערנדיקע הענט. אויבן איז געלעגן וועש, עס האָבן אַ פינקל געטאָן ווייסע העמדער, וועלכע דער דאָקטאָר האָט נערוועז אויסגעגלעט, ווי ער זאָל מורא האָבן, זיי זאָלן זיך נישט צעקנייטשן.

— און דאָס? — סטאַניסלאַוו האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.
— שטיוול.
— ווען וועט איר זיי טראָגן?
גלייך אונטערן וועש זענען געלעגן נייע גלאַנציקע שטיוול מיט באַלעוועס.
— איך האָב זיך משער געווען, אַז זיי וועלן צונוץ קומען.
— ס׳איז דאָך ערשט מאַי.
— איך האָב געמיינט...
— אין לובלין וועט איר דאָס אָפּגעבן אין באַגאַזש־צימער, איך קען ניט אַרומשפּאַצירן איבער דער שטאָט מיט דער דאָזיקער וואַליזע.
— מיר פאָרן נישט ווייטער?
— מיר מוזן זיך פאַרהאַלטן. איר וועט גיין מיט מיר. און געדענקט, אַז מיר קענען זיך נישט. אין גערטנדל, דורך וועלכן מיר וועלן דורכגיין, וועל איך זיך אַ רגע פאַרהאַלטן ביי אַ באַנק אונטער אַ קאַשטאַן־בוים. איר וועט אויף דער באַנק זיך צוזעצן און רואיק וואַרטן ביז איך וועל צוריקקומען.
— צי דאָס וועט לאַנג דויערן?
— איך קען דערויף נישט ענטפערן. איר מוזט געדולדיק וואַרטן.
— איר וועט מיך אַליין נישט איבערלאָזן!
— איך וועל איבערלאָזן און טוט נישט קיין נאַרישקייטן.
ער האָט נאָכאַמאָל אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. דער פערראָן האָט זיך פּאַמעלעך אָפּגעליידיקט, דאָס מיידל איז אָן שום שטערונגען דורכגעגאַנגען די קאָנטראָל פון בילעטן. ער האָט זי געזען מיט די אויגן, ער האָט פון גאַנצן האַרצן באַגערט, זי זאָל זיך אומקוקן. זי איז געגאַנגען פאָרויס, שלעפּנדיק אין איין האַנט די וואַליזע און אין דער צווייטער דאָס הוט־שאַכטל, וואָס האָט מיטן גלאַנציקן לאַקירטן אויבערפלאַך ווי אין געהיים אָפּגעשלאָגן דעם בליאַסק פון דער זון. זי האָט זיך נישט אומגעקוקט אויך דאַן, ווען ער איז געבליבן שטיין אויפן טראָטואַר נאָכן אַרויסגיין פון וואָקזאַל. דעם בליק געווענדט צו איר סילועט האָט ער נאָכגעקוקט פאָרויס. אויף אַ מרחק פון עטלעכע צענדליק טריט הינטער איר איז געגאַנגען דער דאָקטאָר אָן דער וואַליזע.

* *
*

דער שמועס מיט מאַרעקן האָט לאַנג נישט געדויערט. סטאַניסלאַוו האָט גלייך פון אָנפאַנג זיך אָריענטירט, אַז סענקאָווסקי האָט געגעבן צו וויסן מאַרעקן וועגן זיין קומען. זיי האָבן זיך נישט געהאַט געקענט, דאָך האָט מאַרעק געזאָגט סטאַניסלאַוון אָן שום שאָטן פון אומצוטרוי ווי ער דאַרף האַנדלען, כדי וואָס שנעלער זיך דערשלאָגן צו דער אָפּטיילונג, וואָס איז אָנגעפירט דורכן ברודער.

מאַרעק איז שטאַרק ענלעך געווען צום קליינעם וולאַדעקן: אַ נידעריקער, אַ שוואַרצער, אַ דאַרער מיט אַ געדיכטער טשופּרינע, זייענדיק באַדייטנדיק ייִנגער, האָט ער דערמאָנט וולאַדעקן מיט אַ יאָר פינף צוריק, ווען סטאַניסלאַוו האָט זיך מיט אים געזעגנט אויף דער שוועל פון דער תּפֿיסה־קאַמער. פאַר מאַרעקן איז אויך געווען כאַראַקטעריסטיש די זעלבע קאַרגשאַפט פון וואָרט, די אָנווייזונגען, וועלכע ער האָט געגעבן סטאַניסלאַוון זענען געווען איינדייטיק, קורץ, אַזש באַאומרויִקנדיק. ער האָט דאָס פאַרשטאַנען, ווען מאַרעק האָט אים אָנגעגעבן פּרטים פון דער סיטואַציע, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען די אָפּטיילונג, צו וועלכער ער האָט געצילט.

די אָפּטיילונג פון וולאַדעקן האָט זיך איבערגערוקט פון די לובלינער וועלדער אין די יאַנאָווער, עס זענען אַזוי אַרום פאָרגעקומען די אָנגעזאָגטע ענדערונגען און ערשט איצט האָט סטאַניסלאַוו דערפילט די גאַנצע ביטערניש פון פאַרשווייגן נאָך אַלע זיינע נישט ווירקזאַמע צואיילונגען ביי סענקאָווסקין און טעאָדאָרן. ער איז געווען דענערווירט, אָבער ער האָט זיך באַמיט אויפמערקזאַם אויסהערן די דירעקטיוון פון מאַרעקן.

— איר מוזט זיך איילן, חבר.

— איך פאַרשטיי, איך האָב געפּטרט אומזיסט אַ מאַסע צייט.

ער האָט נישט געקענט די געגנטן, צו וועלכע ער האָט באַדאַרפט גיין, ער האָט נישט געהאַט קיין מינדסטן באַגריף וועגן דעם, וואָס דאָרט קומט פאָר. פון די טרוקענע אינסטרוקציעס

האָט ער געוואָלט אַרויסציען וועלכע ס'איז אויספירן, וואָס זאָלן אים דערמעגלעכן צו רעאַליזירן ווי עס באַדאַרף צו זיין די אויפ־גאַבן, ער האָט געדענקט, אַז דאָס, וואָס עס אַנטהאַלטן אין זיך די פאַראָרדענונגען, איז אַלצאייגס וויכטיק, אייגס פון צווייטן אָפּהענגיק און פאַרפליכטנדיק. אין די אינסטרוקציעס פון מאַ־רעקן איז געווען א דורכגעטראַכטע ריי פון ענינים, וועלכע ס'איז אים נישט געווען דערלויבט צו ענדערן.

— איר מוזט זיך איילן, חבר — האָט איבערגעחזרט מאַ־רעק און צוגעגעבן: — פון לובלין וועט איר פאָרן צו דער סטאַנ־ציע דלוגי קאָנט. נאָך היינט.

— היינט?

— יאָ, שוין.

— גוט.

— דאָרט וועט איר אויסשטייגן און פון דער סטאַנציע דלוגי קאָנט וועט איר גיין אין דאָרף אָסובע.

— וויפל קילאָמעטער איז דאָס?

— אן אכט, צען.

— און וואָס ווייטער? — סטאַניסלאַוו האָט דערפילט, ווי ס'איז אים פּלוצעם טרוקן געוואָרן אין האַלדז. ער האָט שוין גע־זען לעבן זיך דעם דאָקטאָר, וועלכער גייט מיט דער שווערער וואַליזע.

— איר מוזט גיין מיטן וואַלד און נישט מיטן שליאַך, כדי אויסצומיידן דעם ישוב יוזעפּאָוו.

— פאַרוואָס? איך גיי נישט אַליין — האָט ער געזאָגט מיט ביטערניש. ער האָט געפילט, אַז סוף־כּל־סוף מוז ער אַרויס־וואַרפן פון זיך די ווערטער, וועלכע האָבן פאַרמערט די שווערי־קייטן. — דער וועג דורך וואַלד איז זיכער זייער א שווערער.

— איר קענט גיין מיטן שליאַך און דורכגיין יוזעפּאָוו, אָבער דאָרט וועלן די ענעסזעטאָוויצעס אייך פאַרקאַטעווען. — מאַרעק האָט די ווערטער געזאָגט רואיק. — אין דאָרף אָסובע וועט איר געפינען דעם מילנער טאַקאַרטשיק, ער וועט אייך געבן דעם ווייטערן קאָנטאַקט.

— ווי זיך פאַרשטענדיקן מיט אים? — סטאַניסלאַוו האָט אויסגענומען דעם בליק פון פאַרבינדלער. דער טאָן, מיט וועלכן

ער האָט געערדט, האָט אים אויסגעזען נישט אָנגענעם, „ווי ער זאָל צוגעבן חשק און נישט וואָרענען פאַר דעם דאָזיקן אָרט“.

— ביים באַגריסן זיך זאָגט אים „דריי“, ער וועט אייך ענטפערן „פינף“. צוזאַמען האָט איר אַכט.

— איך האָב פאַרשטאַנען.

— אויב איר זאָלט דאָרט נישט כאַפּן דעם קאָנטאַקט, קערט זיך אום קיין פרישארקי, אין וואַלד־הייזל. דאָרט איז דאָ אַ וואַלד־וועכטער, קאַלוד.

— גוט.

— קאַלוד, איר וועט פאַרגעדענקען.

— און אויב ער וועט נישט זיין?

— דאָרט דרייען זיך אַרום אונדזערע, איר וועט צוהיטן. סטאַניסלאַוו איז אויפגעשטאַנען און זיך געוואָלט געזעגענען.

— אַ רגעלע — האָט געזאָגט מאַרעק.

— איך הער אייך.

— קיין דלוגי קאָנט וועט איר אָנקומען ביינאַכט, נאָך דער פּאָליציי־שעה.

— גוט, און וואָס ווייטער?

— איר קענט דעריבער נישט אָנקומען היינט קיין דלוגי קאָנט און איר וועט אויסשטייגן אין רייוועץ, דאָרט...

— איך בין דאָרט קיינמאָל נישט געווען — האָט אים סטאַניסלאַוו איבערגעריסן.

— דאָס איז נישט וויכטיק. אין רייוועץ איז דאָ אַ צעמענט־פאַבריק...

— איך ווייס.

— לעבן דער סטאַנציע שטייען הייזלעך, די באַלעבאַטים נעמען גערן אויף רייזנדע אויף נאַכטלעגער. דאָרט וועט איר אי־בערנעכטיקן, גאַנצפרי וועט איר גיין ווייטער קיין דלוגי קאָנט און פון דאָרט קיין אָסובע.

* *
*

קיין רייוועץ זענען זיי פאַרפאָרן אָוונט־צו.

פּאַסאַזשירן זענען געווען ווייניק און סטאַניסלאַוו האָט זיך גלייך אָריענטירט, אַז דעם גרעסטן טייל האָט דאָ פאַרהאַלטן די שפּעטע צייט, וועלכע דערמעגלעכט נישט די ווייטערדיקע רייזע, אויפן קליינעם פּעראָן האָט ער אָבסערווירט אַ געוויינלעכע אָקו־פּאַציע־דערשייגונג, וועלכע ס'איז צום לייכטסטן געווען אויפצו־כאַפּן אין וועג, באַזונדערס אויף די וואָקזאַלן, נעמלעך: א שלעכ־טע קאָנספּיראַציע, וועלכע ס'איז גרינג געווען צו באַמערקן און אויפדעקן. די פּאַסאַזשירן האָבן זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און אַפילו דעמלט, ווען זיי זענען געשטאַנען אומבאַוועגלעך האָט סטאַניסלאַוו ארויסגעפילט פון זיי דעם פיבער פון אויסווארטן און אויסקוקן. פּונקט ווי ער, האָבן זיי דאָ באַדאַרפט איבערנעכ־טיקן און גאַנצפרי פאָרן ווייטער.

ס'איז געוואָרן אַלץ טונקעלער, די היץ האָט נאָכגעלאָזט און פּלוצעם האָט פאַרשמעקט מיט מיסט, שטאַל און לאָנקע. די צעמענט־פאַבריק האָט זיך געפונען נישט ווייט, אַ ווייסע, אַ צו־געפּראָשעטע מיט שטויב, ווי אַ געשפּענסט, וואָס רייסט אויף די קליינשטעטלדיקע האַלב־דאָרפישע לאַנדשאַפט. אַרום די רייזנדע האָבן זיך אָנגעהויבן דרייען די איינוווינער פון רייוועץ, מענער און פרויען: שפּאַצירט אהין און צוריק איבערן פּעראָן און גע־דולדיק איבערגעחזרט: „וועמען אַ נאַכטלעגער, וועמען...“ דער דאָקטאָר, האַלטנדיק זיך לעבן סטאַניסלאַוון, האָט זיך נישט אָנ־גערופן, דערלויבט צו דעצידירן פאַר אים. סטאַניסלאַוו האָט אָנ־געבויגן געשמועסט מיט אַ נידעריקער פרוי, וועלכע האָט מיטן בליק געפּאָרשט זיין פּנים. אין איר הייזל איז געווען איין פריי בעט, זי האָט אים געבעטן זיך צוצואיילן מיטן באַשלום. זי האָט שוין געוואָלט גיין אהיים.

— איר גייט? — האָט די פרוי אונטערגעיאָגט.

— יאָ, נאָר איך וויל נאָך דינגען דאָס צווייטע בעט פאַר דעם הער.

— און אליין איז ער נישט אימשטאַנד? — דאָס האָט גע־קלונגען ווי א באַשולדיקונג, און נישט ווי קיין פאָרוואורף.

— פאַרשטייט זיך, נאָר איר ווייסט, ווי דאָס איז. מען איז געפאָרן צוזאמען אין איין קופּע און מען האָט זיך אזוי צו זאָגן...

— דאָ זענען פאַראַן נאָך בעלנים. פאַני קוואַסקאָווא — זי האָט שטיל א רוף געטאָן. — איך האָב אַ קליענט.

— אַ דאַנק, פאַני ראַמאַנאָווסקאַ. וועלכער איז דאָס? — האָט אַ פרעג געטאָן די פרוי, אראָפּרוקנדיק דאָס טיכל איבער די אויגן.

— צי דאָס איז ווייט פון אייך? — האָט סטאַניסלאַוו אַ פרעג געטאָן ביי דער פרוי, ביי וועלכער ער האָט באַדאַרפט אי־בערנעכטיקן.

— ניין. צו וואָס פרעגט איר דאָס? — די נייגיריקייט פון דער פרוי האָט אים אויפגערעגט.

— ווייל גאַנצפרי פאָרן מיר ווייטער.

— נישט ווייט פון מיר.

סטאַניסלאַוו האָט פון דער זייט א קוק געטאָן אויף דער פרוי, וועלכע האָט פאָרגעלייגט א נאַכטלעגער פאַרן דאָקטאָר און פּלוצעם איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז אפשר וועלן זיך ביי איר געפינען צוויי בעטלעך און זיי וועלן זיך נישט דאַרפן צע־שיידן. „ווי זיי היטן זיך עס אָפּ קעגנזייטיק“. איןביידע זייטן פון ברייטן וועג זענען געשטאַנען קליינע הייזלעך, באַרזונקענע אין פינצטערניש. דאָרט האָבן זיך געצונדן און געלאָשן פייערלעך פון פאַפּיראָסן, פון די פענצטער האָבן זיך דערטראָגן געדעמפטע שמועסן, אָן אָפּגעהאַקט געלעכטער. „איך וועל אים נישט איבער־לאָזן אַליין“.

די, ביי וועלכער עס האָט באַדאַרפט איבערנעכטיקן דער דאָקטאָר, האָט געזאָגט:

— איך האָב עטלעכע בעטלעך, אָבער וואָס גייט עס אייך אָן? — די פרוי האָט גערעדט מאָדנע שאַרף.

— איך פרעג זיך סתם אַזוי — האָט ער געזאָגט נישט זיכער.

— מען דאַרף נישט פרעגן, וויבאַלד עס האַנדלט זיך בלויז וועגן איין קליענט.

— איר האָט רעכט — האָט סטאַניסלאַוו געזאָגט און שטיין געבליבן; ער האָט געוואָלט זיך געזעגענען.

— איך האָב נישט געפרעגט, צי איך האָב רעכט. — זי האָט אָפּגעווענדט דעם קאָפּ, ווי זי זאָל ווייטער נישט וועלן הערן וואָס ער רעדט.

— איר זענט אַ האַרטע פרוי — האָט סטאַניסלאַוו געזאָגט און זיך צעלאַכט.

— מיין ריזיקע — האָט זי געענטפערט. — איך ווייס קיינמאָל נישט, ווען איך נעם אַריין אין שטוב.

— איר מעגט זיין רואיק.

— איך מעג, צי איך מעג נישט — האָט קוואַסקאָווא געזאָגט. — איך קען אייך נישט. די ראָמאַנאָווסקאַ, ביי וועלכער איר וועט נעכטיקן, קען זיין רואיק, נישט איך. זי האָט אַ פּאַרטייִדיקער.

— אַ פּאַרטייִדיקער? — האָט סטאַניסלאַוו געפרעגט.

— איר זון.

— צי האָט אייך שוין אַמאָל עפּעס שלעכטס געטראָפן?

— דאָס איז דאַ — האָט געזאָגט די קוואַסקאָווא. און ווענדנדיק זיך צו סטאַניסלאַוון, וועלכער איז געגאַנגען הינטערן דאָקטאָר, שטרענג אַ פרעג געטאָן: — וווהין?

— איך וויל נאָר זען, ווו דער הער פאַרהאַלט זיך.

— וואָס פאַר אַ האַרציקער אַפּאָטרופּוס איר זענט — האָט זי געזאָגט אַ קוק טועדיק אויף דעם שווייגנדיקן דאָקטאָר.

— פּאַני קוואַסקאָווא — האָט זיך פּלוצעם דערהערט דאָס רופן פון דער ראָמאַנאָווסקאַ, וועלכע איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג פון איר הייזל. — איר וועט אים, גלויב איך, צו זיך נישט אַריינלאָזן?

— איר מעגט זיין רואיק.

— איך קום שוין צוריק! — האָט סטאַניסלאַוו אַ געשריי געטאָן צו דער ראָמאַנאָווסקאַ.

דאָס שטיבל, אין וועלכן דער דאָקטאָר האָט באַקומען זיין נאַכטלעגער, האָט זיך ווירקלעך געפונען זייער נאָענט. איידער דער דאָקטאָר איז פאַרשוווּנדן אין דער טונקלקייט פון פירהויז, האָט סטאַניסלאַוו באַוויזן אים אַ שעפּטשע טאָן:

— איר וועט ווארטן אויף מיר, ביז איך וועל קומען.

— אַ גוטע נאַכט — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט אויף אַ קול. — א דאַנק אייך פאַר דער העפלעכקייט.

* *
*

די ראָמאַנאָווסקאַ האָט געווארט אין דער טיר פון הויז, זיי זענען אריין אין זיין טונקלקייט. די פרוי איז דורכגעגאַנגען דאָס פאָדערהויז, וואָס איז געווען באַשטעלט מיט אלטווארג, זיי זענען אַריבערגעטראָטן די שוועל. אין קליינעם קיכל איז געווען דושנע, עס האָט געשמעקט מיט נאַפט און סיוואָראָטקע. פון דער הילצערנער, ריין אויסגעוואשענער פאָדלאָגע האָט זיך שארף אויסגעטיילט אַ נידעריק טרויעריק פענצטער. אין צימער איז נישט געווען קיין איין בעט. סטאַניסלאַווס בליק האָט זיך פאַרהאַלטן אויף דער צוגעמאַכטער טיר, וועלכע איז געווען איבערגעשניטן אין קווער מיט א שאָטן, וואָס איז געפאַלן פון דער קלאָש פון נאַפט-לאָמפּ. ער האָט געווענדט צו דער פרוי זיין פרעגנדיקן בליק.

— דאָרט שטייען בעטן — האָט זי געזאָגט אָנווייזנדיק אויף דער טיר.

— בעטן? — האָט ער איבערגעפרעגט פאַרוואונדערט.

— יאָ.

— איר האָט געזאָגט, אַז איר האָט נאָר איין בעט.

— איין בעט האָב איך פריי, דאָס צווייטע איז שוין פאַרנומען.

— אַך, יאָ — און נאָך אַ ווײַלע, ווי דערמאָנענדיק זיך, האָט ער געפרעגט: — דורכן זון?

— דער זון שלאָפט מיט מיר אין אַנדער שטוב, אויף דער צווייטער זייט. — זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און אָנגעוויזן אויף דער טיר, וועלכע האָט געפירט אין פאָדערהויז.

— דאָס הייסט, אז דאָרט שלאָפט עמעצער א פרעמדער.

— יאָ.

— פאַרוואָס האָט איר מיר פריער נישט געזאָגט וועגן דעם?

— צו וואָס?

— איך וואָלט געגאַנגען אויף נאַכטלעגער מיט יענעם הער.

— ער איז דאָך נישט אייערער אַ באַקאַנטער. אַזוי האָט איר געזאָגט.

— דאָס איז אמת. איך האָב זיך מיט אים באַקענט אין צוג, אָבער ס׳איז עפּעס נישט אָנגענעם זיך צו צעשיידן.

— די נאַכט איז אַ קורצע, איר וועט זיך שנעל צוריק טרעפן — האָט געזאָגט די ראָמאַנאָווסקאַ.

ער האָט זיך אַ רגע געוואַקלט און ענדלעך געזאָגט:

— איך וועל אייך באַצאָלן פאַר נאַכטלעגער און באַדאַנקען. איך וועל אַריבערגיין אין יענעם הויז.

— די קוואסקאָווא וועט אייך נישט אויפנעמען.

— זי וועט אויפנעמען. איך וועל איר באַצאָלן.

— זי וועט נישט אויפנעמען. אַזאַ מנהג. דאָ נעמט איינער דעם צווייטן נישט צו קיין קליענט.

— גוט, נישט כדאי מער צו רעדן דערפון.

ער האָט זיך אָוועקגעזעצט ביים טיש, די וואַליזקע האָט ער אָוועקגעשטעלט אויף דער פּאָדלאָגע. ס׳האָט נאָך קיינער מיט עטלעכע ווערטער נישט געזאָגט אַזוי פיל. „זי וועט יעדן פאַר־לויפן און שטענדיק זיגן". ער האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז ער וועט גאָרנישט ענדערן. ער האָט אָפּגערוקט דאָס פאַרהאַנגל פון שווארצן פּאַפּיר, וואָס האָט פאַרדעקט דאָס פענצטער. אין דרויסן האָט זיך נאָך געהאַלטן אַ ברעקל מאַטעווע בלאַסע שיין, ווי לעש־פּאַפּיר. „ס׳איז נאָך צו פרי, איך וועל נאָך נישט גיין שלאָפן".

— צי ווערט דאָ שטרענג אָפּגעהיט די פּאָליציי־שעה?

— ווי אַמאָל.

— פון וואָס איז דאָס אָפּהענגיק?

— דער טייוול ווייסט זיי. — אין אַ ווײַלע ארום האָט זי צו־געגעבן: — צוליב וואָס פרעגט איר דאָס?

— ס׳איז נאָך פרי זיך צו לייגן שלאָפן. — און פּלוצעם האָט ער אַ פרעג געטאָן: — און דער זון? — און מיטן בליק אָנגעוויזן אויף דער טיר, וועלכע האָט געפירט אין פאָדערהויז.

— ער איז נאָך נישטאָ.

— ס'איז אים דערלויבט צו גיין נאָך דער פּאָליציי־שעה? — סטאַניסלאַוון האָט ארומגענומען פּלוצעם א שרעק. „איך בין אַריינגעפאַלן". ער האָט זיך שנעל ארומגעקוקט.

— ער אַרבעט.

— ווו?

— אויף דער סטאַנציע.

— דאָ? — ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צום פענצ־טער, באַרירנדיק דאָס שווארצע פּאַפּיר, וואָס האָט פאַרשטעלט די שויבן: ס'האָט אים אויסגעזען עפּעס נישט אָנגענעם, שאַרסטקע און באַוואַקסן מיט שטויב.

— יאָ.

— איז דאָס דער, וועלכער איז געשטאַנען לעבן אייך אויפן פּעראָן?

— דער.

— איך וועל אַרויסגיין צו אים.

— נאָכוואָס?

— אַזוי זיך, כ'וועל אַ ביסל אַרומקריכן, עס גלוסט זיך מיר נישט שלאָפן.

— ווי איר ווילט.

— איר מיינט, אז איך וועל איבערגיין צו דער קוואסקאַוואַ? איך וועל זיכער קומען צוריק. איך לאָז דאָ איבער די וואַליזקע.

— איך מיין גאָרנישט. דאָס ערשטע מאָל זע איך אַזאַ מענטשן. יעדער איז צופרידן, ווען ער געפינט זיך שוין ענדלעך אין אַ שטוב, און איר...

— איך קום באַלד — האָט ער איר איבערגעריסן.

ער איז ווידער אריבערגעגאַנגען דעם ברייטן וועג. ער איז גע־גאַנגען אין דער ריכטונג פון דער סטאַנציע. ער האָט זיך איינגע־קוקט אין דער ווייסער, שטילער געביידע מיט די שווארצע פענצ־טער און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אָט באַלד וועט דאָרט אויפבליצן ליכט, וועט אויפרייסן מיט אַ גאָלדענעם שטראָם און באַלייכטן די נאַכט, דעם וועג און דעם אַנשיט מיט דער איינגע־שלאָפענער שורה וואַגאָנען. אָבער די פינצטערניש האָט מיט עקשנות איינגעהילט די וועלט. ביים אריינגאַנג און אויפן פּעראָן איז קיינער נישט געווען, אין דער צייט האָט שוין קיינער נישט

געקענט קומען צופֿאָרן אָדער אָפּפֿאָרן. ער האָט דערזען א הויכן דאַרן מענטשן, וועלכער איז געגאַנגען צו דער געביידע, האַלטנדיק אין דער אראָפּגעלאָזטער האַנט א שווערן האַמער. סטאַניסלאַוו האָט פֿאַרשנעלערט די טריט און אים געפֿרעגט:

— איר גייט אהיים?

— איך וועל באַלד גיין.

— איך נעכטיק ביי אייער מוטער.

— איך ווייס, איך האָב געזען, ווי איר האָט גערעדט.

זיי האָבן אַ ווײַלע געשוויגן. דערנאָך האָט סטאַניסלאַוו גע-זאָגט:

— ס'איז נאָך פֿרי אויף שלאָפֿן.

— איך בין פֿון פֿרי אויף די פֿיס, איך וואָלט גערן זיך אָפּ-גערוט.

— איר ענדיקט שוין?

— יאָ, איך ענדיק שוין — האָט ער בייז געזאָגט — אַ היי-טישער טאָג.

— א סך ארבעט?

— עס זאָל זיין בלויז דאָס! זיי האָבן געווילדעוועט!

— צי איז עפּעס געשען?

— ניין, ס'איז גאָרנישט געשען — האָט ער אָפּגעענטפֿערט נישט העפֿלעך — גאָרנישט. איך גיי אהיים.

— יאָ, מע דאַרף פֿרי אויפֿשטיין.

— אין א ווײַלע אַרום האָט ראָמאַנאָווסקי געפֿרעגט:

— איר פֿאָרט ווייטער?

— יאָ.

— אויף לובלין צי אויף ראָזוואַדאָוו?

— קיין דלוגי קאָנט.

— וואָס? — ראָמאַנאָווסקי איז שטיין געבליבן. אין זיין שטים האָט זיך דערהערט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט סטאַניסלאַוון באַאומרואיקט.

— קיין דלוגי קאָנט — האָט ער איבערגעחזרט.

ראָמאַנאָווסקי האָט געהאַט א יינגלש פּנים, סטאַניסלאַוו האָט ערשט איצט באַמערקט, ווי שטאַרק ענלעך עס איז דער זון צו דער מוטער.

— איך ראַט אײַך נישט.

— פאַרוואָס?

— אויף דער ליניע קומען פאָר נישט קיין גוטע זאַכן.

— וואָס אַזוינס? — סטאַניסלאַוו האָט געריעדט קאַלט און גלײַכגילטיק. ער האָט אויסגענוצט דעם אומשטאַנד, וואָס מען האָט אים באַטראַכט פאַר אַ פרעמדן.

—אין דלוגי קאָנט געפינט זיך אַ קאָמוניסטישע באַנדע, דע־סאַנטן.

— דאָס איז נישט גוט. פון וואַנען ווייסט איר דאָס?

— זיי האָבן פאַרברענט דעם טאַרטאַק.

— אין דלוגי קאָנט?

— יאָ.

— אפשר נישט פאָרן? — ער איז געווען איבערצייגט, אַז דער יונגער ראָמאַנאָווסקי וועט זיך לאָזן אָנציען אויף אַ שמועס.

— ווי איר ווילט. די צוגן גייען.

— איז דאָס אפשר נישט אַזוי געפערלעך.

— די מענטשן אַנטלויפן פון דאָרטן.

— אַנטלויפן, זאָגט איר?

— מען זאָגט, אַז עס גרייט זיך דאָרט אַ שלאַכט.

— מיט וועמען?

— איך האָב אײַך שוין געזאָגט, אַז דאָרטן זענען פאַראַן דע־סאַנטן, אַ קאָמוניסטישע באַנדע.

— פונוואַנען ווייסט מען אַז אַ קאָמוניסטישע?

— ביז איצט זענען זיי נישט געווען, קענטיק, אַז זיי זענען געקומען פון די לובליגער וועלדער.

— שוין לאַנג?

— מע זאָגט, אַז זיי זענען שוין דאָ פון אַ וואָך, אָדער צוויי.

— פלוצעם איז ראָמאַנאָווסקי שטיין געבליבן און געזאָגט: — כּאַראַ נייגיריקער איר זענט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט סטאַניסלאַוו אָפּגעענטפערט:

— אַז מען פאָרט אַ האַנדל טאָן, פאַרשטייט איר מיך, דאַרף מען וועגן אַלץ וויסן. איך האָב שוין דערפאַרונג, איר מעגט זײַן רואיק. איך ווייס שוין וואָס איך פרעג. ס׳איז אַ שאָד די סחורה.

* *

*

די אינפֿאָרמאַציעס, וועלכע ער האָט באַקומען צופֿעליק פֿון יונגן ראָמאַנאָווסקין — דאָס איז אַלץ וואָס ער האָט זיך געקאָנט דערוויסן אין דער דאָזיקער סיטואַציע, וועלכע האָט זיך אויף אַ באַאומרואיקנדיקן אופֿן קאָמפּליצירט. דער אונטערנעמונג, וועלכע איז געווען אַן און פֿאַר זיך ריזיקאַליש, האָבן איצט געדראָט אומדערוואַרטע שטערונגען, וואָס האָבן געגעבן צו וויסן פֿון זיך דורך אוממיטלבאַרע סיגנאַלן. די ידיעות, וועלכע זענען געוואָרן פֿאַרשפּרייט דורך די איינוווינער פֿון דלוגי קאָנט האָבן געקאָנט האָבן אַ שייכות אויסשליסלעך צו דער אָפּטיילונג, צו וועלכער ער האָט געצילט, און סטאַניסלאַוו האָט געוווסט, אַז ער באַגייט נישט קיין טעות: ער האָט זיך נישט געמוזט אויפֿקלערן די אומשטענדן, אין וועלכע עס האָבן זיך פֿלוצעם באַוויזן „דעסאַנטן“, וועלכע זענען ביז איצט אין די געגנטן נישט געווען. ער האָט זיך נאָר פֿאַרטראַכט איבער דעם פֿאַקט, וואָס ס'האָט זיך באַוויזן „אַ קאָמוניסטישע באַנדע“ אין אַ געגנט, וואָס איז געווען ווייט צום ווייניקסטנס אויף צען קילאָמעטער פֿון אסוכע, וווּ ער האָט באַדאַרפֿט באַקומען דעם קאָנטאַקט. ער האָט זיך משער געווען, אַז דאָס אָרט פֿון קאָנטאַקטירן זיך וועט נישט זיין אַזוי ווייט פֿון דער אָפּטיילונג פֿון קליינעם וואָלאַדעק.

וואָס־זשע איז דאָ פֿאָרגעקומען? וואָס האָט באַוויגן די פּאַרטיזאַנער צו פֿאַרברענגען דעם טאַרטאַק? אַזאַ אַקט האָט דאָך געמוזט סיגנאַליזירן דעם שונא וועגן זייער אָנוועזנהייט דאָ... און אפֿשר האָבן די דייטשן זיי באַפֿאַלן דאָ אומגעריכט? ראָמאַנאָווסקי האָט אָבער גאָרנישט געזאָגט וועגן אַ וועלכער ס'איז שלאַכט, אָדער פֿאַרלוסטן... צי זאָל דאָס באַדייטן, אַז דער טאַרטאַק האָט אָפּגעברענט נישט אין רעזולטאַט פֿון קאַמפֿן, נאָר צוליב אַ ספּעציעל געשאַפֿענער סיטואַציע?

סטאַניסלאַוו האָט נישט געקענט אַנטשלאָפֿן ווערן. ער האָט זיך געפֿילט אומהיימלעך אין דעם דאָזיקן פֿינצטערן צימער, וועלכן די ראָמאַנאָווסקאַ האָט באַלויכטן בלויז אויף איין מינוט, ווען זי האָט אים אַריינגעפֿירט און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— דאָס איז אײער בעט.

אין דעם קנאַפּן ליכט, וואָס האָט זיך אַרײַנבאַקומען פון דער קיך, האָט ער באַוויזן צו באַמערקן דאָס צווייטע בעט, וואָס איז געשטאַנען נעבן דער טיר. די ראָמאַנאָווסקאַ האָט מיט אַ שעפּטש צוגעגעבן:

— דאָס צווייטע איז פאַרנומען.

ער האָט אויסגעדרייט אין יענער זייט דעם קאָפּ: אין דעם ליכט, וואָס איז זיך צעשווומען איבער די ווינקלען, האָט ער באַמערקט עפּעס אַ שטול און קאָנטורן פון אַ טיש. ראָמאַנאָווסקאַ האָט שטיל פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך און ער איז געוואָרן פאַרזונקען אין פינצטערניש.

דער אַראָמאַט פון צימער האָט אים איבערראַשט. צום קאַלטן ריח פון סיוואָראָטקע געמישט מיט גאַפּט איז צוגעקומען נאָך עפּעס א ריח, וועלכן ער האָט נישט געקענט באַצייכענען. „אָן אָפּנאַרעריי פון די חושים". דעם ערשטן איינדרוק האָט ער אויפגענומען ווי אַ טעות, דערנאָך האָט ער שטיל געזאָגט צו זיך: „קלאָר, דאָס איז קעלניש וואסער".

ער האָט זיך פאַמעלעך און פאָרזיכטיק אויסגעטאָן, כדי נישט אויפצוּוועקן דעם שלאָפנדיקן. ער האָט זיך איינגעהערט. ער האָט נישט געקענט אויפכאַפּן דעם אָטעם, קיין שום ריר און באַוועגונג פון דעם האָזיקן מענטשן. שלאָפט ווי אַ דערהרגעטער, „איך וואָלט זיך ישוין פונלאַנג געהאַט אויפגעכאַפּט". ער האָט זיך פאָרזיכטיק אַוועקגעזעצט אויפן ברעג פון בעט, דאָס בעטגעוואַנט איז געווען שאַרפטקע און קאַלט. „דאָך טוישן זיי דאָס איבערציעכץ, איך האָב זיך דערויף נישט געריכט". ער האָט זיך אַוועקגעלייגט און מיט נחת־רוח אויסגעצויגן די פיס, ערשט איצט האָט ער דערפילט די מידקייט „עס זענען געבליבן בלויז עטלעכע שעה".

ער האָט געוואָלט אַנטשלאָפן ווערן, אָבער ער האָט נישט געקענט. עס האָבן אים געפּייניקט שלעכטע געדאַנקען: די רעזולטאַטן פון דער גאַנצער רייזע קענען זיין זייער טרויעריקע. ער האָט דאָס פאַרשטאַנען אין דער מינוט, ווען ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג דערפון, אַז וועגן דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין דלוגי קאָנט האָט מען נאָך אין לובלין נישט געוווסט. „דאָס

איז מסתמא פאָרגעקומען היינט, א שאָד, וואָס איך האָב ראָמאַנאָווסקין נישט געפרעגט, אָבער ס'איז נאָך גאָרנישט נישט פאַרלוירן, איך וועל אים פרעגן אין דער פרי". ער האָט זיך באַמיט צו דערמאָנען, וועלכע ווערטער ראָמאַנאָווסקי האָט באַנוצט, און נישט געדענקט. „פאָרן, צי נישט פאָרן?"

דלוגי קאָנט איז געווען מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, און נישט צוליב דעם האָט ער זיך געשלעפּט מיטן דאָקטאָר אזש פון וואַרשע, כדי, שוין שטייענדיק נאָענט פון ציל, זיך צוריקציען „דאָרט וועט שוין קיינער נישט זיין". אויף א רגע האָט אים באַרואיקט דער געדאַנק, אז אין דלוגי קאָנט וועט ער פאַרבלייבן זייער קורץ, נאָר אַזוי פיל, וויפל עס פאָדערט דאָס אראָפּגיין פון צוג אויף דער סטאַנציע, פונוואַנען ער וועט גלייך גיין קיין אָסוכע. באַלד אָבער האָט אים ווידער באַהערשט אן אומרו. „און אויב די סטאַנציע איז באַשטעלט?"

דער מענטש, וואָס איז געשלאָפן אין צווייטן בעט האָט זיך אַ ריר געטאָן. סטאַניסלאַוו האָט דערהערט א שאָרך, וועלכער האָט אים אָפּגעווענדט פון געדאַנק וועגן דער פאָרשטייענדיקער רייזע. ער האָט אָנגעהויבן זיך איינהאָרכן. דער מענטש האָט זיך איבערגעדרייט אויף דער צווייטער זייט און ווייטער געשלאָפן. און ער איז געווען זיכער, אז דער שכן וועט אָנצינדן א שוועבעלע און נעמען פאַררויכערן א פּאַפּיראָס... ס'איז ווידער געוואָרן שטיל. „ווער קאָן זיין דער מענטש?" ער האָט אין געדאַנק געשאָלטן די ראָמאַנאָווסקאַ, וועלכע האָט פאַר אים אויסבאַהאַלטן די אָנוועזנהייט פון אַ צווייטער פערזאָן אין צימער. ער האָט געשמייכלט צו זיך אַליין פון דער אַדוואָקאַטישער געשיקטקייט פון דער פרוי, וועלכע האָט אים נישט אַריינגעפירט אין קיין טעות און אויך נישט אָפּגענאַרט, ווען זי האָט אים פאַרזיכערט, אַז זי האָט נאָר איין פריי בעט. זי האָט דאָס געזאָגט נישט פאַרהיקנדיק זיך, האַלטנדיק מיט רעכט, אַז זי פאַרדינגט דעם פּאַסאַזשיר נישט קיין צימער, נאר א בעט.

ער האָט זיך צוגעזוינט פּאַמעלעך צו דער פינצטערניש, פון וועלכער עס האָט זיך אויסגעשיילט א פענצטער, וואָס איז נישט געווען פאַרהאָנגען מיט שוואַרץ פּאַפּיר, ווי אין דער קיך. „דערפאַר האָט זי אַהער נישט אַריינגעבראַכט קיין לאָמפּ". גלייך

הינטערן פענצטער האָט זיך פון דער טונקלקייט אויסגעשיילט א קוסט. איבערן קוסט ווייט אין דער טיפקייט פון נאַכט האָט זיך געשפרייט אַ זייער קלאָרער הימל פול מיט שטערן.

ער וואָלט גערן אויפגעשטאַנען. ער האָט געפילט, אז ער וועט נישט אַנטשלאָפן ווערן, ער האָט דאָך מורא געהאַט זיך א ריר צו טאָן. די אָנוועזנהייט פון צווייטן מענטשן האָט אים געשטערט. „ווען דער דאָקטאָר זאָל דאָ זיין, וואָלטן מיר א ביסל געשמועסט“.

דערנאָך איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן. עס האָט אים אויפגעוועקט דער פייף פון א יאָגנדיקן לאָקאָמאָטיוו, א טופעריי פון א לויפנדיקן פערד איבער דער גאַס. דער ערשטער געדאַנק איז געווען: „זשאַנדאַרן“. ער האָט זיך אויפמערקזאַם איינגעהאָרכט, אין פענצטער האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. אויף דעם צווייטן בעט, וואָס איז געשטאַנען ביי דער וואַנט, האָט ער דערזען אַן ענג צוזאמענגעבונדענעם קנופ פון האָר אויפן קישן, און אויפגעדעקטן האַלדז און א נאַקעטן אקסל, וועלכער האָט זיך אַרויסגערוקט פון העמד־אויסשניט. די ווייכע קאָלדרע איז אַראָפּגעשוואומען פון די רונדע היפטן און שענקלעך, אונטערשטרייכנדיק נאָך מער צודריגלעך א פרויאישן קערפער, וועלכער איז באַפרייט פון געהיימנישן און איז איינגעהילט בלויז מיט א שטאָף, וואָס שאַרט זיך מילד אַראָפּ אויפן ראַנד פון בעט, די פרוי האָט רואיק געאָטעמט, ער האָט געזען בלויז דעם אַקסל און די דלאָניע, וועלכע איז געווען לייכט אויסגעדרייט מיט דער אינעווייניקסטער זייט און געליגן אויף דער שיפקייט פון די צונויפגעקאָרטשעטע פים. און דעמלט האָט ער דערזען אויף דער פּאָדלאָגע לעבן בעט אַ וואַליזקע און דערנעבן א שוואַרץ גלאַנציק שאַכטל אויף היט. א ווייסער בלישטשענדיקער פּאַסעק האָט צוגעפעסטיקט דאָס דעקל.

ער האָט געוואָלט אויפשטיין און זיך וואָס שנעלער אָנטאָן, עס האָבן אים באַהערשט אַן אומרו און שרעק. עס האָט אים געמאַטערט א פאָרגעפיל, אַז יעדער באַשלוס וועט זיין צו שפּעט. „וואָס שנעלער, וואָס שנעלער“. ער האָט זיך אויפגעזעצט. האַלטנדיק דעם בליק געווענדט צום שלאָפנדיקן מיידל, וועלכע איז געווען אויסגעדרייט מיטן פנים צו דער וואַנט, האָט ער גע־

גומען זיך אָנטאָן. וועגן דער ראָמאַנאָווסקאַ האָט ער א טראַכט געטאָן מיט כעס: „זי האָט דאָך מיר מיגדסטנס געקאָגט זאָגן, אז דאָרט שלאָפט א פרוי".

דאָס מיידל האָט זיך א ריר געטאָן, די שטרוי האָט טרוקן זיך צעשאָרכעט; זי האָט אויסגעגלייכט די קני, דערנאָך האָט זי פויל און שלעפעריק זיך איבערגעדרייט אויף דער זייט. א רגע איז זי נאָך געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן. איר פּנים איז געווען ראָז. ער האָט באַמערקט דעם שוואַכן ציטער פון אירע ברעמען.

— וואָס טוט איר דאָ?

זי איז געווען איבערגעשראָקן, שנעל ארויפגעצויגן די קאָלדרע, ער האָט געזען, ווי זי האָט זי מיט א פאַרגליווערטן ושעסט געהאַלטן לעבן מויל. פּלוצעם האָט זי אָנגעבויגן דעם קאָפּ, ווי זי זאָל וועלן באַהאַלטן דעם קאָפּ אין דעם קישן.

— באַרואיקט אייך. מען האָט מיך אַריינגעפירט אין א טעות. גלויבט מיר.

זי האָט געשטיקט אין זיך דאָס געוויין, אירע אַקסלען האָבן געציטערט.

— האָט קיין מורא נישט.

ער האָט זיך שנעל אָנגעטאָן. נישט ווייסנדיק ווי צו האַנדלען, האָט ער שטיל געזאָגט:

— די באַלעבאָסטע האָט מיר גאָרנישט געזאָגט, גלייבט מיר.

דאָס מיידל האָט באַוויזן א פאַרוויינט פּנים.

— איר פאַרפאָלגט מיך. פון נעכטן אָן פאַרפאָלגט איר מיך.

— איך בין דאָ גאָרנישט שולדיק.

— שוין דאָרט אין צוג...

— איך האָב געמוזט.

— איר האָט מיר געדראָאָט, איר ווייסט וועגן מיר גאָרנישט און דאָך האָט איר מיר געדראָט.

— איך האָב נישט געדראָט. איך האָב געמוזט וואָרענען.

— קיינעם איז גאָרנישט אָנגעגאַנגען, נאָר איר...

— דער מענטש, וואָס איז געווען מיט מיר, איז אויך... — ער האָט נישט פאַרענדיקט.

דאָס מיידל האָט שטרענג א פרעג געטאָן:

— וואָס פאַרלאַנגט איר פון מיר?

— גאָרנישט. איך וועל אייך קיין שום שלעכטס נישט טאָן, גלויבט מיר. — ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן בעט פֿון מיידל און איר אַ גלעט געטאָן דאָס פּנים, וואָס איז געווען נאַס פֿון טרערן. — האָט קיין מורא נישט. איר פֿאַרשטייט נאָך אַלץ נישט.

— לײדער, פֿאַרשטיי איך. איך מוז מורא האָבן.

— פֿאַר מיר דאַרפֿסטו נישט מורא האָבן.

— איך מוז. איך מוז פֿאַר יעדן מורא האָבן. איך האָב שוין קיין כּוח נישט.

— איך פֿאַרזיכער דיר, אַז פֿאַר מיר דאַרפֿסטו נישט מורא האָבן.

— איר וועט קיינעם נישט זאָגן?

— ווי זאָל איך דיר דאָס באַווייזן?

— פֿונוואַנען האָט איר זיך דאָ גענומען?

— איך האָב דיר שוין געזאָגט. דאָס איז אַ צופֿאַל.

— איר שפּירט מיר נאָך. איך האָב קיין געלט נישט.

— הער...

— אויב איך זאָל מיך איצט טועה זיין, וועט מיך דער טויט שוין נישט מײַדן.

— רעד נישט אַזוי.

— איך וועל זיך שוין פֿון דעם אַלעמען נישט אַרויסבאַ־קומען.

— עס זענען פֿאַראַן טויזנטער מעגלעכקייטן.

— ווייזט מיר אָן איינע. כאָטש איינע, נאָר אַ זיכערע.

— דאָ קענסטו נישט פֿאַרבלייבן.

— פֿאַרוואָס?

— דאָס איז דאָך כּמעט אַ האָטעל. אַז אַפֿן הויז פֿאַר יעדן דורכרײַזנדיקן.

— איך האָב זיך געמוזט פֿאַרהאַלטן.

— און וואָס קלערסטו צו טאָן?

— איך וועל פֿאָרן ווײַטער.

— וווּהין?

— קיין דלוגי קאָנט.

— דאָס איז אוממעגלעך, דאָרט איז אומרואיק.

— איך וועל דאָרט נישט בלײַבן. איך וועל גיין קיין יוזעפֿאָוו.

— קיין יוזעפאָוו?

— יאָ.

— טו עס נישט.

— איך מוז. דאָרט האָב איך אַ באַהעלטעניש.

— דאָרט זענען די ענעסזעטאָווצעס.

— דאָרט וואַרט עמעצער אויף מיר.

— איך פרעג נישט ווער עס וואַרט דאָרט, נאָר גיי נישט אַהין.

— נאָר דאָרט קאָן איך געפינען אַ באַהעלטעניש. — און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי שטיל אַ פרעג געטאָן: — צי בין איך ענלעך אויף אַ ייִדישקע?

— אויב זיי וועלן דיך דערקענען, וועסטו אומקומען.

— צי בין איך ענלעך אויף אַ ייִדישקע?

— קער זיך אום צוריק אַהין, פונוואַנען דו ביסט געקומען.

— ניין, קיינמאָל נישט!

ער האָט מילד אויסגעדרייט איר פנים צו זיך און געזאָגט:

— וועסט זיך אומקערן מיט מיר.

— צו וואָס? — זי האָט אָפּגעווענדט זיין האַנט און איבער־געחזרט: — צו וואָס?

— איך וועל דיך אויסבאַהאַלטן.

— איך קען דאָס שוין.

— דו ווייסט דאָך וועגן מיר גאָרנישט.

— איך ווייס שוין צופיל, איך זאָל קיין צוטרוי נישט האָבן.

— איך וויל דיר העלפן.

— דו ווילסט זיך העלפן, און נישט מיר.

— שרעקלעך אומעטיק איז דאָס וויסן דיינס.

— וועסט מיר זאָגן וועגן דעם שפּעטער.

— שפּעטער?

— יאָ, שפּעטער. אויב איך וועל איבערלעבן. איצט וועל איך דאָס דאָזיקע וויסן מיינס פאַר קיין שום זאַך אויף דער וועלט נישט אָפּגעבן.

זיי זענען שטיל געבליבן, און אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער געפרעגט:

— ווער ביסטו?

—ווייסט דאָך, — און זי האָט גלייך צוגעגעבן: — וווּ האָט זיך אַהינגעטאָן דער מענטש, וועלכער איז געווען מיט אייך צוזאַמען?

— ער איז דאָ.

— וווּ?

— אין אַ צווייט הויז. נאָענט. ער האָט געזאָלט דאָ שלאָפן, נאָר דו האָסט פאַרנומען זיין בעט. — ווייל זי האָט געשוויגן האָט ער געפרעגט: — גלויבסט מיר?

— וויפל קאָסט דאָס?

— סטאַניסלאַוו האָט אַ שמייכל געטאָן:

— האָסט דאָך געזאָגט, אַז דו האָסט נישט קיין געלט.

— איך האָב געזאָגט דעם אמת.

— און איך האָב אויך געזאָגט דעם אמת. דאָס קאָסט גאָרנישט.

— צוליב וואָס שטעלסטו זיך אויס אויף אַ געפאַר?

— ווייסט, איך האָב זיך נישט פאַרטראַכט וועגן דעם.

— און אַזוי, נישט פאַרטראַכטנדיק זיך, לאָזסטו זיך איין וועג אַריין מיט אַ מענטשן, וועלכער קאָן ברענגען אויף דיר דעם טויט?

— איך קען אים אפילו נישט. איך האָב מיט אים גערעדט אינגאַנצן דריי מאָל.

— און וואָס?

— איך וועל אים אַוועקפירן אין אַ מער זיכער אָרט ווי אין וואַרשע.

— וואָלסט מיך אויך געקענט מיטנעמען?

— דיך?

— יאָ.

ער איז אַנטשוויגן. ער האָט געזען פון דער נאָענט אירע ברוינע אויגן, וועלכע האָבן אויף אים צודרינגלעך געקוקט, די מילדע ליניע פון איר נאָז, די ציטערנדיקע ווינקלען פון מויל. „זי וועט באַלד ווידער אויסשיסן מיט אַ געוויין".

— איך וואָלט געמוזט האָבן אַן הסכּמה.

— וועמענס?

— עמעצנס.

— דאָס איז אַ סוד?
— יאָ.
— באַקום די הסכמה. — זי האָט גערעדט, ווי איינער, וואָס איז פּלוצעם געוואָרן פאַרבלענדט פון דער זון, איר האַנט האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף דעם אָרעם פון סטאַניסלאַוו.
— דאָס איז נישט אַזוי לייכט.
— באַקום די הסכמה. — איר שטים האָט זיך געבראָכן פון פאַרצווייפלונג.
— דאָס מוז דויערן.
— באַקום די דאַזיקע הסכמה. — זי האָט, קניענדיק אויפן בעט, דערנענטערט איר פּנים צו זיינעם.
— פאַרשטיי...
— דו פאַרשטיי. — זי האָט איבערגעחזרט: — דו פאַרשטיי. איך קריין אַרום דעם טויט און איך זוך אים. איך וועל שוין לענגער נישט וואַרטן.
— באַרואיק זיך. דאָס פאָדערט צייט.
— איך וועל וואַרטן. איך וועל זיך אויסבאַהאַלטן. — זי האָט זיך האַסטיק אַרומגעקוקט. — אפשר דאָ? ווי מיינסטו? אפשר דאָ? — זי האָט פיבערדיק, ווילד געפירט מיטן בליק איבערן צימער.
— דאָס וועט דויערן.
— גוט, איך וועל וואַרטן. האָסט אַליין געזאָגט, אַז איך קאָן נישט גיין קיין יוזעפאָוו. האָסטו געזאָגט אַזוי?
— איך האָב געזאָגט.
— וועל איך וואַרטן.
— דאָס איז נישט זיכער.
דאָס מיידל האָט אָפּגעלאָזט זיין האַנט:
— און צו וואָס דאָס אַלץ? צו וואָס?
— איך קען נישט אַלץ זאָגן. דאָס, וואָס איך וויל מאָן פאַר דיר, פאָדערט באַטראַכטונג, עמעצנס הסכמה. איך קען נישט אַליין דעצידירן.
זי איז צוריקגעפאַלן אין בעט. אירע אויגן זענען געווען צו־נעמאַכט, זי האָט שעפּטשענדיק געזאָגט:
— און אויב... צי דאָס דאַרף לאַנג דויערן?

—עטלעכע טעג.

— עטלעכע טעג... — האָט זי טויב איבערגעחזרט. אַ טרער האָט זיך פּאַמעלעך געקייקלט איבער איר באַק.

— וויין נישט. — ער האָט מיט דער האַנט אָפּגעווישט איר טרער. — וויין נישט.

— גיב מיר דיין האַנט — האָט זי געזאָגט. זי האָט זי אָנגענומען און אַרויסגעלאָזט: — איך וואָלט איצט געוואָלט שטאַרבן. אַזוי רואיק.

— רעד נישט אַזוי...

—איצט, ווען איך פיל דעם אָטעם פון אַ מענטשן, וועלכער לויערט נישט אויף מיר, שפירט מיר נישט נאָך. רייצט קיינעם נישט... דו ווייסט נישט, ווי שרעקלעך דאָס איז.

— איך באַמי זיך צו וויסן.

— צו וואָס? וואָס וועט דאָס דיר געבן?וואָלסט געמוזט זיין אַ ייד כאָטש עטלעכע הגעס, כדי... אפשר וואָלסטו דאָס פאַרשטאַנען.

— צייטנווייז דאַכט זיך מיר, אַז איך פאַרשטיי.

— קיינמאָל נישט. עס וואָלט געמוזט זיין אין דיר די שטים, וועלכע וועט קיינמאָל נישט אַנטשווייגן. שטעלט נישט קיין פראַגן און ווערט נישט אַנטשווייגן, ענטפערט נישט, נאָר ווערט נישט אַנטשווייגן...

— איך וואָלט דאָס אַריבערגעטראָגן.

— און די באַליידיקונג? און די פאַראַכטונג? און די שנאה? און די פאַרשעמונג?

— איך וואָלט געקעמפט.

— קעמפן קאָן מען מיט אַ פיינט, אָבער דו וואָלסט דורכגעפאַלן אין ערשטן צוזאַמענשטויס מיטן ערשטן בעסטן לאָבוז, וועלכער וואָלט דערקענט אין דיר אַ יידן. ער וואָלט מיט דיר נישט געקעמפט. ער וואָלט בלויז געזאָגט צו אַ דורכגייענדיקן דייטש: דאָס איז אַ ייד, און דו וואָלסט פאַרלוירן דיין לעבן.

— מעגלעך.

זי האָט אויף אים שווייגנדיק געקוקט און אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט:

— גיב מיר אַ קוש.

ער האָט זיך אָנגעבויגן. זי האָט אים רואיק אָנגעקוקט.

— גאָר.

האַלטנדיק זיין פּנים לעבן אירן האָט ער שעפּטשענדיק גע־פרעגט:

— פאַרוואָס האָסטו מיך אויסגעקליבן? פאַרוואָס גראָד מיך?

— ער האָט געזען אירע אויגן, די צעעפנטע ליפּן.

— ס'איז מיר זיכער מיט דיר.

— און אויב עס וועט נישט זיין קיין באַשלום? — האָט ער געפרעגט.

— עס וועט מיר קיין סך צייט נישט איבערבלייבן. איך וועל אַליין גיין צו זיי און זיי דערציילן.

— וועסט וואַרטן ביז איך וועל צוריקקומען.

זי האָט גענומען זיין האַנט און אַוועקגעלייגט אויף איר ברוסט.

— האַלט אַזוי די האַנט.

ער האָט שעפּטשענדיק געפרעגט:

— האָסט געזאָגט, אַז דו פילסט זיך זיכער, זייענדיק מיט מיר?

— יאָ.

—קיין שום פרוי האָט זיך נישט געפילט זיכער מיט מיר.

— האָסט נישט ליב געהאַט?

— איך בין שטענדיק געווען וואַכזאַם. זיי פלעגן זאָגן, אַז דאָס איז אַ פּיין.

— פאַרוואָס ביסטו געווען וואַכזאַם.

— איך האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין רואיק לעבן.

— און איצט?

— וועל איך זיין וואַכזאַם, כדי דיר צו העלפן.

— און וועסט צוריקקומען?

— אויף זיכער.

ער האָט מיט אַ מילדער באַוועגונג צענומען אירע קני.

— וועסט אויף זיכער צוריקקומען? — אירע אויגן זענען געווען ברייט צעעפנט.

— איך וועל דיך אומעטום געפינען.

— איצט זאָגסטו אַזוי.

— איך וועל צוריקקערן.

זיי זענען פאַרזונקען גלייכצייטיק אין טונקלקייט און אין ליכט און זיך אַרויסבאַקומען פון דאָרט פויל, מיט אַ מילדן שמייכל אויף די ליפּן.

דערנאָך, אין דער גרויקייט פון שאָטן, שוין בײַ דער טיר, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— וועו וועסטו זיין אין יוזעפּאָוו?

— נאָך היינט.

— ס'איז אַ שטיק וועג.

— צען קילאָמעטער.

— קיין באַן איז אַהין נישטאָ.

— איך ווייס.

— בײַ וועמען וועסטו זיין?

— געפין דאָס הויז פון די טאָמאַשעקס, דאָרט וועל איך זיין.

ער איז צוגעגאַנגען צום בעט, זיך אָנגעבויגן און איר אַ קוש געטאָן אין די ליפּן. אויסמיידנדיק איר בליק האָט ער געזאָגט:

— אויף וועמען זאָל איך פרעגן?

— אויף מאַרילען.

ער האָט אַ שמייכל געטאָן.

— מאַרילקע! — ער האָט געזען איר פּנים, די אויגן, וועלכע האָבן צודרינגלעך געקוקט אויף אים, אַזש ביז ווייטיק. — זיי פאַרזיכטיק. — זיי פאַרזיכטיק, מאַרילקע.

— איך וועל זיין. — און טרוקן, ווי דאָס זאָל זיין נישט וויכטיק, האָט זי צוגעגעבן: — מען וועט דיר נישט דערלייבן זיך אומצוקערן נאָך מיר.

* *
*

אין קופּע זענען געזעסן עטלעכע פּויערים, וועלכע האָבן שווייגנדיק און מיט אומצוטרוי אויפגענומען ביידע צוגעקומענע פּאַסאַזשירן. איינער פון די רייזנדע האָט מיט אַ פאַרדאגהט פּנים זיך צוגעקוקט צו סטאַניסלאַוון און אָן שום פרעגן פון קיי־נעם אָנגעהויבן פון זיך אַליין דערציילן מיט אַ טויטער שטים

אַ טרויעריקע געשיכטע וועגן זיין היים און פאַמיליע. אין אָנהייב האָט סטאַניסלאַוו נישט פאַרשטאַנען אין וואָס דעם פויער גייט: הערנדיק אים, האָט ער געהאַט דעם איינדרוק, אַז דאָס דערציילן פאַרשאַפט דעם רעדנדיקן פאַרגעניגן, ווי ער זאָל בכיוון וועלן אַרויסרופן ביי די צוהערער מיטגעפיל און רחמנות. מאָמענטנווייז איז דער דערציילער שנעל איבערגעגאַנגען פון איין ענין, אַ נאָר וואָס אָנגעהויבענעם, צו אַ צווייטן. אַ גאָר נייעם, אָדער אַ קוים אָנגעדייטעטן פון פריער. „אַ משוגענער“ — האָט סטאַניסלאַוו אַ טראַכט געטאָן, דאָך האָט ער אים ווייטער אויסגעהערט מיט געמאַכטער העפלעכקייט. די באַרעדעוודיקייט פון דעם מענטשן האָט סיי אים, סיי דעם דאָקטאָר באַפרייט פון רעדן און פון שווערן שטילשווייגן. דער קורצער „ניין“, אָדער טרוקענער „יאָ“ האָבן גענוגנט, אַז דער דערציילער זאָל ווייטער ציען זיין געשיכטע. די איבעריקע פאַסאַזשירן האָבן נישט געלייגט קיין אַכט אויף זיין שמועס, וואַרשיינלעך האָט ער שוין פריער באַוויזן אַלעמען צו דערציילן.

פון די ווערטער פון פויער איז געדרונגען, אַז נישט לאַנג, קוים מיט אַ פאָר וואָכן צוריק, האָט מען דערמאָרדעט זיין פרוי. דאָס איז פאָרגעקומען אין מיטן העלן טאָג און ווי ער האָט פעסטגעשטעלט — „אָן וועלכער ס'איז באַגרינדונג“. פון דעם נישט דערזאָגטן האָט סטאַניסלאַוו פאַרשטאַנען, אַז דאָ האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן וועלכער ס'איז שולד מצד דער דערמאָרדעטער, דער מאָרד איז געווען פשוט אַן אַקט פון ווילקיר. „מע קאָן איר אַ קלאַפ טאָן“ — האָט ער אַ טראַכט געטאָן וועגן מאַרילקען. סטאַניסלאַוו האָט געטריבן פון זיך די שרעק, וועלכע איז אין אים פלוצעם אַנטשטאַנען. „איך וועל זי אַוועקנעמען, זיי מוזן מסכים זיין“. ער האָט נאָך נישט דורכגעטראַכט אַלע מעגלעכקייטן, צוערשט דאַרף מען זיך פאַרשטענדיקן מיט וולאַדעקן. „זיכער וועט מען דאַרפן האָבן די הסכמה פון דער אָנפירונג“. עס קענען אויפקומען פרינציפיעלע ענינים. „ווער איז דאָס דאָזיקע מיידל?“ — וועט וולאַדעק, לאָמיר זאָגן, אַ פרעג טאָן. ער האָט וועגן דער פראַגע פריער נישט געטראַכט. ער האָט וועגן איר גאָרנישט נישט געוווּסט, נישט ווער זי איז, נישט צי זי איז אימשטאַנד איבערצוטראָגן די שוועריקייטן פון פאַרטיזאַנישן לעבן. „זי קאָן פאַר

אונדז זיין אַן עול — וועט וואַדעק זאָגן — און אויסער דעם, צי האָסטו זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, וועלכע סיטואַציע עס קאָנ־שאַפן די אָנוועזנהייט פון איין פרוי צווישן אַזוי פיל יונגע בחו־רים, וואָס געפינען זיך חדשים לאַנג אין וואַלד“.

דער פויער האָט געזאָגט:

— ווען איך זאָל האָבן געווינט אין דלוגי קאַנט, וואָלט דאָס אומגליק נישט פאָרגעקומען:

— פאַרוואָס? — האָט צום ערשטן מאָל זיך אָנגערופן סטאַ־ניסלאַוו.

— די מענטשן וואָלטן איינגעהיט.

—אַך, אַזוי... און ווו ווינט איר?

— אין אָסובע.

— אין אָסובע? — האָט סטאַניסלאַוו איבערגעפרעגט.

— יאָ.

— און דאָס איז ווייט פון דלוגי קאַנט?

— ניין, אַן ערך אַכט קילאָמעטער. — און ער האָט גלייך צוגעגעבן: — און איר, מיינע הערן, זענט פונוואַנען?

— פון קעלץ — האָט סטאַניסלאַוו שנעל אָפּגעענטפערט.

— און אין אָסובע קענט איר עמעצן?

— קיינעם נישט. אָבער מיר וואָלטן געוואָלט עמעצן באַקע־נען, ווייל מיר פאָרן אין האַנדלס־ענינים.

דער פויער האָט מיט ביטול אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— איר זעט נישט אויס אויף סוחרים.

— מיר זענען באַאַמטע, איצט האָבן מיר אורלויב. וואָלטן מיר געוואָלט עפעס וואָס צופאַרדינען.

— און ווו האָט איר די סחורה?

סטאַניסלאַוו האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— איר האָט נישט געזען, ווי מיר זענען איינגעשטיגן מיט וואַליזעס?

— ס'איז עפעס צו ווייניק?

— ווייניק? איר ווייסט דאָך נישט וואָס דאָס איז.

— וואָס?

— מיר וועלן נאָך זען, צי מיר וועלן בכלל פאָרן קיין אָסובע.

דער פויער האָט אַ קורצן לאַך געטאָן:

— קיין אָסובע פֿאָרט מען נישט. דאָרט אַהין גייט די באַן נישט צו.

— אָבער גיין אַהין קאָן מען?

— מע קאָן.

דער שמועס האָט זיך איבערגעריסן. סטאַניסלאַוו האָט געפֿרעגט:

— צי זענען דאָרט פֿאַראַן עפּעס רייכע מענטשן?

— און וואָס גייט דאָס אייך אָן? — אין בליק פֿון פֿויער האָט זיך באַוויזן אַ קאַלטער אויסדרוק. סטאַניסלאַוו האָט באַמערקט, אַז די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די פּאַסאַזשירן איז געוואָרן לעבעדיקער, דעם פֿויערס ענטפֿער האָט אויפֿגעהויבן זיין ווערט אין זייערע אויגן.

— מיר האָבן וועש און אַנצוגן — האָט סטאַניסלאַוו רואיק געענטפֿערט — קיין קבצן וועט דאָס נישט קויפֿן.

— האָט איר נישט צוליב וואָס צו פֿאָרן צו אונדז — האָט דער פֿויער געזאָגט. — אַ שאָד אייער מי.

— איז ביי אייך נישטאָ נישט קיין מאַרטאַק, נישט קיין מיל.

— קיין מאַרטאַק איז נישטאָ, אָבער אַ מיל איז פֿאַראַן..

— זעט איר שוין! — סטאַניסלאַוו האָט זיך צעלאַכט. — ווען גייט נאָך אַזוי גוט אין די היינטיקע צייטן ווי אַ מילנער? מעל האָט ער?

— ער האָט. אָבער איר וועט דאָך קיין מעל קיין קעלץ נישט פֿירן.

— פּאַניע! מיר האַנדלען דאַרפֿט איר שוין נישט לערנען! מעל, געבעקס דאָס איז אַן ענין פֿאַר הינטער וואַרשע. פֿונדאַנען קאָנען מיר מיטנעמען אַ קעלבל, אַ חזיר, טאַבאַק.

— ריכטיק, אַזוי איז עס. אויב אָסובע, טאָ גייט צום מילנער.

— איר ווייסט אפשר ווי ער הייסט?

— טאָקאַרטשיק.

— טאָ-קאַר-טשיק! — האָט סטאַניסלאַוו איבערגעחזרט און זיך אַ ווערטל געטאָן: — ער וואָלט באַדאַרפֿט זיין אַ טאָקער און נישט קיין מילנער.

— ער איז אַ מילנער.

סטאַניסלאַוו וועדטל איז דעם פויער, זעט אויס, נישט גע־ווען צום האַרץ. ער האָט איצט געענטפערט מיט ווינציקער חשק.

— ווער נאָך וואָלט געקענט עפּעס קויפן? — האָט סטאַ־ניסלאַוו געפרעגט.

— איך ווייס נישט. איר וועט זיין אויפן אָרט. וועט איר זען.

ס'איז געוואָרן שטיל, נאָר סטאַניסלאַוו האָט ווידער געפרעגט.

— מיר וואָלטן אפשר געקאָנט גיין מיט אייך? וועט זיין היימלעכער.

— איך גיי דורכן וואַלד — האָט געענטפערט דער פויער.

— ס'איז נעענטער? — האָט סטאַניסלאַוו געפרעגט.

— איר וואָלט געגאַנגען דורך יוזעפאָוו, און מיט מיר וועט איר גיין דורכן וואַלד, ס'איז נעענטער.

— און קיין יוזעפאָוו איז ווייט? ווייט? — האָט סטאַניסלאַוו איבערגעחזרט מיט אומגעדולד.

— איר קענט דאָרט עמעצן? — האָט דער פויער געפרעגט. עס האָט זיך אין אים ווידער געוועקט אַ חשד.

— ניין, ניין, פּונוואַגען! — ער האָט געמאַכט אַ שנעלע באַ־וועגונג מיט דער האַנט, ווי ער זאָל וועלן אָפּטרייבן מיט איר דעם פּרעגנדיקן בליק פון פויער. איך פרעג זיך סתם. אויב מיר זאָלן אין אָסובע גאָרנישט דערליידיקן, וואָלט זיך אפשר געלוינט אַראָפּ־צוכאַפּן קיין יוזעפאָוו.

— איר וועט שוין זען, מיינע הערן, אויפן אָרט.

— ריכטיק... און צי איז דאָרט רואיק?

דער פויער האָט אויף אים דורכדרינגלעך אַ קוק געטאָן:

— וועגן וועמען זאָרגט איר זיך אַזוי אין יוזעפאָוו?

— וועגן קיינעם נישט.

און ווידער האָט סטאַניסלאַוו זיך אָפּגערופן דער ערשטער:

— איז ווי הייסט אַלזאָ אייער מילנער ?

— טאָקאַרטשיק.

— אַהאַ,ווירקלעך, טאָקאַרטשיק. און צי ווינט איר ווייט פון אים?

— ניין.

* *

*

אין דלוגי קאַנט זענען אויסגעשטיגן נישט קיין סך מענטשן.
די רייזנדע האָבן זיך באַמיט צו פאַרלאָזן דעם צוג אַזוי, אַז קיי־
נער זאָל זיי נישט באַמערקן. הינטער אַ קליינער פּאַרוואַרלאָזטער
באַן־געביידע, וועלכע איז געווען פאַרשטעלט מיט בייוועגיקע קוס־
טעס, זענען געשטאַנען פורען, וועלכע האָבן, נישט געקוקט אויף
דער היץ, געטראָגן טיכלעך אויף די קעפּ. זיי האָבן אויסגעזען ווי
איבערגעשראָקן, זיך באַוועגן הינטערוויילעכץ, אַרויסגעגאַנגען
אויפן וועג און זיך גלייך צוריקגעצויגן: זיי האָבן אָפּגעוואַרט
זייערע מענער. אייניקע זענען צוגעגאַנגען צו די, וועלכע האָבן
שנעל פאַרלאָזט דעם פּעראָן, עפּעס שטיל געשעפּטשעט און דער־
נאָך געגאַנגען ווייטער צוזאַמען מיט די אָנגעקומענע.

פון דער ווייטנס האָט געגעפּלט אַ וואַלד, ער האָט אויסגע־
זען זייער אַ געדיכטער און פינצטערער. דער דאָקטער האָט גע־
שלעפּט זיין וואַליזע, דער מאַנטל האָט אים אַ ביסל געשטערט.
סטאַניסלאַוו האָט געשפּאַנט נעבן דעם באַלעבאָס פון אָסובע,
אַרומגעקוקט זיך אויפמערקזאַם אין אַלע זייטן, דערוואַרטנדיק
זיך אָנצוטרעפן אויף דייטשן. די פּאַנישע איילעניש, מיט וועל־
כער די מענטשן האָבן זיך דערווייטערט פון דער סטאַנציע, האָט
עדות געזאָגט וועגן דעם, אַז דאָ איז פאָרגעקומען עפּעס אויסער־
געוויינלעך וויכטיקס.

— וווּ איז דער טאַרטאַק? — האָט זיך סטאַניסלאַוו גע־
ווענדט צום פויער, ווען זיי האָבן איבערגעשניטן די באַן־ליניע און
פאַרבייגעגאַנגען אַ לענגלעכע שוואַרצע שאַפּע מיט אַן אויפ־
שריפט: „ראַוכן פערבאָטען“.

— וועלכער טאַרטאַק?

— נו, דער אָפּגעברענטער.

— און ווער האָט אייך געזאָגט, אַז ער איז אָפּגעברענט? —
האָט דער פויער זיך געחידושט.

— ווייסט איר נישט דערפון?

— ניין. איך בין דאָ נישט געווען צוויי טעג.

— איך האָב געהערט וועגן דעם אויף דער סטאַנציע אין
רייוועץ — האָט סטאַניסלאַוו אויפגעקלערט, כדי אויסצומיידן ווי־
טערדיקע פראַגן.

— פון זיך אַליין האָט ער נישט אָפּגעברענט — האָט דער פויער צוגעגעבן סקעפּטיש.

— ווירקלעך.

— עמעצער האָט אים אונטערגעצונדן.

— אָבער ווער?

— פונוואַנען זאָל איך דאָס וויסן?

זיי זענען אַדורך דעם ברייטן מאַרק, וועלכער איז געווען אינגאַנצן פּוסט. ערגעץ אין דער זייט, אויף אַ קליין בערגל, איז צווישן ביימער געשטאַנען אַ צווייִשטאָקיק געמויערט הויז, די איינציקע געביידע, וועלכע האָט געווענדט אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דורכגייער. די איבעריקע הייזער, אָפּגערוקטע פון מאַרק, האָבן פאַרשטאַרקט דעם איינדרוק פון פּוסטקייט. דער דאָקטאָר איז געגאַנגען הינטער זיי, סטאַניסלאַוו האָט געהערט זיין שנעל אָטעמען. „מע וועט באַדאַרפן אים העלפן טראָגן די וואַליזע“ — איז סטאַניסלאַוון אַדורך דורכן רעיון. ער האָט זיך אומגעקוקט, דער דאָקטאָר איז שטיין געבליבן.

— ס'איז אייך שווער?

— נאָך נישט — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט.

— איר וועט מיר זאָגן ווען, וועל איך אייך צוהעלפן.

— גוט, איך וועל אייך זאָגן.

סטאַניסלאַוו האָט זיך נאָכאַמאָל געוואָנדן צום פויער:

— זיכער פון אַלץ האָבן די דייטשן פאַרברענט דעם טאַרטאַק.

— די דייטשן? וואָס רעדט איר! דער טאַרטאַק האָט דאָך פאַר זיי געאַרבעט.

— איז ווער זשע? אונדזערע?

— וועלכע אונדזערע? צו וואָס?

— וואָס הייסט „צו וואָס“? ער זאָל נישט אַרבעטן פאַר די דייטשן.

דער פויער האָט אַ קורצן לאַך געטאָן.

— אונדזערע, וועגן וועלכע איר קלערט, וועלן נישט פאַרברענען קיין פריציש פאַרמעגן. זיי וועלן עס נאָך באַשיצן.

— צוליב וואָס?

אַ מאָדנער מענטש זענט איר — האָט דער פֿויער געזאָגט מיט אַ קוים באַמערקטער איראָניע און אַנטשוויגן.

זיי זענען געגאַנגען מיט דער וואַלד־געדיכטעניש לענגאויס דער ליניע. דאָ איז געווען אַ ביסל קילער: די שטילקייט, וועלכע איז פּלוצעם געוואָרן געשטערט, האָט זיך הינטער די גייענדיקע ענג פֿאַרמאַכט. פֿאַרויס האָבן זיך פֿאַר זיי געעפֿנט ווייטע שטחים, אַ טייל וועלט, וואָס איז געווען פֿול מיט ריחות און סודות...

דאָס שווייגן האָט שוין אַ ביסל צו לאַנג געדויערט און, כדי דאָס איבערצורייסן, האָט סטאַניסלאַוו זיך געוואָגן צום דאָקטאָר:

— נעמט איר מיין וואַליזקעלע און איך וועל נעמען אייערע.

דער דאָקטאָר איז שנעל איינגעגאַנגען, ער איז געווען פֿאַרשוויצט.

— צי וואָלט מען נישט געקאָנט אַ ביסל אָפּרוען?

— נישט דאָ — האָט זיך אַריינגעמישט דער פֿויער.

— נאָר וווּ? — האָט דער דאָקטאָר געפֿרעגט. די פֿראַגע איז געווען אַ צודרינגלעכע און האָט איבערראַשט סטאַניסלאַוון מיט איר אימפּעטיקייט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אויפֿמערקזאַם אָנגעקוקט דעם דאָקטאָר.

— איר וועט אָפּרוען אין דער פּרישאַרקע — האָט געזאָגט דער פֿויער.

— וווּ? — האָט אים סטאַניסלאַוו איבערגעריסן. דאָס האַרץ האָט אים אָנגעהויבן צו קלאַפּן האַסטיקער. ער האָט געדענקט דעם דאָזיקן נאָמען, וועלכן מאַרעק האָט אים אָנגעגעבן.

— אין דער פּרישאַרקע, אין וואַלד־הייזל.

— אויסגעצייכנט — האָט סטאַניסלאַוו פֿריילעך אויסגערופֿן. — מיר וועלן זיך אָנטרינקען מיט מילך.

— קיין מילך וועט איר דאָרט נישט באַקומען, אָבער אָפּרוען וועט מען קאָנען.

— דער וואַלד־וועכטער וועט מכבד זיין, ער וועט נישט זיין אַזאַ שלעכטער — האָט סטאַניסלאַוו ווייטער געזאָגט.

— און פֿונוואַנען ווייסט איר, וועלכער מענטש ער איז?

— אין דעם גייט מאַקע, וואָס איך ווייס נישט.

— מע דאַרף קענען דעם וואַלד־וועכטער קאַלוד...

— ווי הייסט ער?

— קאַלוד, וואָס איז דען?

— עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז איר האָט געזאָגט פּאַלוד. זייער אַ קאָמישער נאָמען.

„אַלץ שטימט, עס גייט אויף אַ וועג, אויב עס וועט ווייטער אַזוי גיין, וועט ער אונדז אַוועקפירן גלייך אין דער ווינונג פון טאָקאַרטשיקן, איך וועל שנעל דערליידיקן דעם קאָנטאַקט מיט וולאַדעקן, איבערגעבן אים דעם דאָקטאָר און זיך אומקערן אַ ה י ן. וולאַדעק וועט זיכער איינשטימען, ער מוז איינשטימען, איך וועל אים אַלץ דערציילן, זי וועט נישט אומקומען, זי טאָר נישט אומקומען, איך וויל נישט, די חברים מוזן מסכים זיין, איך וועל זיי זאָגן וועגן אַלץ, דאָרט וועט מען זי אויסגעבן, ניין, זי וועט אַליין גיין, זי איז אָן שום שוץ, אויפן סאַמע ראַנד פון פאַרצווייפלונג. זי וועט וואַרטן אויף מיר, איך האָב איר צוגעזאָגט, זי וועט וואַרטן, ווו וועט זי זיין? וואָס וועלן מיר מיט איר טאָן? וועלף, עס וועלן זיך אויפוועקן אין זיי די וועלף, זי וועט זיצן אומבאַוועגלעך, ניין, מיר וועלן זי איבערוואַרפן אין שטאָט אַריין, איך וועל זי אַוועקפירן צו זיך, אויף גראַניטשנע, צו מאַריען. ניין! דאָרט וועט קומען וואַצלאַוו און די אַלע טאַבאַק־הענדלער, זיי וועלן גלייך דערשמעקן, זיי וועלן זי אויסגעבן, ניין! צוערשט וועט זי פאַרבייסן די ליפּן ביז בלוט, זי וועט אפילו נישט שרייען, זיי ווייסן, אַז זי וועט אפילו נישט שרייען, זיי וועלן איר הראָען מיט די דייטשן, זי וועט אפילו נישט שרייען, נישט אויף גראַניטשנע, נישט דאָרט, אויף באַגנע, ביי סענקאָווסקין, ניין, ביי טעאָדאָרן, בעסער ביי סענקאָווסקין, טעאָדאָר וועט איר נאָך דערציילן די געשיכטע מיט זיין פרוי...“

אַ שווייס איז אים גערונען איבערן פּנים, די וואַליזע פון דאָקטאָר איז געווען זייער אַ שווערע, ער האָט זיך פאַרסאַפּעט. דער פויער איז געגאַנגען פאָרויס, סטאַניסלאַוו האָט זיך צוגעווינט צו זיין אַגוועזנהייט און צו זיין שווייגן. ער האָט אפילו נישט באַמערקט, ווי זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען אַ יונגיטשקן וואַלד, נאָך וועלכן עס האָט אויפגעליכטיקט ווי אַ העלע כטענגע אַ שמאָל וואַלד־וועגל. פּלוצעם איז דער פויער שטיין געבליבן, צוריקגעצויגן זיך, און מיטן אָרעם אַ לייכטן שטויס געטאָן די, וואָס זענען געגאַנגען הינטער אים.

— דאָרט איז געשטאַנען דאָס וואַלד־הייזל! — מיט אַ ציטערנדיקער האַנט האָט ער אָנגעוויזן אויף דער געדיכטעניש אויף דער צווייטער זייט פון וועגל, אָבער סטאַניסלאַוו האָט דאָרט גישט געזען קיין שום באַאומרואיקנדיקס.

— ווו?

— דאָרט, ווו די אָפּגעזענקטע ביימער.

ערשט איצט האָט ער דערזען עטלעכע אָפּגעסמאַליעטע רעשטלעך, וואָס זייערע טונקעלע קאָנטורן האָבן זיך פאַרלוירן אויפן פאָן פון גרינעם אַרום. ער האָט זיך עפּעס נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דאָרט איז אַמאָל געשטאַנען אַ שטוב. דער ריח פון שריפה, וועלכער איז נאָך נישט געווען אינגאַנצן אויסגעוועפּט, האָט זיך נאָך שטאַרק געפילט. עס איז פאַרגאַנגען מיט אַ ביטערלעכן ריח.

— זיי האָבן פאַרברענט — האָט דער פויער געזאָגט שעפּטשענדיק.

— און אפשר האָט איר פאַרבלאָנדזשעט? — האָט סטאַניסלאַוו געפרעגט.

— מיט צוויי טעג צוריק איז דאָס וואַלד־הייזל נאָך געשטאַנען אויף דעם אָרט.

— מיר וועלן וואַרשיינלעך זיך נישט זעצן אָפּרוען דאָ — האָט זיך אָנגערופן דער דאָקטאָר און אַרויסגענומען פון סטאַניסלאַווס האַנט די וואַליזע.

* *
*

סטאַניסלאַוו האָט זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, אַז ס'איז גענאַנגען פאַרלוירן איינער פון זיינע צוויי פאַרביגדונגס־ערטער: פרישאַרקע האָט ער געזאָלט אויסנוצן אין פאַל, ווען מיט אָסוכע וואָלט גאָרנישט אַרויסגעקומען און פלוצעם האָט ער זיך דערפילט ווי אין אַ פוסטקייט. „דאָס דאָזיקע וואַלד־הייזל וואָלט באַדאַרפט דורכדויערן, דאָס וואָלט געווען אַ גוט אָרט“. ער האָט עס פאַרבונדן מיט דער פערזאָן פון מאַריִלען און ער איז אַוועק פון דאָרט מיט אַזאַ געפיל, ווי ער זאָל שוין האָבן קאַפּיטולירט, ווי עס וואָלט שוין נישט געווען צוליב וואָס צו קעמפן.

סטאַניסלאַוו האָט איבערגעלעבט עפּעס מער, ווי בלויזע פּיין פון ביטערער צעשיידונג, פול מיט שלעכטע פאָרגעפילן, עס איז אין אים אויך פאַרבליבן עפּעס מער, ווי דער בלויזער שטיקנדיקער ריח פון שריפה. עס האָט אין אים געשטעקט אַ פּויזע, אַן אומגעדולדיק אָפּוואַרטן פון דעם, וואָס עס וועט ברענגען די נאָענטסטע שעה אין אָסובע. אַ גאַנצע קייט פון בילדער האָט אים באַאומרואיקט און צוגעאיילט. ער וואָלט געוואָלט שוין אָפּשטעלן דאָס אָרט און די שעה פון טרעפן זיך מיט וולאַדעקן און מיט דער אָפּטיילונג. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז אָסובע איז זיכער און פעסט און וועט אים אומקערן די גוטע אויסזיכטן, וועלכע ער האָט פארלוירן בעתן דורכגיין דאָס אָרט פון דעם שוין נישט־עקזיסטירנדיקן וואַלד־הייזל. דער דאָקטאָר איז געגאַנגען פּאַמעלעך, פאַר אים האָט אַ שווייגנדיקער געשפּאַנט דער פּויער, וועלכער איז געווען אַדורכגענומען פון דעם בילד פון פאַרניכטונג.

— איך וואָלט שוין געוואָלט זיין אין שטוב — האָט ער אין אַ געווויסן מאָמענט געזאָגט, נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ. — ס'איז נאָך ווייט?

דער פּויער האָט נישט געענטפערט. סטאַניסלאַוו האָט איבערגעחזרט די פראַגע.

— ניין — האָט געענטפערט דער פּויער. פּלוצעם איז ער שטיין געבליבן און, אויסדרייענדיק זיך אַ פרעג געטאָן: — ווי מיינט איר, איז דאָרט רואיק?

— פאַרוואָס עפּעס נישט?

— איך זעט — האָט ער אומזיכער געזאָגט — אויב זיי האָבן אַהער געטראָפן, איז מעגלעך, אַז זיי זאָלן אויך האָבן דאָרט געווען.

די אויסגעצויגענע האַנט איז געבליבן הענגען אין דער לופט.

ווען זיי זענען אַרויס פון וואַלד, האָט זיי אַרומגענומען אַ געפרעסטע היץ, וועלכע האָט דורכגעדרונגען די ערד און דעם הימל און פאַרכאַפּט דעם אָטעם. דער פּויער האָט צוגעאיילט דעם טראָט. עס איז געווען דושנע. אַ דינער שטויב, ווי אַ פּלוצעם צעוועקטע סטיכיע, האָט זיך לייכט געטראָגן אין דער לופט. דער וואַלד איז געבליבן פון הינטן. אויף די פעלדער האָבן געדרימלט הויכע תבואה־זאַנגען, דורכגענומענע פון דער ציטערדיקער חמימה

עס האָט זיך באַוויזן די ערשטע שטוב. סטאַניסלאַוון האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זי איז אים זייער באַקאַנט; זי איז געשטאַנען אַן איינגעבויגענע און שווייגנדיקע. זיי זענען פאַרביי אַ שמאָלן דורכגאַנג אין אַ קוסט־צוים, וועלכער האָט אָפּגעטיילט איין געביידע פון דער צווייטער און אַריין אין אַ הייפל. אַרום האָט געהערשט אַ שטילקייט. „דאָ וואָלט ער געפונען אַ רעטונג“.

די שטוב איז געווען נישט קיין גרויסע, דריי קינדער, ווי באַשעפענישן פון אַן אָפּגעלעגן אינדזל, האָבן, האַלטנדיק זיך פאַר די הענט, שווייגנדיק זיך צוגעקוקט צו די פרעמדע. „אַ קוואַרטיר פאַר וואַנדערער“. סטאַניסלאַוו האָט פאַרהאַלטן זיין בליק אויף דעם מיידעלע, אויף איר דעליקאַטן פּראָפיל: אַ פּאָר העלע העררעלעך איז געפאַלן אויף איר שטערן.

— זיצט — האָט געזאָגט דער פויער. — איך קאָן אייך געבן מילך. — ער האָט זיך שנעל אַרומגעקוקט, געעפנט די טיר אין שכנותדיקן צימער. אַ באַרואיקטער האָט ער צוריקגעקערט צום טיש.

— איך וואָלט געוואָלט אָפּוואַשן די פיס — האָט סטאַניסלאַוו געזאָגט. — איך בין שרעקלעך מיד.

דאָס מיידעלע האָט געבראַכט אַ שיסל. סטאַניסלאַוו האָט פּאַמעלעך אַראָפּגעצויגן די שיך. אויף דעם טונקעלן דנאָ פון דער שיסל האָט זיך דורך דעם מילד־ציטערנדיקן וואַסער אָפּגעשלאָגן זיין געזיכט. ער האָט איינגעטונקן די קנעכל. דאָס וואַסער איז געווען אייזיק קאַלט. ווענדנדיק זיך צום דאָקטאָר האָט ער געזאָגט:

— איך ראָט אייך טאָן דאָס זעלבע. דאָס פרישט אָפּ.

— צי איז דאָ רואיק? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט.

— איז דאָ קיינער נישט געווען? — האָט דער פויער זיך געוואָנדן צו די קינדער.

— ניין, טאַטע.

— און ביי די שכנים?

— ס'איז רואיק, טאַטע.

דער באַלעבאָס האָט געבראַכט אַ טאָפּ מיט מילך, צעגאָסן אין טעפּעלעך און דערלאַנגט די אָנגעקומענע. דאָס מיידעלע האָט מיט אַ שאָרסטיקע שמאַטע אָפּגעווישט דעם טיש. זי האָט געוואַרט,

אַז דער דאָקטאָר זאָל פאַרנעמען ביי אים אַ פּלאַץ. סטאַניסלאַוו האָט אויסגעטרונקען און געזאָגט צום דאָקטאָר:

— איך וועל זיך אַרומקוקן, איר וועט דאָ צוואַרטן.

— גוט.

דער דאָקטאָר האָט אַרויסגעצויגן איין פוס, דערנאָך דעם צווייטן און אָנגעשפּאַרנדיק זיי אין ראַנד פון דער שיסל, זיך צוגעקוקט צו די טראָפּנס וואַסער, וועלכע זענען פּאַמעלעך אַראָפּגערונען.

— צי איז נאָך ווייט צו טאַקאַרטשיקן ?

— ניין — האָט געענטפערט דער פויער. — מיכאַש וועט אייך ווייזן.

— ניין, ניין — האָט סטאַניסלאַוו שנעל געענטפערט. ער האָט מורא באַקומען דער פויער זאָל נישט איבערנעמען די איניציאַטיוו. „ער קאָן נאָך גרייט זיין צו גיין מיט מיר“. איך וועל זיך אַליין צוכאַפּן, אַזוי וועט זיין בעסער.

— ווי איר ווילט.

— איך וועל זיך לאַנג נישט זאַמען, איר קענט זיין רואיק.

— איך בין רואיק — האָט געזאָגט דער פויער און געכאַפּט אַ קוק אויפן דאָקטאָר, וועלכער האָט זיך אַלץ צוגעקוקט צו זיינע פיס, וואָס זענען געווען פאַרזונקען אין וואַסער.

— אויב טאַקאַרטשיק וועט וועלן עפּעס קויפן, וועלן מיר גיין צו אים מיט דער סחורה, איר זענט מסכים? — האָט ער געפרעגט ביים דאָקטאָר.

אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, האָט דער דאָקטאָר אָפּגעענטפערט מיט אומגעדולד:

— טוט וואָס איר ווילט, די פיס טוען מיר ווי.

— נו, נו, קאָלעגע, טרייבט נאָר נישט איבער.

* *
*

ווען ער איז אַריבער דעם וועג, האָט ער באַמערקט אַ קליינעם גאָרטן און הינטער אים ביים עק פון פּלויט האָט זיך געזען אַ מיל, וועלכע איז געשטאַנען אָפּגערוקט פון אַ געמויערט הויז מיט אַ גרויסער סטאָדאָלע ביי דער זייט. אין איר שאָטן איז געזעסן

אַ מאַן און געשניצט אַ העל צווייגעלע, וואָס האָט אויפגעבליצט מיט אַ זעלבשטענדיק אייגן ליכט יעדעס מאָל, ווען ס'איז עלאַסטיש אָפּגעשפּרונגען פון אונטער דעם אָנגרייפנדיקן מעסער. דער מענטש, פאַרנומען מיט דער אַרבעט, האָט נישט באַמערקט סטאַניסלאַוון, וועלכער איז אַריין אין שאָטן פון פּלויט און מיט אַ זיכערן טראָט זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון הויז. אַרום איז געווען שטיל. דאָס האַלב־קיילעכדיקע פענצטער אויפן שטאָק איז געווען עפּוואָס אויפגעעפנט, ער איז געגאַנגען מיטן בליק געווענדט צו דער דאָזיקער עפענונג. סטאַניסלאַוו איז געווען פול מיט אומגעדולד. אויף אַ רגע האָט די העכערונג פון באָדן אים פאַרשטעלט די מיל, ער האָט דערפילט די קילקייט, וועלכע האָט געצויגן פון טייך. עס האָט פאַרשמעקט מיט וואַסערגראָז און גריקע. אין די אָפענע טירן פון הויז האָט ער דערזען אַ פרוי, זי איז געשטאַנען, ווי זי זאָל וואַרטן אויף זיין קומען. די פרוי איז געווען אַ הויכע, אַ רואיקע. איר פיגור האָט זיך דייטלעך אויסגעטיילט אויפן טונקעלן פאָן פון קאָרידאָר. סטאַניסלאַוו האָט זיך געוואַקלט. ער האָט מורא געהאַט, אַז דער שמועס זאָל זיך נישט פירן אויף די טרעפּ פאַרן הויז.

— אַ גוט מאָרגן.

די פרוי האָט נישט געענטפערט אויף דער באַגריסונג און געשטאַנען אומבאַוועגלעך. דאָס האָט געדויערט אַ לענגערע ווײַלע איידער סטאַניסלאַוו, אָריענטירנדיק זיך אין דער סיטואַציע, האָט געמאַכט נאָך איין טריט אין איר זייט.

— איך דאַרף צום הער טאָקאַרטשיק.

— דער מאַן איז אין דער היים נישטאָ.

דאָס פנים פון דער פרוי איז געווען אָנגעכמורעט. „זי שטייט ווי איר אייגענע מצבה“.

— ווען וועט ער זיין?

— איך ווייס נישט.

— אפשר איז ער אין מיל?

— איך ווייס נישט.

— צי איז אייער מאַן דער זעלבער, וועלכן איך האָב דאָרט באַמערקט? — ער האָט מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויף דער סטאָדאָלע.

— איך ווייס נישט.
— צי קאָן איך אַהין גיין?
— איך ווייס נישט.

ער האָט זיך צוריקגעצויגן מיטן פּנים געווענדט צו דער פרוי: זי האָט אים באַגלייט מיט אַ טויטן בליק, וועלכער האָט אים גע־שטיקט, ווי קאָנוואָלסיוו צונויפגעדריקטע פינגער.

דער מאַן, וועלכער איז געזעסן אין שאָטן פון דער סטאַדאַ־לע, האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אויף דעם לאַנג שוין נישט ראַזירטן פּנים איז דער האָר־אָנוווקס געווען אָנגעזעטיקט מיט שראָן. די אויגן פון אַלטן זענען געווען אָן שום אויסדרוק, דער שטערן אַ הויכער, דורכגעאַקערט מיט טיפע קנייטשן. דאָס קני־פּעקל, מיט וועלכן ער האָט געשניצט די צווייג, האָט ער גע־האַלטן ווי אַ שווערע האַק.

— צי זענט איר דער הער טאָקאַרטשיק?
— איך.
— „דרייי״.

טאָקאַרטשיק איז געזעסן מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און געשוויגן.

— „דרייי״ — האָט איבערגעחזרט סטאַניסלאַוו.
— וואָס?
— „דרייי״ — האָט סטאַניסלאַוו געזאָגט מיט אַ נישט פאַר־הוילענער צודרינגלעכקייט.

טאָקאַרטשיק האָט צענומען די הענט. אין די פינגער פון דער רעכטער האַנט האָט געשטעקט דאָס ברוינע הענטל פון קני־פּעקל.

— „דרייי״ — האָט סטאַניסלאַוו נאָכאַמאָל איבערגעחזרט און פּלוצעם פאַרשטאַנען דעם אומזין פון זיין האַנדלונג. „וואָס טו איך, ס׳איז נישט דער״.

— איך פאַרשטיי נישט — האָט אַ ברום געטאָן טאָקאַר־טשיק.

— איר ווייסט גאָרנישט וועגן „דרייי״?
— כ׳ווייס נישט אין וואָס איך גייט.

— אָבער איר זענט טאָקאַרטשיק? — „ווי נישט פּאָרזיכ־טיק איך בין“ — איז אים אַדורך דורכן רעיון.

— יאָ.

— דער מילנער?

— ניין. דער מילנער טאָקאַרטשיק איז מיין ברודערן־זון.

— וווּ וווינט ער?

— נאָענט, הינטערן הויז. אין דער צווייטער שטוב.

— איך האָב געמיינט, אַז דאָס זענט איר.

— און צו וואָס, אייגנטלעך?

— געשעפטלעך, איך האָב געזען אַ געמויערט הויז, האָב איך געמיינט, אַז דאָס איז דאָס הויז פון מילנער.

— איר האָט אַ טעות געהאַט.

— עס שאַדט נישט. איר קויפט גאָרנישט?

— ניין.

— איך האָב פאַרשידענע סחורות. — ער האָט געוואָלט אַוועקגיין, נאָר ער האָט געפילט, אַז ער דאַרף אויף אַ געוויסן אופן פאַרריכטן די אומגעשיקטקייט, וועלכע ער איז באַגאַנגען.

— ניין.

— איך האָב אייך געשטערט — ער האָט מיטן בליק אָנ־געוויזן אויף דער אָפּגעשיילטער צווייג.

— עס שאַדט נישט.

* *
*

— „דריי“.

דער יונגער טאָקאַרטשיק אין אַ רעקל, מיט אַן אָפּגעברענט געזיכט, האָט מיט דער האַנט זיך פאַרשטעלט די אויגן פאַר דער זון, ווי ער זאָל נאָר וואָס האָבן אַרויסגעקומען פון אַ פינצ־טערניש. דערזעענדיק סטאַניסלאַוון, האָט ער זיך פאַרהאַלטן און אים אָנגעקוקט.

— „דריי“ — האָט איבערגעחזרט סטאַניסלאַוו.

טאָקאַרטשיק האָט פּאַמעלעך אָפּגעווישט מיט דער אויבער־פּלאַך פון דער האַנט דעם שווייס פונעם שטערן און געלאָזט סטאַניסלאַוון אָן ענטפער.

— „דריי“ — האָט ער נאָכאַמאָל געזאָגט.
מאַקאַרטשיק האָט שטרענג אַ פרעג געטאָן:
— וואָס ווילט איר? איר זענט זיך מסתמא טועה.
— ניין.
— איך פאַרשטיי נישט, אין וואָס גייט אייך.
— איך בין זיך נישט טועה, איר הייסט מאַקאַרטשיק?
— יאָ.
— איר זענט דער אייגנטימער פון דער מיל?
— איך האָב נישט קיין רעזערוון.
— איך בין נישט געקומען אין שייכות מיט מעל.
— איז נאָך וואָס?
— איר וועט מיך אָפּפירן צום קליינעם וואָלאָדעק — האָט געזאָגט סטאַניסלאַוו.
— דער קליינער וואָלאָדעק לעבט נישט.
— האָס איז אוממעגלעך! — האָט סטאַניסלאַוו אַרויסגעשמאַלט. ער האָט פּלוצעם דערפילט, אַז עס פעלט אים אויס אָטעם.
— ס'איז מעגלעך.
— ווען איז דאָס געשען?
— נעכטן.
— ווו?
— הינטער יוזעפאָוו.
— צו וואָס איז ער דאָרט געגאַנגען?
— וואָס הייסט — „צו וואָס?“.
— מיר האָט מען געזאָגט, אַז איך זאָל אויסמיידן יוזעפאָוו, ווייל דאָרט זענען פאַראַן די ענעסזעטאָווצעס, און ער איז געגאַנגען?
— וואָלאָדעק איז נישט געווען אין יוזעפאָוו...
— איר האָט דאָך געזאָגט...
— איך האָב געזאָגט, אַז ער איז אומגעקומען הינטער יוזעפאָוו.
— פון וועמען?
— פון די דייטשן.
— און די אָפּטיילונג?

טאָקאַרטשיק האָט גלייכגילטיק געענטפערט:

— איר האָט מיך געפרעגט וועגן וולאַדעקן.

— איך זוך אַ קאָנטאַקט מיט דער אָפּטיילונג.

— איר האָט גערעדט וועגן וולאַדעקן — האָט טאָקאַרטשיק רואיק איבערגעחזרט.

— איך מוז צוקומען צו דער אָפּטיילונג.

— וווּ האָט איר זיך פאַרהאַלטן?

— ביי איינעם אַ באַלעבאָס.

— ביי וועמען?

— דאָ, אין אָסוכע.

— זיין צונאָמען?

— איך קען נישט זיין צונאָמען, איך האָב זיך ביי אים אָפּגעשטעלט ווי אַ הענדלער.

— גוט, אָבער ביי וועמען האָט איר זיך אָפּגעשטעלט? — טאָקאַרטשיק האָט אויסגעזען צו פאַרלירן דאָס געדולד.

— איך ווייס, אַז מען האָט אים דאָס ווייב דערמאָרדעט. ער האָט דריי קינדער.

ס'איז געוואָרן שטיל. סטאַניסלאַוו האָט די שטילקייט איבערגעריסן:

— איך וועל דאָרט וואַרטן. איר וועט קומען מכלומרשט באַטראַכטן די סחורה, דערנאָך וועלן מיר אַרויסגיין.

— גוט.

— ווען?

— אין אַ שעה אַרום.

סטאַניסלאַוו האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער.

— צוועלף?

— צוועלף.

*   *
*

ער האָט צוריקגעקערט אַ טויט־מידער און רעזיגנירטער. ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם נאָך זיך רויכערנדיקן שטיבל פון וואַלד־וועכטער אין פרישאַרקע, אין פאַרברענטן טאַרטאַק אין

דלוגי קאָנט... די ידיעה וועגן טויט פון וולאַדעקן האָבן די ספקות, וועלכע האָבן אים געמאַטערט ביז איצט, פאַרוואַנדלט אין אַ זיכערקייט, אַז די דייטשן גייען נאָך טראָט ביי טראָט דער אָפּטיילונג, וואָס איז געבליבן אָן אַן אָנפירער. „זי האָט געוווּסט" — האָט ער אַ טראַכט געטאָן וועגן דער שווייגנדיקער פרוי, וועלכע האָט אויף אַלע פראַגן געענטפערט: „איך ווייס נישט". „זי באַהאַלט עפּעס אויס".

עס האָט אין אים דורכגעבליצט אַ געדאַנק, אַז די דייטשן וועלן כאַפּן מאַרילען, אָבער ער האָט גלייך זיך אַליין נישט געוואָלט מודה זיין, אַז ער האָט אַזוי געטראַכט. „דאָס איז אַן אומזין". ער האָט שנעל אויסגערעכנט די שעהן, וועלכע האָבן אים אָפּגעטיילט פון דער צייט, וואָס זיי האָבן זיך צעשיידט. „ווען זי זאָל אַרויסגיין אַרום אַכט, לאָמיר זאָגן, ניין..." ער האָט זיך אַליין אויסגעלאַכט — ווי קאָן ער פעסטשטעלן די שעהן, אַז ער איז דאָרט נישט געווען. ער האָט אָנגענומען, אַז מאַרילע וועט נישט זיין אימשטאַנד צו גיין שנעל, ער האָט צוגעטראַכט פאַרשידענע שוועריקייטן און העמונגען, אָפּציענדיק די צייט פון איר קומען אין די געגנטן, ווו עס קומען פאָר די פאַרטיזאַנער־קאַמפן. „זי האָט מיט זיך אַ וואַליזע און דאָס שאַכטל פון קאַפּעליושן, דאָס איז גענוג שווער, זי וועט מוזן זיך אָפּרוען". ער האָט אויסגערעכנט דערויף, אַז זי וועט אָנטרעפן מענטשן, וועלכע וועלן זי וואָרענען וועגן דער דראָענדיקער געפאַר. „ס'איז אוממעגלעך, אַז די ידיעות פון דאָרטן זאָלן נישט דערגיין צו די נאָענטע ישובים, און ס'קאָן זיין אפילו קיין רייוועץ גופא, איידער נאָך זי וועט זיך לאָזן אין וועג. דאָס, וואָס איז געשען אין דער געגנט פון יוזעפאָוו, האָט שוין געמוזט באַוווּסט ווערן אויף דער סטאַנציע..."

„ווען וולאַדעק זאָל לעבן..." ער האָט אויף קיין איין רגע נישט געטראַכט, אַז ס'איז מעגלעך, ער זאָל וולאַדעקן שוין נישט טרעפן. ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס האָט דערפירט דערצו, אַז ער זאָל זיך פּלוצעם אָנשטויסן אויף אַ גאַנצער ריי אַקציעס, וועלכע האָבן גורם געווען דאָס איבערוואַרפן די אָפּטיילונג פון איין געגנט אין דער צווייטער. מיט צוויי וואָכן צוריק, ווען ער האָט זיך געזעגנט מיט וולאַדעקן, האָט גאָרנישט פאָרויסגעזאָגט די דאָזיקע קאַטאַסטראָפע. דאָס איינגעוואָלגערטע שטיבל, וואָס איז גע־

ווען אַזוי ווייניק ווידערשטאַנדספעיק קעגן רעגן, פראָסט און שטורעמס און זיך קוים געקענט איינהיטן אין די שווערע וואַלד־באַדינגונגען, האָט איצט געשאַפן די פאָרשטעלונג וועגן געוועזענעם אָרט, ווי וועגן אַ רואיק ווינקל, „אפשר זאָגט טאָקאַרטשיק ליגן?"

„צו וואָס זאָל ער ליגן זאָגן?" ער האָט מיט אים גערעדט אָן שום נישט דערזאָגטע האַלבע ווערטער, וועלכע רופן אַרויס ספקות און פאַרדאַכט. אמת, טאָקאַרטשיק האָט נישט דערגענצט דעם פאַראָל, אָבער ער האָט גלייך אויפגענומען דעם ווייטערדיקן שמועס, נישט געשפילט זיך אין געהיימניש „ווען וולאַדעק זאָל לעבן, וואָלט ער געראַטן, ווי צו העלפן מאַרילען".

דער דאָקטאָר האָט מיט זיין אויסזען אים אַרויסגעפירט פון געדולד. אַן אָפּגעראַזירטער און פערפומירטער, איז ער געזעסן אין די שטעקשיך ביים טיש אין דער פאָזע פון אַ קליינבירגער, וואָס פאָרט אַרויס אויפן דאָרף זיך אָפּרוען. די וואַליזע איז געשטאַנען אויפן טיש אַן אויפגעעפנטע, „כדי די העמדער זאָלן זיך נישט צעקנייטשטן". אויף אַ קול, וואָס האָט אים אַליין אויסגעזען אַ ביסל צו הויך, האָט סטאַניסלאַוו געמאָלדן, אַז ער זאָל זיך שנעל אָנטאָן און פאַרפאַקן די זאַכן.

— מיר גייען ווייטער? — האָט ער געפרעגט. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו סטאַניסלאַוון און געוואַרט אויף אַן ענטפער.

דער באַלעבאָס איז געשטאַנען דערנעבן, די שווייגנדיקע קינדער זענען נישט אָפּגעטראָטן פון דאָקטאָר. דער נייגיר האָט אָנגעצונדן פונקען אין זייערע אויגן, זיי האָבן געוואָלט דערגיין דעם סוד פון די פרעמדע מענטשן.

— דאָ וועט באַלד קומען אַ סוחר — האָט סטאַניסלאַוו געזאָגט.

— טאָקאַרטשיק? — האָט זיך אַריינגעמישט דער באַלעבאָס.

— יאָ.

— וועלכער?

— וואָס הייסט „וועלכער"? — האָט סטאַניסלאַוו אָפּגעענטפערט. — דער מילנער.

— ווייל דאָ זענען פאַראַן צוויי.

— איר האָט מיר וועגן דעם גאָרנישט געזאָגט.

— איך האָב פאַרגעלייגט, אַז מיכאַש זאָל אייך ווייזן.

— כ'האָב אַליין געטראָפן.

— ווען וועט ער קומען? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט.

— באַלד.

— מע דאַרף זיך צוגרייטן — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט.

— צו וואָס? וועלכע צוגרייטונגען זענען אייך נייטיק? „ער איז אַ פּחדן, יעדעס וואָרט, וואָס ער רעדט אַרויס, איז נאַריש“.

— צי האָט ער געזאָגט, וואָס ער וויל קויפן? — האָט געפרעגט דער דאָקטאָר, וועלכן ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מיט דער פראַגע מאַכט ער דעם אָנשטעל פון אַן אמת סוחרישן שמועס.

— פאַרלאָזט אייך שוין אויף מיר, איך וועל שוין אַלץ דערלײדיקן.

טאָקאַרטשיק איז געקומען מיט אַ קלײנער פאַרשפּעטיקונג, באַגריסט זיך מיטן באַלעבאָס און געוואָרפן אויפן דאָקטאָר אַ בליק, אין וועלכן עס איז לייכט געווען צו באַמערקן אַן אומצופרידנקייט. דער דאָקטאָר האָט אים אויסגעזען צו אויסגעגלעט און סטאַניסלאַוו האָט דאָס גלייך אַרויסגעפילט.

— מיר וועלן אַרויסגיין? — האָט סטאַניסלאַוו געפרעגט.

— יאָ — האָט טאָקאַרטשיק אָפּגעענטפערט.

— איר קאָנט דאָ בלייבן — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט.

— איר ווייסט — האָט סטאַניסלאַוו אַ שמייכל געטאָן — וואָס די אויגן זעען נישט, איז דעם האַרץ נישט קיין שאָד.

— ווי איר ווילט.

טאָקאַרטשיק מיט סטאַניסלאַוון זענען אַרויסגעגאַנגען און מיט פאַמעלעכדיקע טריט דורכגעגאַנגען דעם הויף. סטאַניסלאַוו האָט געוואַרט טאָקאַרטשיק זאָל אָנהייבן רעדן, ער האָט אים נישט געוואָלט צואיילן. אַן אומבאַשטימט געפיל האָט אים אונטערגעזאָגט ער זאָל שווייגן.

— איך וועל אייך נישט פירן — האָט טאָקאַרטשיק געזאָגט מיט אַ גלייכגילטיקייט, וועלכע האָט סטאַניסלאַוון איבערראַשט. זיי זענען געבליבן שטיין.

— איך פאַרשטיי נישט.

—איך רעד, דאַכט זיך, גאַנץ קלאָר. איך וועל אייך נישט פירן.

— איר האָט מיר צוגעזאָגט צו פאַרבינדן.

— איך האָב נישט צוגעזאָגט.

— וואָס הייסט?

—איך האָב אייך גאָרנישט צוגעזאָגט.

— צו וואָס די שפיל? — האָט סטאַניסלאַוו געזאָגט. — איר ווייסט וועגן אַלץ.

— איך ווייס גאָרנישט.

— איך האָב אָנגעגעבן דעם פּאַראָל. — ער האָט דאָס געזאָגט מיט אַזאַ טאָן, ווי ער זאָל אים וועלן צווינגען זיך מודה זיין, אַז ער זאָגט ליגן.

— איך קען אייך נישט.

—איר ווייסט נישט, וואָס איר רעדט.

— איך ווייס.

— דאָס איז אומדערלאָזבאַר.

— איך וועל אייך אין ערגעץ נישט פירן.

— איר האָט געקענט וולאַדעקן.

— איך האָב נישט געקענט קיין שום וולאַדעקן.

— איר האָט דאָך מיר אַליין געזאָגט, אַז ער איז נעכטן אומגעקומען.

— איך האָב אייך גאָרנישט געזאָגט.

„ער פּראָוואָצירט אַן אַוואַנטורע" — איז סטאַניסלאַוון אַדורך דורכן רעיון. ער האָט געזוכט ווערטער, וועלכע זאָלן רעדן צו טאָקאַרטשיקס פאַרשטאַנד. ענדלעך האָט ער געזאָגט:

— טאָ פירט מיך צו „איוואַן קאָזאַק".

— איך וועל נישט פירן.

— דאָס איז אַ וואַנזיניקער באַשלוס! — ער האָט פון כעס, וועלכער האָט אים באַהערשט, אויפגעהויבן די פויסט.

— איך קאָן דאָ גאָרנישט מאַכן.

— קומט צו זיך!

— קומט איר צו זיך. — טאָקאַרטשיק האָט גערעדט מיט אַ רואיקער שטים, סטאַניסלאַוו האָט געפילט, אַז ער באַקומט איבער אים די אויבערהאַנט.

„איך מוז זיך פֿאַרהאַלטן רואיק“.

— איך וועל דאָס מעלדן דער אָנפֿירערשאַפֿט.

— עס גייט מיך גאָרנישט אָן.

— איך בין נישט אַליין, פֿאַרשטייט. איך מוז ברענגען אין דער אָפּטיילונג דעם מענטשן, וועלכן איר האָט דאָ געזען. מע וואַרט אויף אים.

— ניין.

— קלערט מיר אויף, וואָס איז פֿאָרגעקומען? מיט אַ שעה צוריק האָט איר דאָך אַנדערש מיט מיר גערעדט. איך מוז זיך זען מיט „איוואַן קאָזאַק“, אויב וואָלאָדיע לעבט שוין נישט.

— ניין.

— דאָס איז אייער לעצט וואָרט?

— יאָ.

— געדענקט, דאָס וועט אייך נישט אַדורך גלאַטיק. איך וועל זיך אומקערן קיין פּרישאַרקע און איך וועל נאָך היינט אָנבינדן אַ קאָנטאַקט.

— טוט וואָס איר ווילט.

סטאַניסלאַוו האָט געוואָלט מילדערן דעם טאָן פֿון ענטפֿער.

— זאָגט מיר נישט אָפּ אייער הילף, פֿון דעם איז אָפּהענגיק דער גורל פֿון פֿיל מענטשן.

— אַדיע. — טאָקאַרטשיק האָט געוואָלט זיך אויסדרייען. סטאַניסלאַוו האָט אים פֿאַרהאַלטן. ער האָט געמוזט דורכדרינגען מיטן בליק דאָס דאָזיקע פּנים. טאָקאַרטשיק האָט געבלעסיק אָפּ־געדרוקט זיין האַנט.

— איר גיט זיך נישט אָפּ קיין רעכענונג פֿון דעם, וואָס איר טוט.

— מיר האָבן נישט מער וועגן וואָס צו רעדן.

—און צו וואָס זענט איר דאָ געקומען? — האָט סטאַניס־לאַוו אַרויסגעשטאַמלט. זיין פּנים איז געווען גרוי.

— איר זאָלט נישט פֿאַרלירן קיין צייט און זיך נישט אַרומ־שלעפּן דאָ.

— ווי לאַנג עס וועט נייטיק זיין, וועל איך בלייבן.

— דאָס איז אייער ענין, נישט מיינער, נאָר צו מיר זאָלט איר נישט קומען.

— וועגן דעם ווייס איך שוין גוט, איך האָב אייך שוין דער־קענט דורך און דורך.

— גוט, וואָס איר האָט כאָטש וויניקסטנס דאָס פאַר־שטאַנען.

* *
*

— ס'איז גאָרנישט געוואָרן דערפון — האָט סטאַניסלאַוו געזאָגט צום באַלעבאָס. ווענדנדיק זיך צום דאָקטאָר האָט ער צו־געגעבן: — קומט, ס'איז אַ שאָד די צייט.

— מיר וועלן גאָרנישט פאַרקויפן? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט, נעמענדיק די וואַליזע.

— ניין.

— איך האָב גלייך געוווּסט, אַז אַזוי וועט זיין — האָט דער־דאָקטאָר שטיל געזאָגט.

— איר האָט גאָרנישט געקאָנט וויסן — און אויסדרייענדיק זיך צום באַלעבאָס האָט סטאַניסלאַוו געזאָגט: — אַזעלכע ציימן. מע שלעפט זיך אַ גאַנצע נאַכט, מע מאַטערט זיך און צום סוף קומט גאָרנישט אַרויס דערפון.

— ער האָט אפילו די סחורה נישט באַקוקט — האָט סקעפּ־טיש באַמערקט דער באַלעבאָס.

— נו, יאָ. ווייל אים איז נישט נייטיק אַזאַ סחורה, וועלכע מע ברענגט אין וואַליזעס.

— זיכער — האָט דער באַלעבאָס אָפּגעענטפערט מיט ישוב־הדעת. — יענץ באַהאַלט זיך בעסער, פוילט נישט אין דער ערד.

— אַ דאַנק, צום ווידערזען.

זיי זענען געגאַנגען מיט דער מעזשע צווישן די אומבאַוועג־לעכע תבואות. סטאַניסלאַוו איז געגאַנגען פאָרויס, עס איז געווען אַ דושנער נאָכמיטאָג. ער האָט נאָך אָפּגעשלעפּט מיט אויפקלערן דעם אמת. ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז אין דער סיטואַציע וועט זיין צום באַקוועמסטן זיך אָנטשעפּען אין אַ וועלכן ס'איז נישט וויכטיקן פּרט, כדי אָפּצווווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון דאָקטאָר, וועמענס בליק ער האָט געפילט אויף זיך. ער האָט

נישט געוווסט וואָס צו טאָן, וווהין צו גיין, איז געווען אויפגע־
גערעגט אויף מאַרעקן, וועלכער האָט זיכער דאָ עפּעס צעדרייט.
דערנאָך האָט ער די גאַנצע שולד אַרויפגעוואָרפן אויף טאָקאַר־
טשיקן, וועלכער האָט פריער צוגעזאָגט צו העלפן און דערנאָך
האָט ער אָפּגעלייקנט אַלץ: דעם שמועס, די אינפאָרמאַציעס, דעם
צוזאָג צו דערליידיקן דעם קאָנטאַקט. ער האָט נישט פאַרשטאַ־
נען וואָס איז פאָרגעקומען אין משך פון דער איינער שעה, ווע־
מען טאָקאַרטשיק האָט באַגעגנט, מיט וועמען ער האָט גערעדט,
ווער האָט אים באַפוילן צו קומען אויף דער דאָזיקער טרעפונג
בלויז צוליב דעם, אַז ער זאָל מיט עטלעכע זאַצן צעשטערן די
גאַנצע האָפענונג.

„ער וואָלט דאָך פּשוט געקענט נישט קומען. וואָס וואָלט ער
אים דען געטאָן, ווען ער זאָל נישט געווען האַלטן זיין וואָרט?
אָבער זעט אויס, ער האָט נישט געוואָלט, אַז איך זאָל זיך אַרומ־
דרייען נאָענט פון זיין שטוב. דעריבער איז ער צוריקגעקומען
מיר זאָגן, אַז ער וועט מיר קיין קאָנטאַקט נישט געבן און אַז
איך זאָל מיך פונדאַנען אָפּטראָגן. עפּעס האָט געמוזט פאָרקומען!
וואָס ער האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון אַלץ, אָבער גלייכצייטיק האָט
ער גענומען אויף זיך אַ ריזיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ער האָט
אונדז געלאָזט גיין, אין אַן אומבאַשטימטער לאַגע, אין אַ געגנט,
וואָס איז אַרומגעכאַפּט. וואָלט ער כאָטש קאָנטאַקטירט מיט „אי־
וואַן קאָזאַק“, וואָלט אַלץ געווען אין אָרדענונג“.

— איר ווייסט שוין וווהין מיר גייען? — האָט געפרעגט דער
דאָקטאָר.

— ניין.

— וואָס הייסט — דאָס געזיכט פון דאָקטאָר האָט גע־
גלאַנצט פון שווייס. ער איז שטיין געבליבן אומבאַוועגלעך.

— איך ווייס נאָך נישט וווהין מיר גייען.

— טאָ וואָס האָט איר געשמועסט מיטן מילנער.

— פאַרוואָס אינטערעסירט עס אייך?

— איר האַלט, אַז עס דאַרף מיך נישט אינטערעסירן? איך
פאַרשטיי אייך נישט.

— ער וועט אונדז מיט גאָרנישט פאַרלייכטערן.

— אָבער איר האָט מסתּמא געוווסט צו וועמען מיר גייען.

— איך האָב געוווסט.

— דאָס איז זייער מאָדנע.

— וואָס זעט אייך אויס אַזוי מאָדנע?

— איך האָב זיך נישט אויסגעקליבן מיט אייך אויף אַ שפּאַציר, צי אויף אַן אויספלוג.

— איך האָב אייך נישט גאַראַנטירט קיין רואיקע רייזע.

— און איך האָב נישט געוואָלט זוכן קיין אויסטערלישע פּאַסירונגען.

— און ווי האָט איר זיך דאָס פאָרגעשטעלט? — ער האָט געוואָלט, אַז דער דאָקטאָר זאָל אַרויספילן די איראָניע פון זיינע ווערטער.

— איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, אַז איך האָב צו טאָן מיט מענטשן פון דער אָרגאַניזאַציע...

— וועלכע די דייטשן פאַרלייכטערן זיך צו פאַרבינדן, נישט אַזוי? — האָט אים סטאַניסלאַוו איבערגעריסן. — אָבער דערווייל באַשווערן אונדז גאָר די אומהעפלעכע דייטשן אין אַלץ, איר פאַרשטייט שוין?

— פון נעכטן אָן בין איך אויסגעשטעלט אויף אַלץ גרעסערע געפאַרן.

— איר וועט זיין אויף זיי כסדר אויסגעשטעלט.

— אָבער בלאָנדזשען וויל איך נישט, מיר בלאָנדזשען דאָך.

— די אָפּטיילונג, וועלכע מיר זוכן, איז געוואָרן צעקלאַפּט.

דאָס פּנים פון דאָקטאָר האָט אויסגעזען איבערגעשראָקן, עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס סטאַניסלאַוו האָט געזאָגט. עס איז אַנטשטאַנען אַ שטילשווייגן. סטאַניסלאַוו האָט זיך אָפּגעקערט, כדי נישט צו קוקן אויפן דאָקטאָר.

— צוליב וואָס האָט איר מיר דאָס געזאָגט? — האָט געפרעגט דער דאָקטאָר.

— אַז איר זאָלט וויסן, אין וואָס פאַר אַ סיטואַציע מיר געפינען זיך.

— איר מיינט, אַז דער באַוווסטזיין וועט מיר העלפן?

— איך האָב נישט בדעה אייך אָפּצונאַרן אָדער אַריינפירן אין אַ טעות. איך האָב פאַרלוירן די פאַרבינדונג.

סטאַניסלאַוו האָט נישט געקאָנט איבערטראָגן דעם פרעגנ־דיקן בליק פון דאָקטאָר, וועלכער האָט אָפּגעענטפערט מיט נישט קיין מאַסקירטער פאַרביטערטקייט:

— וואָס איז דאָס פאַר אַן אָרגאַניזאַציע?

— איר האָט נאָך די פרייהייט פון אויסוואַל.

— די פרייהייט? דאָס רופט איר אַן פרייהייט פון אויס־וואַל? וועגן דעם זאָגט איר מיר דאָ? אין דער ווּיסטעניש? — די שטים פון דאָקטאָר האָט זיך איינגעבראָכן. — ווייט פון מענטשן, פון באַקאַנטע ערטער.

— איר האָט מיך געצוווּנגען דערצו.

— איך האָב אייך געצוווּנגען? דאַכט זיך, אַז איר זענט נישט איבערקלייבעריש אין ווערטער.

— צו וואָס וואָלט אייך גענוצט מיין איבערקלייבערישקייט?

— איר זענט אכזריותדיק.

— דאַכט זיך, אַז איר געפינט אויך נישט די נייטיקע ווער־טער.

דער דאָקטאָר האָט אַ פרעג געטאָן:

— וואָס וועלן מיר איצט טאָן?

— מיר וועלן זיך אומקערן צום הייזל פון וואַלד־וועכטער.

— ס'איז דאָך פאַרברענט.

— דאָרט קומען אונדזערע מענטשן.

— כאָטש ס'איז שוין פון דעם קיין שפּור נישט פאַרבליבן.

— יאָ.

— און אויב קיינער וועט אַהין נישט קומען?

— וועלן מיר וועגן דעם שפּעטער טראַכטן.

— און אויב קיינער וועט אַהין נישט קומען? — האָט דער דאָקטאָר עקשנותדיק איבערגעפרעגט.

— איך האָב אייך שוין געזאָגט: וועלן מיר דעמלט קלערן וואָס צו טאָן ווייטער.

אויפן פּנים פון דאָקטאָר האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַן אוּ־מעטיקע פאַרטראַכטקייט. ער האָט שווייגנדיק געקוקט אויף סטאַ־ניסלאַוון, ווי ער זאָל וועלן דערוועקן אין אים אַ וואַרעמער געפיל.

סטאַניסלאַוו האָט געזאָגט:

— מיר וועלן זיך דערשלאָגן קיין פּרישאַרקע, לעבן דעם אָרט, וווּ ס'איז געווען דאָס וועכטער־שטיבל, וועלן מיר זיכער כאַפּן אונדזערע מענטשן.

זיי האָבן זיך ווידער געפונען אין וואַלד. „מען האָט נישט באַדאַרפט מיטנעמען דעם דאָזיקן מענטשן. ווי וועט ער זיך אַן עצה געבן מיט דעם אַלעמען, וואָס דערוואַרט אים דאָ? און בכלל צו וואָס דערציייל איך אים וועגן עניגים, וועגן וועלכע ער וואָלט נישט באַדאַרפט וויסן? דער אמת וועט דאָך אים גאָרנישט געבן, ער וועט אים נאָר דערשלאָגן ביזן סוף. איך פאַרגרעסער נאָר זיין פאַרצווייפלונג. אויב ער האָט זיך דעצידירט פאַרלאָזן וואַרשע, האָט ער דאָך דאָס געטאָן בלויז דערפאַר, וואָס ער האָט געהאָפט צו געפינען דאָ אַ באַהעלטעניש. איך מוז אים געבן אַ באַווייז פון נרייטקייט אים צו העלפן, ער זאָל זיך נישט פילן אָפּגענאַרט פון מענטשן, ביי וועלכע ער האָט געזוכט אַ רעטונג. ער האָט וועגן דעם אָפּן געערדט, גאָרנישט פאַרלייקנט, איז וואָס אייגנטלעך וויל איך פון אים?"

שוין פון אַ לענגערער צייט האָט זיך סטאַניסלאַוו אויסגעדאַכט, אַז איבערן וואַלד טראָגט זיך ווי אַ כוואַליע אַ ווייטער עכאָ, וועלכער וויברירט, פאַרהאַלט זיך פּלוצעם און קערט זיך גלייך צוריק אום ווי אַ דערשטיקטער דונער.

סטאַניסלאַוו האָט געוווסט וואָס דער דאָזיקער עכאָ באַדייט.

ער איז אים געווען באַקאַנט.

— ווו קומט דאָס פאָר?

סטאַניסלאַוו האָט די פראַגע געוואָלט מאַכן צו קלייגעלט, ער האָט דעריבער אָפּגעענטפערט:

— דאָס איז אין אַן אַנדער זייט, ווייט פונדאַנען.

— אויף זיכער ?

— איך וואָלט דאָך נישט געקראָכן אין פייער.

זוען ס'איז פאָריבער דער דושנער נאָכמיטאָג, ווען דאָס געפיל פון איינזאַמקייט, וואָס באַדינגט אַן אַנדער אופן פון טראַכטן, האָט געבראַכט מיט זיך די נויטווענדיקייט זיך אַראָפּצורעדן פאַר עמעצן פונעם האַרץ, האָט סטאַניסלאַוו געזאָגט:

— איך בין געווען לגבי אייך נישט העפלעך, זייט מוחל.

— איך האָב נישט דערוואַרט קיין אויסדרוקן פון העפלעכ־קייט, איך האָב זיך דערפון אָפּגעוווינט. ס'לוינט נישט וועגן דעם צו רעדן. — אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער צוגעגעבן: — איך האָב בלויז וועגן איין זאַך געטראַכט... איך האָב געטראַכט, אַז ענד־לעך וועט נעמען אַ סוף צו מיין הילפלאָזיקייט.

— איר זעט אַליין. אַלץ גייט אונדז מיט דער פוטער אַראָפּ. געכטן איז אומגעקומען דער מענטש, וועלכן איך האָב געזוכט.

— אַך, אַזוי! — האָט דער דאָקטאָר אַרויסגעשעפּטשעט. — אַך, אַזוי... — האָט ער איבערגעחזרט — ער האָט מיט אַן אויסדריקלעכן בליק געקוקט אויף סטאַניסלאַוון. דערנאָך, נישט אויפהייבנדיק די שטים, האָט ער צוגעגעבן: — אָבער מיר וועלן זיך שוין מסתמא קיין וואַרשע נישט צוריקקערן?

— איך זוך די אָפּטיילונג.

— ווען איך זאָל דאָ נישט זיין, וואָלט איר אויך געזוכט?

— קלאָר, צוליב וואָס פרעגט איר דאָס?

— צי קאָן איך אַוועקגיין?

— איך פאַרשטיי נישט.

— איך וואָלט געוואָלט אַוועקגיין.

— וווּ ווילט איר גיין?

— איך ווייס נישט. אפשר פאָרט אַהין, פונוואַנען איך בין געקומען...

— דאָס איז אַ משוגעת! — און אָנבויגנדיק זיך נאָענט צום פנים פון דאָקטאָר: — דאַכט זיך, אַז מיט דעם אַוועקגיין ווילט איר שליסן מיט מיר אַ וואָפנשטילשטאַנד.

— איר האָט מיר קיין שום שלעכטס נישט געטאָן. — ער איז אויף אַ לענגערער צייט שטיל געבליבן. — איך וויל נישט באַצאָלן מיטן לעבן פאַר אומבאַהאָלפנקייט.

— איר באַשולדיקט שוין צום צווייטן מאָל די מענטשן, וועל־כע האָבן מיר אייך אָנפאַרטרויט.

— איך בין א פאַריער, איר פאַרשטייט? א פאַריער. — די שטים פון דאָקטאָר האָט זיך איינגעבראָכן, געציטערט. — איך האָב גערעכנט אויף אייך, אויף די קאָמוניסטן. קיין גרויסמוטיקייט האָב איך נישט דערוואַרט, איך האָב געזוכט געוויינלעכע, מענטש־לעכע הילף.

— איר האָט זי באַקומען. די, וועלכע האָבן מיט אייך גע־רעדט אין וואַרשע, האָבן אייך זיכער נישט געשטעלט קיין שום באַדינגונגען.

— ריכטיק.

— צו וואָס אויב אַזוי קאָמפּליצירן די אַזוי אויך גענוג פאַר־פּלאָנטערטע סיטואַציע? אייער אָנוועזנהייט קאָן זיין פאַר מיר פּערזענלעך נישט באַקוועם, איך זאָג דאָס אייך אָפן, אָבער דאָס האָט נישט צו דער זאַך.

— איך פאַרשטיי נישט.

— ווען נישט איר, וואָלט איך אין אַזעלכע באַדינגונגען גע־גאַנגען גאָר ערגעץ אַנדערש. מיינער אַ גאַנצער מענטש גייט גלייך אין די לאַפּעס פון די דייטשן און איך קאָן אים אפילו נישט וואָרענען.

— צוליב מיר?

— טיילווייז.

— איר האָט אַ פאַרדרוס אויף מיר צוליב דעם?

— איר רעדט מיט מיר אַזוי, ווי מיר זאָלן האָבן צווישן זיך וועלכע ס'איז אָפּרעכענונגען. ס'איז נישט נייטיק.

ס'איז צוגעפאַלן דער בין־השמשות. די וואַלדיקע טונקלקייט און מאָנאָטאָנע שטילקייט, די נישט צוטרימלעכע און דויערנדיקע, וועלכע איז נישט געוואָרן געשטערט דורך דעם מינדסטן שאָרך, איז געוואָרן צודרינגלעך און געוועקט אומרו און שרעק. דער ווידערקול פון די האַרמאַטן האָט זיך איינגעשטילט. פון דער טונקלקייט האָט זיך אויסגעשיילט דאָס צעמורזשעטע שטיקל וואַלד און דאָס אויסגעברענטע אָרט מיט די שוואַרצע רעשטן פון ביי־מער. זיי האָבן דאָס אויסגעמיטן מיט אַ פאַרשטיקטן אָטעם.

— לאָמיר אַריבערגיין אַהין — האָט סטאַניסלאַוו אַ שעפּ־טשע געטאָן.

זיי האָבן זיך צוגעלייגט אין אַ געדיכטעניש. צווישן די אַראָפּ־נידערנדיקע שאָטנס איז זיך צעשוווּמען דער נאַך־וואַרעמער אָטעם פון דער ערד, אויסגעמישט מיט דעם ריח פון דער צוגעברענט־קייט. אינגיכן איז געוואָרן קיל.

— צי ווייסט איר, ווו ס'איז אומגעקומען דער מענטש, וועלכן איר האָט געזוכט?

— צו וואָס פרעגט איר?

— מיך אינטערעסירן די איינצלהייטן.

— נײן.

—איר האָט נישט געפרעגט?

— דער מענטש, מיט וועלכן איך האָב גערעדט, האָט זיך מאָדנע אויפגעפירט.

— איר רעדט וועגן טאָקאַרטשיקן?

— יאָ.

— ער האָט אייך פאַרפירט?

— יאָ.

— ער האָט מורא באַקומען?

— איך ווייס נישט וואָס צו טראַכטן וועגן אים.

— איר האָט אים זיכער נישט פאַרמישט מיט עמעצן אַנ־דערש?

— ער האָט מיך צוערשט אויפגענומען, ווי איך האָב פאַרויס־געזען, אָבער דערנאָך האָט ער זיך צוריקגעצויגן.

— ער האָט מיט אייך נישט געוואָלט רעדן?

— ער האָט געוואָלט. ער האָט מיך אפילו געזוכט. איר האָט דאָך געזען, ווי ער איז געקומען צו מיר.

— פאַרוואָס האָט ער זיך גלייך פון אייך נישט אָפּגע־טרייסלט?

— דאָס טאַקע פאַרשטיי איך נישט.

נאָך אַ רגע שווייגן האָט דער דאָקטאָר געפרעגט:

— צי זענט איר זיכער, אַז קיינער שפּירט אונדז נישט נאָך?

— פונוואַנען איז צו אייך געקומען אַזאַ געדאַנק?

— איך ווייס נישט, איך בין זיך בלויז משער.

— אונדז איז גאָרנישט פאַרבליבן צו טאָן, אויסער וואַרטן דאָ.

—ווען אפילו מיר זאָלן די דאָזיקע מענטשן אויסשטעלן אויף געפאַר?

— זיי דאַרפן דאָ קומען.

— פונוואַנען ווייסט איר?

— מען האָט מיר געזאָגט.

— זיי זענען געלעגן פֿאַרקוקט אויף דעם אויסגעבראָכנטן אָרט, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט פֿון ביימער. עס האָט אויסגעזען ווי אויסגעקאָרטשעוועט, שוואַרצער פֿון דעם איבעריקן שטח, וועלכער איז געווען אַרומגענומען פֿון נאַכט. די צעשפּאָלטענע, פֿאַרסמאַליעטע שטאַמען מיט די אָנבלעטערדיקע צווייגן האָבן צוגעגעבן דעם רואיקן הימל געשפּענסטיקע שטריכן. אין דער טונקלקייט, אין דער אַטמאָספער פֿון אַבסאָלוטער שטילקייט האָט דער דאָקטאָר זיך אָנגערופֿן:

— איר האָט פֿריער געזאָגט, אַז עמעצער קאָן אַריינפֿאַלן אין די הענט פֿון די דייטשן. ווער איז דאָס אַזוינס?

— אַ מיידל.

— צי קאָן מען זי נישט וואָרענען?

— ס'איז שוין שפּעט — האָט סטאַניסלאַוו געענטפֿערט. און ווי צו באַצווייפֿלען די אייגענע זיכערקייט, האָט ער צוגעגעבן: — איך מיין, אַז ס'איז שוין צו שפּעט.

— איר רעדט וועגן דעם אַזוי רואיק. ווי קאָנט איר?

— און וואָס וואָלט איר געטאָן אויף מיין אָרט?

— איך ווייס נישט. איך וואָלט אפֿשר געוויינט.

— דאָס וואָלט לייכטער געמאַכט אייך, אָבער נישט דער באַדראָטער פּערזאָן.

*   *
*

צוגעדעקט מיטן פֿאַלטן, איז ער נאָכאַנאַנד איינגעשלאָפֿן און זיך אויפֿגעוועקט, און יעדעס מאָל באַמערקט דעם סילועט פֿון דאָקטאָר, זיצנדיק אָנגעשפּאַרט אין שטאַם פֿון אַ בוים. ער האָט אים געפֿרעגט פֿאַרוואָס ער שלאָפֿט נישט. דער דאָקטאָר האָט געענטפֿערט שעפּטשענדיק, אַז ער קאָן נישט איינשלאָפֿן און אַז ער וויל בעסער וואַכן און זיך איינהאָרכן.

אין שלאָף האָט ער געזען מאַרילען, עס האָבן זי אַרומגערינגלט דייטשן, אויסגעדרייט די הענט, אָבער זי, נישט קוקנדיק אויפֿן ווייטיק, האָט צו אים געשמייכלט. זי האָט אויסגעקערעוועט צו אים דאָס פּנים, זי האָט אים געזען און ער האָט געוווּסט וועגן

דעם, אַז זי זעט אים און ער האָט אויך געוווסט, אַז זי שמייכלט צו אים, ווייל ער קוקט אויף איר.

— ווי קאָנט איר שלאָפן? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט שפּעט אין דער נאַכט, ווען סטאַניסלאַוו אַן איבערגעוועקטער האָט זיך אויפגעזעצט אויף אַ ווײַלע.

— פאַרוואָס זאָל איך נישט שלאָפן? מע דאַרף אָפּרוען.

— און ווען ס'זאָל זיך פּלוצעם עמעצער באַווייזן?

— וואָלט איך דערהערט. איך האָב אַ פּילבאַר געהער.

— איך וואָלט זיך נישט געטרויט אין שלאָף.

— וועט איר מאָרגן זיך פילן מיד.

— און אויב עמעצער וועט קומען?

דער דאָקטאָר איז געווען אויפגערייצט, ער האָט כסדר צוריקגעקערט צום זעלבן ענין, געשטעלט די זעלבע פראַגן... ער האָט געפרעגט סטאַניסלאַוון:

— צי האָט איר זיך אַמאָל פאַרטראַכט וועגן דעם, ווי די וועלט וועט אויסזען נאָך דער מלחמה?

— וואָס פאַרא וואָלט זי באַדאַרפט זיין?

— דאָס פרעג איך דאָך. נישט די, וואָס אין אַ ווייטער פּערספּעקטיוו, נאָר דירעקט נאָך דער מלחמה, ווען עס וועלן אויפהערן די רציחות.

— אייך אינטערעסירט, צי עס וועלן בלייבן די מנובלים?

— פאַרוואָס פרעגט איר נישט וועגן די אָרנטלעכע מענטשן, נאָר וועגן די מנובלים? צי שטעלט איר זיך נישט פאָר די וועלט אָן מנובלים?

— נישט זייער.

— אויב אַזוי, אפשר וועט איר מיר זאָגן, וועלכע וועלן זיין די סימנים פון מנובלישקייט?

— כ'האָב וועגן דעם נישט געטראַכט.

— לויט אייער מיינונג, הייסט עס, קאָן אויך זיין, אַז מסירת־נפש, קרבנות־גרייטקייט, ליידן וועלן ווערן פאַראורטיילט?

— אַזוי נידעריק וועלן מיר מסתמא נישט פאַלן.

— און איר וועט קאָנען אויפן ערשטן בליק אונטערשיידן ווער איז אָרנטלעך און ווער נישט?

— איך וואָלט נישט געוואָלט אַרויסגעבן קיין אורטיילן.

— און מאָרד?

— וואָס מאָרד?

— צי מאָרד ווערט באַטראַכט ווערן ווי אַ מנובלישקייט?

— אַ מאָרד צווישן אייגענע?

— פאַרוואָס ענטפערט איר נישט גלייך, פשוט?

— צו וואָס אומזיסט אָנשטרענגען דעם געדאַנק?

— איר שאַצט הויך אייערע געדאַנקען.

— ווייל איך קאָן זיך נישט פאָרשטעלן די וועלט אַ רואיקע.

— איינשליסלעך רציחה?

— איר זענט אין אַ צושטאַנד פון ספּעציעלער דעפּרעסיע.

ביז איצט האָט שטענדיק און אומעטום עמעצער עמעצן געמאָרדעט.

— איר רעדט נישט ווי אַ קאָמוניסט.

— מיר דאַכט, אַז איך קען דעםווירקלעכן גאַנג פון דער געשיכטע און דעריבער זעט אויס דאָס וואָס איך רעד, ציניש.

— איר רעדט וועגן דער געשיכטע, ווי וועגן אַ וועלכער ס׳איז שפּיל.

— מעגלעך. אָבער זיכער איז עס נישט די געשיכטע פון איין האַרמאָנישער און איינשטימיקער משפחה, וועלכע נישט מיר נישט דיר הייבט זיך אָן קעגנזייטיק אויסצושעכטן.

— און מיר? — דער דאָקטאָר האָט זיך אָנגעבויגן איבער דעם ליגנדיקן סטאַניסלאַוון, — און מיר? — האָט ער איבערגעחזרט. זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט.

— ווער — מיר?

— מיר, וועלכע האָבן צוגעזען דאָס אַלץ... וואָס וועלן מיר טאָן אין דער דאַזיקער קומענדיקער וועלט? וואָס וועלן די מענטשן פון אונדז פאָדערן?

— וועלכע מענטשן?

— די וואָס וועלן בלייבן.

— די וועלן זיין פון דער זעלבער וועלט, וואָס מיר. זיי וועלן אויך האָבן די זעלבע דערפאַרונגען.

— הייסט עס, אַז ס׳איז נישטאָ קיין שום אויסוועג?

— אין וואָס גייט אייך? איר ווילט בלייבן לעבן און דאָס וועט זיך אייך איינגעבן.

— און איר?

—איך אויך. מיט דעם אונטערשייד,וואָס איך וויל זיך נישט טרעפן מיט דער וועלט, וועלכע איך קען. איר ווילט זי איינהיטן.

— איך האָב דאָס נישט געזאָגט.

— איר האָט געזאָגט. איר האָט נישט געפרעגט וועגן דעם, וואָס מיר וועלן זיין אין דער קומענדיקער וועלט? איר פאַרטיידיקט בלויז זיך, כסדר זיך. אייער מאַלטרעטירטן גוף, אייער׳ע ליידן.

— אויב איך וועל איבערלעבן, וועל איך אַרויסטראָגן בלויז דעם דאָזיקן מאַלטרעטירטן גוף.

— וועמען איז נייטיק די דאָזיקע אַנטפּלעקונג?

— די, וועלכע פאַרשטייען נישט.

— וואָס?

— אַז מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן זענען דערמאָרדעט געוואָרן צוליב גאָרנישט.

— און וואָס ווייטער? דאָס קומט דאָך פאַר שוין נישט צום ערשטן מאָל.

— אפשר וועט דאָס זיין די לעצטע שחיטה. דאָס וואָלט געקענט זיין די לעצטע.

זיי האָבן אַ ווײַלע געשוויגן. דערנאָך האָט סטאַניסלאַוו געזאָגט:

— איך וואָלט געוואָלט, אַז דאָס זאָל זיין די לעצטע.

— איר נעמט ביי מיר אָפּ די לעצטע האָפענונג.

— ניין, איך נעם ביי אייך אָפּ בלויז אייער פאָרשטעלונג וועגן דער וועלט.

עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. די קעלט איז געוואָרן דורכדרינגלעך. קיינער האָט זיך נישט באַוויזן.

— דער זייגער איז שוין פיר — האָט סטאַניסלאַוו געזאָגט, — מע דאַרף גיין ווייטער.

— וווהין?

— מיר מוזן צוריקקערן.

— ווהין? — די שטים פון דאָקטאָר איז געווען פול מיט פאַרצווייפלונג.

— אַהין, פונוואַנען מיר זענען געקומען.

דער דאָקטאָר האָט מיטן קאָפּ געמאַכט אַ באַוועגונג פון דערווידערונג.

— מיר מוזן — האָט סטאַניסלאַוו געזאָגט.

— איך האָב מורא.

— איך קען דערצו גאָרנישט העלפן, מיר מוזן.

— איך וועל אַהין נישט צוריקגיין.

— קיין אַנדער אויסוועג האָבן מיר נישט.

זיי האָבן זיך געלאָזט גיין, אויסמיידנדיק דאָס אויסגעברענטע אָרט, עס האָט זיך געהערט דער שאָרך פון די קוסטעס, אין וועלכע עס האָט זיך פאַרטשעפּעט די וואַליזע פון דאָקטאָר. סטאַניסלאַוו האָט זיך עטלעכע מאָל אומגעדרייט. די אויגן פון דאָקטאָר האָבן געהאַט אַן אומבאַשטימטן אויסדרוק. „ער האָט זיך באַליידיקט, צי וואָס?" — האָט סטאַניסלאַוו אַ טראַכט געטאָן. אין דער לופט האָבן געזשומעט פאַרשידענע מינים פליגעלעך. „די דאָזיקע מוזיק וועט אים געבן די זיכערקייט, אַז מע גייט דורך אומצוטריטלעכע ערטער".

דער דאָקטאָר האָט נאָכאַמאָל געפרעגט:

— ווער זענט איר? ווער? פאַרוואָס שטעלט איר מענטשן אין געפאַר?

סטאַניסלאַוו איז שטיין געבליבן.

— און איצט וועט איר זאָגן עפּעס וועגן מאַנגל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט, נישט אַזוי?

— יאָ.

— איך האָב שוין דאָס געהערט. איר חזרט זיך איבער. איר האָט אין מיר געזען אַ רעטער און איצט בין איך אין אייערע אויגן געוואָרן אַ מענטש, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ריכטיק?

— פאַרוואָס ווילט איר מיך נישט פאַרשטיין? איך קען שוין מער נישט.

סטאַניסלאַוו האָט פון דער נאָענט אַ קוק געטאָן אויף זיין פּנים, אויף זיינע דערשראָקענע אויגן. ער האָט אים געהאַסט אין דער מינוט.

— ווייל איר ווייסט גישט גאָרנישט — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט. — צי ווייסט איר וואָס דאָס הייסט אַזוינס שאַנטאַזש? צי האָט איר זיך אַמאָל צוגוּיפגעטראָפן מיט אַ שמאַלצאָוויק? צי זענט איר שוין אַמאָל אַנטלאָפן פון דער היים אַ באַרויבטער פון אַלץ — פון מיטלען צום לעבן, פון האָפענונג, פון גלויבן, אָן שום פּערספּעקטיוו און אַ געיאָגטער פון זידלערייען, קללות און דראָונגען? און צי ווייסט איר, ווער עס האָט דער ערשטער מיך אָנגעהויבן צו שאַנטאַזשירן? אַן אוקראַינער פון היגטער לוואָוו, פון אַ געגנט, וווּ איך האָב אַמאָל געוווינט; ער האָט געוווּסט, אַז מיינע עלטערן זענען געווען פון משהם גלויבן. ער פלעגט קומען יעדן חודש צופאָרן נאָך אויסליין־געלט, יעדן חודש אַזאַ וויזיט, איר פאַרשטייט? קיינער אין וואַרשע האָט זיך מיט דעם נישט אינטערעסירט, בלויז ער, און יעדן חודש האָט ער זיך באַוויזן אין מיין וווינונג.

פּלוצעם האָט דער דאָקטאָר צוגערוקט זיין פּנים צום פּנים פון סטאַניסלאַוון און אויפגעהויבן די הענט.

— איר זעט, מיט די הענט האָב איך דערשטיקט אַ שאַנטאַזשיסט אַ ייד, וועלכער האָט געדינט די דייטשן. איר זעט? — זיין שעפּטשען איז געוואָרן הייס. — דאָס איז געווען מיין אַן אַמאָליקער פּאַציענט, פונוואַנען האָט ער זיך דערוווּסט, דאָס ווייס איך נישט, אָבער ער איז אַריין אין דער ראָל. איך האָב זיך שוין דעמלט אויסבאַהאַלטן, אָבער ער האָט מיך געטראָפן אויף דער גאַס און אויסגענאַרט געלט. ער האָט מיך פאַרפאָלגט. איך האָב פון אים געמוזט פּטור ווערן, איך האָב שוין נישט געקענט. — די צעפּלאָנטערטע און ווי נישט קלאָרע רייד פון דאָקטאָר האָבן סטאַניסלאַוון אַריינגעבראַכט אין צעמישונג. — מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט ער מיך געטראָפן אויף ראָג פּאָלנע, דאָרט ווו עס שטייט אַזאַ הויך אויסגעברענט הויז, איר ווייסט? — סטאַניסלאַוו האָט שווייגנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. — ווען ער האָט מיר געהייסן גיין נאָך אים, ווייל איך האָב אים נישט געוואָלט געבן קיין געלט — איך האָב נישט געהאַט! — האָב איך צו

אים געזאָגט, אַז ער זאָל מיט מיר אַריינגיין אין טויער. ער איז געהאָרכזאַם געגאַנגען מיט מיר, דערנאָך זענען מיר אַרויפגעגאַנגען אויפן לעצטן שטאָק, אין דעם הויז איז געווען שטיל, קיינער האָט אין דעם נישט געוווינט. אויפן בוידעם האָב איך אים אָנגעכאַפּט פאַרן האַלדז און דערשטיקט.

— לאָמיר גיין — האָט סטאַניסלאַוו שעפּטשענדיק געזאָגט.

— איר גלויבט מיר נישט, אמת? איך ווייס, אַז איר גלויבט מיר נישט. אָבער איר קענט דאָרט אַריינגיין, וועט איר זען, ער ליגט נאָך דאָרט. איך האָב יעדן טאָג קאָנטראָלירט. ער ליגט דאָרט. איך בין דאָרט געווען צוויי טעג פאַר מיין אַרויספאָר.

— לאָמיר גיין — האָט סטאַניסלאַוו איבערגעחזרט.

— איך וועל נישט צוריקקערן. איך קען שוין אַהין נישט גיין.

— מיר וועלן זיך נישט צוריקקערן.

— איך וואָלט שוין נישט געקענט אַ צווייט מאָל... — נאָך אַ ווײַלע שטילשווייגן, האָט ער צוגעגעבן: — אַ צווייט מאָל וואָלט איך דאָס שוין נישט באַוויזן.

* *
*

זיי האָבן געבלאָנדזשעט. סטאַניסלאַוו האָט זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג דערפון, ווען נאָך אַ שעה צייט האָבן זיי זיך ווידער נעפונען נאָענט פון דעם פאַרברענטן וועכטער־שטיבל. ער האָט שנעל פאַרקערעוועט, כדי דער דאָקטאָר זאָל זיך נישט כאַפּן. דאָס וועגל, מיט וועלכן זיי זענען געגאַנגען, האָט קיין שום האָפענונג נישט געגעבן. סטאַניסלאַוו האָט געקוקט פאָרויס, אָבסערווירנדיקן די אומזיניקע שפּיל פון ליכט און שאָטן. „ער האָט באַמערקט, צי ניין?“ דער דאָקטאָר האָט געשוויגן. דער דאָזיקער גאַנג איז ווי פאָרגעקומען אָן זיין אָנטייל. ער איז געגאַנגען נאָך סטאַניסלאַוון, שלעפּנדיק די וואַליזע און בלויז פון צייט צו צייט זיך אָפּגעשטעלט, כדי אָפּצווווישן דעם שווייס פון שטערן. די טריט פון דאָקטאָר זענען אַנטשוויגן, די שטילקייט אַרום איז געוואָרן טיפער און דעמלט האָט ער זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג,

אַז די געפּאַר ווערט אַלץ גרעסער און רינגלט אים אַרום. „איך טאָר מער נישט אָפּשלעפּן, עס האָט קיין זין נישט, איך האָב נישט באַדאַרפט נעמען אויף זיך אַזאַ מיסיע, ער האָט רעכט, כאָטש גיין! ער איז נישט גערעכט, מען האָט דאָך אים באַדאַרפט צוגרייטן אויף אַלץ; ער איז פאַרביטערט, איך פאַרשטיי, ער קען זיך נישט צוריקקערן, אָבער ער וועט מוזן, זאָל ער נישט מאַכן קיין פאַרגלייכן, איך האָב זיך אויסגעקליבן אַהער נישט צוליב פאַרגעניגן, ער פאַרשטייט דאָך, אַז איך דריי זיך דאָ אַרום נישט צוליב פאַרגעניגן. ער מוז דאָס פאַרשטיין“.

* *
*

די הייזלעך, וועלכע האָבן זיך באַוויזן ביים אַרויסגאַנג פון וואַלד זענען געווען פאַרזונקען אין דער שטילקייט פון אויפגייענדיקן טאָג. אין דער ערשטער רגע האָט סטאַניסלאַוו געמיינט, אַז זיי זענען צוריקגעקומען קיין אָסוכע, נאָר ער האָט גלייך באַמערקט, אַז זיי געפינען זיך אין אַ פּולקאָם אומבאַקאַנטער געגנט. ער האָט קיין טעות נישט געהאַט. דאָס איז נישט געווען נישט קיין מיל, נישט קיין געמויערט הויז.. ער האָט זיך דערמאָנט אין דער פרוי, וועלכע האָט אויף אַלע פראַגן געענטפערט: „איך ווייס נישט“. דער וועג פול מיט גריבער, וועלכער האָט זיך געצויגן פון גלאָקן־טורעמל, האָט פאַרקערעוועט צום קליינעם מאַרק, וועלכער איז געווען איצט אינגאַנצן פּוסט. אַרום האָט געהערשט אַ שטילקייט, אַ בולטע און איינגעזעסענע, פון וועלכער ס׳האָט זיך אַרויסגעפּילט פאַרלאָזטקייט און אָפּוועזנהייט, שטומקייט פון מויערן, עקשנותדיקער אויסדרויער פון האַלב־אָפענע הייף־טירלעך און בלינדקייט פון פאַרהאַקטע אויף נאַכט פענצטער. זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט, ווי זיי זאָלן מורא האָבן אַריבערטרעטן די שוועל פון דער דאָזיקער דראָענדיקער שטילקייט.

— לאָמיר אַוועק פונדאַנען — האָט דער דאָקטאָר שעפּטשענדיק געזאָגט.

סטאַניסלאַוו האָט נישט געענטפערט.

— איר זעט דאָך, אַז דאָ איז קיינער נישטאָ, ווו זענען מיר?

— באַלד — האָט סטאַניסלאַוו געענטפערט אומגעדולדיק.
— לאָמיר אַוועק פונדאַנען.
— איר רעדט נאַרישקייטן.
— איך בעט אייך, לאָמיר אַוועקגיין.
— איך וועל גיין אַ קוק טאָן.

זיי זענען געגאַנגען פּאָרוים מיט אומרואיקע בלאָנדזשענ־דיקע בליקן.

אויף דער טיר פון ערשטן הייזל, וואָס איז געשטאַנען איבער אַ קאַלוזשע מיט גרינע וואַסער, האָט סטאַניסלאַוו דערזען אַ בלעכל מיט דעם צונאָמען פון אייגנטימער, נומער פון הויז און נאָמען פון דאָרף. ער איז געשטאַנען און נישט געקענט אָפּרייסן דעם בליק פון די ווייסע בוכשטאַבן, אומבאַהאָלפן אָנגעשריבענע אויף אַ שוואַרצן פאָן. זיי זענען געווען אין יוזעפּאָוו.

סטאַניסלאַוו איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און אָנגעקלאַפּט, קיינער האָט נישט געענטפערט. ער האָט זי געוואָלט עפענען, האָט זי נישט נאָכגעגעבן. האָט ער דורכן פענצטער אַריינגעקוקט אינעווייניק, נאָר קיינער איז נישט געווען. די נישט פאַרבעטע בעטן און די אומאָרדענונג, וועלכע האָט געהערשט אין שטוב, האָבן עדות געזאָגט וועגן דעם שנעלן פאַרלאָזן דאָס הויז.

— איך האָב געזאָגט, אַז מע דאַרף פונדאַנען אַוועקגיין — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר. — אויף וואָס וואַרט איר?

— באַלד.

— איר האָט אַליין געזאָגט, אַז מיר דאַרפן אויסמיידן יוזע־פּאָוו.

— איך האָב געזאָגט.

— טאָ לאָמיר גיין.

סטאַניסלאַוו האָט זיך געלאָזט ווייטער גיין.

— איך וועל זיך נישט לאָזן מער אָפּנאַרן — האָט גע־זאָגט דער דאָקטאָר.

— איך האָב נישט אָפּגענאַרט, איך דאַרף דאָ עפּעס זיך דערוויסן.

— דאָס וועט לאַנג דויערן?

— איך מוז דאָ עמעצן געפינען.

— איר זעט דאָך, אַז דאָס דאָרף איז אינגאַנצן פּוסט.

סטאַניסלאַוו איז ווייטער געגאַנגען מיטן וועג, זיך פאַר־האַלטן ביי די הייזער און געקלאַפּט אין די פאַרמאַכטע טירן, גע־רופן, פאַרקוקט אין די פענצטער. פון די טונקעלע ווינקלען אין די שטובן האָבן זיך אויסגעשיילט שווייגנדיקע און פאַרגעסענע מעבל־שטיק.

אויף די טישן זענען געלעגן ברויטן, זענען געשטאַנען טעפּ־לעך, אָבער די אויוונס זענען געווען אויסגעלאָשן. „וואָס איז דאָ געשען? ווו האָבן זיך אַהינגעטאָן די מענטשן?“

— איר טראַכט מסתמא נישט אָפּצוטרעטן ביי יעדן שטיבל — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט. סטאַניסלאַוו האָט זיך נישט גע־קענט דערמאָנען דעם נאָמען פון די פויערים, ביי וועלכע מאַרילע האָט זיך באַדאַרפט פאַרהאַלטן, דאָס האָט אים געמאַכט בייז און אומגעדולדיק. ער איז אַריבערגעלאָפן דעם וועג אויף דער צווייטער זייט, ווו די הייזלעך זענען געשטאַנען אין שאָטן פון אַקאַציעס, עפּעס אַ סטעזשקע האָט געפירט אין הינטערגרונט פון געבייען. ער האָט געשריגן: „איז עמעצער פאַראַן?“ — אים האָט אָפּגעענטפערט אַ שטילשווייגן. „וואָס קומט דאָ פאָר?“, „וואָס איז דאָ געשען?“ ער האָט איבערגעלייענט די אויפשריפטן אויף די בלעכלעך, וועלכע זענען געווען צוגעקלאַפּט צו די טירן, אָבער קיין איינער פון די נעמען האָט אים נישט דערמאָנט אין יענעם. די אומגעשטערטע שטילקייט האָט אויסגעלאָשן אין אים דעם פונק פון האָפענונג, וועלכער האָט אויפגעשיינט ביי אַ וועלכן־ס'איז צעעפנט טירל. דער דאָקטאָר איז געגאַנגען נאָך אים, אי־בערהזרנדיק פון צייט צו צייט דאָס זייניקע: „איר זעט דאָך, אַז דאָ איז קיינער נישטאָ, קומט“.

— טאָקע דערפאַר, וואָס דאָ איז קיינער נישטאָ, קען איך זוכן. צי פאַרשטייט איר דאָס נישט? — האָט ער אָפּגעענטפערט מיט כעס.

— וועמען?

— עמעצן.

— איר האָט נישט קיין מורא? — האָט דער דאָקטאָר ישעפּטשענדיק געפרעגט.

— אַז קיינער איז נישטאָ, פאַר וועמען זאָל איך מורא האָבן?

— אַז קיינער איז נישטאָ, איז צו וואָס דאָס זוכן?
— דאָ האָט באַדאַרפט עמעצער זיין.
— איר זוכט דאָס מיידל?
— יאָ, איך זוך, איך זוך.
— דאָס איז אומבאַרעכנט.
— איך ווייס. — פּלוצעם האָט ער זיך דערמאָנט דעם נאָמען פון די פּויערים, ביי וועלכע זי האָט זיך באַדאַרפט פאַרהאַלטן. „טאָמאַשעק, טאָמאַשעק“.
— איר זעט דאָך, אַז אַלע זענען אַנטלאָפן, נאָכוואָס האָט זי געזאָלט בלייבן?
— איך וויל ווּיסן, צי זי איז דאָ בכלל געווען.
— ווי ווּעט איר דאָס פעסטשטעלן? — די שטים פון דאָקטאָר איז געוואָרן צודרינגלעך.
— איך ווייס נישט, איך ווייס גאָרנישט. — דער דאָקטאָר האָט אים אָנגעהויבן צו דענערווירן.
— איז צו וואָס?
די פרוי, וועלכע ער האָט דערזען אין הויף, איז געווען אַן אַלטע און גרויע, איינגעוויקלט אין אַ דיקער שוואַרצער שאַל, איז זי געזעסן אויף אַ נידעריק בענקעלע און געוויינט, נאָר אַרום איר זקניש אָנצייניק מויל האָט געבלאָנקעט אַ מין שמייכעלע, וואָס זיין זין האָט ער בשום אופן זיך נישט געקאָנט אויסטייטשן, אַזוי אויסטערליש האָט עס אויסגעזען אויף דעם דאָזיקן פּנים, וואָס איז געווען נאָס פון טרערן. „זי איז נישט אינגאַנצן ביים זינען“ — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, ווען ער האָט זיך איינגעבויגן איר צו פרעגן, וואָס דאָ קומט פאָר.
— איך האָב מורא — האָט זי געענטפערט. דאָס שמייכעלע איז נישט פאַרשוווּנדן פון איר פּנים.
— פאַר וועמען?
— איר ווייסט נישט?
— ניין.
— דאָ דאַרפן קומען די דייטשן.
— פונוואָנען ווייסט איר דאָס?
— דאָ איז נעכטן פאָרגעקומען אַ שלאַכט.
— וועלכע שלאַכט?

— דאָ זענען נעכטן געווען דעסאַנטן.

— וועלכע?

— רוסישע.

— אין יוזעפּאָוו?

— ניין. הינטער יוזעפּאָוו. איר האָט נישט געהערט?

— ניין.

— נעכטן האָט מען פון האַרמאַטן געשאָסן, זיי האָבן זייער אָנפירער געהרגעט.

— וועלכן אָנפירער?

— „איוואַן קאָזאַק".

— פונוואַנען ווייסט מען דאָס?

— מענטשן ווייסן.

— אָבער פונוואַנען? — האָט סטאַניסלאַוו געפרעגט מיט אומגעדולד.

— ווער האָט נישט געקענט „איוואַן קאָזאַק?"

— נו, איז וואָס?

— מיר האָבן מורא פאַר די דייטשן. זיי וועלן דאָ זיכער קומען. — די טרערן זענען אָן אויפהער געפלאָסן פון אירע אויגן.

— און אַלע זענען אַנטלאָפן?

— אַלע.

— פאַרוואָס־זשע זענט איר געבליבן?

— מיר וועלן זיי גאָרנישט טאָן. איך בין אַלט. — און אין א מינוט אַרום: — און ווער זענט איר?

— מיר זענען געקומען וועגן האַנדל — האָט סטאַניסלאַוו געענטפערט. די ידיעה וועגן טויט פון „איוואַן קאָזאַק" איז געווען פאַר אים אומדערוואַרט, זי האָט פאַרגרעסערט די געפאַר. איצט האָט ער זיך שוין אָפּגעגעבן א רעכענונג, אַז אַלץ איז פאַרלוירן. די אָפּטיילונג איז געבליבן נישט בלויז אָן דעם אָנפירער, נאָר אויך אָן זיין פאַרטרעטער... די שטים פון דער פרוי האָט איבער־געריסן זיינע רעיונות. זי האָט געזאָגט:

— דאָ וועט איר גאָרנישט פאַרקויפן.

— מיר ווייסן. — דערנאָך האָט ער געזאָגט: — איך האָב דאָ באַקאַנטע, איך וואָלט געוואָלט אָפּרוען.

— דאָ? אָפּרוען? וועמען קענט איר דאָ?

— די טאַמאַשעקס.

— זיי זענען אויך אַנטלאָפן.

אויף זיכער?

— זייער שטוב איז דאָ דערנעבן — די פרוי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ — איר קענט אַ קוק טאָן.

אין גערטנדל, וואָס פאַר דעם הייזל האָט אים באַגריסט אַ טומל פון געפליגל. ער איז איז צוגעשפּרונגען צו דער טיר און זי געפּרוווט אויפעפענען, אָבער זי האָט נישט נאָכגעגעבן. איז דער הייסער לופט איז געשטאַנען אַ שטאַרקער ריח פון גריגס. סטאַניסלאַוו האָט אַריינגעקוקט דורכן פענצטער, עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער הערט עפּעס אַ גערויש, אַ סקריפּען פון הילצערנע טרעפּ, געדעמפטע שטימען.

— דאָס בין איך — האָט ער געזאָגט מיט אַ הויך שעפּטשען, צודריקנדיק זיך צו דער טיר.

אַ שטילשווייגן.

— מאַרילקע, דאָס בין איך!

אַ שטילשווייגן.

ער האָט זיך אומגעקערט צום פענצטער. די שויב האָט אָפּגעשלאָגן בלויז זיין אייגן געזיכט. פאַרשטעלנדיק מיט דער האַנטפלאַך די אויגן, האָט ער זיך צוגעקוקט צו די אומבאַוועגלעכע חפצים אינעווייניק אין שטוב, צום שוואַרצן קאַסטן, וועלכער איז געשטאַנען אין ווינקל. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער זעט אויף אים מאַרילעס וואַליזקע. די פאַרלאָזענע שטוב האָט אים צוגעשמידט צום אָרט, ווי אַן אָפּגרונט.

— איר זעט דאָך, אַז דאָרט איז קיינער נישטאָ — האָט ער דערהערט הינטער זיך די שטים פון דאָקטאָר.

סטאַניסלאַוו האָט זיך אויסגעדרייט.

— נאָך איין ווײַלע.

ער איז געקראָכן צווישן די גראָזן, געטראָטן איבער די בייטן, לויפנדיק פון פענצטער צו דער טיר און רופנדיק הויך. אַ פאַרמאַטערטער איז ער געבליבן זיצן אויף דער שוועל מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— איר זעט דאָך, אַז ס'איז אומזיסט.

— יאָ — האָט סטאַניסלאַוו שעפּטשענדיק געענטפערט.

— קומט, איך בעט אייך. איר האָט געהערט, וואָס די פרוי האָט דערציילט?

ער איז צוריקגעגאַנגען צו דער אַלטיטשקער.

— איר ווייסט נישט, צי עמיצער איז נעכטן אָדער אייער־נעכטן געקומען צו פאָרן צו די טאָמאַשעקס?

די פרוי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און שטום אַ קוק געטאָן אויף סטאַניסלאַוון. ער האָט געמיינט, אַז זי האָט נישט פאַר־שטאַנען די פראַגע און ער האָט זי איבערגעחזרט.

— איך ווייס נישט.

— צו זיי האָט עמעצער געזאָלט קומען צו פאָרן — האָט ער צוגעגעבן.

זי האָט טיפער אַראָפּגערוקט דאָס טיכל איבער די אויגן און געענטפערט:

— צו זיי איז נעכטן עמעצער געקומען צו גיין.

— ווער? — דאָס האַרץ האָט אים שטאַרקער אָנגעהויבן צו קלאַפּן.

— זיי האָבן געזאָגט, אַז אַ קוזינקע.

— פונוואַנען?

— פון וואַרשע.

—איר האָט זי געזען?

— יאָ.

— ווי האָט זי אויסגעזען?

— צו וואָס פרעגט איר?

— איך מוז וויסן ווו זי איז?

— צו וואָס?

— דאָס איז מיינע אַ שוועסטערקינד.

זי האָט אים אַ קוק געטאָן גלייך אין די אויגן.

— איר זענט אויך אַ ייד?

— וואָס?

—דאָס איז געווען אַ יידישקע — האָט רואיק געזאָגט די אַלטע.

— פונוואַנען ווייסט איר?

— איך האָב דערקענט, מיך וועט מען נישט אָפּנאַרן. איך האָב גלייך דערקענט.

— דאָס איז נישט אמת.
— אמת, מיין הער, אמת.
— איר זענט זיך טועה.
— ניין.
— און וואָס איז מיט איר געוואָרן?
— זי איז אַנטלאָפן.
— וווהין?
— איך ווייס נישט.
— די טאָמאַשעקס האָבן זי נישט אויפגענומען?
— אויפגענומען, ווי דען? זיי וועלן שטענדיק אַזעלכע אויפ־נעמען.
— און די זאַכן? צי האָט זי געהאַט זאַכן? וווּ זענען זיי?
— זענט איר געקומען צו פאָרן נאָך די זאַכן?
— ניין, איך וואָלט געוואָלט זיכער זיין, צי ס'איז נישט עמעצער אַנדערש.
— זי האָט געהאַט זאַכן.
— וווּ זענען זיי?
— דאָס ווייס איך נישט.
אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער געפרעגט:
— און אפשר איז מיט איר עפּעס געשען?
— וואָס? — זי האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן אויף סטאַניסלאַוון.
— צי זענט איר זיכער, אַז זי איז אַנטלאָפן?
— יאָ.
— ווען זענען די טאָמאַשעקס אנטלאָפן?
— נישט לאַנג צוריק. ס'איז נאָך געווען פינצטער.
— און די אַנדערע?
— אויך.
— וווהין?
— אין וואַלד.
— מיר זענען געגאַנגען דורכן וואַלד און קיינעם נישט באַ־מערקט.
— דאָס איז גוט — די אַלטיטשקע איז געזעסן די גאַנצע צייט אומבאַוועגלעך און ערשט איצט האָט זי ווי אויפגעלעבט,

זי האָט אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט, ווי זי זאָל וועלן אָפּטרייבן פון זיך אַ פליג. — דאָס איז זייער גוט.

סטאַניסלאַוו האָט געפרעגט:

— און איר וועט דאָ בלייבן?

— וווהין זאָל איך גיין? איך בין אַלט. מע דאַרף אָפּהיטן.

— איר זעט, וואָס דאָ טוט זיך, קומט — האָט צוגעאײַלט דער דאָקטאָר.

— באַלד.

— איר ווייסט דאָך שוין אַלץ.

— צי איז ווייט קיין דלוגי קאָנט?

— ניין — האָט געענטפערט די פרוי. — אָבער מיטן וועג ראָט איך נישט צו גיין.

— נאָר ווי אַזוי?

— מיר ווילן זיך אַרויסבאַקומען אויף דער סטאַנציע אין דלוגי קאָנט — האָט זיך אַרײַנגעמישט דער דאָקטאָר, מיינענדיק, אַז אַזוי אַרום וועט ער ענדלעך איבערנעמען די איניציאַטיוו.

— גייט, מיינע הערן, מיט די פעלדער, גלייך, — זי האָט געפרוווט אויפשטיין, אָבער אומזיסט. זי האָט זיי מיט דער האַנט אָנגעוויזן די ריכטונג.

סטאַניסלאַוו האָט נאָכאַמאָל אַרומגעקרייזט דאָס הײַזל פון די טאָמאַשעקס. פאַרזונקען אין שטילקייט, האָט עס געוואָרפן אַ טיפן שאָטן. חמרים פון קאָמאַרן האָבן געטאַנצט אַראָפּ און אַרויף.

* *
*

די פעלדער האָבן זיך געבאָדן אין ליכט, די היץ איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער. זיי זענען געגאַנגען מיט דער מעזשע צווישן בלײַענדיקע תבואות מיט גרינזילבערדיקע בלעטלעך, ווי באַדעקטע מיט שראָן. אַ ליכטיקער, מילדער און שלאַנקער ליכט־פּאַס האָט שיטערער געמאַכט דעם שאָטן, וועלכער האָט געשפּאַרט פון דער ערד אַרויף־צו צו די זאַנגען און פאַרוואַנדלט די דאָזיקע געדיכ־

טעניש אין אַ הייסער צעהוידעטער שטיל־שאָרכנדיקער מאַסע. עס זענען פאַרשוואונדן די הייזער פון יוזעפאָוו.

— פאַניע סטאַניסלאַוו — האָט זיך אָנגערופן דער דאָקטאָר.

— וואָס איז?

— דאָס איז אַ יידישקע?

— יאָ.

— צו וואָס איז זי געקומען אין דעם דאָרף?

— זי האָט געמוזט.

— וואָס הייסט דאָס „זי האָט געמוזט“?

— איר האָט דאָך געהערט, זי האָט דאָ געהאַט באַקאַנטע.

— אַקוראַט דאָ?

— צי איז דאָס נישט אַלצאיינס?

— און זי האָט גלייך געמוזט אַנטלויפן פונדאַנען!

— זי האָט דאָ באַדאַרפט זיין קורץ.

— איר האָט זי גוט געקענט?

— איך האָב זי געוואָלט אַוועקנעמען פונדאַנען.

— אין וואַלד?

— יאָ.

עס האָט זיי באַגלייט דער שטילער רויש פון די תבואות, דאָס סטעזשקעלע איז פאַרשוואונדן אין דער ווייט. דער דרימלענ־דיקער, הייסער און פוסטער הימל האָט זיך אויפגעהויבן ווי אַ זיל־בערנער נעפל איבער אַ וועגל צווישן בערגלעך.

— איר וועט נאָך זוכן?

— וועמען?

איך ווייס נישט? איך פרעג אַזוי זיך, אין אַלגעמיין.

— איך וועל נישט זוכן. מיר קערן זיך אום צוריק.

— איך האָב זייער מורא דערפאַר.

— מיין אָפּטיילונג איז געוואָרן צעקלאַפּט.

— פונוואַנען ווייסט איר דאָס?

— די פרוי האָט גערעדט וועגן מיין אָפּטיילונג.

— זי האָט גערעדט וועגן רוסן.

— „איוואַן קאָזאַק“ איז געווען אַ רוס, וועלכער איז אַנט־לאָפן פון געפאַנגענשאַפט און געקעמפט אין אונדזער אָפּטיילונג.

זיי האָבן געוואַנדערט דורך פעלדער, פאַרלוירענע אין דעם דאָזיקן פאַרמאַכטן קעסל, אויפן ראַנד פון טויט, אומגעדולדיקע און פול מיט מורא, אַז ווו זיי זאָלן נישט קומען, וועט שטענדיק זיין צו שפּעט. צווישן די תבואות ווערן זיי נישט באַמערקט, נאָר וואָס וועט זיין ווען זיי וועלן אַרויס אויף אַן אָפענעם שטח? די שטילקייט האָט איבערגעריסן דער דאָקטאָר:

— זאָגט מיר, וואָס וועט איצטער זיין?

— איך האָב אייך שוין געזאָגט — האָט סטאַניסלאַוו געענטפערט, נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ. — מיר קערן זיך אום צוריק.

סטאַניסלאַוו האָט נאָך געגלויבט, אַז זיי וועלן באַוויזן זיך אַרויסבאַקומען פון דער אַרומרינגלונג און זיך דורכשלאָגן אין די וועלדער.

דאָס ערגסטע, וואָס האָט געקענט געשען, איז שוין פאַרגעקומען. די דייטשן זענען געגאַנגען טראָט ביי טראָט נאָך דער אָפּטיילונג: נעכטן האָט טאָקאַרטשיק אים דערציילט וועגן טויט פון וואָלאַדעקן, היינט האָט ער זיך דערוווּסט, אַז „איוואַן קאָזאַק" איז אומגעקומען. דער טויט פון דעם דאָזיקן פאַרטיזאַנער האָט זיכער די דייטשן דערפרייט און גלייכצייטיק ווילד געמאַכט. זיי האָבן אָן שום ספק געפונען ביי דעם אומגעקומענעם יענעם רעוואָלווער, מיט וועלכן ער האָט זיך קיינמאָל נישט צעשיידט, כאָטש ער האָט שוין געהאַט אַן אַנדערן. דאָס איז געווען אַ רעוואָלווער פון האַלץ אָפּגעפאַרבט אויף שוואַרץ, מיט וועלכן ער איז פון אַ באַהעלטעניש איבערגעפאַלן אַ דייטש און צוגענומען ביי אים זיין געווער. מיטן טויט פון „איוואַן קאָזאַק", דעם פאַרטרעטער פון אומגעקומענעם אָנפירער, איז די אָפּטיילונג געבליבן אָן אַן אָנפירונג... ערשט איצט האָט ער פאַרשטאַנען פאַרוואָס טאָקאַרטשיק האָט אים אָפּגעשיקט מיט ליידיקן. ער האָט אים, וואָס אַן אמת, דערציילט וועגן טויט פון וואָלאַדעקן, אָבער מיט „איוואַן קאָזאַק" האָט ער אים נישט געוואָלט פאַרבינדן. „ער האָט געוואָלט, אַז איך זאָל זיך אָפּטראָגן פונדאַנען וואָס שנעלער".

דאָס שטעגל צווישן די תבואות איז געווען פריי, אָבער ער האָט זיך לייכט געקענט אָנשטויסן, וואָס עס טוט זיך עטלעכע קילאָמעטער פונדאַנען אויף די וועגן און וואַלד-טיילן, וועלכע ער

מיטן דאָקטאָר האָבן דורכגעמאָסטן. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, ווי איז דאָס געשען, וואָס ביז איצט האָבן זיי נאָך נישט אָנגע־טראָפן קיין דייטשן. „זעט אויס, אַז מיר זענען געגאַנגען אין זייערע שפּורן, נאָך זיי, און דעריבער האָבן מיר זיי נישט גע־טראָפן“. ער האָט זיך דערמאָנט אין די פאַרסמאַליעטע רעשטן פון וואַלד־הייזל, אין אַש און אין די אָפּגעשרפהטע קלעצער און ביימער. „זיי זענען שוין אַוועק ווייטער“. ער האָט באַשלאָסן צו־ריקקערן קיין לובלין. „אין לובלין וועל איך איבערשמועסן מיט מאַרעקן“.

די דערמאָנונג וועגן דעם דאָזיקן יונגן מענטשן האָט דער־וועקט אין סטאַניסלאַוון אַ ווידערווילן. ער האָט געדענקט ווי אומהעפלעך ער האָט צו אים גערעדט, מיט אַ מין גרויסהאַל־טערישקייט. פון אַן אַלטן קאָנספּיראַטאָר, וועלכער גיט אַרויס אומאָפּרופלעכע באַפעלן. „כ'וועל אים אַ ביסל אַראָפּזעצן. כ'וועל אים דערציילן, ווי מיך האָט אויפגענומען טאָקאַרטשיק, כ'וועל אים שוין אָנלערנען. עס זענען דאָך פאַראַן צוויי טאָקאַרטשיקס, פאַרוואָס האָט ער מיר דאָס נישט געזאָגט?“.

— אפשר וועלן מיר נאָך טרעפן דאָס מיידל? — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט. סטאַניסלאַוו האָט פאַרשטאַנען אז דער דאָק־טאָר האָט דאָס געזאָגט, כדי איבערצורייסן די פּיינלעכע שטיל־קייט. נישט אויסדרייענדיק זיך האָט ער געענטפערט:

— ניין. — און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער צוגעגעבן:

— איר קענט זי.

— איך?

— יאָ.

— פונוואַנען! וואָס רעדט איר! — אין דער אייגער מינוט איז זיין שטים נישט געווען פון קיין איבערגעשראָקענעם מענטשן.

— דאָס מיידל איז געזעסן לעבן אייך אין וואַגאָן.

— אוממעגלעך!

ער האָט געהערט, ווי דער דאָקטאָר איז שטיין געבליבן. סטאַניסלאַוו האָט אַ קוק געטאָן אויף אים. דאָס פּנים פון דאָק־טאָר איז געווען בלאַס. ער האָט אַוועקגעשטעלט די וואַליזע.

— ניין — האָט ער איבערגעחזרט מיט אַ ציטערנדיקער שטים — דאָס איז אוממעגלעך. דאָס איז געווען אַ יידישקע?

— איר האָט נישט געוווּסט?

— נײן, און איר? — האָט ער געפרעגט. — איר האָט געוווּסט?

— איך האָב חושד געווען. קומט — האָט סטאַניסלאַוו געזאָגט — קומט שוין.

* *
*

דלוגי קאָנט האָט זײ אױפגענומען מיט אַ מכלומרשטער, שלעכט פאַרמאַסקירטער שטילקײט. גלײך בײם אַרײנגאַנג אין שטעטל האָבן זײ דערזען דײטשן. זײ זענען געזעסן אױפן גראָז אונטער די בײמער, װאָס זענען געשטאַנען אױפן װעג צום װאַלד, װעלכער האָט זיך אַרױסגעזען אין דער פערספעקטיװ פון דער זיך פאַרשמעלערנדיקער גאַס. די זעלנער זענען געװען אָפּגעבריִנט, אײניקע פון זײ האָבן געדרימלט, די קעפּ אַרײנגעצױגן אין די אַקסלען, אַנדערע מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל איבער די עלנבױגנס האָבן גערױכערט און טומלענדיק איבער עפּעס געשמועסט.

סטאַניסלאַװ האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'איז נישטאָ קײן אַנדער אױסװעג, נאָר גײן װײַטער. דאָס צוריקציִען זיך װאָלט געװען אַ שגעון: ער האָט זיך געפונען אין סאַמע לאַגער פון שונא, און פּלוצעם האָבן געפּלאַצט אַלע פאָרזיכט־מיטלען. די פאַמעלעכדיקײט האָט געקענט באַטראַכט װערן װי מורא, די זיכערקײט אין זיך, װי מאַנגל פון פאַרשטאַנד, זײ זענען געגאַנגען דורך טומל און שטילקײט און װידער דורך דער רואיקײט פון הײסן טאָג, נישט טראַכטנדיק און װאַכזאַם גלײכצײטיק. די זעלנער האָבן זיך פױל געשלעפּט איבער דער גאַס. אין שאָטן פון די בײמער זענען געשטאַנען די פאַנצער־אױטאָס: זײער באַדינונג האָט זיך געפונען אין דער נאָענט.

סטאַניסלאַװ מיטן דאָקטאָר זענען געגאַנגען אין דער ריכטונג צו דער סטאַנציע. אַ געװיסע צײט איז נאָך זײ פּאַמעלעך נאָכגעפאָרן אַ קלײנער, אָפענער טונקל־גרינער אױטאָ מיט צװײ אָפיצירן אין טונקעלעברילן. דערנאָך האָט דער אױטאָ אַ שװונג־

געטאָן פאַר זיי, זיי האָבן זיך דערפילט ווי באַפרייט פון אַ גע־שפּאַן. ער האָט אַ יאָג געטאָן פאָרויס ווי אַ ווילדע חיה.

— וואָס טוט זיך דאָ? — האָט אַ שעפּטשע געטאָן דער דאָקטאָר.

סטאַניסלאַוו האָט נישט געענטפערט. עס האָט נישט אונטער־ליגט קיין שום ספק, אַז דאָס זיין דאָ פון די זעלנער איז פאַרבונדן מיט דער אַקציע, אין וועלכער עס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט די אָפּטיילונג. „די דאָזיקע אויטאָס זענען נישט געקומען צו פאָרן אַהער צוליב פאַרווײַלונג. דאָס איז ערשט דער אָנהייב".

אויפן שמאָלן טראָטואַר זענען געשטאַנען דריי זעלנער און זיך צוגעקוקט צו די אָנגעקומענע. אין די אויגן פון יינגסטן האָט זיך אָנגעצונדן אַ פלעמל.

— איר זאָלט זיך נישט צוריקציען — האָט אַ שעפּטשע גע־טאָן סטאַניסלאַוו.

מיט קאַלטע נישט צוטריטלעכע און טעמפּע בליקן האָבן זיי פאַרעקשנט געקוקט אויףביידע. סטאַניסלאַוו איז געוואָרן אומ־רואיק. זיי האָבן זיך שוין נישט געקאָנט צוריקציען. ס'איז אָנגע־פאָרן אַ פוּוער׳ש פורל, עס איז געזעסן אויף דעם אַן אויסגעצערטע פרוי, וועלכע האָט געטוליעט צו זיך אַ קינד מיט אַ פאַרבאַנדאַ־זשירט קעפּל. דער פורמאַן, אַ יונגער בחור, אַ דערשראָקענער און בלאַסער, האָט געשפּאַנט דערנעבן, האַלטנדיק נאָכלעסיק די אַראָפּהענגענדיקע לייצעס.

סטאַניסלאַוו מיטן דאָקטער זענען פאַרבײַגעגאַנגען די זעלנער. עס האָט אים באַאומרואיקט די שטילקייט, וועלכע האָט זיי באַ־גלייט. ער האָט נישט געוווסט, ווי עס פאַרהאַלטן זיך די דייטשן, ער האָט דערוואַרט אַן אויסגעשריי, אַ רוף: ער האָט געפילט אויף זיך זייער בליק. זיי זענען געגאַנגען פאַרביי שווייגנדיקע היי־זער, ווי אויסגעשטאָרבענע.

די אומבאַוועגלעכע בלעטער פון דיביימער, וועלכע זענען געשטאַנען ביי דער זייט פון דער גאַס, האָבן געגעבן אַ קאַרגן שאָטן. פּלוצעם זענען זיי אַרויס אויף אַ פּלאַץ, וועלכן זיי האָבן געמוזט דורכשניידן, כדי צוצוקומען צום וואָקזאַל. אַ שרעק האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרץ: דער פּלאַץ איז געווען אינגאַנצן

פוסט. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז אַ ליאַדע מינוט וועט ער דערהערן דעם אויסגעשריי — האַלט!

— איר זאָלט זיך נישט אומקוקן — האָט סטאַניסלאַוו געזאָגט. — זייט פאַרזיכטיק.

אַ ביסל שפּעטער, ווען זיי זענען שוין געווען אין מיט פון פלאַץ, האָבן זיי דערזען אויף אַ בערגל צווישן ביימער אַ געמויערט הויז הינטער אַ פּאַרקאַן. סטאַניסלאַוו האָט זיך דערמאָנט די דאָזיקע געביידע, ער האָט זי באַמערקט, ווען ער איז דאָ געווען מיט דריי טעג צוריק. דערווייטערט פון אַלע איבעריקע הייזער האָט עס דאָ אַרויסגעסטאַרטשעט אין דער היץ ווי א שוואַרצער קאַסטן.

— אפשר וועלן מיר גיין אַהין? — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט.

— מיר גייען צו דער סטאַנציע, מיר טרעטן נישט אָפּ אין ערגעץ. איר זאָלט זיך נישט דערוועגן...

— איר זעט, וואָס דאָ קומט פאָר.

— כ'האָב נישט בדעה אַרומצושלעפּן זיך דאָ. מיר מוזן פונדאַנען אַוועקפאָרן.

אויף דער שוועל פון דער וואָקזאַל־געביידע איז געשטאַנען אַ הויכער ביינערדיקער אָפיציר מיט אַ לענגלעך פּנים און פאַרלאָשענע אויגן. „איך האָב אים שוין ערגעץ געזען, אָבער ווו? — האָט דורכגעבליצט סטאַניסלאַוון אין קאָפּ. — ווו האָב איך אים געזען?" — דער אָפיציר האָט זיך צוגעקוקט צו די גייענדיקע, דערנאָך האָט ער זיך אָפּגערוקט פון דורכגאַנג. „וואָס טוט דאָ אַן אָפיציר פון דער לופטוואַפע?"

דער פּוסטער וואַרט־זאַל האָט געאָטעמט מיט קעלט, די טיר אויפן פעראָן איז געווען אויפגעעפנט. פּונקט אַנטקעגנאיבער דעם אַרויסגאַנג אויף דער נאָענטסטער ליניע איז געשטאַנען אַ וואַגאָן פון אַ פּאַסאַזשיר־צוג, די עפענונג האָט געטונקלט ווי אַ שוואַרצער גרוב, דער דריי־טורעם האָט געוואָרפן אַ קורצן שאָטן אויף דער שיף־אָפּגעהאַקטער פּליטע. אַ האַרמאַט איז געווען געווענדט צו דער באַן־געביידע. סטאַניסלאַוו האָט שנעל זיך אַרומגעקוקט, אויף דער וואַנט האָט ער אַנטדעקט אַ רייזע־פּלאַן. דאָס איז געווען אַ געוויינלעך שטיקל פּאַפּיר, אויף וועלכן עס זענען געווען אויס־

געשטעלט מיט קאַליגראַפישן שריפט די שעהן פון אָנקום און אָפּפאָר פון די צוגן.

דער דאָקטאָר איז געשטאַנען פאַר דעם שטיקל פאַפיר, דעם קאָפּ אויסגעקרימט, ווי ער זאָל אין דעם זוכן צוגאָבלעכע אינפאָרמאַציעס: ער האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי צו די שוואַרצע צייכנס און ציפערן. סטאַניסלאַוו האָט אים אָנגערירט ביים אָרעם. דער דאָקטאָר האָט אויפגעציטערט.

— רואיק, רואיק, — דערנאָך האָט ער צוגעגעבן: — מיר האָבן נאָך אַ סך צייט.

דער דאָקטאָר איז געווען בלאַס, אויף זיין געזיכט זענען אַרויסגעטראָטן טראָפנס שוויים.

— ווהין? — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט — ווהין איצט?

זיי האָבן זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. פאַר זיי האָט זיך געשפרייט דער זעלבער פוסטער פלאַץ, אַ פאַרשלאָפענער און ווייסער פון היץ. סטאַניסלאַוו האָט זיך באַמיט וועגן גאָרנישט צו טראַכטן. ער האָט געפילט, אַז דאָס דורכגיין נאָכאַמאָל דעם דאָזיקן פוסטן שטח וועט ציען אויף זיי די אויפמערקזאַמקייט פון די דייטשן. „דער דאָזיקער ביינערדיקער אָפיציר שטייט נאָך זיכער ביים אַרויסגאַנג“.

— ווהין? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט, ווען זיי זענען געבליבן שטיין אינדרויסן. קיינער איז אין דער נאָענט נישט געווען.

— צו יענעם הויז — ער האָט מיט די אויגן אָנגעוויזן אויפן בערגל.

זיי האָבן איבערגעשניטן דעם פלאַץ. דאָס שוואַרצע הויז האָט זיך אויסגעשיילט פון צווישן דיביימער. זיי האָבן אַרומגעקרייזט דעם פאַרקאַן, זוכנדיק אַ פורטקע.

— און אויב דאָרט וועט קיינער נישט זיין? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט.

— איז ווו ווילט איר גיין?

— דאָרט קענען זיין דייטשן!

— צי פאַרשטייט איר נישט, אַז מיר קענען נישט צוריקגיין?

אין מיר פון הויז האָבן זיי דערזען אַ יונג מיידל מיט פאַר־לייגטע הענט אויף דער ברוסט. זי איז געשטאַנען אַ שווייגנדיקע מיט אַ רואיקן אויסדרוק אויף איר פאַרברוינטן פּנים.

— אַנטשולדיקט — האָט סטאַניסלאַוו געזאָגט — מיר זע־נען געקומען צו פרי.

— דאַכט זיך, אַז איך האָב אייך נישט פאַרבעטן. — איר שטים איז געווען שטרענג. זי האָט רואיק געקוקט אויף די גע־קומענע.

— מיר האָבן צוויי שעה צום אָפּגאַנג פון צוג.

— וואָס גייט עס מיך אָן?

— איר פאַרשטייט דאָך, אַז מיר קאָנען נישט אין די באַ־דינגונגען וואַרטן אויף דער סטאַנציע.

— פאַרוואָס?

— דאָרט איז פול פון דייטשן.

— און ביי מיר איז וואָס? אַן אַריינפאַרהויז?

— מיר זענען דאָ פרעמדע.

— איך שטוים מיך אָן — און אויפהייבנדיק די שטים האָט זי צוגעגעבן: — איך האָב שוין גענוג די פרעמדע. מיט עטלעכע טעג צוריק האָבן פרעמדע פאַרברענט דעם טאַרטאַק.

— מיר האָבן דערצו קיין שום שייכות נישט, גלויבט אונדז.

— איך האָב פאַרלוירן די אַרבעט, איך בין דאָרט געווען אַ באַאַמטין.

— דאָס איז באמת נישט אונדזער שולד.

— איצט וועט מען מיך שיקן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד.

— ווען מיר זאָלן געווען וויסן, אַז דאָ איז אַזוי נישט זיכער, וואָלטן מיר אויסגעמיטן דאָס שטעטל. איר דאַרפט פאַר אונדז נישט מורא האָבן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי געזאָגט:

— קומט אַריין, אָבער איר וועט דאָ פאַרבלייבן בלויז ביז דעם אָפּגאַנג פון צוג.

— נאַטירלעך.

דאָס הויז איז געווען דורכגענומען מיט דושנע ריחות פון קרייטעכצער. זיי האָבן דערמאָנט אין ריח פון טרוקן היי, טימיאַן, מאַטיאָלע, רומיאַנעק. „איך וועל דאָ אַנטשלאָפן ווערן“. עס האָט

זיך אויסגעדאַכט, אַז די דאָזיקע צודרינגלעכע ריחות ציִען זיך פון דער פינצטערניש, צו וועלכער דאָס מיידל האָט זיי געפירט. זי איז געגאַנגען דורך אַ פינצטערן קאָרידאָר. סטאַניסלאַוו איז איר נאָכגעגאַנגען. פּלוצעם האָט ער דערהערט אַ געוויש פון עמעצנס שטימען. דאָס מיידל האָט געעפנט די טיר: זיי זענען אַריבער די שוועל און זיך געפונען אין אַ גערוימיקן צימער. גלייך אַנטקעגן איבער דעם אַרייַנגאַנג איז געזעסן אַ מענטש מיט די הענט אָנגעשפּאַרט אויפן טיש. סטאַניסלאַוו האָט נאָך נישט באַוויזן אונטערצושיידן די שטריכן פון פנים, אָבער שוין ביים ערשטן בליק האָט אים איבערראַשט זיין ברוטאַלער אויסדרוק. דער מענטש האָט קיין שום באַוועגונג נישט געמאַכט. די געדעמפּטע שטימען, וועלכע סטאַניסלאַוו האָט אויפגעכאַפּט אין פינצטערן קאָרידאָר, זענען געוואָרן שטאַרקער און געקומען פון צווייטן צימער דורך דער פּעסט־פאַרמאַכטער טיר. דאָרט האָבן פרויען געזונגען אין אַ ראָד, פייערלעך, ווייטיקלעך, ווי דורכגענומען פון אַ טיפן עלנט. די ווערטער פון דעם תפילה־ליד האָבן געשעפּט זייער קראַפט פון פיין און שרעק:

„מיר, קינדער פון חוה, פאַרטריבענע, רופן צו דיר...“

— איר זענט געקומען צו מיר? — האָט געפרעגט דער מענטש, וואָס איז געזעסן ביים טיש.

„זיי זיך מרחם, זיי זיך מרחם, מיר זאָלן מער נישט וואָגלען...“

האָט זיך דערטראָגן דאָס געזאַנג פון דעם צווייטן צימער.

— ניין — האָט קאַלט געענטפערט דאָס מיידל.

— צו וועמען דען? — האָט שטרענג געפרעגט דער מאַן.

— די הערן ווילן דאָ צוּוואַרטן ביזן אָפּגיין פון צוג — האָט אויפגעקלערט דאָס מיידל.

— דאָ איז נישט קיין אָרט פאַר וואַרטן. סיידן איר זענט קראַנק.

— טאַטע, דאָס זענען דורכרייזנדע.

— דורכרייזנדע קאָנען אויך זיין קראַנק. וואָס טוט אייך ווי?

— מיין פאָטער הײלט — האָט דאָס מיידל געזאָגט.

— אונדז טוט גאָרנישט ווי — האָט געענטפערט סטאַניסלאַוו און אַ קוק געטאָן אויפן דאָקטאָר.

— איר רעדט אין אייער נאָמען. פאַרוואָס שווייגט יענער הער? — ער האָט אויפגעהויבן די האַנט און אָנגעוויזן אויף דעם דאָקטאָר, וועלכער איז געשטאַנען אין שאָטן.

— מיר איז אויך גאָרנישט — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר.

— יעדער זאָגט אַזוי און דערנאָך פּלוצעם איר נאָך אַ דיאַגנאָז צו דאָקטוירים. זיצט.

„פאַר דיין גוטס האָט גאָט אַלץ באַשאַפן"...

האָט געצויגן אין צווייטן צימער אַ דין קעלעכל.

סטאַניסלאַוו האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, דער דאָקטאָר האָט גענומען אַ שטול און זי צוגערוקט נעענטער צו דער טיר, וו ס'איז געווען פינצטערלעך.

— צי וואָלטן מיר געקענט קריגן עפּעס אָפּצועסן? — האָט סטאַניסלאַוו געפרעגט.

— ניין! — האָט הויך און אַנטשלאָסן געענטפערט דאָס מיידל. — ס'איז גאָרנישטאָ צום עסן.

— מיר וועלן ווירקלעך קראַנק ווערן, נאָר פון הונגער — האָט סטאַניסלאַוו זיך געוועדעלט.

— און וואָס האָט איר דאָרט אין דער וואַליזע? — דער מענטש ביים טיש האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, ווי ער זאָל זיך צוהאָרכן.

— סחורה.

— סוחרים? — האָט ער רואיק געפרעגט.

— יאָ.

— מיט וואָס האַנדלט איר?

— מיט וואָס עס לאָזט זיך — האָט סטאַניסלאַוו געזאָגט.

— איך קען אייך אָנבאָטן אַ גוטע סחורה, אַ גאַנגבאַרע.

— וועלכע?

— מיין אַדרעס.

— צו וואָס?

— צו שיקן אַהער קראַנקע.

— וואָס וועלן מיר דערפון האָבן? — האָט סטאַניסלאַוו געפרעגט.

— אין פאַל פון אַ קראַנקהייט, וועל איך אייך היילן. אומ־זיסט.

— מיר ווינען ווייט.

— ווו?

— אין ראַדאָמסק.

— נישט אמת!

סטאַניסלאַוו איז געוואָרן אומרואיק, ער האָט זיך אָבער שנעל באַהערשט און געפרעגט:

— פאַרוואָס נישט אמת?

— קיינער פון ראַדאָמסק וועט נישט פאָרן אויף האַנדל קיין דלוגי קאַנט.

— און דאָך איז עס אַזוי.

— איר זאָגט ליגן.

— צו וואָס זאָלן מיר זאָגן ליגן?

— איר ווייסט — ער האָט איבערגעריסן און אין אַ ווײַלע אַרום צוגעגעבן: — און איך ווייס.

— טשעקאַווע — סטאַניסלאַוו האָט צוגערוקט די שטול נאָך נעענטער. — טשעקאַווע — האָט ער איבערגעחזרט — פונוואַנען קענט איר וויסן?

פּלוצעם,איגנאַנצן אומדערוואַרט, האָט דער זנאַכאַר אויפ־געהויבן ביידע הענט און, אַרייננעמענדיק דעם קאָפּ פון איבער־ראַשטן סטאַניסלאַוון, אַ ווײַלע זיך אײַנגעקוקט אין זײַנע אויגן.

„ווען מען זאָל קענען זיך אויסבאַהאַלטן אונטער דיין מאַנטל"...

האָט ערנסט און גלייכצייטיק אומרואיק זיך געטראָגן דאָס געזאַנג פון צווייטן צימער.

— פון דעם דיאַגנאָז פון די אויגן, ווייס איך שוין אַלץ.

— איר זענט זיך טועה.

— דאָס האָט מיר נאָך קיינער נישט געזאָגט, פון די אויגן לייען איך אַלץ.

דער דאָקטאָר האָט אַ לאַך געטאָן.

— לאַכט נישט, קאָלעגע — האָט אַ ברום געטאָן סטאַניס־לאַוו.

— פאַרוואָס זיצט איר אין שאָטן? — האָט געזאָגט דער מאַן ביים טיש און אויסגעדרייט דאָס פּנים צום דאָקטאָר. — קומט צו נענטער.

— מיין קאָלעגע איז זייער פאַרמאַטערט. — סטאַניסלאַוו איז אויפגעשטאַנען און ווענדנדיק זיך צו דעם מיידל, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן — האָט ער געפרעגט: — צי קען איך אַ קוק טאָן דורכן פענצטער?

— איר זענט נאָך נישט אין תפיסה — האָט געזאָגט דער מאַן ביים טיש. — מע קען.

סטאַניסלאַוו האָט זיך פאַרהאַלטן.

— איר האָט געוואָלט אַרויסקוקן דורכן פענצטער — האָט זיך אַריינגעמישט דאָס מיידל.

דער אויסבליק איז געווען אַ החבותדיקער. די ביימער, וועלכע זענען אָפּגעטראָטן פון דער זייט, האָבן געעפנט אַ לאַנד־שאַפט, וועלכע האָט געפינקלט פון שיין, רייען ווערבעס האָבן זיך געצויגן פון דער גאַס ביז צום פּלאַץ, וועלכער איז נאָך אַלץ געווען פּוסט. הינטער דער באַן־געביידע, אויף דער צווייטער גאַס פון דער ליניע, האָט זיך געזען אַ שוואַרצע שאָפּע מיט קרום־אויסגע־לייגטע טרעפּלעך, וועלכע האָבן געפירט צו אַ פאַרמאַכטן טויער, אויף וועלכן עס האָט זיך געפונען אַן אויפשריפט מיט גרויסע ווייסע אותיות: ראַוכען פערבאָטען. „אַהאַ, דאָס זענען מיר דאָרט דורכגעגאַנגען, ווען מיר זענען געקומען צו פאָרן אַהער“. אַן עמער און אַ פייערלעשער־דראָנג האָבן מיט זייער רויטן קאָליר זיך אויסגעטיילט אויף דער זייטיקער וואַנט פון דער שאָפּע, וועלכע איז געשטאַנען אין זון. די ראַמפּע איז געווען פּוסט, נישט ווייט זענען געלעגן בערגלעך ציגל און עס האָט זיך געגלאָנצט זאַמד. דאָס אַלץ איז געווען אַזוי דייטלעך, אַז סטאַניסלאַוו האָט דערפילט אין מויל די טרוקענע היץ פון דעם זאַמד. עטוואָס נענ־טער האָבן זיך געצויגן די באַן־ליניעס.

אויף די רעלסן, וועלכע האָבן געגלאַנצט אויף דער זון, איז געשטאַנען אַ פאַנצער־צוג, געפאַרבט אין פאַרמלאָזע, שטאָליק־גרויע פלעקן. צום רויכערנדיקן לאָקאָמאָטיוו מיט די קוים אָנ־זעעוודיקע רעדער זענען געווען צוגעטשעפעט פון ביידע זייטן צו איין פאַנצער־וואַגאָן מיט אָפענע אַריינגאַנגען, גרייטע אין יעדער

מינוס אויפצונעמען די באַדינונג. פון די טורעמס האָבן אַרויס־געסטאַרטשעט געשפּאַנטע און דראָענדיקע האַרמאַטן־לופעס, אויף דער געפּאַנצערטער פּלאַטפאָרם ביים קוילן־וואַגאָן איז גע־שטאַנען אַ לייכטער טאַנק. צום צווייטן וואַגאָן אין פראָנט פון לאָקאָמאָטיוו איז געווען צוגעטשעפּעט נאָך איינער, אויף וועלכן עס האָבן זיך געפונען אַ לייכטער האַרמאַט און אויטאָמאַטישע קעגנלופט־מאַשינגעווער. סטאַניסלאַוו האָט דורכן פענצטער געזען אויך דעם מאַשיניסט: שטייענדיק אין דער בודקע, האָט ער זיך איבערגעבויגן און אָבסערווירט דעם געהילף, וועלכער האָט קאָנ־טראָלירט די אַקסן. די באַדינונג פון טאַנק אין זייערע שוואַרצע מונדירן פון פּאַנצער־מיליטער האָט זיך נישט דערווייטערט פון דעם וואַגאָן. פיר אַנדערע זעלנער זענען געזעסן אויף אַ שמאָל בריקל גרייטע יעדע מינוט אַריינצושפּרינגען אין אָפענעם טורעם. דער ביינערדיקער אָפיציר, דער זעלבער, וועלכן זיי האָבן באַגעגנט ביים אַריינגאַנג אין וואָקזאַל, איז געשטאַנען אויפן פעראָן, אַרומ־גערינגלט פון אַ הייפל אונטערגעעָרדנטע: אַלע זענען געווען אָנ־געבויגן איבער אַ מאַפּע, וועלכע דער אָפיציר האָט געהאַלטן אין זיינע אויסגעצויגענע הענט.

„ראַטעווע אונדז, ראַטעווע, ליבע מוטער"...

ביים וואַגאָן מיטן קעגנלופט־מאַשינגעווער האָבן זיך געדרייט זעלנער פון לופט־מיליטער.

— וואָס זעט איר אינטערעסאַנטס? — האָט געפרעגט דער זנאַכאָר.

— אַ פּאַנצער־צוג.

— ער שטייט שוין דאָ פון דער פרי אָן און ער ציט מיך אינגאַנצן נישט. און איר גלייך...

— איך האָב נאָך קיינמאָל אַזעלכעס נישט געזען.

— איר קענט צוגיין צום וואָקזאַל און גענויער באַטראַכטן.

— אַ דאַנק פאַר דער עצה — סטאַניסלאַוו האָט זיך צע־לאַכט. — און איר מיינט, אַז דאָס גייט מיך אָן? — האָט ער געפרעגט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ פון פענצטער.

— און אייך? — האָט דער זנאַכאָר געפרעגט דעם דאָקטאָר, וועלכער איז געשטאַנען אַ שווייגנדיקער.

— איך קען זיך נישט אויף דעם.

— איך האָב באַלד אַזוי געטראַכט — האָט דער זנאַכאָר געזאָגט און אַ קורצן לאַך געטאָן.

— אויף וואָס פאַר אַ סמך זאָגט איר דאָס?

— האָ! אויף דעם סמך, וואָס איך האָב אייך אין די אויגן נישט פאַרקוקט.

סטאַניסלאַוו האָט דורכדרינגלעך אַ קוק געטאָן אויף דעם זנאַכאָר. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט:

— איך פאַרשטיי נישט.

— איר ווילט זיך בעסער האַלטן אין שאָטן — און נישט געבנדיק אים קיין צייט נאָכצוטראַכטן, האָט ער געפרעגט: — פאַרוואָס?

— איך בין מיד.

— מיר זענען ביידע מיד — האָט סטאַניסלאַוו דערגענצט.

— איך וואָלט אייך געקענט העלפן — האָט דער זנאַכאָר געזאָגט צום דאָקטאָר.

— אַ דאַנק.

— איך וואָלט אייך געקאָנט העלפן דורך פאַרבינדונג.

— איך פאַרשטיי נישט, וואָס הייסט „פאַרבינדונג".

— אויב איר זאָלט מיר געבן אַ האָר פון אַ מענטשן, וואָס איר ווילט ער זאָל קראַנק ווערן, וואָלט איך געקענט מאַכן, אַז דער דאָזיקער מענטש זאָל ווערן בלינד.

— איך וויל נישט, אַז עמעצער זאָל בלינד ווערן.

— איר זאָגט נישט דעם אמת.

— איך זאָג דעם אמת.

— איך קען אייך אָנגעבן די ערשטע אותיות פון דעם נאָמען און צונאָמען פון דער דאָזיקער פערזאָן.

— נישטאָ אַזאַ פערזאָן, וועלכע וואָלט באַדאַרפט צוליב מיר ווערן בלינד.

— א. ה. — האָט דער זנאַכאָר געזאָגט.

— איך פאַרשטיי נישט.

— אַ. ה. — האָט דער זנאַכאָר איבערגעחזרט.

— מיר זענען זייער מיד — האָט סטאַניסלאַוו זיך אָנגערופן.

דער זנאַכאָר האָט זיך געווענדט צום מיידל:
— גיב די הערן וואַסער.
— מיר הלומען וועגן דעם — האָט סטאַניסלאַוו געזאָגט.
— איך ווייס דאָס — האָט דער זנאַכאָר אַ ברום געטאָן.
— פונוואַנען?
— דורך אַנטפּלעקונג.
— דאָס איז אַן אויסערגעוויינלעך געטלעך געשאַנק — האָט געזאָגט סטאַניסלאַוו.
— איך וואָלט געוואָלט האָבן אַזאַ געשאַנק — האָט זיך אָנגערופן דער דאָקטאָר.
— דאָס וועט זיך אייך נישט איינגעבן.
— פאַרוואָס?
— איר וואָלט געמוזט זיך איינקוקן אין די הייליקע בילדער און דאָס איז, א יי ך נישט דערלויבט.
— הער אויף, טאַטע — האָט שאַרף געזאָגט די טאָכטער.
— הער שוין אויף! גייט ארויס, מיינע הערן, אין פירהויז וועל איך אייך געבן וואַסער.
זיי זענען ביידע געשטאַנען אין דער טונקלקייט פון פירהויז, ארומגענומען פון דעם דושנעם ריח פון קרייטעכצער. דורך דעם פליוסק פון וואַסער האָבן זיי געהערט די ווייטערדיקע ווערטער פון ליד:

„און אז מיר וועלן אויסמיידן דעם צאָרן, ווי שמוץ“...

איין דייטלעכע און ריינע שטים האָט איבערראַשט מיט איר ווייטיקלעכן טאָן פון פאַרצווייפלונג און האָפענונג.
— איך מוזט דאָ איבערלאָזן אייער וואַליזע — האָט סטאַניסלאַוו שעפּטשענדיק געזאָגט, ווען דאָס געזאַנג האָט זיך געשטאַרקט.
— פאַרוואָס?
— דאָס ציט אויף אונדז אויפמערקזאַמקייט.
— דאָס איז מיין גאַנץ האָב און גוטס.
— וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט עס איצט?
— איך קען דערפאַר אויסקויפן מיין לעבן.

סטאַניסלאַוו איז שטיל געבליבן. אָנגיסנדיק אין דער טונקל־קייט מיט געררויש דאָס וואַסער, האָט דער דאָקטאָר פאָרגעזעצט.

— דאָס איז מער ווערט פון מיין לעבן. אויף מיר וועט זיך נישט געפינען קיין שום בעלן, אָבער אויף די שיך, אויף די העמ־דער....

— הערט אויף.

— ווי איך שטינק! גאָט מיינער, ווי איך שטינק!

— הערט אויף.

— איר האָט געזען, איר האָט אַליין געזען. דער דאָזיקער אַל־טער האָט פון דער ווייטנס אַרויסגעפילט ווער איך בין.

— ער האָט גאָרנישט אַרויסגעפילט.

— ער האָט אַרויסגעפילט, ווי יענע אייער מיידל. איך האָב נישט דערקענט, און יענע האָבן גלייך דערשמעקט.

— איך בין לעבן אייך.

— וויפל זשע זענען פאַראַן אזעלכע? וויפל? איר געדענקט? נעכטן אין וואַלד האָב איך געפרעגט, וואָס וועט זיין נאָך דער מלחמה, אָבער איר האָט מיר נישט געענטפערט.

א פלאַמיק פאַרשיכורט קול האָט געזונגען:

„ביז איצט לעבן מיר, מיר האָבן ליב אויף אייביק“...

— אויף אונדז! איר הערט? אויף אונדז האָט מען אַרויסגע־וואָרפן די משא, אַלע חטאים פון דער וועלט! אויף אונדז! אויף אונדז!

— שטיל! — האָט אַרויסגעציִשעט סטאַניסלאַוו.

— צו וואָס לעבן מיר? זאָגט. צו וואָס? — דער דאָקטאָר איז זיך פאַרגאַנגען פון געוויין.

סטאַניסלאַוו האָט אין דער טונקלקייט אָפּגעפונען זיינע הענט. ער האָט זיך געמוזט איינבייגן, כדי אָנצונעמען די הענט פון דאָק־טאָר, וועלכע זענען געווען פאַרזונקען אין וואַסער פון דער שיסל; ער האָט זיי צוגעהאַלטן מיט איין האַנט און מיט דער צווייטער אים אַ זעץ געטאָן מיט דער גאַנצער קראַפט אין פנים. ער האָט אַ פאַרסאָפּעטער אַרויסגעשטאַמלט אין דער טונקלקייט:

— זאָלסט אויפהערן היסטעריזירן! — און, באַפרייענדיק די הענט פון דאָקטאָר, צוגעגעבן: — און קענען וועמען איז דער דאָזיקער פּאַנצער־צוג? קענען וועמען?

דורך דער פּאַרמאַכטער טיר זענען צו זיי דערגאַנגען די ווערטער פון דער תּפילה:

„מיר וועלן דיר טריי דינען, טריי ליבן"...

* *
*

— גיב די הערן עפּעס צו עסן — האָט געזאָגט דער זנאַכאָר, ווען זיי האָבן זיך צוריקגעקערט אין שטוב.

סטאַניסלאַוו, פּאַרוואונדערט און איבערראַשט פון זיין אייגענער האַנדלונג, האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים פענצטער. די זון האָט ווייטער געשיינט מיט אַן אויסטערלישן בלאַסק. דער פּאַנצער־צוג האָט זיך איבערגערוקט אויף עטלעכע מעטער. זיין באַוועגונג האָט אַרויסגערופן אַ קלאַנג, וועלכער איז געווען ענלעך צו אַ פּלוצעם אַראָפּגעלאָזטער זשאַלוז, דערנאָך האָט דער צוג צוריקגעקערט אויף אויף זיין פריערדיק אָרט. „איך האָב געהאַט רעכט, מיין געדולד ענדיקט זיך שוין אויך".

— איר ווילט נישט עסן? — האָט דער זנאַכאָר געפרעגט נישט אויפשטייענדיק פון טיש.

— איך וויל — האָט סטאַניסלאַוו געזאָגט און זיך אויסגערעדט. אויסמיידנדיק זיך צו טרעפן מיטן בליק פון דאָקטאָר, האָט ער זיך דערנענטערט צום טיש און זיך אַוועקגעזעצט. אויף אַ טעלער איז געלעגן אָנגעשניטן ברויט, אויף אַ צווייטן וורשט. מיט אַ געמיינזאַמען גאָפּל האָבן זיי לויט דער ריי אָנגענומען צו שטיקלעך וורשט. סטאַניסלאַוו האָט געגעסן פּאַמעלעך, היטנדיק זיך בסדר נישט אָנצוטרעפן זיך מיטן בליק פון אַ מענטשן, וועלכן ער האָט נאָר וואָס אַ פּאַטש געטאָן. צום אָפּגאַנג פון צוג איז איבערגעבליבן אַ האַלבע שעה. אין שטוב האָט געהערשט אַ שטילקייט. דער זנאַכאָר האָט געזאָגט:

— און װעגן מיר פֿאַרגעסט נישט, מײַנע הערן. אויב איר װעט האָבן פּאַציענטן שיקט זײ צו.

— גוט — האָט אָפּגעענטפֿערט סטאַניסלאַװ — מעגלעך. איר װײסט, װי היינט זעט עס אויס מיטן פֿאָרן.

— די קראַנקע מוזן נישט פֿאָרן — האָט דער זנאַכאַר געזאָגט — איך קען זײ אויסהײלן פֿון דער װײטנס.

— פֿון דער װײטנס?

— יאָ, איך מוז נישט אויסקלאַפּן דעם חולה, צורירן זיך צו זײַן קערפּער מיט די פֿינגער.

— דורך אַ פֿאָטאָגראַפֿיע?

— יאָ. אָדער אַ טײל פֿון זײַן גאַרדעראָבע.

— װער גיט עס איצט אָפּ פֿון זײַן גאַרדעראָבע?

— איר זענט זײער אַ היציקער. עס מוז נישט זײַן פֿון דער גאַרדעראָבע, עס קען זײַן אַ װעלכער ס'איז קעגנשטאַנד, װאָס געהער צום קראַנקן, אָדער זײַנע האָר, נעגל, ציִ האַנטשריפֿט.

— נו, דאָס איז שױן מעגלעכער. מיר װעלן זען. — סטאַניסלאַװ האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן זײגער און צוגעגעבן: — פֿאַר אונדז איז צײַט.

— שױן? — האָט דער זנאַכאַר געזאָגט, װי פֿאַרװוּנדערט.

— אין פּופּצן מינוט.

— בילעטן האָט איר שױן? — האָט געפֿרעגט דאָס מײדל. אָנגעבויגן איבערן טיש, האָט זי פֿאַמעלעך צונויפֿגענומען די טעלער. מיטן קלײנעם פֿינגער האָט זי אַראָפּגעשאַרט דאָס ברויט פֿון טעלער און אַ געפּלאָכטן קאָשיקל און עס צוגעדעקט מיט אַ האַנטעך.

— נאָך נישט, איך װעל צושפּריגנען קויפֿן. סטאַניסלאַװ האָט שנעל אויסגעטאָן דאָס רעקל, אויפֿגעהאָנגען אויף דער שטול און פֿאַרקאַטשעט די אַרבל, װי אַ מענטש אַן אָרטיקער, װאָס כאַפּט זיך אַרױס אויף אַ װײל אין דרויסן. צום דאָקטאָר האָט ער געזאָגט: „איר, קאָלעגע, װאַרט צו" — און איז אַרױס אין פֿירהויז, װעלכער איז געװען פֿול מיט די ריחות פֿון קרײַטעכצער. ער איז אַדורך דעם קלײנעם שטח ביז דער פֿורטקע, דורכגעלאָפֿן דאָס בערגל און זיך געפֿונען אויפֿן פּלאַץ. ער האָט געהאַט דאָס געפֿיל, אַז עמעצנס פֿאַרבאָרגענע בליקן זענען אויף אים געװענדט גלײַכצײַטיק פֿון פֿאַרשידענע זײַטן. אין װאַרט־זאַל האָט ער געטראָפֿן עטלעכע מענטשן,

דאָס קאַסע־פענצטערל איז געווען אָפֿן. דער קאַסיר, אַן עלטערער מאַן, האָט געמאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ מענטשן, וואָס זיצט אויף אַ נישט באַקוועמער שטול.

— צוויי בילעטן — האָט סטאַניסלאַוו געזאָגט — איינער קיין לובלין, דער צווייטער קיין וואַרשע.

דער קאַסיר האָט געדולדיק איבערגעציילט דאָס געלט, דערנאָך אָפּרייסנדיק פּאַמעלעך צוויי בלעטלעך פֿון אַ בלאָק, האָט ער איינגעשריבן די בלאַנקעטן.

— איך וועל נאָך באַוויזן? — האָט סטאַניסלאַוו געפֿרעגט.

— איר מוזט זיך צואיילן. דער צוג גייט באַלד אָפּ.

— וועלכער?

— דער גרינער בלייבט נאָך, זייט פּאָרזיכטיק.

— אַ דאַנק.

— צום בעסטן איז צו קומען אין דער לעצטער מינוט — ער האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן זייגער, וועלכער איז געהאָנגען אויף דער וואַנט — אין פֿינף מינוט אַרום.

— אַ דאַנק.

ער האָט זיך צוריקגעקערט צום הויז אויפֿן בערגל. דאָס מיידל איז געשטאַנען אין טיר, ווי פֿריער.

— איר פֿאָרט שוין?

— יאָ.

— מיר וועלן זיך נאָך זען? — האָט דאָס מיידל געפֿרעגט.

סטאַניסלאַוו האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מיט פֿאַרוווּנדערונג.

— מיר?

— יאָ — און אין אַ מינוט אַרום האָט זי צוגעגעבן: — איך ווייס ווער איר זענט.

— פֿונוואַנען? „וואָס האָט ער דאָ אָנגעפּלוידערט אין די פֿינף מינוט?“ — איז אים אַדורך דורכן רעיון.

— איר זענט אַן אָפֿיציר פֿון אַ. ק.

— ריכטיק — האָט ער אַ באַמקע געטאָן. — ווי אַזוי האָט איר דערקענט?

— איר זעט דאָך...

— דאָס איז כמעט אַזוי, ווי אייער פֿאָטער.

— איר מאַכט חוזק.

— חלילה. איך רעד ערנסט.

— אָבער אין איין פֿאַל האָט ער זיך זיכער נישט טועה געווען.

— למשל — האָט סטאַניסלאַוו אַ שמייכל געטאָן.

— דער דאָזיקער צווייטער הער איז נישט קיין פּאָליאַק.

— ער האָט זיך טועה געווען, איך פֿאַרזיכער אייך. — ער האָט אָנגענומען איר האַנט און זי אַ קוש געטאָן. — איך דאַנק אייך פֿאַר אַלץ. דאָס זענען געווען שווערע שעהן פֿאַר אונדז.

— איך גלויב אייך.

— נאָכאַמאָל אַ דאַנק.

אין צווייטן צימער האָבן זיך די ווערטער פֿון דער תּפֿילה געשפּרייט ווי שטילע זיפֿצן:

„עס וועט דיך נישט גרייכן קיין שום שלעכטער צופֿאַל"...

* *
*

דער קופּע איז געווען אַ ליידיקער און איידער זיי האָבן גערירט, האָט סטאַניסלאַוו געקענט זיך צוקוקן צום פֿאַנצער־צוג. די פּאָרמלאָזע מוסטערן, מיט וועלכע דער צוג איז געווען אויסגעמאָלט און וועלכע זענען אויף פֿאַרשידענע ערטער שוין געווען אָפּגעשיילט, האָבן דעם צוג געמאַכט ענלעך צו אַ געפּלעקטער חיה, וואָס אָטעמט מיט היץ. פּונקט אַנטקעגן פֿענצטער פֿון קופּע, אין וועלכן זיי זענען געזעסן, האָבן זיך געפֿונען די שיסלעכער: זיי זענען געווען אָפֿן. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז פֿון דער טיף קוקן אויף אים עמעצנס אויגן, פֿאַרבאָרגענע און אָפּגרונטיקע אויגן־לעכער. דער קאָנטראָליער האָט זיך אָוועקגעזעצט ביים פֿענצטער אַנטקעגנאיבער סטאַניסלאַוון.

— דאָ האָט איר אייער בילעט — האָט סטאַניסלאַוו געזאָגט.

דער קאָנטראָליער האָט גענומען דעם בלאַנקעט און, נישט איבערלייענענדיק אים, געהאַלטן אַ ווײַלע צווישן די פֿינגער.

— איר וועט פֿאָרן קיין וואַרשע — האָט סטאַניסלאַוו צוגעגעבן.

דער דאָקטאָר האָט געקוקט אין איין פּונקט איבערן קאָפּ פון סטאַניסלאַוון.

— איר דאַרפט צו מיר קיין טענה נישט האָבן — האָט סטאַניסלאַוו געזאָגט.

— איך האָב צו אייך קיין שום טענה נישט — האָט ער שטיל אָפּגעענטפערט. — איך בין זיך אַליין שולדיק.

— איך ווייס, אַז איך האָב נישט אויסגעפילט דאָס, וואָס איך האָב באַדאַרפט טאָן, אָבער...

— איך מיין נישט דאָס — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט. — איך האָב נישט באַדאַרפט אַרויספאָרן פון וואַרשע.

— איר ווייסט, מיר האָבן ביידע געוואָלט ווי צום בעסטן.

— איך ווייס. איך מאַטער זיך אומזיסט.

— דער וואַלד איז נישט פאַר אייך.

— איך ווייס.

— איר האָט געמיינט, אַז דאָס איז אַ רואיק און זיכער אָרט.

— איך האָב נישט געוווּסט, אַז דאָרט איז אַזוי שווער...

— איר מוזט זיך אַנדערש איינאָרדענען.

דער צוג האָט זיך פּאַמעלעך באַוועגט פאָרויס.

— אַנדערש... איצט קען איך זיך שוין בלויז מעלדן אין דער זשאַנדאַרמעריע.

— איר דאַרפט אַזוי נישט טראַכטן. איך וועל אייך העלפן...

— ער האָט איבערגעריסן און אין אַ ווײַלע אַרום צוגעגעבן: — מיר וועלן זיך באַמיען אייך העלפן.

דער דאָקטאָר איז געזעסן אַן איינגעבויגענער. סטאַניסלאַוו האָט געזען זיינע איינגעפאַלענע באַקן, זיין געקנייטשטן שטערן.

— איך קען נישט קעמפן, איך מוז אומקומען — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט.

— איר מוזט קעמפן, אייך וועט שוין קיינער נישט אָפּנאַרן. דאָס איז זייער אַ ווערטפולע דערפאַרונג.

— יאָ — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט. ער האָט זיך אויסגעגליכט און געזאָגט: — דאָרט, אין יענעם הויז, וווּ עס האָבן זיך צו אונדז דערטראָגן די ווערטער פון דער תפילה, האָב איך פאַרשטאַנען, וואָס עס באַדייט פאַר גלויביקע די אמונה.

— די גלוביקע האָבן אויך מורא.

— מיר האָט זיך געדאַכט, אַז יענע פרויען האָבן שוין נישט געטראַכט וועגן שונא.

— מעגלעך. און איך וויל אים זען, איך מוז אים זען.

— איר זענט אומדערשיטערלעך אין אייער גלויבן?

— איך וואָלט אייך געקענט פרעגן מיט אייערע אייגענע ווערטער: וואָס איז מיר נאָך פאַרבליבן?

— איר האָט דאָך מסתמא קיינעם נישט פאַרלוירן.

— מיר אַלע פאַרלירן איצט אין יעדער מינוט עמעצן.

— דאָס איז נישט דאָס זעלבע.

— נישט דאָס זעלבע. איך פאַרשטיי אייך בעסער, ווי איך דוכט זיך.

עס איז שטיל געוואָרן. שפּעטער האָט דער דאָקטאָר גע־פרעגט:

— איר פאָרט קיין וואַרשע?

— ניין.

— ווילן מיר זיך שוין נישט טרעפן?

— איך האָב שוין געזאָגט, איך וויל אייך העלפן. נאָר איך ווייס נישט...

— וואָס ווייסט איר נישט? — האָט דער דאָקטאָר אים איבערגעריסן.

— איך קען אייך נישט געבן קיין שום גאַראַנטיע, אַז עס וועט זיין אַזוי, ווי איך וואָלט געוואָלט.

— וואָס הייסט דאָס?

— אין וואַלד אַריין וואָלט איך אייך שוין קיינמאָל נישט גע־קענט מיטנעמען. איך וואָלט פריער געמוזט זאָגן אָפן די חברים, וואָס איך טראַכט וועגן אייך.

— אַז איך בין אַ פּחדן?

— ניין. איך האָב נישט דערוואַרט פון אייך קיין העלדיש־קייט. איך האָב בלויז געטראַכט, אַז איר זענט מער צוגעגרייט צו אַזעלכע שוועריקייטן. מיר מוזן געפינען אַן אַנדער לעזונג.

— איך האָב נישט אין זינען זיך צו פאַרטשעפּען. גלייך נאָך מיין אויסשטייגן פון צוג בין איך פאַרוואָרטיילט.

— איך קאָן אייך נישט אָפּגעבן מיין געלעגער, ווייל איך ווין צווישן אומזיכערע מענטשן. איר מוזט עפּעס געפינען אויף צוויי טעג.

— פאַרוואָס אויף צוויי?

— היינט וועל איך זיך פאַרהאַלטן אין לובלין, ערשט מאָרגן וועל איך אַרויספאָרן קיין וואַרשע. איך מוז האָבן נאָך איין טאָג, כדי אַרומצוזוכן אייער ענין.

— ניין...

— איך מוז זיך פאַרהאַלטן אין לובלין און געבן צו וויסן יענע אַלץ, וואָס איז געשען.

— און וואָס וועט זיין מיט מיר?

— איך קען אייך נישט נעמען מיט זיך. דאָס וואָלט געווען צו געפערלעך.

איידער דער צוג האָט זיך פאַרהאַלטן אין רייוועץ האָט סטאַניסלאַוו נאָך געזאָגט צום דאָקטאָר:

— איך וועל דאָ אויף אַ ווײלע אַרויסגיין. וואַרט רואיק.

* *
*

קיין סך צייט איז נישט געווען. אויפן פּעראָן האָבן זיך באַוויזן עטלעכע מענטשן. וויט, ביים אַרויסגאַנג אין שטאָט, איז מיט די פּלייצעס אָנגעשפּאַרט אין וואַנט געשטאַנען דער זון פון דער פרוי, ביי וועלכער ער האָט גענעכטיקט. ער איז צו אים צוגעלאָפן. דאָס האַרץ האָט אין אים האַסטיק געקלאַפּט. „זאָל געשען וואָס עס וויל זיך, איך מוז!“

— פּאַניע ראָמאַנאָווסקי!

ראָמאַנאָווסקי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ מונדיר פון אַ באַן־אַרבעטער, אַ פאַרפלעקטן און ברודיקן. אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ האַמער. „ער דערקענט מיך נישט“.

— פּאַניע ראָמאַנאָווסקי!

— אָך, דאָס זענט איר, איך האָב אייך קוים דערקענט.

סטאַניסלאַוו האָט שווער געאָטעמט.

— וואָס הערט זיך?

ראָמאַנאָווסקי האָט אַ שמייכל געטאָן:

— עס הערט זיך גוט!

— נאָ! — סטאַניסלאַוו האָט אים צוגעאײַלט מיטן בליק. ער האָט זײַטיק אָבסערווירט דעם צוג. געהערט דאָס סאָפּען פֿון דעם לאָקאָמאָטיוו.

— די פֿאַנצערקע איז אַוועק אויף אַ שפּאַציר, איר האָט נישט געזען?

— ניין.

— אַוועק, ווי גאָט איז מיר ליב! נאָך נעכטן. איצט וועט מען זיי צעמורזשען ביזן סוף.

— וועמען?

— די פֿון.

— אַך, אַזוי.

ראָמאַנאָווסקי האָט אַ שמייכלענדיקער געשוויגן, ווי ער זאָל וואַרטן אויף אַן ענטפֿער.

— און די דעסאַנטן — האָט ער צוגעגעבן אין אַ ווײַלע.

— פּאַניע ראָמאַנאָווסקי...

— וואָס?

— דאָרט בײַ אײַער מוטער האָט דעמלט געגעכטיקט אַ מיידל.

ראָמאַנאָווסקי האָט זיך צעשמייכלט און צוגעוווּנקען מיטן אויג.

— איך ווייס, איך ווייס.

— וואָס איז מיט איר געשען?

— צו וואָס פֿרעגט איר דאָס?

— זי איז נאָך פֿאַראַן?

— וואָס רעדט איר, איר זענט פֿון הימל אַראָפּגעפֿאַלן? זי איז נאָך דעם זעלבן טאָג אַוועקגעפֿאָרן.

— איך האָב געמיינט, אפשר איז זי צוריקגעקומען?

— איר וואָלט געוואָלט זי זאָל זײַן?

— אהא!

— איר האָט זיך זיכער דעמלט געלאָזט ווילגיין, וואָס? אָבער זי איז נישטאָ.

דער צוג האָט געריכט. סטאַניסלאַוו האָט דערפילט, ווי דאָס הארץ איז אים ווייטיקלעך צוזאַמענגעדריקט, ער האָט ווי דורך אַ נעפּל געזען דאָס צעשמייכלטע פּנים פון באַן־אַרבעטער. ער האָט זיך אויסגעדרייט. יענער האָט נאָך אויפגעהויבן די האַנט, אין וועלכער ער האָט געהאַלטן דעם האַמער, און געשאָקלט מיט איר צום געזעגענען. דאָס איז געווען אַ שטייפער און אויסטער־לישער גרוס. דער צוג האָט אָנגעהויבן גיין שנעלער, ער האָט נישט געדענקט דעם וואַגאָן, פון וועלכן ער איז אויסגעשטיגן. ער איז אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ טרעפּל און נאָך געהערט ראָמאַ־נאָווסקיס נאָכרופן:

— פאָרט געזונט! דערפאָלג!

* *

*

— צי איז עפּעס געשען? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט, ווען סטאַניסלאַוו האָט אַ פאַרסאָפּעטער זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק.

— ניין, ניין, איך האָב קוים באַוויזן.

עס האָבן אים געציטערט די הענט, ער האָט אָנגעשטעלט זיין בליק אויף די ווערבעס ביי דער באַן־ליניע: זייערע שאָטנס האָבן זיך קווער אויסגעלייגט ביי דער זייט, דערנאָך זענען זיי שנעל פאַרשוווּנדן פון אָנשיט. די פעלדער האָבן זיך ווייט גע־שפּרייט ביז עפּעס אַ שאָסיי, וועלכער האָט זיך רואיק געצויגן אונטער דער בלויקייט פון הימל.

— צי האָט איר עמעצן באַגעגנט?

— ניין — האָט סטאַניסלאַוו געענטפערט. דער דאָקטאָר האָט פון אים קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט, ער האָט דעריבער צוגעגעבן: — דער צוג איז מיר שיעור נישט אַנטלאָפן, כ'האָב געמוזט אָניאָגן.

„פאַרוואָס האָב איך זי דעמלט געלאָזט, פאַרוואָס האָב איך איר נישט געהייסן וואַרטן, איך האָב דאָך געוווּסט, וואָס דאָרט קומט פאָר". ער האָט פאַרזיכטיק אַרויסגערופן אין זיך דאָס בילד פון מאַרילען, באַגריסט זי מיט אַ טרויעריקן שמייכל. „אפשר לעבסטו? האָסט דאָך געקענט זיך אַרויסבאַקומען פון

דער אַרומרינגלונג, ווי איך האָב זיך אַרויסבאַקומען". ער האָט זי געזען גיין מיטן זאַמדיקן וועג לעבן די קוסטעס, באַדעקטע מיט שטויב. „דאָס איז געווען מיט דריי טעג צוריק". ער האָט נישט געוואָלט פאַרענדיקן דעם געדאַנק, וועלכער האָט עקשנותדיק זיך צוריקגעקערט. „זי וואָלט דאָ געוואַרט אויפן אַלטן אָרט". ער האָט געדענקט די שטוב און מאַרילען אין דער דאָזיקער שטוב. „ראָמאַנאָווסקי האָט מיך אָפּגענאַרט, מאַרילע איז דאָרט ביי זיין מוטער". ער האָט איר נאָך אַמאָל דערלויבט זיך אומצוקערן, געבנדיק איר זיך אויסצווויילן אַלע וועגן, וועלכע ער האָט דורכגעמאָסטן די לעצטע טעג און נעכט, ער האָט געשאַפן פאַר איר אַ געפיל פון זיכערקייט. ער האָט זי אַריינגעפירט אין וואַלד, אין דער געדיכטעניש, אין הויז פון טאָקאַרטשיקס שכן. ער האָט צוריק אויפגעשטעלט פאַר איר די זיכערע ווענט פון וואַלד-הייזל...
„ווו ביסטו? ווו ביסטו?"

— איך גלויב נישט, עפּעס האָט געמוזט געשען — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט.

— איך האָב זיך פאַרטראַכט.

— מיר האָבן נישט פאַרענדיקט דאָס געשפּרעך.

— ביטע — האָט סטאַניסלאַוו געזאָגט.

— איר געדענקט נישט?

— ניין... יאָ! איר וועט קיין וואַרשע נישט פאָרן.

— איר האָט געזאָגט דאָס פּונקט פאַרקערטע — האָט דער דאָקטאָר אים איבערגעריסן. אומרואיקע פלעמלעך האָבן אויפגעבליצט אין זיינע אויגן.

— איר וועט אויסשטייגן מיט מיר אין לובלין... — ער האָט איבערגעריסן און אין אַ ווײַלע אַרום צוגעגעבן: — איר וועט צוּוואַרטן אויף מיר אין גערטנדל, אין וועלכן איר האָט שוין איינמאָל געוואַרט. דאָרט שטייט אַ באַנק, איר געדענקט? איר וועט זיך אויף איר אַוועקזעצן און צוּוואַרטן אויף מיר.

— איך געדענק.

— אין שטאָט אַריין וועט איר ארויסגיין אָן דעם באַגאַזש, די וואַליזע מוזט איר איבערלאָזן אין באַגאַזש-צימער. און מיר קענען זיך נישט.

— יאָ.

— כ'האָב איין באַוואָרעניש.

— איך הער.

— אויב מיר וועט זיך נישט איינגעבן אייך איינאָרדענען אויף בייגאַכט, וועט איר אַליין פאָרן ווייטער.

— אַ דאַנק.

— אויב איר וועט זיך פאַרבינדן מיט מיינע חברים, געדענקט וועגן דעם, אַז דער וואַלד איז נישט פאַר אייך.

— איך ווייס וועגן דעם.

* *
*

סטאַניסלאַוו האָט פון נישט קיין ווייטן מרחק זיך צוגעקוקט צום דאָקטאָר. וועלכער האָט איבערגעגעבן זיין וואַליזע אַן עלטערן מענטשן, וואָס איז געשטאַנען היִנטער דער באַריער פון באַגאַזש־צימער. זיי האָבן זיך געמוזט פאַרטוישן מיט אַ פּאָר ווערטער, ווייל סטאַניסלאַוו האָט באַמערקט, ווי דער עלטערער מענטש האָט זיך אָנגעבויגן און איבערגערוקט דעם דאָקטאָרס וואַליזע פון פאָרנט. ער האָט דערלאַנגט דעם דאָקטאָר אַ קוויט, וועלכן ער האָט גלייך צוריקגענומען, ווי ער זאָל וועלן עפּעס קאָנטראָלירן, און דערנאָך צוריקגעקערט. דער דאָקטאָר האָט זיך אומגעדרייט. סטאַניסלאַוו האָט אים אויסגעמיטן און זיך געלאָזט גיין פאָרויס.

אין לובלין האָט זיי באַגריסט אַ שווייגנדיקער און רואיקער בין־השמשות.

די געשעענישן פון די לעצטע טעג האָבן זיך סטאַניסלאַוון אויסגעוויזן ווייט. אין די קרומע געסלעך צווישן די אָנגעכמורעטע הייזער איז דאָס לעבן שטאָט געפלאָסן מיט אַן איינגעהאַלטענעם רויש. ער האָט געוווסט, אַז עס וואַרטן אויף אים נייע שוועריקייטן, רייזעס, וועלכע טראָגן אין זיך טויט־געפאַרן און פאַרפירטע האַפענונגען. מעגלעך, אַז מאָרגן וועט ער זיך שוין לאָזן אין וועג מיט דעם מענטשן, פאַר וועלכן ער האָט קיין האַרץ נישט, אָבער וועלכן ער מוז געבן אַ באַהעלטעניש, אַ זיכערקייט, אַז ער וועט ערגעץ־ווו דורכדויערן. „אפשר וועט מאַרעק מיר אָנווייזן אַז

אָרט אויף איין נאַכט". ער איז דורכגעגאַנגען דורכן גערטנדל, די באַנק איז געשטאַנען פריי. „ער וועט נישט זיין געצוווּנגען צו שמועסן מיט עמעצן". ער איז אַרויף אויפן טראָטואַר און מיט אַ פאַמעלעכן טראָט פאַרקערעווט אין דער ריכטונג פון מאַרעקס הויז. ער האָט זיך געוואָלט איבערצייגן, צי דער דאָקטאָר וועט זיך אַוועקזעצן אויף דער באַנק, ווי ער האָט אים געהייסן. ער האָט זיך פאַמעלעך אויסגעדרייט. דער דאָקטאָר איז רואיק געזעסן, זיין מאַנטל פאַרוואָרפן אויפן אָנשפאַר איז פריי אַראָפגעהאָנגען. דער טאָג איז פאַרגאַנגען. די זון האָט זיך פויל באַהאַלטן הינטער אַ שיפּועדיקן דאַך. אין גאַס האָבן זיך געזען בלויז געציילטע דורכגייער. די באַנק אין גערטנדל איז געשטאַנען קרום, זי איז געווען אָנזעעוודיק אויפן פאָן פון באַגראָזטן פלאַץ, וועלכער איז געווען פאַרגאָסן מיט דעם ראָזן ליכט פון טאָג, וועלכער האָט פאַמעלעך געגוסט. דער אומבאַוועגלעכער סילועט פון דאָקטאָר האָט אויסגעזען אינגאַנצן שוואַרץ.

* *

*

ער האָט זיך צוריקגעקערט אין פופצן מינוט אַרום. ער איז אַרויסגעגאַנגען פון טויער אַ צופרידענער, כמעט אַ פריילעכער, ער האָט געהאַט פאַרן דאָקטאָר אַ גוטע בייעס.

די באַנק איז געשטאַנען פוסט. דער כשוף פון דער איינער מינוט, ווען ער האָט זי דערזען אַ פאַרלאָזטע, איז צעשוווּמען צוזאַמען מיט דער פאַרעטערישער שיין פון טאָג. ער האָט געוואָלט אַ געשריי טאָן... ער האָט אָנגעהויבן לויפן, ווייסנדיק, אַז ער ווענדט אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט, דאָך איז ער געלאָפן ווייטער. ער האָט אַרומגעקרייזט דעם פלאַץ, זיך פאַרהאַלטן, פאַרקיקט אין טויער, אָבער דער דאָקטאָר איז אין ערגעץ נישט געווען. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער באַנק. „ער וועט מיך דאָ דערזען און צוריקקומען". אויף דער באַנק איז געלעגן דער קוויט פון באַזאַזש פינקטלעך צעריסן אויף פיר שטיקלעך... די טונקלקייט האָט זיך פאַרזיכטיק פאַנאַנדערגעשפּרייט.

ער איז אַוועק אויפן וואָקזאַל. דער וואַרשעווער ציג האָט באַדאַרפט אָפּגיין אין עטלעכע מינוט אַרום. סטאַניסלאַוו האָט זיך

באַרואיקט. „ער וועט דאָ קומען“. רייזנגדע זענען געווען ווייניק. דער צוג האָט אַלע פאַרנומען און פאַרשווונדן, צונויפגיסנדיק זיך מיט דער טונקלקייט, וועלכע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. סטאַניסלאַוו האָט זיך נאָך פאַרהאַלטן אין וואַרט־זאַל. אין סאַמע בראָנט פון באַגאַזש־צימער איז געשטאַנען די וואַליזע פון דאָקטאָר. דער אַלטער אייזנבאַנער האָט אים אויפמערקזאַם אָנגעקוקט. סטאַניסלאַוו איז אָפּגעגאַנגען.

ער האָט זיך געפונען אין אַ געסל. דורכן גערטנדל האָט זיך געטראָגן אַ גרילצנדיקע פרויען־שטים, וועלכע האָט גערופן אײנעם אַ וולאַדעק זיך אומצוקערן אַהיים. „ער וועט שוין נישט צוריקקערן — האָט ער אין געדאַנק געענטפערט דער פרוי, דערמאָנענדיק זיך אין דאָקטאָר. — אויך נישט מאַרילע...“ ער איז געגאַנגען שווייגנדיק; בלייבנדיק שטיין פאַרן הויז, אין וועלכן ער האָט באַדאַרפט נעכטיקן, האָט ער זיך נאָכאַמאָל אומגעקוקט. ער האָט שוין נישט געהאַט קיין שום האָפענונג. הינטערן שיפן שמאָלן דאַך, וועלכער האָט זיך געצויגן איבער דער וואַנט מיט די שוואַרצע פענצטער האָט די זיך לעשנדיקע, קוים אָנזעעוודיקע און קוים פילבאַרע שיין זיך אונטערגעגעבן דער נאַכט.

שניי

ביינאַכט לייגן מיר זיך שלאָפֿן. אויב זיי וועלן אין די שעהן פֿון פֿינצטערניש און דערשטיקטע געשרייען נישט מאַכן מיט אונדז קיין סוף, וועלן מיר נאָך אויפֿשטיין. אין משך פֿון טאָג דרייען מיר זיך אַרום איבער די שמאָלע געסלעך אָדער מיר שטייען אויף די קליינע פּלעצער.

דער זומער איז פֿאַריבער מיט אָפֿענע צעפּראַלטע נעכט. אויפֿן רואיקן און ריינעם הימל האָבן זיך געצונדן שטערן. דערנאָך איז געקומען דער אומברחמנותדיקער מוראדיקער האַרבסט. לעבן אונדזערע טריט האָבן זיך געשאַפֿן קאַלוזשעס, ווירנדיקע בלאָטע, אין וועלכער מיר האָבן מורא געהאַט אַריינצופֿאַלן. אָבער פֿאַרן טויט האָבן מיר קיין מורא נישט געהאַט. מיר האָבן וועגן אים געטראַכט, ווי פֿון אַ דערלייזונג, וועלכע קיינער האָט נישט געוואַגט צו דעראָבערן גערנוויליק. אויף די צעווייקטע וועגן, אין גאַס־רעגן, זענען מענטשן אָפּגעשטאַנען שעהנווייז פּוסט־און־פּאַס, אָן באַוועגונג. זיי האָבן צו די דאָזיקע אומבאַוועגלעכע מענטשן געשאָסן.

עס איז אַרויסגעפֿאַלן דער ערשטער שניי. ער האָט אונדז אויסגעגעבן די שונאים מיט אַ פֿאַרטרוילעכקייט, אויף וועלכער עס וואָלט זיך נישט געקענט דערלויבן קיין שום מענטש. אויפֿן ווייסן פּאָן האָבן זיך בולט אַרויסגעזען אונדזערע גופֿים, אָנגעקליידט אין שוואַרצע שמאַטעס. אויף דעם ווייסן שניי איז יעדער פֿון אונדז געווען אַ באַזונדערער שוואַרצער זייל, אַ וועג־צייכן, פֿאַר וועלכן קיינער האָט זיך נישט פֿאַרהאַלטן.

דער שניי האָט אַנטפּלעקט פֿאַר אונדז עפּעס אַזוינס, וואָס האָט עקזיסטירט אויף דער צווייטער זייט פֿון די ווענט: האָט אַנטפּלעקט דעם אין־סוף פֿון דער וועלט און זיין קאָליר.

ביי אונדז, אין די שמאָלע געסלעך, אויף די קליינע פּלעצער, איז דער שניי גלייך געוואָרן שוואַרץ, באַלד צעגאַנגען, איז נישט גע־וואָרן, ווי דער שפּור פון אַ טראָט אין אַ שיטערער בלאָטע. אַפילו ווען מיר זענען געשטאַנען אומבאַוועגלעך, איז דער שניי שנעל פאַרשוווּנדן. אויך דער שניי גייטיקט זיך אין שטח.

אין יענעם טאָג האָבן די דייטשן פּלוצעם געעפנט דאָס טויער און פאַרנומען אַ הונדערט מענטשן, וועלכע זיי האָבן געטראָפן אין גאַס, אָדער געכאַפּט אין די טויערן. זיי האָבן נישט אויסגע־קליבן, זיי האָבן זיך געאײַלט. זיי האָבן אַרומגערינגלט די מענער און איבער אַ צענדליק פרויען און מיט געשריי זיי געטריבן צום אַרויסגאַנג.

וואָס מיך האָט איבערראַשט גלייך ביים אַריבערגיין דעם טויער, איז געווען דער אָנבליק פון שניי. ביי אונדז זענען די גאַסן געווען באַדעקט מיט בלאָטע, דאָ איז געלעגן אַ שניי, אַ ווייסער, פינקלדיקער שניי, וואָס קרישלט זיך פון שטאַרקן פראָסט. דאָס האָט ער גורם געווען, אַז דער שניי זאָל זיך אונדז געבן צו פילן. ווייל ער איז נישט פאַרשוווּנדן, האָבן מיר אים געמוזט באַזייטיקן.

ער האָט פאַרשיט די גאַסן פון שטאָט, וועלכע איך האָב שוין אַ יאָר צייט נישט געזען, די וועגן, שאָסייען און פעלדער. מען האָט אונדז געיאָגט אויף יענער זייט ראָגאַטקע, וווּ מיר האָבן באַדאַרפט אָפּרוימען די שניי־אָנשיטן פון דעם שאָסיי, וועלכער האָט פאַרבונדן אונדזער שטאָט מיט דער שכונותדיקער.

מיר זענען געגאַנגען שווייגנדיק, פּאַמעלעך, געהיט פון עס־עסלייט אָנגעטוענע אין שווערע לאַנגע פּעלצן און אין הויכע שטיוול אויסגעבעטע מיט פילץ. זיי האָבן געהאַט אַלץ, וואָס באַ־וואָרנט קעגן דער געפאַר פון פראָסט, און זייער העלדישקייט האָבן נאָך פאַרשטאַרקט וואַרעמע היטלען, וואָס האָבן פאַרהיט די אויערן און הענטשקעס — פאַר די הענט. און מיר זענען געווען האַלב־נאַקעט. די פיס האָבן מיר געהאַט אַרומגעוויקלט מיט שמאַטעס, דורך די צעריסענע מלבושים האָבן זיך דורכגעזען די גופים, פון הונגער האָבן מיר זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. פיל פון אונדז זענען געווען קראַנק, עס האָט זיי געפרעסן דער שווינדזוכט.

מען האָט אונדז אויסגעשטעלט אויפֿן שאָסיי און געגעבן שווערע ריזיקע לאָפּעטעס. זייער וואָג האָט איבערגעשטיגן די וואָג פֿון אונדזערע מאַלטרעטירטע פֿאַרלעצטע קערפּערס. מיט פּאַמעלעכדיקע באַוועגונגען האָבן מיר אָפּגעשאַרט דעם שניי פֿון מיטן שאָסיי און אין בערגלעך איינגעלייגט ביי ביידע זייטן. מיר האָבן זיך צוזאַמען גערוקט פֿאָרויס און נאָכן אָפּרייניקן איין אָפּשניט איבערגענומען אַ ווייטערדיקן. אויף אַזאַ אופֿן איז לענגאויס דעם וועג אנטשטאַנען א שניי־וואַל, אָנגעשיט מיט אונדזערע הענט.

נישט נאָר מיט אונדזערע. עס האָבן דאָרט געאַרבעט אויך אַנדערע מענטשן, געהיט פֿון עסעסלייט, וועלכע האָבן נישט ווייט פֿון אונדז אַרומגעשפּרייזט שווייגנדיקע. פֿונוואַנען האָבן זיי זיך דאָ גענומען? ווען מיר זענען געקומען, זענען זיי שוין געווען. זיי האָבן אויף די אָרעמס קיין בענדער נישט געטראָגן.

מיר האָבן געאַרבעט. איך האָב זיך צו אייניקע פֿון די פֿרעמדע צוגעקוקט מיט קנאה. איך האָב זיי מקנא געווען די לייטישע שטיוול, קורטקעס, הענטשקעס, וואַרעמע היטלען. עס האָט געטראָפֿן, ווען איינער פֿון זיי האָט אויפֿגעשפּיליעט דעם פּאַלטן, האָב איך באַמערקט הינטער אים אַ מאַרינאַרקע, אָנגעטאָן אויף אַ וואַרעמען סוועטער. זיי האָבן געטראָגן שאַליקעס. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זיי לייגן אויף אונדז נישט קיין אַכט.

מיר האָבן געאַרבעט, ווייל ס'איז אונדז געווען קאַלט. מיר האָבן געמוזט באַוועגן מיט די לאָפּעטעס, כדי נישט צו ווערן פֿאַרגליווערט. און אָן אויפֿהער האָט אונדז געפּייניקט דער הונגער. מיר זענען געווען אַרעסטירט און געפּייניקט צוויי־ און דריי־פּאַביק אין איין און דער זעלבער מינוט. אונדז האָט אפֿילו אין יולי געמאַטערט דער פֿראָסט — דער פֿראָסט פֿון איינזאַמקייט.

און איצט האָבן מיר באַזייטיקט דעם שניי.

בשכנות מיט מיר האָט געאַרבעט איינע פֿון די פֿרויען, וועלכע די דייטשן האָבן געכאַפּט אויף דער גאַס אין געטאָ. איך וואָלט נישט געלייגט אויף איר קיין ספּעציעלע אַכט, ווען נישט דאָס, וואָס זי איז געווען כמעט אינגאַנצן נאַקעט. ניין, איך האָב זיך שלעכט אויסגעדריקט, זי איז נישט געווען נאַקעט. זי האָט געטראָגן אויף זיך א ווייס קויטיק בלוזקעלע מיט קורצע אַרבל

און אַ קורץ רעקל פון אַ מין קאַלירטן קרעטאָן; אויף די פיס האָט זי געטראָגן אַ פּאָר צעריסענע פּאַנטאָפל.

אפשר האָט מען זי אַרויסגעצויגן פון אַ וועלכן ס'איז טויער אָדער פאַרנומען ביי דער שטוב?

„זי האָט דאָך אין אַזאַ הלבשה נישט געקענט זיין אין גאַס — האָב איך געטראכט. — און אפשר? אפשר האָט מען זי אין דעם הולך אַנגעטראָפן אין גאַס?"

איך האָב דאָס מיידל נישט געקענט. אין גאַנצן — אין דער דאָזיקער איבערבאפעלקערטער וועלט — זענען נאָך דעמלט געווען פיל יונגע שיינע פרויען. אַמאָל, שוין לאַנג צוריק, אין דער פאַר־גאַנגענהייט, אין אַ נאָרמאַלער וועלט, האָט דאָס טרעפן אַזאַ מיידל זיך געקענט פאַרוואַנדלען אין אַ געשעעניש. אין די טעג איז דאָס אַלץ שוין איבעריק. „דאָס איז דעמלט געשען, ווען כ'האָב דאָס ערשטע מאָל דיך דערזען..."

כ'האָב שווייגנדיק זיך צוגעקוקט צו איר פנים, צו אירע באַ־וועגונגען. דאָס איז געווען אַ מיידל פון אַ ווייטער עפּאָכע, וועלכע איז שוין פונלאַנג פאַרשוואונדן, נאָר פון וועלכער עס ציטערט נאָך אַ דערשטיקטער עכאָ. כ'האָב נישט געוואָגט צו קוקן איר אין די אויגן: זיי האָבן געוועקט אַ ווייטיקלעכע דערוואַרטונג, האָבן דער־ווייטערט די מלחמה. טאַקע דאָס: זיי האָבן נישט צוגעזאָגט קיין ראָמאַנטישע פּאַסירונגען — זיי האָבן דערווייטערט די מלחמה.

זי האָט געציטערט. אויף איר פנים האָט גערוט אַ טויטקייט, אַן ענלעכע צו דער, וועלכע האָט באַדעקט די פוסטע שנייאיקע פעלדער, וואָס האָבן זיך געצויגן אַזש ביזן האָריזאָנט. איך האָב זיך געשעמט פאַר איר נאַקעטקייט, עס האָט מיר ווי געטאָן דאָס, וואָס זי האָט געשוואָלענע פיס.

איך האָב נישט באַמערקט, ווען צו דעם מיידל האָט זיך דער־נעענטערט איינער פון יענע מענטשן, וועלכע מען האָט פאַריאָגט דאָ אויף אַרבעט. איך האָב אים דערזען, ווען ס'איז דערגאַנגען צו מיר זיין שטים:

— ס'איז דיר קאַלט?

דאָס איז געווען אַן עלטערער מענטש, אַנגעטאָן אין אַ לאַנ־גער קורטקע ביז די קני און אין אַ וואַרעם היטל. אונטער דעם דאַשעק פון געוואַגט האָב איך דערזען אַ פּאָר פאַרמאַטערטע פּאַ־

זאָרגטע אויגן. דער אומבאַקאַנטער האָט צונויפגעשאַרט דעם שניי, וועלכן ער האָט מיט דער לאָפּעטע געוואָרפן אַהינטער זיך, צום פעלד צו. כ'האָב אין יענער ריכטונג געווענדט מיין בליק. דאָרט פון ווייטנס זענען געשטאַנען הייזער, פון די קוימענס האָט זיך געשלענגלט אַ רויך און פּלוצעם האָט דער ריח פון שניי דערמאָנט דאָס געוויינלעכע לעבן, אַן אויוון, אַ זשומענדיקער טשייניק, זיך פּאָכנדיקע קאַרטאָפל אין אַ טעפּל, אַ שמאַטע, אין וועלכער מע ווישט אָפּ די פּיס איידער מען טרעט אַריבער די שוועל...

— ס'איז דיר קאַלט? — האָט ער איבערגעהזרט שעפּטשענ־דיק, צוגייענדיק נאָענט צום מיידל.

— צו וואָס פרעגט איר? — האָט זי געזאָגט

— נעם מיין קורטקע.

אַ שטילקייט פון פּלוצעמדיקער איבערראַשונג.

— צו וואָס? — האָט זי אין אַ ווײַלע אַרום איבערגעהזרט.

— דו האָסט גאָרנישט אויף זיך.

— איך קען נישט — האָט זי געזאָגט.

— פאַרוואָס?

— אייך וועט זיין קאַלט.

— מיר איז היים. — ער האָט אָפּגעוואַרט אַ ווײַלע, געמאַכט עטלעכע באַוועגונגען מיט דער לאָפּעטע און צוגעגעבן: — איך האָב זיך פאַרשוויצט. די קורטקע שטערט מיר נאָר. נעם זי, מיר וועט זיין גרינגער.

— מיר איז זייער קאַלט.

— איך זע. אפשר וועט זאָלסט שנעלער...

— איך האָב קיין כוח נישט.

— נעם.

ער האָט אַרייַנגעשלאָגן די לאָפּעטע אין שניי. כ'האָב מיט אַ ווינקל פון אויג געזען, ווי ער האָט שנעל אַראָפּגעצויגן די העמטשקעס און אָנגעהויבן צעשפּיליען די קורטקע. דאָס מיידל איז געשטאַנען און געוואַרט מיט אַ פאַרגליווערט פּנים. זי האָט אויף אַ רגע אַוועקגעלייגט די לאָפּעטע און שנעל צוגענומען די קורטקע, ווי זי זאָל וועלן אייַנהיטן די וואַרעמקייט, וועלכע זי האָט אינעווייניק אָנגעהאַלטן. די קורטקע איז געווען צו לאַנג. ווען דאָס

מיידל האָט זיך איינגעבויגן נאָך דער לאָפּעטע, האָט זי מיט דער פּאָלע פאַרקערט אַ ביסל שניי.

— פּאַרשפּיליע זי — האָט דער אומבאַקאַנטער געזאָגט און אַ שמייכל געטאָן. — עס וועט דיר גלייך ווערן וואַרעמער.

— אָבער אייך...

— איך האָב דיר שוין געזאָגט, מיר האָט זי געשטערט, ערשט איצט וועל איך קענען אַרבעטן.

די עסעסלייט, וועלכע האָבן אונדז געהיט, האָבן אונטערגעשריגן פון צייט צו צייט, געלאָפן, געקלאַפּט זיך אין די אָרעמס, כדי זיך צו דערוואַרעמען. און מיר שווייגנדיקע און פאַרקלערטע האָבן געאַרבעט — נישט בלויז מחמת מורא פאַר די דייטשן. עס האָט אונדז דורכגעדרונגען דער פראָסט, אַראָפּגעריסן פון אונדזערע גופים די רעשטלעך מלבושים, מיט אייזיקע פינגער באַרירט אונדזערע פלייצעס.

פּלוצעם איז עמעצער אַריבערגעלאָפן דעם שאָסיי. איך האָב דערהערט אַ שווער טופּען פון פיס, אַ פאַרסאָפּעט אָטעמען. דער עסעסמאַן איז געבליבן שטיין פאַרן מיידל און געפרעגט מיט אַ דערשטיקט קול:

— פונוואַנען האָסטו דאָס? — זיין אויסגעשטרעקטע האַנט האָט אָנגעוויזן אויף דער קורטקע.

דאָס מיידל האָט געשוויגן. דער עסעסמאַן, נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער האָט זיך אויסגעדרייט און זיין בליק איז געפאַלן אויף דעם מענטשן, וועלכער איז געשטאַנען בשכנות. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ מאַרינאַרקע אָן אַ באַנד אויפן אָרעם.

— דאָס איז דיינס?

— מיינס.

מיך האָט פאַרוואונדערט דאָס אָפענע מודה זיין זיך. דער עסעסמאַן האָט געמוזט באַמערקן, אַז דאָס מיידל, וועלכע איז געשטאַנען ביז איצט אויפן פראָסט אין אַ בלוזקע אָן אַרבל, טראָגט איצט אויף זיך אַ קורטקע.

— פאַרוואָס האָסטו איר געגעבן די קורטקע? דאָס איז אַ יידישקע!

— זי האָט מיר געשטערט.

— עס איז דיר הייס? — האָט געפרעגט דער עסעסמאַן.

— יאָ.

— ס'איז דיר הייס! — האָט ער אַ געשריי געטאָן. דער פּאָליאַק איז געוואָרן בלאַס. עס האָט צו אים גערעדט עמעצער פון אַן אַכזריותדיקער וועלט. — ס'איז דיר הייס! — האָט דער עסעסמאַן איבערגעחזרט.

— יאָ — האָט דער פּאָליאַק שטילער אָפּגעענטפערט.

— טאָ טו דאָס אויך אויס. — דער אויסגעשטרעקטער פינגער פון היטלעריסט האָט אָנגעוויזן אויף דעם היטל.

דער אומבאַקאַנטער האָט פּאַמעלעך אַראָפּגענומען דאָס היטל און עס געהאַלטן אין דער אַראָפּגעלאָזענער האַנט.

— גיב עס איר! — האָט באַפוילן דער עסעסמאַן.

דאָס מיידל האָט גענומען דאָס היטל, נאָר זי האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט דעם.

— טו עס אָן! — האָט אַ געשריי געטאָן דער עסעסמאַן, ווענדנדיק זיך צו איר. און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער געזאָגט צום פּאָליאַק: — דו האָסט נאָך אַ שאַליק און הענטשקעס. טו זיי אויס!

דער אומבאַקאַנטער האָט פּאַמעלעך אַראָפּגעצויגן די הענטשקעס און דערנאָך דעם שאַליק.

— גיב דאָס איר!

דאָס מיידל האָט זיך געוואַקלט.

— נעם דאָס, זאָג איך!

זי האָט צוגענומען די הענטשקעס מיט דעם שאַליק.

— עס איז דיר נאָך הייס? — האָט געפרעגט דער עסעסמאַן.

דער פּאָליאַק האָט געשוויגן.

— אויב אַזוי, טו אויס די מאַרינאַרקע!

דער אומבאַקאַנטער האָט זיך אָפּגעהאַלטן.

— אויף וואָס וואַרטסטו? און די שטיוול!

ער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך און אַ בלאַסער אַ פֿיר געטאָן דעם בליק איבערן פּנים פון עסעסמאַן.

— טו אויס די שטיוול!

אָנשפּאַרנדיק זיך מיט איין האַנט אויף דער לאַפּעטע, האָט

ער מיט דער צווייטער שווער אַראָפּגעצויגן די פֿאַרעקשנטע כאַליעווע.

— און די סקאַרפּעטן!

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זײַן באָרוועסע פּיאַטע באַרירט דעם שניי.

— גיב עס איר! — און ווענדנדיק זיך צום מיידל האָט דער עסעסמאַן אַ געשריי געטאָן: — טו אָן!

דאָס מיידל האָט אָנגעטאָן די סקאַרפּעטן און אַרײַנגערוקט די פֿיס אין די שטיוול.

— ס'איז דיר נאָך היים?

דער פּאָליאַק האָט געשוויגן.

— וועסט מיר זאָגן, ווען עס וועט דיר זײַן קאַלט.

די פֿאַרנאַכטיקע טונקלקייט האָט שוין אײַנגעהילט די פֿעלדער. מיר קערן זיך אום אייליק הינטער די געטאָ־ווענט. פֿאַר מיר גייט דאָס מיידל אין דער פֿרעמדער קורטקע, אין שטיוול פֿון אַ פֿרעמדן מענטשן. זי גייט אײַנגעהויקערט און וויינט, און דערגעבן שפּרייזט דער עסעסמאַן און גיט אַכטונג, אַז זי זאָל נישט אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך די מלבושים אויפֿן וועג, אויף וועלכן יענער קען נאָך קומען. איך כאַפּ בגנבה אַ קוק אויף צוריק. איך זע ביז איצט נאָך דאָס בילד פֿון שטייענדיקן מענטשן אויף דעם שניי. ער איז געשטאַנען אין די וועש, אויסגעדרייט צו אונדז מיט די פּלייצעס און איך ווייס ביז הײַנט נישט נאָך וויפֿל שעה איז דאָרט געקומען דער טויט.

דער מענטש מיטן וועגעלע

די פּאָליציי־שעה האָבן זיי באַשטימט אויף זיבן פאַרנאַכט און געמאָלדן, אַז צו יעדער פּערזאָן, וועלכע וועט זיך באַווייזן נאָך דער שעה, וועלן זיי שיסן אָן שום וואָרענונג. זיבן אַזייגער אין יולי־חודש איז נאָך גרויסער טאָג. די וועלכע האָבן געוואַגט צוצוגיין צום פענצטער זענען געווען איבערראַשט מיט דעם אויסזען פון דער גאַס: ליכטיק און פּוסט. די ענדערונג איז פאָרגעקומען נישט בהדרגה. אין משך פון איין מינוט איז די גאַס געוואָרן פּוסט און אָפּגעשטאָרבן. זי איז געלעגן אַן אונטערגעאָרדנטע די געזעצן פון אַן אוראַלטן פייזאַזש, אין וועלכן דער ברוק און די ציגל אַרומגענומען פון דעם ליכט און פון דער היץ פון יולי האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ווילדער געגנט, וועלכע שרעקט אָפּ מיט איר טויטקייט און שטילקייט.

פון דעם פּלאַץ אויף דער דעמבאָווע־גאַס, וווּ מען האָט פאַרהאַלטן מענטשן געכאַפּטע אין משך פון טאָג, האָט מען אַרויסגעלאָזט פאַר זיבן, כדי זיי זאָלן נאָך באַווייזן צו דער צייט אומקערן זיך צו זייערע היימען. די אַרויסגעלאָזטע — מאַלטרעטירטע און אויסגעשעפּטע אין משך פון דעם טאָג אַרבעט ביז אין די לעצטע כוחות — האָט מען אונטערגעיאָגט מיט געשרייען, צווינגענדיק צו לויפן. דער המון האָט זיך אייליק געוואָרפן צו אַנטרינען. צעשראָקענע און צעשלאָגענע האָבן די מענטשן וואָס שנעלער געמאַכט פּליטה, גלייך אויסגעקליבן די ריכטונג: אייניקע זענען געלאָפן מיט דער גאַס באַרג־אַרויף, אַנדערע האָבן געיאָגט אין טאָל, צום מאַרק צו. די וואָס האָבן געוווינט צום נאָענטסטן, זענען צו צו די טויערן, געשטאַנען דאָרט אַ ווײַלע, כדי זיך אומצוקוקן. אין עטלעכע מינוט אַרום זענען די גאַסן געוואָרן פאַרגליווערט, אַ פּולקאָמע שטילקייט האָט באַהערשט דעם אַרום.

דעם דאָזיקן שוין נישט יונגן מענטשן האָט מען געכאַפט באַנצפרי, ווען ער האָט געשטופט פאָרויס באַרג־אַרויף אַ צוויירעדלדיק ווענגעלע, באַלאָדן מיט אָפפאַלעכץ. דער מענטש איז פון צייט צו צייט שטיין געבליבן און, אָנשפאַרנדיק זיך אין ווענגעלע, אָפגעווישט דעם שווייס פון ברייטן פנים, אין וועלכן עס האָבן געשטעקט אויגן צוגעווינטע צו זוכן אָפפאַלעכץ. אַפילו דעמלט, ווען ער האָט אָפגערוט, האָט זיין בליק געוואַנדערט איבער די ערטער, ווו עס האָבן זיך געפונען פאַרפוילטע שמאַטעס און פאַרזשאַווערט אייזנוואַרג, וועלכע זענען קיינעם נישט נייטיק.

ער איז געווען אַ הויכער, אַ צעוואַקסענער און איז געווען אָנגעטאָן אין אַ צעקנייטשטן פאַרפעצטן אָנצוג, וואָס איז געווען שטייף פון פלעקן. דאָס דאָזיקע מלבוש האָט שוין פונלאַנג פאַרלוירן די ווייכקייט פון מאַטעריאַל און האָט אויסגעזען ווי צוגעפעסטיקט מיט טשוועקעס צום קערפער, וועלכער איז געווינט זיך צו באַוועגן אין געשפאַן. אַ ברייטער לייוונטענער פאַס איבערגעוואָרפן קווער איבער דער פלייצע און ברוסט און צוגעבונדן מיט ביידע עקן צום אויספאָלירטן דישעל, האָט געדינט איינצוהאַלטן דאָס ווענגעלע, ווען ער איז געפאָרן באַרג־אַראָפ איבער דער זיך אַראָפלאָזנדיקער גאַס, וועלכע האָט געפירט צום מאַרק.

אָבער היינט פרי, ווען מען האָט אים געכאַפט, איז ער געגאַנגען באַרג־אַרויף. די צוויי עסעסלייט, וועלכע האָבן אים פאַרהאַלטן, האָבן פעסטגעשטעלט, אַז אויפן פלאַץ ביי דער דעמבאָווער גאַס וואָלט צונויף געקומען אַן אַרבעטער מיט אַ ווענגעלע. און זיי האָבן זיך לאַנג צוגעקוקט צו דעם געכאַפטן פון אַ באַשטימטן מרחק, אויפמערקזאַם און פאָרזיכטיק.

— ער האָט אויף זיכער לייז און שטינקט — האָט געזאָגט איינער פון זיי.

— עס שאַדט נישט — האָט געזאָגט דער צווייטער. — דאָרט וועט ער צונויף קומען — און ער האָט אָנגעוויזן מיטן בליק אויף דער דעמבאָווער גאַס.

— קאָם! — האָבן זיי אַ געשריי געטאָן און אים באַפוילן צו פאַרקערעווען.

דער מענטש מיטן ווענגעלע האָט פאַרקערעוועט און איז געגאַנגען נאָך די עסעסלייט. ער איז געגאַנגען איינהאַלטנדיק דעם

דרוק פון באַלאָדענעם וועגעלע, ער האָט געשפּאַנט פּאָרזיכטיק, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די פעסטע פיס אין ברוק און געבנדיק אַכטונג, אַז די משא זאָל נישט אַ פאַל טאָן אויף זיין קערפּער, וועלכער איז אויסגעבויגן אויף צוריק. דער דישעל, וועלכן ער האָט געהאַלטן מיט ביידע הענט, האָט געציטערט, אַלעמאָל אים אַ קלאַפּ געטאָן אין דער זייט. אָבער יעדער קלאַפּ איז געקומען נישט נאָר מחמת דער משא. דער אייגגעשפּאַנטער מענטש אין וועגעלע האָט אויפגעהערט אַכטונג צו געבן: ער האָט געזען פאַר זיך בלויז צוויי באַוואָפנטע עסעסלייט.

— איר האָט גוט געטאָן — האָט געזאָגט דער קאָמענדאַנט פון לאַגער-פּלאַץ ביי דער דעמבאָווע-גאַס, דערזעענדיק דעם מענטשן מיטן וועגעלע. — מען האָט גלייך באַדאַרפט א טראכט טאָן וועגן אַזאַ הילף-טראַנספּאָרט.

דער לאַגער-פּלאַץ ביי דער דעמבאָווע-גאַס איז געווען אַ פראַגמענט פון אַ בלינד געסל, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט פון דער רעשט שטאָט מיט אַ פּלויט, וועלכן מען האָט אויף שנעל צונויפגעשלאָגן פון ברעטער, אויסגעריסענע פון אַרומיקע פאַרקאַנעס. פון דאָרטן האָבן אַרויסמאַרשירט אונטער א וואַך גרופּן, וועלכע מען האָט באַפוילן אויסצופירן פאַרשידענע אַרבעטן. אונטער אַ וואַך האָבן זיי אויסגעמאָסטן די גאַנצע שטאָט, דערנאָך האָבן זיי צוריקגעקערט, באַווייזנדיק פנימער שוואַרצע פון ווונדן, בלויע פון קלעפּ, באַגאָסענע מיט בלוט. מען האָט זיי באַפוילן צו זינגען פריילעכע לידער, איינגעאָרדענען קאַרנאַוואַל-קאַראָהאָדן. די לידער האָבן אויסגעזען נישט זייער לעבעדיק, די טענץ נישט איבעריק פריילעך. די עסעסלייט זענען דורכגעגאַנגען לענגאויס די רייען, מיט שפּאָט זיך צוגעקוקט צו די פאַרפּייניקטע מענטשן, וועלכע האָבן קוים געאָטעמט. אָוונט-צו האָט מען די מענטשן געבראַכט צוריק אויפן פּלאַץ, וועלכער איז געווען אַרומגעצוימט פון אַלע זייטן. און עטלעכע מינוט פאַר זיבן האָט מען זיי פריי געלאָזט.

אין דעם טאָג האָט מען אַלע פריי געלאָזט עטוואָס פריער, בלויז דעם מיטן וועגעלע האָט מען פאַרהאַלטן. ער איז געשטאַנען אויף דער אינעווייניקסטער זייט פון טויער, אויף דעם פּוסט-געוואָרענעם פּלאַץ, נאָענט פון וועגעלע, וואָס איז געווען אָנגעשפּאַרט אין ברוק מיטן גליטשיקן דישעל, די נאָכגעלאָזטע פאַסן זענען

געלעגן אויף די שטיינער. ער איז געווען גרייט זיי צו נעמען, איבער־וואַרפן איבערן קאָפּ און רירן פאָרויס. אָבער יענע צוויי, וועלכע האָבן אים גאַנצפרי אַהער געבראַכט, האָבן אים געהייסן וואַרטן.

— ווו וווינסטו? — האָט אים געפרעגט דער עסעסמאַן.

— אויף דער ריבנע.

— איך ווייס נישט ווו איז דיין דרעקישע ריבנע. זאָג: ווייט צו נאָענט.

— ווייט.

— אין אַ האַלבער שעה וועסטו דערפאָרן?

— יאָ.

— אָבער צי ווייסטו, אַז אין אַ האַלבער שעה אַרום הייבט זיך אָן די פּאָליציי־שעה?

— איך ווייס.

— טאָ וואַרט.

זיי האָבן מיט אים גערעדט זיך האַלטנדיק פונדערווייטנס. אַ רגע האָט דער מענטש מיטן וועגעלע געהערט אַ טומל און גע־רויש פון מענטשן, וואָס צעלויפן זיך אין אַלע זייטן.

— מאָרגן וועסטו דאָ אַהער קומען מיטן וועגעלע — האָט געזאָגט דער עסעסמאַן.

— גוט.

—אָבער אין אַ צווייטן אָנצוג.

— גוט.

— אין אַ ריינעם און נישט אין אַזאַ ברודיקן און שטינקענ־דיקן.

— גוט.

— אויף זיכער, געדענק.

— גוט.

דער צווייטער האָט געזאָגט:

— און וואָס וועט זיין אויב דו וועסט נישט קומען?

— איך וועל קומען.

— און אויב דו וועסט נישט קומען?

— איך וועל זיכער קומען.

— אזוי זיכער ביסטו?

דער מענטש מיטן וועגעלע האָט א ציטער געטאָן. איצט איז שוין אינגאנצן נישט געווען זיכער, צי ער וועט מאָרגן קומען. נישט ווילנדיק האָט ער א פיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן שטייפן פארפעצטן מלבוש, דערנאָך זי אויפגעהויבן און אָנגע־טראָפן אויבן ברעג פון קאָלנער. דאָס העמד איז געווען אויפגע־שפיליעט. די בלאָנדזשענדיקע האנט האָט געזוכט דאָס קנעפּל.

דער עסעסמאַן האָט א קוק געטאָן אויפן זייגער, דער צווייַ־טער האָט געטאָן דאָס זעלבע, דערנאָך האָבן זיי זיך שנעל איבער־געקוקט.

— נאָך נישט — האָט איינער געזאָגט.

— אין צען מינוט ארום — האָט געענטפערט דער צוויי־טער.

— פינף מינוט פאר זיבן — האָט געזאָגט דער ערשטער און פּלוצעם זיך געווענדט צום געפאנגענעם.

— דו, הער, צי איז דיין ריבנע אויף זיכער וויט פון האנען?

— וויט.

— אין משך פון פינף מינוט וועסטו מיטן וועגעלע אהין נישט פארפאָרן?

— דאָס איז אוממעגלעך.

— געדענק, מיר וועלן קאָנטראָלירן, צי דו זאָגסט אמת.

— איך זאָג דעם אמת.

— מיר וועלן קאָנטראָלירן, צי דו זאָגסט אמת — האָט איבערגעחזרט דער עסעסמאַן. אין פינף מינוט ארום איז די פּאָ־ליציי־שעה.

— איך וועל נישט באוויזן. — דער מענטש פון וועגעלע איז בלאַס געוואָרן.

— און ווען דו זאָלסט דאָ איבערלאָזן דאָס וועגעלע?

— צו וואָס?

— פרעג נישט, נאָר ענטפער. ווען דו זאָלסט איבערלאָזן דאָס וועגעלע, וואָלסטו באוויזן אהיימצולויפן?

— דאָס איז אוממעגלעך.

— מירן זיך איבערצייגן.

עס איז געוואָרן שטיל. דערנאָך האָט דער עסעסמאַן גע־זאָגט:

— נו, האַנס, ס'איז פינף פאר זיבן, לאָז אים אָפּ!
— מיטן וועגעלע?
— וואָס דען, אָן דעם וועגעלע? דאָס איז דאָך זיין וועגעלע.
— איך מוז פאָרן בארג־ארויף, איך וועל נישט באַוויזן.
— ריר זיך, ס'איז נאָך נישט די פּאָליציי־שעה.
— לאָזט מיר דאָ פארבלייבן, מיינע הערן!
— וואָס הייסט, בלייבן — קיינער וואַרט אויף דיר נישט אין דער היים?
— מיין מוטער.
— און דו איילסט זיך גאָרנישט צו איר?
— ס'איז שוין זיבן.
— נאָך נישט. האָסט נאָך צוויי מינוט צייט.
— לאָזט מיך דאָ פארבלייבן, מיינע הערן!
— ראוס! — האָט אויסגעשריגן דער עסעסמאַן און אויפגעעפנט דאָס טויער — ראוס!

שוין אָנגעבויגענערהייט האָט ער אין א ברוכטייל פון א סעקונדע דערזען א שטיקל גאס, דאָס סאמע נאָענטסטע צום טויער. ער האָט אריבערגעוואָרפן דעם פּאָס איבער די פּלייצעס און אַ ריס געטאָן פון אָרט. די רעדער האָבן זיך א דריי געטאָן און די שטילקייט איז מיטאמאָל פארשוואונדן. די אויסגעלייזיקטע גאס פון דורכגייער האָט זיך באַלעבט דורך דעם קלאַפּן פון די רעדער. דאָס פוסטע וועגעלע איז אונטערגעשפּרונגען אויף די שטיינער, דער שאָטן פון גייענדיקן מענטשן האָט ווי א בלאָנדזשענדיק געשפענסט זיך געשארט פארויס צוזאמען מיט אים. דער איינגעשפּאנטער מענטש אין וועגעלע האָט פארשנעלערט דעם טראָט, ער האָט געוואָלט ווי צומגיכסטן דערגרייכן דעם שפּיץ פון שפּועדיקן טראקט. ער האָט נאָך געהערט ווי יענע האָבן פארמאכט דאָס טויער און איז געווען זיכער, אז זיי זענען געבליבן הינטער דער פארצוימונג. ער האָט דעריבער געשפּאנט, קוקנדיק פאָרויס. אויפן קאָשציאָל־טורעם האָט דער זייגער אויסגעשלאָגן זיבן. די קלאָרע מעטאַל־ קלאנגען, וועלכע זענען זיך צעשוומען אין אָפּגעשטאָרבענעם שטח, האָבן אים א צופּ געטאָן ביים האַרץ.
— האַלט!

ער איז שטיין געבליבן און, איינטוליענדיק דעם קאָפּ אין די אַקסלען, האָט ער זיך פּאַמעלעך אויסגעדרייט.

— שטיין בלייבן! — האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגן אין דער שטילקייט. ער איז שטיין געבליבן מיטן פּנים צו די גייענדיקע. זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן אויף א באַדייטנדיקן מרחק. איינער פון די עסעסלייט האָט א קוק געטאָן אויפן זייגער און געפרעגט:

— צי ווייסטו, אז ס'איז שוין איצט די פּאָליציי־שעה?

דער מענטש מיטן אריבערגעוואָרפענעם פּאַס אויף די פּלייצעס האָט געשוויגן.

— ביסט טויב?

— ניין.

— האָסט נישט געהערט ווי דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן זיבן?

— כ'האָב געהערט.

— און וואָס?

— מיינע הערן....

— וואָס „מיינע הערן"? — האָט איבערגעריסן דער עסעס־מאַן. — וואָס „מיינע הערן"? — האָט ער שפּאָטיש איבערגע־חזרט.

— איר אליין האָט דאָך מיך פאַרהאַלטן.

— וואָס? ווען?

— דאָרט. אויפן פּלאַץ.

— אָבער מיר האָבן דיך פריי־געלאָזן.

— ס'איז שוין געווען שפּעט.

— אָבער ס'איז נאָך נישט געווען קיין זיבן.

דער מענטש ביים וועגעלע האָט גאָרנישט נישט געענטפערט.

— נו, ס'איז געווען זיבן, צי ניין?

— ניין — האָט ער אויסגעשטאַמלט.

— און איצט איז נאָך זיבן?

— יאָ.

— מיר וועלן דיך דערשיסן.

— דאָס איז נישט מיין שולד — האָט דער מענטש געענט־פערט. זיין שטים האָט געציטערט.

— קענסט די מעלדונג?

— איך קען.

די צוויי עסעסלייט האָבן שעפּטשענדיק זיך איבערגעטוישט מיט א פּאָר ווערטער, דערנאָך האָט איינער געפרעגט?

— דו ווייסט ווייט?

— דאָרטן — דער מענטש האָט אויסגעשטרעקט דעם אָרעם, דער פּאס האָט זיך עטוואָס איבערגערוקט און אונטערגעהויבן די געפּאלדעוועטע מארינארקע אויף די פּלייצעס.

— גיי.

— איך האָב מורא — האָט דער מענטש שטיל געזאָגט.

— פאר וואָס?

— איך קען נאָך עמעצן טרעפן.

— וועמען?

— איך ווייס נישט.

— מוזט וויסן.

— איך ווייס נישט.

— אויב דו וועסט טרעפן עמעצן פון די אונדזעריקע, זאָג, אז מיר האָבן דיך פּרייגעלאָזן.

— מען וועט מיר נישט גלויבן.

— און זיי וועלן האָבן רעכט.

א שטילשווייגן.

— דערלויבט מיר, מיינע הערן, צוריקקערן אויפן פּלאַץ, ביז מאָרגן.

— פאָרויס!

ער האָט זיך אויסגעדרייט און אוועק פאָרויס. די רעדער האָבן געקלאפּט איבער דעם ברוק, הינטער אים האָבן זיך גע־הערט די טריט פון די דייטשן. דער דאָזיקער געמיש פון קלאַנגען, פון שטילקייט און פּחד האָט דורכגעדרונגען זיין גאנצן קערפּער, נאָר אין דער מאָס, וואָס ס׳האָט זיך פארקלענערט דער שטח, איז אויך די מורא געוואָרן אלץ קלענער. „זיי היטן מיך — האָט ער א טראכט געטאָן — קיין שום שלעכטס וועט נישט געשען, אפילו ווען איך וואָלט אָנטרעפן אויף א פּאטרול. זיי וועלן באשטעטיקן".

דער פּאטרול האָט זיך באוויזן אומגעריכט. צוויי באוואָפנטע דייטשן, וועלכע זענען פּלוצעם ארויס פון געסל, זענען געווען פארוואונדערט. דאָס קלאַפּן פון וועגעלע, וואָס האָט זיך צעטראָגן

איבער דעם אָפּגעשטאָרבענעם שטח, האָט זיך אריינגעריסן אין די שטילע גאסן. דאָס האָט דער געוויש זיי געבראכט אהער. און איצט האָבן זיי אויף אן אמת דערזען א מענטשן, וועלכער איז נאָך דער פּאָליציי־שעה געגאנגען איבער דער שטאָט, אָנמאכנדיק א טומל. זיי האָבן גלייכצייטיק זיך געכאפּט פאר די ביקסן. דער מענטש איז שטיין געבליבן. ערשט דעמלט האָבן זיי דערזען די עסעסלייט, וועלכע זענען געגאנגען פון הינטן.

— דערלויבט אים גיין ווייטער — האָט איינער פון זיי געזאָגט — ער קערט זיך אום פון אונדזער פּלאַץ.

— אָבער עס פארפליכטעט שוין די פּאָליציי־שעה.

— מיר ווייסן, מיר ווייסן — האָט מיט גרינגשעצונג אָפּגעענטפערט דער עסעסמאַן. — ער וועט זי אָפּהיטן.

— עס איז אים נישט דערלויבט צו בלייבן אין גאס.

— לאָז צורו, איך זאָג דיר, אז אלץ איז אין אָרדענונג.

— איר וועט מיט אים גיין?

— מיר.

דער מענטש האָט אָפּגעאָטעמט מיט פארלייכטערונג און ווידער א צי געטאָן דאָס וועגעלע. עס האָט זיך געענדיקט דער טאָג. אין דער טיף, דאָרט וווּ א פּאַס הימל האָט אָפּגעשלאָסן די שפּודיקע גאס, האָט די אָוונט־טונקלקייט זיך אראָפּגעלאָזט פּאַמעלעך צו די הייזער. דער מענטש, נישט ווערנדיק אונטערגעיאָגט, האָט מיט אן אייליקן טראָט געצויגן נאָך זיך דאָס וועגעלע בארג ארויף. די עסעסלייט זענען געגאנגען הינטער אים. פון צייט צו צייט האָבן זיך צו אים דערטראָגן ווערטער פון א שמועס און א געלעכטער. נישט אומדרייענדיק דעם קאָפּ האָט ער געאיילט צום הויז, וואָס האָט זיך באוויזן גראָד דעמלט, ווען דער אָוונט האָט ווי אין איין מינוט, פּלוצעם, זיך אראָפּגעלאָזט פון הימל און ארומגענומען די שווייגנדיקע גאסן. ער איז געגאנגען לעבעדיקער, שנעלער. די דייטשן האָבן דאָס באמערקט. איינער פון זיי האָט א געשריי געטאָן:

— וווהין איילסטו זיך אזוי?

— אהיים — האָט ער געזאָגט, קוקנדיק אלץ פאָרויס.

— און וועלכע איז דיין שטוב?

— די — דער מענטש האָט אויסגעשטרעקט די האנט און

אָנגעוויזן אויף א געביידע, וועלכע מען האָט נאָך געקאָנט אונ־טערשיידן, נישט געקוקט אויף דער פינצטערניש, וועלכע איז גע־וואָרן אַלץ געדיכטער.

— די איינשטאָקיקע?

— יאָ.

— אויף רעכטס?

— יאָ.

אויף דעם קאָשציאָל־טורעם האָט ווידער דער זייגער גע־שלאָגן. דער פאַראייניזאַמטער קלאַנג האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגן אונטער די טונקעלע הימלען פול מיט ערנסט.

— שטיין בלייבן! — האָט זיך דערהערט הינטער די פּליי־צעס פון גייענדיקן.

ער איז שטיין געבליבן. ער האָט געהערט ווי די עסעסלייט האָבן זיך פאַרהאַלטן.

— וויפל איז דער זייגער? — האָט א געשריי געטאָן דער עסעסמאַן.

דער מענטש האָט געשוויגן.

— דיך פרעג איך! וויפל איז דער זייגער?

— האַלב אכט.

— און דו, וואָס טוסטו אין דער צייט אויף דער גאַס?

ער האָט געוואָלט זיך אויסדרייען, דעמלט האָט איינער פון די עסעסלייט אויסגערופן:

— שטיין! ווו גייסטו?

— אהיים.

— ס׳איז איצט די פּאָליציי־שעה! ווו איז דיין היים?

— דאָרט.

— ריר זיך!

דער מענטש האָט א צי געטאָן דעם דישעל און פאַרקערע־וועט אין דער זייט פון הויז. ווען ער איז שוין געשטאַנען פאַרן הויז, האָט דער עסעסמאַן אויסגעשאָסן. דער מענטש האָט זיך א רגע געוואַקלט, דערנאָך זיך פּאַמעלעך אראָפּגעלאָזט, נאָר איי־דער זיין קערפּער האָט דערגרייכט דעם ברוק, איז ער געבליבן הענגען אויפן פּאַס, וואָס איז געווען פאַרוואָרפן איבער די פּליי־צעס. דאָס וועגעלע האָט זיך א קאַטשע געטאָן פאָרויס.

— וואָס איז געשען? — האָט א מורמל געטאָן דער מענטש, ליגנדיק אויפן ברוק, און ער האָט זיך ארומגעקוקט ארום. — וואָס איז געשען? — האָט ער איבערגעחזרט. ער איז געלעגן אויף די שטיינער, א שיפע פלאבקייט האָט זיך אָנגערוקט נאָענט צו זיינע איבערגעשראָקענע אויגן. — פארוואָס? — האָט ער געמורמלט.

דעמלט האָט א סקריפע געטאָן דאָס טויער. פון דער טונקלקייט איז ארויסגעקומען א פרוי. דערזעענדיק דעם ליגנדיקן האָט זי זיך אָנגעבויגן און געפרעגט:

— דאָס ביסטו?

דער ליגנדיקער אויף דעם ברוק האָט אויסגעדרייט צו איר דאָס פנים.

— מאמע — האָט ער געשעפטשעט — פארוואָס?

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, דאָס פארקלעמטע פנים פון דער פרוי האָט זיך געווענדט צו די טונקעלע פיגורן, וועלכע זענען געשטאַנען נישט ווייט.

— פיר אים אָפּ אין שפּיטאָל — האָט געזאָגט דער עסעסמאַן.

— ווער האָט דאָס געטאָן? — האָט געפרעגט די פרוי.

— עס איז שוין די פּאָליציי־שעה — האָט געענטפערט דער עסעסמאַן.

— ווער האָט דאָס געטאָן? — האָט איבערגעחזרט די פרוי

— דו פארשטייסט נישט וואָס מען רעדט צו דיר? — האָט א ריטשע געטאָן דער דייטש — פיר אים אָפּ אין שפּיטאָל.

— צו וואָס?

— דו אַלטע זונה! כדי צו פארבאנדאזשירן די וונד.

די פרוי האָט אונטערגעהויבן דעם פארוווּנדעטן אין דער העלפט, דעמלט האָט דער זון געווענדט צו איר זיין בליק.

— וואַרט צו — האָט ער ארויסגעשטאַמלט. — איך וועל אליין

— ער האָט געוואָלט אויפשטיין, אין א ווילע ארום האָט ער געזאָגט: — איך קען נישט. — די מוטער האָט אָנגעבויגן דאָס וועגעלע פאָרויס, צוגעהאַלטן דעם אראָפּגעלאָזטן דישעל, דער פארוווּנדעטער האָט זיך אוועקגעלייגט אויף דער פּלאַטפאָרם. דער שטח איז געווען נישט קיין גרויסער און די פיס פון פארווונדעטן

האָבן נאָכגעהאָנגען אין דער לופט. דאַן האָט די פרוי איבערגע־וואָרפן דעם פאַס אויף אירע פלייצעס און צוזאַמען מיטן וועגעלע זיך אויסגעדרייט צו דער גידער. ערשט דעמלט האָט זי באַמערקט אויפן ברוק אַ דייטלעכן טונקעלן פלעק.

— פאַר צום שפּיטאָל — האָט געזאָגט דער עסעסמאַן.

די גאַס איז געלאָפן באַרג־אַראָפּ. די פרוי האָט אַ מעסט געטאָן מיטן בליק די שיפּקייט און אָנגעהויבן זיך אַראָפּלאָזן. דאָס וועגעלע באַלאָדן מיטן קערפּער פון זון האָט זי געשטויסן פאָרויס. זי האָט זיך אומגעקוקט, די פיס פון פאַרוווּנדעטן זענען נאָכלעסיק נאָכגעהאָנגען, די פאַסן פון געשפּאַן האָבן זיך גע־שלעפּט איבער די שטיינער און אַלץ, וואָס איז ווייטער פאָרגע־קומען, האָט איר אויסגעזען זייער אויסטערליש. די גאַס, וועלכע זי האָט שוין צום טויזנטסטן מאָל געזען, האָט זיך איר אויסגע־וויזן ווי אַן אומבאַקאַנטע געגנט, דורך וועלכער עס קוילערט זיך דאָס וועגעלע מיט איר דערוואַקסענעם זון. „איך וועל דאָס נישט איינהאַלטן — האָט זי אַ טראַכט געטאָן. — איך וועל אים זאָגן, ער זאָל אויפשטיין".

— ווי שווער דו ביסט — האָט זי געזאָגט, נישט אויס־דרייענדיק דעם קאָפּ. ווייל זי האָט נישט געהערט קיין ענטפער, איז זי שטיין געבליבן, נאָר מורא געהאַט ארויסלאָזן דעם דישעל פון די הענט, כדי נישט צו פאַרלירן דעם גלייכגעוויכט, און זי האָט אַ קוק געטאָן הינטער זיך. דאָס פּנים פון פאַרוווּנדעטן איז געווען גראָ.

— וואַרט, איך וועל אויפשטיין. — ער האָט געפּרוווט זיך אָנשפּאַרן אויפן עלנבויגן, נאָר ער איז גלייך צוריקגעפאַלן אויף די ברעטער און אויסגעשעפּטער. — איך קען נישט, מאַמע, איך קען נישט...

די עסעסלייט, וועלכע זענען געגאַנגען פון הינטן האָבן זי אונטערגעיאָגט מיט אַ געשריי.

— ביסט אינגאַנצן נישט שווער — האָט זי געזאָגט און גערירט פאָרויס.

— דו האָסט מיר עפּעס אַנדערש געוואָלט זאָגן — האָט דער זון שטיל געענטפערט.

— ניין, אויף אַן אמת.

— האָסט מיר געוואָלט עפּעס אַנדערש זאָגן, נאָר דו ביסט זייער א גוטע.

— ניין, זון מײַנער. איך האָב דיר גאָרנישט געוואָלט זאָגן.

— און אין א ווײַלע אַרום צוגעגעבן: — עס טוט שטאַרק וויי?

— ניין, אינגאַנצן נישט.

א פאַרמאַטערטע, אײַנהאַלטנדיק דעם דראַנג פון דער משא, האָט זי געוואָלט שטיין בלײַבן. זי האָט געפילט, אז איר איז נייטיק בלויז איין מינוט אָפּרו, כדי צו כאַפּן דעם אָטעם, אָבער די שיפקייט האָט זי געצוווּנגען ווײַטער צו גיין. ערשט ביים ראַנד פון א בערגל האָט די משא זי פּלוצים פאַרהאַלטן.

— שוין נישט ווײַט — האָט זי געזאָגט.

— יאָ, מאַמע.

— עס טוט דיר נישט וויי, זונעלע?

— אינגאַנצן נישט.

שווײַגנדיק האָט זי געשלעפּט דאָס ווּעגעלע דורך די פינצטערע גאַסן. די עסעסלײַט זענען געגאַנגען הינטער איר און יעדעס מאָל ווען זי האָט זיך אָנגעטראָפן אויף א פּאַטרול, האָבן זיי אים אָפּגעפאַרטיקט מיט אַן אויפקלערונג, וועלכע איז געוואָרן באַגלייט פון א געלעכטער.

— צו וואָס הײַט איר זיי? — האָט געפרעגט איין זעלנער.

— צו וואָס! קיינער זאָל זיי נישט פאַרהאַלטן — האָט אויפגעקלערט דער עסעסמאַן. און אין דער זייט פון דער פרוי האָט ער צוגעוואָרפן:

—צי איז נאָך ווײַט צום שפּיטאָל?

— ניין, נאָענט.

זי איז געגאַנגען פאַמעלעך, אָנגעבויגן פאָרויס. דער געשפּאַנטער פּאַס אויף די אַקסלען, שוואַכע פּלייצעס האָט זיך אַלעמאָל איבערגערוקט, אַראָפּגעפאַלן, געוואָרן שלאַבעריק, וואָס האָט איר פאַרלײַכטערט די משא. אָבער דאָס האָט געדויערט בלויז איין רגע, זי האָט דערפילט, אז דאָס ווּעגעלע פאַרלאַנגזאַמט זײַן לויף און דעמלט האָט זי מיט וואַנזיניקן אימפּעט, פול רעזיגנאַציע זיך געוואָרפן פאָרויס, כדי צו פאַרפולן דעם בלויז, וואָס מאַכט צונישט איר אָנשטרענגונג, „ס'איז שוין נישט ווײַט,

ס'איז נאָענט" — האָט זי זיך איבערגעחזרט און אויפהייבנדיק דעם קאָפּ ווידער געמאָסטן מיטן בליק דעם מרחק.

— ווי פינצטער עס איז — האָט זי געזאָגט צום זון, נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ.

— אָבער דו וועסט טרעפן — האָט ער אָפּגעענטפערט אומדערוואַרט הויך.

— איך ווייס.

דער שפּיטאָל איז געווען פאַרטונקלט.

אָנשפּאַרנדיק פאָרזיכטיק דאָס ווענגעלע, האָט זי זיך טאַפּנדיק באַוועגט זוכנדיק דעם אריינגאַנג אין דער געביידע. זי האָט געוווּסט, אַז ער האָרף זיין ערגעץ דאָ, זי האָט זיך נישט געקענט טועה זיין. אין דער לופט איז געשטאַנען דער באַאומרואיקנדיקער איבלדיקער ריח פון שפּיטאָל. זי איז מיט אַ שנעלן טראָט אריבער די סטעזשקע, וואָס טיילט אָפּ די געביידע פון דער פורטקע, ווו עס זענען געבליבן שטיין די עסעלייט, און האָט פּלוצעם דערפילט אַ פּחד פאַר דער פינצטערער געביידע, שוואַרצע פענצטער און שטומער שטילקייט. זי איז געגאַנגען איבער טרעפּ, זוכנדיק אין דער פינצטער אַ טיר. זי האָט זיך באַוועגט שנעל און אומרואיק, עס האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז יעדע פאַרלוירענע מינוט איז די איינציקע אומאָפּרופלעכע. אַ פאַרצווייפלטע האָט זי אויסגערופן:

— צי איז דאָ קיינער נישטאָ?

עס האָט זיך אויפגעעפנט אַ טיר און עס האָט זיך באַוויזן דער אינגעווייניקסטער שטח פון אַ העל באַלויכטענעם צימער, די שיין האָט אַ פלייץ געטאָן אין קאָרידאָר. די פרוי אין ווייסן, וועלכע איז געשטאַנען אין דער טיר, האָט זיך צוריקגעצויגן עטוואָס איבערגעשראָקן און מיט אַ פאַרשטיקטער שטים זיך געווענדט צו דער געקומענער:

— וואָס טוט איר דאָ?

— דאָרט איז מיין זון.

די פרוי אין ווייסן האָט נאָך נישט פאַרשטאַנען.

— פונוואַנען האָט איר זיך דאָ גענומען? ס'איז דאָך שוין נאָך דער פּאָליציי-שעה?

— מיין זון איז פאַרוווּנדעט.

— ווו?

— איך ווייס נישט.

— ווו איז ער? — די פרוי אין ווייסן האָט אויפגעהויבן די שטים.

— דאָרט, פאַרן הויז, אויפן וועגעלע.

— אויף וועלכן וועגעלע?

— איך האָב אים געבראַכט צו פירן.

די שוועסטער האָט זיך אויסגעדרייט און מיט שנעלע טריט זיך געלאָזט גיין אין דער טיף פון צימער. ס'איז פּלוצעם געוואָרן שטיל און די שטילקייט האָט זיך אויסגעדראַכט קומט גלייכצייטיק פון דער פינצטערניש, וועלכע האָט זיך פאַרטאַיעט הינטער איר, און פון דעם ליכט, וואָס שווימט פון צימער. „עס וועט זיין צו שפּעט — האָט זי א טראַכט געטאָן. — פאַרוואָס קומט זי נישט צוריק. פאַרוואָס דויערט דאָס אַלץ אַזוי לאַנג?“

די שוועסטער איז צוריקגעקומען. הינטער איר איז געגאַנגען א מענטש אָנגעטאָן אין ווייסן. ער איז געווען א הויכער, א פּליי־בעוואַטער. — „איך האָב אים שוין ערגעץ געזען, אָבער ווו?“

— וואָס איז געשען? — האָט ער געפרעגט.

די פרוי האָט געזאָגט:

— דאָרט איז מיין זון.

— וואָס איז אים געשען?

— זיי האָבן אים פאַרוואונדעט.

— ווער?

— די דייטשן.

— וואָס האָבן זיי אים געטאָן?

— איך ווייס נישט. איך ווייס נישט — האָט זי איבערגעחזרט, ווי פאַרענטפערנדיק זיך. — ער ליגט דאָרט אויפן וועגעלע.

— זאָל ער אריינקומען.

— ער קען נישט.

— פונוואַנען ווייסט איר?

— איך האָב אים געבראַכט צו פירן. ער קען נישט גיין.

— לאָמיר ארויסגיין — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר און זיך געווענדט צו דער שוועסטער.

— דאָרט זענען דייטשן — האָט די פרוי געזאָגט.

— איז וואָס?

דער דאָקטאָר איז שנעל געגאַנגען פאָרויס. אין דער פּינצ־טערניש, וועלכע האָט איינגעהילט די גאַס, האָט ער דערזען א ווענעלע און א ליגנדיקן מענטשן אויף דעם. נישט ווייט פון ווענעלע האָט ער באַמערקט צוויי אומבאַוועגלעכע, שווייגנדיקע סילועטן. ער האָט שוין פאַרשטאַנען. דער דאָקטאָר האָט זיך אָנגעבויגן איבער דעם פאַרוואונדעטן, אויטאָמאַטיש גענומען זיין האַנט, אויפזוכנדיק דעם פּולס.

— וואָס איז אייך?

— זיי האָבן מיך פאַרוואונדעט.

— וווּ?

— איך ווייס נישט.

— און וווּ טוט אייך וויי? — דער דאָקטאָר האָט פאָרזיכ־טיק אוועקגעלייגט די האַנט פון קראַנקן לענגאויס דעם קערפּער.

— איך ווייס נישט, הער דאָקטאָר. דאָ טוט מיר וויי. — ער האָט אוועקגעלייגט די האַנט אויפן בויך. — דאָ טוט מיר וויי — האָט ער איבערגעחזרט.

— איך זע נישט. — דער דאָקטאָר האָט שנעל צוריקגע־כאַפּט די האַנט. „זיי האָבן אים דורכגעשאָסן די קישקעס“. א קלעפּיקע פליסיקייט האָט שנעל געטריקנט אויף די פאַרקלעמ־טע פינגער. — ס'איז גאָרנישט, גאָרנישט — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר.

— איך ווייס, הער דאָקטאָר, אז ס'איז גאָרנישט — און ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין דער זייט פון דער מוטער. דער פאַרוואונדעטער האָט גערעדט שעפּטשענדיק, דער דאָקטאָר האָט אויפגענומען זיינע ווערטער רואיק, ווי א וואַריאַנט פון א גוט באַקאַנטער טעמע. צו דער שוועסטער, וועלכע איז געשטאַנען דערנעבן האָט ער געזאָגט:

— מען וועט דאַרפן ברענגען א טראָגבעטל.

דעמאָלט זענען די עסעסלייט צוגעגאַנגען נעענטער און איינער פון זיי האָט געפרעגט:

— איר זענט א דאָקטאָר?

— יאָ.

— א ייד.

— נײן.

— איך איז נישט דערלויבט — האָט געזאָגט דער עסעס־מאַן און אָנגעװיזן אויף דעם פּאַרװוּנדעטן — דאָס איז אַ ייִד.

— איז װאָס?

— אייך איז נישט דערלויבט.

— איך בין אַ דאָקטאָר.

— נישט דערלויבט! — דער עסעסמאַן האָט אויפגעהויבן די שטים. — צי איז אין שטאָט נישטאָ קיין ייִדישער שפּיטאָל?

— איך קען מײַנע פליכטן.

— גענוג! — האָט איבערגעריסן דער דײַטש.

— ער איז... — דער דאָקטאָר האָט נישט פאַרענדיקט דעם זאַץ. זײַן בליק איז געװען געװענדט צום פאַרװוּנדעטן, װעלכער איז געלעגן אָן באַװוּסטזײַן.

— װײַטער! — האָט געזאָגט דער עסעסמאַן — װוּ איז דער ייִדישער שפּיטאָל?

— איך װעל מיט אים פאָרן — האָט געזאָגט די מוטער פון פאַרװוּנדעטן — קערט אייך אום צוריק, הער דאָקטאָר. — זי האָט אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבער דעם קערפּער פון זון, דערנאָך פאַרװאָרפן דעם פּאַס אויף די פּלײצעס און אַ צי געטאָן דאָס װעגעלע. — קערט אייך אום....

זי האָט װידער שװײַגנדיק געצויגן דאָס װעגעלע דורך די פינצטערע גאַסן. דער פאַרװוּנדעטער האָט געשװיגן. אויף אַ קלײנעם מרחק הינטער זיי זענען געגאַנגען די דײַטשן.

— עס איז מיר אינגאַנצן נישט שװער — האָט זי געזאָגט, נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ. דער זון האָט נישט געענטפערט.

— דו הערסט מיך נישט? — האָט זי אַ פרעג געטאָן מיט אַן אומרואיקער שטים.

— כ'הער, מאַמע.

— איך האָב געזאָגט, אַז ס'איז מיר נישט שװער.

— כ'הער.

— מען װאָלט גלײַך באַדאַרפט פאָרן צום ייִדישן שפּיטאָל.

— אַװדאי.

— אָבער דאָ אַהער איז נעענטער.

— יאָ.

— אָבער איך האָב נישט פיל צייט פארלוירן, נישט אמת?
— ביסט געפאָרן זייער שנעל.
— ליג רואיק, באלד וועט אלץ איבערגיין.
— עס טוט נישט וויי.

זי איז געגאַנגען דורך דעם געדיכטן חושך, דורכדרינגענדיק מיטן בליק די הייזער, וועלכע זענען אין דער פינצטערניש געווען ענלעך איינס צום אנדערן און פארזונקען אין טיפן שאָטן, שוויַיגנדיקע און געהיימניספולע.

— צי איז נאָך וויַיט צו דעם דאָזיקן אייערן יידישן שפּיטאָל? — האָט געפרעגט איינער פון די דייטשן.
— ניין.
— און דאָס איז שוין זיכער א יידישער?
— יאָ.

נאָכגעבנדיק דעם קערפּער פאָרויס, האָט זי מיטן גאנצן כוח אָנגעצויגן דעם פּאַס.

— ווען וועלן מיר שוין פון אייך פּטור ווערן? — האָט אויסגעשריגן דער עקעסמאַן אומגעדולדיק.

די פרוי האָט נישט געענטפערט.

— דו הערסט נישט?
— ס'איז שוין נאָענט.

זי איז שטיין געבליבן, אראָפּגענומען דעם פּאַס און פאָרזיכטיק אראָפּגעלאָזט דעם דישעל. דער פארוואונדעטער האָט זיך אראָפּגערוקט, די אָנמעכטיקע פיס האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אין ברוק. די פרוי האָט א שטופּ געטאָן דאָס טירל, צוריקגעקערט צום וועגעלע און עם אריינגעצויגן אויפן הויף. די פיס פון פאַרוואונדעטן האָבן זיך נאָכגעשלעפּט איבערן זשוויר.

— געדענק, איצט איז דיר נישט דערלויבט זיך צוריקצוקערן — האָט ער א געשריי געטאָן צו דער פרוי. — ס'איז די פּאָליציי־שעה!

זי האָט געהערט, ווי זיי האָבן זיך דערוויַיטערט. דעם שטח פון דעם טירל ביז דער געביידע האָט זי דורכגעמאַכט מיט די לעצטע כוחות. די רעדער האָבן זיך אייַנגעשניטן אין ווייכן באָדן; זי איז געגאַנגען פארעקשנט, ציענדיק פאַרביסן די משא.

— ווי זענט איר דאָ געקומען צו פאָרן? — האָט א פרעג געטאָן דער דאָקטאָר. ער איז געווען צעשראָקן, געדערט שעפּ־טשענדיק. אָנגעבויגן איבערן קראנקן, האָט ער געפּאָרשט זיין האריץ, זיין פּולס. ער האָט געוואַרט אויף עמעצן. זיי זענען גע־שטאַנען אויפן הויף אין דער פינצטערניש, דער פרוי האָט זיך געדאכט, אז דאָס אלץ געדויערט אויסערגעוויינלעך לאַנג. עס זע־נען געקומען צוויי שוועסטער מיט א טראָגבעטל. און פּלוצעם האָט זי דערהערט די שטים פון דאָקטאָר:

— גלייך אויפן אָפּעראציע־טיש.

אין דעם העל־באלויכטענעם צימער, ווו די פענצטער זענען געווען פארהאַנגען מיט שווארץ פּאפּיר, האָט זי דערזען מענטשן אַנגעטאָן אין ווייסן; זיי האָבן זיך אויפגעפירט אזוי, ווי זיי זאָלן דאָ האָבן געוואַרט אויף איר שוין פון לאַנג. דער פארוווּנדעטער איז געלעגן אויפן טראָגבעטל, וואָס איז געשטאַנען אויף דער פּאָדלאָגע. דער דאָקטאָר האָט זיך איבער אים אָנגעבויגן און א קוק געטאָן אויפן אנצוג. ער איז געווען שטייף און באדעקט מיט מאטעווע פלעקן פון שמוץ און פעטס. אויפן בויך אונטער דער צעשפּליטער מארינארקע האָט ארויסגעשפּראָצט א טונקע־לער פלעק. דאָס טראָגבעטל האָט זיך באפארבט מיט בלוט.

— ער האָט צוויי וווּנדן — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר נישט אָפּרייסנדיק דעם בליק פון קראנקן.

— איך וועל אים אויסטאָן די מארינארקע — האָט זיך ארייגעמישט די מוטער און זיך אָנגעבויגן איבערן זון. — זי וועט זיך פארפלעקן.

— נישט רירן! — האָט דער דאָקטאָר שטרענג געזאָגט. און ווענדנדיק זיך צו דער שוועסטער באפוילן:

— צעשניידן!

די שוועסטער האָט גענומען דאָס שערל, וואָס איז געלעגן אויף א ווייס טישל.

— ניין! — האָט אויסגערופן די מוטער.

— ניין — האָט קוים ארויסגעזאָגט דער פארווונדעטער.

— צעשניידן! — האָט דער דאָקטאָר שטרענג געזאָגט.

—איך האָב נישט קיין אנדער אנצוג — האָט געמורמלט דער קראנקער.

די שוועסטער האָט מיט איין האַנט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ פון פאַרוואונדעטן, מיט דער צווייטער געשניטן דאָס העמד צוזאַמען מיט דער מאַרינאַרקע.

— איך האָב נישט קיין צווייטס — האָט ער געשעפּטשעט.

— מען וועט עס פאַרצירעווען — האָט זי געזאָגט מיט אַ גלייכגילטיקער שטים. זי האָט פאַנאַנדערגענומען דאָס צעשני־טענע העמד. די אויפגעדעקטע ברוסט פון ליגנדיקן מענטשן איז געווען אַ פּעסטע, אַ גוט געבויטע.

— אויף זיכער? — האָט די מוטער געפרעגט, נישט אָפּ־ווענדנדיק איר בליק פון דער שוועסטערס געזיכט.

דער דאָקטאָר, וועלכער האָט כסדר געהאַלטן די האַנט פון קראַנקן און געפּאָרשט דעם פּולס, האָט זי פּלוצעם אוועקגעלייגט, דערנאָך זי פּאַמעלעך צוגערוקט נעענטער צום קערפּער. דאָס איז געווען אַ פּאָרזיכטיקע באַוועגונג, וועלכע האָט נישט געגעבן קיין שום האָפענונג. דער דאָקטאָר האָט זיך אויסגעגלייכט און נישט קוקנדיק אויף קיינעם געזאָגט:

— מען דאַרף שוין נישט, שוועסטער.

די שוועסטער האָט איבערגעטראָגן איר בליק אויפן געזיכט פון געשטאָרבענעם, דערנאָך האָט זי אַ קוק געטאָן אויף דער מו־טער. אין עלעקטרישן ליכט האָט איר אויסגעטריקנט פּנים אויס־געזען ווי אַ שטיקל געפּלאַצטע ערד.

דאָס שטעטל

דער עלטסטער טייל פון שטאָט, וואָס איז געווען אָפּגעזונדערט פון צענטער מיט דער הויכקייט פון שלאָס־באַרג און דעם בית־עולם, וועלכער איז פון יאָרן־לאַנג געווען אָנגעפּראָפּט מיט מצבות באַוואַקסענע מיט מאָך, איז געוואָרן די אַרענע פון אויסטערלישע געשעענישן און אומגעוויינלעכע געשיכטעס. איך האָב האָב געקענט דעם טייל פון אונדזער שטאָט פון דער סאַמע פריסטער יוגנט. פון דאָרט האָב איך אַרויסגעטראָגן דעם ריח פון צעווייקטע לאָנקעס, דעם אָנדענק פון טונקעלע וואַסערן, וואָס רוקן זיך פויל אַזש ביז צום האָריזאָנט, דאָס בילד פון קליינע, אָרעמע און קוטיקע שטיבער. מיר פלעגן אָפּט איבערשפּאַנען די קאָרידאָרן פון די דאָזיקע שטיבער, קומען רוישיק און גאַווהדיק, וועקנדיק די שלעפּעריקע הייסע יולי־שטילקייט. עס איז אונטערגעקומען די צייט פון מאַכן שפּאַצירן אויף שיפלעך, פון פרייען באָדן זיך, פון רוישיקן שפּילן אין פוטבאָל, פון די ערשטע שעמעוודיקע טרעפונגען מיט אַ מיידל אויפן ברעג פון טייך, ווייט פון שטאָט.

דער טייך האָט זיך אָנגעהויבן גלייך ביי די שוועלן פון די דאָזיקע הייזער. די לאַנגע טונקעלע קאָרידאָרן, אויסגעלייגטע מיט ברעטער, אונטער וועלכע עס האָט געמליאַסקעט די דורכגעווייקטע ערד, האָבן אָפּגעהילכט ווי קלאַדקעס און געשמעקט מיט טשערעט, מיט בלאָטע, מיט זומפּ. די ריחות האָבן אָנגעצויגן אַהער פון נאָענטן, פלאַכן און מיט גראָז באַוואַקסענעם ברעג. פון ביידע זייטן פון די דאָזיקע קאָרידאָרן זענען געשטאַנען צעעפנט די אָפּגעווייסטע מיט וואַפּנע טירן,מען האָט אַרויסגעזען די גרויסע טונקעלע שטובן פול מיט קינדער און שוואַרצע אַלטע מעבל־שטיק, עס האָט געשמעקט מיט זויער קרויט. אינעווייניק אין די שטובן

האָבן זיך אַרומגעטראָגן אַ פּאַרע פון טעפּ און פּאַנעו און ריחות פון פּעלן אײַנגעװײקטע אין קעסלען — ריחות אויסגעמישטע מיטן שאַרפן דורכדרינגלעכן גערוך פון פרישן זעגעכץ אין סטרוזשינעס, װעלכע האָבן זיך געשיט מיט אַ שאָרד פון אונטער די שנעלע העבלס.

אין דער דאָזיקער געגנט, װעלכע איז פון דער באַפעלקערונג געקרוינט געװאָרן מיט דעם צונאָמען „קאַלטער ת...“ — האָבן געװוינט הויף־הענדלער, בעטלער, קאַטערינשטשיקעס, טרעגער און פורמאַנעס. זײערע װײַבער האָבן זיך פאַרנומען מיט פאַרקויפן הייסן באָב, בייגל און קאַרטאָפל־לאַטקעס, װעלכע מע פלעגט אויסשנײַדן פון אַ ריזיק פלעצל, װאָס איז געלעגן אויף אַ גרויסער בלעך צוגעדעקט מיט אַ טיכל, כּדי אײַנצוהיטן די היץ פון דער גראָבער שיכט זודיקע קאַרטאָפל. אין יענע הײַזקעס האָבן געװוינט שמידן, בעקער, שוסטער, שנײַדער, בלעכער, לוין־אַרבעטער... פון די הײַזער ביים װאַסער זענען יעדן אינדערפרי אַרויסגעגאַנגען די קאַטערינשטשיקעס, אײַנטיילנדיק צװישן זיך די באַזונדערע קװאַרטאַלן פון דער שטאָט לויט אַ שליסל, װאָס איז שװער געװען צו טרעפן. ער האָט דאָך געמוזט עקזיסטירן, װײַל יעדן דאָנערשטיק האָבן זיך באַװיזן אין די הייף אַנדערע אַרטיסטן, װעלכע האָבן געשאַפן אַ קרייז פון פאַרטרוילעכע, װאָס קענען די פאַרשריפטן פון רעגולערער צירקולאַציע. עס האָט זיך קיינמאָל נישט געטראָפן, אַז אין איין און דעם זעלבן טאָג זאָלן זיך באַװײַזן אויף דעם זעלבן הויף צװיי קאַטערינשטשיקעס.

די אייגנטימער פון די קאַטערינקעס, װעלכע זענען געװען בונט אָפּגעמאָלן, מיט אַן עקראַן, װאָס איז געװען אויסגעהאַפטן פון קאָלירטע װאָלגאַרן און אינקרוסטירט מיט האָלץ, װאָס האָט געבלישטשעט װי עמאַל, האָבן מיטגעהאַט מיט זיך קליינע שטײַגלעך מיט פאַרביקע פּאַפּוגייען, אָדער ים־חזירלעך מיט זשװאַרצע פּיסקלעך און שלעפעריקע באַװעגונגען. פון לענגלעכע שאַכטלעך האָט דאָס חיהלע אַרויסגעצויגן דעם „גורל“, אַ צעטל, װאָס האָט ברייטהאַרציק באַלויכט פאַר דער אויסגאַבע, װאָס די פאַרזאַמלטע אויפן הויף צושויער האָבן געמאַכט. פאַר דעם צעטל האָט דער בר־מזל באַקומען אַ קליינעם קאָנװערט, װעלכער איז געװען פאַרדרוקט מיט השבעות און נביאותן, דערנאָך אויפרייסנדיק אים,

האָט מען אַרויסגעצויגן דאָס געווינס: אַ „גאָלדן" פֿינגערל מיט אַ בלאָען אָדער רויטן שטיין, אַ בראָש מיט אַ רויז, אויסגעאַר־בעט פֿון דרעטלעך. אוירינגלעך...

פֿון דעם עלטסטן טייל פֿון שטאָט זענען געקומען די ציר־שפּילער. זיי האָבן באַזוכט די געגנטן, וועלכע זענען געווען באַ־ווינט פֿון בירגערשטאַנד און סוחרים. געוואַנדערט פֿון הויף צו הויף, בלאַסע, אויסגעמאָגערטע, הונגעריקע, אין ברודיקע טריקאָ־הייזלעך, באַלעבטע פֿון האָפֿענונג יעדעס מאָל, ווען זיי זענען אַריבערגעטראָטן אַ נייעם טויער, און אויסגעלאָשענע, ווען זיי האָבן אים פֿאַרלאָזט. דאָס זענען געווען קליינע קאָלעקטיוון, וועלכע האָבן זיך אָפּט געביטן, אָבער די אילוזיע און דער כּישוף פֿון דער דאָזיקער הויף־פֿאָרשטעלונג האָט אונדז לאַנג געלאָקט אין אויפֿגערודערט. די קורצדויערנדיקע הויף־פֿאָרשטעלונגען זענען פֿאָרגעקומען לויט אַן איינגעשטעלטן סדר: עס האָט זיך אָנגעהויבן פֿון אַן איינלייטונג, וועלכע האָט איינגעלאַדן די גערנוויליקע צו־שויער, וואָס האָבן זיך געזאַמלט ביי די פֿענצטער. דערנאָך זענען געקומען נומערן פֿון געזאַנג און אַקראָבאַטיק, עס האָבן זיך באַ־וויזן שלינגער פֿון שווערדן און פֿייער... מעגלעך, אַז די ריי פֿון אַרויסטריטן איז געווען עטוואָס אַן אַנדערע, איך געדענק אויך גישט דעם טעקסט פֿון די לידער, יעדנפֿאַלס האָבן זיי באַזונגען די הערלעכע טאַטן פֿון אומבאַקאַנטע העלדן, אָדער דעם ביטערן גורל פֿון יתומים. אין די לידער האָט זיך אויך דערציילט וועגן אַ שיין יונג מיידל, וואָס דער געליבטער האָט פֿאַרלאָזט מיט אַ וויג־קינד ביי דער ברוסט. דער קולמינאַציע־פּונקט פֿון דער פֿאָרשטעלונג האָט געמוזט איבעראַשן און פֿאַרוווּנדערן מיט אַן אומדערוואַרטן אויסערגעוויינלעכן עפֿעקט, כּדי עס זאָלן זיך לע־בעדיקער אַ שאָט טאָן די גאָבן פֿון עולם.

איך האָב אין דער געגנט געהאַט חברים און פֿריינד, איבער־הויפּט אָבער האָב איך זיך געחברט מיט צוויי ייִנגלעך: מיט איי־זיקן, וועלכער האָט געהאַט דעם צונאָמען זשלאָב, און מיט דעם הינקענדיקן יאָסלען. אייזיק איז געווען אַ שניידער. יאָסל אַ בע־קער. איך ווייס נישט פֿונוואַנען עס האָט זיך גענומען דער צו־נאָמען זשלאָב, אָבער יאָסל האָט ווירקלעך געהינקט. איין טראָט־

ביין איז ביי אים געווען דעפאָרמירט. אמת, דאָס הינקען איז געווען קוים קענטיק, ער האָט זיך לייכט געוואַקלט אין גאַנג, אָבער דער ריזיקער טראָטביין אין גרויסן שוך האָט זיך געוואָרפן אַלעמען אין די אויגן. יאָסל איז געווען פעסט געבויט און ברייטפּלייציק. אייזיק זשלאָב איז געווען פיל העכער פון אים, אַ שווערלייביקער, ווי אויסגעטעסעט גראָב פון פעסטן האָלץ. מיט זיי צוזאַמען האָב איך אויסגעשפּאַנט די געסלעך, פאַרקוקט אין די הייזקעס, באַזוכט די הייף און די שטובן.

פון דאָרט, פון דער דאָזיקער עלטסטער געגנט, האָבן געשטאַמט די משפּחות, וועלכע האָבן געשמט מיט דער קראַפט פון זייערע הענט און מוסקולן: אַרבעטער, קצבים, טרעגער; אַטלעטן, וועלכע האָבן פרי געענדיקט זייערע אַטלעטישע קאַריערעס, האָבן זיך דערנאָך פאַרנומען מיט אַרויפטראָגן אין די רייכע הייזער פּאָרטעפּיאַנען און פייערקאַסעס.

דער לאַנגער דוד, דער ברייטפּלייציקער, הויכער, געשטופּלטער און שטענדיק שיכורער, אַ מרוק און גראָבער יונג — האָט פאַרטראָטן צוויי אָדער דריי אַרבעטער. די איינוווינער פון דער געגנט האָבן געטייטלט אויף אים מיט די פינגער, מען האָט וועגן אים גערעדט, אַז ער קען נישט לייענען און שרייבן, אין בית־המדרש האָט ער געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער דאַוונט פון סידור, וואָס איז געווען נישט אמת, ווייל ער האָט איבערגעמישט די זייטלעך נישט אין דער געהעריקער צייט, זייענדיק בפירוש צעקריגט מיט דער עברי, וואָס דער חזן האָט גראָד געזאָגט.

פון דאָרט האָט אויך געשטאַמט שמעון ביק, אַ בעל־עגלה, אויך אַן אַנאַלפאַבעט, וועמען די קלענערע סוחרים האָבן אָנפאַרטרויט דאָס איבערפירן פון סחורות מיט אַזאַ פאַרגלויבטקייט, ווי דאָס זאָל זיין אַן אינטערנאַציאָנאַלע טראַנספּאָרט־געזעלשאַפט, וואָס שטט פון איר סאָלידקייט און פעיקייט צו דעקן אַלע נישט פאָרויסגעזעענע היזקות, וועלכע אַנטשטייען אין באַדינגונגען, וואָס איז נישט מעגלעך צו באַצייכענען פון פאָרויס.

אַ געווויסע צייט האָב איך אָבסערווירט אַ צווייטן טרעגער, וועלכן מען האָט גערופן מרדכי־טרעגער. דאָס איז געווען אַ נישט אָנזעעוודיקער מענטש מיט אַ ריזיקער באָרד פון קופּער־קאָליר, וועלכע האָט געגרייכט ביז אין פּאַס. אויף זיין פּנים, וואָס האָט

געגלאַנצט פון שווייס און איז געווען געשפּאַנט פון אָנשטרענגונג, האָבן געברענט אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע אויגן. מרדכי־טרעגער האָט געטראָגן אַ קאַפּאָטע פון אַן אומבאַשטימטן קאָליר, וועלכע האָט בפירוש אָפּגעגעבן מיט אַ גרינקייט פון אַן אומבאַקאַנטער אָפּשטאַמונג. איך האָב קיינמאָל נישט חושד געווען מרדכי טרעגער אין אַ בכיוונדיקן צוקלייב פון אַ גרינער קאַפּאָטע, וואָס זאָל קאָנטראַסטירן מיט זיין קופּערנער באָרד. אַזאַ צווייקאָלירנדיקער — אַ קופּערנער און גרינער — איז פאַרבליבן איז מיין געדעכעניש דער דאָזיקער שטילער, שוויינגדיקער מענטש, וועלכער איז באַשאַפן געוואָרן אין געטלעכן געשטאַלט און איז שטענדיק געווען איינגעשפּאַנט אין נישט קיין גרויס וועגעלע, וואָס ער האָט געשלעפּט נאָך זיך ווי אַ פערד.

אויב דער רבונו־של־עולם, דער באַשעפער פון דער וועלט, איז איינגעגאַנגען דערויף, אַז אַ מענטש, וואָס איז די אָפּשפּיגלונג פון זיין געשטאַלט, זאָל אַראָפּנידערן צו דער ראָל פון אַ פערד, וואָס קען איך דערצו העלפן?

דער שוואַרצער כיל — אַ דאַרער, אַ הויכער, אַן אויפגעפרעסענער פון סוכאָטע — וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט שווינדלערישער האַזאַרד־שפּיל אין קאָרטן און אין ביליאַרד, האָט אייגנטלעך קיין שטוב נישט געהאַט. דעם גאַנצן טאָג איז ער איבערגעזעסן אין דער איינציקער קאַוויאַרניע אין דער געגנט, אָפּוואַרטנדיק זיינע קאָמפּאַניאָנען, פּונקט ווי ער פאַרסמטע דורך דעם פיבער פון האַזאַרד. זיי האָבן זיך באַוויזן פאַרנאַכט־צו, שווייגנדיק זיך באַגריסט, דערנאָך אריבערגעגאַנגען צוזאַמען מיטן שוואַרצן כיל אין שכנותדיקן צימער, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט פון רעשט קאַוויאַרניע מיט אַ שווערער קאָטאַרע פון טונקל־רויטן קאָליר, און אָנגעהויבן די שפּיל, וועלכע האָט געדויערט ביז אין די שפּעטע נאַכט־שעהן. דער אייגנטימער פון לאָקאַל, אַ נידעריקער ייד מיט אַן אַרויסשטאַרצנדיק בייכל, אין שטיוול מיט כאַלעוועס, וועלכע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט און איינגעלייגט ווי אַ האַרמאָניקע, האָט די שפּילער דערלאַנגט קאַלטע וורשטלעך מיט מושטאַרדע, זומער ווידער — קיכלעך און אייז־קרעם פון אייגענער אויסאַרבעטונג.

עס האָט געטראָפן, אַז דער שוואַרצער כיל איז פאַרשוווּנדן אויף פיל חדשים. דעמלט איז ער זיכער אָפּגעזעסן אַ וועלכן ס׳איז אורטייל פאַר א שווינדל. אָבער ס׳איז אויך אמת, אַז דער שוואַרצער כיל האָט ליב געהאַט צו רייזן. ער איז געפאָרן קיין פאַריז, בריסל, בערלין, אַמסטערדאַם. מעגלעך, אַז ער איז אויך געווען אין רוים. אויב ער זאָל האָבן אַהין דערגרייכט, וואָלט איך שוין געגלויבט, אַז ער איז געווען צווישן די גלויביקע אויף אַן אוידיענץ ביים פויפסט און האָט באַקומען פון אים אַ ברכה.

אויף די אַלע ווייטע רייזעס האָט ער באַדאַרפט האָבן צוואַנ־ציק גראָשן, ווייל אַזויפיל האָט געקאָסט א בילעט אַרויסצוגיין אויפן פעראָן. דער שוואַרצער כיל האָט בלויז געהאַט אַ דאגה מיטן אַרויסבאַקומען זיך אויפן פעראָן — דערנאָך זענען אַלע שוועריקייטן וואָס שייך דעם פאַספאָרט, דער צאָל, דער גרענעץ פאַרשוווּנדן. ער האָט גערעדט דייטש און פראַנצויזיש מיט דער שפּראַך פון דער גרויסשטאָטישער אונטערוועלט, פון די מאַרק־האַלעס, קנייפּעס, תפיסות און פאָליציי־קאָמיסאַריאַטן. ס׳איז מיר שווער צו זאָגן, צי ער וואָלט געענטפערט, ווען מען זאָל אים האָבן געפרעגט אין איינער פון די איראָפּעישע מעטראָפּאָליעס. פונוואַנען ער שטאַמט, אַז ער וווינט אין דער עלטסטער געגנט, וואָס טראָגט אַ נאָמען, וועלכער באַשטייט פון דריי אותיות מיטן צונאָב: קאַלטער.

ער האָט געהאַט אַ חבר, וואָס האָט געהייסן מאַקס. דאָס איז געווען אַ הויכוווקסיקער, ברייטפּלייציקער מאַנספּערשוין מיט אַן אַטלעטישן קערפּער־בוי, וועלכער האָט געשפּרייזט שווער מיט דער ברייטער פעסטער ברוסט פאָרויס. מיט יאָרן צוריק האָט ער פאַרלאָזט די היים, שפּעטער האָט ער, נאָך אַ פּיליעריקער דינסט אויף דייטשישע שיפן פון האַנדלס־פלאָט, צוריקגעקערט צו זיין קוואַרטאַל. דייטש האָט ער גערעדט מיטן האַמבורגישן דיאַלעקט, געקייט גרויסע שוואַרצע שטיקער געפּרעסטן טאַבאַק, געהאַט מאַטוּאירט די אָרעמס און די ברוסט און געזונגען מאַטראָסן־לידער מיט אַ נידעריקער, שיכורלעכער שטים. ביי אַ קופּעל ביר האָט ער דערציילט שעהן־לאַנג פון זיינע ווייטע רייזעס: מיט זיינע געשיכטעס האָט ער די איינוווינער פון קוואַרטאַל אַרויס־

געצויגן פון זייערע פיר ווענט און זיי אַוועקגעפירט אין ווייטע לענדער דורך ימים און שטעט מיט אויסטערלישע, קיינמאָל נישט געהערטע נעמען. אין די קליינע הייזקעס האָט פּלוצעם אַ ווייע געטאָן מיט דער ברייטער וועלט, מיט אומגעווייגלעכע רייזעס און פּאַסירונגען. און ער האָט בשפע געשאָטן אויף די פּאַרזאַמלטע מיט מעשיות, בילדער, אַנעקדאָטן, וועקנדיק קנאה, אומרו און שטרעבונגען, וואָס לאָזן זיך נישט פּאַרווירקלעכן.

ס'איז שווער דעם שוואַרצן כיל, אָדער מאַקסן פּאַררעכענען צו די גאָטספּאָרכטיקע מענער פון דער געגנט. כ'שטעל מיר פּאָר, אַז דער שוואַרצער כיל, וועלכער האָט באַזוכט די פּאַרדעכטיקע קוואַרטאַלן פון בערלין, פּאַריז, בריסל, דעסגלייכן מאַקס דער מאַטראָס, וועלכער איז געשווומען איבער אַלע ימים פון דער וועלט, האָבן געקענט נישט קיין איין זנות-הייזל, זיך אָפּגעגעבן פּאַרשידענע האַזאַרד-שפּילן און אָן אַ שיעור געזען אין דער צייט פון זייערע פרייוויליקע, אָדער געצווונגענע וואַנדערונגען.

אין דעם אַלטן קוואַרטל, וועלכער האָט זיך געפונען האַרט ביים טייך, אין שאָטן פון די חורבות פון אַ שלאָס, וואָס האָט געשטאַמט פון די צייטן פון קאַזשימיעזש דעם גרויסן, האָבן זיי געהאַט אַ האַרציקן חבר, וועלכער האָט געהייסן מאַנעלע טרייסטער.

איך ווייס נישט, צי טרייסטער איז געווען זיין פּאַמיליע-נאָמען צי בלויז אַ צונאָמען, כאָטש וועמען האָט געקאָנט טרייסטן דער דאָזיקער מענטש מיט דער פירקאַנטיקער פיגור, גראָב געשניצטן קאָפּ און מיט הענט און פיס, וועלכע האָבן געהאַט אַזאַ פאָרם, ווי עס קענען נאָר האָבן מענטשלעכע גלידער, וואָס שלעפּן פיל יאָרן די שווערסטע משאות — פייער-קאַסעס און פּאָרטעפּיאַנען, וועלכע די קויפער האָבן אים געהייסן אויסשטעלן אין גרויסע און ליכטיקע צימערן.

נאָך דער אַרבעט, אין מינוטן פרייע פון מי און באַשעפטיקונג, איז מאַנעלע טרייסטער געזעסן מיט זיינע חברים אין בירשענק, וועלכן ער האָט געהאַלטן פאַר זיינעם, ווייל ער איז אין דער שענק געווען אַן אַריינגייער פון יאָרן-לאַנג און אַלע האָבן אים דאָרט גוט געקענט. אין אַזעלכע בירשענק, וועלכע מען האָט גערופן אויפן נאָמען פון באַלעבאָס אָדער באַלעבאָסטע, האָט

מען אין געוויינלעכע טעג דערלאַנגט הערינג, ביר, הייסע אַרבעס אָדער באָב, געפעפערטע גענדזענע פיפקעס, פרייטיק ווידער האָט מען די געסט מכבד געווען מיט געקאָכטע פיש, וועלכע זענען געווען פאַרזונקען אין אַ זילבערנער יויך און געשמעקט מיט ביטערע מאַנדלען, ציבעלקעס און מייערלעך. אויף דעם טיש האָט זיך באַוויזן גאָלדקאָליריקער פעטשאַ מיט אַ שאָרסטקע ווייס הייטל פון פעטס, ווי דער הויך פון פראָסט זאָל איבערלאָזן אויף דעם אַ נישט פאַרבייגייענדיקן שפור; מען האָט דערלאַנגט גלייך פון אויוון אַרויס הייסע גענדזלעך פון קופערנעם קאָליר, פון וועלכע ס'האָבן גערונען שטראָמעלעך געדיכטער סאָס. מאַנעלע טרייסטער אין געזעלשאַפט פון זיינע פריינד — טרעגער, באַלעגאָלעס און דער עיקר פון שוואַרצן כילן און מאַקסן — האָט זיך געזעצט צום טיש צווישן טומל און געלעכטער.

ווייל אָט איז אָנגעקומען דער פרייטיקדיקער טאָג, דער טאָג פון איינזייטיקער באַדינונג. מאַנעלע טרייסטער האָט פאַרענדיקט זיין וואָכעדיקע האָרעוואַניע און איצט האָט מען אים באַדינט, ער איז געוואָרן דער פריץ! פאַר אים שטייט עם ביילע דאָבעס ביים אויוון אַ גאַנצע נאַכט פון דאָנערשטיק אויף פרייטיק, כדי צו פאַרגרייטן צו דער צייט די יום=טובדיקע מאכלים, וועלכע מען עסט רואיק, אָן איילעניש אין אַ פריילעכער געזעלשאַפט, פאַר וועלכער עם זענען אויך צוגעגרייט עטלעכע פעסלעך ביר. דאָס זענען געווען שעהן, אַרויסגעריסענע פון שווערן לעבן, וועלכע האָבן זיך אין ביילע דאָבעס בירשענק צעפינקלט אין די פרייטיק=צונאַכטסן מיט דער שיין פון שבת=ליכט און פאַרשמעקט מיט וואַרעמקייט און זאַטקייט.

דערנאָך האָבן זיי זיך אומגעקערט אין זייערע היימען.

אין די פרייטיק=צונאַכטסן האָבן אין די נידעריקע הייזקעס געברענט ליכט און מעשענע לייכטער און מען האָט געזונגען זמירות. דער ווינטער האָט די קולות געהעמט, פאַרקלאַמערט זיי אין שטומקייט. אָבער זומער האָט דאָס בציבורדיקע לעבן צוגעגעבן דער געגנט אַ סך גלאַנץ. גאַנצע משפחות האָבן אויף די לאָנקעס, וועלכע האָבן זיך געשפרייט ביי די הייזער, אַרויסגעטראָגן קאָלדרעס און קישנס און זיך געלייגט שלאָפן אין שאָטן פון די ביימער. אויף דער הויכקייט פון שלאָס איז אַרויסגע=

קראָכן אַ הייסער נאָכמיטאָג. אין די אַלטע ווענט, אינעווייניק אין שוואַרץ געוואָרענעם טורעם, האָט געהודזשעט ווי אין אַ רעדער די פינצטערניש, וועלכע האָט זיך פאַרענדיקט אין דער הייך ביי דער אויסגעשטשערבעטער עפענונג מיט אַ פלאַטערנדיקן שיכט פון בלויקייט. אויף די לאָנקעס, ביים ברעג פון טייך האָבן די פריי־געלאָזענע באַלעגאָלעשע פערד פּאַמעלעך געשטשיפּעט דאָס גראָז.

אַ געוויסע צייט איז באָקס אַריין אין דער מאָדע ביי אונדז אין שטאָט. אין די צירקן, וועלכע האָבן באַזוכט אונדזער כרך און וועלכע האָבן געטראָגן אַזעלכע נעמען ווי „גוויאַזדאַ“, „מאָדערנאָ“, אָדער „צירק פון די ברידער סטאַניעווסקים“ זענען נאָך די טראַדיציאָנעלע אויפטריטן פון קונצנמאַכער, קלאָונען, העלזער, באַצווינגער פון לייבן און ווילדע פערד, יפת־תוארס אין קאָסטיומען באַהאָנגענע מיט גלאַנציקע בלעכלעך, וואָלטיזשערקעס, וועלכע האָבן געוועקט יוגנטלעכע פאַנטאַזיעס און ווייטיקלעכע באַגערן, שמייכלענדיקע מיידלעך אויף צעוויגטע טראַפּעזן — געקומען די באָקס־נומערן. די אַרענע, דורך וועלכער עס האָבן נאָר וואָס דורכגאַלאָפּירט פערד, האָט מען באַשיט מיט זאַמד, אָדער מיט גאָלדן זעגעכץ, אויסגעשפּרייט אַ ראָגאָזשע און נאָך אַ טומלדיקער באַגריסונג האָבן זיך אין ליכט פון רעפלעקטאָרן באַוויזן די באָקסער. זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אין פּאָרלעך פאַרן פּובליקום און באַגריסט מיט אויפגעהויבענע אָרעמס, ווי זיי זאָלן מיט דעם דאָזיקן זשעסט אָנפאַרטרויען די פאַרזאַמלטע די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם אויסגאַנג פון זייער קאַמף.

איך געדענק, עס איז אַמאָל אַרויסגעטראָטן ביי אונדז אין שטאָט דער אַטלעט גאַרקאָוויענקאָ, אַן אומבאַזיגבאַרע וועלט־באַרימטהייט. אין אונדזער עלטסטן קוואַרטאַל האָבן אים רעקלאַמירט אַפישן, וועלכע זענען צוליב שפּאָרזאַמקייט געווען געדרוקט מיט הילצערנע קלעצלעך, אָנשטאָט געוויינלעך אין אַ דרוקעריי. נישט קוקנדיק אויף דעם, האָט דער פּלאַקאַט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם. מיר האָבן זיך נישט געקענט רירן פון אָרט, באַרוישטע פון דעם אומגעוויינלעכן ספּעקטאַקל, וואָס אונדז דערוואַרט. ווייל קעגן גאַרקאָוויענקאָ האָט באַדאַרפט אַרויסטרעטן אַ געהיימער אַטלעט, וועלכער איז אויפן אַפיש אָנגערופן געוואָרן „די שוואַרצע מאַסקע“. דער אַטלעט האָט ווירקלעך געטראָגן אין

צייט פון קאַמף אַ שוואַרצע מאַסקע, עס האָט אים אויך נישט פאַראַטן די שטים, ווייל ער האָט געשוויגן. „די שוואַרצע מאַסקע“ האָט געזיגט!

ווער איז געווען „די שוואַרצע מאַסקע“? פונוואַנען האָט ער זיך גענומען, ווו איז ער געווען ביז איצט, אַזאַ באַשיידענער, וואָס לייגט קיין אַכט נישט אויף כבוד און רום? פאַרוואָס האָט ער נישט געוואָלט אויפדעקן דאָס געזיכט, דעם נאָמען? וואָס האָט געשטעקט הינטער דער האָזיקער געהיימנישפולער אויסטערלישער געשיכטע, וועלכע האָט דאָך נישט געקענט בלייבן פאַרבאָרגן אַ לאַנגע צייט, אויף וויפל זי האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף דער קיילעכדיקער אַרענע אין ליכט פון רעפלעקטאָרן, אין דער אַנוועזנהייט פון הונדערטער צושויער, פאַרזאַמלטע אונטער דעם אויפגעשטעלטן געצעלט פון וועלט־באַרימטן צירק „מעדראַנאָ“? אַ געהיימנישפולער מענטש, זיין באַוויזן זיך און פאַרשווינדן—האָט צעשפּילט די פאַנטאַזיע, זי געוועקט און געררייצט. די מענטשן, וועלכע קענען די הינטערקוליסן פון די צירק־קאַמפן, האָבן פאַרזיכערט, אַז דער דאָזיקער ענין איז בכלל נישט קיין ריינער, ווייל ביז איצט האָט זיך נאָך נישט געטראָפן, אַז אַ וועלכער ס׳איז אַמאַטאָר, אַ קיינעם נישט באַקאַנטער אַטלעט, זאָל באַזיגן אַזאַ באַרימטהייט, ווי דאָס איז גאַרקאָוויענקאָ.

ווער זשע איז אַזוי איז געווען „די שוואַרצע מאַסקע? ער האָט געקענט זיין אַן אַטלעט, וואָס טרעט אויף אין די אייראָפּעיִשע הויפּטשטעט, אפשר איז ער געווען פון מאָסקווע, און אפשר פון בערלין, לאָנדאָן, פּאַריז. קיינער האָט דאָס נישט געקאָנט באַשיידן. ווי שוין געזאָגט, האָט „די שוואַרצע מאַסקע“ אין צייט פון קאַמף מיט גאַרקאָוויענקאָ נישט אַרויסגערעדט קיין איינציק וואָרט, קיין געשריי נישט געטאָן, קיין סיקע נישט, אין דער צייט, ווען גאַרקאָוויענקאָ האָט יאָ איין מאָל און אַ צווייט מאָל אַ קרעכץ געטאָן אויף רוסיש. צי האָט אויב אַזוי „די שוואַרצע מאַסקע“ נישט געקענט זיין קיין ענגלענדער, קיין פראַנצויז, קיין איטאַליענער? אַזוינס איז אין אונדזער שטאָט נאָך נישט געווען!

עס האָט מיך געמאַטערט דער אופן פון פאַרהאַלטן זיך פון דעם דאָזיקן גיבור און אַטלעט, וועלכער האָט אויסבאַהאַלטן זיין

פנים און נאָמען. פאַרוואָס האָט ער זיך נישט אַנטפּלעקט נאָכן אָפּהאַלטן דעם נצחון? צי האָט ער זיך געשעמט מיט זיין אַרויסטריט? אויב אַזוי, צו וואָס זשע איז ער אַרויסגעטראָטן? צי האָט ער זיך געשעמט מיטן אויסגאַנג פון קאַמף? ער האָט דאָך געזיגט!

די דאָזיקע אַלע ענינים האָבן אין דער מינדסטער מאָס נישט אַנטערעסירט דעם שכן פון מאַנעלע טרייסטער, דעם דאַרן, בלאַסן זיבעצניעריקן בחורל. דעמלט, ווען איך האָב אים דערזען, האָט מען אים גערופן רבל, און אפשר האָט ער ווירקלעך דערמאָנט אין די נזירים, וואָס פלעגן פראַווען התבודדות. ער האָט געהאַט אַ בלייך, ביינערדיק פנים און אָפּגעבליאַקעוועטע אויגן. ווען ער איז אַ צייט פון באָדן זיך אין טייך געווען ביז אַ העלפט פאַרזונקען אין וואַסער, איז ער געווען ענלעך צו אַלע אַנדערע פון זיין עלטער: ער האָט געהאַט אַן איינגעפאַלענע ברוסט און אַ טונקל-ברוינע קאָליר פון דער הויט, בלויז די געקרייזלטע שטייפע האָר האָבן אים צוגעגעבן אַן אויסטערלישן אויסזען. אָבער נישט די האָר זענען געווען די סיבה, וואָס אין דער עלטסטער געגנט פון שטאָט איז דאָס בחורל געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען רבל. דעמלט האָב איך קיינמאָל נישט געהערט זיין אמת׳ן נאָמען. דאָס בחורל האָט געלערנט אין אַ בית = מדרש, ער האָט געזאָלט אין דער צוקונפט ווערן אַ רב.

זיין פאָטער, אַן אַלטער איינגעהויקערטער מענטש, וועלכער איז געווען באַשעפטיקט אַלס טרעגער אין אַ וואַסער-מיל, וואָס איז געשטאַנען אַ געהיימע און שוואַרצע ביי אַ הרעבליע, וועלכע האָט אין דעם אָרט אויפגעטורעמט דאָס וואַסער, וואָס איז געפאַלן אויף דער מיל-ראָד, האָט זיין איינציקן זון באַשטימט צו זיין אַ דינער פון גאָט. ער האָט אים געוואָלט אויסבילדן אויף אַ גאָטספאָרכטיקן מאַן, וואָס איז טריי דעם יידישן גאָט, אויף אַ מאַן, וואָס פאַרשפרייט תורת-משה צווישן די גלויביקע, וועלכע באַשענקען מיט אַ סך כבוד און אַכטונג די באַהאַוונטע אין די הייליקע ספרים און אין זייערע טיפענישן.

אָפט האָב איך געמיטן נישט קיין גרויס טונקל הויז, פון וועלכן עס זענען דערגאַנגען קולות, דערשטיקטע ווערטער און געזאַנגען, וואָס זענען געווען פול מיט קלאָגעניש... אין די לאָקאַלן

פון דער שול, וועלכע האָבן קיינמאָל קיין זון נישט געזען און ווי דער פראָסט, פאַרקלעמט הינטער די גראָבע ווענט, האָט זיך געברודערט מיט דער דושנעקייט פון די ענגע פאַרמאַכטע צימערן — האָט זיך אויך צוגעגרייט צו זיין מיסיע דאָס רבל.

אין די הייסע זומערדיקע טעג, פאַרנאַכט־צו, ווען די מאָס פון צייט ווערט דער אַלץ מער טונקל־ווערנדיקער האָריזאָנט, איז דאָס רבל געקומען צום טייך. מיר פלעגן דעמלט האָבן פאַרענדיקט די פוטבאָל־שפּיל און מידע אַראָפּציען די פוטבאָל־שיך, נישט געטאָן האָט דאָס בלויז דער קרומער יאָסל. דערנאָך האָבן מיר אויסגעטאָן די העמדלעך, כדי אין אַ ווײַלע אַרום אַרײַנצושפּרינגען אין וואַסער. אונזערע מלבושים, העמדלעך און הייזלעך, די דאָזיקע צווייפלהאַפטע סימבאָלן פון אָנגעהעריקייט צו אַן אַנדער וועלט, זענען געבליבן אויפן ברעג און מיר זענען אַרויסגעשווומען אַ גאַנצע חבֿרה.

דאָס רבל האָט זיך געבאָדן אין אַ זייט, ווייט פון מענטשן, אין אַן אָפּגעזונדערט אָרט, וווּ ס'איז געווען גענוג טיף. כ'האָב אים נישט איין מאָל אָבסערווירט. ער איז אויסגעצייכנט געשווומען. ער האָט גלייך בײַם ברעג אַרונטערגעטויכט און ווייט אָפּגעשווומען אונטערן וואַסער, באַווײַזנדיק זיך ערשט נאָך אַ לענגערער ווײַלע, מיט די נאַסע האָר צוגעקלעפּט צום שטערן. נישט פאַרשאַרנדיק די לאַנגע פאות, וועלכע האָבן ווי אין שוואַרצע פאַסן אײַנגערעמט זײַן בלייך געזיכט, האָט ער זיך גלייך געלאָזט מיטן שטראָם. ער איז מאָדנע געשווומען. ליגנדיק זיך אויף דער רעכטער זייט, האָט ער דעם לינקן אָרעם אַרויסגעוואָרפן איבערן וואַסער און מיטן קאָפּ, וועלכן ער האָט אויסגעשטרעקט קווער פאָרויס, געשטופּט די כוואַליע, באַקעמפנדיק אַזוי אַרום דעם דרוק פון וואַסער. דערנאָך איז ער אַרויסגעגאַנגען אויפן ברעג און, פאַרשטעלנדיק זיך מיט די ווערבעס, שנעל זיך אָנגעטאָן און אַוועק אַליין אַהיים, פונוואַנען אין אָוונט, ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט צוריק אין שטאָט, עס איז צו אונדז דערגאַנגען אַ געדעמפּט געזאַנג.

אין איין הייסן טאָג נאָך שבֿועות, ווען די הוילע פעלדער האָבן אונדז באַוויזן, ווי ריזיק עס איז דער נאַקעטער שטח, זענען צום טייך געקומען רייטנדיק מאַנעלע טרייסטער, מאַקס און דער

שוואַרצער כיל. זיי האָבן געהאַט אונטער זיך געזונטע באַלעגאַלעשע פערד, ווקסיקע און פעסטע, וועלכע האָבן אַ גאַנצן טאָג געשלעפּט וועגענער און פּלאַטפאָרמעס, אויף וועלכע מען האָט געפירט צו די קראָמען און מאַגאַזינען פון צענטער זעק מיט מעל, קאַשע, צוקער, לעדער, מאַנופאַקטור, קאַסטנס און בעסער. ווען ס'איז צוגעפאַלן דער אָוונט זענען די פערד געקומען אויף די לאַנקעס ביים טייך, כּדי זיך אויסצובאָדן, אָנטרינקען זיך און דורכבריקעווען. זייער פעל האָט געגלאַנצט, זיי האָבן אַרויסגעגעבן אַ שטיל הירזשען, און דער שווייגנדיקער מרחק האָט זיי פאַרגיטיקט פאַר דער טומלדיקער שטאָט, וואָס איז פול מיט היץ, מיט שטויב, מיט הילכיקע קריגערייען און געשרייען.

די פערד האָבן זיך צעיאָגט. די דריי רייטער, וועלכע זענען געזעסן פעסט אין זאָטלען, האָבן צעוואָרפן אין דער ברייט די אָרעמס און אָנגנעמענדיק זיך פאַר די הענט געפלויגן פאָרויס, ווי אַ באַוועגלעכער פלויט, וועלכער שאַרט מיט זיך מיט די טונקלקייט און שטילקייט. אַלע זענען געווען נאַקעט.

און אָט זענען זיי צו צום ברעג. די שורה האָט זיך געבראָכן. די פערד האָבן זיך פאַנאַנדערגעטיילט און אָנגעהויבן פּאַמעלעך אַריינגיין אין וואַסער. דאָס ערשטע פערד, אויף וועלכן עס איז געזעסן מאַנעלע טרייסטער, האָט קאָנטראָלירט מיט דעם פוס די טיף. עס האָט דאָס געטאָן פאָרזיכטיק, מינוטנווייז האָט זיך אויסגעהאַכט, אַז דער שטראָם וועט אַוועקטראָגן דעם שלאַבעריקן פוס פון דער חיה.

דעמלט האָט מאַנעלע טרייסטער באַמערקט דאָס זיך באָדנדיקע רבל. נישט ווילנדיק בין איך געוואָרן דער עדות פון אַ געשיכטע, וועלכע איז געבוירן געוואָרן אין דעם בין־השמשות. דער בין־השמשות האָט געבוירן אַ נייעם צונאָמען, וואָס האָט זיך אויף אייביק באַהאָפטן מיטן רבל.

דער שוואַרצער כיל איז שנעל צוגעריטן צום אָפּגעלעגענעם אָרט, ווו עס האָט זיך געבאָדן דאָס איינזאַמע ייִנגל און, דערזעענדיק דעם קומענדיקן רב, האָט ער אויסגערופן:

— זאָג נאָר, וואָס וועט פון דיר זיין?

וויפל זאָרגלאָזיקייט איז געווען אין דער שטים פון דעם מענטשן, וועמענס געשטאַלט עס האָט מיר שטענדיק דערמאָנט

די קאַוואַרניע מיט דעם ביליאַרד־טיש! ביים טייך איז אויסער אונדז שוין קיינער נישט געווען. מאַקס, פּאַרציעגדיק די לייצעס פון זיין פערד, האָט נאָך אונטערגעהויבן די פּאַסטראָמקעס, וועלכע האָבן פאַרטראָטן שפּאָרן, און זיך צוגעהערט צום שמועס, וועלכער איז געווען געפירט פונדערווייטנס אין דער טונקל. מאַנגעלע טרייס־טער, פּאַרזונקען איבער די קני אין וואַסער, האָט אויסגעוואַרט ביז דאָס פערד וועט קאָנטראָלירן דעם דנאָ.

דאָס ייִנגל איז אַרויס אויפן ברעג און, שמעלנדיק זיך הינטער די ווערבעס, שנעל אַרויפגעצויגן אויף זיך דאָס העמד. די שוואַר־צע האָר האָבן געקלעפּט עקשנותדיק צום שטערן, און די לאַנגע פּאות האָבן איצט אויסגעזען גראָטעסקאַרטיק.

— פון מיר? — האָט ער אַ פרעג געטאָן מיט אַ ציטער אין דער שטים.

— יאָ, פון דיר! — האָט אויסגעשריגן דער שוואַרצער ביל. זיין טאָן איז געווען אַ קריגערישער, אַן אָנגרייפערישער.

— אַ רב.

— דו אַ רב? — האָט פון דער הייך געפרעגט דער שוואַר־צער ביל מיט אָפּגעם הויזק.

— יאָ — האָט אָפּגעענטפערט דאָס ייִנגל מיט אַ דערשטיקט קול, אין וועלכן עס זענען געווען פאַרשעמטקייט און אומזיכערקייט.

— אָבער נישט ביי אונדז! — האָט געזאָגט דער שוואַרצער ביל. — מיר ווילן נישט אַזאַ רב. ביי אונדז אין קאַלטן — דאָ האָט ער צוגעגעבן דעם דרייבוכשטאַביקן אויסדרוק — וועסטו קיינ־מאָל נישט זיין קיין רב.

דאָס ייִנגל האָט נישט געפרעגט די סיבה פון דעם אורטייל. ער איז געווען איבערראַשט. נישט איבעררייסנדיק דאָס אָנטאָן זיך, האָט ער זיך איינגעקוקט אין רייטער. דעמלט איז מאַקס צוגעפאָרן נעענטער און געזאָגט:

— אונדזער רב מוז קענען רייטן אויף אַ פערד.

— צו וואָס? — האָט דאָס ייִנגל געפרעגט מיט פאַרווונ־דערונג.

— וואָס הייסט צו וואָס? אַז ער זאָל זיין אונדזערער, פאַר־שטייסט? אַז ער זאָל זיין גלייך מיט אונדז, אַז ער זאָל זיך מיט

גאָרנישט אונטערשיידן, אַז ער זאָל זיך נישט גרויסהאַלטן און האַלטן די נאָז פאַרריסן!

די זון איז שוין געהאַט פאַרגאַנגען אונטערן האָריזאָנט און דריי נאָקעטע רייטערס — אַ קאָרטנשפּילער, טרעגער און מאַט־ראָס — האָבן דעם קומענדיקן גאַטספּאַרכטיקן מאַן געמאָלן: דעם טרויעריקן אמת. מאַנעלע טרייסטער האָט דערזאַגט:

— דער עלטסטער טייל פון שטאָט וועט האָבן אַזאַ רב, וועל־כער וועט זיין אונדזערער, פון קאַלטן...

— איך בין פון דער געגנט.

— דאָס ווייס איך, איך קען דיך, דו ווינסט לעבן מיר, אָבער וואָס האָסטו געמיינזאַמס מיט אונדז?

אויף די לאָנקעס האָט דער אָוונט זיך שוין אַראָפּגעלאָזט פּולשטענדיק. דאָס ייִנגל האָט געשוויגן.

— דו דאַרפסט דאָך אונדז דינען — האָט געזאָגט מאַקס.

— און זיין דער פאַרמיטלער צווישן אונדז און דעם רבונו־של־עולם — האָט צוגעגעבן מאַנעלע טרייסטער.

— דו! — האָט פּלוצעם ענערגיש אויסגעשריגן דער שוואַר־צער כיל. — איך האָב דיר שוין געזאָגט: אונדזער רב מוז קענען פאָרן רייטנדיק אויף אַ פערד. קיין אַנדערן ווילן מיר נישט אויסקלייבן.

— אַזוי איז עס — האָט אונטערגעכאַפּט מאַקס. — באַווייז וואָס דו קענסט.

— איך קען נאָר די הייליקע ספרים: גמרא, משניות, מדרש — ער האָט זיי פּאַמעלעך אויסגערעכנט. — דאָס איז פאַר מיר גענוג.

— און פערד האָט נישט גאָט באַשאַפן? — האָט געזאָגט מאַנעלע טרייסטער — קיין פערד דאַרף מען נישט קענען? זע, ווי דאָס פערד שטייט מיט מיר צוזאַמען איבערן וואַסער און אונדזער בילד שפּיגלט זיך אָפּ אין דער טיף. צי שטעקט נישט אין דעם די האַנט פון דער השגחה?

— איך האָב מורא — האָט דאָס ייִנגל געזאָגט.

— פאַר אַ פערד?

— יאָ.

— מיר וועלן נישט האָבן קיין דרך־ארץ פאַר אַ רב, וואָס האָט מורא פאַר אַ פערד. דאָס וועט זיין נישט קיין ריכטיקער רב.

דאָס ייִנגל איז שוין געווען אָנגעטאָן, נאָר ער איז נאָך אַלץ שרעקעוודיק געשטאַנען הינטער די טונקעלע קוסטעס. די דריי רייטער האָבן געשוויגן.

— זעץ זיך אַרויף! — האָט אויסגערופן מאַקס און אַראָפּ־געשפּרונגען פון פערד.

— איך האָב מורא.

— האָב קיין מורא נישט. מאַנעלע טרייסטער וועט דיר העלפן. ער איז געווען „די שוואַרצע מאַסקע“.

איך בין געבליבן שטיין ווי פּאַראַליזירט, טיף גערירט פון דער דאָזיקער ידיעה. אין האָב אַ קוק געטאָן אַהין, וווּ ס'איז גע־שטאַנען מאַנעלע טרייסטער, די „שוואַרצע מאַסקע“, די באַ־רימטע „שוואַרצע מאַסקע“, וועלכע האָט באַזיגט דעם וועלט־באַרימטן אַטלעט גאַרקאָוויענקאָ, דאָס איז מאַנעלע טרייסטער!

דאָס ייִנגל האָט דערווייל געזאָגט:

— איך ווייס גאָרנישט וועגן דער „שוואַרצער מאַסקע“ און קען נישט קיין גאַרקאָוויענקאָ.

— וואָס הייסט — האָט אויסגעשריגן מאַקס — דו ווייסט גאָרנישט וועגן דער „שוואַרצער מאַסקע“ און ווילסט זיין רב אין אונדזער קוואַרטאַל, אין וועלכן עס לעבט דער זיגער פון גאַרקאָ־וויענקאָ! אַזוי וועט נישט זיין! זעץ זיך אַרויף, זאָג איך דיר! — האָט ער נאָכאַמאָל אַ געשריי געטאָן, אָנווייזנדיק אויפן פערד.

מאַקס האָט געהאַלטן דאָס פערד פאַר דער מאָרדע, מאַנעלע טרייסטער האָט מיט כוח געכאַפּט דאָס ייִנגל אין דער העלפט און אַרויפגעזעצט. די שוואַרצע פאָלעס פון דער לאַנגער קאַפּאָטע האָבן צוגעדעקט די פיס פון איבערגעשראָקענעם רייטער, וועלכער האָט אויסגעצויגן די הענט פאָרויס.

מאַקס האָט אַ סמאָקע געטאָן, דאָס פערד האָט פּאַמעלעך גערירט.

איך האָב זיך צוגעקוקט צו דער סצענע שווייגנדיק. אין דער טונקלקייט האָט דאָס פערד מיטן ייִנגל אין דער אַרומריגלונג פון דריי נאַקעטע מאַנסלייט ווי אָפּגעריסן זיך פון דער ערד. דער שוואַרצער רייטער, אָנגעבויגן אויף פאָרויס, האָט זיך אַלץ מער

דערווייטערט און פון ביידע זייטן פערד זענען געלאָפן מאַקס און מאַגעלע טרייסטער. בלויז דער שוואַרצער כיל איז געבליבן אויפן ברעג.

די לבנה האָט באַזילבערט דעם טייך, וועלכער האָט מיך געהאַלטן ווי מיט לייצעס. די לאָנקע האָט זיך צעהילכט. דערנאָך האָב איך איבערגעשניטן די פייכטע לאָנקע און מיט דער סטעזשקע דערגרייכט צו די ערשטע הייזער פון דעם עלטסטן קוואַרטאַל אין שטאָט.

II

דער זומער איז געווען אַ הייסער. די פעלדער אין דער היץ זענען געלעגן גראָע, נעבעכדיקע. אין פוטבאָל האָבן מיר אָנגעהויבן שפילן ערשט פאַרנאַכט־צו, ווען דער ווינט האָט פון די בלאָטעס געבראַכט צוטראָגן א ריח, וואָס האָט ארויסגערופן אַן איבל. מיר זענען מיט געשרייען נאָכגעלאָפן דעם באַל אין דער זייט פון האָריזאָנט, וועלכער האָט באַלד באַדאַרפט איינשלינגען די זון, און ביים צוריקשליידערן דעם באַל זענען מיר געלאָפן אין דער פאַרקערטער ריכטונג, ווו דער האָריזאָנט איז שוין געווען איינגעהילט אין מילדן דעמער. מיר זענען שוין געווען פאַרמאַטערט, נאָר אַלץ נאָך פאַרביסן, איינגעעקשנט, פאַרברודיקטע פון שטויב, וועלכער האָט געקלעפט צו אונדזערע קני, צו די הענט, צום פנים. עס האָט אונדז נישט געלאָקט דער אָנגעוואַרעמטער, הייסער, שליימיקער טייך, וועלכער איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ פלאַכער.

דאָס וואַסער איז אָפּגעפאַלן אויף אַ קענטיקן אופן. יעדן טאָג האָבן מיר אויפן זאַמד געטראָפן אַ פייכטן לענגלעכן שפור, וועלכער האָט פאַרברייטערט דעם פליאַזשע־פאַס. דעם צווייטן טאָג איז דער ברעג ווידער געוואָרן אַ ביסל ברייטער. דאָס וואַסער פלאַכער, ערשט ווען דער פאַרנאַכט איז צוגעפאַלן, זענען מיר אַריינגעשפרונגען אין טייך, וועלכער האָט אונדז קיין פאַרלייכטערונג נישט געבראַכט.

דעמלט האָבן זיך באַוויזן די דריי רייטער. זיי האָבן אויסגעקליבן די צייט, כדי אָפּצוואַשן די פאַרהאָרעוועטע קערפערס און

געניסן פון אַ ביסל קילקייט, וואָס קיינער פון זיי האָט אין משך פון הייסן טאָג נישט געהאַט — דער שוואַרצער כיל ביי זיינע קאָרטן און ביליאַרד, מאַקס און מאַנעלע טרייסטער ביים טראָגן און איבערפירן די משאות. זיי זענען געקומען צו פאָרן נאַקעטע אויף די פערד, וועלכע זיי האָבן דערנאָך אַרומגעוואַשן און אָנגעטרונקען. אָפּגעלאָזטע אויף פריי, האָבן די פערד פאַמעלעכן געשפּרייזט און מיט אָנגעבויגענע קעפּ געריסן גראָז, וואָס איז היי־יאָר נישט געווען בשפע.

צו דער צייט האָט זיך אויך באַוויזן דאָס יינגל, וואָס האָט געלערנט זיך אויף אַ רב. ער איז אַוועקגעגאַנגען ווייט און פאַרשטעלט הינטער די קוסטעס אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די טראַדיציאָנעלע יידישע מלבושים, דערנאָך איז ער אַריין אין טייך. אָבער פון יענעם אָוונט, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל געריטן אויפן פערד, האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַנדער, ניי לעבן פאַר דעם קומענדיקן תלמיד־חכם, דעם בקי אין די הייליקע ספרים.

איך ווייס ביז היינט נישט, צי די דראָונג פון די דריי נאַקעטע רייטערס, וועלכע איז געמאַכט געוואָרן מיט שפּאַס און אָן שום קונצן, האָט אַזוי געטראָפן אין פינטל; איך צווייפל, צי די פּערספּעקטיוו פון פאַרשפּילן אין די ווייטע וואַלן די שטעלע פון אַ רב האָט אַזוי דעצידירט געווירקט אויף דער אַלץ וואַקסנדיקער ליבע צו פערד. איך בין זיך גיכער משער, אַז דאָס יינגל, אַרויסגעריסן פון קאַלטן, פינצטערן חדר, האָט אַזוי שטאַרק דערפילט דעם טעם פון פרייהייט אין דער באַוועגונג פון יאָגנדיקן פערד, אין דער בייגעוודיקייט פון זיין קאַרק, אין זיין אויסערגעוויינלעכער קראַפט, אַז ערשט איצט האָט ער דערקענט זיין אייגן ביטער מזל.

דערזעענדיק די אָנקומענדיקע רייטער, האָט ער זיך שנעל אָנגעטאָן און געוואַרט ביז איינער פון זיי וועט אים אַוועקגעבן די לייצעס. אַ געוויסע צייט האָבן זיי אים צוגעהאָלפן ביים אויפשטייגן, שפּעטער האָבן זיי דאָס איבערגעלאָזט פאַר אים אַליין. דאָס יינגל האָט זיך אַלץ בעסער אַן עצה געגעבן.

ער האָט געיאָגט איבער פעלדער, אויפהייבנדיק אין דעם צוגעפאַלענעם בין־השמשות קליינע וואָלקנדלעך שטויב, דערנאָך האָט ער צוריקגעקערט מיט אַ שטומער פרייד, וועלכע ער האָט

מיט שווערקייט פאַרבאָרגן. אין אַ געוויסן אָוונט, ווען דאָס ייִנגל האָט געהאַלטן אין מיטן אויפשטייגן, האָט דער שוואַרצער כּל־דאָס פערד געמאַכט שפּרינגען, אָבער גיכער געקוקט אויף דעם, איז ער אויפגעזעסן. אינגיכן האָט דאָס ייִנגל אָנגעהויבן אַרומ־לויפן אַנטקעגן די רייטער גלייך ביים אַרויסגיין פון טייך און נאָך אַ נאַקעטער, אַ נאַסער מיט די שוואַרצע געדיכטע האָר אַרום דעם בלייכן פּנים, געכאַפּט דאָס פערד, אויפגעזעסן און אַוועק־געיאָגט אין דער ווייט.

אין דעם בילד איז געווען עפּעס געשפּענסטיקס און אומ־באַגרייפלעכס. דאָס נאַקעטע ייִנגל אויפן פערד איז פּלוצעם גע־וואָרן ענלעך צו די מענטשן, וועלכע האָבן אין לעבן זיך פאַרנומען מיט פאַרשיידענע פּראָפעסיעס: געשפּילט אין ביליאַרד, געשוווּמען אויף ווייטע ימים און געשלעפּט אויף זיך פייער־קאַסעס.

עס האָט זיך דערנענטערט דער האַרבסט.

אין דעם עלטסטן קוואַרטאַל פון דער שטאָט איז דער האַרבסט אומבארחמנותדיק. די רעגנס, וואָס שווענקען די האַר־באַטע הויכקייט, אויף וועלכער עס שטייען די חורבות פון שלאָס, בויערן אויס קאָריטעס אין די שטיינערנע רעשטן פון דער וואַנט אַרום אַלטן בית־עולם, עס אַנטשטייען רינוועס, און דאָס וואַסער שטראָמט מיט געוויש דורך די געדרייטע געסלעך פון קוואַר־טאַל. דאָרט שלאָגט עס זיך אָן אויף אַ ווידערשטאַנד, אויף אַ האַמבע. דאָס זענען די נידעריקע הייזלעך מיט די הויכע שוועלן, וועלכע דאָס וואַסער דעראָבערט מיט שטורעם, פאַרגיסנ־דיק די קלאַדקעס פון ברעטער לענגאויס די פּירהייזער, דערנאָך, אויסמיידנדיק דעם שטיינערנעם טרעפּ, וואָס פירט אין פעלד, פאַראייניקט זיך עס מיט דעם טייך, וואָס גייט אַרויס פון זיינע ברעגעס.

אָבער אין יענעם יאָר האָט דער הימל איבערגעפילט דעם כּוס פון היץ, וועלכע האָט געשטראָמט אומאויפהערלעך, מילד־דערנדיק די קעלט פון די פּירהייזער און די פייכטקייט פון די בייטייכיקע שטיבער. ס'איז אָנגעקומען דער שטילער און פאַר־טראַכטער ראש־השנה. די ייִדן זענען געגאַנגען אין אַ שורה ביים ברעג פון טייך, איבערגעקערט די קעשענעס פון די קאַפּאָטעס, און אויסגעטרייסלט פון זיי אין לויפנדיקן וואַסער די ברעקלעך,

דעם סימבאָל פון זינד,וועלכע דאָס וואַסער האָט אַוועקגעטראָגן צו די ווייטע ימים. אייִדער זיי האָבן דערגרייכט די פּאָרטן, פון וועלכע מאַקס איז אַמאָל אַרויסגעשוואומען אויף די ווייטע ימים, האָבן די ברעקלעך געמוזט מיידן די דאַמבע ביי דער הרעבליע, וו ס'איז געשטאַנען די שוואַרצע מיל, אין וועלכער עס האָט גע-אַרבעט דער פֿאָטער פון ניי-געבאַקענעם רייטער. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז אונטערגעקומען יום-כּיפּור. דער שרעקלעכער תּענית, וועלכער איז פול מיט קרעכצן און געוויינען פון גאָטס-פאָרכטיקע לייט. די דאָזיקע קולות האָבן געווייעט מיט קעלט און טויט.

אויך דער ערב-יום-כּיפּור איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַ פֿייערלעכער יום-טובֿדיקער שטימונג. פאַרנאַכט האָט מען אָפּ-געגעסן דעם לעצטן מאָלצייט, עס איז פאַרשוונדן די טאָג-טעג-לעכקייט פון גאַנץ יאָר און די גאַנצע געגנט האָט אַרומגענומען אַ שרעק פאַר דעם זיך דערנעענטערנדיקן טאָג פון געטלעכן משפּט. די מענטשן זענען שטילער געוואָרן, אַראָפּגענידערט די שטימען ביז צו אַ שעפּטשען, דערנאָך אַנטשוויגן און געמאַכט חשבון-הנפש, כּדי מיט הכנעה זיך שטעלן בציבור פאַרן רבונו-של-עולם.

און מיר האָבן געשפּילט אין פוטבאָל. געוויינלעך געשפּילט אין פוטבאָל. אייזיק זשלאָב און דער הינקענדיקער יאָסל, וועלכע זענען געשטאַנען אין טויער, האָבן זיך איינגעבויגן, אויסקוקנדיק די קויל. וואָס איז אַנגעפלויגן אין שיין פון דער אונטערגייענדי-קער זון. דער ריזיקער טראָטביין האָט אים נישט געשטערט, ווען ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין ווינקל, ווו אַנשטאָט אַ סלופּעק זענען געלעגן אונדזערע מלבושים.

מען האָט שוין געשלאָסן די קאַוויאַרניע, וועלכע האָט זיך אויסגעליידיקט. דער שוואַרצער כיל האָט פאַמעלעך דורכגעפירט די האַנט איבער דעם גרינעם געוואַנט פון ביליאַרד,ווי ער זאָל זיך געזעגענען אויף אייביק מיט דעם דאָזיקן געוואַנטענעם אויבערפלאַך, וועלכער האָט אים פאַרטראָטן אַ געלעגער, און ער איז אַרויס דער לעצטער.

מאַקס, ענדיקנדיק די אַרבעט, האָט געאײַלט צום טײַך, כּדי נאָך באַװײַזן אױסצובאָדן זיך לכּבוד יום־טוב. מאַנעלע טרײַסטער האָט זיך אַרױפֿגעכאַפּט אױף אַ פֿערד, הינטער װעלכן עס זענען נאָכגעלאָפֿן פֿרײַ צװײ אַנדערע, און אַ יאָג געטאָן איבער דער לאָנקע צום װאַסער. עס איז שױן געװען זײער שפּעט, אין פֿיל הײַזער האָבן שױן געברענט ליכט, מען האָט אָפּגעװאַרט די צײַט, װען מען װעט שױן קענען אָנהײבן די תּפֿילות. די לעצטע האָבן שױן פֿאַרלאָזט די טישן, זאַטע, גרײטע צום תּענית, געשטאַרקטע מיט אַ זופּ שװאַרצע קאַװע.

דער תּענית האָט זיך געענדיקט דעם צװײטן טאָג מיטן באַװײַזן זיך פֿון די ערשטע שטערן. מען האָט צוגעאײַלט די פֿאַרשפּעטיקטע. אױף די בענק פֿאַר די הײַזער זענען געזעסן אַלטע לײַט און געװאַרט אױף אַ צײכן, װען צו גײן מיט דער רעשט משפּחה אין שול אַרײַן.

מאַנעלע טרײַסטער איז פֿאַרפֿאָרן מיט זײַנע פֿערד איבערן ברעג פֿון טײַך אַקוראַט אין דער מינוט, װען איך האָב לאַװירט מיט דער קױל און אַ פֿאַרסאָפּעטער, נאָכן מאַכן אַ האַלבן אומדרײ, קוים באַרירט די ערד. דעמלט איז פֿון די קוסטעס אַרױסגעגאַנגען אַ נאַסער דאָס הבֿל. מאַנעלע טרײַסטער האָט אַראָפּגעװאָרפֿן פֿון זיך די מלבושים. איך האָב דערזען זײַנע מוסקולן. די ברײטע, פֿעסט געבױטע ברוסט, די מוסקולירטע פֿיס. ער האָט גישט געלײגט קײן אַכט אױף דעם רבֿל, װעלכער האָט זיך אױפֿגעזעצט אױף אַ פֿערד. דאָס הבֿל, געפֿינענדיק זיך שױן אױפֿן רוקן פֿון פֿערד, האָט אָנגערירט דעם שטערן פֿון דער חיה, װי ער זאָל װעלן מיט דעם זשעסט צוגלעטן די צעפּלאָשעטע גריװע, ער האָט אַ סמאָקע געטאָן. דאָס פֿערד האָט אַ ריר געטאָן פֿון אָרט, צוערשט מיט דראָבנע טריט, דערנאָך אין גאַלאָפּ. אין אָנהײב האָט דער רײַטער זיך געהאַלטן בײַם ברעג, אַז אױגנבליק האָט אין װאַסער אַ שימעריר געטאָן דאָס בילד פֿון פֿערד און נאַקעטן רײַטער. אָבער דער אײנער אױגנבליק איז געװען גענוג איך זאָל באַגרײַפֿן, אַז ס'איז געשען עפּעס שרעקלעכס.

דאָס פֿערד האָט זיך אַ טראָג געטאָן איבער דער פֿײַכטער לאָנקע. איך האָב געזען דעם נאַקעטן קערפּער, װעלכער איז געװען אױסגעבױגן אױף צוריק, די אָנגעשפּאַנטע האַנט, װעלכע

האָט געהאַלטן די לייצעס, אָבער די גאַנצע אָנשטרענגונג פון רייטער איז געווען אומזיסט. איך האָב געהערט, ווי די ערד האָט טויב אָפגעהילכט, די קאָפיטעס פון יאָגנדיקן פערד האָבן אין לויף אויסגעריסן שוואַרצע גרודעס און זיי צעשיט אין דער לופט, עטוואָס שפעטער האָט זיך דערהערט דאָס טרוקענע קלאַפן פון די קאָפיטעס איבערן שטיינערנעם ברוק פון געסל. דאָס פערד, אויסשלאָגנדיק פונקען, האָט אַ יאָג געטאָן צו די הייזער.

מאַנעלע טרייסטער איז מיט אַ געשריי אַרויסגעשפרונגען פון וואַסער. ער האָט געוואָלט אַרויפשפרינגען אויף אַ פערד, אָבער דעמאָלט האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער איז נאַקעט און אָנגעהויבן שנעל אַרויפציִען אויף זיך די וועש, די הויזן, די שטיוול. ווען ער איז געווען גרייט, האָבן דעם נאַקעטן רייטער שוין פאַרשטעלט די הייזער פון עלטסטן קוואַרטאַל. לענגאויס דעם געסל, וואָס איז געווען אויסגעפילט פון אַ שטילן המון, וועלכער איז געשטאַנען גרייט אַריינצוגיין אין שול, ווו מיט הייסע און ביטערע תפילות ווערט אויסגעפועלט גאָטס חסד, האָט אויף אַ צעווילדעוועטן פערד געיאָגט אַ נאַקעטער בית־המדרש־בחור. זיין טונקל־ברוינער קערפער האָט דורכגעשווינדלט ווי אַ שטרייף, וועקנדיק שרעק. די מענטשן־מאַסע איז געבליבן פאַרגליווערט. די שוואַרצע, לאַנגע האָר, צעווייטע אין ווינט, האָבן זיך אויסגעלאָשן אין דער ווייט, און דער איינגעבויגענער רייטער האָט אומזיסט זיך באַמיט צו פאַרבאָרגן אין דער גריווע פון פערד זיין פנים, וואָס איז געווען אַזוי ווייס, ווי עס זאָל שטאַמען פון יענער וועלט.

III

דעמאָלט איז געבוירן געוואָרן דער צונאָמען דאָס שדל, וועלכער האָט לאַנגע יאָרן באַגלייט דעם אומגליקלעכן רייטער. דאָס פערד, וואָס האָט פאַרנאַכט ערב דעם שרעקלעכן טאָג פון יום־הדין דורכגאַלאָפירט די געסלעך פון עלטסטן קוואַרטאַל, האָט מיט זיינע קאָפיטעס פולשטענדיק צעטראַסקעט די קאַריערע פון קומענדיקן גאָטספאָרכטיקן מאַן. דאָס שדל האָט שוין קיינמאָל נישט צוריקגעקערט צו דעם מרה־שחורהדיקן הויז, פון וועלכן עס האָבן זיך ווייטער דערטראָגן קרעכצנדיקע ניגונים און ווערטער, וואָס האָבן זיך געשטיקט הינטער פאַרקלאַפטע פענצטער.

דערנאָך האָט ער לאַנג פאַרבראַכט אין שטוב פון זיין פאָ־טער, וועלכער איז יעדן פאַרטאָג אַוועק אין מיל אַריין ביי דער הרעבליע און צוריקגעקערט פון דאָרט שפּעט ביינאַכט.

צי איז דאָס שדל נאָך געזעסן איבער די הייליקע ספרים? איך קען אויף דער פראַגע נישט ענטפערן. און אפשר, האָבנדיק די אויגן פאַרשטאָכן אין די פאַרגעלטע זייטלעך, האָט ער אין דער פאַנטאַזיע געזען דאָס שוימענדיקע צעווילדעוועטע פערד, אויף וועלכן ער איז געפלויגן פאָרויס, מאַכנדיק שלום מיט דעם צונאָמען, וואָס אים האָבן געגעבן די מענטשן, צו וועלכע ער האָט אין שעה פון משפּט זיך באַוויזן אין געשטאַלט פון אַ שדל? איך מיין, אַז מען האָט דעם צונאָמען באַנוצט אין דער פאַר־קלענערער־פאָרם, ווייל עמעצער, וואָס איז באַקאַנט פון שכנותשאַפט, מיט וועלכן מע טרעפט זיך טאָג־טעגלעך, קען נישט אָנגיין אַלס אמתער שד.

אין אַ געוויסן טאָג האָבן אייזיק זשלאָב און דער הינקענדי־קער יאָסל מיר דערציילט, אַז דאָס שדל באַזוכט זיי אין דער היים און איז צוהערינגלעך. ביידע זענען געווען באַקאַנט פון זייער קאָמוניסטישער אַרבעט. דאָס שדל בעט ביי זיי „ליטעראַטור“. כ'האָב זיי מיט אומצופרידנקייט געפרעגט:

— צי איז דאָס נישט צו שנעל?

— וואָס?

— דאָס אַוועקגיין פון די הייליקע ספרים, פון דער רבנישער קאַריערע און דאָס פּלוצעמדיקע פאַראינטערעסירן זיך מיט קאָ־מוניסטישער ליטעראַטור.

— מיר ציען אים נישט אַריין אין קיין שום אַרבעט. ער וויל לייענען, זאָל ער לייענען.

— מאָדנע — האָב איך געזאָגט. — ווי וועט ער די ביידע זאַכן פאַראייניקן?

אַ ביסל שפּעטער האָבן זיי מיר דערציילט, אַז דאָס שדל זוכט אַ קאָנטאַקט, ער וויל פאָרן קיין שפּאַניע.

איך האָב זיך צעלאַכט.

— אין דער קאַפּאָטע מיט די פאות? דאָרט פעלט טאַקע נישט מער ווי אַ רב.

— וואָס פאַר אַ רב איז ער!

און דאָס שׂרל איז אַוועק קיין שפּאַניע. אייזיק זשלאָב האָט אים קיין קאָנטאַקט נישט געוואָלט געבן, דעסגלייכן דער הינקענדיקער יאָסל.

דעם שׂרל האָט געהאָלפן מאַקס און דער שוואַרצער כּיל.

די פּרטים פון דער דאָזיקער רייזע האָט מיר דערציילט מאַקס גלייך נאָכן טויט פון שוואַרצן כּיל, וואָס איז געשען אין אַ געוויסן טאָג אין קאַוויאַרניע ביים ביליאַרד. דעם שוואַרצן כּיל איז פּלוצעם נישט גוט געוואָרן. די פריילעכע מיטשפּילער האָבן געמיינט, אַז ער שפּאַסט אַזוי, ווען ער האָט אויסגעשריגן: „אוי, איך שטאַרב!" מען האָט נאָך באַוויזן אַוועקצולייגן אים אויפן ביליאַרד=טיש און אין דער שיין פון אייניציקן לעמפּל — די אַנדערע האָט מען אויסגעלאָשן — האָט ער אויסגעהויכט די נשמה.

דער שוואַרצער כּיל איז אָפּגעשוווּמען פון דער וועלט, אַן אויסגעצויגענער אויף אַ גרינגעם געוואַנט, ווי אויף אַ פּאָן פון האָפענונג, טריי ביז אין לעצטן אָטעם=צוג זיין האַזאַרד, דער אייניציקער ליבע פון זיין לעבן. ביי דעם טויטן אין דער פינצטערער קאַוויאַרניע, צופוסנס פון ביליאַרד=טיש, איז אויף אַ נידעריק בענקעלע געזעסן אַן אַלטער ייִד, דער פאָטער פון שׂרל, וועלכער, דערוויסנדיק זיך וועגן טויט פון שוואַרצן כּיל, איז גלייך געקומען אין דעם לאָקאַל, וועלכן זיין פוס האָט ביז איצט נישט באַטראָטן.

— איך וועל זיצן לעבן טויטן — האָט ער געזאָגט מיט אַ טרויעריקער שטים.

— פאַרוואָס? — האָט איבערגעפרעגט מאַנעלע טרייסטער. — האָסט דאָך אים אפילו נישט געקענט.

— כ'וויל אים אָפּגעבן דעם לעצטן חסד=של=אמת.

— פאַרוואָס עפּעס אַקוראַט דו?

— איך וויל בעטן ביי אים מחילה. איך האָב אים פאַרשאָלטן דעמלט, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל אַרויפגעזעצט אויפן פערד מיין בן=יחיד.

— דו ווייסט — האָט צו מיר געזאָגט שעפּטשענדיק מאַקס — ער וואָלט באַדאַרפט איצט צום צווייטן מאָל אים פאַרשעלטן.

— ניין!

— דער שוואַרצער כיל מיט מיר — האָט ער געזאָגט — האָבן אים קיין שפּאַניע עקספּעדירט.

דאָס איז געווען די לעצטע רייזע פון שוואַרצן כיל. דאָס האָט ער אין אַ געווייסן טאָג אויסגעקויפט דריי פּראָן־בילעטן פאַר זעכציק גראָשן און צוזאַמען מיט מאַקסן און מיטן שׂרל אַרויסגעפאָרן קיין בעלגיע. דאָרט האָבן זיי זיך געזעגנט מיטן שׂרל און צוריקגעקערט קיין פּוילן מיט וועגן, וואָס זענען נאָר זיי געווען באַוווסט. דאָס שׂרל איז אַליין אַוועק קיין פּאַריז און פון דאָרט קיין שפּאַניע.

מאַנעלע טרייסטער איז אַוועק מיט דער ערשטער אויסזידלונג אין יאָר 1942. די היטלעריסטן האָבן פאַרזיכערט די איינוווינער פון דעם עלטסטן קוואַרטאַל אין שטאָט, אַז זיי פאָרן אַרויס אויף אַרבעט. דעמלט איז מאַנעלע טרייסטער אַרויסגעטראָטן פון דער ריי. ער איז געווען דער ערשטער מענטש, וועלכער האָט גערנוויליק דערקלערט, אַז ער האָט פאַר קיין אַרבעט נישט מורא, אַז דאָס גאַנצע לעבן האָט ער געשלעפּט שווערע משׂאות, פייער־קאַסעס און פאָרטעפּיאַנען. ער האָט געבעטן, אַז מען זאָל אים דאָרטן אויך צוטיילן אַזאַ אַרבעט.

— איך האָב מיינע מיטלען — האָט ער געזאָגט. ער האָט צעפירט די הענט און פאַררופנדיק זיך אויף דעם איבעריקן עולם ווי אויף עדות, ווייטער גערעדט: די גאַנצע שטאָט קען עדות זאָגן, נישט בלויז די פון קוואַרטאַל, אַז מיר האָט זיך קיינמאָל נישט געטראָפן קיין שום צופאַל. קיין איינע פון מיינע קאַסעס האָט קיינמאָל קיין שום ראַץ נישט געמאַכט, קיין איינער פון מיינע פאָרטעפּיאַנען איז נישט געוואָרן באַשעדיקט. אויסער דעם — דאָ האָט ער אַריינגערוקט די האַנט אין קעשענע און אַרויסגעצויגן אַן אַלטן צוזאַמענגעלייגטן אַפּיש פון צירק „מעדראַנאָ“, וועלכער האָט אָנגעזאָגט וועגן דעם קאַמף, וואָס דאַרף פאָרקומען צווישן דעם וועלט־מייסטער גאַרקאָוויענקאָ און דער „שוואַרצער מאַסקע“. — די „שוואַרצע מאַסקע“ — האָט ער דערקלערט מיט אָפענעם שטאָלץ — דאָס בין איך!

מאַקסן, וועלכער איז געשוווּמען איבער אַלע ימים פון דער וועלט און פיל יאָרן פאַרבראַכט אין האַמבורג, האָב איך דאָס לעצטע מאָל געזען דעם ערשטן אויגוסט 1943 אויף דער אָשווינטשימער ראַמפּע. אין דעם וואַגאָן, אין וועלכן ער איז געפאָרן האָבן די דייטשן געלאָזט עטלעכע סעריעס, ווייל זיי האָבן באַמערקט, אַז עמעצער באַמיט זיך אויסברעכן די ברעטער.

מאַקס איז אַרויס פון פי=וואַגאָן און געבליבן שטיין אויף דער פּראָוויזאָרישער ראַמפּע, וועלכע ס'האָבן דורכגעמאָסטן עטלעכע מיליאָן מענטשן, פיל מער, איידער די סאָלידע סטאַציע־ראַמפּעס פון די גרויסע שטעט אין משך פון לאַנגע יאָרן. פון מאַקס שטערן איז גערונען בלוט, ער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. ער איז געווען דער העכסטער צווישן אַלע געקומענע און ער האָט זיך אַרומגעקוקט מיט אַ בלאָנדזשענדיקן בליק פון אַ ריז. צי האָט ער געזען די דראָטן, די קונדער און פרויען, דעם געדיכטן, פעטן רויך, וועלכער האָט זיך פּאַמעלעך געצויגן פון די קרעמאַטאָריע=קוימענס צום מילדן הימל? אפשר האָט ער אין דער מינוט, וועלכע איז געווען די לעצטע אין זיין לעבן, געזען פונדערווייטנס אַ פּאָרט, רויכערנדיקע שיף=קוימענס, און דער טומל פון די דערשראָקענע מענטשן האָט אים דערמאָנט דעם גערויש פון וואַסער, דעם געפּליסטער פון כוואַליעס? דעם דאָזיקן גיבור, וועלכער איז אָפּגעגאַנגען מיט בלוט, האָט מען באַפוילן אָפּגיין אין אַ זייט, צו דער גרופּע, וועלכע מען האָט מיט עטלעכע מינוט שפּעטער געיאָגט צו די גאַזקאַמערן.

דעם הינקענדיקן יאָסל האָבן די היטלעריסטן געכאַפּט אין לוואָוו. ער האָט זיך אויסגעריסן, געמאַכט פּליטה און אַריינבאַקומענדיק זיך קיין טשענסטאָכאָוו געפּרעגט, צי ער דאַרף זיך אומקערן צום דעם עלטסטן קוואַרטאַל פון שטאָט. נאָר איידער מען האָט באַוויזן צו אָרגאַניזירן פאַר אים הילף ביים דורכגיין פון דער גענעראַל=גובערניע צום דעם טייל פון לאַנד, וועלכן די היטלעריסטן האָבן פאַראייניקט מיטן רייך, איז ער געפאַלן פון אַ קויל אויף איינער פון די גאַסן אין טשענסטאָכאָוו. אייזיק ושלאָב האָט זיך באַרימט געמאַכט אין די קאַמפן אויף אוקראַינע. באַפעסטיקנדיק זיך אויף איינעם פון די בערגלעך, האָט ער גע=

שניטן די אָנגרייפנדיקע היטלעריסטן פון אַ מאַשין־געווער ביז אין דער לעצטער קויל.

די דאָזיקע ווערטער וועגן אים לייג איך אַוועק אויף זיין אומבאַקאַנטן קבר, ווי אַ שטיין. זאָלן זיי זיין ווי אַ געוויינלעכער פעלד־שטיין, וועלכן דער דורכגייער פרווט מיט דעם פוס, צי ער וועט זיך נישט לאָזן טיפער אַריינטאַפּטשען אין דער ערד. נישט קיין וויכטיקער שטיין, אַ פאַרזונקענער ביז אין דער העלפט אין זאַמד פון פאַרגעסנקייט.

איבערגעבליבן איז בלויז דאָס שדל, אַן איינגעבויגענער. עט־וואָס האָרבאַטער מענטש, אַ געוועזענער זעלנער פון דער שפּאַ־נישער רעפּובליק, וועלכער נייט לויט אַ מאַשמע־סיסטעם שלעב־טע אָנצוגן אין איינער פון די נידערשלעזישע שטעט. איך זע אים זעלטן, און ווען איך טרעף אים, איז ער אַזוי פאַרשפּונטע־וועט מיט שווייגן, ווי אַ גרויסע פוסטע כלי. ער האָט באמת גע־גלויבט, אַז אין דעם וויטן שפּאַניע האָט ער געקעמפט פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון דעם לאַנד, אין וועלכן דער עלטסטער קוואַר־טאַל פון זיין היימשטאָט איז געוואָרן אויסגעגליכט מיט דער ערד.

איך האָב אים אַמאָל אַ פרעג געטאָן:

— ביסט געווען נאָך דער מלחמה דאָרט...?

ער האָט מיר דערציילט וועגן דעם מיט אַ טאָן, ווי ער זאָל זיך מתוודה זיין. ער האָט זיך פון דאָרט אַרויסגעריסן און צו־ריקגעקערט, אַנטלאָפן, אָבער כסדר צוריקגעקומען. ער האָט גע־האַט צו ווינציק האָפענונג, אַז ער זאָל נאָך קענען מיך באַטייליקן מיט איר.

דאָס לעצטע מאָל האָט איך אים געזען אין סעפּטעמבער. איך בין געגאַנגען צופוס קיין זאַקאָפּאַנע, ווען פּלוצעם אויף דעם שאָסיי, וואָס שניידט איבער פאָראָנין, אַ פוסטער און ווייסער פון היץ, האָבן אָפּגעהילכט פערדישע קאָפּיטעס. עס האָט זיך באַוויזן אַ רייטער אויף אַ גאַלאָפּירנדיק פערד. אין דער מיטאָג־היץ האָט דאָס קלאַפּן פון די קאָפּיטעס אָפּגעקלונגען, ווי אַן אָרגיע, דאָס פערד האָט געיאָגט. דאָס שדל, דאָס איינגעבויגענע, איינגעהאָר־בעטע שדל, איז איצט געזעסן אויסגעגלייכט, שטאָלץ. אין אַ ברוינעם, שווערן, האָריקן קאַפּעליוש, אין אַ שוואַרצער פאַר־שפּיליעטער מאַרינאַרקע מיט קוואַדראַטע אַקסלען, אין גרויע הויזן,

אין אַ גרינגער אַרום האַלדז פֿאַרקנעפּלטער בלוזע מיט אַן אויסגעבונדענעם קראַוואַט, אין געלע שטיבלעטן פֿון נאָך גישט טונקל געוואָרענעם חזיר־לעדער — האָט ער געיאָגט פֿאָרויס.

די זון האָט געברענט, דער קורצער שאָטן פֿון רייטער מיטן פֿערד איז געשפּרונגען און זיך דערווייטערט — אַ שוואַרץ קייַלעכל, וואָס איז שנעל פֿאַרשוונדן.

זעט אויס, אַז דאָס שדל האָט דאָ פֿאַרבראַכט דעם אורלויב, ווייל די גוראַלעס האָבן אים געקענט. ווען איך בין פֿאַרביי אַ שטוב, פֿאַר וועלכער עס איז געזעסן אַן אַלטער באַלעבאָס, האָט ער, דערזעענדיק דעם רייטער, אַ שטויס געטאָן מיטן אָרעם די פֿרוי, וועלכע איז לעבן אים געזעסן, און, אָנווייזנדיק מיטן בליק אויף דעם יאָגנדיקן רייטער, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אַ סמאָקע געטאָן:

— טס... טס... טס...

דער צוריקקער

— אַנדזשיי!

דער געקומענער האָט זיך צעכליפּעט שטייענדיק אַלץ אַנגע־שפּאַרט אין דער טיר, וועלכע ער האָט פאַרמאַכט הינטער זיך.

— אַנדזשיי!

אַנדזשיי איז אויפגעשטאַנען פונעם טיש און זיך שווייגנדיק צוגעקוקט צו מענטשן ביי דער טיר. דאָרט איז געווען עטוואָס טונקעלער, דאָך האָט ער דייטלעך געזען דאָס בלאַסע געזיכט אין דעם ווייסן באַנד אויפן אָרעם פון געקומענעם.

— היינט, שוין היינט — האָט געזאָגט דער מענטש ביי דער טיר. — נאָך מיטאָג.

— פונוואַנען ווייסטו?

— עס זענען שוין געקומען צופאָרן די משגיח־אויטאָס.

— ביסט אין דעם זיכער?

— עמעצער האָט געגעבן צו וויסן.

— און אויב נישט?

— וואָס קאָן איך דערויף זאָגן? פונוואַנען זאָל איך נעמען די זיכערקייט?

— ווו איז דאָס קינד? — האָט אַנדזשיי געפרעגט.

— אין דער היים.

— פאַרוואָס?

— איך האָב נישט געוווסט... — דער געקומענער האָט זיך ווי געוואַקלט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער געזאָגט: — איך האָב נישט געוווסט, אַז דו וועסט אויף אמת וועלן.

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז איך וועל אַרויספירן.

— און איך האָב מורא געהאַט, אַלץ מורא געהאַט.

— פאַר וואָס?

— איך האָב מורא געהאַט, אַז אפשר אין דער דעצידירנ־דיקער מינוט וועסטו אָפּזאָגן, וועסטו זיך צוריקציען.

— ברענג צו פירן די קליינע.

עס איז אַריינגעטראָטן אַ שטילקייט. דער געקומענער האָט שוין געוווּסט, אַז דער באַשלוס איז געפאַלן און פּלוצעם האָט אַ ווייטיק פאַרקלעמט זיין האַרץ. „הייסט עס — שוין? — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. — ווער מען דאַרפן אויף אַן אמת זיך צעשיידן מיטן קינד?"

ער האָט אַ פרעג געטאָן:

— וועסט האָבן השגחה אויפן קינד?

— צו וואָס פרעגסטו דאָס?

צי האָט ער געוואָלט זאָגן אַנדזשייען, אַז ער דערוואַרט אַ נעגאַטיוון ענטפער? נאָר אַזאַ ענטפער וואָלט אים געבראַכט אין דער מינוט אַ פאַרלייכטערונג, וואָלט אים צוריקגעקערט די רו און דאָס קינד. ער וואָלט געגלויבט, אַז ער האָט אויסגעשעפּט אַלע מעגלעכקייטן און רואיק אויפגענומען דעם אָפּזאָג פון פריינד. ער וואָלט דאָס קינד פאַרהאַלטן, עס וואָלט געבליבן לעבן אים און לעבן דער מוטער אין דער דאָזיקער לעצטער שעה, פאַר וועלכער ער האָט קיין נאָמען נישט געהאַט.

— וויל אויב זי איז אויסגעשטעלט אויף יסורים... — האָט אָפּגעענטפערט דער מענטש מיטן באַנד אויפן אָרעם.

— אויב איך נעם די קליינע ביי דיר, איז כדי צו האָבן השגחה אויף איר.

— איך וועל דיר זיין דאַנקבאַר. — ער האָט ביטער אַ שמייכל געטאָן און צוגעגעבן: — נישט לאַנג.

— קאָנסט גאָרנישט וויסן. — האָט אַנדזשיי געזאָגט.

— איך וויים — האָט ער אַ שאָקל געטאָן טרויעריק מיטן קאָפּ. — איך וויים, צום באַדויערן וויים איך. מיר זענען נישט בעסער און נישט ערגער פון די איבעריקע ייִדן.

אַנדזשיי האָט נישט געענטפערט. צוויי מענער, מיט די פּנימער געווענדט איינער צום אַנדערן, האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ.

— איך וועל שוין גיין — האָט געזאָגט דער, וואָס מיטן באַנד.

— און דאָס קינד?

— מיר וועלן צוואַרטן אויף דיר ביים שאָסיי. צו וואָס קו־מען דאָ אַהער?

— ריכטיק. — אַנדזשיי האָט גענומען דעם בינט שליסל, וועלכער איז געלעגן אויפן טיש און איבערגעהזרט: — ריכטיק. איך וועל איינשפּאַנען די פערד און אַרויספּאָרן אויפן שאָסיי. דאָרט וועט זי זיך אויפזעצן אויפן וואָגן.

— אַ דאַנק דיר, מיין פריינד.

אַנדזשיי האָט גאָרנישט געענטפערט.

— אפשר וועלן מיר נאָך צוריקקערן... אפשר וועל איך נאָך אַמאָל זען מיין קינד... — דער מענטש, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר, האָט צוגעדעקט דאָס פּנים מיט די הענט.

— גיי נאָך דעם קינד — האָט אַנדזשיי מילד געזאָגט.

דער מענטש, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין דער טיר און געוויינט, האָט אַ ציטער געטאָן, אָפּגעווישט די טרערן. שטיל אַרויס פון צימער און מיט אַ שנעלן טראָט זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון געטאָ. איינגיכן האָט ער זיך באַוויזן אויף דער קעגנאיבעריקער זייט, אויף דעם אָרט פון קאָלעקטיוון אורטייל און פון ערב־טויט. ער איז געגאַנגען שנעל, פירנדיק פאַר דער האַנט אַ קליין, אפשר זיבנגיעריק מיידעלע. זי איז געווען אַ העל־האָריקע און דראָבנע. גייענדיק, האָט זי אַלע מאָל אויסגעדרייט דעם קאָפּ, ווי עס זאָל זי רופן אַ געהיימניספולע שטים, וואָס נאָר זי האָט פאַרשטאַנען, זי האָט דעמלט אויפגעהויבן דאָס הענטל און געפּאָכעט צו עמעצן אַ ווייטן, פאַרבאָרגענעם און אומגעזע־ענעם. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט דער, וואָס איז געגאַנגען מיט איר, זיך אָנגעבויגן, און איר געזאָגט עפּעס שעפּטשענדיק אין אויער. זיי האָבן צוגעאיילט די טריט. דאָס מיידעלע האָט שוין מער דעם קאָפּ נישט אויסגעדרייט.

אין טייכל, וואָס האָט זיך אַרויסגעזען פונדערווייטנס, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די זון, לענגאויס דעם שאָסיי האָבן געדרימלט אין דער היץ פאַרשטויבטע ביימער. זייערע שאָטנס, צונויפגעע־דרענגטע פון הויכן ליכט, זענען געלעגן אין מיט פון שאָסיי אין פלאַכע טונקעלע פלעקן. עס האָט זיך דערהערט דאָס סקריפּען פון רעדער. פון דער זייט פון די פעלדער האָט זיך צום שאָסיי

דערנענטערט אַ וואָגן איינגעשפּאַנט אין צוויי פערד. אויף די קאָזלעס איז געזעסן אַנדזשיי, אַ העל־האָריקער און שלאַנקער. די פערד זענען געבליבן שטיין אין טיפן שאָטן.

— מירן זיך געזעגענען — האָט געזאָגט דער מענטש מיט באַנד אויפן אָרעם און, אָנגעמענדיק דאָס מיידעלע אונטער די אָרעמס, האָט ער זי אויפגעהויבן אין דער הויך. ער האָט באַוויזן קורץ מיט זיינע ליפּן אָנצורירן אירע האָר, ער האָט אַ טראַכט געטאָן: „מער גאָרנישט, אָן שום צערטלעכקייט, אָן קושן“. ער האָט אַוועקגעזעצט דאָס מיידעלע לעבן אַנדזשייען, וועלכער האָט געקוקט ערגעץ אין דער ווייט. דאָרט האָבן די ביימער געשלאָסן דעם שטח מיט אַ געדיכטעניש פון בלעטער, אונטער וועלכע עס איז געקראָכן אַ פּאַסיקל פון אָנגעהיצטן שאָסיי.

— זיי געהאָרכזאַם, רחלע — האָט געזאָגט דער פאָטער מיט אַ דערשטיקטער שטים.

— זי וועט זיין געהאָרכזאַם — האָט אָפּגעענטפערט אַנדזשיי.

— פאַרוואָס וויינסטו? — האָט רחלע געפרעגט.

— כ'וויין נישט, עס דאַכט זיך דיר.

— מירן פאָרן — האָט אַנדזשיי קורץ געזאָגט.

— וועסט מיר געבן צו וויסן? — האָט ער שטיל אַ פרעג געטאָן אַנדזשייען. — ער האָט נאָך געוואָלט פרעגן: צי וועסטו באַוויזן? אָבער די דאָזיקע פראַגע האָט געפאָדערט צו פיל אויפקלערונגען.

די פערד האָבן גערירט. דעמלט האָט דאָס מיידעלע זיך אויסגעדרייט און געפרעגט:

— און ווען וועל איך צוריקפאָרן?

דער פאָטער איז נאָכגעלאָפן נאָכן וואָגן און, איבערשרייענדיק דאָס קלאַפּן פון די רעדער, האָט ער צוגעגעבן:

— דער פאַן אַנדזשיי וועט פאָרן נאָך דיר.

— איך וויל נישט! — האָט אויסגערופן דאָס קינד און זיך אויסגעדרייט.

דער פאָטער איז געלאָפן נאָכן וואָגן. ער האָט געזען דאָס פּנימל פון מיידעלע, אירע איבערגעשראָקענע אויגן, איר אָפן מויל.

— אַנדזשיי! — האָט ער געדופן לויפנדיק מיט אַ פאַר־כאַפּטן אָטעם. — אַנדזשיי!

אַנדזשיי האָט פאַרהאַלטן די פערד און געוואַרט ביז דער פאָטער פון רחלען וועט זיך דערנעענטערן צום וואָגן.

— רחלע! — האָט ער געזאָגט מיט פאַרוואורף. ער האָט שווער געאָטעמט. פון פּנים האָט זיך געגאָסן שווייס. — רחלע, האָסט צוגעזאָגט צו זיין געהאָרכזאַם, האָסט צוגעזאָגט דער מאַמען און מיר...

— כ'האָב צוגעזאָגט...

— און איצט... — האָט איר איבערגעריסן דער פאָטער.

— איך וויל נישט.

די מענער האָבן געשוויגן.

— מיר פאַרלירן צייט — האָט ענדלעך געזאָגט אַנדזשיי, נישט אויפהייבנדיק די אויגן. — באַשליסט. ווייסט דאָך, ווי עס זעט אויס...

— רחלע, מיין קינד — האָט אויסגערופן דער פאָטער. — קינד מיינס! וואָס וועט זאָגן די מאַמע, ווען זי וועט דיך ווידער דערזען? האָסט אַ קלער געטאָן וועגן דעם, וואָס וועלן מיר זאָגן דער מאַמען?

דאָס מיידעלע האָט אַ רגע געשוויגן, דערנאָך האָט זי שעפּ־טשענדיק געזאָגט:

— וועסט זאָגן דער מאַמען, אַז איך בין אַוועקגעפאָרן. — זי האָט זיך געווענדט צו אַנדזשייען: — לאָמיר פאָרן. זיי גע־זונט — האָט זי אַ שעפּטשע געטאָן צום טאַטן.

די פערד האָבן זיך דערווייטערט. הינטערן וועג האָט זיך געצויגן אַ זייל שטויב. ער האָט נאָכאַמאָל אויפגעהויבן די האַנט און זיך געכאַפּט, אַז ער האָט געמאַכט עפּעס אַן אויסטערלישע אומזיניקע באַוועגונג. ער האָט שוין געוווסט, אַז אָוונט־צו וועט מען אים אַרויסזאָגן צוזאַמען מיט די אַנדערע צו די צוגעגרייטע אויטאָס און אַרויספירן. וווהין? ווייט. דער וואָגן איז פאַרשוווּנדן.

דער מענטש האָט זיך צוריקגעקערט פּאַמעלעך מיט דער האַנט אויף דער ברוסט. ער האָט געשעפּטשעט מיט אויגן אויפֿגעהויבענע צום הימל:

— טו נישט אָפּ דיין חסד פון אונדז, רבונו־של־עולם, אונדזער גאַנצע האָפענונג איז אין דיר...

— מיר וועלן ווייט פאָרן? — האָט דאָס מיידעלע געפרעגט ביי אַנדזשייען.

— ניין, נישט ווייט. אין שטעטל.

— צו וועמען?

— צו מיין מוטער.

— איר האָט אַ מוטער?

— איך האָב.

— איר זענט שוין לאַנג אַוועקגעפאָרן פון אייער מוטער?

— לאַנג.

— ווען?

— ווען איך בין אונטערגעוואַקסן.

— און איך בין נאָך נישט קיין דערוואַקסענע.

— וועסט ווערן.

— ווען?

— אָ, ווען! — האָט אַנדזשיי אויסגערופן — אין עטלעכע יאָר אַרום!

— איך וואָלט געוואָלט ערשט דעמלט אַוועקפאָרן פון מיין מאַמען.

אַנדזשיי האָט פּאַמעלעך אויסגעדרייט דעם קאָפּ און זיין בליק האָט זיך צונויפגעטראָפן מיטן בליק פונעם מיידעלע. רחלע האָט געקוקט פאַרעקשנט.

— צי האָט אייך אויך עמעצער צוגענומען, ווען איר זענט אַוועקגעפאָרן?

— מיך?

— אייך.

— אוודאי, אוודאי — האָט ער שנעל אָפּגעענטפערט. — מיך האָט אויך עמעצער צוגענומען. און בכלל זאָג מיר נישט איר, נאָר דו. גוט? פאַרגעדענק!

— פאַרוואָס?

— אַזוי וועט זיין בעסער. געדענק, זאָג מיר דו.

— ווער האָט דיך צוגענומען?

— דער טאַטע.

— אָבער דו ביסט נישט מיין טאַטע!

— הא — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט.

זיי זענען געזעסן איינער לעבן אַנדערן, ביידע פול מיט פאַרדאַכטן. אין האַרץ פון אַנדזשייען איז אויפגעקומען אַן אומרו. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ס'איז קיין שום זאַך נישט אַזוי לייכט, ווי אויסצוקלערן בבא-מעשיות, וועלכע זאָלן באַרואיקן אַ קינד, נאָר פּלוצעם האָט ער פאַרשטאַנען, אַז יעדעס וואָרט, סיי דאָס ליגנערישע סיי דאָס אמתע, קאָמפּראָמיטירט אים אין אירע אויגן. אין די ווערטער פון רחלען האָט ער קיין באַאומרואיקנדיקס נאָך נישט אַנטדעקט, עס איז דערווייל געווען אין זיי נאָכפאָרשונג, איינגעשפאַרטע נייגיריקייט. ער האָט געוואָלט פאַר יעדן פּרייז געווינען איר צוטרוי, מאַכן איר פאַרגעסן, אָפּווענדן איר אויפמערקזאמקייט. ער האָט איר איבערגעגעבן די לייצעס און פאַרזיכערט, אַז דאָס איז אַ גרויסער פאַרגעניגן אָנצוטרייבן פערד, זי געלערנט ווי אַזוי דאָס צו טאָן אָן ספּעציעלער אָנשטרענגונג. זי האָט שרעקעוודיק איבערגענומען די גראָבע שטריק. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי געפרעגט:

— און דו האָסט קינדער?

— איך האָב, ניין, ניין, — האָט ער שנעל געזאָגט. און ער האָט צוגעגעבן אויף אַ קול: — איך האָב נישט קיין קינדער.

ער האָט באַשלאָסן צו זיין פאָרזיכטיק.

— און ווען דו זאָלסט האָבן?

ער האָט געוואָלט אַ געשריי טאָן, זי זאָל שטיל בלייבן, ווען אויפן שאָסיי האָט זיך באַוויזן אַ באַוועגלעכער זייל פון שטויב, וועלכער האָט זיך צו זיי דערגענטערט. אַנדזשיי האָט אַרויסגענומען די לייצעס פון דעם קינדס הענט און פול מיט אומרו זיך איינגעקוקט, ווער עס קומט אָן פון דער ווייט. ער האָט שוין נישט געספּקט. אויפן שאָסיי האָט געדונערט אַ מאָטאָציקל. צוויי באַוואָפנטע דייטשן זענען געפלויגן פאָרויס פאַר דעם שטויב-זייל. ער האָט באַמערקט זייערע ריזיקעברילן צו שיצן די אויגן און

די מאַטעווע צעראַטענע וועג־מאַנטלען... די דײַטשן האָבן זיך אויסגעגלײַכט מיטן וואָגן און האַסטיק געהאַמעוועט דעם מאָטאָ־ציקל. אַנדזשײַ איז ווײַטער פּאַמעלעך געפֿאָרן דעם בליק פֿאַר־שטאָכן אין דער ווײַט. די היטלעריסטן האָבן אויסגעדרייט די קעפּ און שווײַגנדיק באַטראַכט דעם וואָגן, וואָס האָט זיי געמיטן. דער־נאָך האָט אַנדזשײַ געהערט, ווי דער מאָטאָר האָט זיך ווידער צע־ברומט און די דײַטשן זענען אַרויס אויפֿן וועג. זיי זענען אָפּגע־פֿאָרן, נאָך אַלץ האַלטנדיק אין זייערע גראָבע גראָע הענטשקעס זייִן האַרץ.

— האָסט מורא געהאַט — האָט רחלע געזאָגט.

— איך האָב נישט מורא פֿאַר קיינעם — האָט ער אָפּגע־ענטפֿערט. — צוליב וואָס פֿרעגסטו?

— ווען דו זאָלסט האָבן קינדער...

— איך האָב דיר שוין געזאָגט — האָט ער איר איבערגע־ריסן אין מיט פֿון זאַץ — אַז איך האָב נישט קיין קינדער.

— אָבער ווען דו זאָלסט האָבן?

— איז וואָס?

— ווען דו זאָלסט האָבן קינדער, וואָלסטו זיי עמעצן אָפּ־געגעבן?

— זיכער!

— פֿאַרוואָס?

— וואָס הייסט פֿאַרוואָס? אַ גרויסע זאַך — אַ קינד!

— פֿאַרוואָס עפּעס האָט מײַן טאַטע אָפּגעגעבן מיך דיך?

— דיר זאָגט מען, און נישט דיך.

— גוט. איז פֿאַרוואָס האָט ער מיך אָפּגעגעבן דיר?

— ווײַל ער האָט געוואָלט, אַז דו זאָלסט אַוועקפֿאָרן.

— פֿאַרוואָס?

— אפֿשר האָט ער דיך נישט ליב?

— דאָס איז נישט אמת! — האָט דאָס מיידעלע אויסגע־שריגן — און דו, פֿאַרוואָס פֿאָרסטו צו דער מאַמען. צי זי האָט דיך נישט ליב?

— מסתּמא יאָ.

— און מיר האָט די מאַמע געזאָגט, אַז זי האָט מיך ליב ווי דאָס לעבן.

— זיכער האָט זי געזאָגט דעם אמת.
— טאָ פאַרוואָס האָט זי מיך אָפּגעגעבן דיך?
— דיר, זאָגט מען.
— דיר.
— מיר וועלן זי פרעגן, ווען דו וועסט צוריקקומען.
— טאָ זאָלן מיר צוריקפאָרן.

אויף דעם ווייטן פעלד רעכטס פון שאָסיי האָט זיך געזען אַ ריזיקער גרוב. דער פריש־אויסגעגראָבענער פירקאַנטיקער גרוב איז געווען פון אַלע זייטן אַרומגענומען מיט דעם אָנשיט פון דער ערד, וועלכע מען האָט אַרויסגענומען פון דער טיף. די געלע ליי־מענע מולטער איז אָנגעשוואָלן אין דער שטראַלנדיקער היץ פון אויגוסט־טאָג. דער שפּיץ פון די ווענט, צעאַקערטע פון רידלען, האָט פאַרטיפט דעם איינדרוק פון אַבסאָלוטער שטילקייט, וועלכע האָט דאָרט געהערשט. דאָס קינד האָט געוואָרפן אַ צודרינגלעכן בליק אויף דעם גרוב און פּלוצעם זיך אָנגעכאַפּט פאַר אַנדזשייס האַנט.

אַנדזשיי האָט געזאָגט:

— ביי מיין מוטער וועט דיר גוט זיין.

— דאָס איז נישט אמת — האָט זי אָפּגעענטפערט, נישט אָפּווענדנדיק דעם בליק פון דעם גרוב מיטן בלישטשענדיקן ליים.

— פאַרוואָס זאָגסטו אַזוי?

— ווייל דאָס איז נישט מיין מאַמע.

— איך האָב דיר שוין געזאָגט: אַז דו וועסט וועלן, וועלן מיר צוריקפאָרן.

— האָסט מורא?

— איך? — האָט אַנדזשיי געפרעגט און זיך געכאַפּט, אַז זיין שטים ציטערט.

— האָסט מורא. און דו האָסט געזאָגט, אַז דו האָסט פאַר קיינעם נישט קיין מורא.

— איך האָב נישט קיין מורא.

— טאָ פאַרוואָס קוקסטו נישט אַהין?

זי האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט. אַנשטאָט צו קוקן אין דער אָנגעוויזענער ריכטונג, איז אַנדזשייס בליק געפאַלן אויף דעם הענטל פון קינד. דאָס דאָזיקע הענטל איז געווען בלאַס און שוואַך

זי האָט אַ ציטער געטאָן.

— איך וויל נישט — האָט זי געזאָגט.

— וואָס?

— איך וויל ווייטער נישט פאָרן.

— פאַרוואָס? — האָט ער געפרעגט, באַמיענדיק זיך פאַר־באָרגן זיין ציטער.

— לאָמיר זיך אומקערן! — אין איר שטים האָט זיך גע־פילט ערב־געוויין.

— דיין פאָטער האָט געבעטן, אַז איך זאָל דיך אָפּפירן.

— איך וויל צוריק.

— מיר וועלן צוריקקערן.

— טאָ לאָמיר צוריקקערן.

— אָבער נישט איצט, שפּעטער.

— נישט שפּעטער, נאָר איצט, שוין! איך וויל צו דער מאַמען.

— האָסט צוגעזאָגט צו זיין געהאָרכזאַם.

דער שאָסיי איז געגאַנגען באַרג־אַרויף. די פערד האָבן גע־שלעפּט דעם וואָגן מיט אָנשטרענגונג. די ביימער, אָנגעשפּאַרטע אין די איינגענע שווייגנדיקע שאָטנס, האָבן זיך געצויגן אין דער הייך. ביים סאַמע שפּיץ האָט דער הימל, אין אַרומרינגלונג פון געדיכט־באַבלעטערטע ביימער־קרוינען, אויסגעזען ווי אַן איינגע־שלעפּערטע אָזערקע. אַנדזשיי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן, כדי צו פאַרלייכטערן די פערד. קוקנדיק אַרויף, האָט ער געזען אַ קליינעם קינדערשן פּראָפיל. דער דאָזיקער פּראָפיל האָט זיך באַקלאָגט מיט דער שווייגנדיקער צייכענונג פון נאַיוו מויל, מיט זיינע צונויפגעצויגענע ברעמען. ער האָט זי געוואָלט באַרואיקן און דעריבער געזאָגט:

— מיר וועלן באַלד צופאָרן צום שטעטל.

— ווען?

— באַלד פון בערגל וועסטו זען דאָס שטעטל.

— דאָס וועט לאַנג דויערן?

— ניין.

— איז גוט.

ער איז געגאַנגען רואיק. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ס'איז געבליבן בלויז דער קורצער וועג, וועלכער קומט פאַר ביי אַ פאַרביסן שווייגן. ווען וועט עס פּלאַצן? צי וועל איך באַוויזן אָנצוקומען? ער האָט זיך אומרואיק אַרומגעקוקט. פונדערווייטנס, פון דאָרט פונוואַנען ער איז געקומען, האָט זיך ווידער דערהערט דאָס ברומען פון אַ מאָטאָציקל. ער איז געווען זיכער, אַז מע יאָגט אים נאָך. דאָך איז ער געפאָרן ווייטער. דער מאָטאָציקל האָט מיט רעש געמיטן דעם וואָגן. די צוויי באַוואָפנטע דייטשן האָבן זיך געריסן פאָרויס, נישט אומקוקנדיק זיך אויף צוריק.

אויפן בערגל האָט זיך אַנטפּלעקט דאָס שטעטל. עס האָט געערט צווישן לאָנקעס, ווי אַרויסגעוואַקסן גלייך פון דער ערד אין אַ העלן קוואַדראַט פול מיט ליכט און זונען־שטראַלן, וועלכע האָבן געפלאַקערט אין די שויבן פון די צעעפנטע פענצטער. עמעצער האָט שטיל און ריטמיש באַוועגט דעם אייזערנעם אָרעם פון אַ פּאָמפּע. דער מענטש האָט זיך איינגעבויגן און אויסגעגלייכט, צום אונטערגעשטעלטן עמער איז געפלאָסן אַ העלער שטראָם וואַסער.

— לאָמיר זיך אומקערן — האָט רחלע פּלוצעם געזאָגט.

— מיר זענען שוין נאָענט — האָט אָפּגעענטפערט אַנדזשיי.

— לאָמיר זיך אומקערן! — האָט דאָס מיידעלע באַפוילן.

— פאַרוואָס?

— איך וויל אַהיים, צו דער מאַמען.

— באַרואיק זיך.

— דו ווילסט, אַז איך זאָל דאָרט אָנהייבן שרייען? — זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און אָנגעוויזן אויפן שטעטל, וואָס איז געלעגן אין טאָל. — דו ווילסט, אַז איך זאָל דאָרט שרייען?

אַנדזשיי איז שטיין געבליבן. ער האָט דערפילט, אַז די רייזע ענדיקט זיך אויף דעם אָרט, ווו די שאָטנס פון די פערד האָבן אָנגעצייכנט די גרענעץ. ער איז שטיין געבליבן ביים וואָגן אַ פאַרגליווערטער פון אומרו און געקוקט אין פּנימל פון קינד.

— זעסט? — האָט זי געזאָגט — דאָרט גייען מענטשן איבער דער גאַס. ווילסט, אַז איך זאָל די דאָזיקע מענטשן זאָגן, אַז דו פירסט אַ יידישקע?

— ניין! האָט אַנדזשיי אויסגעשריגן אין פאַרצווייפלונג. — מיר וועלן אומקומען.

— טאָ פאַרקערעווע אויף צוריק!

אַנדזשיי האָט פאַרמאַכט די אויגן. ער האָט נאָך געוואַרט.

— פאַרקערעווע — האָט זי איצט געזאָגט שטיל, מיט געבעט — פאַרקערעווע...

אַנדזשיי האָט אַ צי געטאָן די לייצעס. איין פערד האָט זיך אַ רייב געטאָן אין זיין האַנט, ער האָט דערפילט די ווייכקייט פון האָר, די וואַרעמקייט פון פערדישן בויך, דעם שאַרפן ריח פון שווייס. די פערד האָבן פאַמעלעך פאַרקערעוועט, געהאָרכזאַם זיינע הענט. דער וועג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט אַ שאַרפן באַרג־אַראָפּ, זיין בליק האָט אַ לויף געטאָן צום פירקאַנטיקן לייִמיקן אָנשיט, וועלכער האָט געבלישטשעט אויף דעם ווייטן פעלד. אויף די ברעגן פון גרוב האָבן זיך געזען די בערגלעך ערד, צוגעגרייטע צו פאַרשיטן דעם קבר נאָך דער שחיטה.

— זיי נישט אין כעס.

זיי זענען געפאָרן שווייגנדיקע אין דער פאַרטונקלטער שטילקייט פון אומבאַוועגלעכע ביימער. רחלע מיט אַ פאַרקוקטן בליק אין דער ווייט האָט געשוויגן, אַ רואיקע. זי האָט אויסגעקוקט די הייזער, וועלכע זי האָט ערשט נישט לאַנג פאַרלאָזט. זיי זענען נאָך נישט געווען צום זען, פאַרבאָרגענע הינטער דעם אויסבייג פון שאָסיי. ווען זיי זענען דערפאָרן צום אָרט, וווּ זי האָט זיך צעשיידט מיטן טאַטן, איז זי אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן און אַ געשריי געטאָן צו אַנדזשייען:

— פאָר אָפּ! פאָר אָפּ!

זי האָט דערהערט אַ גערויש, אַ הויך קלאַגן. זי האָט זיך אומגעקוקט נאָך איין מאָל. די זון איז אונטערגעגאַנגען, אַנדזשיי איז געפאָרן מיט אַ פעלד־וועגל צו זיך אַהיים, נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ.

רחלע איז אַוועק פאָרויס. זי איז שנעל געגאַנגען אין דער ריכטונג צו דער עדה, וועלכע האָט זיך גראָד באַוויזן ביי דער ראָגאַטקע. די אויטאָס, אויסגעשטעלטע אין אַ פירעק, האָבן שטיל געוואָרטשעט. זי איז געלאָפן די אָנקומענדיקע אַנטקעגן, זי האָט דערזען דעם טאַטן מיט דער מאַמען.

אַ שפּליטער

— יאַקוב, כ'האָב געוואָלט זאָלסט מיר אויסגעפינען מאַשע בלאַוונער.

— וועמען?

— מאַשע בלאַוונער.

— כ'קען נישט קיין שום מאַשע בלאַוונער.

— פאַרוואָס רעגסטו זיך אויף? ס'איז שוין נישט דערלויבט אַ טובה צו בעטן ביי אַ חבר?

— ס'איז דערלויבט. ווער איז די מאַשע בלאַוונער? וואָס טוט זי?

— דו פרעגסט, יאַקוב, צו פיל פראַגן מיטאַמאָל.

— דו האָסט קיינמאָל פון קיין שום מאַשע בלאַוונער נישט גע-רעדט.

— צי האָב איך בלויז וועגן איר נישט גערעדט?

— און וווּ וווינט זי?

— דאָ, אין דער שטאָט.

— די שטאָט איז גרויס.

— איך האָב זי געזען עטלעכע מאָל אויף דער הויפּט-גאַס.

— האָסטו דאָך געקענט צוגיין, אויב דיך אינטערעסירט אַזוי די מאַשע בלאַוונער?

— ווען איך וואָלט געקענט, וואָלט איך ביי דיר די טובה נישט געבעטן.

— וועלכער נומער אויף דער הויפּט-גאַס?

— דאָס ווייס איך נישט.

— ס'איז גוט געזאָגט. די הויפּט-גאַס ציט זיך אפשר אויף דריי קילאָמעטער.

— וועסטו זיך דורכגיין די דריי קילאָמעטער.

— דו געפעלסט מיר נישט, אורי.

— מעגלעך, דאָך בעט איך דיך, געפין מיר אויס די מאַשע בלאָונער.

— פאַרוואָס דאַרף איך גראָד זיך דערמיט פאַרנעמען?

— איך האָב מיינע סיבות דערצו.

— גוט, אָבער ווי אַזוי זאָל איך זי זוכן?

— וועסט גיין פון שטוב צו שטוב. וועסט אַריינגיין אין יעדער וווינונג.

— ביסט משוגע געוואָרן, אורי?

— ניין.

— דאָס איז איבער מיינע כוחות.

— יאַקוב, מיר זאָגסטו דאָס?

— אָבער ווי אַזוי זאָל איך פרעגן? ווי שטעלסטו זיך דאָס פאָר? איך וועל אַריינקומען אין שטוב און פרעגן: צי דאָ וווינט מאַשע בלאָונער?

— נישטאָ קיין אַנדער אופן. איך וועל דיר זאָגן, ווי זי זעט אויס.

— פאַרוואָס ווילסטו דאָס אַליין נישט מאַכן?

— איך קען דיר נישט זאָגן, יעדנפאַלס נישט איצט.

— ווי זעט זי אויס?

— אַ הויכע, אַ בלאָנדע, אין עלטער פון אַ יאָר אַכט און דרייסיק.

— ווייניק אַזעלכע פרויען אין שטאָט?

— איצט איז זי אַ בלאָנדע. אַמאָל האָט זי געהאַט שוואַרצע האָר.

— וואָס קומט מיר אַרויס דערפון, אַז איך קען זי נישט?

— זי האָט ווידער אַ קינד.

— וואָס באַדייט, אורי, דער „ווידער“?

— זי האָט שוין אַמאָל געהאַט אַ קינד.

— און זי האָט דאָס איצט?

— דאָס איז נישט דאָס זעלבע קינד.

— פונוואַנען ווייסטו?

— איך האָב זי געזען מיט אַ קליין מיידעלע. יענע מיידעלע וואָלט שוין איצט געווען אַ זעכצניעריקע פריילין.

— זי האָט געהאַט איינס, איצט האָט זי אַ צווייטס.
— זי האָט גאָר האָס צווייטע.
— פונוואַנען קענסטו דאָס וויסן?
— איך וויים, פרעג נישט.

ביידע זענען שטיל געבליבן. יאַקוב, אַ הויכער, אַ דאַרער און עפּעס איינגעהויקערטער — האָט שווייגנדיק זיך איינגעקוקט אין חבר. נאָך אַ ווײַלע האָט ער געזאָגט:

— אויב דו ווייסט אַזוי גוט וועגן איר אַלץ, פאַרוואָס זאָלסטו אַליין נישט גיין?

— דערפאַר טאַקע, ווייל איך וויים וועגן איר אַלץ.
— אויב דו ווייסט, צו וואָס דאָס גיין און זוכן?
— איך האָב מיינע סיבות. כ'וויל וויסן, ווי זי לעבט, צי זי איז גליקלעך.
— צי איז זי נישט אַמאָל דיין טאָכטער?
— יאַקוב, פאַרוואָס פרעגסטו כסדר?
— דאָס איז דערלויבט.

ווייל אורי האָט געשוויגן, האָט ער צוגעגעבן:

— כ'וועל זוכן .
— הער אוים, יאַקוב, איר מאַן איז אומגעקומען. און אויב מאַשע האָט ווידער אַמאָל אַ קינד, איז איר פאַמיליע שוין נישט כלאַוונער.

— ווי דען?
— דאָס וויים איך נישט.
—איז אויף וועמען דאַרף איך, אויב אַזוי, פרעגן?
— קענסט פרעגן בלויז אויף מאַשע כלאַוונער.
— דאָס פאָדערט אַ סך צייט.
— מיר האָבן צייט גענוג.

עס איז ווידער געוואָרן שטיל. יאַקוב איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און זיך צוגעקוקט צום פורמאַן, וועלכער האָט צוזאַמענ־געשאַרט מיט דער לאָפּעטע די רעשטלעך זאַמד פון דעם דנאָ פון וואָגן. אונטער אַ פאַרשוואַרצטער מויער־וואַנט זענען געלעגן זעק־לעך צעמענט און ציגל, אָנגעוואָרפענע אויף שנעל. אויף דער צווייטער זייט מויער האָט געדרימלט אַ גאָרטן. יאַקוב האָט אָב־סערווירט דעם פורמאַן, אָבער ער האָט געפילט אויף זיך דעם

בליק פון חבר. ער האָט געוווּסט, אַז ער זיצט ביים טיש, וועלבער איז צוגעדעקט מיט אַ קויטיקלעכן בויגן פּאַפּיר און אויף וועלכן עס ליגט ברויט, אַ מעסער און אַ שטיקל פאַרגעלטע פּוטער איז אַ פּאַפּירל, וואָס ער האָט געקויפט גאַנץ פרי אין קלייטל. ווען יאַקוב איז אַראָפּ נאָך ברויט, איז אורי נאָך נישט געווען. ער איז אינגיכן אַריינגעקומען אַ פאַרסאָפּעטער און אויפגערודערטער. פון אונטער זיינע שוואַרצע געדיכטע ברעמען האָבן אויף יאַקובן גע־קוקט אַ פּאָר צעשראָקענע אויגן.

— יאַקוב, האָט אורי געזאָגט, אָטעמענדיק שווער — מאַשע כּלאָוונער לעבט.

דער פורמאַן האָט שוין געהאַט צונויפגעשאַרט די רעשטלעך זאַמד און אָנגעהויבן צוריקרוקן דעם וואָגן צום טויער. דאָס פערד האָט זיך אומגעשיקט פאַרסקליעפּעט אין נאַסן בעטאָן פון הויף און, האָבנדיק ברייט צעשטעלט די הינטערשטע פיס, זיך נישט געקענט רירן פון אָרט.

— וווּ וועסטו גיין? — האָט אורי געפרעגט.

יאַקוב האָט זיך אָפּגעקערט פון פענצטער און געזאָגט:

— ווען דו זאָלסט כאָטש וויסן אין וועלכן הויז זי וווינט.

— איך האָב זי באַמערקט לעבן דעם פליישׂ־געוועלב, זוך זי בשכנות פון די הייזער.

— און אויב איך וועל זי נישט געפינען?

— איך וועל דיר העלפן. נאָר דו וועסט רעדן מיט איר.

— און אויב איך וועל זי נישט געפינען?

— נעם צו די האַנט פון די אויגן.

— איך פאַרשטיי דיך נישט, אורי.

— רב נחמן בראַסלאַווער האָט אָפט איבערגעחזרט די ווער־טער פון זיין עלטער־זיידן, דעם בעל־שם־טוב: „ווי, די וועלט איז פול מיט ליכט און מיט סוד, נאָר יעדער מענטש קען זיך פאַר־שטעלן די דאָזיקע גרויסע און וווּנדערלעכע דערשיינונגען מיט דער קליינער דלאָניע פון זיין האַנט“.

— איך וועל מוזן אַריינגיין אין פרעמדע שטיבער.

— דאָס איז דיר דערלויבט, אויף וויפיל דו האָסט דיין אייגענע.

— אָבער איך מוז נישט.

— ביסט אַ מאָדנער מענטש. פון זינט מיר זענען דאָ, האָט די צייט פון מוז זיך געענדיקט.

— דאָס איז אמת.

— זאָג: יאָ אָדער ניין. זאָג נישט קיינמאָל: אמת. וואָס ווייסן מיר וועגן אמת?

— רעד קלאָרער, אורי. דאָ קענען מיר רעדן אָפן.

— וואָס ווייסן מיר וועגן אמת?

— אמת איז, אַז היינט פרי האָב איך געקויפט ברויט. וואָס דו האָסט אפילו נישט אָנגערירט.

— איך האָב נישט געוווּסט, אַז מאַשע לעבט.

— האָסט מורא?

— איך בין פאַרוווּנדערט.

— פון וואָס?

— זי האָט ווידער אַ קינד.

— פאַרוואָס רעדסטו אַלץ וועגן דעם קינד?

אורי האָט אַ זיפץ געטאָן.

— דו ווייסט, יאַקוב? ווען איך האָב זי דערזען, האָב איך נישט געגלויבט, אַז דאָס איז אמת.

— אמת, האָט יאַקוב איבערגעחזרט, ווענדנדיק זיך צו אורין: מיר הייסטו זאָגן: יאָ, אָדער ניין, און אַליין רעדסטו וועגן אמת.

— ווייל קיינער וויל אים נישט אָנגעמען: יעדער איינער שטויסט אים אָפּ. דערפאַר זאָגט מען, אַז ער בלאָנקעט זיך אַרום איבער דער וועלט.

— וואָס האָט דאָס פאַר אַ שייכות צו מאַשען?

אורי האָט נישט געענטפערט. יאַקוב האָט אַ פרעג געטאָן:

— און ווען איך וואָלט זי געפונען, צי וואָלט איך איר באַדאַרפט דערציילן וועגן דיר?

— זאָל גאָט אָפּהיטן!

— איז וואָס האָב איך איר צו זאָגן?

— דו דערוויס זיך בלויז, ווי זי פילט זיך און ווי איר גייט. מער גאָרנישט.

— אורי, אורי, איך בין היינט געווען אויף דער הויפּט־גאַס.
— און וואָס?
— וואָס זאָל איך דיר זאָגן, אורי? צי זיך צוריק פון דיין פּלאַן.
— איך קען נישט.
— אורי, איך בעט דיך, צי זיך צוריק אָדער זוך אַליין.
— איך קען נישט, פאַרשטיי. איך קען נישט זיין דער, וואָס וועט מיט איר רעדן.
— דו האָסט מאַשען ליב געהאַט?
— ביסט משוגע געוואָרן, יאַקוב!
— וואָס גייט דיר אַזוי אין לעבן זי אָפּצוזוכן?
— איך וויל וויסן.
— הער אויס, אורי. מיט א ווײַלע צוריק האָסטו געזאָגט, אַז די ווילסט נישט רעדן, און איצט זאָגסטו, אַז דו ווילסט וויסן.
— איך וויל וויסן, אָבער איך וויל נישט מיט איר רעדן. דו וועסט רעדן מיט איר.
— איך בין געשטאַנען אַ גאַנצן פּאַרמיטאָג ביי דעם פלייש־געוועלב. איך האָב נישט געזען קיין שום בלאָנדע מיט אַ קינד.
— דאָס באַווייזט נאָך גאָרנישט, זוך אין די הייזער.
— איך בין געווען אין עטלעכע שטיבער.
— און דו האָסט נישט געפונען?
— איך האָב נישט די זיכערקייט. אין אַ סך שטיבער האָב איך קיינעם נישט געטראָפן. אין אַנדערע, ווו מען האָט מיך אַריינגעלאָזט, האָב איך נישט געפונען קיין שום מאַשע.
— האָסט געפרעגט דירעקט?
— איך האָב צוערשט קאָנטראָלירט. אויב די טיר האָט גע־עפנט אַ ברונעטקע, האָב איך אפילו נישט געפרעגט.
— זוך ווייטער.
— די הויפּט־גאַס דאָס איז נישט אונדזער רעפּאַטריאַציע־וואַליזקע.
— צי פאַרשטייסטו נישט, יאַקוב, אַז דאָס איז דאָס גליק פון דער הויפּט־גאַס?
— מע זאָגט, אַז מיט פינף יאָר צוריק זענען דאָ געווען בלויז חורבות. איבעריקנס זעט מען, אַז דאָרט שטייען נייע הייזער.

— זיי זענען נישט אַזעלכע הויכע.

— זיי געפעלן דיר נישט?

— נישט אין דעם גייט מיר. ווערסט נישט מוזן קלעטערן אויף קיין סך שטאָקן.

— האָסט געזאָגט, אַז דו ווערסט מיר העלפן.

— איך העלף דיר.

— דו זיצסט דאָך אין שטוב.

— איך בין נאָר וואָס צוריקגעקומען. עטלעכע שעה בין איך אַרומגעגאַנגען אויף דער הויפט־גאַס.

— און וואָס?

— און איך האָב מאַשע כלאַוונער נישט באַגעגנט.

— אורי, הײַנט האָב איך ווידער אויסגעמאָסטן עטלעכע צענדליק שטאָקן.

— און וואָס?

— עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז אָט, אָט...

— און גאָרנישט?

— גאָרנישט. איין טיר האָט מיר געעפנט אַ יונגע פרוי, אַ בלאָנדע און לעבן איר איז געשטאַנען אַ קליין מיידעלע.

— און וואָס ווייטער? רעד!

— איך האָב געפרעגט: צי דאָס איז אייער טעכטערל?

— יאָ — האָט די פרוי געענטפערט.

— צי איז אייער נאָמען מאַשע? — האָב איך געפרעגט.

— יאָ.

— כלאַוונער?

— ניין.

— איך ווייס, אַז איצט רופט מען אייך אַנדערש, אָבער אַמאָל...

— איך האָב קיינמאָל נישט געהייסן כלאַוונער.

— אַנטשולדיקט.

— עס שאַדט נישט.

— איך זוך אַ פרוי מיט אַזאַ נאָמען און פאַמיליע.

— אין אונדזער הויז וווינט נישט קיינער מיט אַזאַ נאָמען אויסער מיר.

— אַנטשולדיקט, איך האָב זיך טועה געווען. איך וועל מוזן ווייטער זוכן.

— איך זע, אַז איר קענט אפילו נישט די פּערזאָן, וועלכע איר זוכט.

— איך קען זי נישט.

— איך צווייפל, צי איר וועט זי אויף אַזאַ אופן געפינען. גיט אַ מעלדונג אין דער צייטונג.

— זי דאַרף נישט וויסן, אַז זי ווערט געזוכט.

די פרוי איז געבליבן שטיין אַ דערשטוינטע. זי האָט געפרעגט:

— אַ גנבטע?

— אַך, ניין!

— אייער טאָכטער?

— פאַרוואָס פרעגט איר דאָס?

— צי באַהאַלט זי זיך אויס פאַר אייך?

— ניין, ווען זי זאָל זיין מיינע אַ טאָכטער, וואָלט איך דאָך נישט געפרעגט, צי דאָס זענט איר!

— אויב אַזוי, פאַרוואָס ווילט איר זי נישט זוכן דורך דער צייטונג?

— איך האָב מיינע סיבות.

אורי האָט געשוויגן. יאַקוב האָט ווייטער פאַרגעזעצט:

איך האָב דערנאָך אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון אַ צווייטער וווינונג, דאָרט האָט זיך ווידער באַוויזן אַ בלאָנדע פרוי.

— צי האָט איר אַ טעכטערל? — האָב איך געפרעגט.

— איך האָב.

— אַ קליינע?

— יאָ.

און פּלוצעם האָט די פרוי זיך איבערגעשראָקן. זי האָט אויסגעשריגן:

— צו וואָס פרעגט איר זיך וועגן מיין קינד?

— באַרואיקט אייך — האָב איך געזאָגט — איך זוך אַ פרוי, וועלכע רופט זיך מאַשע און האָט אַ קליין קינד.

— פאַרוואָס פרעגט איר נישט צוערשט דעם נאָמען פון דער געזוכטער פרוי, נאָר וועגן דעם קינד?

— איך האָב נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. די פרוי האָט געוואָלט פאַרמאַכן די טיר, זי האָט מורא געהאַט.

— צי זע איך אויס אויף אַ מענטשן, וואָס איז פעיק צו באַוועלן א קינד? — האָט איך געפרעגט.

אורי האָט יאַקובן איבערגעריסן:

— צו וואָס איז דיר נייטיק געווען דער גאַנצער שמועס?

— אורי, אויב דו ווילסט, אַז איך זאָל ווייטער גיין, מוז איך וויסן, צי מענטשן שרעקן זיך נישט פאַר מיר.

אורי האָט געשוויגן.

— צי דאַרף איך, נישט געקוקט אויף דעם, ווייטער זוכן?

— איך וויל וויסן, ווי איר לעבט זיך.

— האָסט מורא און ווילסט האָד וויסן?

— יאָ.

— ביסט אין איר פאַרליבט?

— איך האָב דיר שוין אַמאָל געזאָגט, אַז מיט דער פרוי בינדט מיך גאָרנישט.

— אויב אַזוי, צו וואָס הייסטו מיר זי זוכן?

— איך וועל דיר זאָגן ווען עס איז.

— אורי, צען יאָר זענען מיר געווען צוזאַמען, און קיינמאָל האָב איך פון דיר נישט געהערט וועגן קיין שום מאַשע.

— איך האָב געמיינט, אַז זי איז אומגעקומען.

— אורי!

— וואָס?

— אורי, זיי זיך מודה, אַז דאָס איז דיין על-חטא.

— מעגלעך.

— ווען דו זאָלסט זיך נישט האָבן פאַרשולדיקט, וואָלט זי דיר נישט נייטיק געווען.

— מעגלעך.

— און אויב דו האָסט זיך שוין יאָ פאַרשולדיקט, וועט דיר נישט העלפן.

— איך ווייס נישט.

— וואָס ווילסטו פון דער דאָזיקער פרוי?

— פריער געפין זי, דערנאָך וועל איך דיר זאָגן.
— דו שטעלסט מיך אוים אויף אומאַנגענעמלעכקייטן.
— איך בעט דיך, טו עס פאַר מיר!
— גוט, אורי.
— פאַרשטיי, כל זמן איך האָב געטראַכט, אַז מאַשע לעבט נישט, זענען מיר קיין שום ידיעות וועגן איר נישט נייטיק געווען. איצט, אַז איך האָב זי געזען, מוז איך וויסן.

— אורי, דו שלאָפסט?
— ניין.
— איך קען אויך נישט. און האָרט זענען מיר גוט געשלאָפן.
— דאָרט... — האָט אורי געזאָגט. זיין בליק איז געווען געווענדט אין דער וויט. דורך די פענצטער האָט אַריינגעקוקט אַ פינצטערע נאַכט. — צו וואָס דערמאָנען? — האָט ער שטיל צוגעגעבן.
— און מאַשע.
— וואָס, מאַשע?
— דאָס איז נישט קיין דערמאָנונג?
— דאָרט האָב איך וועגן איר נישט געטראַכט.
— ווייל דו האָסט געהאַלטן, אַז זי לעבט נישט.
— יאָ.
שטילקייט, נאַכט.
— אורי?
— איך הער.
— דיר איז באַקאַנט די לעגענדע וועגן לילית?
אורי האָט נישט געענטפערט. יאַקוב האָט זיך אַ באַוועג געטאָן אויפן געלעגער, דאָס אייזערנע בעטל האָט אַ סקריפּע געטאָן.
— די לעגענדע דערציילט, אַז לילית האָט געפאַנגען אין איר נעץ אַ געווייסן מענטשן. וועגן דעם האָט זיך דערוווסט אייבער אַ הייליקער מאַן, וואָס אויף דער ידיעה, אַז דער זינדיקער קומט אין שטאָט, האָט באַפוילן צו פאַרשליסן די טירן פון אַלע הייזער, כדי ער זאָל נישט האָבן, וווּ אַריינצוגיין. ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט. דער געקומענער האָט נישט געהאַט וווּ צו שלאָפן. אומזיסט האָט ער געקלאַפּט אין די טירן פון די הייזער...

— דיר עפּעס מען אויף אומעטום. — האָט אים אורי אָפּ־בערגעריסן.

— איך רעד נישט וועגן זיך.

— וועגן וועמען דען?

— וועגן אַ באַנומענעם מענטשן, וועגן דיר.

— איך בין נישט קיין באַנומענער.

— דערלויב, אורי, אַז איך זאָל דערציילן ביזן סוף.

— צו וואָס?

— הער, אפשר וועסטו פאַרשטיין.

— רעד.

דער געקומענער האָט באַקומען אַן אָרט אין אַ שייער פול מיט היי. מיט דער הילף פון אַ לייטער איז ער אַרויף אין דער הויך און זיך געלייגט שלאָפן. גלייך האָט זיך באַוויזן לילית, זי האָט אים אויפגעוועקט און געזאָגט:

— קום אַראָפּ צו מיר.

— פאַרוואָס דאַרף איך אַראָפּגיין צו דיר? — האָט געפרעגט דער זינדיקער — דו פלעגסט שטענדיק צו מיר קומען.

— אין דעם היי, אויף וועלכן דו ליגסט, איז פאַראַן אַזאַ גראָז, וואָס שטערט מיר דערנעענטערן זיך צו דיר.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ גראָז? — פרעגט דער זינדי־קער. — דאָס? דאָס? צי דאָס? — און ער האָט אַרויסגעצויגן פון דעם סטויג פאַרשידענע גראָזן, קרייטעכצער, פאַרטריקנטע בלומען און זיי געוויזן לילית'ן.

— נישט דאָס, האָט לילית געענטפערט. — דאָס! — האָט זי אויסגעשריגן — דאָס גראָז מאַכט מיר נישט מעגלעך צו דער־נעענטערן זיך צו דיר. באַזייטיק עס, וואַרף עס אַרויס!

דעמלט האָט דער זינדיקער צונויפגענומען די אַלע גראָזן, וועלכע זענען געווען אַ שטערונג פאַר לילית'ן, האָט זיי מיט אַ זיפץ פון פאַרלייכטערונג צוגעדריקט צום האַרצן און לילית האָט גע־מוזט אַוועקגיין.

אורי האָט געזאָגט:

— איך טראָג די גראָזן אויף מיין האַרץ פון פעברואַר 1942. איצט וויל איך זיי באַזייטיקן.

— מאַשע? — האָט יאַקוב געפרעגט.

— איך האָב דיר שוין וויפל מאָל געזאָגט, אַז מיט דער פרוי בינדט מיך גאָרנישט.

— זכרונות?

— יאָ, איצט דאַרף איך מיך נישט שיצן קעגן זיי.

— פאַרוואָס, אורי?

— ווייל מאַשע האָט שוין אַ צווייט קינד.

— פאַרוואָס רעדסטו אַלץ וועגן דעם קינד?

— נישט וועגן דעם, נאָר וועגן יענעם. איך רעד וועגן איר ערשט קינד.

— האָסט עס געזען?

— וואָס הייסט; צי איך האָב עס געזען? — אין דער שטים פון אורין האָט זיך דערפילט אַן אומרואיקייט.

— איך מיין איצט. צי דו האָסט עס איצט געזען?

— יענץ קינד, יאַקוב, איז שוין נישטאָ.

— פונוואַנען ווייסטו?

— איך האָב דאָס קינד באַערדיקט.

יאַקוב איז געלעגן אומבאַוועגלעך. ער האָט זיך איינגעהאָרכט.

— איך האָב באַערדיקט דאָס קינד — האָט אורי איבער־געחזרט.

— אורי, צי איז דאָס דיין אופן פון תשובה־טאָן?

— ניין, דאָס זענען די גראָזן, וועלכע שיצן דעם צופריט

— דו האָסט געזאָגט, אַז דו ווילסט זיי באַזייטיקן.

— איך האָב זיי שוין באַזייטיקט — נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט ער צוגעגעבן:

— איך האָב שוין צופיל געזאָגט.

— איך וויל נישט זיין צודרינגלעך — האָט יאַקוב געזאָגט.

— דו מוזט נישט — אין אַ ווײַלע אַרום האָט אורי געפרעגט:

— דו געדענקסט דעם ווינטער?

— איך געדענק.

— ניין, איך מיין נישט יענעם, איך פרעג וועגן אונדזער פוילישן ווינטער.

— באַזיניק זיך, איצט איז יולי.

— אַ ווינטער אין אַ קליין שטעטל. אַ צעפּינקלטער, פּראָסטי־קער, קלאָרער ביינאַכטיקער הימל, שניי, אַרום איז ווייס און שטיל.

— דיכטעסט, אורי.

— געדענקסט, ווי עס שמעקט דער שניי.

— אורי...

— אַ פּוכקער, אַ סיפּקער שניי, און אַרום איז שטיל. הינ־טער דער ראָגאַטקע דרימלענדיקע פעלדער, און אין דער ווייט אַן אומבאַוועגלעכער וואַלד, אַ טונקעלער און אַ רואיקער.

— אורי...

— ווען איך בין געקומען אַהין, אין דעם שטעטל, האָב איך נאָך געהאַט אַ פרוי. מיר האָבן זיך באַזעצט אין אַ קליין הילצערן הייזל פון דריי צימערן. אין יעדן צימער האָט געוווינט אַן אַנ־דערע משפּחה. אָבער מיר האָבן געלעבט צווישן זיך בשלום. אין הויז איז געשטאַנען אַ געפלאַצטער, דאָך שטאַרקער ליימענער אויוון, וועלכער האָט אונדז אַלעמען געדינט. איך האָב געאַרבעט. ווען זיי זענען געקומען, האָבן זיי אָנגעהויבן פון אַ שחיטה. אונ־דזער הויז האָבן זיי יאָקאָש דעמלט נישט גערירט. דערנאָך האָבן זיי געשאַפן דאָס געטאָ.

— דו האָסט זיך פאַרליבט אין מאַשען?

— ניין, אין איינעם פון די צימערן האָט געוווינט מאַשע מיט אַ קינד, אַ דריי־יעריק טעכטערל, איר מאַן האָט שוין נישט געלעבט. אין צווייטן צימער האָט געוווינט אַן אַסטראָנאָם, אַ באַ־רימטער געלערנטער, אַ פּראָפעסאָר פון אוניווערסיטעט, וועלכן דער מלחמה־גורל האָט פאַריאָגט אין דעם העק. אין דריטן צימער האָב איך געוווינט מיט מיין פרוי. די דייטשן האָבן פאַרלייגט בלע־כער־וואַרשטאַטן. קיין פרויען האָבן זיי נישט אָנגענומען, איך האָב דאָרט געקריגן אַרבעט, מיטן פּרימאָרגן בין איך אַוועקגע־גאַנגען, אין אָוונט צוריקגעקומען.

— און די איבעריקע?

— מאַשעס מאַן האָט שוין נישט געלעבט, איך האָב עס דיר דאָך שוין געזאָגט. דער פּראָפעסאָר האָט נישט געטויגט פאַר די דייטשע בלעכער־וואַרשטאַטן. נאָר איך בין געווען נייטיק די דייטשן. עס האָט מיך געשיצט זייער „אַרבעטס־שיין". די איבע־ריקע איינוווינער פון דעם הויז האָבן זיך נישט גערעכנט...

— איך ווייס.

נאָך אַ ווײלע שטילשווײגן האָט אורי געפרעגט:

— צי ווייסטו ווען מען קאָן צום בעסטן זען די שײן פון אַ שטערן? אפילו בײטאָג?

— ווען?

— ווען דער מענטש לאָזט זיך אַראָפּ אין דער טיפעניש פון דער ערד און עס רינגלט אים אַרום אַ פינצטערניש. אונטער דער פּאָדלאָגע האָבן מיר אויסגעגראָבן אַ בונקער. פאַר די באַדראָטע האָט דאָרט געלויכטן אַ שײן פון האָפענונג.

— און דו?

— איך האָב געהאַט זייער „קאַרטע". נאָכן אַראָפּגיין אין קעלער, האָבן די פון אונטן פאַרשטעלט די עפענונג מיט ברעטער. מיר האָבן צוגעגרייט דאָס קעלערל אויפן פאַל פון אַ „לאַפּאַנקע".

— ס'איז צונויף געקומען, אַ סימן, דו האָסט איבערגעלעבט.

— ניין, נישט דאָס האָט מיך געראַטעוועט. מיך האָט געראַטעוועט דער וואַלד. איך בין אַנטלאָפן אין וואַלד, ווען מען האָט אַלע פון דעם הויז פאַרנומען. אָבער דאָס איז געשען שפּעטער.

— דו האָסט געזאָגט: אַ שײן פון האָפענונג.

— מאַשע האָט געהאַט אַ קליין מיידעלע.

— דו האָסט שוין וועגן דעם דערציילט.

— מרים. אַ שײן פון האָפענונג. זי האָט זיך געפונען אין אַלע דריי צימערן. מאַשע איז געווען איר מוטער, אָבער אַלע אײנוווינער פון הויז זענען געווען איר משפּחה. דער פּראָפעסאָר, איך, מײן פרוי. יענעם טאָג אינדערפרי, איידער איך בין אַרויס צו דער אַרבעט, איז זי געקומען צו מיר צו לויפן און זיך אַוועקגעזעצט אויף מײנע קני.

— דו האָסט זיך זיכער געאײלט.

— איך האָב זיך פאַרשטאָכן אַ שטערן *), האָט מרים גע=

*) שפּיל פון ווערטער. אַ שפּליטער איז אויף פּויליש „דזשאַזגאַ", וואָס דאָס קינד האָט פאַרביטן אויף „גוויאַזדאַ" — וואָס באַדייט אויף פּויליש אַ שטערן.

זאָגט און אויסגעצויגן צו מיר איר פינגערל. זי האָט געהאַלטן אַט, אַט ביי צעווייגען זיך. איר מוטער איז געשטאַנען לעבן מיר.

— ס׳טוט וויי? — האָב איך געפרעגט.

— נעם אַרויס דעם שטערן פון פינגערל.

— דעם שפּליטער — האָב איך פאַרריכט.

— איך האָב אַ שטערן! — האָט דאָס קינד אויסגעשריגן.

איך האָב באַזייטיקט דעם שפּליטער פון פינגערל און זי אַראָפּגעלאָזט.

— שטערן זענען אויפן הימל — האָב איך געזאָגט — פאַר־געדענק זיך דאָס, מרימל!

— און דאָס? — האָט זי מיט אַן אויסגעשטרעקט הענטל אָנגעוויזן אויף מיין אָרעם־באַנד מיט דעם אויסגעמאָלטן שטערן אויף אים — און דאָס? — איר הענטל האָט זיך איבערגערוקט צו מיין ברוסט. אויף דעם מאַנטל האָב איך געהאַט צוגענייט אַ געלן שטערן.

— די שטערן וועלן אַראָפּפאַלן — האָב איך געזאָגט.

— און מער האָסטו מרימען נישט געזען? — האָט יאַקוב אַ שעפּטשע געטאָן.

— איך האָב געזען. ביי טאָג בעת דער אַרבעט, איז עמעץ געקומען צולויפן אין וואַרשטאַט און דערציילט, אַז מען „זידלט" אויס דאָס געטאָ. איך האָב געוואָלט לויפן אַהיים, נאָר דער וואַר־שטאַט איז געווען אַרומגעשטעלט. מען האָט אונדז אָפּגעהיט, מיר זענען געווען נייטיק. דערנאָך האָב איך זיך באַרואיקט. איך האָב אַ טראַכט געטאָן פון דעם קעלערל אונטער דער פּאָדלאָגע. און דערנאָך...

אורי האָט איבערגעריסן.

— דאָס קינד האָט אוודאי זיך צעהוסט אָדער זיך צעוויינט.

— ניין, קיין זאַך האָט נישט אויסגעגעבן די באַהאַלטענע. אין געטאָ האָט מען געהאַנדלט מיט לומינאַל, מען האָט עס געקויפט טאָקע פאַר קינדער, כדי זיי זאָלן שלאָפן און נישט וויינען אין דער באַהעלטעניש.

און מרים האָט אויך איינגענומען?

— יאָ, אָבער דאָס איז נישט געווען קיין לומינאַל. אין אָנהייב איז זי אַנטשלאָפן געוואָרן דאָרט אונטן, נאָר אין דעם מאָמענט,

ווען די דייטשן האָבן זיך דערנעענטערט צו אונדזער הויז, האָט דאָס קינד זיך אויפגעכאַפּט.

— פונוואַנען ווייסטו דאָס?

— ביינאַכט, ווען איך בין צוריקגעקומען אַהיים, איז די שטוב געווען ליידיק. פון אונטן האָב איך געטראָפן אַלע אויסער מיין ווייב.

— ווו איז זי געווען, אורי?

— די אַבלאַווע האָט זי פאַרכאַפּט אין גאַס.

אַ הגע האָט געהערשט אַ שטילקייט. יאַקוב האָט געפרעגט:

— האָסט געזאָגט, אַז מרים האָט זיך אויפגעכאַפּט.

— יאָ, אָבער זי האָט נישט אויסגעגעבן.

— אַ טיכטיק קינד.

— ווען איך בין צוריקגעקומען האָט מרים שוין נישט געלעבט.

יאַקוב האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט. ער האָט געפרעגט מיט אַ פאַרשטיקט קול:

— זיי האָבן דערמאָרדעט דאָס קינד, און די איבעריקע צו־רו געלאָזט?

— די דייטשן האָבן זי נישט דערמאָרדעט. דער פּראָפע־סאָר. ווען דאָס קינד האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָבן זיך אין דער הייך דערהערט די טריט פון די דייטשן און דעמלט איז דער פינצטער האָט נישט מאַשע גענומען דאָס קינד, כדי עס צו באַ־רואיקן, נאָר דער פּראָפעסאָר.

— ניין!

— פאַרוואָס זאָגסטו: ניין.

— ער האָט עס דאָך נישט דערהרגעט!

— דערנאָך האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט עס נישט גע־וואָלט דערהרגענען, נאָר איינשטילן.

— ער האָט עס דערשטיקט...

— נישט ווילנדיק — האָט ער געזאָגט.

— און מאַשע?

— ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט געוואָלט דאָס קינד צוטו־ליען, באַרואיקן.

— אָבער פֿאַרוואָס האָט מאַשע נישט גענומען דאָס קינד?

— פֿאַרוואָס? — אין אַ ווײַלע אַרום האָט אורי צוגעגעבן: אויב דו וועסט זי געפֿינען, פֿרעג נישט וועגן גאָרנישט. זאָג נישט, אַז דו ווייסט.

— אורי...

—איך ווייס, איך זאָג עס נאָר אַזוי, כדי זיך אַליין צו באַרואיקן.

—און וואָס איז געשען דערנאָך?

— די דײַטשן האָבן דורכגענישטערט די צימערן, קיינעם נישט געפֿונען און אַוועקגעגאַנגען. ערשט אין אָוונט, נאָך מײַן צוריקקומען, האָב איך אַ קוק געטאָן אין קעלערל. דאָס קינד איז געלעגן אין אַ ווינקל. עס האָט לענגער נישט געקאָנט פֿאַרבלײַבן צווישן די זיך אויסבאַהאַלטנדיקע.

— און די פֿון קעלער?

— זיי האָבן געשוויגן. קיינער האָט קיינעם נישט געזאָגט קיין שלעכט וואָרט. די מוטער איז געווען פֿאַרצווייפֿלט, אָבער נישט געקוקט דערויף האָט זי געשוויגן. איך בין געווען מיט די מענטשן צוזאַמען די ווייטערדיקע צוויי וואָכן. בײַטאָג פֿלעג איך אַרויסגיין צו דער אַרבעט, יענע זענען פֿאַרבליבן אין קעלער. און ווען עס האָט זיך אײַנגעשטילט זענען זיי פֿון דאָרט אַרויס= געגאַנגען. דער פּראָפֿעסאָר מיט מאַשען האָבן צווישן זיך נישט גערעדט.

— און דאָס קינד?

— איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט: איך האָב צוריקגעקערט בײַנאַכט. עס איז געווען פֿעברואַר, ס'איז אַרויסגעפֿאַלן אַ שניי. דאָס הײַזל איז געווען אַן אײַנשטאָקיקס, דורכן פֿענצטער בין איך אַרויס אין גערטנדל, דאָס קערפּערל האָט נישט געקענט פֿאַרבלײַבן אין שטוב. שוואַרצע הײַזער, אַ פֿינצטערע נאַכט, בלויז דער הימל איז געווען פֿול מיט שטערן. אַ שטילקייט. דער שניי האָט געפֿינקלט. פֿון דער ווייט איז געשטאַנען ווי פֿאַרגליווערט דער וואַלד. מיט דער לאָפּעטע, מיט וועלכער מיר האָבן אַרײַנגע= לייגט קוילן אין אויוון, האָב איך אין דער שטילקייט, אונטער דעם צודעק פֿון שאָטן, אָנגעהויבן גראָבן אַ גרוב. אין אָפֿענעם פֿענצטער פֿון דער פֿינצטערער שטוב איז געשטאַנען מאַשע,

האַלטנדיק אויף די הענט דאָס שטייפע קערפערל פון מרימען. זי האָט זי אָנגעטאָן אין ווייסן פוטערל און אין דער אמתן האָב איך בלויז דאָס פוטערל געזען. עס האָט זיך מיט דער ווייסקייט אָפגעשלאָגן פון דער שוואַרצקייט פון דער נאַכט. עס האָט אויסגעזען, ווי מרים זאָל זיך געפינען אין סאַמע מיט פון אָט דער שוואַרצקייט, ווי אַ פאַרהאָנגענע אין דער לופט. מאַשע איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך און זיך צוגעקוקט, ווי איך גראָב. די לאָפעטע איז געווען אַ טעמפע, גוט פאַר קוילן אָבער נישט טויגבאַר פאַר גראָבן אַ גרוב אין געפרוירענער ערד. די גרוב איז געווען אַ פלאַכע. ווען איך האָב זיך אויסגעגלייכט און אַוועקגעלייגט די לאָפעטע אויף דער ראַם פון פענצטער, האָט מאַשע מיר דערלאַנגט דאָס קערפערל פון קינד און געזאָגט:

— קאָנטראָלירט נאָכאַמאָל. איר קענט זיך דאָך דערויף.

איך האָב זיך נישט געקענט. איך האָב זיך נישט געמוזט קענען. זי האָט געוווסט דאָס זעלבע וואָס איך. איך האָב פון אירע הענט גענומען דאָס קינד, וואָס האָט אין דער פרי געהאַט זיך פאַרשטאָכן אַ „שטערן“ אין הענטל.

— באַערדיקט זי אין פוטערל, ווערט איר נישט זיין קאַלט. — האָט זי צוגעגעבן.

איך האָב זיך איינגעבויגן, אַריינגעלייגט דאָס קערפערל און אָנגעהויבן פאַרשיטן די גרוב. מאַשע איז אַלץ געשטאַנען אין פענצטער. אַ בערגעלע פרישע ערד האָט אַרויסגעשטאַרטשעט ווי אַ קליינער האָרב איבער דער מיט שניי פאַרשיטער אויבערפלאַך. אין דער הייך האָבן געפינקלט די שטערן... וועלכן פון זיי האָט זיך מרים פאַרשטאָכן אין הענטל דעם פאַרגאַנגענעם פרימאָרגן? איך האָב מורא געהאַט, אַז מע זאָל אויפן צווייטן טאָג נישט באַמערקן דאָס פרישע בערגל. אָבער ביינאַכט איז אויסגעפאַלן אַ שניי.

— אורי!

— וואָס?

— איך וועל מער נישט זוכן.

— ווי דו ווילסט.

— אויב ס'איז נישט דערלויבט גאָרנישט צו פרעגן, צו וואָס איז דאָס זוכן?

— איך וויל דו זאָלסט פרעגן, אָבער נישט וועגן דעם.
— וואָס גייט עס דיר אַזוי אין לעבן?
— איך וויל וויסן ווי איר לעבט זיך.

— אורי, איך האָב געזען מאַשען.
— ווו, ווען?
— אין איר ווינונג אויף דער הויפּט־גאַס.
— דערצייל!
— זי איז געווען איבערראַשט.
— פאַרוואָס? רעד!
— זי האָט געמיינט, אַז קיינער איז נישט געבליבן לעבן.
— עס האָט זי איבערראַשט דאָס, וואָס עמעצער איז געבליבן?
— יאָ.
— דו האָסט איר, גלויב איך, נישט געזאָגט, אַז איך פרעג זיך נאָך וועגן איר?
— אורי!
— פונוואַנען זשע ווייסטו, אַז זי איז געווען איבעראַשט?
— זי האָט מיך געפרעגט, ווער עס האָט מיך געשיקט צו איר.
— און דו וואָס?
— איך האָב איר געזאָגט, אַז איך האָב זי געזען עטלעכע מאָל אויף דער גאַס, אַז זי דערמאָנט מיר אין עמעצן און דערי בער בין איך איר נאָכגעגאַנגען אין דער ווינונג.
— האָט זי זיך באַרואיקט?
— ניין.
— דו האָסט זי דירעקט געפרעגט, צי זי איז מאַשע בלאַווער?
— יאָ.
— און וואָס?
— זי האָט מיר געענטפערט, אַז אַזוי האָט זי געהייסן נאָכ׳ן ערשטן מאַן.
— און וואָס נאָך?

— זי האָט געוואָלט וויסן, ווו איך האָב זי געזען און ווען.
— און וואָס האָסטו געזאָגט?
— אַז איך האָב זי געזען שוין לאַנג צוריק, נאָך פאַר דער מלחמה.
— און דאָס קינד? — האָט אורי געפרעגט.
— איך האָב עס געזען.
— ווי רופט מען עס?
— מאַריע.
אורי האָט אַ ציטער געטאָן.
— מאַריע?
— יאָ, מאַשע רופט זי מאַרושע.
— וועגן וואָס נאָך האָט איר גערעדט?
— זי האָט מיך געפרעגט, ווו איך בין געווען אין דער צייט פון דער מלחמה. אין יאָר 1942.
— וואָס האָסטו געזאָגט?
— אַז איך בין געווען ווייט.
— האָסטו זיך מיט גאָרנישט אויסגעגעבן?
— ניין — האָט יאַקוב געענטפערט און מיטאַמאָל שטיל געבליבן.
אורי האָט אים אָבסערווירט מיט אַ ווינקל פון אויג.
— אויף זיכער? — האָט אורי געפרעגט.
יאַקוב האָט געשוויגן.
— דו זאָגסט נישט דעם אמת, יאַקוב.
— איך וועל דיר זאָגן.
— זאָג, יאַקוב, איך האָב מורא.
— מיר זענען געזעסן ביים טיש און געשמועסט, דאָס קינד האָט זיך געשפּילט אין צווייטן צימער. פּלוצעם האָט עס אַ געשריי געטאָן און געקומען צולויפן צו דער מוטער מיט אַ געוויין.
— רעד, יאַקוב!
— איך האָב זיך פאַרשטאָכן! — האָט אויסגערופן דאָס מיידעלע און געוויזן דער מוטער דאָס הענטל. יאַקוב איז שטיל געבליבן, ער איז שווער אויפגעשטאַנען פון אָרט און צוגעגאַנגען צום פענצטער. דער גאָרטן הינטערן מויער האָט געדרימלט, שטיקנדיק זיך פון היץ. עס איז געווען אַ חמימה.

— פאַרוואָס רעדסטו נישט? — האָט אורי געפרעגט.

— דאָס מיידעלע האָט געזאָגט: איך האָב זיך פאַרשטאַכן, און איך האָב צוגעגעבן: ווי מרים.

— ביסט פון זינען אַראָפּ, יאַקוב! — אורי איז אויפגע־שטאַנען פון שטול און צוגעלאָפן צום פענצטער, וווּ ס'איז גע־שטאַנען יאַקוב.

— פונוואַנען ווייסט איר דערפון? — האָט אויסגערופן מאַ־שע מיט שרעק.

— איך ווייס נישט וועגן גאָרנישט!

— וווּ איז דער מענטש! — האָט מאַשע געשריגן. אויף די מרעפ נאָך, ווען איך בין פון דאָרט אַנטלאָפן, האָט זי מיר נאָכ־געשריגן: וווּ איז דער מענטש?!

עס איז איינגעטראָטן אַ שטילשווייגן. אַ ווייסער וואָלקן, וועל־כער איז געשוואומען איבערן הימל, האָט זיך דורך שימערירנדיקע שיין־צימערס אָפּגעשלאָגן אין דער שויב פון אָפענעם פענצטער.

— אורי!

— וואָס?

— פאַרוואָס האָט זי פאַר דיר אַזוי מורא?

— פאַרוואָס? — האָט ער געענטפערט, ווי אַ מענטש, וועלכן מען האָט אויפגעריסן פון שלאָף. — פאַרוואָס? האָט ער איבער־געחזרט, און שטיל געבליבן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער געזאָגט: איך בין איר קעלער, פון וועלכן מע זעט נישט קיין שום שטערן.

— ניין, אורי, דו ביסט איר שפּליטער.

— יאַקוב, יאַקוב — זי איז מיין שפּליטער!

זאָלן זיין געבענטשט די הענט...

— כ׳וואָלט געוואָלט אַ קוק טאָן אין זייערע פּנימער, ווען זיי וועלן, צוריקקומענדיק קיין וואַרשע דערזען, אַז מיר זענען נישטאָ.

אירע ליפּן האָבן געציטערט. איך האָב מורא געהאַט, אַז זי וועט באַלד אויספּלאַצן אין אַ געוויין. זי האָט זיך באַהערשט און געפרעגט:

— איר מיינט, אַז דאָס וועט זיין אַזוי קאָמיש?

— דאָס, וואָס מיר זענען געבליבן דאָ, אָדער דאָס, וואָס מיר וועלן נישט זיין דאָרט?

— סיי דאָס ערשטע, סיי דאָס צווייטע זעט מיר נישט אויס צו זיין קאָמיש. איך בין זייער מיד.

די גראָע שיינע פרוי האָט פאַרריכט אירע האָר מיט אַ מילדער באַוועגונג, וועלכע האָט מיר אויסגעזען ווי אויסגעלערנט, איינשטודירט.

איך האָב געגלויבט, אַז זי איז מיד. די טאָג־טעגלעכע רייזעס מיטן אויטאָקאַר פון וואַרשע אין ווייטן שטעטל, ווו די פילם־מענטשן האָבן געדרייט זייערע פלענער, שפּעטער דאָס צוריסקערן קיין וואַרשע נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרבעט אין די יולי־היצן — האָט יעדן אויסגעמאַטערט.

איך האָב געזוכט פּאַסיקע ווערטער. כ׳האָב זיך אין אַ געוויסער מאָס געפילט שולדיק אין דעם, וואָס מיר ביידע זענען פאַרבליבן דאָ, אין דער צייט, ווען די גאַנצע עקיפּע האָט זיך אומגעקערט אַהיים.

— באַרואיקט אייך. מיר וועלן זיך ווי נישט איז דערשלאָגן צו דער סטאַציע און פון דאָרט וועלן מיר זיך אומקערן קיין וואַרשע מיט דער באַן.

— ס׳איז ווייט?

— נישט זייער. עטלעכע קילאָמעטער.

— כ'גלויב, אַז מיר וועלן נישט גיין צופֿוס — זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אירע לייכטע פֿאַנטאָפֿל, וועלכע זענען נישט געווען צוגעפּאַסט צו אַ שפּאַציר אויף אַזאַ שלעכטן וועג פֿול מיט גריבער.

מיך האָט געמאַטערט דער געדאַנק, אַז זי טײַטשט אויס פֿאַלש מײַן נאַכלעסיקייט און דאָס נישט צוהיטן דעם אָנפֿירער פֿון דער עקיפּע, וועלכער האָט דאָך באַדאַרפֿט קאָנטראָלירן פֿאַרן אָפּפֿאָרן, צי אַלע זענען אײַנגעשטיגן אין אויטאָקאַר.

מיר זענען געזעסן אין אַ פֿאַרלאָזענער אַכסניא, אַ ריינער און צוגערוימטער. איך בין געווען זיכער, אַז דעם לאָקאַל האָט מען געבראַכט אין אָרדענונג אויף דער צייט פֿון אונדזער זײַן דאָ, ווען ס'איז געוואָרן באַוווסט, אַז מ'האָט די געגנט אויסגעוויילט פֿאַר דעם אָרט פֿון אונדזער אַקציע. דעם פֿילם איז געווען נייטיק אַ פּייזאַזש, וואָס זאָל דערמאָנען אַ קליין שטעטל פֿון סוף פֿאָריקן יאָרהונדערט.

איצט איז דער לאָקאַל געווען פּוסט, אָבער ערשט מיט אַ האַלבער שעה צוריק האָט דאָ געהערשט אַ טומל. אַ גאַנצע מהנה פֿון אַקטיאָרן, סטאַטיסטן און אָפּעראַטאָרן האָבן אויסגעפֿילט דעם גרוימען לאָקאַל, מ'האָט הויך געשמועסט צווישן זיך, געלאַכט. ווי געוויינלעך האָט די מערהייט אָנוועזנדיקע זיך קאָנצענטרירט אַרום דעם טישל, ביי וועלכן עס איז געזעסן די באַוועגלעכע, לעבעדיק זשעסטיקולירנדיקע איטאַליענערין מיטן ווייסן קאָליר פֿון פּנים — אַ בלאָנדהאָריקע און שוואַרצאויגיקע.

איך האָב זי געקענט פֿון עטלעכע פֿילמען, נאָר קוקנדיק אויף איר איצט האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז אויפֿן עקראַן איז זי געווען מער נאַטירלעך. דאָ האָט זי געשפּילט אַ באַהערשטע און ערנסטע, נאָר זי האָט שנעל וועגן דעם פֿאַרגעסן. זי האָט דערפֿילט אַ באַדערפֿעניש צו טומלען, די פֿריילעכקייט פֿון די פֿאַרזאַמלטע האָט איר צוגעגעבן מוט, זי האָט געפֿונען אַן אַפּראָבאַטע פֿון די מענטשן, וואָס האָבן זי אַרומגערינגלט און וועלכע האָבן איר אַרויסגעוויזן אַן אָפֿענע און דייטלעכע סימפּאַטיע. זי האָט באַנוצט איבער אַ צענדליק פּוילישע ווערטער, צווישן זיי אַ צוויי, דריי נישט קיין אָנשטענדיקע, וועלכע האָבן איר איר

מויל געקלונגען זאַפֿטיק, כאָטש זי האָט נישט געוווּסט וואָס זיי באַדייטן. זי פֿלעגט אויפֿשטיין פֿלוצעם פֿון טיש און מיט אַן ענערגישן טראָט צוגיין צום בופֿעט, פֿאָכענדיק מיט די הענט, און דאָרט ווילונגעריש אויפֿן ווינק געבעטן עפּעס צום עסן אָדער טרינקען.

אַלעמענס אויפֿמערקזאַמקייט איז געווען געווענדט אויף דעם דאָזיקן מיידל, וועלכע האָט זיך קיין שום וועזן נישט געמאַכט פֿון די פּילצאָליקע יונגע מענטשן, וואָס האָבן איר אַדאָרירט. עס איז געווען אַ היץ, זי האָט אויפֿגעשפּיליעט די בלוזקע, באַווייזנדיק אַ שטיקל ברוסט, וואָס האָט הערלאָז אַרויסגעקוקט פֿון הינטער דעם סטאַניק. דאָס גריבעלע צווישן ביידע ברוסטן האָט זי אויפֿגעדעקט מיט אַ נאַיווער באַוועגונג פֿון איר ווייבער כמעט קינדערשער האַנט מיט די קורצע פֿינגער. זי האָט דערביי הויך און זאָרגלאָז געלאַכט, נאָר איך האָב אויפֿגעכאַפּט אין איר געלעכטער אַ שטריך פֿון געקינסטלקייט: איר געלעכטער האָט בפֿירוש נישט האַרמאָניזירט מיטן אויסדרוק פֿון איר פּנים. פֿון הינטער אירע קורצע וויעס האָבן אַרויסגעקוקט שוואַרצע אויגן מיט אַן ערנסטן און שווערן בליק. אָפֿט פֿלעג איך אַזעלכע אויגן זען, איצט זעט מען זיי מער נישט ביי אונדז.

די גראָע אַקטריסע האָט זיך געהאַלטן אין דער זייט. צי נישט צומאָל דערפֿאַר, וואָס זי איז געקומען שפּעטער? מען האָט זי נישט געקענט פֿון קיין פֿילמען — און דאָס דאַרף געצונגענען ווי אַן אויפֿקלערונג. די דאָזיקע קליינע איטאַליענערין האָבן געקענט די קינאָ-צושויער פֿון רוים, ניו-יאָרק און סאָכאַטשעוו. אָט איז דער איבערראַשנדיקער דערפֿאָלג פֿון דער פֿילם-טאַשמע.

דער נאָמען פֿון דעם שטעטל איז דאָ אַריינגעשטעלט נישט צופֿעליק און נישט צוליב קאָנטראַסט. אין סאָכאַטשעוו האָבן מיר באַדאַרפֿט וואַרטן אויף דעם צוג קיין וואַרשע.

וואַרטן מיר און ביידע שווייגן. אָבער נאָר איך ווייס, פֿאַרוואָס זי שווייגט. די דאָזיקע עלעגאַנט געקליידטע שיינע פֿרוי מיט דעם לענגלעכן מילדן פּנים און דורכדרינגלעכע אויגן ווייסט נישט, פֿאַרוואָס איך שווייג.

אייגנטלעך האָט זי געשוויגן די גאַנצע צייט, שוין עטלעכע טעג, און איך האָב גאָרנישט געטאָן, כדי אַריינצוציען זי אין

אַ שמועס. די כסדרדיקע איילעניש, אַרויספּאָרן און פּילמירן האָבן נישט געשאַפן קיין געלעגנהייט דערצו. אין אויטאָקאַר איז זי געזעסן ביים פענצטער און, פאַרקוקט אין דער פאַרביילויפנדיקער לאַנדשאַפט, וועגן גאָרנישט נישט געפרעגט. זי האָט געקענט אַזוי שוויגנדיק דורכמאַכן דעם גאַנצן וועג. עס האָט געטראָפן, אַז אין דער צייט פון דער רייזע איז נישט געפאַלן קיין איין וואָרט, וואָס זאָל אויפדעקן אַ וועלכע ס'איז פאַראינטערעסירונג פאַר דעם. וואָס מיר פאָרן פאַרביי. ס'איז געשטאַנען אַ חמימה.

איך האָב מיר פאָרגעוואָרפן, אַז איך האָב שלעכט געהאַנדלט, איינגייענדיק אויף דער ראָל פון א קאָנסולטאַנט אין דעם פילם. מיין ראָל איז געווען אַ נעבעכדיקע, איך האָב אפילו נישט באַוויזן צו פאַרלייכטערן דער גראָער פרוי די פאַרבינדונג מיט אירע פוילישע קאָלעגן. זי האָט געקענט פראַנצויזיש, ענגליש און, פאַרשטייט זיך, דייטש — ווי דען אַנדערש, דאָס איז דאָך געווען איר מוטער־שפּראַך — זי האָט דעריבער נישט געהאַט קיין שום שוועריקייטן צו פאַרשטענדיקן זיך מיטן רעזשיסער, וועלכער איז געווען אַ פראַנצויז, און אויך מיט דער קליינער, העלהאָריקער, ענערגיש שפּאַנענדיקער איטאַליענערין, וועלכע איז אין אַ געוויס טאָג געבליבן שטיין פאַרן אָביעקטיוו אין פויערישער קליידונג, אין אַ שטאַרק אָפּגעגוצטער קורטקע און אין נישט ווייניקער אָפּגעגוצטע שיך מיט כאָלעוועס, די גראַבליעס אָנגעשפּאַרט אין די שוואַכע אַקסלען.

איך האָב זי אָבסערווירט פול מיט באַוואונדערונג: דאָס איז געווען דאָס זעלבע מיידל, וועלכע איז אין איינעם פון די פילמען אויסגעגאַנגען ביים ברעג פון אַן אָנגעהיצטן שאָסיי, אַ פאַרלאָזטע פון איר וואַנזיניקן געליבטן, אין אַ צווייטן — אָנגעטאָן אין אַ קורין פוטערל מיט שאַרפע שפּיציקע האָר ווי נאָדלען — איז זי מיט אַ טאַנצנדיקן טראָט פון אַ רוימיש זונהלע געגאַנגען דורך די נאַכטיקע גאַסן — אַ טראַגישע און וועקנדיקע מיטגעפיל.

ווען מען האָט פילמירט, האָט די גראָע אַקטריסע מיט אַנטציקונג געקוקט אויף דער שטילער אויסגעלאָשענער געשטאַלט פון דער איטאַליענערין. אירע שטאַרק בלויע, לענגלעכע אויגן האָבן געקוקט פון הינטער די צוגעזשמורעטע עטוואָס ציטערנדיקע וויעס;

שמייכלענדיק האָט זי שעפּטשענדיק איבערגעחזרט איין מאָל און אַ צווייט מאָל: „בראַוואָ!"

— צי וועט איר, ווי די קליינע שפּילט? — האָט זי זיך געווענדט צו מיר.

— אויסגעצייכנט!

— זי האָט כאַראַקטער, זי שפּילט שטענדיק זיך.

— זי הערשט איבער זיך — האָב איך געזאָגט.

— איך קען אַזעלכע דאָרפישע מיידלעך — האָט זי זיך אָנגערופן צו מיר, נישט אָפּווענדנדיק די בליקן פון דער איטאַליענערין, וועלכע איז איצט געשטאַנען ביי אַ וואָגן מיט היי.

— איר ווינט אין האַמבורג?

— ניין.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט אומרו, ווי זי זאָל זיך האָבן דערשראָקן פאַר איר אייגענער שטים און פאַר דעם דאָזיקן דעצידירטן „ניין".

— איך בין געווען זיכער...

— ניין. אין האַמבורג פיר איך נאָר אָן מיט אַ דראַמאַטישער שול.

— אָ, אַזוי.

— איך וווין אין בייערן. כמעט אין אַ דאָרף.

— כ'האָב נישט געוווּסט.

— און פונוואַנען האָט איר גענומען דעם האַמבורג?

— פונוואַנען? — האָב איך געענטפערט פאַרוווּנדערט. — וואָס הייסט פונוואַנען? פון דער פרעסע.

— מען האָט אין פוילן געשריבן וועגן מיר?

— ניין. איך דערמאָן זיך נישט.

און ווייל איז זי בלאַס געוואָרן, האָב איך שנעל צוגעגעבן:

— דאַכט זיך, אַז נישט.

זי האָט געקענט מיינען, אַז איך ווייס וועגן איר מער, ווי זי האָט זיך עס פאַרגעשטעלט. כדי זי צו באַרואיקן האָב איך געפרעגט:

— וווּ ווינט איר?

— איר וועט נישט וויסן. — און אין אַ ווײַלע אַרום: — איר זענט געווען אין דייטשלאַנד?

— יאָ.

— אין סטאַרנבערג? איר קענט סטאַרנבערג?

איר בליק איז געווען אַ צודרינגלעכער. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אין דער מינוט פאָדערט זי, איך זאָל אַוועקוואַרפן אַלע אָנשטעלן. זי האָט געוואַרט אויף מיין ענטפער, און איך האָב דערפילט שרעק פאַר מודה זיין דעם אמת. זי האָט פון מיר נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג, איך בין געווען זיכער, אַז זי וויל פאַר יעדן פּרייז וויסן, צי זי האָט מיך אַרויסגעפירט אויף יענעם עניין. וואָס האָט די פרוי געקלערט וועגן מיר? צי האָט זי געקענט טראַכטן, אַז איר עניין וועט קיינמאָל נישט אַרויסשווימען? מיין שווייגן האָט זי באַאומרואיקט.

דער רעזשיסער איז געלאָפן צו דער פויערישער פור, אויף וועלכער עס איז געזעסן די איטאַליענערין און נישט קוקנדיק אויף דעם אַפּעראַטאָר, געשריגן:

— אין אַ רגע איז דער אָנהייב! וואַרט!

די האַנט פון דער איטאַליענערין איז אַראָפּגעפאַלן אויף דעם אָנשפּאַר פון די קאָזלעס און לייכט שמייכלענדיק האָט זי געקוקט אויף דעם לויפנדיקן. איך האָב אַלץ געפילט אויף זיך דעם בליק פון דער גראָער פרוי. זי האָט געוואַרט אויף אַן ענטפער, און איך האָב געשוויגן.

* *

*

איך בין צוגעגאַנגען צום באַלעבאָס פון דער אכסניא, כדי אים צו פרעגן, צי ער קאָן אונדז מיט עפּעס העלפן.

— מיר וואָלטן געוואָלט — איך האָב אויסגעדרייט דאָס פּנים צו דער גראָער פרוי, וועלכע איז געזעסן ביים טישל — זיך באַקומען אויף דער סטאַציע. דער אויטאָקאַר איז אונדז אַנטלאָפן.

— אַזאַ פאַרגעניגן וועט קאָסטן.

איך האָב געוואָלט שנעל איבעררהאַקן דעם שמועס.

— איך בין געוווינט צו צאָלן פאַר טרחה.

— דאָ איז דאָ איינער אַזאַ פּאַצעט, וועלכער פּאַרט אויף דער סטאַציע.

— צי קאָנט איר אים געפינען?

— איך?

דער לייטער פון דער אכסניא האָט זיך דערפילט באַליידיקט. איך האָב זיך שנעל צוריקגעצויגן.

— אפשר וועט איר וועמען צושיקן צום פּורמאַן, איך וועל באַצאָלן.

— מע וועט שוין מאַכן.

איך האָב זיך צוריקגעקערט צום טיש, ביי וועלכן ס'איז געזעסן די אַקטריסע און איך האָב איר געזאָגט, אַז מיר מיזן וואַרטן.

— גוט — האָט זי טרויעריק אָפּגעענטפערט.

* *
*

סטאַרנבערג. דער גרויסער שפּיטאָל־פּאַרק איז געווען פאַרוואַרלאָזט. דעם זומער זענען נישט געווען קיין מענטשן, וועלכע זאָלן צוהיטן די קוסטעס, די ביימער, די גראָז־פּלעצער.

אין דער העלפט אַפּריל איז געשטאָרבן רוזוועלט — אונדזערע שומרים, דערוויסנדיק זיך דערפון האָבן פון פרייד זיך געקלאַפּט אין די פּלייצעס. דער טויט פון פּרעזידענט איז זיך צוגויפגעפאַלן מיט דער פאַרשטאַרקטער אַגיטאַציע וועגן „וווּנדערוואַפן". דער רבונו־של־עולם האָט בפירוש געהאָלפן היטלערן — ער האָט געטייט איינעם פון די פאַרביסנסטע שונאים פון דריטן רייך. דער פאָלקסשטורם נעמט איבער דעם לאַגער, זקנים.

די אַעראָפּלאַנען זענען אָנגעפלויגן אין מיטן העלן טאָג. זיי האָבן זיך געררוקט אין דער הייך ווי אַ גלאַנציקער דיוואַן, מיט אַ טויבן גערויש. אין די בייערישע וועלדער האָבן מיר פאַרלייגט די וואַלד־וועגן מיט גראָבע קלעצער, וועלכע מיר האָבן אויסגעשניטן מיט גרויסער אָנשטרענגונג, מיט די לעצטע כוחות. שווערע באָמבירער אין דער באַגלייטונג פון יעגער־אַעראָפּלאַנען — אַ שטאַרקער, געשלאָסענער שוואַרצער קולאַק צווישן באַוועגנדיקע

זילבערנע ווימפּלען אויף אַ זייער בלויען פֿרילינגדיקן הימל. מיר האָבן געשניטן ביימער אין די וועלדער. אַ פֿייערלעכע שטילקייט, געזשום פֿון קאָמאַרן. אומבאַוועגלעכע ביימער, די שיין פֿון דער זון לאָזט זיך אַראָפּ צו די ביימער־וואָרצלען.

דער ערשטער אַרויסגאַנג אויסער די גרענעצן פֿון שפּיטאָל. אַ גלייכער, גלאַטער אַספֿאַלט־וועג. פֿאַרוואָס איז דער אַמבולאַנס, וועלכער האָט מיך געפֿירט דורך האַגען מיט דריי חדשים צוריק, געשפּרונגען און געטרייסלט זיך ווי אַ באַנומענער? דער שאָפֿער האָט געוווסט, אַז איך שטאַרב. ער האָט נישט געוואָלט, איך זאָל אויסגיין אויף דעם בעטל, וואָס איז געשטאַנען אויף דער פּאָדלאָגע פֿון אַמבולאַנס, ער האָט זיך געאײַלט.

אויף דער פֿורטקע איז אײַנגעראַמט אַ שילד: „סטאַרנבערג האָספּיטאַל 2002“.

ווו ליגט סטאַרנבערג?

אַ גלייכער, גלאַטער שאָסיי. אַן אויסבייג. ווען איך האָב זיך אומגעדרייט, האָב איך דערזען, אַז דער שפּיטאָל שטייט פֿאַרבאָרגן צווישן וועלדער, אַרום איז שטיל, ריין, זויבער. כ'טראָג הילצערנע טרעפּעס, דײַטשישע זעלנערישע הויזן און אַ קורצע בלוזע, אויך אַ דײַטשישע, האָריקער, שטעכיקער געוואַנט.

געדרייטע, קרומע געסלעך. לענגאויס די גאַסן הײַזקעס, ווילעס, פּאַלאַצלעך. אין די גערטנער אָפּגעשטאָרבענע האַרבסט־בלומען. שטיל. די הילצערנע טרעפּעס קלאַפּן אויפֿן ברוק, שטערן די רו פֿון די אײַנוווינער פֿון די דאָזיקע שיינע הײַזער, אָפּגעטיילטע פֿון דער גאַס מיט גערטנער. די גאַס „טהורן אונד טאַקסיס“. שפּעטער האָב איך קאָנטראָלירט אין ענציקלאָפּעדיע: גראַפֿן, וועלכע האָבן אין דײַטשלאַנד פֿאַרלייגט די פּאָסט־נעץ.

סטאַרנבערג. סטאַרנבערג־זעע, דאָרט האָט געוווינט די גראַפֿרוי. בײַ דער גאַס טהורן אונד טאַקסיס איז געשטאַנען איר הויז. אויף דער פֿורטקע אַ טעוועלע מיט דעם נאָמען פֿון איר מאַן. דער נאָמען פֿון אַ באַקאַנטן פֿילם־רעזשיסער.

*　*

*

— איר האָט געזאָגט, אַז אין סטאַרנבערג זענען פּאַראַ־מיידלעך ענלעכע צו אונדזער איטאַליענערין.

— פאַרוואָס האָט איר דאָס פאַרגעדענקט? — האָט די אַקטריסע געפרעגט, ווי אויפגעוועקט פּלוצעם.

— דאָס האָט מיך פאַראינטערעסירט.

— ניין, ניין, נישט אין סטאַרנבערג, אַ ביסל העכער, אין די בערג.

— זיכער נישט אין גארמיש.

— ניין, אַ ביסל נידעריקער. אין עלמאַו.

— איך בין דאָרט געווען.

— אַזוי? — זי איז געווען שטאַרק פאַרוווּנדערט. איר אומ־רו האָט צוריקגעקערט אַ פאַרשטאַרקטער.

— ביים פּראָפעסאָר מילער, דעם מחבר פון טעאָזאָפּישע ווערק.

— ווען זענט איר דאָרט געווען?

— אָ, שוין לאַנג.

— אָבער ווען?

— ווינטער אין זעקס און פערציקסטן יאָר.

— איר קענט זיינע טעכטער?

— איך קען די, וועלכע האָט געטאַנצט. די צווייטע איז געווען אין דער היים, נאָר זי האָט זיך קיינמאָל נישט געוויזן. איך גלויב, אַז נישט זיי האָט איר געמיינט, זאָגנדיק, אַז די קליי־נע איטאַליענערין דערמאָנט אייך אַ דאָרפס־מיידל.

— ניין. — זי איז שטיל געבליבן. איך האָב נישט געוווּסט, צי זי האָט נאָך בדעה צו רעדן. פּלוצעם האָט זי אַ פרעג געטאָן.

— און אין סטאַרנבערג זענט איר נישט געווען?

— ניין.

— קיינמאָל נישט?

— קיינמאָל.

* *
* *

דאָס מיידל, וואָס האָט באַדינט אין דער אכסניא איז צו־ געקומען צו אונדז און דערקלערט, אַז דער הער יאַגלי איז נישטאָ אין דער היים.

— דער הער יאַגלי? — האָב איך געפרעגט.

— דער פורמאַן יאַגלי. ווען ער וועט צוריקקערן, וועט ער דאָ קומען.

— ווי מיינט איר, ער וועט פאָרן מיט אונדז אויף דער סטאַציע?

דאָס מיידל האָט אַ קוק געטאָן אויף דער אַקטריסע. איר בליק איז געווען אַ שנעלער, דאָך האָב איך אין אים איבערגע־ לייענט אַ פאַרדעכטיקייט. איך האָב זיך אָנגעשטויסן די סיבה, צוליב וועלכער דער הער יאַגלי וואָלט נישט געוואָלט מיט אונדז פאָרן. די גראָע פרוי האָט גערעדט מיט מיר דייטש.

* *
*

— איר ווייסט ווער מיין מאַן איז — האָט געזאָגט די אַקט־ ריסע. און איר שטים איז נישט געווען קיין פראַגע. מיר האָט אויסגעדאַכט, אַז זי האָט נישט געפרעגט, ווייל זי האָט געוואָלט אויסמיידן אַרויסדרייענדיקע ענטפערס. דער מאַנגל פון זיכערקייט איז גורם, אַז מיר שטרעבן אויפצודעקן דעם ענין, וועלכער מאַ־ טערט אונדז.

— איך ווייס.

— איך האָב דערפאַר מורא געהאַט, אין דעם לאַנד.

— קיינער האָט אייך זיכער וועגן דעם נישט דערמאָנט.

— ניין, אָבער דאָס קאָן נאָך געשען.

איך האָב זי באַרואיקט.

— איך בין געווען גליקלעך, וואָס אַלע זענען פאַרקוקט נאָך אויף דער קליינער איטאַליענערין. ווי מיינט איר, צי וועט קיינער זיך נישט דערמאָנען וועגן מיר?

— באַרואיקט אייך. דאָס דאָזיקע יונגוואַרג פון פילם און פון דער פרעסע... — איך האָב איבערגעריסן. — יוגנט איז אַ באַ־ קוועמע זאַך. ווען איך האָבן געבעטן דעם באַלעבאָס פון דער

אכסניא פערד פאַר אונדז; האָט ער זיך פאַרקרימט. פאַר דער דאָזיקער יונגער איטאַליענערין וואָלט ער גלייך געבראַכט צו פירן.

— איר פאַרגעסט, אַז זי רעדט נישט אויף דייטש. — זי האָט אַ קורצן לאַך געטאָן און צעגעגעבן: — איר האָט רעכט. זי איז יונג. — דערנאָך האָט זי שעפּטשענדיק געזאָגט: — צי וועט קיינער נישט אָנשרייבן וועגן דעם, ווער מיין מאַן איז?

— וואָס פאַר אַ נוצן קאָן דערפון זיין? — האָב איך געענטפערט.

— נוצן... ווען מען האָט געדרייט יענעם פילם, האָט מען אויך גערעדט פון נוצן...

— שטענדיק איז עפּעס וואָס פאַר עמעצן נוצלעך. יענער פילם וועגן אַ ייד אַ פאַרברעכער, שווינדלער און פאַרגוואַלטיקער איז זיכער געווען עמעצן נייטיק, און במילא נוצלעך. פאַרשטייט זיך לויטן באַגריף פון יענע מענטשן.

— דאָס איז נישט אמת.

איך האָב אויף איר אַ קוק געטאָן אַ פאַרוווּנדערטער.

— צו וואָס־זשע האָט אים געבעלס געהייסן דרייען? איר וועט דאָך זיכער נישט זאָגן, אַז דאָס איז געווען אַ קונסט־ווערק, וואָס האָט נישט אָנטשפּראָכן קיין אַקטועלע פּאָליטישע אויפגאַבן.

איך ווייס נישט, צי דאָס וואָס איך האָב געזאָגט, איז געווען אומגעלומפּערט, צי ס'איז געווען פּשוט נישט העפלעך. מיין געצווימטקייט האָט איר אין אַ געוויסן מאָמענט אויסגעזען איבערגעטריבן. דאָך האָב איך געוואָלט איבעררייסן דעם שמועס.

— איר טייטשט זיך דאָס אַלץ אויס פאַלש.

— איר זענט זיכער אין דעם? צי האָט איר גערעדט מיט מענטשן, וועלכע צושויער פון דעם פילם האָבן געשלאָגן אויף די גאַסן פון בערלין דערפאַר וואָס זיי זענען יידן, אָדער ענלעך צו זיי?

— ניין.

— אָבער איר ווייסט, אַז אַזוי איז געווען?

— איך ווייס.

— און וואָס?

זי איז געווען צעמישט. עס האָט זיך געצויגן אַ לאַנג פּיינלעך שווייגן. דערנאָך האָט זי געזאָגט שעפּטשענדיק:

— מע קען קיינעם נישט דיקטירן, ווי ער דאַרף האַנדלען. — זי האָט אויסגעדרייט צו מיר דאָס פּנים, איך האָב געזען פון דער נאָענט אירע שיינע, בלאָע אויגן און די גראָע האָר, וועלכע זענען מילד אַראָפּגעפאַלן אויפן שטערן.

— מסתמא נישט. באַזונדערס דערוואַקסענע. אָבער... איך האָב איבערגעריסן. אַ ווײַלע האָט געהערשט אַ שטילקייט. זי האָט פון מיר די אויגן נישט אַראָפּגעלאָזט. — אָבער מע קאָן נישט — האָב איך צוגעגעבן — קיינעם פאַרווערן אָפּצושאַצן די מעשים פון מענטשן.

ס'איז ווידער געוואָרן שטיל. איך האָב געזאָגט:

— איך האָב אייך אָפּגענאַרט, איך קען סטאַרנבערגן. איך בין דאָרט געווען.

* *
*

דער הער יאַגלי איז געווען אַ געוואוקסיקער, שוין נישט קיין יונגער מאַנספּאַרשוין. זיין פול אָפּגעבריגנט פּנים און העלע אויגן האָבן געהאַט אַ גוטמוטיקן אויסדרוק. ער האָט גערעדט מיט מיר אָן הכנעה, פריי, כאָטש ער האָט זיך שוין פון דער ערשטער מינוט אָריענטירט, אַז די פרוי, מיט וועלכער איך האָב פאַר־טויִשט עטלעכע ווערטער אין אַ פרעמדער שפּראַך, איז נישט קיין פּוילישע. אויב עס גייט וועגן באַלוינונג, האָט דער הער יאַגלי אויסגעלייגט גאַנץ קלאָר זיין שטאַנדפּונקט אין דעם ענין. און־סער דעם, זענען די פערד מיד און ער איז הונגעריק. איך בין געוואָרן אויפמערקזאַם אויף דער רייַ: פריער וועגן די פערד, דערנאָך וועגן זיך, ער האָט געוואָלט, זיי זאָלן אַ ביסל אָפּרוען פאַרן פאָרן.

— און איך — ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אַ קוק געטאָן אויפן בופעט — וועל האָ כאַפּן אַ ביס. גוט?

— גוט! — האָב איך געענטפערט.

* *
*

מען האָט שוין באַלד באַראַפּט פאָרן. ס'איז געווען שפּעטער נאָכמיטאָג. אויף דער ערד האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ מילדער בין־השמשות. אַ זומערדיקער בין־השמשות פול מיט שטילקייט און ריחות, וועלכע אַ לייכט ווינטל האָט אָנגעווייעט פון די פעלדער און פון וואַלד, וואָס האָט זיך געטונקלט הינטער דעם פּאַס פון זילבערנעם טייכל. דאָס האָט אויך באַמערקט די גראָע פרוי. די שטילקייט איז געווען אַ פּאַרטאַפּנדיקע. אין דער הייך איז אַרומגעפלויגן אַ לאַרך און לאָבוזעוואַטע הויך און זשוואַיוע אָן אויפהער געזונגען.

עס האָט זיך באַוויזן דער הער יאַגלי און געמאָלדן, אַז ער וועט גלייך פאַרפאָרן פאַר דער אכסניא. ער איז ווירקלעך געקומען פריער, איידער איך האָב אים דערוואַרט. מיר האָבן גערירט אין וועג.

איך האָב דערפילט אַ מידקייט, כ'האָב נישט געהאַט קיין חשק צו רעדן. יעדע טעמע האָט מיר אויסגעזען פּאַרדעכטיק, געפערלעך. דערנאָך האָב איך מיר פאָרגעוואָרפן פחדנות.

דער טאָג איז אונטערגעגאַנגען. מיר זענען געפאָרן צוערשט מיטן טראַקט לענגאויס פעלדער, אויף וועלכע עס האָט זיך באַוויזן דער פאַרנאַכטיקער טוי, דערנאָך לענגאויס לאָנקעס, צווישן ביימער, ביז מיר זענען צוגעקומען צום שאָסיי, וועלכער איז געלאָפן פּאַראַלעל צום טייך. איבערן שפּיגל פון טייך אַ הילצערנע קלאַדקע און פון ביידע זייטן לאָזעס און לעפּעכע. דאָס וואַסער פליוסקעט דעם ברעג, עס שמעקט מיט וואַסער. דער ווינט ברענגט אַ ריח פון שימל.

די אַקטריסע האָט וועגן וואָס געפרעגט, איך האָב איר געענטפערט.

דער הער יאַגלי האָט געשוויגן די גאַנצע צייט. ערשט אויפן קלאַנג פון די ווערטער האָט ער זיך אויסגעדרייט אין פּראָפיל און מיך געפרעגט:

— די פרוי איז אַ דייטשקע?

— יאָ — האָב איך געענטפערט.

מיר זענען געפאָרן ווייטער אין שטילשווייגן. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט דער הער יאַגלי נישט אומדרייענדיק זיך נאָכאַמאָל געפרעגט:

— פון מזרח־ צי פון מערב־דייטשלאַנד?

— פון מערב.

איך האָב דערקלערט דער גראָער פרוי, וועגן וואָס דער פור־מאַן האָט מיך געפרעגט. זי איז געווען רואיק. דאָך, זעט אויס, האָט זי עפּעס באַאומרואיקט אין מאַן פון פורמאַן, ווייל זי האָט געזאָגט:

— ער וועט מסתמא נישט פרעגן ווי איך הייס?

איך האָב זיך צעלאַכט.

— גאָר! צו וואָס דאַרף ער עס האָבן?

— איך ווייס?

— ער האָט אַן אויסזען פון אַן אינטעליגענטן מענטשן — האָב איך געענטפערט — אָבער איך צווייפל, צי אייער פאַמי־ליע־נאָמען, ווען אפילו ער דערהערט אים, וועט אים עפּעס־וואָס זאָגן.

— און די פאַמיליע פון דער קליינער איטאַליענערין?

די פראַגע האָט מיך פאַראינטערעסירט.

— איר ווייסט, דאָס איז באמת טשעקאַווע. איך וואָלט נישט ריזיקירט אים אַ פרעג צו טאָן וועגן איר. איר נאָמען קען ער ווירקלעך האָבן געהערט.

— אָבער זי האָט נישט פאַרוואָס מורא צו האָבן — האָט זי שעפּטשענדיק געזאָגט.

— באַאומרואיקט אייך נישט. קיין שום שלעכטס קאָן אייך נישט געשען, גלייבט מיר.

* *
*

אינגיכן האָבן מיר געמיטן די בעטאָן־בריק, וועלכע האָט פאַר־אייניקט ביידע ברעגן פון טייך. די פערדישע קאָפּיטעס האָבן אָ־בער איר געקלאַפּט הויך און לוסטיק. ס'איז מיר געוואָרן פריי־לעכער. מיר זענען געפאָרן אין דער ריכטונג פון דער סטאַנציע. דערנאָך זענען מיר ווידער ארויף אויף אַ שלעכטן וועג. די דראָזש־קע איז אונטערגעשפּרונגען אויף די שפּיציקע שטיינער.

פלוצעם האָט זיך דער הער יאַגלי אויסגעדרייט, ער האָט געלאַכט.

— איך וועל אייך ווייזן אינטערעסאַנטס.

— מיר האָבן נישט קיין צייט — האָב איך געזאָגט.

ער האָט געמאַכט מיט דער האַנט אַ זשעסט פון דערווידערונג.

— מיר וועלן קיין וועג נישט אָנלייגן, עס איז אין דער זעלבער ריכטונג.

איך האָב איבערגעזעצט דער פרוי די ווערטער פון פורמאַן.

— צי ווייסט דער מענטש, אַז מיר איילן זיך?

— איך האָב דאָס אים געזאָגט.

די דראָזשקע איז אַריינגעפאָרן אין אַ ברייטן מאַרק און געמיטן דעם רעסטאָראַן, פאַר וועלכן דער אויטאָקאַר פלעגט זיך געווײַנלעך פאַרהאַלטן און די מיטגלידער פון דער פילם־עקיפע האָבן איבערגעכאַפט דאָס האַרץ פאַר דער ווייטערדיקער רייזע. דאָס מאָל האָבן מיר זיך נישט אָפגעשטעלט. בײַם סוף פון דער גאַס, דאָרט וווּ עס האָט זיך געענדיקט די ריי פון די נידעריקע הײַזער און עס האָבן זיך שוין אַרויסגעזען די פעלדער, האָבן די פערד אָנגעהויבן גיין פאַמעלעכער, ענדלעך האָט דער הער יאַגלי זיי אָפגעשטעלט. נישט אַראָפגייענדיק פון די קאָזלעס האָט ער זיך אויסגעדרייט צו אונדז מיטן פּנים און געזאָגט:

— דאָרט, איר זעט — ער האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט.

אין דער זייט, אויף אַ פלעצל נישט ווייט פון טראַקט, הינטער נידעריקע געביידעס, איז געשטאַנען אַ הויכע וואַנט. זי האָט אויסגעזען ווי אַ טעאַטער־דעקאָראַציע, איר פלאַכער אָפגעסמאַליעטער פירעק האָט זיך געשטרעקט אין דער הייך, אונטערגעהאַלטן פון שיף־אונטערשפּאַרנדיקע סלופּעס. דורך פענצטער־עפענונגען אָן שויבן און ראַמען האָט זיך אַרויסגעזען דער בין־השמשותדיקער הימל. צופוסנס פון דער וואַנט זענען ווילד געוואָקסן הויכע קריטעכצער. עס האָט מיר ווײַטיקלעך פאַרדריקט בײַם האַרץ. איך האָב געוווּסט, וואָס די וואַנט באַדײַט, איך האָב געוווּסט פון וועלכן בנין עס זענען די רעשטלעך ווײַסע שטייגער מיט שפּורן פון שׂריפה, וועלכע האָט פאַרניכטעט די איבעריקע ווענט און דעם גאַנצן אינערלעכן טייל.

— לאָמיר פאָרן — האָב איך געזאָגט צום פורמאַן.

— איך האָב דאָס געוואָלט ווייזן דער פרוי.

— צו וואָס? לאָמיר פאָרן!

די גראָע פרוי האָט נישט פאַרשטאַנען אונדזער שמועס, אָבער מיין אומרו איז געווען אָנשטעקנדיק. זי האָט אירע פינגער פאַרקלאַמערט אין מיין האַנט. איך האָב געפילט, ווי זי ציטערט. איך בין געווען אויפגעבראַכט אויף דעם פורמאַן און אים צוגע־איילט.

— זאָגט איר.

— איך וועל איר גאָרנישט זאָגן. לאָמיר פאָרן, ס'איז שפּעט.

— און וואָס גייט דעם הער? — האָט זי אַ פרעג געטאָן מיט אַ ציטערנדיקער שטים.

— אַ נאַרישקייט — האָב איך געענטפערט אומהעפלעך.

— צי דער דאָזיקער הער פאַרלאַנגט עפּעס?

— ניין, גאָרנישט!

דער הער יאַגלי האָט געזאָגט:

— דערציילט איר, אַז הינטער דער וואַנט האָבן די דייטשן צעשאָסן אַלע ייִדן פון אונדזער שטעטל.

— איך וועל גאָרנישט זאָגן. פאָרט ווייטער!

איך האָב זיך שוין נישט געקאָנט באַהערשן. די פרוי האָט אַלץ פאַרעקשנטער געפאָדערט, אַז איך זאָל איר זאָגן וועגן וואָס מיר קריגן זיך. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף איר. אין אירע אויגן האָט זיך באַוויזן שרעק.

איך וואָלט געקאָנט געפינען טויזנט אויפקלערונגען, כדי זיך אַרויסצודרייען, נאָר אין דער מינוט איז מיר גאָרנישט געקומען אין קאָפּ. און פּלוצעם איז געשען עפּעס שרעקלעכס.

דער הער יאַגלי איז אויפגעשטאַנען און אויסגעדרייט זיך צו אונדז — אַ וווּקסיקער און הויכער. איך בין געזעסן און דע־ריבער געמוזט אויפהייבן דעם קאָפּ. זיינע אויגן, זיין מויל, זיין גאַנץ פּנים האָבן געלאַכט. ער האָט פּאַמעלעך אויפגעהויבן די האַנט, ווידער אַמאָל אָנגעוויזן מיט איר אויף דער פאַרסמאַליע־טער וואַנט און געזאָגט:

— דאָרט אַלע ייִדן קאַפּוט.

און מיט דער זעלבער האַנט, צעעפנט אויף פלאַך, דורכגעפירט איבערן האַלדז, ווי מיט א מעסער.

ער האָט קורץ אַ לאַך געטאָן. די פרוי איז ראַש אַ פּאַל גע־טאָן אויפן אָנשפּאַר.

— וואָס האָט דער הער געזאָגט? — האָט זי אַרויסגעשעפּ־טשעט.

דער הער יאַגלי האָט צוגעגעבן:

— וואָס מיר האָבן זיך אויסגעליטן, האָבן מיר זיך אויס־געליטן, אָבער זאָלן זיין געבענטשט די הענט, וואָס האָבן דאָס געטאָן — און ער האָט ווידער אָנגעוויזן אויף דער וואַנט. — זאָגט דאָס איר.

— וואָס האָט דער הער געזאָגט?— האָט פּאַרעקשנט גע־פרעגט די פרוי.

— קיין שום וויכטיקס.

— ער האָט עפּעס געזאָגט וועגן די דייטשן. איך ווייס.

— איך פאַרזיכער אייך, אַז נישט.

— איך בעט אייך, זאָגט מיר.

— אין דער אמתן, גאָרנישט!

זי האָט געוויינט מיט אַ דערשטיקט געוויין, נישט זייענדיק אימשטאַנד צו פאַרבאָרגן דאָס ציטערן פון איר מויל און פון די הענט. אָנגעבויגן אויף פאָרויס האָט זי געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי זי זאָל וועלן אויסשטייגן פון דער דראָזשקע. איך האָב איבערגע־לייגט מיין האַנט אויף אירער. איך האָב געוואָלט זיין גוט צו איר. כ'האָב געזאָגט אַ ליגן:

— ער האָט געזאָגט, אַז דאָ איז געווען זיין הויז און די דייטשן האָבן עס פאַרברענט אין דער צייט פון דער מלחמה.

— ניין! — האָט זי געזאָגט מיט כעס. — ער האָט גע־זאָגט עפּעס אַנדערש.

— באמת!

— אָבער ער האָט געלאַכט. איך האָב געזען, ווי ער לאַכט.

— יאָ, ער האָט געלאַכט. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט שוין אַ ניי הויז, אַ שענערס.

אינהאַלט

	זייט
ווו די אויגן טראָגן	5
אין קלעם	153
שנײ	319
דער מענטש מיטן וועגעלע	327
דאָס שדל	347
דער צוריקקער	375
אַ שפליטער	387
זאָלן זיין געבענטשט די הענט	408